STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10135

DI YUGNT FUN A REBEL

Rudolf Rocker

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רודאָלף ראָקער

די יוגנט פון אַ רעבעל

רודאָלף ראָקער

די יוגנט פון אַ רעבעל

יידיש: ב. טשובינסקי

*

ב ו כ ג ע מ יי נ ש אַ פ ט
ביי דער
יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט
ב ו ע נ אָ ס א יי ר ע ס, 1965

דרוקעריַי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לויס 3149 — בוענאָס־איַירעס

אינהאַלט

ערשטער טייל: קינדער־יאָרן

איך קום צוריק אין מיין אַלטער היים — 9

אין עלטערן־הויז — 25

די גליקלעכע קינדער־יאָרן — 35

מיינע שול־יאָרן — 44

ערשטער לייען־שטאָף און יינגלשע ראָמאַנטיק — 58

מיין מוטערס טויט — 66

דער פעטער — 74

דאָס יתומים־הויז — 83

די פערווערסע אַטמאָספער אין יתומים־הויז — 94

מיין ערשטער צוזאַמענשטויס מיטן פאַרוואַלטער — 100

איך אַנטלויף פונעם יתומים־הויז — 113

דערשטוינלעכע רעזולטאַטן פון מיין אַנטלויפן — 123

צווייטער טייל: לערן־יאָרן

איך ווער אַ שיף־יונג — 131

דאָס לעבן אויף דער שיף — 143

נייע לערן־שטעלעס — 151

אין וואַרשטאַט ביים מייסטער קיטשמאַן — 168

דער אַלטער וואַלק און דערווידערווילן צום פרייסנטום — 177

מייסטער קיטשמאַן ווערט אַ סאָציאַליסט — — — — — — — — — — — 189

אונטער דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ״ — — — — — — — — — — — 198

אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — — — — — — 207

די קאַרפּן־קעפּ פון דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — — — — 215

זוכענישן און ספיקות — — — — — — — — — — — — — — 226

דער קורס צו דער אָפּאָזיציע — — — — — — — — — — — 237

די באַוועגונג פון די יונגע אין בערלין — — — — — — — — — 247

דער איינריס מיט דער אָפּאָזיציע — — — — — — — — — — — 257

די אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן פאַרשאַרפן זיך — — — — — — 266

די טיפערע סיבות פונעם גרויסן דורכפאַל — — — — — — — — — 272

אַ נייער ווענדפונקט אין לעבן — — — — — — — — — — — — 281

ערשטער טייל

קינדער-יארן

איך קום צוריק אין מיין אַלטער היים

קיילעכדיקע דרייסיק יאָר זיינען פאַרביי. באַזאַכט רוקט זיך דער צוג איבער דער אייזערנער בריק. אין זאַנפטיקן אָפּשיין פון דער פאַרנאַכטיקער זון, צעשפּרייט זיך פאַר מיין בליק די אַלטע שטאָט. דער קופּאָל פון דער אַלטער קאַטעדראַלע שטאַרצט אַרויס פונעם געדיכטן געוווירבל פון די הייזער און הייבט זיך מאַיעסטעטיש צום הימל. פונעם באַרג סאַלוטירט דער סטעפאַן־טורעם. אין בלוילעכן אָפּגלאַנץ, העט ווייט, שימערירן די צוויי טורעמס פון דער פּעטערס־קירך. אויף דער אַנדערער זייט — דער אייזערנער טורעם, אַ לעצטער איבערבלייב פון דער מיטלעלטערלעכער שטאָט־באַפעסטיקונג, און דאָרטן דער הילצערנער טורעם מיט זיינע שפּיצן. יאָהאַנעס ביוקלער, מיטן צונאָמען האַנעס דער שינדער און זיינע צוואַנציק קאַמעראַדן, זיינען דאָרט געזעסן פאַרשפּאַרט, ביז דאָס מעסער פון דער גיליאָטינע האָט איבערגעשניטן זייער אַלעמענס לעבנס־פאָדעם. אין דופּטיקער ווייטקייט הייבן זיך אַרויס די בלויע טאַאונוס־בערג. אין דער נידערניש ריזלט דער אַלטער פאָטער רהיין און פאַליעט צום טאָל זיינע טונקל־גרינע כוואַליעס. עס האָט זיך גאָרניט געביטן. בלויז איך אַליין האָב זיך איבערגעאַנדערשט במשך מיינע לאַנגע וואָגל־יאָרן.

ביים נייעם טויער איז דער צוג אַ ווילע געבליבן שטיין און גלייך טאַקע ראַפּטאָם אַריינגעפאָרן אין לאַנגן טונעל. פונוואַנען מיר זיינען אין געציילטע מינוטן אַרויסגעקומען צום גרויסן וואָקזאַל. מיר האָבן אָפּגעגעבן אונדזערע זאַכן אין באַגאַזש־דעפּאָ און האַסטיק זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. זינט מיר זיינען אָפּגעפאָרן פון פראַנקפורט האָט מיך באַהערשט עפּעס אַ מאָדנער אומרו. די גאַנצע צייט האָב איך כמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. מילי האָט דערשפּירט אַז עפּעס־וואָס קאָכט זיך אין מיר, און אויך זי איז געבליבן שטיל און פאַרקלערט.

איבערן סאַמע מיט פונעם וואָקזאַל־פּלאַץ האָט געפלאַטערט אַ גוואַלדאָווגע שוואַרץ־רויט־גאָלדיקע פאָן. אין דער גרויסער צאָל פאַרבייגייערס האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ סך ווייסע און שוואַרץ־הויטיקע סאָלדאַטן פון דער

פראַנצייזישער אָקופּאַציע־אַרמיי. זייערע קאָלירפולע אוניפאָרמען האָבן צוגע־געבן דער גאַס אַ מין ניט־היימישן אויסזען. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אויפגעוויקלט דאָס אויסזען פון דער ניי־שטאָט. דאָס אַלטע גאָרטן־פעלד, מיט די דערבייאיקע קאַנאַוועס און לאַנקעס, וואָס איך בין מיט זיי געווען אויסגע־בונדן אין די טעג פון מיין יוגנט, — זיינען ווי אין וואַסער אריין. אויף די אַלטע פּלעצער שטייען מאָדערנע געביידעס. ס'איז נישט די זעלביקע שטאָט וואָס איר בילד איז מיר תמיד געשטאַנען פאַר די אויגן. איך האָב געהאַט דאָס געפיל ווי איך וואָלט דאָ געווען אין גאַנצן אַ פרעמדער. מעכאַניש האָב איך זיך פאַרנומען אין דער זייט פון דער אַלטער שטאָט. דער אַלטער אַפּיצירס־גאָרטן און די מאָנאַסטיר־סאַזשלקע מיט אירע שפּרודלדיקע קוואַלן, ווו איך האָב אין מיינע קינדער־יאָרן איבערגעלעבט אַזוי פיל גליקלעכע שעהן, — אויך זיי זיינען מער ניט געווען. אַ נייער שטאָט־טייל איז דאָ אויפגעקומען. די נייע גאַסן, גלייכע ווי אַ ווירע און די הייזער מיט זייערע איינפאָרעמדיקע פאַסאַדן, האָבן מיך וויניציק־וואָס גערירט.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, ווען מיר זיינען דערגאַנגען צום מאָנאַסטיר־פּלאַץ. דאָ איז געווען די שוועל צו דער אַלטער שטאָט מאַינץ — די שטאָט פון מיינע יוגנטלעכע יאָרן; יעטוועדער ווינקל איז מיר דאָ גע־ווען היימיש און נאָענט. אויפן ראָג פון דער שילער־גאַס האָב איך זיך אָפּגע־שטעלט. פאַמעלעך האָט מיין אויג אַרומגענישטערט איבער די גוט־באַקאַנטע ערטער. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. בילדער פון לאַנג פאַרגאַנגענע טעג, וואָס זיינען געליגן פאַרהוילן אין נעפּל פון אַמאָליקע יאָרן, האָבן פּלוצים פון ס'ניי באַקומען געשטאַלט און פאַרב. די אַלטע הייזער האָבן, ווי אין חלום, מיר געמאַכט אַ ברייטן ברוך־הבא. דער קאָפּ האָט מיר גע־ברענט ווי אין פיבער. איך האָב דערפילט דעם לייכטן דרוק פון מיליס אָרעם און אויפגעכאַפּט דעם פרעגנדיקן בליק אין אירע גרויסע טונקעלע אויגן. איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דאָס לשון האָט מיר ווי אָפּגענומען. ראַפּטאַם האָב איך מיך אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין, כדי צו באַהערשן מיין אויפגעברויזט געמיט. מיט האַסטיקע שריט האָב איך גענומען אַראָפּשפּאַנען די גרויסע וועשעריי ביז צום קאַנאַל־ברעג און פון דאָרטן, סתם אַזוי זיך, זיך געלאָזט אַרומבלאָנקען איבער די געדרייטע גאַסן און געסלעך, וואָס האָבן מיך געמאַניעט ווי מיט אַ מאַגנעטישן כוח. איך האָב מיך דערפילט לייכט ווי אַ פעדער און כמעט נישט געמערקט אַז איך האַלט אין גיין.

די זעלביקע אַלטע שטאָט. במשך די אַלע יאָרן האָט זיך דאָ גאָרניט געענדערט. דאָ און דאָרט אַ ניי הויז, וואָס האָט קוים־קוים געשטערט דעם איינדרוק פונעם גאַנצן אַרום. דורך דער שמאָלער שטיין־גאַס פירט דער וועג אַרויף צו דער פּפאַנהויז־גאַס ביז צו דער מאַגיסטראַט־שטראַסע. שווייס־טראָפּנס האָבן באַדעקט מיין שטערן; מיין קעל איז געווען אויסגעדייוועט. ביים אַלטן גוטענבערגער הויף האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, כדי זיך אַ ביסל

צו דערפרישן. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אין דרויסן אין אַלטן הויף. הינטער־ווײלעכס האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף די אַלטע מויערן. אין אָט דעם הויז האָט יאָהאַנעס גוטענבערג פאַרלייגט זיין ערשטע דרוקערײ און מיט זײן דערפינדונג טראַנספאָרמירט דאָס גאַנצע גייסטיקע לעבן אין אייראָפּע. אָט דער אַלטער הויף איז געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ נייער איבער־מאַכט, וואָס האָט זיך פאַרנומען צו דעראָבערן די גאַנצע וועלט און גרינדן אַן אימפּעריע, אַ מער דויערהאַפטיקע פון אַלע אימפּעריעס — דער אויפטו פון אַמביציעזע, מאַכט־גיריקע דעספּאָטן, פאַר דעם פרייז פון אומצאָליקע מיליאָ־נען מענטשלעכע קרבנות. וואָס אַן אמת, דעם געניאַלן דערפינדער האָט זײן ווערק קיין סך הצלחה נישט געבראַכט. אָרעם און עלנט, פאַרראָטן פון אייגענע פריינד, האָט ער געמוזט ציִען פליטה פון זיין געבורטשטאָט און דורכלעבן זיינע יאָרן אין דער פרעמד. ווי אַ שאָטן איז זיין בילד פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם זעקרייז פון זיינע מיטבירגערס. פאַר דער גאָרער מענטשהייט אָבער האָט די שוואַרצע קונסט פונעם מאַינצער פּאַטריציער געעפנט נייע אויסבליקן פאַר אַ גייסטיקער אַנטוויקלונג, וואָס מע האָט דעמאָלט קוים געקאָנט אָפּשאַצן איר געהיירישן פאַרנעם. זיין דערפינדונג האָט צו נישט געמאַכט דעם שווערן חרם, וואָס אין אים איז דאָס געשריבענע וואָרט געליגן איינגעלייגט; זי האָט באַפליגלט דעם גייסט און אויפגעבונדן דאָס לשון ביי אַלע פעלקער. גוטענ־בערגס גאונישער אויפטו האָט אומאָפּווענדלעך זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן ערד־קיילעך.

מיר זיינען אַזוי געזעסן אַ היפּשע ווײלע און איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. ווען מיר זיינען דורכן הויכן טויער פונעם אַלטן הויף ווידער אַרויס אויף דער גאַס, איז אַרום און אַרום געווען שטיל און פּוסט. געלאָסן האָב איך זיך געלאָזט גיין צום אַלטן קוויטינס־טורעם, וואָס זיין געפּלאַצטער גלאָק האָט גראָד אויס־געשלאָגן די עלפטע שעה. דורך דער שמאָלער שוסטער־גאַס האָבן מיר גע־בראָדזשעט צום אַלטן מאַרק צו. די זומער־נאַכט איז געווען לעבלעך און קלאָר. איבער די קופּאָלן פון דער אַלטער קאַטעדראַלע, וואָס האָט מאַסיוו זיך אַרויסגעהויבן איבערן פאַרביקן געפלאָנטער פון די אַלטע הייזער, איז געשטאַנען אַ פולע לבנה און איינגעהילט אַלץ אַרום אין אַ פאַנטאַסטישן שיין. ווי צוגעשמידט צום אָרט זיינען מיר געבליבן שטיין ביים אַרומצוים פונעם אַלטן מאַרק־ברונעם און שטיל־שווייגנדיק איינגעזאַפּט אין זיך דאָס כימע־רישע בילד. די רעאַלע וועלט אין מיינע חושים איז ווי פאַרנעפּלט געוואָרן. איך האָב זיך נאָך בלויז געפילט ווי אַ טייל פון אָט דער פאַרחלומטער זענפ־טיקייט, וואָס האָט שטאָק שטיל זיך געריינגלט אין אַ ביט־אַנזעעוודיקער קרייז־ליניע. אין די נישעס פון די אַלטע געביידעס האַלטן זיך דאָ אויף פאַרהילט די שאָטנס פון אַן אַמאָליקער צייט, אַ לאַנגאָגיק שוין פאַרפלאָסענע מיטן שטראָם פון לעבן. יעטוועדער שטיין אָטעמט דאָ מיט פאַרגעסלעכקייט אין אָט דער אויסטערלישער וועלט, ווייט אָפּגעשיידט פון דער רעאַלער ערד.

דער אַלטער קאַטעדראַלע־גלאָק האָט אויסגעשלאָגן האַלב צוועלף און מיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרחלומטקייט. די טיפע קלאַנגען האָבן לייכט־ציטערנ־דיק זיך פאַרהאַלטן אין דער וויטקייט. ס׳איז געווען די העכסטע צייט מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן וועגן אַ נאַכטלעגער. אַ רגע האָב איך נאָכגעקלערט, און מיר האָבן גענומען דעם וועג צום פיש־טויער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קליינעם גאַסטהויז און אַריינגעגאַנגען אין אַלטן וויינשענק. מיר האָבן זיך איינגעשריבן אין האָטעל־בוך און געבעטן דעם ווירט אונדז באַזאָרגן אונ־דזער באַגאַזש פונעם וואָקזאַל. זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פאַרמאַלע ענינים, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל. מיט אַ פריינדלעכן „זאָל איך וויל באַקומען״, האָט די באַלעבאָסטע אַוועקגעשטעלט פאַר אונדז צוויי מאָסיווע, פולע בירגלעזער. האָסטיק האָב איך גענומען זופן פונעם גרויסן גלאָז. פונעם לאַנגן אַרומוואַנדלען בין איך געווען דאַרשטיק און פאַרשמאַכט.

אין דער מיט פונעם צימער ביים אַלטן שטאַמטיש, איז געזעסן אַ קאָמ־פּאַניע באַיאָרנטע שטאָט־לייט און געטרונקען וויין. אין אָרטיקן דיאַלעקט האָבן זיי געמיטלעך געפירט אַ שמועס וועגן די לעצטע נייסן פונעם טאָג. שוין לאַנג־לאַנג ווי איך האָב ניט געהערט רעדן אָט דאָס לשון. געשפּאַנט האָב איך אָנגעשפּיצט די אויערן. פון צייט צו צייט, ווען מיין געהער האָט אויפגע־כאַפּט אַ באַזונדער קרעפטיק וואָרט, האָב איך ניט־ווילנדיק געמוזט אַ שמייכל טאָן. מיט אַ מאָל איז דער עולם ביים טיש געוואָרן שטילער און אָנגעהויבן רעדן אויפן אויער. איינער פון די לחיים־מאַכערס איז צוגעקומען צו אונדזער טישל און אין אַ פריינדלעכן טאָן געזאָגט: „איר זענט קאָנטיק ניט קיין היגע. ווילט איר ניט אפשר צושטיין צו אונדזער געזעלשאַפט?״ — האָב איך אים וואַרעם אָפּגעדאַנקט, און איידער וואָס, זיינען מיר שוין געזעסן איינעם מיט די אַנדערע ביים קיילעכדיקן טיש. ווען איך האָב באַמערקט אַז אונדז צוליב באַמיִען זיך די גוטע מענטשן צו רעדן קולטור־דייטש, האָב איך מיט אַ שמייכל זיי געבעטן זיך ניט צו לאָזן שטערן ווייל איך קען גוט זייער דיאַ־לעקט כאָטש שוין אַ סך יאָרן ווי איך האָב אויף אים ניט גערעדט און אין אויסלאַנד האָב איך כמעט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט לאַנדסלייט.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. פון אַלע זייטן האָט אויף אונדז זיך אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון פראַגעס וואָס זיינען אַלעמען געלעגן ווי אַ שטיין אויפן האַרצן. מע האָט געוואָלט וויסן ווי סע זעט אויס אין אויסלאַנד נאָכן קריג, ווי פאַרהאַלט מען זיך צו דייטשלאַנד און וואָס בכלל קאָן מען דער־וואַרטן אויף ווייטער. איך האָב געענטפערט אַזוי גוט ווי איך האָב נאָר גע־קאָנט און דער עיקר האָב איך זיך באַמיט קלאָר צו מאַכן פאַרן עולם אַז פּאַרלויפיק קען מען גאַרניט פאַראויסזען די קאָנסעקווענצן פון דער מלחמה, אַז וועדליק אַלע פּראָגנאָזן מוז מען אָבער יאָ רעכענען מיט גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען, וואָס וועלן באַשטימען די צוקונפט פון איי־

ראַפּע. פון דער פּאָליטיק איז דער שמועס אַריבער אויף מאַינצער לאָקאַל־געשיכטע, און איך האָב זיך דערוווּסט וועגן אַ היפּש ביסל זאַכן, וואָס האָבן דאָ פּאַסירט במשך דער צייט פון מיין אָוועקזיין.

ס'איז שוין געווען לאַנג נאָך האַלבער נאַכט ווען מיר האָבן ענדלעך זיך געזעגנט און זיך געלאָזט גיין אין אונדזער צימער. כאָטש איך בין געווען גוט אויסגעמאַטערט האָב איך ניט געקאָנט רעכט איינשלאָפן און האָב אַדורכגע־שטופּט די נאַכט אין אַן אומרואיקן האַלב־דרימל. ווען דער קאַטעדראַל־גלאָק האָט אויסגעשלאָגן זיבן, בין איך שוין לאַנג געווען וואַך. אַכט אַ זייגער זיינען מיר שוין געווען פאַרטיק מיט אונדזער פרישטיק און פון ס'ניי זיך אַרויס־געלאָזט וואַנדרעווען. עס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ פּרעכטיקער טאָג. דער הימל איז געווען העל, אָן אַ וואָלקנדל; פונעם טייך האָט אויף אונדז געווייעט אַ פריש ווינטל. מיר האָבן געשלאָמפּערט פּאַזע דעם רהיין ביז צום נייעם שפּאַציר־פּלאַץ. דאָס בילד פונעם טייך האָט זיך זייער פאַרענדערט. אין מיינע יוגנט־יאָרן איז דאָ געווען אַן אייביקער גערודער. דעם גאַנצן טאָג האָבן שיפן געהאַלטן אין איין פאָרן אַרויף און אַראָפּ דעם שטראָם. מעכטיקע שרויפן־דאַמפערס האָבן געשלעפּט לאַנגע רייען הינטעראַנאַנד שווערע לאַסטבאַרקעס. פון צייט צו צייט האָט מען געזען אויך פאַרשיידענע אַנדערע שיפן, פון אַ שטאָלצן סאַלאָן־דאַמפער ביז צו אַ פּשוט פישער־שיפל. צום ברעג פלעגט זיך דערטראָגן דאָס געזאַנג פון די שיפער, וואָס האָבן געפירט קיין האָלאַנד אַנ־סופיקע רייען טראַנספּאָרטן. איצט איז דאָ אַלץ געווען אָפּגעשטאָרבן. זעלטן נאָר האָט זיך געוויזן אַ גרעסערע שיף. דער עקאָנאָמישער קריזיס האָט אין גאַנצן פאַראַליזירט די שיף־קאָמוניקאַציע און געמאַכט אַ סוף צום פאַרביקן געטומל.

אויף דער שיינער פּאַנאָראַמע האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק אין שאָטן. פון אָט דעם אָרט האָט מען פאַר זיך אַ פּרעכטיקן אויסבליק אויפן ברייטן טייך. מיט אַלע אונדזערע חושים האָבן מיר אויפגענומען די אַרומיקע שיינקייט. אָבער אַן אומווידערשטייטלעכער באַגער האָט מיך געיאָגט צוריק אין די אַלטע גאַסן, וווּ עס זיינען געווען באַגראָבן אַזוי פיל זכרונות.

אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג. מיר האָבן אויפגעזוכט ווי אַן אַלט ווינקל, וואָס האָט מיך דערמאָנט אַן עפּעס אַ פּאַסירונג פון מיינע יוגנטלעכע יאָרן. אין אָט דער אַלטער וועלט האָט זיך כמעט גאָרניט געענדערט. און פאָרט איז אַלץ געווען ווייט ניט דאָס וואָס אַמאָל. ביסלעכווייז האָט מיר אָנגעג־הויבן קלאָר ווערן אַז איך קאָן זיך דאָ פּשוט מער נישט אַריינפּאַסן. אַ געפיל פון פוסטקייט האָט מיך איבערגעוועלטיקט. איך האָב מיך פאַרבענקט נאָך אַ מענטשן וואָס איז, פונקט ווי איך, געווען דאָ אַמאָל ביי זיך אין דער היים, אַ פריינד, אַ קאַמעראַד, אַ יוגנט־חבר, וואָס איך זאָל זיך פילן מיט אים פאַר־בונדן דורך די זכרונות פון פאַרגאַנגענע טעג.

צי לעבט נאָך צווישן אָט די מויערן אַ לעבעדיקער נפש, וואָס דערמאָנט זיך נאָך אין מיין געביין? מיינע עלטערן זיינען זינט לאַנג שוין געשטאָרבן.

דער קבר פון מיין עלטערן ברודער איז אויך שוין פאַרוואַקסן מיט גראָז, און דער יינגערער ברודער וווינט זינט אַ סך יאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט. פון מיינע עלטערע קרובים מוז שוין אויך געוויס קיינער מער ניט זיין צווישן די לעבעדיקע. זייערע קינדער זיינען מיר פרעמד. וואָס ס'איז געוואָרן פון מיינע אַמאָליקע חברים האָב איך נישט אָנגעהויבן צו וויסן. לעבט נאָך אפשר דער מייסטער וואָס איך בין ביי אים געווען אויף דער לערע? ווען איך האָב געמוזט אַוועק פון דער היים, איז ער געווען אַ מענטש פון אַ יאָר פערציק. ער קאָן, הייסט עס, איצט זיין אין די ערשטע זיבעציקער. „וואָס סע זאָל נישט זיין, מוז איך געוויר ווערן וואָס ס'איז פון אים געוואָרן", האָב איך ביי זיך באַשלאָסן און זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון דער ליציִיום־גאַס. עס האָט ניט גענומען מער ווי אַ פערטל שעה, און מיר זיינען געשטאַנען פאַר דעם אַלטן הויז מיט זיינע משופּעדיקע געזימסן, דאָס קליינע שילד־ברעטל פון דער פירמע איז אָבער מער ניט געווען. איך האָב זיך צעפרעגט ביי די שכנים אין הויף, קיינער האָט מיר אָבער קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן. איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז ניט ווייט פון דאַנען האָט זיך געפונען אַ קליינע בוכהאַנדלונג, וואָס מיר פלעגן פאַר איר אַרבעטן, געשיקט זיך עס איך זאָל זיך דאָרטן עפּעס דערוויסן. דאָס געשעפט איז טאַקע נאָך געווען אויפן פּלאַץ, דער נאָמען פון דער פירמע איז אויך געווען דער אַמאָליקער. אין קליינעם געוועלבל האָט מיך באַגריסט אַן אומבאַקאַנטע פרוי. איך האָב געזאָגט וועגן וואָס איך בין געקומען.

„דער אַלטער קיטשמאַן", האָט זי געזאָגט, „אַ יאָ, ער איז געשטאָרבן קורץ נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה. אַ פיינער מענטש געווען, אָבער אָרעם — אַ שרעק, דערביי איז ער אין זיין פאַך געווען אַן אמתער קינסטלער, נאָך אַזעלכן געפינט מען נישט אַזוי לייכט". — די גוטע פרוי האָט נאָך געהאַט אַ סך וואָס צו דערציילן, מיר איז שוין אָבער אויך דאָס געווען גענוג. איך האָב אויף גיך איר געזאָגט אַ גוטן טאָג און אַרויס אויף דער גאַס. איך בין געווען גאַנץ פאַראומערט און דערשלאָגן. איך האָב מיך געפילט עלנט און פאַרלאָזן אין דער אַלטער שטאָט. ס'איז ניט תמיד פויגלדיק דאָס ווילן זיך דערגריבלען צו זאַכן פון אַ ווייטן אַמאָל.

צי זאָל איך ניט אפשר מאַכן נאָך אַ פּרוּוו? אָט דערמאָן איך זיך אין מיינעם אַ שול־חבר. אַ גאָר נאָענטע פריינדשאַפט האָט אונדז פאַרבונדן במשך לאַנגע יאָרן. זיין פאָטער האָט אין דער פּאַפּען־גאַס געהאַט אַ קליינע סטאָ־ליאַרניע. דער זון האָט זיך געלערנט די מלאכה, כדי שפּעטער איבערצונעמען דעם וואַרשטאַט. יאָ, אים מוז איך אויפזוכן. ער מוז זיכער עפּעס וויסן וועגן מיינע קרובים און אַמאָליקע פריינד.

ס'איז געווען אַרום איינס נאָך מיטאָג ווען מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ווי די גאַנצע צייט זינט אונדזער אָנקומען אַהער, האָב איך אויך דאָס מאָל גענומען דעם וועג דורך די סאַמע ענגסטע און פאַרוואָרפנסטע טיילן

פון דער שטאָט. מײַן בראַוזע לעבנס־באַגלײטערן, וואָס איז דאָ געווען צום ערשטן מאָל, האָט זיך גאַרניט געקאָנט געבוג אַפּחידושן פֿונעם אויסטערלישן אויסזען פון די גאַסן און געסלעך, וואָס איך האָב איר געוויזן. אויף דער אַלטער פּאַפּען־גאַס האָט מען קײן לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. פון די שאָטנדיקע הייף האָט זיך דערטראָגן אַ דערפרישנדיקע קילקייט. ס׳איז דאָ אַלץ נאָך געשטאַנען דאָס אַלטע גאַסטהויז צור גאָלדענעם וואַנצע. אין די טעג פון מײַן יוגנט פלעגן זי דאָ צונויפקומען די חברה חוזק־מאַכער פֿונעם „לצים־פאַראיין״. פאַר די מאַינצער תושבים, מיט זייער חוש פאַר הומאָר איז אָט דער פאַראיין געווען עפּעס אַזוינס ווי אַזעלכעס.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מײַן בליק האָט פאַרשנדיק אַרומגעבלאָנקעט איבער די פאָדערזײַטן פון דער קליינער, פריינדלעכער הײַזקע מיט די גרין־געפאַרבטע לאָדנס, ווּהין איך פלעג אַזוי אָפט אַרײַן און אַרויסגײן. אויף דעם קליינעם שילדל איבער דער טיר האָט מען נאָך געקאָנט לייענען דעם זעלביקן נאָמען וואָס אַ מאָל. איך האָב פריער אָפּגעאָטעמט, וואָרן די גאַנצע צײַט האָבן מיך באַשלאָגן אַנגסטן, טאָמער דערוואַרט מיך אויך דאָ אַ טרויעריקע בשורה. איך האָב לייכט אָנגעקלאַפּט אין דער פאַרטקע. אַן אַלטע פרוי מיט שניי־ווייסע האָר און אַ פאַרצרהט פנים האָט אונדז געעפנט. די זקנה איז געווען מײַן פריינדס מוטער. ווען איך האָב איר אָנגערופן מײַן נאָמען, איז זי מיט אַ מאָל געוואָרן אויפגעהייטערט און פריינדלעך אונדז פאַרבעטן אין שטוב אַרײַן. אויך אינעווייניק איז דאָ אַלץ געבליבן ווי אַמאָל. דער זעלביקער שוועַרער אַלטער טיש, די דעמבענע שטולן, דער אַלטער זייגער מיטן קוקוק־פויגל, בלויז די קאַנאַפּע ביים פענצטער האָט אויסגעזען צו זײַן אַן אַנדערע.

די גוטע אַלטיטשקע האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט צוויי גלעזער ווײַן, און זיך גענומען נאָכפרעגן ווי ס׳איז מיר געגאַנגען אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן דאָרטן אין דער פרעמד, און ס׳איז אַוועק אַ פרעגן און אַן ענטפערן אָן אַ סוף. ביסלעכווייז איז דער שמועס אַריוף אויף פאַסירונגען פון מײַן יוגנט און אויף אַלטע באַקאַנטע פון אַמאָליקע יאָרן. אַ גרויסער חידוש איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס די אַלטע פרוי האָט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט איר זון. אַ פאַר מאָל האָב איך אָט־אָט זיך שוין געהאַט אַרויסגעכאַפּט מיט דער פראַגע, אָבער אַן אומקלאָר געפיל האָט מיך דערפון אָפּגעהאַלטן. ענדלעך האָב איך מיך לענגער נישט געקאָנט באַהערשן און קווענקלדיק אַ פרעג געטאָן, צי זשאַן איז ניטאָ אין דער היים. די אַלטע האָט פאַרגראָבן איר פנים איןביידע הענט און אויסגעבראָכן אין אַ שטילן שלוכצן. איצט האָב איך עס געוווּסט אויף זיכער, אַז מײַן שווערמוטיק פאָרגעפיל האָט מיך נישט גענאַרט.

מיר זײַנען געבליבן זיצן פאַרשטומט. מע האָט בלויז געהערט דעם איינטאָניקן טיק־טאַק פֿונעם אַלטן זייגער און דאָס שטילע וויינען פון דער גרייז־גרויער מוטער. אַ קאַלטער שוידער האָט מיך דורכגענומען דורך און דורך.

ס'איז מיר פאַרגעקומען ווי די גאַנצע לעבעדיקע וועלט וואָלט פּלוצים אָפּגע־שטאָרבן. דער קאָפּ איז מיר געוואָרן ווי אַ שטיק אייז. מינוטן זיינען פאַרגאַנגען, וואָס האָבן זיך מיר אויסגעדאַכט צו זיין אַן אייביקייט, ביז די אַלטע איז ענדלעך געווען אין שטאַנד אַרויסצוברענגען אַ פּאָר ווערטער. פּאַמעלעך האָט זי אַוועקגענומען אירע דינע שוואַכע הענט פון איר פּנים פול מיט צער און מיט אַ געבראָכענער שטים אונדז דערציילט די געשיכטע פון איר לייד און פּיין.

איר זון איז מאָביליזירט געוואָרן קורץ נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגע־הויבן דאָס צווייטע יאָר פון דער מלחמה. צום אָנהייב איז עס אים געגאַנגען אַזוי זיך, צו דערליידן, אָבער מיט אַכצן חדשים שפּעטער האָט אים זיין שיק־זאַל געטראָפן אין איינעם פון די בלוטיקסטע שלאַכטן ביי ווערדען. גענוי וואָס ס'איז פון אים געוואָרן, האָט מען קיין מאָל ניט געקאָנט דערגיין. מע האָט איר פּשוט געלאָזט וויסן, אַז ער איז „פאַרפאַלן געוואָרן אין שלאַכט".

דריי חדשים פאַר זיין טויט איז ער אַהיימגעקומען אויף צוויי וואָכן אור־לויב. ער האָט אויפן מערב־פראָנט מיטגעמאַכט די שווערסטע קאַמפן און איז אַרויס אַ גאַנצער, אָן אַ שראַם. ער איז אָבער מער ניט געווען דער זעל־ביקער מענטש וואָס פריִער, דער תמיד אויפגעלייגטער יונגערמאַן, איז גע־וואָרן אַ שווערמוטיקער מאַנספּאַרשוין, אַ שווייגער אַ וואָרט ניט אַרויסצו־רעדן. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט זען, אַפּאַטיש צו אַלץ .און אַלעמען. מערסטנס האָט ער ליב געהאַט זיצן אין הויף אונטערן לינדן־בוים, רייכערן זיין לולקע און שטום קוקן פאַר זיך. ווען ער האָט געמיינט אַז קיינער אָבסער־ווירט אים ניט, פלעגט זיך ביי אים אַרויסרייסן אַ מבול געמיינע זידל־ווערטער, אָדער ער פלעגט זיך צעלאַכן מיט אַ צישעדיק געלעכטער און גלייך אויפן אָרט אויף ס'ניי פאַרזינקען אין זיין אומהיימלעכער שוויגעניש. נאָר די מוטער האָט ער צערטלעך ליב געהאַט און יעדן טאָג איר אַרויסגעהאָלפן אין דער שטוב־אַרבעט. וועגן זיינע איבערלעבונגען אויפן פראָנט, האָט ער קיין מאָל קיין וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט. האָט עמעצער אַ מאָל געפּרווט אַרויפ־פירן דערויף דעם שמועס, האָט ער שאַרף אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אָדער שטום אַרויס פונעם צימער.

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט די מאַמע אים צוגעגרייט אַפּולע נייטיקע זאַכן מיטצונעמען. זי האָט שפּעטער דאָס גאַנצע פּעקל געפונען אין אַ ווינקל פון זיין צימער. — „אַט, ווי ער וואָלט האָבן געאַנט, אַז ער וועט די זאַכן מער ניט קאָנען פאַרניצן", האָט די אַלטע פרוי געזאָגט מיט אַ ווייטאָגדיק שלוכצן.

דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט פאַר צער און ווייטאָג. וואָס פאַר אַ שווי־דערלעכע ליידן האָט מיין אומגליקלעכער פריינד געמוזט האָבן אויסצושטיין דאָרטן אויפן פראָנט, אַז סע זאָל אין אים פאַרקומען אַזאַ פאַרענדערונג. מיר זיינען געבליבן זיצן נאָך אַ פערטל שעה און שטיל זיך געזעגנט מיט דער שווער־געטראָפענער מוטער. איך האָב געפונען ווינציק־וואָס טרייסט ביים גע־

דאַנק, אַז הונדערטער טויזנטער אַנדערע האָבן געהאַט דעם זעלביקן גורל וואָס מיין פריינד. די אַלטע פרוי האָב איך מער נישט געזען. זי איז געשטאָרבן עטלעכע חדשים נאָך אונדזער באַזוך.

וווהין זאָל איך איצט גיין? גלאַט אַזוי אַרומזוכן, האָב איך מער קיין חשק ניט געהאַט. איך האָב געפילט אַז איך מוז זיך וואָס גיכער אַרויסבאַקומען פון דאַנען. אונדזער צייט איז סיי־ווי געווען אויסגערעכנט. צו וואָס ווייטער נאָך זיך אויפרודערן דאָס געמיט? מיט אַ מאָל האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינע עלטערן. ביידן האָב איך אָנגעווירן ווען איך בין נאָך געווען גאָר יונג. דער אַלטער בית־עולם מיט זיינע שטומע קברים און שטילע, געדיכט־באַבלע־טערטע שטעגן איז געווען דאָס סאַמע צוגעפּאַסטע אָרט פאַר מיין באַטריבטער שטימונג. דאָרטן קאָן איך זיין באַוואָרנט פאַר צעשטערטע האָפענונגען. די מתים זיינען שטום און אַלע אָנשיקענישן פון דער צייט גייען זיי ניט אָן.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין קווער דורך דער שטאָט צום בינגער טויער. אין דעם קוואַרטאַל איז פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע פאַרוואַנדלונג. אויפן פּלאַץ פון דער אַלטער פעסטונג מיט אירע ביי־געביידעס, זיינען אויפגעקומען ברייטע גראַדליניקע גאַסן, אַ מין נייע שטאָט פאַר זיך. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן ווו איך בין דאָ אין אָט דער גאַנצער נייער וועלט, און געווען צופרידן ווען מיר זיינען ענדלעך אַרויסגעקומען אויפן צאַלבאַכער שאָסיי, וואָס פירט גלייך צום בית־עולם. דאָ, אין ברייטן שאָטן פון די אַלטע ביימער, איז דער וועג געווען קיל און אָנגענעם.

צום הויפּט־אַריינגאַנג פונעם בית־עולם זיינען מיר אָנגעקומען אַרום פינף פאַר נאַכט. דעם וועג צום קבר פון מיינע עלטערן האָב איך גוט געקענט. די אַלטע מצבות זיינען געווען איינגעהילט אין אַ פרידלעכער שטילקייט. ווייט און ברייט אַרום קיין לעבעדיקער נפש. בלויז די שפּיצן פון די אַלטע ביימער האָבן זיך, סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, לייכט געשאָקלט. ווען מיר זיינען צוגעקומען צום באַשטימטן פּלאַץ, האָב איך אָבער דעם געזוכטן קבר ניט געפונען. אַ קבר איז אַפילו יאָ געווען, אָבער אויף דער ווייסער מאַרמאָרנער מצבה איז געווען אויסגעקריצט אַן אומבאַקאַנטער נאָמען. איך האָב נישט געוואָלט גלייבן מיינע אויגן. אפשר בין איך שלעכט געגאַנגען? איך בין נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום הויפּט־וועג, כדי צו זיין זיכער מיט זיך אַליין. ניין, איך האָב קיין טעות נישט געמאַכט. ס'איז געווען דער זעלביקער אַלטער וועג, וואָס אויף אים בין איך אַזוי אָפט געגאַנגען. אויף די מצבות איבער די אַרו־מיקע קברים, האָב איך געפונען די אַלטע באַקאַנטע אויפשריפטן, בלויז אויף דער מצבה פון מיינע עלטערנס קבר איז געשטאַנען אַ פרעמדער נאָמען. יאָ, אויך דאָ בין איך אַ ווילד־פרעמדער און איך האָב דאָ ניט מער וואָס צו זוכן.

שטיל שווייגנדיק האָבן מיר זיך צוגעזעצט אויף דער שמאָלער באַנק לעבן פרעמדן קבר. דערנאָך האָב איך פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן און גענומען דעם וועג צום פראַנצויזן־שטיין, אַ מאַסיווער דענקמאָל, באַצירט פון אויבן מיט אַ

פראַנצייזישן קיראַסיר־העלם; פון אַלע פיר זייטן פונעם דענקמאָל קאָן מען אַראָפּלייענען די נעמען פון די מאַינצער זין, וואָס נאַפּאָלעאָנס חילות האָבן פאַרווערבירט מיט צוואַנג און זיי זיינען געפאַלן אין זיינע מלחמות. אין מיינע קינדער־יאָרן האָבן נאָך געלעבט צוויי טיפע זקנים וועטעראַנען פון דער „גרויסער" אַרמיי, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וויסטן סוף אין די רוסלענדישע שניי־סטעפּעס. יעדן יאָר אין רעקוויעם־טאָג פאַר אַלע פאַרשטאָרבענע, פלעגן די צוויי וועטעראַנען אַוועקלייגן אַ בלומען־קראַנץ ביים פראַנצויזן־שטיין.

צוריקצווועגס האָב איך גענומען דעם וועג קיין זאַלצבאַך. איך האָב גע־וואָלט מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן אויפן וועג אין דער אַלטער לינדען־מיל און עפּעס איבערכאַפּן. אויפן וועג האָב איך אָנגעוויזן מילין אויף די אַלטע רוימער־שטיינער, זיילן פון אַן אַמאָליקן אַקוועדוקט, אַ וואַסער־ליטונג, וואָס די רוימער האָבן דורכגעפירט מיט קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר צוריק.

די אַלטע לינדען־מיל מיט איר פּרעכטיקן גאָרטן איז מער ניט געווען. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדערער רעסטאָראַציע, עפּעס איבערגעביסן און זיך אָפּגעפרישט. דערנאָך האָבן מיר געוואַנדלט איבער דעם לינדזען־באַרג צוריק אין שטאָט אַריין. אויך דאָ האָט די צייט געמאַכט אַ גרויסע פאַרוואַנד־לונג. פון די מעכטיקע מויער־ווערק פון דער פעסטונג און פונעם באַצירק־טויער, איז קיין שפור נישט געבליבן. דער גאַנצער באַבויטער שטח איז איצט אַ טייל פון דער נייער שטאָט. ביי קעסטעריך האָב איך פאַרקערעוועט צו דער מאַרטין־גאַס. דאָרט איז געשטאַנען דאָס הויז וווּ איך בין געבוירן געוואָרן. איך בין אָבער געבליבן גאַנץ קאַלט מיט אַ פאַרשטומט האַרץ. איך האָב זיך מער ניט אָנגעקערט מיט דער שטאָט פון מיין יוגנט און אויב איך האָב גענומען אָט דעם וועג, האָב איך עס געטאָן צוליב דער דערבייאיקער מאַטיל־דען־טעראַסע. פון דאָרט האָט מען אַ זעלטן שיינעם אויסבליק אויף דער גאַנ־צער שטאָט און אויף די טאַאונוס־בערג. איידער איך פאַרלאָז די שטאָט אויף תמיד, האָט זיך מיר געוואָלט נאָך אַ מאָל זיך אָנזעטיקן מיטן פּרעכטיקן בילד.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אויף דער אַלטער טעראַסע און שוויגנדיק אַראָפּגעקוקט אויף דער אַלטער שטאָט. די זון האָט זיך גע־זעצט און געוואָרפן אַ וווּנדער שיינעם גאָלדיקן אָפּשיין אויף די שפּיצדעכער, טורעמס און געזימסן. די גאָלדענע מאַינץ, ווי מע האָט די שטאָט גערופן זינט גאָר אַלטע צייטן. ס'איז געווען די שעה פונעם שבת־פאַרנאַכטיקן אָוונט־געבעט, און דער געקלאַנג פון די גלאָקן האָט אַרויפגעהילכט צו אונדז ווי אַ גרוס פון אַ לאַנג פאַרגאַנגענער צייט. איך האָב זיך דערמאָנט ווי מיר קינדער האָבן צוגעלייגט ווערטער צום טאָן פון יעדן גלאָק. מיטן טיפסטן באַס האָט וויברירט דער אַלטער גלאָק פון דער קאַטעדראַלע: „האַלט ס'מויל, האַלט ס'מויל". דער גלאָק פון דער עוואַנגעלישער קירך האָט צוגעגעבן: „גיי אַהיים, גיי אַהיים, גיי אַהיים". באַלד איז אַריינגעפאַלן אין שמועס דער עמעראַן־גלאָק: „איר זענט מער ווי צוויי, איר זענט מער ווי צוויי" און פונעם סטעפאַן־

טורעם האָט זיך דערטראָגן אַ ווידערקול: „איך וויל און זאָל און קאָן פאַרט נישט". די דערמאָנונג פון מיינע קינדער־יאָרן האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ לייכטן שמייכל. ווי גאַנץ אַנדערש איז עס איצט. דעמאָלט בין איך געווען פאַניע־בראַציע אַפילו מיטן געקלאַנג פון די גלאָקן. היינט בין איך דאָ אַ ווילד פרעמדער. די אַלטע גלעקער זאָגן מיר מער גאָרניט.

ערגעץ־ווו אינעווייניק אין מיר האָט זיך איבערגעריסן אַ פאָדעם און ס'איז שוין ניט מעגלעך פונסניי אים אָנצוקניפּן. איך האָב איינגעזען אַז ניט צו דער שטאָט ווי אַזעלכער האָט במשך די אַלע יאָרן געלעבט אין מיר אַ וואַרעמהאַרציקע צוגעבונדנקייט, נאָר צו אירע מענטשן, צו די קרובים און אויסגעבונדענע פריינד, וואָס זייער גאָרער מי און מאַטער איז געווען אַ טייל פון מיר אַליין. אומעטום ווו די געזעלשאַפטלעכע פאַרבינדונגען ווערן צו נישט, פאַרבלייבט בלויז דער שימער פונעם אויסנדיקן אַרום און אַרום. דער לעבעדיקער קערן אָבער איז פאַרטריקנט און איז מער ניט בכוח אַרויסצו־ברענגען נייע בליאונגען. אָט דערפאַר איז דאָ אַלץ פאַר מיר אָפּגעשטאָרבן און איך פיל מיך דאָ אין דער פרעמד מער ווי ערגעץ אַנדערש־ווו. דער זכרון קאָן אויפפרישן פונסניי דאָס בילד פון אַמאָליקע טעג. דאָס איז אָבער נאָר אַ בילד — אַ חלום, אַ שאָטן־בילד פון דעם וואָס איז אַמאָל געווען און איז היינט ניטאָ.

אַ גוטע זייגער־שעה זיינען מיר אַזוי אָפּגעזעסן אויף דער באַנק פאַרזונ־קען אין געדאַנקען. די זון איז שוין געווען אונטערגעגאַנגען. די גלאָקן האָבן מער ניט געקלונגען. באַזאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט און געגומען שפרייטן אירע שלייערן איבער די אַלטע דעכער. איך האָב דערפילט מיליס לייכטע האַנט אויף מיין אַקסל. ווי פון העט ווייט האָבן אירע ווערטער זיך דערטראָגן צו מיין אויער: „לאָמיר נאָך אַ פּרווו טאָן. עס קאָן דאָך ניט זיין אַז דאָ לעבט שוין טאַקע ניט קיין איין מענטש, וואָס זאָל דיך ניט געדענקען".

„צו וואָס?" האָב איך געזאָגט. „מאָרגן פאָרן מיר אָפּ. דו זעסט דען ניט אַז איך האָב דאָ מער גאָרניט וואָס צו זוכן". אָבער מילי האָט ניט אָפּגעע־לאָזט און פאַרעקשנט צוגעשטאַנען צו מיר, ביז איך אַליין האָב זיך אָנגעהויבן קלאַמערן אין אַ שוואַכער האָפענונג. אפשר איז זי טאַקע גערעכט. און וואָס האָב איך שוין צו פאַרלירן אויב אויך אָט דער פּרווו וועט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל? נאָך איין געגאַרערישע אילוזיע, מער גאָרניט.

דער זייגער האָט געהאַלטן אַ פאָר מינוט פאַר ניין, ווען מיר האָבן אָנגע־הויבן אַראָפּגיין די הויכע שטיגן פון דער טעראַסע. דערנאָך האָבן מיר זיך פאַרנומען צו דער עמעריך־יאָזעף־גאַס ביז צום אינדזל. מיר זיינען אַריינגע־גאַנגען אין אַ קליינער רעסטאָראַציע עפּעס איבערצוכאַפּן. בעת דער ווירט האָט צוגעגרייט אונדזער באַשטעלונג, האָב איך דערווייל גענומען דאָס אַד־רעסן־בוך און זיך פאַרטיפט אין לייענען די נעמען שורה נאָך שורה. אויפן וועג אַהער האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינער אַ קוזינע, אַ יינגערע פון מיר

מיט עטלעכע יאָר. געפינט זי זיך נאָך דאָ הי? דעמאָלט, ווען איך האָב געמוזט אַוועק פון דער היים, איז זי געווען אַ יונג, בלי׳ענדיק מיידל. שפּעטער איז צו מיר דערגאַנגען אַז זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר איינעם פון מיינע אַמאָליקע שול־חברים, צי זיי האָבן טאָקע חתונה געהאַט — דאָס האָב איך נישט געוווּסט. ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך דערוויַיל כאָטש געהאַט וואָס צו זוכן און באַלד אויך געפונען: יוליוס גרינינג, מעכאַניקער, וואַלאַאוער־גאַס. דאָס מוז אַ פּנים זיין אין דער ניישטאָט, וואָרן דער נאָמען פון דער גאַס איז מיר גאַנץ אומבאַקאַנט.

זאָלן מיר היינט נאָך פּרוּוון אונדזער גליק? ס׳איז שוין אַפילו געווען אַ ביסל שפּעטלעך אָפּצושטאַטן אַ וויזיט, איך בין אָבער געווען זייער אומגעדולדיק איך זאָל עס אָפּלייגן אויף מאָרגן. דער ווירט האָט אונדז אָנגעוויזן דעם וועג, און מיר האָבן נאָך אַ מאָל זיך אַרויסגעלאָזט אויף זוכענישן. דער הויפּט־אַריינגאַנג איז שוין געווען געשלאָסן, אָבער צופעליק איז עמעצער גראָד אַריינגעגאַנגען און געעפנט די פּאַראַדנע טיר. איך האָב אָנגערופן דעם נאָמען פון מיין קרובה. יאָ, די פאַמיליע וווינט דאָ; דעם מאַן וועלן מיר מן הסתם נישט טרעפן אין דער היים; ער אַרבעט אין אַן אַנדער שטאָט און ער קומט קיין מאַינץ יעדע צווייטע וואָך.

מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן דריטן שטאָק. פול מיט דערוואַרטונג האָב איך אָנגעקלונגען. די טיר האָט זיך געעפנט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ יונג מיידל און געפרעגט וואָס מיר פאַרלאַנגען. איך האָב איר געזאָגט אַז איך וויל זען פרוי גרינינג. דאָס מיידל האָט אונדז פריינדלעך פאַרבעטן אינעווייניק און מיט אַ קלאָרער שטים אַ רוף געטאָן: „מאַמע, עמעצער איז דאָ, וואָס וויל דיך זען״.

איך האָב דערהערט אַ געשאַרך אין דערבייאיקן צימער. דורך דער אָפענער טיר איז אַריינגעקומען אַ שלאַנקע פרוי אין די מיטעלע יאָרן און פרעגנדיק מיך אָנגעקוקט. דאָס איז געווען מיין קוזינע. איך האָב זי דערקענט פונעם ערשטן בליק, כאָטש זי האָט זיך שטאַרק געענדערט. פאַרשטומט האָב איך פעסט אָנגענומען אירעביידע הענט. זי האָט פאַרלוירן מיך אָנגעקוקט און קאָנטיק ניט געוווּסט וואָס זאָל זי מיט מיר אָנהייבן צו טאָן. מיט אַ מאָל איז זי ווי פאַרגאַפט געוואָרן פון איין גרויס חידושן זיך, דער אָטעם איז איר געוואָרן שווער, זי האָט געמוזט זיך אָנטאָן אַ כוח אַרויסצושעפּטשען: „רודאָלף״. איך האָב זי אַרומגענומען און צאַרט געגלעט אירע שוין גרויליכע האָר. זי האָט אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער. די אויגן זיינען איר פאַרלאָפן מיט טרערן. איך האָב אויך דערפילט ווי עס וואַרגט מיך אין האַלדז. אַ ניט־אויסדריקלעך געפיל האָט מיך דורכגענומען דורך און דורך. ווען די געמיטער האָבן זיך באַרואיקט, האָב איך ערשט אויף אַן אמת דערפילט אַז איך בין ניט קיין ווילד פרעמדער אין דער שטאָט ווו איך בין געבוירן געוואָרן און אויפגעע־

וואַקסן; עס האָט זיך פּאַרט אָפּגעזוכט אַ לעבעדיקע נשמה וואָס האָט מיך געקענט און געטראַכט וועגן מיר מיט ליבשאַפט.

איניינעם, דאָרט מיט אירע דריי טעכטער און מיר בײַדע, זײַנען מיר דערנאָך געזעסן אין געמיטלעכן, פֿינקלדיק זויבערן צימער. איך האָב באַמערקט אַ פּייכטן גלאַנץ אין מיליס אויגן און דערפֿילט ווי גליקלעך זי איז געווען אין יענעם מאָמענט. זי האָט געהאַט פּאַר וואָס. זי זאָל מיך ניט געווען אַזוי דרענגען, וואָלט איך אפשר קיין מאָל ניט געווען געפֿונען דעם וועג אַהער. וואָס פֿאַר אַ ווויל געפֿיל עס האָט אונדז אַלע אַרומגענומען, אין אָט דעם קליינעם, ליבהאַרציקן קרייזל. דער אָפּשטאַנד פֿון דרייסיק יאָר, איז דאָ ווי פֿאַרשוווּנדן. די צייט האָט געקראָגן אַן אַנדערן זין. אַלץ וואָס געווען, איז דאָ ווי פֿאַרוואַנדלט געוואָרן. די שעהן זײַנען פֿאַרבײַ פֿליִעוודיק. איך האָב זיך נאָכגעפֿרעגט אויף דעם און יענעם, און זיך דערוווּסט אַז עטלעכע פֿון מײַנע אַמאָליקע יוגנט־פֿרײַנד לעבן דאָ הי. אויך די פֿרוי פֿון מײַן פֿאַרשטאָרבענעם ברודער מיט אירע צוויי קינדער וווינען נאָך אין דער שטאָט און דאָרט ברודער, מײַן קוזין פֿריץ מיט זײַן פֿאַמיליע. אָבער די גרעסטע איבערראַשונג איז געווען פֿאַר מיר, ווען איך האָב דערהערט אַז מײַן פֿעטער רודאָלף, מײַן מוטערס ברודער, וואָס איך האָב אים לאַנג שוין געהאַלטן פֿאַר געשטאָרבן, לעבט נאָך.

אין קאָפּ האָט מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. איך בין געווען ווי פֿאַרשיכורט. פֿונדעסטוועגן האָב איך ניט געפֿילט די מידקייט און איך האָב זיך ניט געקאָנט זאַט אָנהערן. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך מיטערנאַכט ווען מילי האָט מיך איידל דערמאָנט, אַז ס'איז צייט צו גיין. דאָרט האָט אַנדערש ניט געוואָלט ווי נאָר, אַז מיר זאָלן בלײַבן נעכטיקן, אָבער אונדזער גאַנצער באַגאַזש איז געבליבן אין גאַסטהויז און איבערפֿירן די וואַליזעס אַהער, איז שוין געווען צו שפּעט. נו, האָבן מיר זיך צעזעגנט מיטן צוזאָג צו קומען צען אַ זייגער צום פֿרישטיק.

אויף דער גאַס האָב איך זיך דערפֿילט ווי ניי־געבוירן. די שווערע משא וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג געדריקט אויף מײַן געמיט, איז ווי אין וואַסער אַרײַן. איך האָב פֿונסניי געפֿונען דעם צוזאַמענבונד מיט דער שטאָט פֿון מײַן יוגנט. איך בין מער ניט קיין פֿרעמדער צווישן אירע מויערן. נאָך אַזאַ באַלעבסטיקן טאָג ווי מיר האָבן געהאַט הינטער זיך, האָב איך זיך כּלל ניט געפֿילט שלעפֿעריק. די נאַכט איז געווען הערלעך, דער הימל אויסגעשטערנט. עס האָט מיך ווידער אַ ציִ געטאָן צום לאַבירינט פֿון די אַלטע גאַסן און געסלעך. אַנשטאָט צו נעמען דעם גלײַכן וועג צום פֿיש־טויער, זײַנען מיר געגאַנגען דורכן פֿעטער־פּלאַץ, דורך דער שטילער מיטערנאַכט־גאַס, מיט אירע שטילע ראָגן און באַלקאָנען, און מיט הנאה אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס פֿאַנטאַסטישע בילד פֿון דער נאַכט.

אויף מאָרגן איז אויסגעפֿאַלן אַ שײַנענדיקער זונטיק־טאָג. דאָרט מיט אירע

טעכטער האָבן געוואַרט אויף אונדז מיט אומגעדולד. נאָכן פרישטיק זיינען מיר אַלע איניינעם געגאַנגען אין דער אַלטשטאָט באַזוכן מיין קוזין פריץ; ער האָט לחלוטין ניט אָנגעהויבן וויסן וואָס פאַר אַ סורפריז עס שטייט אים פאָר. נו, איז דאָס געווען אַ ווידער טרעפן זיך! דער אַלטער חברה־מאַן האָט זיך אויפגעהאַלטן וווּנדערלעך. ער איז געווען דער איינציקער אין דער פאַמיליע, וואָס האָט זיך מאַטעריעל צו עפּעס אַרויפגעאַרבעט, זיין בעסערע מערכה האָט פון אים אָבער ניט געמאַכט קיין געשוואָלענעם קאָפּ. אין זיין באַנעמען זיך איז ער פאַרבליבן דער זעלביקער לוסטיקער, וויסער חברהניק וואָס אַמאָל, לייכטהאַרציק און אויפגערוימט, אַ מאַינצער מיט די ביינער, וואָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אַרויסברענגען פון זיין פּסיכישן גלייכגעוויכט. זיין פרוי עליזע האָב איך געקענט נאָך מיידלוויז, אַזוי אַז סע האָט זיך גלייך איינגע־שטעלט אַן אינטימע נאָענטקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן שוין געמוזט בלייבן צום מיטאָג. מע האָט אויפגעמישט די אַמאָליקע יאָרן, און צום פרעגן און דערציילן האָט גאָר קיין סוף ניט גענומען. דערווײַלע־וואָס האָט מען אויסגעלײדיקט היפּשע עטלעכע פלעשער וויין. פריץ האָט געהאַט זיין אייגענעם וויין־קעלער און ווי אַ רהיינ־לענדער, האָט ער זיך אויסגעקענט אויף אַ גוט גלעזל. מיר האָבן קוים גע־מערקט ווי די צייט איז פאַרביי. ס'איז שוין געווען שפּעטער נאָכמיטאָג, ווען מיר האָבן זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. איך האָב אומבאַדינגט נאָך געוואָלט אויפזוכן דעם אַלטיטשקן פּעטער רודאָלף, וואָס גייט שוין כמעט ניט אַרויס פון דער שטוב. פּעטער רודאָלף אָדער דער פּעטער, ווי מיר קינדער פלעגן אים רופן, האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף מיין גייסטיקער אַנטוויקלונג און מיינע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן האָבן אַ דאַנק אים באַקומען פאָרעם און אינהאַלט.

ס'איז שוין געווען נאָך זעקס ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו דער קליינער הייזקע ביים האַלץ־טורעם. פאַרזיכטיק, אין האַלב־פינצטער זיינען מיר אַרויפ־געשטיגן די שמאָלע טרעפּ. אויף מיין אָנקלאַפּן, האָט דער גוטער זקן אַליין אונדז געעפנט די טיר. ער איז געווען איינער אַליין אין שטוב. ווי ער האָט זיך געביטן! די האָר און די באָרד זיינען אים געוואָרן שניי־ווייס. זיין פיין־געשניטן, אינטעליגענט פּנים, איז באַדעקט געוואָרן מיט קליינינקע רונצלען; בלויז דער גוטמוטיקער אויסדרוק פון די גרויע אויגן איז געבליבן דער זעלביקער. בעת ער האָט אונדז אַריינגעבעטן אין קליינעם, זויבערן צימער, האָב איך באַמערקט, אַז דאָס גיין קומט אים אָן גאָרניט לייכט. איך האָב אים נאָר געזאָגט אַז איך ווינטש מיט אים צו רעדן. ער האָט אונדז פריינדלעך געבעטן זיצן און פרעגנדיק מיך אָנגעקוקט. איך האָב אים געזאָגט ווער איך בין און אים פאַר־געשטעלט מילין.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס מיינע ווערטער האָבן אויף אים געמאַכט. דער אַלטער האָט זיינע אויערן ניט געגלייבט און

געהאַלטן אין איין איבערחזרן: „איז עס מעגלעך? רודאָלף? רודאָלף? דערנאָך האָט ער אַ פּיר געטאָן מיט דער פּאַרוועלקטער האַנט איבער די פייכטע אויגן און שטיל געזאָגט: „איך האָב אַזוי אָפט געטראַכט וועגן דיר, בחורעץ מיינער. דו קומסט גראָד אין דער ריכטיקער צייט, וואָרום איך פיל אַז דער אָוונט פּאַלט צו".

ער האָט זיך טאַקע ניט געניאַרט. מיט פיר חדשים שפּעטער איז ער זאַנפט איינגעשלאָפן אין זיין אַלטן לענשטול. אַ בוך פון זיין באַליבסטן שריי־בער, ווילהעלם ראַאַבע, האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט. ער איז געשטאָרבן אין מיטן לייענען מיט אַ לייכטן, שמערצלאָזן טויט.

דער אַלטער פעטער האָט זיך קיין סך ניט נאָכגעפרעגט, דערפאַר אָבער האָט ער גערנוויליק גערעדט פון אַמאָליקע צייטן. דער זקן האָט אַ סך דורכ־געמאַכט. אָבער דער גרעסטער אומגליק האָט אים געטראָפן ביים סוף פון זיין לעבן. זיין צווייטער זון איז געפאַלן אויפן פראַנצייזישן פראָנט. זיין עלטסטער זון, מיין קוזין יאַקאָב, איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה אַ שווער קראַנקער און איז געשטאָרבן אין אַ קורצער צייט דערנאָך. די מומע דינה האָט נאָך געלעבט. זי איז געגאַנגען באַזוכן איינע פון אירע טעכטער און האָט באַלד געדאַרפט זיין צוריק. עס האָט טאַקע לאַנג ניט געדויערט און מיר האָבן דערהערט ווי זי שטייגט לאַנגזאַם אַרויף די טרעפּ. גאָט מיינער, ווי דיק זי איז געוואָרן! איך האָב זי געקענט נאָך פאַר איר חתונה. דעמאָלט איז זי געווען אַ בילד־שיין מיידל, אַרומגערינגלט מיט אַ סך פאַרערערס. זי האָט זיי אַלע געלאָזט לויפן און אויסגעקליבן מיין פעטער, כאָטש ער איז געווען צום ווינ־ציקסטן מיט אַ יאָר צען עלטער פון איר. ער האָט זי האַרציק ליב געהאַט, זיין דינהן. איך דערמאָן זיך נאָך זייער ערשטע וווינונג אין דער האַל; איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן דאָס בילד ווי ער נעמט זי אַרום פאַרליבט און פאַרציט דאָס ליד: „איין רהיינישעס מעדכען, איין רהיינישער וויין".

וואָס די צייט קאָן נאָר מאַכן פון אַ מענטשן. אומזיסט האָב איך זיך געמיט צו געפינען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן דעם שיינער רהיינלענדערין מיט אָט דער אומגעלומפּערטער, אַלטער פרוי, מיטן פאַרלאָפענעם פנים. ערשט ווען איך האָב זי געהערט לאַכן און זי האָט זיך פריילעך צעפּלוידערט, האָב איך ווידער דערקענט די אַמאָליקע דינה.

אַ גאַנצע וואָך זיינען מיר נאָך פאַרבליבן אין מאַינץ. איך האָב זיך געזען מיט מיין שוועגערין און מיט איר געראָטענעם זון פיליפּ, וואָס איז ענלעך צו מיין פאָטער ווי צוויי טראָפּן וואַסער. איך האָב אויך געזען מיין פּלימעניצע דאָרכען. זי האָט שוין חתונה געהאַט און האָט צוויי קינדער פון צוויי־דריי יאָר. און איך האָב זיך אויך געזען מיט מיינע יוגנט־פריינד לואיס גערטלאָך, יאַן דיעהם, פּאַול מינק און קאַרל בורקהאַרדט. מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אין איינפאַרהויז צור זאַננע. איך האָב מיר עס קוים געקאָנט פאָרשטעלן, אַז מיר האָבן זיך אַזוי לאַנג נישט געזען. די פריילעכע חברה־לייט פון אַמאָליקע

יאָרן, זיינען אַלע געוואָרן אַלטע ייִנגלעך ווי איך, אָבער זיי האָבן אַלע זיך באַנעמען אַזוי ביט־געצוווּנגען, מיט אַזוי פיל צוטרוי, גלייך ווי מיר זאָלן ערשט נעכטן זיך האָבן געזען דאָס לעצטע מאָל.

אַלע זיינען זיי אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. צוויי פון זיי, לואיס גערטלאַך און פּאַול מינק, זיינען געווען מיטגלידער פון דער ערשטער אַנאַרכיסטישער גרופּע, וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געגרינדעט אין מאַינץ, און ס׳איז פאַר מיר געווען אַ באַפרידיקונג פעסטצושטעלן, אַז עס לעבט נאָך אין זיי עפּעס פונעם אַלטן גייסט. עס האָט שוין שאַר׳עט אויף טאָג ווען מיר האָבן זיך צעזעגנט און זיך האַרציק געווּנטשן אויף ווידערזען.

אויפן צווייטן טאָג זיינען מיר געפאָרן קיין אָפּענבאַך אַם מאַין צו זיין אומגעריכטע געסט ביי מיין ברודער פריץ. בעת דער צוג איז לאַנגזאַם גע־פאָרן איבער דער אייזערנער בריק, זיינען מיר ביידע געשטאַנען ביים וואַגאָן־פענצטער און געקוקט אויף די טורעם־שפּיצן און דעכער פון יענער זייט טייך ביז ס׳איז פאַרשווּנדן פון אונדזערע אויגן דער לעצטער רעשט פונעם פּרעכ־טיקן בילד. איך בין געווען גליקלעך ביים געדאַנק אַז איך האָב אויף ס׳ביי געפונען די שטאָט פון מיין יוגנט און באַנייט מיין פאַרבינדונג מיט נאָענטע און טייערע, וואָס איך האָב אין די לאַנגע יאָרן אין דער פרעמד שוין געהאַט כמעט ווי פאַרגעסן.

אין עלטערן־הויז

יעטוועדער מענטש ווערט געבוירן מיט געוויסע נייגונגען, אַ ירושה־פאַרמעגן פון זיינע פאָרעלטערן, וואָס ווערט אים מיטגעגעבן שוין אין וויגל אַריין. אין לויף פון זיין אַנטוויקלונג ווערן אָט די נייגונגען סאָלידער, זיי ווערן דעם מענטשנס ספּעציפישע אייגנשאַפטן, די קווינטעסענץ פון זיין גאַנצן כאַראַקטער. מע דאַרף אײַנגאַנצן פאַרזען אַלע טיפערע מענטשלעכע דערפאַרונגען, כדי צו האַלטן אַז דער מענטש קומט יאַקאָבי אויף דער וועלט ווי אַ ניט־באַשריבענער בויגן־פּאַפּיר און אַז ס׳איז אַ פראַגע פון פורן צופאַל וואָס פאַר אַ ווענדונג זיין לעבן נעמט אָן שפּעטער. אָבער שוין גאָר אויסן וועג איז די מיינונג, אַז דער יחיד איז דורכאויס ניט מער ווי דער טרעגער פון געירשנטע נייגונגען און אַז סע באַווירקט אים ניט, ניט די סביבה, ניט די שטרעמונגען פון דער צייט.

דער מענטש איז פאַר אַלעמען אַ סאָציאַל באַשעפעניש און דער סאָציאַלער סטימול איז איינער פון די וויכטיקסטע פאַראויסזעצונגען פאַר זיין אינדיווידועלן באַוווסטזיין. די אַרומיקע סביבה, די באַציִונג צו זיין מיטמענטשן, די דערציִונג, דער אָפּזאָץ פון באַזונדערע אידייען־ריכטונגען, טראַדיציאָנעלע פאַראורטיילן פון אַ רעליגיעזן, פּאָליטישן אָדער אַלגעמיינעם כאַראַקטער און אַפילו אַנדערע פאַקטאָרן, — ווירקן אומאויפהערלעך אויף אונדזער פערזענלעכן האַנדלען און מאַרקירן אונדזער גאָרע נאַטור. אין פלוג איז אונדזער גאַנצע עקסיסטענץ אַ כסדרדיקער אומבייט פון ווירקונגען מצד די געירשנטע אייגנשאַפטן, אָדער מצד די אויסשטראַלונגען פון דער אַרומיקער סאָציאַלער סביבה. אַפילו אַזאַ איינער וואָס איז פון דער נאַטור דורכאויס קאָנסערוואַטיוו, איז אויך ניט באַוואָרנט צו בלייבן אינגאַנצן אומבאַווירקט פון דער אַרומיקער וועלט און ער מוז דערמיט ווי סע ניט איז שלום מאַכן. וואָלט עס ניט געווען אַזוי, וואָלט בכלל ניט געווען קיין שום גייסטיק לעבן און קיין שום איבערגעשטאַלטונג פון די סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען.

די איינדרוקן פון דער פריִערסטער יוגנט שפּילן דערפאַר אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פונעם איינצלנעם מענטשן.

דאָס טאָר מען בשום אופן ניט אונטערשאַצן, מחמת די איינדרוקן פון די קינדער־יאָרן זיינען תמיד די סאַמע אָנהאַלטעוודיקע; זיי באַווירקן די פאָר־מירונג פונעם כאַראַקטער, בעת די איינגעבוירענע נייגונגען זאָגן אונטער דעם אינדיווידום זיין רעאַגירן אַזוי אָדער אַנדערש אויף זיינע ערשטע איינדרוקן. דערפון טאַקע נעמט זיך דאָס אַלערהאַנט דענקען, פילן און באַנעמען זיך פונעם איינצלנעם אַפילו אין די זעלביקע סאָציאַלע באַדינגונגען. יעדער פרווו צו וועלן אָנהענגען אַ באַשטימטער מענטשן־גרופּע אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער אויפן סמך פון ראַסע, נאַציע אָדער קלאַס, איז דערפאַר ניט מער ווי אַן אַליין־געגנאַרעריי, וואָס האַלט ניט אויס קיין שום טיפערן אַנאַליז.

די ריכטיקייט פון אָט דער דערקענטעניש ווערט פאַר מיר אַלץ קלאָרער און קלאָרער ווען איך טראַכט איצט נאָך וועגן מיין אָפּגעגאַנגענעם וועג אין לעבן. איך האָב פרי געמוזט פאַרלאָזן מיין היים, בין אויסגעוועזן אין אַ שפּאָר ביסל לענדער און מיט פאַרשיידענע מענטשן־גרופּעס צוזאַמען געלעבט, גע־ווירקט, געהאָפט און געקעמפט. איך האָב געטיילט זייער פריידן, אויסגעטראָגן מיט זיי זייערע ליידן און אומעטום האָב איך געפונען פריינד און קעגנער. אַ סך זיינען מיר געוואָרן גאַנץ נאָענט און אינטים. דער פאַקט וואָס מיר זיינען געווען פון פאַרשיידענע אָפּשטאַמונגען און געבוירן געוואָרן אין פאַרשיידענע ערד־טיילן, האָט קיינמאָל צום מינדסטנס זיך ניט אָפּגערופן אויף אונדזערע באַציִונגען. פאַרקערט, דאָס האָט צוגעגעבן דער פריינדשאַפט אַ באַזונדערן רייץ און גורם געווען זי זאָל זיין נאָך וואַרעמער, האַרציקער.

איך האָב מיך קיינמאָל ניט באַטראַכט פאַר בעסער פון אַנדערע. יעדער נאַציאָנאַלע מיסטיק איז מיר געבליבן פונקט אַזוי פרעמד ווי ס׳איז מיר דער ראַסן־שגעון פון יענע באַנומענע פסיכאָפּאַטן, וואָס ראַסן־שנאה איז פאַר זיי דער סוראָגאַט פאַר פעליקע פּערזענלעכקייט־ווערטן. איך האָב אומעטום גע־זוכט צוערשט דעם מענטשן און מיין מיִען זיך איז אין דעם פּרט זעלטן געווען אומזיסט. אין מיין באַציִונג צו מענטשן האָב איך אָבער אויך קיינמאָל ניט געהאַנדלט קעגן מיין אייגענעם ווילן, פון וועגן עפּעס אַ שולד־געפיל. בלויז אַ שווינדלער זאָגט צו מער ווי ער האָט. דאָס מאַכן זיך פאַר „בעסער" ווי מע איז, איז די ערגסטע פון אַלע אַכזריותן. דאָס גייען אויף כוח קעגן דער אייגענער פּערזאָן, איז תמיד אַ צייכן פון כאַראַקטער־שוואַכקייט. זיי ווי דו ביסט און מאַך ביי זיך אָפּ, אַז אַזוי איז אויך דער אַנדערער — דאָס איז די טיפסטע חכמה פון יעדער דאַאיקייט.

ווען איך דערמאָן זיך איצט אין מיינע יוגנט־יאָרן און באַנעם דערביי קלאָר אַ סך זאַכן וואָס זיינען פריִער ניט דערגאַנגען צו מיין באַוווּסטזיין, פיל איך אַז אַפילו היינט נאָך איז אין מיר לעבעדיק אַ סך פון דעם, וואָס שוין אין מיינע קינדער־יאָרן האָט עס געהאַט פאָרעם און פיזיִאָנאָמיע. פאַר מיר איז עס בלויז אַ באַווייז צו וואָס פאַר אַ גראַד די איינדרוקן פון דער יוגנט באַ־איינפלוסן אונדזער גאַנצן שפּעטערדיקן גורל אין לעבן.

**
*

איך בין געבוירן געוואָרן דעם 25סטן מערץ 1873, דאָס צווייטע קינד ביי מיינע עלטערן. מיין פאָטער איז געווען אַ נאָטן־גראַווירער און געאַרבעט לאַנגע יאָרן ביי דער פירמע שאָט און זין אין מאַינץ. ער איז געשטאָרבן ווען איך בין אַלט געווען קנאַפּע פינף יאָר. מיין מוטער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער מאַינצער בירגערשטאַנד־פאַמיליע. אירע עלטערן האָבן אַמאָל געהאַט בעסערע יאָרן, אָבער אין אַ צייט פון אַלגעמיין געשלאָגענע געשעפטן, האָבן זיי אָנגעווירן זייער באַשיידן פאַרמעגן. פון מיין פאָטער זיינען מיר פאַרבליבן בלויז ווינציק, אי דאָס גאַנץ פאַרנעפּלטע זכרונות. ער איז געווען הויך־געוואַקסן, אַ שטאַלטנער מאַנספּאַרשוין, מיט האַלב־בלאָנדע האָר, היפּשער באָרד און גרויסע, בלויע אויגן. איינמאָל אין אַ הייסן זומער־טאָג ווען ער איז אַהיים־געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען גראָד געבראַכט צופירן די באַשטעלטע קוילן פאַרן ווינטער. מיין פאָטער האָט געהאָלפן די אַנלאָדער אַראָפּטראָגן די שווערע זעק אין קעלער אַריין. גאַנץ דערהיצט האָט ער זיך דערנאָך צוגע־כאַפּט צו אַ גלאָז אייז־קאַלטן וואַסער. קורץ דערויף איז ער פאַרשלאָפּט גע־וואָרן אויף אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג, וואָס איז שנעל איבערגעגאַנגען אין אַ גאַלאָפּירנדיקער שווינדזוכט. עלף חדשים שפּעטער איז ער געשטאָרבן אין עלטער פון קנאַפּע פיר־און־דרייסיק יאָר.

מיין מוטער האָט זיך געפּאָרעט אין קיך און איך האָב זיך געשפּילט אין צימער ווו ס׳איז געלעגן מיין קראַנקער פאָטער. פּלוצים האָב איך דערהערט אַ שווער קרעכצן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אויפגעזעצט, אויסגעשטרעקט די האַנט צום קרוג וואַסער און געוואָלט צוטראָגן צום מויל. דער קרוג איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און זיך צעבראָכן. דער קראַנקער איז צוריק אַוועקגעפאַלן אויפן קישן און פאַרדעמפט געכאַרכלט. אויף מיין געשריי איז מיין מוטער אַריין אין צימער. דער דאָקטער איז גלייך געקומען, ס׳איז שוין אָבער געווען נאָך אַלעמען. איך געדענק ווי מיין מוטער האָט אין איר פאַר־צווייפלונג זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך גע־וויין און ווי מיין באָבע און דער פעטער רודאָלף האָבן מיט אַלע זייערע כוחות געפּרוווט זי באַרואיקן.

דערנאָך איז געווען דער טאָג פון דער באַערדיקונג. איך האָב געזען ווי צוויי מענער געקליידט אין שוואַרצן, האָבן אַראָפּגעטראָגן דעם שווערן טויטן־קאַסטן פון די טרעפּ. פאַר דעם טויער איז געשטאַנען דער טויטן־וואָגן, עס זיינען געווען פאַרזאַמלט קרובים און פריינט, וואָס זיינען געקומען באַ־גלייטן מיין פאָטער צו זיין לעצטן רופּלאַץ. ווען עטלעכע פונעם עולם האָבן גענומען זיך אַרומפאַדן ביים אַריינרוקן דעם טויטן־קאַסטן אין וואָגן אַריין, בין איך צוגעשפּרונגען און אויך צוגעלייגט אַ האַנט. די באָבע האָט מיך אויף גיך אַוועקגענומען און מיך אַריינגעפירט צוריק אין שטוב אַריין. דאָס איז בערך אַלץ, וואָס ס׳איז מיר פאַרבליבן אין זכרון פון מיין פאָטער.

מיר זיינען דערנאָך ווייטער געבליבן וווינען אין דער זעלביקער דירה וואָס פריִער אויף דער מינסטער גאַס. מיין ברודער פיליפּ איז געווען עלטער פון מיר מיט פינף יאָר און פריצכן איז געבוירן געוואָרן קנאַפּע צוויי חדשים פאַר מיין פאָטערס טויט. די אַלטע באָבע, מיין מוטערס מוטער, האָט זיך אַריבערגעצויגן צו אונדז, אויך דער פעטער רודאָלף, דער פעטער ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט געוווינט ביי אונדז; ער איז צו יענער צייט נאָך ניט געווען קיין באַווייבטער.

פאַר מיין אומגליקלעכער מוטער זיינען אָנגעקומען שווערע צייטן. דער־נערן דריי קינדער איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. זי איז אָבער געווען אַ פרוי מיט אַ סך מוט און האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך אַדורכצושלאָגן. זי האָט געצויגן חיונה פון נייען העמדער און איינינעם מיט דער באָבען געפירט די שטוב־ווירטשאַפט. זי פלעגט אָפט אַרבעטן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין, באַזונדערס אונטער די גרויסע חגאות. זי האָט אָבער ניט געטראָגן קיין ביטערניש אין האַרצן און איז ניט געווען ברוגז אויף דער וועלט. זי האָט קיינמאָל ניט פאַרפאַסט אַ געלעגנהייט צו פאַרשאַפן די קינדער עפּעס אַ פאַר־געניגן. די קרובים האָבן איר גרייטוויליק אונטערגעשטעלט אַן אַקסל. אין אונ־דזער פאַמיליע האָט געהערשט שלום־בית. ס׳איז גאָרניט שייך געווען עמעצער זאָל זיך זוכן מחלוקת. מיר זיינען געווען אָרעם, אָבער פון קיין נויט האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן ניט געוווּסט. מיר האָבן געהאַט גענוג צו עסן, אונ־דזער אָנטאָן האָט די מוטער אַליין צוגעשניטן און אויפגענייט. ס׳איז ניט געווען גריילעך עלעגאַנט, אָבער אָנגעטאָן זיינען מיר געווען. מיינע שפּיל־חברים זיינען צום מייגסטן אויך ניט געווען בעסער אָנגעטאָן. פאַקטיש האָב איך אין מיינע קינדער־יאָרן זיך ניט אָנגעטראָפן מיט עמעצן וואָס זאָל אויף אַן אמת האָבן געליטן הונגער. פאַר עפּעס אַזוינס איז די שטאָט געווען צו קליין און די מענטשן זיינען געווען צו ענג פאַרבונדן מיטאַנאַנד.

מיין מוטער איז געווען אַ האַרציקע נשמה. זי איז געווען איידל געבויט אָבער שלאַנק, אַ קאָפּ געדיכטע, שוואַרצע האָר און גרויסע, איינדריק־לעכע אויגן. איר שמאָל פּנים איז געווען רעגל׳מעסיק און פיין געשניטן. זי איז געווען דער טיפּ פון אַן עכטער רהיינלענדעריך, מיט אַלע קענצייכנס פון אַן אַלטער קולטור־גרופּע, אַן אַלטגעזעסענער דאָ־הי זינט אַ סך יאָרהונדער־טער. איך האָב זי קיינמאָל ניט געזען אויפגעבראַכט אָדער זי זאָל אויף אַן אמת ווערן אין כעס. קיין שום זאַך האָט ניט געקאָנט צעשטערן איר רואיק געמיט און זי איז תמיד געווען מילד אין אירע מיינונגען וועגן מענטשן און זאַכן. ווען זי איז געזעסן ביי איר אַרבעט, האָט איר קלינגעוודיקע אַלט־שטים אויסגעפילט דאָס צימער און אַז מיר האָבן צומאָל מיטגעזונגען מיט אונדזערע העלע, קינדערישע שטימען, איז עס טאַקע געווען אַ פרייד זיך צוצוהערן. מיין מוטער האָט געקענט אַן אַ שיעור אַלטע פאָלקסלידער און פּרעכטיקע רהיין־באַלאַדן, וואָס זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון ביז אויף היינט. בלויז

אין די ערשטע פאַרחושכטע חדשים נאָך מיין פאָטערס טויט, איז ביי אונדז אין שטוב געווען טרויעריק שטיל און ס'איז פאַראיבער אַ לאַנגע צייט ביז מיר האָבן זי פונסניי געהערט זינגען.

אין דער קירך האָט מיין מוטער קיין פוס ניט אַריינגעשטעלט, כאָטש אויפגעוואַקסן איז זי אין אַ פרום קאַטוילישער שטוב. דאָס איז געווען דער איינפלוס פון איר ברודער, וואָס פאַר אים וואָלט זי געווען גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעבן. אַזוי אַרום האָט אונדז קינדער אויסגעמיטן די פאַטאַלע ווירקונג פון דער קירך און מיר זיינען פטור געווען פון אירע דאָגמעס. פאַר מיין שפּעטערדיקער אַנטוויקלונג איז דאָס געווען אַ גרויס געווינס. שוין נאָך מיין מוטערס טויט האָט דער פעטער רודאָלף מיר דערציילט ווי קורץ פאַר מיינע עלטערנס חתונה, איז אַ קאַטוילישער גלח געקומען צו מיין מוטער אַהיים זי אויסצושטראָפן און וואָרענען קעגן דער זינד חתונה צו האָבן מיט אַ פּראָטעס־טאַנט. מיין מוטער האָט אים דערויף געענטפערט: „איך האָב אים ליב און ליבע איז ניט קיין זינד". ווען דער נשמה־פאַרזאָרגער האָט געזען אַז ער וועט דאָ גאָרניט אויספּועלן, האָט ער געפּרווט אַרויסבאַקומען פון מיין מוטער כאָטשבי דעם צוזאָג, אַז זי וועט אירע קינדער דערציִען קאַטוילישי. ווען ער האָט אויך דערויף באַקומען אַן אויסדריקלעכן „ניין", איז ער אַוועק אָן אַ „גוטן טאָג" און זיך מער קיינמאָל פאַר איר ניט געוויזן.

אַן אויסנעמיקע פרוי איז געווען מיין באָבע. זי איז געווען האַלב בלינד, אָבער שטענדיק אויפגעלייגט און גוט געשטימט. מיטן גאַנצן האַרצן האָט זי געהאָלפן דער מוטער אין דער אַרבעט און ניט געקוקט אויף איר עלטער, איז זי געווען אויסערגעוויינטלעך פלינק און רירעוודיק. די אַלטע איז יעדן זונטיק געגאַנגען אין דער קירך, זי איז אָבער ניט געווען פרום איבער דער מאָס. און אַפילו וועלטלעך געשטימט. ווי די מערסטנס אַלטע פרויען וואָס איך האָב געקענט אין מיינע יונגע יאָרן, איז זי אָבער געווען שרעקלעך אי־בערגלייבעריש. טאָמער האָט זי געהאַט עפּעס אַ חלום, האָט זי ניט גערוט ביז זי איז ניט דערגאַנגען דעם ריכטיקן באַשייד. זי איז געווען אַ מייסטערין צו דערציילן שרעקלעכע מעשיות, אַלץ אַזעלכע וואָס מיט „אונדזער שול־בילדונג" וואָלטן מיר אין חלום אַפילו זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. איינע פון אירע משונה־ווונדערלעכע מעשיות האָט אויף מיר געווירקט באַזונדערס שטאַרק. די אַלטע האָט מיט שטייפן ערנסט דערציילט וועגן דעם, אַז אין דער האַל — אַ פאַרוואָרפן געסל ווו אַפילו בייטאָג זעט מען דאָרטן זעלטן אַ לעבע־דיקן נפש — באַוויזט זיך אין מיטערנאַכט אַ שוואַרץ־געקליידטער מאַן, וואָס שטייגט אַראָפּ די סטעפּאַן־טרעפּ, האַלטנדיק דעם אייגענעם קאָפּ אונטערן אָרעם. איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר אָט די מעשה האָט מיך איינגאַנצן צעי־שרויפט. איינמאָל האָב איך געפרעגט מיין מוטער, צי אַזאַ זאַך קאָן טאַקע מעגלעך זיין. זי האָט מיט אַ שמייכל מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און מיך געפרעגט, צי קאָן איך מיר פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש אָן אַ קאָפּ זאָל

גיין שפּאַצירן. נײן, דאָס האָב איך אויף יעדן פאַל ניט געקאָנט. ווען איך האָב שפּעטער אָפּן אַרויסגעזאָגט דער באָבען מיין צווייפל, האָט זי זיך פאַר־רופן אויף איר אַלטער פריינדין ווידערשטיין, וואָס האָט מיט אירע אייגענע אויגן געזען דעם מענטשן אָן אַ קאָפּ. די באָבע האָט מיר באַשריבן די גרוי־ליקע סצענע מיט אַלע פּיטשעווקעס, אָט ווי זי אַליין וואָלט דערביי האָבן געווען. ווען איר פריינדין האָט אין טויט־שרעק זיך געלאָזט לויפן צו דער ווילעגיס־גאַס, האָט דער פרעמדער אַ שליידער געטאָן זיין קאָפּ אין איר זייט אַריין. דער קאָפּ האָט זיך אַזוי געראָלט ביז צום ווייהערגאַרטן און די גאַנצע צייט געשיט מיט טויטע קללות. די אומגליקלעכע פרוי איז אויפן צווייטן טאָג פאַרשלאָפט געוואָרן מיט אַ שווערער נערוועז־קראַנקייט, וואָס האָט זי שיעור ניט אַריינגעטריבן אין קבר אַריין.

די מעשה האָט מיך אַ לאַנגע צייט ניט אויפגעהערט מאַטערן, און איך האָב באַשלאָסן צו דערגיין צו אַ טאָלק. אין אַ שיינער נאַכט האָב איך זיך אַרויסגעשאַרט פון דער שטוב קיינער זאָל עס ניט באַמערקן און אַוועקגע־שפּרייזט צו דער האַל. ס׳איז דאָרטן געווען שטאָק שטיל ווי אין אַ קבר און מיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויף דער פאַרשטומטער גאַס. דער אַלטער סטעפּאַן־גלאָק האָט אָנגעזאָגט די צוועלפטע שעה. ציטערנדיק האָט דאָס שווע־רע שלאָגן פונעם גלאָק זיך פאַרהאַלטן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. ס׳איז מיר געוואָרן אַביסל קאַלעמוטנע אויף דער נשמה, איך האָב זיך אָבער געהאַלטן שטראַם. פאַרשטעקט אונטער אַ דיקן בוים, האָב איך געוואַרט דע־רויף וואָס סע דאַרף דאָ פּאַסירן. אַ גוטע שעה האָב איך זיך אַזוי ניט אַ ריר געטאָן פונעם אָרט. ווען דער גלאָק האָט ענדלעך אויסגעשלאָגן איינס דעם זייגער און דער קאָפּלאָזער וואַנדערער האָט זיך נאָך אַלץ ניט באַוויזן, האָב איך, אַביסל אַן אַנטוישטער, זיך געלאָזט גיין אַהיים. זינט דעמאָלט בין איך פּטור געוואָרן פון אַלע זאַבאַבאָנעס. פון אייגענער דערפאַרונג האָב איך גע־ווּסט וואָס איך האָב צו האַלטן פון אַזעלכע זאַכן.

פון אַלע אירע איינקלעך בין איך ביי דער באָבען געווען באַזונדערס איינגעבאַקן אין האַרצן. צי דאָס איז געווען דערפאַר וואָס איך בין געווען דער סאַמע פאַרשייטער פון אַלע, ווייס איך ניט, אָבער ניט געקוקט אויף מיינע קונדעסעוואַטע שטיק, האָט זי מיך ניט אָפּגעלאָזט פונעם אויג און מיך געקעכלט ווי אַן איינציק קינד. אַז איך האָב איר צומאָל אונטערגעוואָרפן אַ זשאַבע אין בעט אַריין, אָדער אַוועקגעשטעלט ביי איר אין צימער אַן אויפגע־מאַכט פּודעלע מיט היישעריקן, פלעג איך דערפאַר פון איר קריגן געשלאָגן, ס׳איז אָבער געווען אַן אמת פאַרגעניגן צו באַקומען פון איר שמיצלעך. איך קאָן דאָס זאָגן מיט אַ רואיק געוויסן, ווייל איך בין אויף דעם עסק געווען אַ געניטער מבין. דערביי פלעגט עס איר דערנאָך שטענדיק באַנג טאָן און מיט קליינע מתנות פלעגט זי זיך באַמיִען איינשטעלן פונסניי דעם פריִערדיקן צושטאַנד.

די אַלטע האָט געהאַט ביי אַ האַלב טוץ פריינדינס פון איר עלטער. יעדן דאָנערשטיק נאָכמיטאָג פלעגן זיי זיך צונויפקומען אויף אַ „קאָפע־קרענצל“ ביי אַן אַנדערער פון זיי. איינע פון מיין באָבעס פריינדינס, פרוי דעסוויעס, האָט געהאַלטן אַ געוועלבל פון פוטער און מילך אין דער קאַפּוצינער־גאַס. אַז דער צונויפקום פלעגט אויספאַלן ביי אָט דער פרוי, פלעגט מען דאָרט תמיד דערלאַנגען צום טיש פרעכטיקן שמאַנט מיט צימרינג און אויסגעצייכנטן פיינקוכן. די באָבע האָט געוווּסט ווי איך פּאַסמאַקעווע זיך מיט אַזעלכע לאַקעטקעס און פלעגט מיך פון צייט צו צייט מיטנעמען צו אירע דאָנערשטיקע צונויפקומענישן. איך פלעג מיטגיין מיט איר מיט געמישטע געפילן. דער קאַפע־שמועס פון די אַלטע פרויען איז מיך ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען, אָבער שמאַנט מיט פיינקוכן זיינען פאַר מיר געווען אַ צו שטאַרקער צוצי־כוח, אַז איך זאָל קאָנען ביישטיין דעם נסיון.

אויף איינעם אַזאַ צונויפקום ביי דער פרוי דעסוויעס, ווּהין די באָבע האָט מיך ווידעראַמאָל מיטגענומען, האָב איך ניט ווילנדיק אָנגעמאַכט יענע צרה. איך בין געזעסן ביים קיילעכדיקן טיש צווישן די אַלטע ווייבער. איך האָב שוין געהאַט אַריינגעפּאַקט אַ גרויסן טעלער שמאַנט מיט עטלעכע היפשע רעפטלעך פיינקוכן, אַזוי אַז דער ווייטערדיקער טייל פונעם צונויפקום האָט פאַר מיר אָנגעוווירן יעדן אינטערעס. איך האָב זיך גענודיעט אַ שרעק און פון ניט האָבן וואָס צו טאָן, גענומען געשמאַק שאָקלען מיט די פיס אונטערן טיש. ביז איך האָב ניט ווילנדיק אַ זעץ געטאָן מיט אַ פוס אין טיש־פלאַך פון אונטן. אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק... דער קאַפע־טאָפּ אויפן וואַקלדיקן געשטעל האָט זיך אַ בייג געטאָן און אויסגעפליוכעט אַ גרויסן ברוינעם פלעק אויפן שניי־ווייסן טישטעך.

נו, אָט דאָס הייסט אָפּטאָן אַ פיין שטיקל אַרבעט. איך האָב געפילט ווי סע פאַרפעלט מיר דער אָטעם. שטיל ווי אַ מייזעלע בין איך געבליבן זיצן אויפן אָרט און מיט פלאַטערניש געוואַרט אויפן שטורעם וואָס וועט אָט־אָט זיך צעבושעווען איבער מיין זינדיקן קאָפּ. איך האָב אָבער געוואַרט אומזיסט. די אַלטע פרויען זיינען מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן זיצן מיט פנימער בלייך ווי קרייד. ביז מיין באָבע איז די ערשטע געקומען צו זיך און קוים אַרויסגעשטאַמלט: „דאָס איז אַ שלעכטער סימן. זיכער איז עמעצער געשטאָרבן“.

און ס׳איז אַוועק אַ געפּילדער אויף טיש און אויף בענק. אַלע האָבן אויף אַ מאָל זיך צעגראַגערט. מען האָט ניט געהערט די אייגענע ווערטער. יעדע איינע האָט פעסט געגלייבט אַז ס׳איז אַ פאַרצייכן פון אויבן. מיר אַליין אָבער איז אַ שטיין אַראָפּ פונעם האַרצן. דערצו נאָך בין איך רייכער געוואָרן מיט אַ דערפאַרונג און פון איצט אָן האָב איך מיר געהאַט מיינע אייגענע געדאַנקען יעדער מאָל, ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן סימנים און וואונדיירים ווען איך האָב מיט עטלעכע טעג שפּעטער אויסגעגעבן מיין סוד דעם פעטער

איז ער שיִער ניט אַוועקגעפאַלן פאַר געלעכטער און פאַר לויטער פאַרגעניגן מיר געשענקט אַ גראַצער. אַט אַ וועלט! איך האָב זיך געלאָזט ווילגיין מיט אַ טעלער שמאַנט און עטלעכע נישקשהדיקע שטיקער פיינקוכן, האָב דערפאַר אָפּגעדאַנקט מיט אַ קונדייסקע שפיצל, וואָס ס'איז מיר דערפאַר געקומען אַ גוטע פּאָרציע שמיץ. איך אָבער האָב פאַר דער מעשה גאָר געקראָגן אַ מתנה אַ גאַנצן גראַצער. אויב אַזעלכע זאַכן פירן ניט אַרויף איינעם אויף פילאָסאָפישע געדאַנקען, מעג מען ווען אים באַשטימט זאָגן, אַז דער אַנטדעקער פונעם פולווער איז ער ניט געווען.

פונדעסטוועגן דאַרף מען זיך דורכאויס ניט פאָרשטעלן מיין באָבען ווי אַן עובר־בטלניצע מיט אַ קלעפּקע אין קאָפּ. ניין, זי האָט געהאַט אַ יאָדערדיקגעזונטן שכל און איז געווען זיכער אין איר אורטייל. בלויז דער איבערגלויבן איז געווען איר שוואַכע זייט. איר קלאָרן פאַרשטאַנד קאָן מען בולט אַרויסזען פון אַט דעם עפּיזאָד. אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אַ בחורל אַ ברען, און זיך אַנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָב איך ממש איינגעריסן וועלטן און אַגיטירט יעדן איינעם וואָס איז מיר נאָר געקומען צו דער האַנט. איך בין געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין מיין פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, אַז איך האָב זיך ניט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר מיין באָבעס טיִיול אַליין. און טאַקע, ווי האָב איך עס געקאָנט מאַנקירן מיין אייגענע באָבע? איך האָב מיט איר לאַנג און ברייט איינגעקנעלט מיינע אידייען און איר ביטער פירגעהאַלטן למאי זי לויפט יעדן זונטיק אין דער קירך דער גלח זאָל איר דאָרטן פאַרדולן דעם מוח. די אַלטע האָט מיך רואיק אויסגעהערט און האָט אַפילו געמאַכט אַ פּאָר צושטימיקע באַמערקונגען. ווען איך האָב זי אָבער צום סוף אַ פרעג געטאָן, ווי זי וועט זיך באַגיין אויף ווייטער, האָט זי מיר פאַרזיכטיק דערקלערט: „דאָס אַלץ איז זייער שיין, מיין קינד, און ס'איז גריילעך מעגלעך אַז דו ביסט טאַקע גערעכט אויך, אָבער ס'איז ניט אויסגעשלאָסן אַז דער אַנדערער צד האָט אויך רעכט, וועל איך דערפאַר, פון זיכערקייט וועגן, אויך אויף ווייטער גיין אין דער קירך".

אַ שטראַלנדיקע דערמאָנונג פון מיינע קינדער־יאָרן זיינען די לאַנגע ווינטער־אָוונטן, אין גרויסן דאַך־צימער, ווען די באָבע פלעגט אונדז דערציילן אירע מעשיות. באַלד ווי עס ווערט נאָר פינצטערלעך, קומען מיר אַהיים מיט אונדזערע שליטלעך; אויפן טיש שטייען שוין פאַר אונדז גרייט דאַמפּיקע שיסלען, מיר ליידיקן זיי אויס איינס און צוויי, און זעצן זיך אַוועק מיט דער אַלטער ביי דער גרויסער הרובע, ווו ס'איז וואַרעם און געמיטלעך. אַ קליין נאַפט־לעמפּל באַלייכט נאָר קוים־קוים אַ טייל פונעם צימער, די איבעריקע טיילן בלייבן איינגעהילט אין אַ טיפן שאָטן. די באָבע נעמט אַרויס איר שטריקוואַרג און בעת אירע רירעוודיקע פינגער וואַרפן איבער די אייגלעך, דערציילט זי אונדז אירע וווּנדערלעכע געשיכטן. די גוטע אַלטיטשקע איז געווען אַן אויסגעצייכנטע דערציילערין; צו אירע ווערטער האָט זי תמיד

צוגעלייגט מימיק און זשעסטן. איר אוצר מעשיות האָט זיך גאָר קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט. פון איר האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט די געשיכטע וועגן ראָבינסאָן קרוזאָע, וועגן גוליווערס רייזעס און וועגן גראַף מאָנטע קריסטאָ און זיינע אַוואַנטורעס אין שלאָס איף. אָט די אַלע מעשיות האָבן באַזונדערס באַווירקט מיין קינדערישע פֿאַנטאַזיע.

באַזונדערס אָנגעלייגט איז ביי אונדז געווען דער באָבעס דערציילן וועגן די וויציקע איינפאַלן און להכעיסדיקע זאַקוציעס פונעם רויבער־עלטסטן שינ־דערהאַנעס. דער לוסטיקער אינהאַלט פון אָט די מעשיות האָט אונדז תמיד געמאַכט לאַכן. מיט די שינדערהאַנעס מעשיות האָבן מיר זיך אַזוי פיל אָנ־געהערט, אַז מיר האָבן זיי שוין געקענט אויף אויסווייניק, פונדעסטוועגן פלעגן מיר אָבער אַמאָל און נאָך אַמאָל זיך בעטן ביי דער אַלטער זי זאָל אונדז עפּעס דערציילן וועגן שינדערהאַנעס. די באָבע האָט פאַרשטאַנען בעסער ווי יעדער אַנדערער ווי אונדז צו האַלטן געשפּאַנט און ווי אַרויסצואַרבעטן מיט האַרץ דעם סאַמע עיקר פון אַ מעשה. מיט מיין דעמאָלטיקן אַביסל צו פשוטן לעבנס־באַנעם, האָט מיך באַזונדערס פאַרכאַפּט אָט די שינדערהאַנעס מעשה: אַ רייכע, גייציקע פּויערטע האָט זיך אָנגעבאָטן פאַר איר מילך און אייער אַזאַ הויכן פּרייז, אַז פאַר אָרעמע לייט האָט זיך עס גאָר ניט געשיקט צו קאָנען ביי איר עפּעס קויפן. שינדערהאַנעס האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט. ער האָט מיט זיינע מענטשן געלויערט אין וואַלד אויף דער זשעדנער פּויערטע. ווען זי איז פאַרבייגעקומען מיט דריי פולע טעפּ מיט אייער, איז שינדערהאַנעס אַרויס פון זיין באַהעלטעניש. צוערשט האָט ער פאַר דער שלעכטער פרוי געהאַלטן אַ גאַנצן פּריידיק און זי שאַרף אויסגעמוסרט. אָט דעם טייל פון דער מעשה האָט די באָבע אויסגעשפּילט ממש אַרטיסטיש. נאָך דער פאַרציע מוסר, האָט שינדערהאַנעס צוגעבונדן די פּויערטע צו אַ בוים מיטן פּנים צום שטאַם, האָט באַפוילן זיינע מענטשן איר אַריבערצווואַרפן די קליידער איבערן קאָפּ און די רויבער האָבן זיך אָנגעטאָן דאָס פאַרגעניגן צו באַשיסן מיט די אייער דעם הינטער־חלק פון דער שלעכטהאַרציקער פרוי.

אין מיין יוגנט איז אין פאָלק נאָך געווען היפּש לעבעדיק דער זכרון וועגן שינדערהאַנעס. זיין בילד האָט מען נאָך געקאָנט געפינען אין אַ סך דאָרפישע שטובן און מע האָט נאָך אָפט געזונגען דאָס אַזוי אָנגערופענע שינ־דערהאַנעס ליד: „מענטשן זעט דעם שינדערהאַנעס און זיין גאַנצע רויבער־שייקע". אין מיין ענגערן אַרום האָט מען קוים געקאָנט אָנטרעפן אויף אַ מענטשן וואָס זאָל ניט וויסן עפּעס אַ מעשה וועגן שינדערהאַנעס. דאָס בוך „דאָס לעבן און מוטווילִיקע פירעכצן פונעם רויבער־עלטסטן שינדערהאַנעס" איז געווען איינס פון די פּאָפּולערסטע ביכער אין דער גאַנצער געגנט.

ווען מיר קינדער פלעגן פאַרבייגייין דעם הילצערנעם טורעם, פלעגן מיר מיט רעספּעקט אַרויפקוקן צום פענצטערל מיט קראַטעס אויפן אייבערשטן שטאָק, ווו שינדערהאַנעס איז געזעסן פאַרשפּאַרט, נאָכדעם ווי ער איז אַריינ־

געפאַלן צו די פראַנצויזן אין די הענט אַריין. דאָס זעלביקע געפיל פלעגט אונדז אויך באַהערשן, ווען מיר פלעגן צוקומען אין נייעם גאָרטן צום פלאַץ וואָס דאָס פאָלק האָט אַ נאָמען געגעבן שינדערהאַנעס־פלאַץ, ווייל דאָ האָט מען פאַרשיט אין איין גרוב די געקעפּטע איין־און־צוואַנציק רויבער.

דאָס בלוט פלעגט אין מיר אויפקאָכן יעדער מאָל ווען די באָבע פלעגט פאַר אונדז אָפּשילדערן די שוידערלעכע סצענע פון יענער מאַסן־קעפּונג. דאָס גאַנצע בילד איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן מיט בולטער קלאָרקייט. איך האָב געזען די רויבערס געשמידטע אין קייטן אויף די שווערע וועגע־נער, וואָס שלאָגן זיך דורך לאַנגזאַם אַ וועג דורך דער מאַסע, ווי שינדער־האַנעס גיט צו קוראַזש זיין גרייז־גרויען פאָטער און זיינע חברים אין לייד און פּיין, און דערנאָכדעם, זינגענדיק, שטייגט ער דער לעצטער אַרויף דעם עשאַפאָט. מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם פלעג איך דעמאָלט בלייבן זיצן אויף דער באַנק לעבן דער הרובע און מיט נשמה־ציטער שלינגען דער באָבעס יעדער וואָרט, פּונקט ווי עס וואָלט געגאַנגען די רייד וועגן טויט פון אַ קייסער.

די גליקלעכע קינדער־יאָרן

פון קיין צוואַנג האָבן מיר קינדער ניט געוווּסט: מיר זיינען געווען פרייע פייגעלעך און געוואַקסן ווי אויף הייוון. די שטאָט איז געווען קליין. עס האָט ניט גענומען קיין צוואַנציק מינוט גיין, און מ׳איז שוין געווען פון יענער זייט פונעם פעסטונג־גאַרטל. אין דער אַרומיקער געגנט זיינען געווען עטלעכע הערלעכע וועלדער: דאָס מילער־וועלדל און דער גאָסטנהאָמער וואַלד, ווו מיר פלעגן זומער־צייט אָנגיין מיט אונדזערע שפּילערייען. מיר פלעגן זיך אויך אַוועקלאָזן צום גוסטאַוובורג און דאָרטן זיך באָדן אין מאַין. עס זיינען דאָרט תמיד געשטאַנען פאַראַנקערט טראַטוועס אין לאַנגע רייען. מיר פלעגן זיך געמיטלעך אויסלייגן אויף די קלעצער און זיך בראָטן אויף דער זון. מיר פלעגן דערנאָך כאַפּן דעם אָנבליק פון אינדיאַנער, און אַז מיר פלעגן דערביי שפּילן אין מלחמה און זיך צעלאָזן מיט אונדזערע קריגס־געשרייען און גע־פילדער, האָט מען געקאָנט מיינען אויף אַן אמת, אַז די גליקן פון דער ציווי־ליזאַציע האָבן צו אונדז נאָך נישט דערגרייכט.

ביים גוסטאַוובורג האָב איך זיך אויסגעלערנט שווימען. מיינע שווים־לערער האָבן אָנגעוואַנדן אַ גאַנץ אָריגינעלן מעטאָד: צווייט ווערגעלעצן האָבן מיך, אַ פינף־יאָריקן שנעק, אָנגענומען ווי מע נעמט אַן אַ באַלן, איינער אונטער די אָרעמס, דער אַנדערער ביי די פיס, מע האָט מיך געהאַלטן אין דער לופטן און געציילט: איינס, צוויי דריי — באַץ אין סאַמע טיפן וואַסער אַריין. איך האָב זיך געצאַפּלט אין טויט־שרעק און געמאַכט קולות ביז אין הימל אַריין. ווען איך האָב שוין געהאַלטן אָט־אָט ביים דערטרונקען ווערן, האָבן די צוויי געמיטלעכע בחורים מיך אַרויסגעשלעפּט און מיר אַריינגע־צימבלט אַ רעכטע פאַרציע שמיץ למאי איך האָב ניט געפּרוווט שווימען. אַזוי באַלד ווי איך בין אַביסל געקומען צו זיך, האָט מען אָנגעהויבן די שפּיל פונסניי, ביז איך האָב ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן פּליושקען ווי אַ הונט און דערפילט אַז איך קאָן מיך האַלטן אויפן וואַסער. די געניטונג האָט געהאַט אַ פּעולה, דאָס איבעריקע איז שוין געקומען פון זיך אַליין. איך האָב שפּעטער אויפן זעלביקן אופן אויסגעלערנט שווימען אַ סך יינגלעך און האָב דערביי

פעסטגעשטעלט, אַז מיינע תלמידים איבערגעוואַלד, האָבן זיך אויסגעלערנט די שווים־קונסט אַ סך גיכער ווי אין אַ שווים־שול. הייגט וואָלט איך אַט דעם מעטאָד קיינעם ניט רעקאָמענדירט, ווייל דאָס פאָדערט פונעם שילער שוין אַביסל צופיל. אָבער אויב מע האָט דערביי געהאַט דאָס גליק ניט דער־טרינקען צו ווערן, איז מען גאַנץ זיכער געוואָרן אַ גוטער שווימער.

איטלעכע צייט פון יאָר האָט געבראַכט מיט זיך אירע באַזונדערע שפּילן. אַז דער ליבער פרילינג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועט־שפּילן אין אָפּיצירס־גאָרטן. ס'איז דערביי צו־געגאַנגען גאַנץ לעבעדיק. דערנאָך איז אָנגעקומען די אַזוי אָנגערופענע קלי־קער־צייט, די צייט פון שפּילן מיט הילצערנע באַלנס. אָט די שפּיל איז אויך פאַר דער פאָלקס־ווירטשאַפט געווען ניט אָן אַ געוויסן באַטייט: זי פלעגט צושטעלן די גלעזערס עקסטרע אַרבעט און אַ סך פון אונדזער חברה פלעגן אַריינכאַפּן עקסטרע פּאָרציעס שמיץ, אַזוי אַז שוין גאָר פרי האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן די געזעצן פון אַרבעט־פאַרטיילונג. אין מאַי פלעגן מיר אין די אָוונטן זיך אַוועקלאָזן אין וואַלד אַריין כאַפּן מאַי־זשוקעס. מיר פלעגן זיי שפּעטער אויסבייטן אין שטאָט אויף מעשענע קנעפּ און דערנאָך געווען די אמתע צעלייגערסביים שפּילן אין קנעפּ. אַז ס'איז אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט, האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ געעפנט פּידעלע מיט מאַי־זשוקעס ביי דער באָבען אין צימער ווען זי איז געשלאָפן. וואָס סע האָט זיך שפּעטער אָפּגעטאָן, פאַרשפּאָרט מען האָבן אָן איבעריק רייכע פאַנטאַזיע זיך עס פאָרצושטעלן. קיין מעשענע קנעפּ האָב איך פאַר יענע מאַי־זשוקעס אויף יעדן פאַל ניט באַקומען.

אין הערבסט פלעגט מען זיך אַרומשלאָנדרעווען אויף די אָפּגעשניטענע פעלדער לעבן דער שטאָט, ווו מיר פלעגן לאָזן פליען אונדזערע פּאַפּירענע שלאַנגען. און אָט איז דער ווינטער. פונעם קעלער נעמט מען אַרויף די שליט־לעך, און ס'איז אַ לעבן אויף דער וועלט! מע לאָזט זיך אַראָפּוואַליען געניזוקט צו ווערן פונעם לינזענבאַרג אָדער ביים אַלטן ווינט־מילכל, אָדער מיר פאַר־פירן גאָר אַן אמתע מלחמה מיט שניי־באַלס. באַלד נאָך ניי־יאָר האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צום קאַרנאַוואַל און סע האָט געפלאַקערט די אַרבעט ביים שניצן גראַגערס. די אַלטע שטאָט איז געגאַנגען כאַדראַם, ווען מיר האָבן מאַרשירט דורך די ענגע געסלעך צום טאַקט פון די גראַגערס, און פריילעך איז מען דערביי געווען טאַקע נאָר ווי עס ווערט באַזונגען אין דעם אַלטן ליד אין מאַינצער דיאַלעקט, „פום מעענצער בוב“.

זומער־צייט פלעגן מיר כמעט איטלעכן זונטיק מאַכן אַן אויספלוג. אַזוי ווי מיין מוטער האָט שטענדיק געהאַט אַ סך צו טאָן און זעלטן געקאָנט מיט־קומען מיט אונדז, האָבן די קרובים אונדז גענומען אונטער זייער שוץ און אויף אונדז אַכטונג געגעבן אין וועג. קיין טראַמווייען זיינען דעמאָלט נאָך נישט געווען. אַ סך אָרטשאַפטן האָבן נאָך אַפילו ניט געהאַט קיין אייזנבאַן־

פאַרבינדונג, אַזוי אַז די מיינסטע אויספלוגן האָבן מיר געמאַכט צופוס. מע פלעגט אַרויסגיין מיטן פאַריזער שאָסיי קיין העכטסהיים און מאַריענבאָרן, אָדער פאַזע דעם רהיין מיטן וויזענהאַוו און לאַבענהיים. אַז סע האָט זיך געמאַכט די געלעגנהייט זיינען מיר געפאָרן מיטן פעטער קיין ניערסטיין, צו זיין כלהס עלטערן. פון דאָרט האָבן מיר שפּאַצירט קיין אָפּענהיים און אָפּגע־שטאַט אַ וויזיט אין רואינען פון דער אַלטער לאַנדעסקראָנע. אַן אַנדער מאָל זיינען מיר מיט איינעם פון די קליינע אָרטיקע שיפלעך געפאָרן קיין ביבעריך און פאַרבראַכט דעם טאָג אין דעם הערלעכן שלאָס־פּאַרק. מיר פלעגן אָפט אַרויסגיין פון דער היים שוין אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג און אָוועקוואַנדערן אין די טאַאונוס בערג, כדי אַרויפצושטייגן ביז דער פּלאַטע אָדער דעם גרויסן פעלדבאַרג. צומאָל פלעגן מיר אויך צופאָרן מיט דער באַן צו איינער פון די קליינע סטאַנציעס ביי דער בערגשטראַסע און פון דאָרטן זיך אָוועקלאָזן וואַנדערן אין אָדענוואַלד.

דער שענסטער פון אַלע אויספלוגן איז פאַר אונדז קינדער געווען דער אויספלוג פון גרין־הגא־זונטיק. וואָכנלאַנג פלעגן מיר אויף דעם זונטיק זיך אויסקוקן די אויגן. דאָס פלעגט זיין אַ רייזע מיט איינער פון די גרעסערע דאַמף־שיפן, וואָס האָבן צירקולירט אויפן רהיין. מיר פלעגן אָפּשטיגן אין רהיינגאַאו אָדער אין סעינט גאָאַר. דאָס לאַנגע פאָרן אויפן הערלעכן טייך מיט זיינע ליבלעכע בערג אויףביידע זייטן, די אַלטע שלעסער, וואָס אַרום זיי האָבן זיך אויסגעשפּונט אַזוי פיל אויסטערלישע לעגענדעס און די ראָמאַנ־טישע אַלטע שטעטלעך אויף ביידע ברעגעס, — דאָס אַלץ איז ביי מיר אויפן גאַנצן לעבן פאַרבליבן ווי איינע פון די שענסטע דערמאָנונגען פון מיינע קינדער־יאָרן. צו אָט די יערלעכע אויספלוגן פלעגט געווינטלעך מיט אונדז מיטפאָרן דער פעטער רודאָלף. אַ גרויסער קענער פון אַלע אַלטע רהיינלענ־דישע זאָגעס, האָט ער אונדז געהאַט צו דערציילן וועגן יעדן אָרט וואָס מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן. און וווּנדערשיין איז געווען דאָס אַהיימפאָרן, ווען די לבנה איז געשטאַנען איבער די בערג און באַלויכטן די טיפע וואַסערן מיט אַ פאַנטאַסטיש זילבערנעם שיין. די שטימונג וואָס פלעגט מיך דעמאָלט אי־בערוועלטיקן, איז ניט צו באַשרייבן. איך פלעג בלייבן אָן לשון. עס פלעגט מיר פאָרקומען ווי אומענדלעכע ווייטקייטן וואָלטן זיך געשפּרייט פאַר מיינע אויגן; דאָס שטילע רוישן פון די כוואַליעס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן ווי מוזיק צו אָט דעם גראַנדיעזן בילד. די שיף איז אין אַזעלכע טעג געווען איבערגעפּאַקט מיט אַ פריילעכן עולם. אַלע האָבן זיך געפילט האָפּערדיק, פון קיינעם ניט געשטערט. די אַלטע מעלאָדיעס פון רהיינישע פאָלקסלידער האָבן אָפּגעהילכט אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט און טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזערע יונגע הערצער. היינט נאָך דערמאָן איך זיך מיט שטילער פרייד אין יענע לאַנג־פאַרשוווּנדענע טעג און זיי שימערירן גילדערנע פאַר מיין גייסטיקן בליק.

אין די ווינטערדיקע חדשים פלעגט די גאַנצע פאַמיליע זיך צונויפקומען יעדן זונטיק אויפדערנאַכט אין הויז פון מיין זיידע־באָבע פון מיין פאָטערס זייט. די אַלטע באָבע ראָקער איז געווען אַ הויך־געוואַקסענע, סטאַטעטשנע פרוי, מיט קלוגע, אַביסל שאַלקהאַפטיקע אויגן. ס'איז אויף איר ניט שווער געווען צו דערקענען, אַז וואָס־וואָס נאָר דער שכל איז ביי איר ניט אויסגע־וועפּט. זי האָט פאַרמאָגט אַ דערפרישנדיקן הומאָר. אַז זי פלעגט צומאָל אָט ווי גלאָט אַזוי זיך אָפּזאָגן איינע פון אירע חכמהלעך און דערביי נאָך אַ בלינצל טאָן מיט די אויגן, האָט מען שטעטס געהאַט דאָס געפיל אַז הינטער אירע ווערטער שטעקט נאָך עפּעס מער. ווען די גאַנצע געזעלשאַפט פלעגט פון אירע רייד זיך האַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער, פלעגט זי בלייבן זיצן ווי איינער וואָס קאָן קיין צוויי ניט ציילן און דערביי פאַרציִען אַ מינעלע גלייך ווי דאָס גאַנצע גייט זי גאָרניט אָן.

להיפוך צו מיין צווייטער באָבען, איז מיין פאָטערס מוטער געווען פריי פון יעדן איבערגלויבן. זי האָט תמיד געוווּסט וואָס זי וויל. אַז זי האָט געהאַט פאַר זיך אַ געוויסן ציל, איז ביי איר גאָרניט שייך געווען זי זאָל האָבן קווענק־לעניש און זיך דאַרפן שלאָגן מיט דער דעה. פוסטע חלומות, איינריידעניש־ן יינען איר נאַטור געווען ווילד פרעמד. זי איז מיטביידע פיס געשטאַנען פעסט אין לעבן. יעדער וואָרט וואָס זי האָט אַרויסגערעדט, איז געווען ווי אָפּגעמאָסטן. אין דער פאַמיליע איז די באָבע ראָקער שוין גאָרניט געווען קיין הינקענדיקע שוויגער. אירס אַ וואָרט איז געווען דער לעצטגילטיקער באַשלוס, וואָרן זי האָט זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבן אַ פאַראיבערגייענ־דיקער שטימונג און אירע אַ מיינונג תמיד באַגרינדעט מיט זיכערע באַווייזן. אַז ס'איז אין דער פאַמיליע אויפגעקומען עפּעס אַ קאָנפליקט, האָט זי שטיל אויסגעהערט ביידע צדדים, זיך גוט איבערגעלייגט די מאָטיוון פאַר און קעגן, דערנאָך האָט זי געלאָזן, אָן אַ פינטל צו טאָן מיטן אויג, צו וויסן געגעבן איר שטעלונג. נאָכדעם ווי זי האָט שוין געהאַט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, האָט זי שטעטס נאָך צוגעגעבן: „אַזוי באַנעם איך די זאַך. איצט טוט ווי איר פאַר־שטייט. איר זענט גענוג דערוואַקסן צו קאָנען אַליין אַרויסזען דעם אונטער־שייד צווישן רעכט און אומרעכט".

איינער פון אירע שענסטע כאַראַקטער־שטריכן איז געווען איר טיף איינגעוואָרצלט גפּיל פאַר גערעכטיקייט. זי האָט פּשוט ניט געקאָנט רואיק צוזען די מינדסטע עוולה און האָט זי עפּעס באַטראַכט ווי אַן אמת, האָט זי זיך צוליב דעם געקאָנט איינשטעלן מיט לייב און לעבן. אין דעם פונקט איז זי געווען אַן אמת קעמפערישע נאַטור. ס'איז איר אויך געווען ביז גאָר דער־ווידער יעדער סאָרט באַרעדערײַ און פּליאָטקעס. דערפאַר טאַקע איז זי קיינ־מאָל ניט געגאַנגען צו די „קאַפּע־קרענצלעך" פון די אַלטע ווייבער אין שטאָט. אַדאַנק איר איינגעבוירענער חשיבות און איר פירן שטאָט, האָט די באָבע געהאַט אַ דאָמינירנדיקע ווירקונג אויף דער פאַמיליע. קיינער האָט ניט גע־

צווייפלט אין איר אויפריכטיקייט. דערפאַר טאַקע איז זי געווען אין שטאַנד אויפצוהאַלטן אייניקייט אין דער פאַמיליע, כאָטש זי איז מיט קיינעם ניט אומגעגאַנגען בגראַנדע.

מיין זיידע איז אין זיינע יונגע יאָרן אַפּנים געווען אַ שטאַלטנער מאַנס־פּאַרשוין, אָבער אַ שווערע רעוומאַטישע קראַנקייט האָט אים יאָרן־לאַנג גע־האַלטן צוגעשמידט צום בעט. ווען ער איז לסוף אויפגעקומען פון דער קרענק, איז זיין געשטאַלט פאַרבליבן פאַרקרומט און ער האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ מענטשן מיט אַ ריזיקן האָרב. מיר, קינדער, האָבן אים געקענט נאָר אין אָט דעם צושטאַנד. אין אַלעם איבעריקן איז ער געווען אין בעסטן גע־זונט און ער האָט אַריינגעלעבט ביז אין עלטער פון ניין־און־אַכציק יאָר.

פון באַרוף איז דער זיידע געווען אַ שוסטער. אין זיין וווינונג האָט ער גע־האַט אַ קליינע ווערקשטעל צו פאַרריכטן שיך. זיינע קונדן זיינען מייסטנס געווען אַרבעטער, האַנטווערקער און די דינערשאַפט פון די שכנהשע גאַסן. דערצו האָט דער זיידע אויך צוגעהאָלפן דער באָבען אין דער שטוב־אַרבעט. די אַלטע האָט שטענדיק געהאַלטן איינעם אָדער צוויי קעסט־קינדער און האָט געהאַט צו טאָן איבערן קאָפּ. דער זיידע האָט געהאָלפן זיין פרוי טראָגן די שווערע קאָשיקעס פונעם מאַרק, ער האָט געשיילט קאַרטאָפלעס, געריייניקט דאָס גרינצייג און זי איז געווען פלייסיק ווי אַ בין.

דער שלום־בית ביים אַלטן פּאָרפאָלק איז געווען אָן אַ שפּרענקעלע. ביי מיין באָבען אין הויז איז געווען ליכטיק און ציכטיק כאָטש נעם און שפּיגל זיך. מען האָט דאָרטן קיינמאָל קיין בייז וואָרט נישט געקאָנט הערן. די באָבע איז אָן ספק געווען די שטאַרקערע פּערזענלעכקייט, אָבער אין איר באַציונג צו איר מאַן איז זי קיינמאָל ניט געווען הערשעריש און שטענדיק מיט ליבשאַפט אים געהאַלטן אויפן אויג.

דער זיידע איז געווען אַן אַלטער דעמאָקראַט. פאַר ביסמאַרקס רייך האָט ער קיין שום זכות ניט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך באַטייליקט אין די רע־וואָלוציאָנערע געשעענישן פון 49־1848. אַ באַזונדערע פאַדערונג איז ביי אים פאַרבליבן פאַר די רעדנער פון יענע משוגענע יאָרן, ראָבערט בלום און פריד־ריך העקער; ער האָט זיי תמיד דערמאָנט מיט אַ סך וואַרעמקייט. פאַר דער נייער דייטשער פאַרמאַציע האָט ער קיין גוט וואָרט ניט געהאַט. די „רייכס־איינהייט" האָט ער באַצייכנט ווי אַ קאָנצענטרירונג פון די דייטשע שטאַמען אונטער דער פּרייסישער קאַסקע. ער האָט פעסט געגלייבט אַז דער אומנאַטיר־לעכער מצב קאָן צו קיין גוטס ניט פירן. זיין גרויסע ליבע איז געווען פראַנק־רייך. די אַנעקסיע פון עלזאַס־לאָטרינגען האָט ער באַטראַכט ווי אַן אומגליק פאַר גאַנץ אייראָפּע.

אין מיינע פרי־עיקע קינדער־יאָרן האָבן מיינע זיידע־באָבע געוווינט אויפן קעסטריך. אין זעלביקן הויז איז אויך געווען אַ גרויסאַרטיקער רעסטאָראַן, וווהין עס פלעגט קומען נאָר די אַזוי אָנגערופענע בעסערע געזעלשאַפט. די

דינערשאַפט פונעם רעסטאָראַן, אַ היפּשע צאָל מענער און פרויען, זיינען מייסטנס געווען מיין זיידנס קונדן און פלעגן צומאָל אַריינקומען אין שטוב אַריין אויך סתם אַזוי זיך. איך בין מיט זיי אַלע געווען אויף אַ גוטן פוס און האָב אין זייערע קרייזן אויסגענומען אויף חידושים. ס'איז דערצו געווען אַ גוטער גרונט. איך, דאָס קליינע יינגעלע, האָב געקענט זינגען אָן אַ שיעור אַלטע רהיינלענדישע לידער און דעקלאַמירן שפּאַסיקע געדיכטן אין מאַינצער דיאַלעקט. אָבער פאַר אַלעמען האָב איך געקענט אויסזינגען מיט אַלע פּלי־טערלעך די גאַסן־לידעלעך פון דער אַלטער שטאָט מאַינץ. אָט די לידער האָבן אין אַלגעמיין געהאַט אַ מין באַזונדערן אַראָמאַט און קלאָר און פּשוט זיינען זיי געווען טאַקע נאָר ווי אויף דער האַנט.

יעדער מאָל ווען איך פלעג נאָר אונטערקומען גראָד אין זייערער אַ פרייער שעה, פלעגן אָט די צוגעלאָזטע מענטשן מיך אַריינשלעפּן אין גרויסן צימער פאַר דער דינערשאַפט און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. איך האָב דעקלאַמירט און געזונגען: „דער פויער אין צירק", „ווען האַנעס איז געקומען אויפן הימל", אָדער אויפן פאַרלאַנג פון פּובליקום — דאָס „ליד פון שוסטער בעק" און נאָך אַנדערע קערנדיקע זאַכן פון דער מאַינצער גאַסן־פּאָעזיע. מיינע צוהע־רער האָבן געיאָכצט פאַר אַנטציקונג און ממש פון דער הויט געשפּרונגען פאַר געלעכטער. דאָס הערלעכע ליד „אַדאַם האָט אייער געלייגט זיווע און ע האַלוועס", פלעג איך מוזן איבערזינגען אַ דריי־פיר מאָל נאָכאַנאַנד. איך פלעג דאָס ליד זינגען מיט אַ טויט־ערנסטער מינע און דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן. דער טייל שוואַכער געשלעכט פון מיין אוידיטאָריע פלעגט מיר אָפּשטעקן אַזעלכע פּעטע קושן, אַז מיר פלעגט פאַרפעלן דער אָטעם. ענדיקן פלעגט זיך עס דערמיט וואָס איך פלעג אַוועקגיין פון דאָרט מיט פולע קעשענעס מיט גראַצערס און שווער באַלאָדן מיט שטיקער טאָרט, פיינקוכן און אַנדערע נאַשערייען. צו פאַסכע האָב איך תמיד באַקומען פון מיינע באַוווּנדערער אַ גאַנצן הויפן העל־געפאַרבטע אייער און קיין איינער פון זיי האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיך צו דערפרייען צו קריסטמעס מיט עפּעס אַ געשענק. איך קען זאָגן רואיק, אַז מיין ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרע־טונג איז ביי מיר פאַרבונדן מיט אָן אַ שיעור זיסע דערמאָנונגען.

די באַציִונגען צווישן מיר און מיינע ברידער זיינען געווען זייער פאַרשיידן. אין מיינע אייגנטלעכע קינדער־יאָרן בין איך מיטן עלטערן ברודער פיליפּ קיינמאָל ניט געווען רעכט נאָענט. פאַסירט האָט עס דערפאַר וואָס מיר זאָלן ניט האָבן געקאָנט הויזן מיטאַנאַנד, נאָר גאַנץ פּשוט, ער איז געווען מיט פינף יאָר עלטער פון מיר. אין די קינדער־יאָרן שפּילן פינף יאָר אַ גרויסע ראָלע. אַז איך האָב אָקערשט אָנגעהויבן אונטערוואַקסן, איז פיליפּ שוין געווען פאַר־טאָן אין אַפולע ענינים, וואָס איך האָב פאַר זיי נאָך ניט געקאָנט האָבן קיין שום אינטערעס.זיינע חברים זיינען געווען יינגלעך אין זיין עלטער, וואָס זיי־נען אין אַלץ געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אונדז, דער קלענערער חברה,

און שטעטס אונדז באַהאַנדלט מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג. אַז סע האָט זיי אויסגעפּעלט צום רומל, פּלעגן זיי מיט אונדז אַ טרייב טאָן קאַטאָוועס און אונדז אונטערהיצן צו אַלערליי קונדייסקע שטיק. ווייטער פון דעם זיינען די באַציִונגען צווישן די גרויסע און קליינע ניט געגאַנגען. און אַזוי איז פיליפּ פאַרבליבן פאַר מיר דער גרויסער ברודער, וואָס איז שוין געווען פאַררעכנט אין דער קאַטעגאָריע פון דערוואַקסענע. מיינע קליינע חברים פלעג איך אַפילו צומאָל טשאַקען אויף זיין חשבון: „איך און מיין ברודער פיליפּ"; דאָ און דאָרטן פלעג איך טאַקע אויסניצן זיין הילף אין מיינע טעגלעכע האַמפּערנישן מיט אַנדערע יינגלעך, אָבער ווערן מיט אים קנעפּל בקנעפּל — דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געקאָנט דערגרייכן.

שוין דאָס אַליין האָט געמוזט פירן דערצו, אַז די באַציִונגען צווישן מיר און מיין ברודער פריץ זאָלן זיך געשטאַלטיקן ניט אין פאַרגלייך האַרציקער, אינטימער. פריץ איז געווען מיט פינף יאָר יונגער פון מיר, און פאַרט האָט אין דעם פאַל דער אונטערשייד אין עלטער ניט געקאָנט זיין קיין שטער פאַר אונדזער נאָענטקייט. פריצעלע איז אין זיין פריִער קינדהייט געווען אַן אומגליקלעך באַשעפעניש. ער איז געבוירן געוואָרן ווען מיין פאָטער איז שוין געווען געשטעמפּלט מיט זיין נאָענטן סוף, און דאָס קינד איז געקומען אויף דער וועלט אַ שוואַך עופעלע. מיין מוטער האָט זיך מיט אים אַ סך אָנגעליטן. ווען ער איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צוויי, האָט ער אָנגעהויבן ליידן פון אַ שווערער אויגן־קראַנקייט און עס האָט אים ניט געפעלט קיין סך אינגאַנצן בלינד צו ווערן. מיין מוטער איז מיט אים אויסגעווען ביי פאַרשיידענע דאָקטוירים, אָבער די קראַנקייט האָט געהאַלטן אין איין פאַרערגערן זיך. מיין מוטער האָט גענומען דאָס קינד קיין פראַנקפורט צו אַ באַרימטן אויגן־ספּעציאַליסט. ער האָט געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי דעם קראַנקן צו באַהאַנדלען און דערביי געוואָרנט, אַז אַן ענדערונג צום בעסערן וועט זיך געבן צו פילן ערשט ווען דאָס קינד וועט אַלט ווערן פיר־פינף יאָר, דערנאָך וועט די קראַנקייט לאַנגזאַם פאַרשווינדן.

דאָס קליינע יאַטל האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע צייט. ער האָט קוים־קוים געקאָנט זען נאָענט צו די אויגן, אי דאָס אין אַ פאַרשוואומענער פאָרעם. אונדזער אַרומלויפן און שפּילערייען האָט ער ניט געקאָנט מיטמאַכן. מייסטנס איז ער געזעסן אין דער גרויסער שטוב אָדער אין דרויסן אויפן הויף און זיך געשפּילט מיט זיך אַליין. מיין מוטער האָט צו יעדער צייט געהאַט צו טאָן איבערן קאָפּ, און אויף מיין עלטערן ברודער און אויף מיר איז אויסגעפאַלן די עובדה אַרויסצופירן דאָס קליינע ברידערל ביי אַ שיינעם וועטער אויף דער פרישער לופט. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר ער האָט ליבערשט געהאַט מיין געזעלשאַפט, אפשר דערפאַר וואָס איך בין געווען דער יונגערער און מיט מיר האָט ער זיך געפילט היימישער. ביסלעכווייז בין איך אַזוי אַרום געוואָרן זיין איינציקער שומר און ער האָט זיך דערביי געפילט גאָר ניט

שלעכט. איך האָב געהאַט איינזען מיטן געפלאָגטן שנעק און האָב מיך צו־געווינט צו דער ראָלע פון אַ באַשיצער. מיר זיינען געשלאָפן אין איין בעט און אַז איך האָב צומאָל אַהיימגעבראַכט עפּעס אַ נאַשעריי, האָב איך זיך מיט אים ערלעך געטיילט. ער האָט מיר דערפאַר אַרויסגעוויזן אַ רירנדיקע צוגע־בונדנקייט און איז געווען אינגאַנצן אונטער מיין איינפלוס.

ווי דער דאָקטאָר האָט פאָראויסגעזאָגט אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. צו פיר יאָר האָט פּריצעלע אָנגעהויבן אויפגעריכט ווערן. ס'איז אים ליכטיקער גע־וואָרן פאַר די אויגן. מיין מוטער איז געווען איבערגליקלעך. מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער אינגאַנצן איבערגעקומען זיין אויגן־קראַנקייט, חוץ וואָס סע זיינען אים פאַרבליבן אויף תמיד עטלעכע קליינע פלעקן אויף די אויגן.

אין די יאָרן פון זיין קראַנקייט האָט אונדזערביידנס פאַרהאַלטן זיך צו־אַנאַנד זיך אַזוי אויסגעפורעמט, אַז דער קליינער האָט שוין אָן מיר קיין טריט ניט געוואָלט מאַכן. קיין חברים אין זייך עלטער האָט ער איבער זיין קראַנ־קייט ניט געהאַט און נאָך זיין גענעזן ווערן האָט ער ערשטע רעכט זיך צוגע־לאָנטשעט צו מיר. אַזוי אַרום איז פּריצל שטעטס געווען מיט אונדז עלטערע יינגלעך און אַלע האָבן אים גערנווויליק פאַרטראָגן. וואָרן דער קליינער האָט געהאַט אַ מעלה, וואָס מיר אַלע האָבן געוווּסט איר הויכן ווערט; ביי אים איז געווען שאַ קיטש! ער האָט געקאָנט, ווי זעלטן ווער, האַלטן די צונג. פאַר פּריצלען האָבן מיר זיך ניט געדאַרפט היטן, ער האָט געוווּסט פון אונדזערע אַלע סודות. אַז סע האָט זיך געמאַכט חברה האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ קונדייסקע שטיקל און דער פאַרדאַכט איז געפאַלן אויף אונדז, האָט מען פאַרשטייט זיך דעם ערשטן גענומען פּריצלען אויפן צימבל, האָט ער אין אַזאַ פאַל געמאַכט אַ פּנים ווי ער וואָלט קיין צוויי ניט קאָנען ציילן. אַז מע איז צו אים צוגע־שטאַנען אַביסל שטאַרקער, האָט ער אויסגעבראָכן מיט אַזאַ געיאָמער, אַז מע איז שוין גערן געווען אים לאָזן צו רו. אויסגעבן עפּעס אָדער עמעצן — דאָס האָט ביי אים קיינמאָל ניט פּאַסירט.

פונדעסטוועגן איז אָט דאָס פּיצינקע פאַרשווינדל געווען אַ שעלמאַק איי־נער אין דער וועלט. ער האָט זיך צוגעוווינט דערצו, אַז איך און מיינע חברים זאָלן זיך פאַר אים איינשטעלן און ער האָט ביי זיך געפּועלט, אַז ער קאָן אָן גרויסער ריזיקע אַרייננבאַקומען פאַר זיך זאַכן וואָס געהערן צו אַנדערע יינג־לעך, ניט פון אונדזער קרייז. וואָס מע זאָל ניט זאָגן וועגן פּריצלס איינפאַל, אָבער נוצן קאָן מען דערפון זיכער האָבן. דער חברה מאַן האָט זיך אויסגעאַר־בעט אַ דורכגעטריבענעם פּלאַן. אַז ער האָט געזען אַ קאָמפּאַניע יינגלעך זיך שפּילן, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט לעבן זייערע טאַשן מיט שפּיל־באַלן, קנעפּלעך אָדער קאַשטאַנען, וואָס זיי האָבן נעבנביי אָפּגעלייגט אָן איבער־טראַכטן. דער קליינער שעלמע פלעגט צוערשט זיך מאַכן ווי ער וואָלט כלו־מרשט זיך צוגעקוקט צום שפּילן, דערביי האָט ער זיך גוט אַרומגעקוקט, צי איך מיט מיינע חברים געפינען זיך ניט צו ווייט פון יענעם פּלאַץ. ווען ער

האָט געהאַלטן אַז דער מאָמענט איז גינציק, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַלץ וואָס זיינע קליינע הענטלעך האָבן נאָר געקאָנט אויפהייבן און טשוואַליאָם זיך געלאָזט לויפן; דערביי האָט ער מיט אַלע כוחות זיך געריסן אויפן העלדזל: „רודי, העלף! די שלעכטע בואַווע וואָלע מיך האַאוע!" אַז מיר האָבן געהערט פריצלען געוואַלדעווען, האָבן מיר אַלע זיך אַ לאָז געטאָן אים העלפן, און אין דער צייט וואָס מיר האָבן אומגעביטן שלאָגנדיקע באַווייזן מיט דער אַזוי מיאוס באַראַבעוועטער חברה, האָט דער קליינער רויבער דערוויילי באַוויזן צו פאַרשטעקן זיין גזילה ערגעץ אין אַ זיכערן לאָך.

פריצל האָט נאָך פאַרמאָגט אויך אַ ריי אַנדערע גאָר וואַזשנע מידות, ממש אים מקנא צו זיין. דערביי דאַרף איך אויף יעדן פאַל ניט פאַרשווייגן דעם פאַקט אַז אַ סך האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען מיין גוטער דערציִונג. וואָס אַן אמת, אַ תלמיד איז ער געוועזן זייער אַ גוטער. ווען איך פלעג אים נאָך אַ האַלב־בלינדן דאַרפן פירן אויף דער גאַס און מיר פלעגן זיך אָנטרעפן מיט אַנדערע יִינגלעך, פלעג איך זיך נעמען באַרימען מיט מיין ברודערל: „ער איז אַזאַ גוטער, אַז מע קאָן רואיק אים אַריינשטעקן אַ פינגער אין מויל אַריין און ער וועט ניט בייסן." חברה ווייזן ניט אַרויס קיין איבעריקן צוטרוי צום „גוטן יִינגעלע" און זאָגן אָפן אַרויס זייערע ספקות. נו, פויל איך זיך ניט און באַווייז אויף דער פראַקטיק אַז איך זאָג דעם ריינעם אמת. איך שטעק אַריין פריצלען אין מויל אַריין מיין ווייזפינגער, וואָס איז ווי אַ כלל געווען ניט גראָד שטאַרק ריין. פריצל פאַרהייבט צום הימל זיינע האַלב־בלינדע אויגן און כאַפּט דעם אָנבליק טאַקע נאָר פון אַן אומשולדיק לעמעלע. איז עמעצער פון דער חברה געווען אַזוי ניט געוואָרנט און נאָכגעטאָן מיין ביישפיל, איז געווען אַז אָך און ווי צו זיינע יאָרן. ממש ווי אַ וואָלף האָט דער קליינער זיך איינגעביסן אין פרעמדן פינגער און ניט אָפּגעלאָזט ביז ער האָט פון מיר ניט באַקומען דעם אָפּגערעדטן צייכן. אַז איך האָב אים דערנאָך געלויבט און געזאָגט אַז ער האָט עס גוט געמאַכט, איז מיין גוטער תלמיד געווען שטאָלץ ביי זיך ווי אַ שפּאַניער און מיר פאַרזיכערט, אַז אַ צווייט מאָל וועט ער זיך איינבייסן נאָך שטאַרקער. אין דער אמתן אָבער איז דאָס קליינע יאַטל געווען אַ האַרציק קינד און ער האָט קיינמאָל ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט צו פאַרשאַפן זיין עלטערן ברודער עפּעס אַ פאַרגעניגן.

אַזוי איז צווישן אונדז ביידע אויפגעקומען אַן אויפריכטיקע אינטימע באַציִונג. מיר זיינען געווען צוגעבונדן איינער צום צווייטן מיט לייב און לעבן. פריצל האָט געוווסט פון אַלע מיינע סודות און קונדייסקע שטיקלעך, אַז ער האָט צו מיר אַרויפגעקוקט ווי צו אַ האַלבן גאָט. ער האָט פעסט געגלייבט אַז איך האָב אַ שטערן אין הימל און איז געווען דער ערשטער וואָס איז געווען טיף איבערצייגט דערפון, אַז עס שטייט מיר פאָר אויפצוטאָן גרויסע זאַכן.

מיינע שול־יאָרן

אַלעמאָל ווען מיר איז אויסגעקומען זיך אָנטרעפן מיט מענטשן פון מיין עלטער, וואָס האָבן גערנווייליק דערמאָנט די גוטע צייטן פון זייערע שול־יאָרן, איז עס פאַר מיר געווען עלעהיי זיי וואָלטן גערעדט טערקיש. געוויס, אויך ביי מיר זיינען די שול־יאָרן פאַרבונדן מיט אַ סך שיינע איבערלעבונגען, אָבער אַלדאָסדינג האָט געהאַט צו טאָן ניט מיט דער שול, נאָר מיט דער היים, מיטן דרויסן. די שול גופא איז מיר אין מיינע קינדער־יאָרן געווען פאַרמיאוסט אַ שרעק. אַז סע האָט זיך מיר נאָר אונטערגערוקט אַ געלעגנהייט זיך אַרויסצודרייען פונעם לערנען, איז עס פאַר מיר געווען אַן אמתער יום־טוב. איך מוז דאָ צוגעבן אַז זינט דעמאָלט איז די פּעדאַגאָגיק ווייט אַוועק פאָראויס און אַז דער היינטיקער צוגאַנג צום קינד בכלל איז הימל־ווייט פון דעם וואָס ס'איז געווען אַמאָל. אין מיינע קינדער־יאָרן איז די שול — אַזוי ווי איך האָב זי באַקומען צו פילן אויפן אייגענעם לייב — געווען אַ ווישטער דרעסיר־ אַנשטאַלט; ביי אַ קינד מיט טעמפּעראַמענט און מיט נייגונגען צו אַ זעלבשטענדיקן כאַראַקטער, האָט יענע שול געמוזט אַרויסרופן בלויז אַ פאַרביסענע ווידערשפעניקייט. בין איך טאַקע במשך מיין גאַנצער שול־צייט געווען אַ שלעכטער שילער, וואָס האָט זיינע לערער קיין נחת־רוח ניט פאַר־שאַפט.

דאָס האָט פּאַסירט ניט דערפאַר וואָס איך זאָל האָבן געהאַט אַ שווערערן קאָפּ ווי מיינע אַנדערע שול־חברים. פאַרקערט, פאַר מיין עלטער בין איך געווען זייער אַן אויפגעוועקט יינגל, מיט אַן אויסגעצייכנטן זכרון דערצו; זאַכן וואָס אַנדערע קינדער האָבן אויף זיי זיך געדאַרפט שווער ברעכן דעם קאָפּ, האָב איך אויפגענומען שפּילעוודיק, און אָט דאָס טאַקע איז געווען מיין גרויסער אומגליק: אַלץ וואָס דער לערער האָט פירגעטראָגן, האָב איך שוין געוווּסט פון פריער, און די לעקציעס האָבן ביי מיר ניט געקאָנט אַרויסרופן קיין שום אינטערעס. אין קלאַס זיינען מיר געווען געוויינטלעך ביי אַ פופציק אָדער זעכציק שילער. בשעת דער לערער האָט געהאַקט האָלץ מיט די מינער־פעאיקע שילער און זיך געפּלייסט אַריינקלאַפּן זיי אין קאָפּ אַריין די פּאַרגע־

שריבענע קענטענישן, האָב איך זיך היפשלעך געלאַנגווייליקט. אַ ייִנגל אַ ברען, מיט קוועקזילבער אין געזעס, ווי מע האָט מיך אויף אַ בילדערישן אופן אָפּטאַקסירט אינדערהיים, פלעג איך מיר פאַרטרייבן די צייט מיט אָפּטאָן אַלערהאַנט קונדייסקע שטיקלעך. צום לערערס רייד האָב איך זיך צוגעהערט נאָר אַמאָל פאַר אַ נאָווינע. עפּטערס האָבן מיינע געדאַנקען מיך פאַרטראָגן העט ווייט און דער קאָפּ איז מיר געליגן ביי זאַכן, וואָס האָבן ווינציק־וואָס געהאַט צו טאָן מיטן לערן־קורס פון מיינע דערציִער.

אַז דער לערער פלעגט מיך דערטאַפּן ביי עפּעס אַ מיאוס שטיקל אַרבעט, אָדער פלוצים מיך אַ פרעג טאָן וועגן וואָס ער האָט אָקערשט גערעדט, האָט דאָס שטעטס געמוזט פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע, דאָס הייסט, איך האָב אַריינ־געקראָגן די אומפאַרמיידלעכע קלעפּ; איך קאָן אָבער ניט באַהויפּטן אַז דאָס זאָל מיך האָבן אַרויסגעפירט אויפן רעכטפאַרטיקן וועג. גאַנץ פשוט, איך האָב זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צו דער פאַטאַליסטישער פעסטשטעלונג, אַז כדי איך זאָל ווערן אַ מענטש, זיינען קלעפּ און שמיץ אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אָפּגעהאַרטעוועט ווי מיט אַ רינאָצעראָס־פעל און פלעג אויפנעמען די טעגלעכע פאַרציע קלעפּ מיט דער פילאָסאָפישער רואיקייט פון אַ סטאָאישן בעל־חכם, וואָס דאָס לעבן קאָן אים שוין ניט גענאַרן מיט גאָרניט. אָפּט זיינען די שמיץ אַפילו געווען פאַר מיר ווי אַ מין דערליי־זונג, פאַרט אַ שטיקל אָפּבייט אין דער אייביקער איינטאָניקייט.

איך בין אַלט געוואָרן עפּעס מער פון זעקס יאָר ווען מיין מוטער האָט מיך צום ערשטן מאָל געבערענגט צופירן אין דער שול אין אַלטן קאַרמעליטן־קלויסטער. היינט נאָך דערמאָן איך זיך מיינע געמישטע געפילן אין יענעם מאָמענט. דאָס וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט וועגן דער שול פון עלטערע ייִנגלעך, האָט זיך שוין גאָרניט געפּאָרט מיט האָפערדיקע דערוואַרטונגען. פונדעסטוועגן איז דאָס ערשטע שול־יאָר ווייט ניט געווען פאַר מיר די גרעס־טע אָפּקומעניש. לערער מונק איז געווען אַ געמיטלעכער אַלטער הער, מיט אַ היפשער, גרויער באָרד און לוסטיק בלינצלענדיקע אויגן; ער האָט פאַר־שטאַנען צו טרייבן שפּאָס און האָט ניט דווקא ביי יעדער געלעגנהייט געלאָזט אין גאַנג דעם שפּאַנישן קאַנטשיק. מע האָט אים שפּעטער אָפּגעזאָגט פון זיין אַמט, מן הסתם דערפאַר וואָס די עדוקאַציע איז אין זיין קלאַס ווייט ניט געווען מיטן קנאַק. דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים ווינציק־וואָס געהאַט צו פאַרדאַנקען. לייענען האָט מיך אויסגעלערנט דער פעטער רודאָלף. איך האָב שוין געקענט נאָכמאָלן דעם אַלפאַבעט און אַביסל רעכענען, אַזוי אַז איך בין געווען מער־ווייניקער אויסגעריכטעט פאַר דער זעט פון אונדזער שול־חכמה. דאָס ערשטע יאָר אין שול איז פאַר מיר אָפּגעלאָפן כמעט אָן רייבונגען און האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום טיפערע שפּורן.

פונקט דער היפּוך איז פאַר מיר אויסגעפאַלן דאָס צווייטע שול־יאָר, וואָס האָט זיך שפּעטער טאַקע אַרויסגעשטעלט צו זיין דער ערגסטער צייט־אָפּשניט

פון אַלע מיינע שול־יאָרן. איינעם מיט אַ טייל פון מיינע ערשטע שול־חברים, האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין דער נייער שול־געביידע אין גאַרטענפעלד. ווען מע האָט אונדז צו וויסן געגעבן אַז אין קומענדיקן שול־יאָר וועט מיט אונדז לערנען דער לערער בעקער, איז אונדז אַלעמען געוואָרן זייער אַנגעזאָלצן אויפן האַרצן. לערער בעקער האָט ביי דער שול־יוגנט געהאַט זייער אַ שלעכטן שם און מע האָט אים אַנדערש ניט גערופן ווי נאָר פּרייסן־בעקער. „בעסער פינף יאָר אין גיהנום איידער צו זיין איין יאָר אַ שילער אין פּרייסן־בעקערס קלאַס", אָט דאָס געפליגלטע וואָרט איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן פון די עלטערע יינגלעך. פאַקטיש איז דאָס נייע שול־יאָר טאַקע געוואָרן אַ יאָר פון שווערע ליידן און געבראָטענע צרות.

אַ קוק צו טאָן אויף אים, איז אונדזער נייער לערער געווען אַן עלעגאַנטער מאַנספּאַרשוין. הויך געוואַקסן, האַלב־בלאָנדע, לייכט געקרייזלטע האָר און גרויסע, בלויע אָבער קאַלטע אויגן. פאַר די היינטצייטיקע ראַסן־אַלכעמיסטן, וואָלט אַזאַ איינער געקאָנט דינען ווי אַ מאָדעל פון דער „נאָרדישער וווּנדער־ראַסע". אָט דער שיינער פּאַרשוין איז געווען אַ מיאוסער נפש, אַ פּעדאַגאָג אַ שלעגער אין סאַמע פּשוטסטן זין פון אָט דעם וואָרט, אַ ריכטיקער סאַדיסט, וואָס האָט ממש אַנגעקוואָלן, ווען ער האָט זיך געקאָנט אָנזעטיקן מיט די געבראָטענע לייד פון זיינע קליינע, הילפלאָזע קרבנות.

אין זיין שראַנק האָט פּרייסן־בעקער געהאַט אַ גאַנצע קאָלעקציע שטעקנס און יעדער פון זיי האָט ביי אים געהאַט אַ ספּעציעלן נאָמען: נוס־קנאַקער, פּרייסן־שטאָלץ, דער הייליקער יאָזעף, גאָטס ברכה, פעלדפעבל אאַ״וו. איך האָב זיך מיט זיי באַקאַנט לויט דער ריי נאָך און קאָן עדות זאָגן, אַז דער ביסמאַרק האָט געהאַט אַ גאַנץ אויסנעמיקע חזקה אויף אונדזערע הענט און רוקנס. אַז איינער פון אונדז האָט געדאַרפט קריגן קייל, האָט ער געמוזט מיט די אייגענע הענט אַרויסנעמען דעם באַשטימטן שטעקן פונעם שראַנק. בעקער האָט קאָמאַנדירט: „ברענג מיר אַהער דעם ווינטמילער אָדער, דערלאַנג מיר דעם אַלטן פריץ.

ער האָט זיך ניט צופרידן געשטעלט בלויז מיט שלאָגן אונדז מיטן שטעקן איבער די הענט אָדער באַאַרבעטן דעם געזעס. ניין, ער האָט דערצו נאָך צוגעטראָגן אַ היפּשע צאָל שמערצפולע מיטלען, וואָס האָבן אונדז געזאָלט מאַכן פילן ווי עס באַדאַרף צו זיין די גאַנצע קונסט פון זיין דערציִונג־סיסטעם. איינער פון זיינע באַליבסטע איינפאַלן איז געווען דאָס באַפעלן זיין קרבן ער זאָל פעסט צונויפדריקן די פינף פינגער־שפּיצן און אַזוי האַלטן די האַנט אין דער לופטן. אין אַזאַ פּאָזיציע האָט בעקער אַ קנאַל געטאָן מיטן שטעקן מיטן גאַנצן כוח און אַפילו איבערגעחזרט עטלעכע מאָל די ווילדע זאַקוציע. דער קליינער מאַרטירער האָט דערנאָך לאַנגע שעהן געפילט אַ ברענענדיקן ווייטאָג, באַזונדערס אין ווינטער, ווען מיר פלעגן קומען אין קלאַס מיט שטייף־

געפרווירענע פינגער. זיינער אַ צווייטער פּאַרטל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט איינעם פון אונדז, בידנע שעפעלעך, אַרויפלייגן אויפן קאָפּ דעם קנייכל פון זיין מיטלסטן פינגער און לאַנגזאַם אַזוי דרייען אַהער און אַהין. ווער סע האָט דאָס פאַרזוכט איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

אָט דער אוממענטש האָט געשלאָגן דעם גאַנצן טאָג און אָפּט אויך אָן שום אויסרייד. אַז איינער פון אונדז האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ שטיקל און בעקער האָט ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען ווער ס'איז דער שולדיקער, האָט ער דער ריי נאָך אויסגעהרגעט דעם גאַנצן קלאַס, מיטן אויסנעם פון אַ פּאָר קריכער, וואָס זיינען געווען זיינע ליבלינגס, זיינע צוטראָגער וועגן אַלץ וואָס סע טוט זיך אין קלאַס. באַזונדערס פאַרהאַסט איז אים געווען אונדזער דיאַ־לעקט. אַז אין דער שול האָבן מיר געמוזט רעדן הויכדייטש, דאָס איז געווען אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט. ער האָט אונדז אָבער געוואָלט צווינגען מיר זאָלן אויך אויף דער גאַס מיטאַנאַנד ניט רעדן אונדזער מאַינצער דייטש, און דאָס איז פאַרשטייט זיך ניט מעגלעך געווען. ער האָט עס געדאַרפט אַליין איינזען, אָבער ניט געקוקט דערויף האָט ער שטרענג באַשטראָפט יעדן איינעם, וואָס האָט ניט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל.

די לערן־מעטאָדע פון אָט דעם מוסטער־פּעדאַגאָג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שילער האָבן געמוזט איבערחזרן און קענען אויף אויסווייניק איינע און די זעלביקע אויסגעדראָשענע פאָרמולעס. פאַר דער מינדסטער אָפּ־וויכונג, איז מען געוואָרן אַכזריותדיק באַשטראָפט. איינמאָל בין איך געשטאַ־נען ביי דער גרויסער טאָוול און אויסגעפירט אָן אויפגאַבע אין חשבונען. ביי אַזאַ אָפּעראַציע האָט מען געדאַרפט אַרויסזאָגן אויף אַ קול יעדן טייל פון דער געניטונג. פּלוצים האָב איך באַקומען אַ כמאַליע איבערן רוקן, אַז ס'איז מיר טונקל געוואָרן פאַר די אויגן. „נאָך אַמאָל!" האָט געברילט מיין פּייניקער. איך האָב איבערגעחזרט אויף דער טאָוול: — זעקס מאָל זעקס איז זעקס און דרייסיק און האָב פונסניי אויפגעשריבן די צאָל אויף דער טאָוול. ווידער אַמאָל האָט מיין רוקן באַקומען צו פילן איינעם פון בעקערס שטעקנס. עטלע־כע מאָל האָב איך אַזוי באַקומען צו פילן דעם שטעקן, ביז דער פיינער פּע־דאַגאָג האָט מיר ענדלעך געזאָגט אין וואָס עס באַשטייט מיין טעות: ביים אויפשרייבן אויף דער טאָוול די ציפער 36, האָב איך ניט צוגעבאַמקעט אויף אַ קול: „דאָס ווייסען וויר, פאָלגליך קענען וויר עס הינשרייבען".

איך האָב פריִער ניט געוווּסט וואָס סע הייסט פיינט האָבן, אָבער אָט דער אַכזריותדיקער דעספּאָט האָט אויף אַ גרינטלעכן אופן אַרויסגערופן אין מיר דאָס געפיל פון שנאה. איך האָב אים פיינט געהאַט מיטן גאַנצן פייער פון מיין יונג האַרץ און איך האָב עס מיר הייליק צוגעזאָגט שפּעטער אַמאָל זיך אָפּצורעכענען מיט אים.

אַ גרויסער טאָג איז פאַר אונדז געווען דער טאָג, ווען עס האָט זיך גע־ענדיקט דאָס יאָר פון אונדזערע געבראָטענע לייד און פּרייסן־בעקער האָט

שטום געקומען פון אונדז אָפּשייד. זיין איינציקע דערגרייכונג איז געווען דאָס וואָס ער האָט אונדז אַלעמען פאַרסמט דאָס האַרץ. ער איז יעדן פון אונדז געווען פאַרהאַסט און ווידערוויליק. ווען ער האָט אָן אַ וואָרט צו זאָגן צום לעצטן מאָל פאַרמאַכט הינטער זיך די קלאַס־טיר, האָבן מיר זיך אַלע דער־פילט דערלייזט און אויפגעריכט. ס׳איז אונדז אַלעמען געוואָרן לייכטער אויף דער נשמה. צווישן מיינע שפּעטערדיקע לערער זיינען געווען ניט ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געפּאַסט פאַר אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט פאַר דער ראָל פון דערציִער. פונדעסטוועגן איז קיין צווייטער פּרייסן־בעקער צווישן זיי ניט געווען. איינער האָט יאָ געהאַט מיט אים אַ ווייטע ענלעכקייט, אונדזער לערער פון גימנאַסטיק, יאַסט, וואָס וועגן אים וועט נאָך זיין די רייד שפּעטער, אָבער אַפילו אַזאַ איינער ווי יאַסט איז ניט געקומען צו בעקערס קנאַפּל.

דער צופאַל האָט עס געוואָלט אַז אונדזער נייער לערער נאַאַשעק זאָל זיין דער פולער היפּוך פון זיין פאַרגייער. אַ בעסערן לערער קאָן מען זיך קוים ווינטשן. ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין קלאַס, האָט ער אונדז פריינטלעך באַגריסט, געפרעגט יעדן איינעם ווי ער הייסט און דערביי געמאַכט פאַרשיידענע וויציקע באַמערקונגען. מיר האָבן געלאַכט, אָבער דער נייער לערער האָט עס ניט געהאַלטן פאַר קיין פאַרברעכן.ביים עפענען דעם שראַנק איז אים געקומען צו דער האַנט אַ האַרטער נוסבוים־שטעקן, וואָס פּרייסן־בעקער האָט דאָרט קאָנטיק פאַרגעסן. דער נייער לערער האָט אַרויס־גענומען דעם מאַטער־אינסטרומענט און מיט קאָמישן ערנסט געפרעגט: „וואָס אַשטייגער האָט דאָ צו זוכן אָט דער גוטהאַרציקער פריינד?" אַלע ווי איינער האָבן די קינדער אויסגערופן: „דאָס איז דער אַלטער פּריץ, הער לערער, דאָס איז צום קאַדוּיטשען!" נאַאַשעק האָט אַרויסגענומען זיין קעשענע־מעסערל, צעשניטן דעם שטעקן אויף דריי אָדער פיר שטיקער און אַריינגעוואָרפן אין אויוון אַריין. „מיר וועלן זיך באַגיין אָן אים", האָט ער געזאָגט ערנסט, „צום ווייניקסטן האָף איך אַזוי".

מיר זיינען געבליבן זיצן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. פאַקטיש איז מען זיך טאַקע „באַגאַנגען אָן אים". דער נייער לערער איז געווען אַ גוטהאַרצי־קער מענטש. עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און ער האָט אויף אונדז אַזוי גע־ווירקט צום גוטן, אַז מיר וואָלטן גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער. ער האָט שטענדיק אַפּעלירט צו די בעסערע געפילן אין אונדז. זיינע ווערטער זיינען אונדז אַריינגעדרונגען טיף אין דער נשמה און זיך קיינ־מאָל ניט אָנגעשלאָגן אין טויבע אויערן. אַפילו ווען ער האָט אונדז צומאָל אויסגעמוסרט, האָט ער עס אויך געטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער פון אונדז האָט זיך ניט געפילט געטראָפן און דאָס וואָס ער איז אויסן געווען, האָט ער תמיד דערגרייכט. לערנען ביי אים איז באמת געווען אַ פאַרגעניגן, וואָרום ער האָט געהאַט זיין אייגענעם דרך קלאָר צו מאַכן דעם שווערסטן לימוד. זיין

געדולד האָט זיך קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט. מע האָט אים געקאָנט פרעגן וועגן אַלץ און מע האָט שטעטס געקאָנט זיכער זיין אַז מע וועט באַקומען פון אים אַ פריינדלעכן ענטפער. אַז מיר פלעגן פּאַרטיק ווערן מיט אונדזער אַר־בעט אַביסל פריִער, פלעגט ער פאַר אונדז עפּעס פּאַרלייענען, אָדער ער פלעגט אונדז דערציילן וועגן זיינע רייזעס. און דערציילט האָט ער שטעטס אַזוי שפּאַנענדיק, אַז מיר האָבן זיך אָרנטלעך באַמיט וואָס שנעלער צו דער־ליידיקן אונדזערע אויפגאַבעס, כדי צו קאָנען שלינגען זיינע ווערטער.

דאָס איז געווען דאָס איינציקע יאָר פון מיינע שול־יאָרן, ווען דאָס לער־נען האָט מיר אויף אַן אמת פאַרשאַפט פאַרגעניגן. איך האָב שפּעטער ניט געהאַט קיין לערער, וואָס איך זאָל אים כאָטשבי האַלבוועגס קאָנען פאַרגלייכן מיטן גוטן נאָאַשעק. אין אַלע קלאַסן האָט מען געשלאָגן אויף וואָס די וועלט שטייט. אויב אַפילו ס'איז ניט געווען אַזוי ניט אַריבערצוטראָגן ווי ביים פּריימן־בעקער, זיינען די פייניקונגען נאָך אַלץ געווען היפּש גענוג, אַז די שול זאָל מיר ווערן נמאס ומאוס.

ערגער נאָך ווי די קלעפּ איז געווען דאָס צרהדיקע לערן־פּראָגראַם. ווי אַ כלל איז די גאַנצע דערציִונגס־קונסט באַשטאַנען אין דעם, וואָס מע האָט די פאָרגעשריבענע לימודים געדאַרפט אויסחזרן אויף אויסווייניק. דערביי האָבן די לערער קיינמאָל ניט געמאַכט דעם מינדסטן פּרווו אונדז אויפצוקלערן דעם שטאָף און אונדז אָנרעגן צו אייגענע באַטראַכטונגען. אַלץ איז צוגעגאַנגען ריין מעכאַניש. דאָס וויסן האָט מען אין אונדז אַריינגעהאַקט ממש ווי מיט אַ דובינע. פרעגן עפּעס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. דאָס פרעגן איז געווען אַ קען־צייכן פאַר אַ שילער מיט שלעכטע השגות. ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט, האָב איך געהאַט זייער אַ גוטן זכרון, אַזוי אַז דער פלאַכער קוואַטש איז געווען פאַר מיר ווי אַ בייגל אויפצועסן. אַ סך פון דעם וואָס מע האָט מיר דעמאָלט אַריינגעהאַקט אין קאָפּ אַריין, קאָן איך נאָך היינט אָפּזאָגן וואָרט ביי וואָרט. אין די העכערע קלאַסן האָט מען אונדז זייער אויבנאויפיק באַקאַנט געמאַכט מיט דער געשיכטע פון דער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ אומגעהייער שטאַרקן איינפלוס אויף מיין געבוירן־שטאָט. אָבער דאָס וואָס מע האָט מיט אונדז געלערנט וועגן אָט דער גרויסער עפּאָכע איז געווען אַריינגעפּרעסט אין עטלעכע געציילטע שורות. אָט פאַר אַ מוסטער אַ פּאָר בלימעלעך: „פון די רעדלפירער אין דער נייער רעגירונג, וואָס האָט געשאַלטעט און געוואַלטעט ווי אַ כאַפּטע ווילדע בעסטיעס, רופן מיר זיי אָן ביי זייערע נעמען: ראָבעספּיער, מאַראַט און דאַנטאָן, נאָך זיי קומט דער הער־צאָג פון אָרלעאַן, וואָס איז געווען פונקט אַזוי פחדנותדיק ווי שלעכטהאַרציק; ער איז געווען דער לעצטער צו שטימען פאַר דעם טויט־אורטייל איבער זיין קעניגלעכן הער און זיינע אַנדערע קרובים".

אָט דער פּאַראַגראַף וואָס איז מיר ביז אויף היינט געבליבן שטעקן אין זכרון, האָט זיך געפונען אין אונדזער רעאַל־בוך. דער איינשטעל איז כאַראַק־

טעריסטיש ניט בלויז פאַר דעם אופן ווי מע האָט מיט אונדז געלערנט געשיכטע, נאָר אויך פאַר דעם פיינעם ביוראָקראַטן־דייטש, פאַר דער שפּראַך־פאָרעם פון דער היסטאָריאָגראַפישער חכמה, וואָס מע האָט מיט אונדז איינגעקנעלט. איך וואָלט געקאָנט ציטירן נאָך אַ היפּשע צאָל אַזעלכע פּערלען, וואָס זיינען מיר געבליבן איינגעגראָבן אין זכרון, אָבער אָט דער איינער מוסטער איז איבערגענוג.

אין יעדער קלאַס האָט זיך איבערגעחזרט די זעלביקע איינטאָניקע לאַנגווייליקייט, געביטן האָבן זיך בלויז די לימודים און די פאָרמולעס. דאָס דענקען זעלבשטענדיק איז דערשטיקט געוואָרן אין זאָמען. יעדע פּערזענלעכע איניציאַטיוו, יעדער אויפריר אויסצוברייטערן אויף אַן אייגענעם אופן דאָס אויסגעלערנטע, — איז פון פאָראויס געמאַכט געוואָרן פאַר אוממעגלעך. צי דאַרף מען זיך ביי אַלץ דעם וווּנדערן, וואָס דער גרעסטער רוב שילער איז נאָך אַן אַכטיאָריקער שול־צייט ניט געווען אין שטאַנד אָנצושרייבן אַ האַלבוועגס רעכט בריוול?

די שולד דערפאַר קאָן מען ניט אַרויפוואַרפן בלויז אויף די לערער אַליין. דער הויפּט חייב איז געווען די גאַנצע סיסטעם. צווישן מיינע לערער איז אויך געווען אַ צאָל מענטשן מיט אינטעליגענץ און וויסן, זיי זיינען אָבער געווען די קנעכט פון אַ באַשטימטער מעטאָדע, וואָס האָט לחלוטין אויסגעשלאָסן יעדן סאָרט האַנדלען אויף אייגענער האַנט. דערצו האָט יעדער לערער געהאַט אין קלאַס צוויי מאָל אַזוי פיל קינדער וויפל ער איז געווען בכוח צו האַלטן אויפן אויג. כדי ניט צו פאַרלירן זיין שטעלע, האָט ביי יעדן לערער אַ באַשטימטע צאָל שילער געמוזט אויסהאַלטן די יערלעכע עקזאַמענס. חוץ דעם זיינען די לערער געווען שלעכט באַצאָלט און געווען אויסגעשטעלט אויפן גנאָד אָדער אומגענאָד פון דער אָנהאַלטעוודיקער סיסטעם.

אַזוי אַרום איז עס געקומען דערצו וואָס אויך ביי מיין בעסטן ווילן, האָב איך קיין שום חשק ניט געקאָנט האָבן צו דער שול. גאַנץ פּשוט, איך האָב ניט פאַרמאָגט דעם שטאָף צו שפּילן די ראָלע פונעם מוסטער־יינגל און איך בין דערפאַר דעם גורל זייער דאַנקפּול. אין מיינע שול־יאָרן זיינען געווען ווייניק קינדער, וואָס האָבן די שול אויף אַן אמת גערן געהאַט. פאַרן גרעסטן טייל קינדער איז די שול געווען אַן אָפּקומעניש, וואָס מע קאָן פון דעם ניט וויכן. מיר האָבן פיינט געהאַט דעם יאָך, וואָס מע האָט אויף אונדז אַרויפגעצווונגען. פאַרשיידן איז בלויז געווען דער אופן ווי דער איינצלנער האָט רעאַגירט. אַ סך קינדער זיינען געווען קאַפּאַבל אויסצוגעפינען אַלערליי הינטערוועגן ווי זיך אַרויסצודרייען פון אַ פאַרציע שמיץ, און זייער דערפינדערישקייט האָבן זיי דערפירט ממש צו אַ קונסט. אַנדערע זיינען געווען ווייניקער זאָרגעוודיק און דערפאַר אַריינגעכאַפּט שמיץ און קלעפּ טאָג איין, טאָג אויס.

במשך מיין גאַנצער שול־צייט האָב איך געהאַט צו טאָן בלויז מיט איין מוסטער־שילער. ער איז עס אָבער געווען מיט אַלע פּישטשעווקעס. דאָס איז

געווען מיין מיטשילער פערדינאַנד. ער האָט תמיד געהאַט אַזאַ אויסזען, אַז כאָטש נעם און שפּיגל זיך אין אים. זיינע האָר זיינען קיינמאָל ניט געווען צעשויבערט, זיין שרונט ווי געצויגן מיט אַ ווירע. ווען מע זאָל אים ניט געווען באַגעגענען, האָט זיין קראַגן שטענדיק געבלאַנקט פון ווייסקייט; זיין אָנגעטאָן איז קיינמאָל ניט געווען צעריסן אָדער פאַרפּאַטשקעט. זיין פּנים איז קיינמאָל ניט געווען צעקראַצט, זיינע הענט שטענדיק געוואַשן. זיינע שול-ביכער האָבן ניט געהאַט קיין „אייזל-אויערן״. אין זיינע שרייב-העפטן וואָלט מען אַפילו מיט אַ פאַרגרעסער-גלאָז ניט קאָנען געפינען קיין סימן פון אַ טינטן-פלעק. יעדער מאָל ווען איך האָב אים אָנגעקוקט האָב איך געפילט ווי עס קערט מיר די גאַל. איך האָב זיך אָרנטלעך באַמיט אים אַרויפצופירן אויף אַ בעסערן וועג אין לעבן: איך האָב געפּרוּווט שענער מאַכן זיין פריזור, אָפּדרוקן מיינע פינגער אויף זיין קראַגן און דאָס מאַכן אַזוי קונציק, אַז אַ ליאַדע געהיים-אַגענט וואָלט פון דער הויט געשפּרונגען פאַר אַנטציקונג. ס'איז אָבער מיט אים גאָרניט געווען צו מאַכן. ער פלעגט זיך אַפילו ניט פאַרטיידיקן און בלויז זאָגן: „לאָז מיך, איך בעט דיך, צו רו, רודאָלף. דאָס איז ניט שיין פון דיר״. דערביי פלעגט ער מיך אָנקוקן מיט אַזאַ רחמנות-פּנים, אַז סע פלעגט מיר שוין פאַרגיין דער חשק אים אָנבויקען די ביינער ווי עס באַדאַרף צו זיין. גיי מאַך עפּעס מיט אַזאַ קלאָץ.

פערדינאַנד האָט שטענדיק גערעדט מיט געקליבענע ווערטער און זיך געהיט ווי פאַר פייער זיך ניט אַרויסצוכאַפּן מיט אַ וואָרט פון קראַנטן מאַינצער דייטש. אַז מיר פלעגן אויף דער גאַס פאַרציִען דאָס שיינע ליד פון שוסטער בעק, פלעגט ער רויט ווערן ווי אַן אַלטע מויד. אין קלאַס איז ער די גאַנצע צייט געזעסן אויף זיין פּלאַץ ניט אַ ריר צו טאָן מיט קיין אבר און מיט אַ פרום פּנים זיך איינגעהערט אין לערער רייד, עלעהיי יענער וואָלט אים דערציילט איינע פון די שיינע שינדערהאַנעס מעשיות. האָט דער לערער געשטעלט אַ פראַגע, איז פערדינאַנד שטענדיק געווען דער ערשטער אויפצוהייבן אַ פינגער. ניט אַנדערש נאָר, אַז ער האָט אַלע פראַגעס געהאַט אויסגעשטודירט אין פאָראויס, כדי ניט צו פאַרפעלן דעם ריכטיקן ענטפער. זיין פּנים פלעגט זיך צעשטראַלן טאַקע נאָר ווי דער הייליקער גייסט וואָלט אויף אים אַראָפּגענידערט, יעדער מאָל ווען פאַר גוטן ענטפער פלעגט דער לערער גוטמוטיק אים אַ קלאַפּ טאָן איבער דער פּלייצע און דערביי זאָגן: „נו וואָדען, פערדינאַנד — אָט דאָס הייסט אַן אַנטיקל פון אַ יינגל, ער וועט עס שוין צו עפּעס דערגרייכן אין לעבן!״

אַלע מאָל אַז איך בין אַריינגעקומען אין קלאַס אַ צעשויבערטער, אַ צעקראַסטעטער, האָט דער לערער צוערשט אָפּגעהאַלטן פאַר מיר זיין געוויינטלעכע מוסר-דרשה, אילוסטרירט ווי עס געשיקט זיך, מיט גאַנץ פּילעווודיקע באַווייזן, דערנאָך האָט ער ווי דעם היפּוך צו מיר גענומען לויבן פערדינאַנדן פאַר זיינע ריינע הענט, ווייסן קראַגן און זיין שרונט. דעם לערער איז לייכט

געווען דאָס רעדן. אַז איך בין אינדערפרי אַרויס פון שטוב, בין איך געווען פונקט אַזוי זויבער ווי פערדינאַנד, וואָרן מיין מוטער האָט שטעטס געזאָרגט דערפאַר, אַז אונדזערע האָר זאָלן זיין צוגעקעמט און די קראַגנס ריין, די שיך געפוצט און דאָס אָנטאָן פאַרריכט און אויסגעבערשט. אָבער אויפן וועג אין שול אַריין האָב איך שטעטס געהאַט צו דערליידיקן אַפילו דרינגלעכע גע־שעפטן, וואָס האָבן געווירקט ניט דווקא צום בעסטן אויף מיין אויסנדיקער פּערזאָן.

יעדער סטאַטעטשנע בחורל וועט מיר מוזן צוגעבן, אַז נאָכדעם ווי מ׳איז געקראָכן אויף דעכער, געקלעטערט אויף ביימער, זיך אַראָפּגעלאָזט אין קאַ־נאַלן, געהאָלפן דעם שמיד, געגראָבן גריבער, זיך געשלאָגן מיט אַנדערע יינג־לעך, זיך אַראָפּגעגליטשעט זיצנדיק פונעם באַרג, געשטאַנען צו דער האַנט די פישער ביים אויסשמירן די שיפלעך מיט סמאָלע און אָפּגעטאָן נאָך אַפּולע אַנדערע אַרבעטן, ניצלעכע פאַר דער געזעלשאַפט, — יאָ, אַז נאָך אַלץ דעם קאָן מען ניט שטענדיק זיין אויסגעטראָצלט, אַז כאָטש נעם און גיי צום טאַנץ. צום באַדויערן האָבן מיינע לערער ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטע פאַרשטענ־דעניש פאַר מיינע מוזל־ברכהדיקע באַשעפטיקונגען, פאַרקערט, זיי האָבן גע־מאַכט מיט דער בלאָטע צו גלייך אַלע מיינע אויפטוענישן, אַזוי אַז מיר האָבן קיינמאָל ניט געקאָנט דורכקומען מיטאַנאַנד.

עס געשיקט זיך אַז איך זאָל דאָ דערמאָנען אַ לוסטיקן עפּיזאָד פון מיינע שול־יאָרן. איך בין אַלט געווען קנאַפּע עלף יאָר ווען איך בין אָנגעקומען אין קלאַס פונעם לערער פּריעס. דאָס איז געווען דער טיפּישער, דייטשער שול־מייסטער פון יענער צייט. בלויז אַ קוק טאָן אויף אים, און מע האָט גלייך געוווּסט וואָס ער איז פון באַרוף. ער האָט געהאַט אַ שמאָלן ברוסט־קאַסטן, פיס לאַנגע, אויסגעדאַרטע ווי שפּענדלעך און זיין פּנים האָט געכאַפּט דעם אָנבליק ווי אָט־אָט, און ביידע באַקן וועלן זיך צעקושן אין זיין מויל. איך קאָן ניט זאָגן אַז איך האָב אים איבעריק שטאַרק ליב געהאַט. דאָס איז פון מיין זייט קאַנטיק געווען אָפּגעגעבן ברויט. עפּעס בין איך אים געווען פריקרע, און ס׳איז ניט פאַראַנגען קיין טאָג ער זאָל דאָס מיר ניט האָבן געגעבן צו פאַרשטיין אויף אַ גאַנץ פּילעוודיקן אופן. איינמאָל האָט מען אין זייך שראַנק אַריינגעלאָזט אַ לעבעדיקן שטשור. ווען ער האָט בעת דער לעקציע אָן עפן געטאָן דעם שראַנק עפּעס אַרויסצונעמען, האָט דאָס צערייצטע חיהלע זיך אַ ריס געטאָן ביז אין דער מיט פונעם קלאַס־צימער. פּריעס האָט מיט אַלע זיינע כוחות אַ שפּרונג געטאָן ביז צום געשטעל פון זיין פּולט. דער קלאַס איז גע־גאַנגען כאַדאָראָם, ביז דער לערער האָט געהייסן איינעם פון די שילער ער זאָל עפענען די טיר, און דער שטשור האָט זיך אָפּגעטראָגן אין קאָרידאָר.

נו, האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע אונטערזוכונג, אָבער אַלע האָבן גע־שטומט ווי די וואַנט, ווייל עס האָט זיך ביי אונדז אויסגעפּאָרעמט דער לאַד פון אַ מאַסאָנען־לאָזשע און אַ זאָגטער האָט ביי אונדז קיין האָניק ניט געלעקט.

זוען דער לערער האָט איינגעזען אַז ער וועט פון דער חברה גאָרניט אַרויס־פּאָמפּען, האָט ער פּלוצים מיך אָנגעכאַפּט פאַרן לינקן אויער און מיך גענומען שלעפּן פון דער באַנק. — „קום נאָר אַהער, מיין טייערינקער”, האָט ער מיר אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין, „דאָס האָרץ זאָגט מיר אַז דאָס ביסטו דער שטשורעס־כאַפּער” און ס׳איז אַוועק אַ קאַטעווען לויט אַלע כללים פון דער קונסט. דאָס איז פון זיין זייט געווען אַן אומרעכט, מחמת מע טאָר דאָך ניט באַשטראָפן אַ מענטשן אַזוי לאַנג ווי זיין שולד איז ניט געוואָרן אויפגעוויזן זיכער ווי צוויי מאָל צוויי. גאַנץ צופעליק האָט ער גראָד דערטאַפּט דעם ריכטיקן און דאָס מאָל, צום וויניקסטן, איז ער ניט באַגאַנגען קיין יוסטיץ־פאַרברעך.

אינדערפרי אויפן וועג אין דער שול, האָב איך ביים טויער פונעם שמיד טהיים דערזען אַ כאַפּ־שטייגל מיט אַ שטשור אינעווייניק. איך האָב אַ טראַכט געטאָן אַז דאָס קאָן מיר אפשר צונוץ קומען, און אַריינגעלייגט דאָס שטייגל אין מיין שול־טעקע. שפּעטער האָב איך דעם שטשור אַריינגעלאָזט אין מיין לערערס שראַנק. קיין שלעכטע כוונות האָב איך דערביי אָסור ניט געהאַט, איך האָב פּשוט געוואָלט צוזען די סצענע ווי פּריעס וועט שפּרינגען מיט זיינע לאַנגע פיס. מיין הויפּט־מאָטיוו איז אַלזאָ געווען אַ ריין וויסנשאַפטלע־כער עקספּערימענט.

נאָך אָט דעם אינצידענט זיינען די באַציִונגען צווישן מיר און מיין לערער געוואָרן אויף מעסער־שטעך. זיי ווידער־געפּיל צו מיר איז געוואָרן נאָך האָפּ־טיקער ווען ער האָט מיך איינמאָל געפּאַקט בעת דער לעקציע לייענען בגנבה דאָס בוך וועגן רויבער־עלטסטן שינדערהאַנעס. זינט דעמאָלט האָב איך ביי אים קיין אַנדער נאָמען ניט געהאַט ווי נאָר שינדערהאַנעס און ער האָט מיר פאַראויסגעזאָגט אַז איך וועל, זיכער ווי דער טויט, נאָך ענדיקן אויף דער תליה. אויב פערדינאַנד איז געווען דער מוסטער־שילער פונעם קלאַס, אַזוי בין איך געווען פּונקט דער היפוך פון אים. ביי יעדער געלעגנהייט האָט דער לערער מיך אַרויסגעשטעלט פאַר די קינדער ווי עפּעס אַ מין סטראַשידלע. איך קאָן ניט זאָגן אַז דאָס זאָל מיר האָבן געשאַט צו מיין גוטן נאָמען. פאַר־קערט, מערסטן טייל האָבן מיינע שול־חברים אַרויפגעקוקט צו מיר מיט אַ געוויסן אָפּשיי, וואָרום ניט יעדן איינעם האָט דער לערער פאַראויסגעזאָגט אַזאַ ריינצנדיקן סוף. כדי אָבער איך זאָל גאָרניט אָנווערן פון מיין פּרעסטיזש האָב איך איצט געמוזט זיין באַדאַכט דערויף, צוצוקלערן אַלץ מער און מער נייע פּאַקאָסטן.

נו דאַרף זיך אַזוי מאַכן איך זאָל איינמאָל שפּאַצירן מיט מיין מוטער ביים ברעג רהיין און מיר זאָלן פאַרבייגיין דעם וועשער־בריקל. דאָס בריקל איז אינדערמיטן געווען אַ ברייטע אייזערנע באַרקע מיט אָפּטיילן, פאַרבונדן מיטן ברעג דורך אַ שמאָלן געפּלאַסטערטן שטעג. זומער־צייט פלעגן די

אָרעמע פּרויען פון אַרום וואַשן דאָרטן זייער גרעט. מיר זיינען אַ צייט לאַנג געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט צו די וועשערינס. אַ קליין מיידעלע פון אַ יאָר דריי האָט אַרומגעוואָיוועט אויפן פּאָדער־דעק פון דער באַרקע, בעת איר מוטער איז געווען פאַרטאָן אין איר אַרבעט. פּלוצים האָט די קליינע זיך אויסגעגליטשט און מיטן קאָפּ אַראָפּ אַרונטערגעפאַלן אין רהיין אַריין. אָן דעם איך זאָל זיך באַזינען אַ סעקונדע, בין איך נאָכגעשפּרונגען דעם קינד, זי אָנגעכאַפּט ביי די האָר און געבראַכט צום ברעג. דאָרט האָט דערוויייל זיך געמאַכט אַ גאַנצער אָנגעלאַף, ווייל דעם קינדס מוטער האָט אין אַנגסטן געשריגן מע זאָל איר קומען צו הילף. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע האָבן מיך געלויבט. יעדערער האָט מיר געדרוקט די האַנט, און גאָר באַזונדערס די מוטער פון דער קליינער האָט גאָרניט געוווּסט ווי זי זאָל מיר אָפּדאַנקען. אויפן צווייטן טאָג האָט אַ לאָקאַל־בלעטל באַשריבן דעם אַזוי אָנגערופענעם העלדישן אַקט מייגעם. דערביי האָט די גאַנצע זאַך ניט געהאַט די ווערט מע זאָל גאָר רעדן דערפון. איך בין געווען אַן אויסגעצייכנטער שווימער און פאַקטיש בין איך קיין אויגנבליק ניט געווען אין קייןווירקלעכער סכנה.

באַלד דערויף האָט די שטאָט מיך באַלוינט מיט אַ מעדאַל, וואָס מע האָט פייערלעך מיר איבערגעגעבן אין דער שול. ביי דער געלעגנהייט האָט דער לערער פּריעס געמוזט האַלטן אַ קורצע רעדע, און אַוועקשטעלן מיין אַקציע אין דער ריכטיקער באַלייכטונג. מע קאָן זיך פאָרשטעלן דאָס בילד: שינדערהאַנעס ווי אַ לעבנס־רעטער! איך האָב מיינע אויערן ניט געטרויט ווען איך האָב אים געהערט רעדן. אַזוי גרינטלעך האָט ער אַפילו דעם מוס־טער־שילער פּערדינאַנד קיינמאָל נישט געלויבט. ווען איך האָב געהערט פון מיין לערערס מויל בפירוש וואָס פאַר אַ ווערטפול בחורל איך בין, האָט מיר פונסניי אַ שיין געטאָן די האָפענונג פאַר דער צוקונפט און איך האָב אָנגעהויבן גלייבן, אַז אפשר וועט מיר פאָרט אָפּגליקן מיין סוף זאָל זיין ניט דווקא אויף דער תליה.

נאָך אָט דער געשעעניש בין איך נאָך פאַרבליבן דריי חדשים ביים לערער פּריעס אין קלאַס. ער האָט מיך טאַקע אַלץ נאָך גערופן שינדערהאַנעס, ער האָט אָבער דערביי תמיד גוטמוטיק צוגעשמייכלט, ווי איינער וואָס טרייבט בלויז שפּאַס. פאַרשטייט זיך, אַז ביי דער גאַנצער לייטזעליקייט, איז ער נאָך אַלץ געווען געניטיקט פון צייט צו צייט מיר צו געבן אַ גאָב איך זאָל עס האָבן צו געדענקען, ער האָט עס אָבער געמאַכט מיט אַזאַ איינזעעניש, אַז ס'איז פּשוט געווען אַ מחיה צו קריגן זיינע שמיצלעך. וועגן שוואַרצן סוף וואָס סע שטייט מיר פאָר, האָט ער שוין מער קיינמאָל מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

דערציילן וועגן מיינע ווייטערדיקע שול־יאָרן לוינט זיך באמת ניט. ס'איז אַלץ געווען די אייביקע איבערחזרונג פון דער זעלביקער נודנער איינטאָני־קייט, באַפּעפערט מיט אָן אַ שיעור פּעטש און קלעפּ. דאָס האָט מיך געדאַרפט

אויסלערנען צו פאַרשטיין די ערנסטקייט פונעם לעבן. אַ גליק וואָס דאָס פרייע אַרומלויפן נאָך דער שול, האָט אונדז פאַרגיטיקט פאַר אַלע געבראָטע-נע צרות. ווען ניט דאָס, וואָלטן די שול־יאָרן געווען געוועסט ניט אַריבער-צוטראָגן. די שענסטע צייט זיינען געווען די וואַקאַציעס. דעמאָלט האָבן מיר זיך געפילט גליקלעך, באַפרייט פון יעטוועדן יאָך און געשעפּט פון לעבן מיט פולע הויפּנס. ווען עס האָט זיך אָבער פאַמעלעכן אָנגעהויבן אונטערדרוקן דער סוף פון אונדזער פרייער צייט, האָט אַ שאָטן זיך צעלייגט איבער אונדזערע יונגע נשמות, און דער אייזערנער צוואַנג איז אונדז געוואָרן טאָפּל שווער.

ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר נײַן אָדער צען, איז אונדזער שטאָט געטראָפן געוואָרן פון אַ גרויסער פאַרפלייצונג. אין די נידעריקערע שטאָט-טיילן האָט דאָס וואַסער דערגרייכט ביז איבער די דעכער. הונדערטער פאַ-מיליעס האָבן געמוזט זיך ראַטעווען פון זייערע וווינונגען און מע האָט זיי פּלאַצירט אין די שטאָטישע שול־געביידעס. אָט די קאַטאַסטראָפע איז פאַר אונדז געוואָרן אַ פריידיקע געשעעניש, וואָרן מיר זיינען אויף לאַנגע חדשים פּטור געוואָרן פון דער שול. יעדער יאָר אָנהייב פרילינג ווען דער רהיין האָט אָנגעהויבן צוקומען, זיינען מיר מיט געשפּאַנטע דערוואַרטונגען געלאָפן צום טייך צו זען מיט וויפל גראַד דאָס וואַסער איז געשטיגן. ווען דאָס געוועסער האָט אָנגעהויבן אָפּפאַלן און די אַזוי געגאַרטע פאַרפלייצונג איז ניט געקומען, זיינען מיר געוואָרן פאַרביטערט און געטראָגן אין האַרצן אַ האַס צום שיקזאַל, וואָס האָט אַנטוישט אונדזערע בעסטע האָפענונגען.

איידער איך פאַרענדיק די זכרונות פון מיין שול־צייט, מוז איך נאָך דער-מאָנען אַ מענטשן, וואָס איז אונדז באַזונדערס דערגאַנגען די יאָרן. דאָס איז געווען אונדזער גימנאַסטיק לערער יאָסט. פאַר אַזאַ צעווילדעוועטער קאָ-מאַנדע ווי מיר זיינען געווען, וואָס וואָלטן זיך ניט אָפּגעשטעלן פון קריכן דעם לייב גלייך אין מויל אַריין, וואָלט די שעה פאַר גימנאַסטיק באַדאַרפט צו זיין דאָס אייבערשטע פון שטייסל. און ס׳איז טאַקע געווען אַזוי, אַזוי לאַנג ווי אונדזער גימנאַסטיק לערער איז געווען מונק, אַ ברודער פון מיין לערער אין ערשטן קלאַס. שפּעטער האָט זיין פּלאַץ פאַרנומען אַ געוועזענער פעלד-פעבל, און ער האָט אונדז גרינטלעך פאַרדאָרבן די פרייד פון די גימנאַסטישע געניטונגען.

אָט דער יאָסט איז געווען אַן אמתער תליון. ער איז מיט אונדז קינדער אומגעגאַנגען ווי מיט זיינע אומגליקלעכע רעקרוטן אויפן עקסעציר־פּלאַץ. מיר האָבן אים פיינט געהאַט ווי אַ פּאַדלע און צווישן זיך האָבן מיר אים אָנגערופן מיט אַלע זידל־נעמען וואָס אונדזער מאַינצער דיאַלעקט האָט נאָר פאַרמאָגט, און זיי זיינען געווען ווייט ניט אויפן שפּיץ מעסער. יאָסט איז געווען אַ הויי-כער, קרעפטיקער מאַנספּאַרשוין מיט אַ געדיכטער רויטלעכער באָרד און ברוי-טאַלע שטריכן. דערצו אַ שיכורניק איינער אויף אַ מדינה. אונטערן גלעזל

איז יאָסל געווען אַ צערייצטע חיה און אַפילו ניט איבערקלייבעריש ווי פרייסן־בעקער; ער איז פּשוט געווען אַ ברוטאַלער נפש. מיטן נאַראַפּניק, וואָס ער האָט אויף קיין מינוט ניט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט, האָט ער געגהרגט אויף רעכטס און לינקס, איבערן קאָפּ, אַקסלען, פיס, געזעס. ער האָט אונדז אָנגערופן מיט די געמיינסטע זידל־נעמען, וואָס ער האָט ווי אַ סאָלדאַטן־שינדער געניצט אין דער קאַזאַרמע. ער האָט געשאָלטן און געשלאָגן דעם גאַנצן טאָג און אונדז געמאַכט דאָס לעבן פאַר אַן אמתן גיהנום.

צומאָל האָט געקאָנט פּאַסירן אַז נאָך אַ נאַכט זשליאָקען, זאָל ער די גאַנצע גימנאַסטיק שעה אָפּזיצן אויף אַ שטול פאַרשטאַרט און אַפילו ניט האָבן דעם כוח אַ מאַך צו טאָן מיטן נאַראַפּניק. אין אַזעלכע טעג האָבן מיר געקאָנט טאָן וואָס מיר האָבן נאָר געוואָלט. ער האָט ניט גערירט מיט קיין אבר. ער האָט גערדרימלט און פאַרשטונקען דאָס צימער ווי אַ טכויר. אַזעלכע טעג האָבן אָבער זיך אויסגעגעבן ניט אָפט. געוויינטלעך איז די גימנאַסטיק שעה געווען אַ שעה פון מאַרטירעריי. יאָסל האָט אַפילו ניט געהאַט קיין פּאַוואָריטן. ער האָט געהרגעט, געשלאָגן יעדן איינעם וואָס איז אים גראָד געקומען צו דער האַנט.

איין טאָג — דאָס איז געווען קורץ פאַר מיין מוטערס טויט — האָב איך געהאַט דאָס אומגליק מיט עפּעס וואָס אַרויסצורופן זיין אומחן. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, מיך געשלעפּט איבערן גאַנצן קלאַס און ווי אַ ווילד־משוגענער געהאָגלט אויף מיר מיט קלעפּ. ווען ער האָט מיך ענדלעך אָפּגעלאָזט, האָב איך אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר און זיך געוואָלט אַרויסרייסן אויף דער פריי. אָבער איידער נאָך איך האָב באַוויזן אַן עפן צו טאָן די טיר, האָט יאָסל מיך ווידער געהאַט אין זיינע הענט; ער האָט אַריינגעפּרעסט מיין אויבערקערפּער צווישן זיינע קרעפּטיקע פיס און געהאַקט אין מיר מיט דער ווילדסטער אכזריות. איך האָב זיך געריסן מיט אַלע כוחות, געוואָלט ווי ס'איז זיך באַפרייען פון אָט דעם אוממענטשן, אָבער אומזיסט. מיין ווידערשטאַנד האָט אים בלויז נאָך מער צערייצט און ער האָט געשלאָגן ווי אַ באַנומענער. אין מיין געראַנגל האָב איך מיט די ציין אים אָנגעכאַפּט פאַרן ווייכפלייש פון זיין לינקן פיס און מיט דער גאַנצער קראַפט, וואָס איז מיר געקומען אויס פאַרצווייפלונג, האָב איך אים געגומען בייסן. ער האָט אַזש אַ רעווע געטאָן פאַר ווייטאָג און געשריגן: „הער אויף, דו שווינ־הונט!" איך האָב אָבער זיך איינגעגראָבן מיט די ציין נאָך טיפער אין פלייש אַריין. איך וואָלט אים ניט אָפּגעלאָזט, ער זאָל מיך אַפילו געווען דערשלאָגן אויף טויט. בשעת מעשה האָב איך געהאַט אַ פאַרנעפּלט געפיל, ווי איך זאָל האָבן אָפּגעטאָן עפּעס אַ גאָר שרעקלעכע זאַך, אָבער אין מיין צעפּייניקטן צושטאַנד האָט מיך שוין גאָרניט געקאָנט אַרן. ענדלעך האָט דער פּאַרקלעם פון יאָסלס פיס־קלעשטש

נאָכגעלאָזט, און איך בין געווען באַפרייט. מיט איין שפרונג בין איך געווען ביי דער טיר. דאָס מאָל האָט ער שוין ניט געפּרוווט צו שטערן מיין אַנטלויפן.

אויפן צווייטן טאָג האָט דער פּעטער רודאָלף מיך באַגלייט אין שול אַריין און פאַרלאַנגט צו רעדן מיטן אייבערלערער. יענער האָט צוערשט געפּרוווט זיך שטעלן אויף יאָסטס זייט. ווען דער פעטער רודאָלף האָט אים געוויזן מיין קערפּער, באַדעקט מיט סיניאַקעס און בלוט־פאַרלאָפענע געשווירן, איז דער אייבערלערער פּלוצים געוואָרן ערנסט און צוגעזאָגט אויסצופאָרשן דעם ענין. דערביי איז עס געבליבן, ניט מער וואָס אויף מיר האָט יאָסט זינט דעמאָלט מער זיין האַנט ניט געלייגט. אויף זיין שטעל איז ער אָבער פאַרבליבן אויך אויף ווייטער. ערשט ווען די שול איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט אָנקלאָגעס, האָט מען אים אַריבערגעפירט אויף אַן אַנדער אָרט.

ביז אויף היינט בלייבט עס פאַר מיר אַ רעטעניש, ווי אַזוי האָט מען עס געקאָנט אָנפאַרטרויען אַזאַ פאַרשוין די דערציִונג פון קינדער. אין מיינע קינדער־יאָרן איז שטרענגקייט געווען דער סאַמע עיקר פון דער דערציִונג. די קינדער האָבן זיך אַפילו ניט דערוועגט צו באַקלאָגן, וואָרן זיי זיינען געווען זיכער אין דעם, אַז שול אָן שמיץ געשיקט זיך גאָרניט. ביי די דערוואַקסענע האָבן די קינדער אין דעם פרט געפונען ווינציק־וואָס אָקעגנקומען. געוויס, אַזעלכע פענאָמענען ווי יאָסט און פּרייסן־בעקער זיינען אויך דעמאָלט געווען אַן אויסנעם, אָבער איינציק און אַליין די אַלגעמיינע השגות וועגן דערציִונג פון יענער צייט, האָבן געקאָנט דערמעגלעכן דאָס אומגליקלעכע שאַלטן און וואַלטן פון אַזעלכע אוממענטשן.

ווען איך קלער היינט נאָך וועגן מיין שול־צייט, מוז איך קומען צום אויספיר, אַז אין תוך האָבן אַלע צרות זיך גענומען דערפון, וואָס מ׳איז אומגעגאַנגען מיט די קינדער באַגלייך זיי וואָלטן געווען ניט קיין לעבעדיקע נפשות, נאָר טויטע זאַכן. מע האָט ניט גענומען אין אַכט, אַז יעדער קינד האָט באַזונדערע נייגונגען און פעאיקייטן. וואָס דער דערציִער מוז צוערשט אויסגעפינען, כדי צו ריכטן זיין דערציִערישע אַרבעט אין הסכם מיט יעדן קינד אינדיווידועל. די שול ווי איך האָב זי געקענט האָט ניט דערלאָזט די מינדסטע זעלבשטענדיקייט אין טראַכטן און פילן; מע האָט דעם שילער ניט עדוקירט, מע האָט אים פאַרמירט לויט פאַרגעשריבענע פּראָגראַמעס און מע האָט אויסגעקאָרעניעט אין קינד זיין מענטשלעכע פערזענלעכקייט און מענטשלעכע ווערטיקייט. פאַר מיר פערזענלעך איז די שול געווען כמעט ווי אַ תפיסה, און דערפאַר האָב איך זי אַזוי שטאַרק פיינט געהאַט.

ערשטער לייען־שטאָף און ייִנגלשע ראָמאַנטיק

איך בין אַלט געווען אַ יאָר צען ווען איך האָב אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די געהיימענישן פון דער ליטעראַטור. מיינער אַ שול־פריינד, אַן עלטע־רער פון מיר, אַ געוויסער קאַרל ריעדעל האָט מיר אויסגעליען אַ ביכל, פאַר־פאַטשקעט און צעפליקט אַ שרעק, פון האָבן דורכגעגאַנגען דורך אַן אַ שיעור הענט. דער טיטל פונעם ביכל איז געווען נעגערס און ווייסע. דער נאָמען פונעם פאַרפאַסער איז מיר לאַנג שוין אַרויס פון זכרון. אויפן פאַרביקן שער־בלאַט איז געווען אַ בילד פון אַ נעגער צוגעבונדן צו אַ בוים און לעבן אים אַ ווייסער מיט אַ שקלאַפן־בייטש אין דער האַנט. דאָס שמערצפול צעוויטאָג־דיק פנים פונעם קרבן און דער ברוטאַלער, אַכזריותדיקער אויסדרוק אויפן פנים פון זיין פייניקער, האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין מיין יונגער נשמה. אין ביכל ווערט געשילדערט אַן עפּיזאָד פונעם שוואַרצן שקלאַפן־האַנדל, די צייט ווען ווייסע מענטשן־יעגערס פלעגן זיך אַריינרייסן אין די נעגער־דערפער פון מערב־אַפריקע, פאַרשלעפּן מיט גוואַלט די איינוווינערס אויף זייערע שיפן און שפּעטער זיי פאַרקויפן אויף די שקלאַפן־מערק צו די באַזיצערס פון פּלאַנטאַציעס אין דרום. אָט די דערציילונג האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. מיין קליין האַרץ האָט געבלוטיקט פון מיטגעפיל פאַר די שוואַרצע קרבנות. מיטן גאַנצן פייער פון מיין אומשולדיקער קינדערשער נשמה האָב איך פיינט געקראָגן די ווייסע רויבערס, וואָס צוליב זייער געמיינער גייציקייט, צעשטערן זיי דאָס לעבן פון אומשולדיקע מענטשן און מאַכן געשעפט פון אַ צווייטנס אומגליק. איך האָב געלייענט און ווידעראַמאָל געלייענט, מינדסטנס אַ מאָל צוועלף דאָס ביכל, וואָס איז צעפיצלט געוואָרן אין די הענט פון דער גרויסער צאָל לייענערס, און אַ לאַנגע צייט דערנאָך האָב איך קיין אַנדער בוך ניט געוואָלט נעמען אין דער האַנט אַריין.

קורץ דערויף זיינען מיר געקומען צו דער האַנט צוויי מעשיות וועגן אינדיאַנער פון דעם ווייטן מערב. איין מעשה האָט געהאַט דעם טיטל: הואיטה־פאָרד אָדער דער אונטערגאַנג פון די קריעק־אינדיאַנער, דאָס צווייטע —

אין דאָרף פון די רויטע פפייפענטאָנס. דערנאָך האָב איך נאָכאַנאַנד ממש פאַר־שלונגען אַפולע ענלעכע דערציילונגען. אין מיינע יונגע יאָרן האָט אין מילהיים ביים רהיין עקסיסטירט דער פאַרלאַג פון יוליוס באַגעל, וואָס האָט אַרויס־געגעבן אַ לאַנגע סעריע מעשיות פון אינדיאַנער און פיראַטן. די ביכלעך פלעגן אַרויסקומען אין קליינע העפטן צו 25 פעניג אַ שטיק, און האָבן געהאַט אַן אומגעהייער גרויסן אָפּזאַץ ביי דער שול־יוגנט. מיר פלעגן זיך בייטן מיט די העפטן. יעדער העפט פלעגט אָפּט אַדורכגיין אַ דרייסיק־פערציק קליינע הענט, ביז סע פלעגט זיך פשוט צעפאַלן אויף שטיקלעך.

צוויי גרעסערע ווערק האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, די געשיכטע וועגן אינדיאַנער־עלטסטן טעקומסי און די באַשרייבונג וועגן בראַוון פירער פון די אָטאָוואַרן, פאָנטיאַק. צו אָט דער קאַטעגאָריע געהער אויך דאָס ביכל פון דעניעל בונע, דער פיאָנער פון קענטאָקי. שפּעטער זיינען מיר גע־קומען צו דער האַנט די וואַלד־לויפערס פון פערי און דער לעדער־זאַק פון קופער. אָט די צוויי ביכער האָבן שטאַרק אָנגערעגט מיין קינדישע פאַנטאַזיע. דער לעדער־זאַק איז געוואָרן דאָס ליבלינג־בוך פון מיינע קינדער־יאָרן. גאַנ־צע פּאַסאַזשן פונעם בוך האָב איך געקענט איבערזאָגן אויף אויסווייניק. צו גלייכער צייט האָב איך זיך אָנגעלייענט מיט אַן אַ שיעור פיראַטן־געשיכטעס און מיט אַ טייל פון יענע אָנסופיקע שונד־ראָמאַנען, וואָס זיינען אין מיינע יונגע יאָרן געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין פאָלק. פון אָט די ראָמאַנען בין איך גאָר באַזונדערס געווען פאַרקאָכט אין מייסטערווערק פון אַ געווויסן זענ־דערמאַן, וואָס האָט געהאַט דעם פּרעכטיקן טיטל: רינאַלדאָ רינאַלדיני, דער גרעסטער רויבער־עלטסטער פונעם 18טן יאָרהונדערט; זיינע און זיין געמאַ־לינס אויפטועניש אָדער די געהיימענישן פון די אַברוזען.

ווי עס פּאַסירט מיט אַלע יינגלעך מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע, האָט דאָס לייענען אויך מיך אָנגערעגט צו נאָכמאַכעריי. אינאיינעם מיט מיינע קאַמעראַדן האָבן מיר געמאַכט מיצלעך, באַפּוצט מיט פּרעכטיקע פעדערן, געשניצט פיילן, אָנגעצויגן פייל־בויגנס און געמאַכט קינזשאַלן פון האָלץ. זומער־צייט פלעגן מיר זיך אַוועקלאָזן אין אַפּיצירס־גאָרטן צו דער מאָנאַסטיר־סאַזשעלקע אָדער אין גאָנסענהיימער וואַלד, ווו די „פיינטלעכע שבטים" האָבן געפירט גאַנצע שלאַכטן. אין יענע יאָרן איז עס ביי מיר געווען כמעט אַן אָפּגעמאַכטע זאַך: אַז ווען איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך אויסוואַנדערן קיין אַמעריקע און וועל זיך דאָרט אָנשליסן אין אַן אינדיאַנער שבט, אָדער איך וועל פירן אַ פריי יעגער־לעבן. אַזעלכע ווונטשן פאַר שפּעטער האָבן געהאַט מיינסטן טייל מיינע קליינע קאַמעראַדן. מיר זיינען געווען פאַרגלייבטע קעגנערס פון דער ציווי־ליזאַציע, וואָס לייגט אַרויף אויף אונדז ווי אַ מוז יעדן טאָג זיך צו וואַשן, קעמען, גיין אין שול אַריין, באַניצן אַ טאַשנטיכל און פאָלגן אַ גאַנג די דער־וואַקסענע. מיט שטילער בענקשאַפט האָבן מיר געטרוימט פון די פרייריס

וואָס האָבן גאָר קיין סוף ניט און פון די מורמלענדיקע וועלדער פון דעם ווייטן מערב, וווהין עס האָט נאָך ניט אַריינגעדרונגען די פעסט פון דער קולטור, ווו איינער קאָן נאָך סקאַלפּירן זיינעם אַ שונא אָן דעם מע זאָל דערפאַר באַלעסטיקט ווערן פון דער פּאָליציי.

אַז איך האָב שפּעטער געלייענט וועגן די געוואַגטע נסיעות פון די רויטע ים־רויבערס, וועגן קאַפּיטאַן קיד און די פּחדימדיקע בוקאַניערן, האָב איך אָנגעהויבן אַביסל צו צווייפלען, און אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר וועט פּאַרט זיין דאָס בעסטע אויסצוריכטן אַ פּיראַטן־שיף און מאַכן אומזיכער דעם שפּאַנישן ים. דערנאָך בין איך געווען אונטער דעם איינפלוס פונעם רינאַלדיני־בוך, און די אַלטע פלענער זיינען אויף אַ צייט פאַררוקט געוואָרן אין הינטערגרונט. מיר האָבן שפּעטער באַשלאָסן צו שאַפן אַ גרויסע רויבער־באַנדע, מיר האָבן נאָר אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך וועגן פּלאַץ פאַר אונדזערע בלוטיקע אָפּעראַציעס, צי זאָל עס זיין דייטשלאַנד אָדער איטאַליע. ביז מיר האָט זיך איינגעגעבן איבערצוצייגן מיינע קאַמעראַדן, אַז אַזוי לאַנג ווי פריישן־בעקער וועט לעבן, איז עס פאַר אונדז אַלע אַ פראַגע פון האָנער צו בלייבן אין דייטשלאַנד. דער אַרגומענט איז געווען אַזוי אָנגעמעוודיק, אַז אַלע אַמפּערנישן וועגן פּלאַץ זיינען אָפּגעפאַלן ווי פון זיך אַליין.

מיין באַגייסטערונג פאַר דעם איידעלן רויבער־באַרוף איז ערשט רעכט גאָר הויך געשטיגן אַדאַנק אַ גרויסער געשעעניש, וואָס האָט מיך געהאַלטן געשפּאַנט במשך לאַנגע וואָכן. מיין ברודער פּיליפּ האָט געהאַט אַ ניט־גע־צוימטן דראַנג צום טעאַטער און באַזונדערס האָט ער געטרוימט פון דער אָפּערע. ער האָט טאַקע געהאַט זייער אַ שיינע שטים און געקענט אויסזינגען פון זכרון היפּשע טיילן פון אַ סך אָפּערעס. אין שכנהשאַפט מיט אונדז האָבן געוווינט עטלעכע אַקטיאָרן און זינגערס. פּיליפּ פלעגט פאַר זיי מאַכן אַ גאַנג און זיי פלעגן אים דערפאַר באַלוינען מיט פרייע בילעטן פאַר דעם שטאָטישן טעאַטער, און כמעט יעדן זונטיק אָוונט האָט מען אים געקאָנט זען אויף דער גאַלעריע. דורך מיין ברודער האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו גיין אין טעאַטער די ערשטע צוויי מאָל אין מיין לעבן.

די ערשטע אָפּערע וואָס איך האָב געזען איז געווען פרייטשוץ. די מוזיק פון וועבערס ראָמאַנטישער אָפּערע האָט דעמאָלט נישט געמאַכט אויף מיר קיין באַזונדערן איינדרוק, סיידן די פאַנטאַסטישע, עולם־התוהו־סצענע אין וואָלפּס־טאָל, וואָס האָט צוגעשפּילט מיין דעמאָלטיקן אַוואַנטוריסטישן איינשטעל. עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט פּיליפּ מיר געשענקט אַ בילעט צו דער אויפפירונג פון שילערס די רויבערס. די איבערלעבונג פון יענעם אָוונט האָב איך ביז אויף היינט ניט פאַרגעסן. איך בין געזעסן אויף מיין פּלאַץ ווי אַ צוגעשמידטער און מיט פיבערדיקער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די האַנדלונג אויף דער בינע. איך האָב זיך כמעט ניט דערוועגט צו אָטעמען. איך האָב

אינגאַנצן פאַרגעסן אַז דאָס וואָס איך זע פאַר מיר איז ניט מער ווי טעאַטער. דער רויבער־לאַגער אין וואַלד און דאָס געזאַנג פון די גזלנים „אַ פריי לעבן פירן מיר", האָט אַזוי שטאַרק באַווירקט מיין יוגנטלעכע איינבילדונג־קראַפט, אַז צום ליבסטן וואָלט איך אַרויפגעשפרונגען אויף דער בינע זיך אַנצושליסן אין קאַרל מאָאָר און זיין באַנדע. דערנאָך דער קאַמף מיט די סאָלדאַטן, די נאַכט־סצענע אין וואַלד, ווען דאַניעל שלייכט זיך צום הונגער־טורעם, כדי צו ברענגען עסן דעם אַלטן מאָאָר און דער איבערפאַל, וואָס שווייצער מיט זיין כאָפּטע מאַכן אויפן פּריצישן שלאָס. איך בין ממש פאַרשיכורט געוואָרן פון אויפרעגונג. אַ מער דאַנקפולן צוקוקער האָט דאָס מאַינצער שטאָט־טעאַטער קיינמאָל ניט געהאַט.

די גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקאָנט איינשלאָפן און מיט אָפענע אויגן געחלומט פון די בעמישע וועלדער, פון ווילדן רויבער־לעבן און פון קאַרל מאָאָר און זיינע בראַווע געזעלן. אויפן צווייטן טאָג בין איך געלאָפן צום פעטער און גענומען ביי אים צום לייענען דעם ערשטן באַנד פון שילערס ווערק. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס איך האָב געלייענט אַ זאַך פון דער קלאַסישער ליטעראַטור. מיט ברענענדיקע אויגן האָב איך געשלונגען יעטוועדע שורה פון דער דראַמע און זיך אינגאַנצן איינגעלעבט אין גייסט פון קאַרל מאָאָר און זיינע העלדישע אויפטועז. בלויז צום עלענטן שפּיגלבערג האָב איך געפילט אַ שנאה, כמעט נאָך מער ווי צום „צוקער־זיסן ברידערל" פראַנץ, דערפאַר וואָס שפּיגלבערג האָט פאַרשוועכט דאָס דערהויבענע רויבעריי און עס דערנידעריקט צו אַ געמיינעם געשעפט פון גנבה. עס זיינען אָבער געווען שווייצער און ראָלער און אַנדערע יונגען. זיי האָבן פאַרמאָגט ערע און געהאַלטן הויך דעם רעגולאַמין פון זייער באַרוף.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב די רויבערס פאָרגעלייענט פאַר מיינע קליינע פריינד און איך האָב עס געטאָן מיט אַזאַ ווילדער באַגייסטערונג און מיט אַזוי פיל קראַפט פון מיינע לונגען, אַז די ווירקונג איז געווען אומווידערשטיילעך. רויבערס האָבן מיר געוואָלט ווערן. דאָס איז ביי אונדז געווען אָפּגעמאַכט איין מאָל פאַר אַלע מאָל. די וועלט זאָל פון אונדז וויסן, אָרעמע לייט זאָלן וויסן, אַז ס'איז נאָך פאַראַן ווער עס זאָל פאַר זיי נעמען נקמה און זיי באַשיצן; אַז ס'איז נאָך דאָ ווער עס זאָל זיך אויף זיי דערבאַרעמען, ווי שינדערהאַנעס, רינאַלדאָ און קאַרל מאָאָר.

דערווייל האָט פלוצים עפּעס פּאַסירט וואָס האָט אונדז צוריקגעבראַכט צו אונדזערע אַלטע פּלענער פאַר דער צוקונפט. איך בין אַלט געווען אַ יאָר עלף, ווען קיין דייטשלאַנד איז אַראָפּגעקומען בופאַלאָ ביל מיט זיינע צוויי הונדערט אינדיאַנער, יעגערס, קאָובאָיס און האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט אין דער אַלטער שטאָט מאַינץ. בופאַלאָס קומען אין אונדזער שטאָט איז אַפּי־שירט געוואָרן לאַנגע וואָכן אויף צופריער. אַלע מעלד־ברעטער זיינען געווען

באַקלעפּט מיט ריזיקע פּלאַקאַטן, וואָס פון זייער סאַמע מיטן האָט אַרויסגעגלאַנצט דאָס בילד פונעם געוואַגטן וועג־געפינער. אַרום דעם בילד זיינען געווען בילדער פונעם ווילדן מערב: אינדיאַנער וואָס מאַכן אַן איבערפאַל אויף אַ פּאָסט־דיליזשאַנס, אַ יאַגד אויף בופאָלן און בראָנז־קאָלירעוודיקע פאַרשוויגען, וואָס זיצן אייניינעם מיט זייערע ווייסע פריינד ביים קאָסטער און רייכערן פייקעס. מען קאָן זיך פאָרשטעלן: צוויי הונדערט אינדיאַנער, יעגערס, וואַלד־לויפערס! דער קאָפּ איז אונדז געגאַנגען כאָדאָראָם. אַ פייער זאָל געווען פאַרכאַפּן די גאַנצע שטאָט אָדער אַן ערד־ציטערניש זאָל געווען צעשטערן האַלב אייראָפּע, וואָלט דער איינדרוק ניט געווען קיין העלפט אַזוי שטאַרק.

אין טאָג וואָס מיר האָבן אויף אים אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט, ווען בופאַלאָ ביל האָט ענדלעך געדאַרפט אַריינמאַרשירן אין אונדזער שטאָט, האָבן מיר לאַנגע שעהן אָפּגעוואַרט ביים וואָקזאַל דעם אָנקום פון זיין ספּעציעלן צוג. עס האָט גענומען אַ היפּשע צייט ביז מע האָט אויסגעלאָדן די מוילאייזלען, פערד, בופאָלן און מע האָט זיך געמאַכט גרייט צום מאַרש אין דער ריכטונג פון שלאָס־פּלאַץ, ווו בופאַלאָ ביל האָט אויפגעשטעלט זיין לאַגער. נו איז געריטן בופאַלאָ ביל אין זיינע קאָלירנדיקע מלבושים און קאָוובאָי־הוט מיט די ברייטע דעניקס. מיר הינטער זיי, מיט פלאַמענדיקע אויגן און קלאַפּנדיקע הערצער. פון צייט צו צייט האָבן מיר אַרויסגעיאָכצט קריגערישע אויסגעשרייען, כדי אויסצונעמען ביי די ברוינע לייט. ס'איז געווען אַ ספּעקטאַקל פאַר געטער.

דריי מאָל בין איך געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג. דאָס ערשטע מאָל האָט דער פעטער מיך מיטגענומען. די אַנדערע צוויי מאָל האָב איך מיר פאַרשאַפט דעם אַריינגאַנג אויף אַ ניט־געזעצלעכן אופן, איך האָב זיך גאַנץ פשוט אַריינגעשאַרט פון אונטער דעם געצעלט־לייוונט. די בילדער וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר מיינע אויגן זיינען געווען אַזוי מאָלעריש, אַז מיין באַגייסטערונג איז געשטיגן צו דער העכסטער שטופע. אין דער שלוס־סצענע האָט אַן אינדיאַנער ווי אַ וויכער זיך דורכגעטראָגן גאַלאָפּ רייטנדיק און דערביי געשלייַדערט אין דער לופט גלעזערנע קיילעכלעך, בופאַלאָ ביל איז אים נאָכגעריטן אויף זיין ווייסן פערד און אויסגעשאָסן אין יעדן קיילעכל, אָן דעם ער זאָל אַפילו איין און איינציק מאָל האָבן פאַרפעלט זיין ציל. מיין אַנטציקונג האָט גאָרניט געהאַט קיין גרענעצן, און איך האָב אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויפצורודערן גאַנץ אייראָפּע.

די רויבערס און די פיראַטן זיינען פון איצט אָן געווען אינגאַנצן אויסגעשפּילטע. איך האָב פאַר זיך געזען בלויז איין צוקונפט — דעם ווייטן מערב. דאָס וואָס איך האָב דאָ געזען איז ניט געווען עפּעס אַזוי זיך אַ מעשה־ביכל. מער ווי אַלץ וואָס איך האָב ביז דעמאָלט געהאַט געלייענט, האָט אויף מיר געווירקט דאָס רעאַלע בילד, אָט כאָטש מיט די הענט צו באַרירן. רינאַלדיני

און קאַפּיטאַן קיד האָבן ביי מיר אויך אויף ווייטער גאַרניט אָנגעוווירן פון זייער גרויסקייט, איך האָב אָבער אויך שוין אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס. מיינע צוויי בוזעם־פריינט, זשאַן קראַמער און לואיס גערטלאַך האָבן מיט מיר אין דעם מסכים געווען און זיינען געווען גרייט מיר נאָכצוגיין. מיט אַ סך ברען האָבן מיר אַרומגעשמועסט וועגן אַלע פּרטים פון אונדזערע שפּעטער־דיקע פּרעכטיקע טעג. אין די ביכלעך וואָס מיר האָבן פאַרשלונגען, זיינען די אַפּאַשן באַשריבן געוואָרן ווי דער סאַמע אַכזריותדיקער און בלוטדאָרש־טיקער אינדיאַנער שבט. נו, האָבן מיר זיך פייערלעך געגעבן דאָס וואָרט זיך אָנצושליסן ניט אָן קיין אַנדערן ווי נאָר אין אָט דעם שבט.

אונדזער הייליקער צוזאָג האָט, פאַרשטייט זיך, געמוזט פאַרפעסטיקט ווערן מיט אַ מוראדיקער שבועה. אויפשרייבן דעם טעקסט פון דער שבועה — דאָס איז געווען מיין אַרבעט, מיין ערשטער צושטייער צו דער וועלט־ליטע־ראַטור, און איך בין געווען ניט ווייניק שטאָלץ אויף מיין אויפטו. דאָס פאַר־לייענען מיין חיבור האָט גענומען צום ווינציקסטן אַ צען מינוט. מיר האָבן זיך צוגעזאָגט זיך צו האַלטן פעסט איניינעם, אין נויט און סכנה און איינ־צושטעלן דאָס לעבן איינער פאַרן צווייטן. ווער עס וועט ברעכן די שבועה דער זאָל אומברחמנותדיק אומגעבראַכט ווערן; ניט בלויז ער אַליין, זיין גאַנצע פאַמיליע זאָל צוגעצויגן ווערן צו טראָגן די אחריות: פאָטער און מוטער, ברי־דער און שוועסטער; זיין הויז זאָל פאַרברענט ווערן און דאָס אַש זאָל צע־שליידערט ווערן אויף אַלע עקן. קורץ, דאָס איז געווען אַ שבועה וואָס האָט געקאָנט לאָזן הערן פון זיך און וואָס האָט ביי שוואַכע פאַרשוינען געמוזט אַרויסרופן אַן אַנגסטיקן שוויס אויפן שטערן.

אין אַ לעבלעכער זומער־נאַכט האָבן מיר זיך אַרויסגעשלייכט פון דער היים און מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אויפן אָפּגעשמועסטן אָרט ביי דער אַלטער דאַמף־מיל. דער פּאַראָל איז געווען: גוראַנימאַ, דער נאָמען פונעם אַפּאַשן־עלטסטן, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. איך בין דער ערשטער געווען אויפן פּלאַץ. נאָך מיר האָט זיך באַוויזן לואיס און גלייך דע־רויף זשאַן. נאָכדעם ווי איך האָב בייביידן אָפּגענומען דעם פּאַראָל אויפן פייערלעכסטן אופן, זיינען מיר דורכן אָפּיציר־גאָרטן געגאַנגען צו דער אַלטער, האַלב־חרובער קאַזאַרמע, אַן איבערבלייב פון די צייטן ווען די עסטרייכער האָבן אָקופּירט די שטאָט. דאָרטן האָבן מיר אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט און איך האָב מיט אַ פּאַרכטיקער שטים פירגעלייענט די גרויליקע שבועה. ביי יעדן פּאַראַגראַף האָבן מיר דער ריי נאָך געשוווירן. געענדיקט דאָס פירליי־ענען, האָט יעדער פון אונדז זיך אַ שטאָך געטאָן מיט אַ נאָדל אין גראָבן פינגער און אַרויסגעדרוקט אַ טראָפּן בלוט. דאָס בלוט האָבן מיר פאַרמישט און דערמיט געמאַכט אַן אָפּדרוק אויפן ווערטיקן פּאַפּיר, וואָס מיר האָבן דערנאָך אַריינגעלייגט אין אַן אַלטער בלעכערנער פּושקע און באַגראָבן אויף

אַ זיכערן אָרט. אויפן וועג אַהיים האָבן מיינעביידע פריינד מיך פאַרזיכערט, אַז ס׳איז געווען די שענסטע שבועה וואָס זיי האָבן ווען ס׳איז געהערט אין זייער לעבן. אָט דעם לויב האָב איך ערלעך פאַרדינט, וואָרן ביים שרייבן האָב איך אויף אַן אמת ניט געשפּאָרט קיין מי און האָב געשאַפן אַ ווערק, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט מער פרייד ווי אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

אומגליקלעכער זשאַן. זיין געביין ליגט ניט אין די ווייטע פּריירים פון ריאָ גראַנדע, נאָר ערגעץ אין אַ גרוב פון אַ קאַנאַנגען־שאָס לעבן ווערדען. לואיס אָבער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזט זיין געבוירן־שטאָט. מיט אַ סך יאָרן צוריק ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין דענווער, האָב איך אויפגעזוכט בופאַלאָ בילס קבר. איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט אין מיינע צוויי פריינט און אין די אַזוי ליבע פאַרשווונדענע טעג, וואָס לעבן אין זכרון ווי אַ מעשהלע פון לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן.

זינט דעמאָלט האָב איך זיך אַ היפּש ביסל אַנגעלייענט וועגן דער צע־שטערערישער פּעולה פון דער שונד־ליטעראַטור אויף דער יוגנט. איך אַליין האַלט אָבער אַז מע טרייבט שטאַרק איבער דעם ענין, אַז מע קאָן ניט אין דעם פּרט אויסמישן אַלץ אין איין טאָפּ. איך וויל דערביי גערן צוגעבן, אַז דער היינטצייטיקער סאָרט פון אָט דעם מין ליטעראַטור, מיטן איינשטעל צו שילדערן אויסשליסלעך די טעכניק פון פאַרברעכן, קאָן ניט ווירקן צום גוטן אויף דער יוגנט. דאָס איז פאַר מיר באַזונדערס קלאָר געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב זיך דירעקט באַקענט מיטן אַמעריקאַנער לעבן. פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט אַריינפאַלן אין סתם פאַראַלגעמיינערונגען. יענע ליטעראַטור פון מיינע קינדער־יאָרן האָט פאַרמאָגט אין אַ גרויסער מאָס אַ סאָציאַלן צו־מיש. די פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס האָבן אונדז פאַרכאַפּט, זיינען אין זייער תוך געווען ראָמאַנטיש, אַן אייגנשאַפט וואָס האָט ביז גאָר אַפּעלירט צום קינד, צו זיין איינבילדונגס־קראַפט. אָט דער ראָמאַנטישער מאָמענט האָט עס אונדז צוגעצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט און איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין אונדזער יוגנטלעכן גייסט. אַ ליטעראַטור פון אַ העכערער מדרגה וואָלט קוים געווען אין שטאַנד אונדז צו באַאיינפלוסן אַזוי טיף און שטאַרק.

מעגלעך אַז מיר האָבן געפּטרט צו פיל צייט אויף לייענען די מעשה־ביכלעך פון יענער צייט, איך מוז אָבער מודה זיין אַז איך האָב אַ סך צו פאַרדאַנקען אָט די ביכלעך. אַז איך האָב זיך פאַרטיפט אין עפּעס אַ געשיכטע וועגן אינדיאַנער, האָב איך שטענדיק זיך געכאַפּט צו דער געאָגראַפישער מאַפּע, כדי פּעסטצושטעלן ווו עס האָבן פּאַסירט די באַשריבענע געשעענישן. אויף אַזאַ אופן האָב איך מיר איינגעשאַפט אַפּולע געאָגראַפישע קענטעניש, וואָס די שול וואָלט מיר קיינמאָל ניט געווען געגעבן. איך האָב געקענט אַלע ערטער ווו די אינדיאַנער האָבן זיך פאַרנומען מיט יאַגד אויף אַלערליי חיות, די גרויסע טייכן, די ימען, די בערג און שטאָטלעכע גרענעצן אויפן אַמערי־

קאַנער קאָנטינענט, פון קאַפּ האָרן ביז צום בערינג־וועג. אַדאַנק די אינדיאַ־
נער געשיכטעס האָב איך זיך פּריצייטיק פאַראינטערעסירט מיט לייענען
אויף אַן אמת גוטע רייזע־באַשרייבונגען. קורץ, איך קאָן ניט באַהויפּטן אַז
מיין ערשטער לייען־שטאָף זאָל אויף מיר האָבן געהאַט וועלכע ניט איז
שלעכטע ווירקונג. אויך אַלע מיינע שפּיל־חברים, אויף וויפל איך האָב זיי
ניט איגנאַנצן פאַרלוירן פונעם אויג, זיינען אויסגעוואַקסן טיכטיקע, ניצלעכע
מענטשן. גראָד די גייסטיק אויפגעוועקטע ייִנגלעך זיינען עס געווען די יעני־
קע, וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מעשה־ביכלעך. אָן שום ספק האָט
דאָ געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט, וואָס אָט די ביכלעך האָבן באַפרי־
דיקט זייער גוסט צו עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט געוויינטלעך, וואָס איז
טשיקאַווע און אויסטערליש.

מיין מוטערס טויט

איך בין אַלט געווען אַ יאָר עלף ווען מיין פעטער רודאָלף האָט חתונה געהאַט און האָט זיך אַריבערגעצויגן מיט זיין יונג ווייבל אין אַן אייגענער וווינונג. ס'איז פאַר מיר געווען אַ טרויעריקער טאָג ווען דער פעטער האָט איינגעפּאַקט זיינע זאַכן און איך האָב אים צוגעהאָלפן ביים אַריבערטראָגן די פּעקלעך אין זיין נייער וווינונג טאַקע ניט ווייט פון אונדזער הויז. אויך איצט האָב איך אים געקענט זען יעדן טאָג, ס'איז אָבער מער ניט געווען דאָס וואָס פריִער. די אַלע יאָרן זינט מיין פאָטערס טויט האָט דער פעטער געלעבט מיט אונדז און איז פאַר אונדז קינדער געווען ווי אַ טאַטע. זיין געזעצטער, גוטמוטיקער כאַראַקטער, זיין בנימוסדיק אומגיין מיט מענטשן און זאַכן און גאָר באַזונדער, זיין גוט־האַרציקייט אָן אַ מאָס צו אונדז, די קינדער, דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט איינגעבאַקן אין האַרצן ביי אונדז אַלע, און ס'איז פשוט ניט געווען מעגלעך זיך פאַרצושטעלן אונדזער שטוב אָן אים. דעם פעטערס פּראָפעסיע איז געווען בוכבינדעריי און ער האָט געאַרבעט טאַקע אין זעלביקן הויז ווו מיר האָבן געוווינט, אַזוי אַז מיר האָבן אים געקענט זען אָפט אויך אין זיין אַרבעט־צייט. פונדעסטוועגן איז זיין אַרויסציִען זיך פון אונדז געווען פאַר אַלע אין שטוב אַ גרויסער אָנווער.

עטלעכע חדשים שפּעטער איז מיין מוטער איינגעגאַנגען אויף חתונה האָבן אַ צווייט מאָל. דער שטיפפאָטער איז געווען דעם פעטערס אַן אַרבעט־קאָלעגע, וואָס פלעגט אָפט אַריינקומען צו אונדז און שפּעטער אויך געוואָרן ביי אונדז אַ קעסטניק. ער האָט געשטאַמט פון אינסברוק. ער איז אויסגעווען אין אַ סך שטעט און לסוף זיך באַזעצט אין מאַינץ. צו מיין מוטער האָט ער געהאַט אַ טיפע צונייגונג און זי ממש פאַרערט. אויך מיר, די קינדער, האָבן ניט געהאַט פאַרוואָס זיך צו באַקלאָגן אויף אים, אָבער פאַרבייטן פאַר אונדז דעם פעטער דאָס האָט ער ניט געקענט. צו יענעם זיינען מיר געווען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן, בעת דער שטיפפאָטער איז פאַר אונדז פאַר־בליבן אַ פרעמדער אין דער פאַמיליע. אויך אונדזערע קרובים האָבן זיך צו אים פאַרהאַלטן אַנדערש ווי צו אַן אייגענעם. ניט וואָס מע זאָל אים האָבן

באַהאַנדלט אומפריינדלעך, פאַרקערט, יעדער איינער האָט אים ווי ווייט מעגלעך אַרויסגעוויזן זיין רעספעקט, וואָרום געווען איז ער אַ מענטש אַ פלייסיקער און יעדער פעני, וואָס ער האָט פאַרדינט האָט ער אָפּגעגעבן דער פאַמיליע. אָבער צווישן אים און די אַנדערע איז פאָרט געלעגן עפּעס ווי אַ טיפער גראָבן. נאָר די אַלטע באָבע האָט געהאַט צו אים אַן אמת וואַרעמע באַציִונג.

מיין מוטער האָט קאָנטיק שווער איבערגעלעבט אָט דעם אינעווייניקסטן ריס. איך האָב זי אָפּט געזען טרויעריק און דערשלאָגן. פאַרשטייט זיך אַז איך בין דעמאָלט נאָך געווען צו יונג איך זאָל קענען ריכטיק באַנעמען די סיבות פון אָט די פאַרהעלטענישן, איך האָב אָבער קלאָר איינגעזען אַז ניט אַלץ איז ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין. היינט ליגט עס פאַר מיר אָפן אויף דער האַנט. אין אונדזער משפחה זיינען אַלע געווען געקנופּט און גע־בונדן מיטאַנאַנד. אַלע האָבן זיך געקענט פון קליינוויז אויף און האָבן זיך געפילט ווי גלידער פון איין קערפּער. אַזאַ משפחהשאַפט פירט ניט זעלטן צו משפחה־עגאָאיזם. דער שטיפפאָטער איז געווען אַן אָפּגעווייטערטער וואָס איז געקומען פון דער פרעמד. אַ סך זאַכן וואָס זיינען פאַר די אַנדערע געווען פשוט און היימיש, האָבן אים געמוזט אויסזען משונהדיק און אפשר אויך ניט תמיד אָנגענעם. די אַנדערע האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט דער זעלביקער מטבע, אַזוי אַז ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז דער שטיפפאָטער זאָל זיך אָפּט פילן געקרענקט, כאָטש קיינעם איז עס גאָרניט איינגעפאַלן אים צו ערגערן מיט עפּעס. ניט באַמערקן דאָס אַלץ האָט מיין מוטער ניט געקענט און דערפון שווער געליטן.

מיין מוטערס גליק האָט צום באַדויערן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. קורץ נאָכדעם ווי ס׳איז געבוירן געוואָרן מיין האַלב־ברודער לודוויק, וואָס האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן, האָט זי אָנגעהויבן צו קרענקען און שוין מער צו זיך ניט געקומען. נאָך איר פאַרבינדן זיך מיט איר צווייטן מאַן, האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער וווינונג אויף דער מינסטער גאַס און האָבן זיך אַריבער־געצויגן אין גאַלהויף. מיר האָבן דאָרטן געוווינט אַ פּאָר יאָר, אָבער איך האָב זיך אַלץ ניט געקענט צוגעוווינען צום נייעם אָרום. צו שטאַרק בין איך געווען צוגעבונדן צו דער אַלטער היים, ווו איך האָב איבערגעלעבט מיינע שענסטע קינדער־יאָרן. איך האָב טאַקע ניט איבערגעריסן מיינע אַלטע באַצי־אונגען און כמעט יעדן טאָג באַזוכט מיינע יונגע פריינד אויף דער מינסטער גאַס.

אַז מיין ברודער פיליפּ איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר און געענדיקט זיין לערנצייט ווי אַ בוכבינדער, האָט ער זיך אַנגאַזשירט אין דער מאַרינע. ער האָט געוואָלט ווי אַ פרייוויליקער וואָס פריִער פטור ווערן פון זיין מיליטער־דינסט. מיין מוטער און אַלע אונדזערע קרובים זיינען געווען קעגן דעם, פיליפּ איז אָבער געבליבן ביי זיין באַשלוס, מעגלעך אַז די ענדערונגען אין

אונדזער שטוב האָבן אים דערצו געשטויסן, ער, דער עלטערער האָט איבער־געלעבט די פאַרענדערונגען שטאַרקער ווי איך און מיין קלענערער ברודער. זיכער אָבער האָט אים אויך געצויגן צו אַוואַנטורעס. איינער פון זיינע יוגנט־פריינד איז מיט אַ יאָר פריִער צוריקגעקומען פון דער מאַרינע אויף אורלויב און זיינע מעשיות, באַזונדערס דער מאַטראָסן־אוניפאָרעם, האָבן פיליפן שטאַרק פאַרכאַפּט. אַ צאָל אַנדערע יונגעלייט אין פיליפס עלטער האָבן געטאָן דאָס זעלביקע.

אין מיינע שפּעטערע קינדער־יאָרן האָבן מירביידע, איך און פיליפּ, זיך שטאַרק דערנענטערט צואַנאַנד. זיין אַוועקפאָרן האָט ביי מיר געשאַפן אַ זייער געדריקטע שטימונג. מיין מוטער האָט זינט לאַנג שוין אויפגעהערט זינגען אירע פריילעכע לידער. עס האָט מיט איר געהאַלטן גאָרניט פויגלדיק. וואָס אַ טאָג איז זי געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער, צולעצט האָט זי אַפילו מער ניט געקענט באַזאָרגן די שטוב־אַרבעט און איז כמעט די גאַנצע צייט געבליבן ליגן אין בעט. דער דאָקטער איז ביי אונדז געוואָרן אַ באַשטענדיקער גאַסט, פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקענט פעסטשטעלן גענוי וואָס איר פעלט. די אַלטע באָבע האָט אָפט געוויינט און די קרובים זיינען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרזאָרגטע פנימער.

מיין אומגליקלעכע מוטער. זי האָט זיך שרעקלעך איבערגעאַנדערשט. איר פנים איז געוואָרן מוראדיק בלייך און אירע גרויסע טונקעלע אויגן האָבן תמיד געגלאַנצט ווי אין פיבער. אָפט פלעגט זי צורופן צום בעט מיך און מיין יונ־גערן ברודער. איך האָב אין אַזאַ מינוט געפילט אַז זי וויל עפּעס זאָגן, זי האָט אונדז אָבער בלויז אָנגעקוקט שווייגנדיק און אין איר בליק איז געווען אַזוי פיל טרויער, אַז ער האָט זיך טיף טיף איינגעגראָבן אין מיין יונגער נשמה. צומאָל פלעגט זי אינדערשטיל וויינען אין קישן אַריין, אָבער איך פלעג עס באַמערקן און עס פלעגט מיר אַזוי פאַרקלעמען דאָס האַרץ, אַז איך פלעג זיך צעיאָמערן אויף אַ קול. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן פלעגט זי מיר אַרויפלייגן די האַנט אויפן קאָפּ און שטיל מורמלען: „וויין ניט, מיין קינד, אַז איך וועל נאָר געזונט ווערן, וועט אַלץ ווידער גוט זיין". איך גלייב אַז זי האָט געפילט איר נאָענטן סוף. פון צייט צו צייט פלעגט זי האָבן שרעקלעכע אָנפאַלן. פון ווייטיקן האָט איר דער שווייס גערונען פונעם שטערן. דערנאָך פלעגן זיך איינשטעלן טעג פון אַ מכלומרשטער פאַרבעסערונג, זי האָט אָבער אַלץ געליטן אָן אויפהער און די אָנפאַלן פלעגן פונסניי זיך איבערחזרן. זי איז געווען פאַרביי. אַ שווע־רער מאָגן־ראַק האָט פאַרצערט אירע לעצטע קרעפטן.

דערנאָך איז געקומען דער טאָג, ווען אויף דעם דאָקטערס באַפעל, האָט מען די מוטער אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. אין שטוב האָט קיינער קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. עפּעס ווי די שאָטנס פונעם טויט זאָלן זיך האָבן צע־שפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך. יעדער מאָל אַז איך בין געקומען אַהיים פון דער שול האָב איך געפילט ווי די פוסטקייט אין שטוב דריקט אויף מיר ווי

אַ באַרג. איך האָב זיך געפילט מוראדיק אַליין. איך האָב מיין מוטער שטאַרק ליב געהאַט. זי איז תמיד געווען צו אונדז אַזוי גוט. איר מילדקייט האָט געווירקט אויף יעטווערן, וואָס איז געקומען מיט איר אין באַרירונג. דער געדאַנק אַז זי מוז שטאַרבן איז פאַר מיר געווען ניט אַריבערצוטראָגן.

מיטוואָך און זונטיק זיינען געווען די טעג ווען מע האָט געקענט באַזוכן די מוטער אין שפּיטאָל. איר צושטאַנד איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. במשך דער קורצער צייט וואָס זי איז געווען אין שפּיטאָל, איז זי געוואָרן ניט צום דערקענען. דאָס פּנים איז איר איינגעפאַלן און באַקומען אַ געלבלעכן קאָליר. די נאָז איז איר געוואָרן אַלץ מער פאַרשפּיצט. נאָר אין די אויגן איז איר פאַרבליבן דער פריִערדיקער גלאַנץ און די זעלביקע טיפע טרויעריקייט. אַז זי פלעגט אונדז דערזען, פלעגט איר בליק ווערן פריידי־קער און אַ לייכטער ציטער פלעגט איר אַריבער איבערן גאַנצן קערפּער. זי פלעגט אונדז דעמאָלט אַרויפלייגן אויפן קאָפּ אירע דינע כמעט דורכזיכטיקע הענט. איר שטים איז געווען אַזוי שוואַך, אַז איך פלעג קוים־קוים דערהערן וואָס זי זאָגט. אַז די באַזוך־צייט פלעגט זיך ענדיקן, פלעג איך דערפילן אַ נאָגנדיקן ווייטיק און איך פלעג זיך מוזן אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות איך זאָל זיך ניט צעכליפּען אויף אַ קול.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג בעת איך בין געזעסן אין קלאַס, האָט מען אָנ־געקלאַפּט אין דער טיר. דער לערער איז אַרויס אין קאָרידאָר און דאָרט מיט עמיצן גערעדט אַ פּאָר ווערטער. אַז ער איז צוריק אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער מיר געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע: „רודאָלף, נעם צונויף דיינע זאַכן און גיי גלייך אַהיים. פאַרהאַלט זיך נישט אונטערוועגס, ווייל מען וואַרט אויף דיר". דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דער מו־טער און איך בין אַהיים געלאָפן מיט אַלע כוחות. אינדערהיים האָב איך גע־טראָפן די באָבען און מיין ברודער פריץ גרייט צום אַוועקגיין. דער אַלטערס האַלב בלינדע אויגן זיינען געווען שטאַרק רויט און איר שטים האָט גע־ציטערט: „וואַש דיך שנעל אָרום, מיר מוזן גלייך גיין אין שפּיטאָל".

אין שפּיטאָל האָט אונדז אויפגענומען אַ קראַנקן־שוועסטער. זי האָט דער באָבען געזאָגט עפּעס שטיל אויפן אויער און אונדז באַגלייט צו דער מוטערס בעט, וואָס איז דאָס מאָל געווען אַרומגעשטעלט מיט שפּאַנישע ווענטלעך. די מוטער איז געלעגן אויפן בעט און לייכט געכאָרכלט. אירע אויגן זיינען געווען האַלב געשלאָסן און זי האָט קאָנטיק גאָרניט געמערקט אונדזער אַריינקומען. ערשט אַז די באָבע האָט איר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן שטערן, האָט זי פאַמעלעך געעפנט די אויגן וואָס זיינען געווען ווי פאַרגלעזט. ביסלעכוויז איז איר בליק געוואָרן אַביסל באַלעבטער. זי האָט געפּרוווט אויפהייבן איר האַנט, אָבער עס האָבן איר פאַרפעלט די כוחות. איך האָב אָנגענומען איר האַנט, מיין ברודערל האָט געטאָן דאָס זעלביקע מיט איר צווייטער האַנט. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די ווערטער זיינען ניט

אַרויסגעקומען. איך האָב געזען ווי זי מאַכט פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען, אָבער אירע ליפּן זיינען געבליבן שטום. ענדלעך האָט זי קוים־קוים שטיל אַרויסגעכאָרכלט: „מע האָט איך גערופן? ס'איז דאָ אַזוי טונקל אַז איך קען איך נישט זען". אירע אויגן־לעפלעך האָבן זיך פונסניי אַראָפּגעלאָזט און זי האָט שווער געאָטעמט. דערנאָך האָבן זיך אירע אויגן ווידער געעפנט און זי האָט אַרויסגעשעפּטשעט: „ווו איז פיליפּ?" אַ פּאָר סעקונדן דערויף איז אַדורך אַ קראַמף איבער איר גאַנצן קערפּער. די אויגן זיינען געבליבן ברייט צעעפנט, איר בליק איז אָבער געבליבן ליידיק, אָן שום אויסדרוק.

אַ מאָדנע געפיל האָט מיך באַהערשט. ס'איז מיר פאָרגעקומען ווי איך וואָלט פאַמעלעך געזונקען אין אַ טיפן אָפּגרונט. ווי אין חלום האָב איך געהערט ווי די אַלטע שלוכצט אויף אַ קול און מיין ברודערס געוויין. דער פאָרהאַנג האָט זיך צערוקט. די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך באַוויזן. זי האָט דער טויטער מוטער צוגעדרוקט די אויגן און דערביי געזאָגט אַ קורץ געבעט. אָן אַ וואָרט צו זאָגן האָט זי אונדז אַרויסגערוקט פונעם צימער. אויף די טרעפּ אינדרויסן איז אונדז אַקעגנגעקומען דער שטיפפאָטער. ער האָט געאַרבעט אין אַ ווייטער גאַס און איז געקומען צו שפּעט. מיין ברודער פיליפּ וואָס אים געהערן מיין מוטערס לעצטע ווערטער, האָט זיך געפונען ערגעץ ווייט אויפן ים און די ידיעה וועגן דער מוטערס טויט איז צו אים דערגאַנגען ערשט מיט חדשים שפּעטער.

אין דער היים האָט דער יאָמער אַרויסגעשטאַרצט פון יעדן ווינקל. די באָבע האָט זיך שיעור ניט אויסגעוויינט די אויגן. דער שטיפפאָטער איז געווען שרעקלעך דערשלאָגן און האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. דערנאָך איז געקומען דער טאָג פון דער באַערדיקונג. אַלע קרובים, אַ גרויסע צאָל שכנים און פריינד האָבן זיך פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן מיין מוטער דעם לעצטן כבוד. בעת די טויטן־גרעבערס האָבן אַראָפּגעלאָזט דעם אָרון אין גרוב, האָב איך געפילט ווי דאָס האַרץ איז מיר פאַרלאָפן מיט בלוט. האָב איך דאָך צו גוט געוווסט, אַז איך האָב אָנגעוווירן מיין בעסטן פריינד. יעדער איינער פון די קרובים האָט אַריינגעוואָרפן אַ הויפן ערד אין אָפענעם קבר, די מערסטע האָבן דערביי געוויינט. נאָר די אַלטע באָבע ראָקער איז געשטאַנען צוקאָפּנס דעם קבר און פאַרשטאַרט געקוקט אין דער ווייטקייט אַריין. איר פּנים איז געווען ווי פאַרשטיינערט, אָבער קיין איין טרער ניט אין די אויגן.

נאָך דער באַערדיקונג זיינען די מענער, ווי ס'איז געווען אָנגענומען, געגאַנגען אין אַ ווייַנהויז. מיך און מיין ברודערל האָבן די מומע באַרבעטכן און מיין פאָטער מוטער, מיטגענומען צו זיך. אַ גרויליקע דערשלאָגנקייט האָט מיך באַהערשט. איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געוויינט מיט הייסע טרערן. די אַלטע האָט מיך רואיק געלאָזט בלייבן אַליין מיט זיך און מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט. אַז איך האָב זיך אַביסל באַרואיקט, האָט זי מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ און געזאָגט: „וויין זיך רואיק אויס, מיין

קינד, דאָס מאַכט לייכטער אויפֿן האַרצן. גוט איז דעם וואָס קען וויינען! איצט אָבער דאַרפֿסטו זיך אָננעמען מיט מוט און שלום מאַכן מיטן גורל. קעגן טויט איז גאָרניט צו מאַכן. דיין אומגליקלעכע מוטער האָט זיך געגוג אָנגעליטן. דו מוזסט אָבער זען עס זאָל פֿון דיר עפּעס ווערן. דאָס לעבן איז ניט קיין קינדערשפּיל. דו וועסט נאָך האָבן געגוג צו זינגען און צו זאָגן. אָבער דו מוזסט זיך האַלטן פֿעסט און זיך ניט לאָזן צעברעכן. פֿאַרגעס ניט דיין מוטער. זי איז געווען אַ מוטיקע פֿרוי און האָט ערלעך געפּראַצעוועט אייך אויפֿצו־ברענגען. די נאַכט וועסטו איבערשלאָפֿן דאָ. דערנאָך האָט זי מיר געגעבן אַ קוש, מיט אַזוי פֿיל האַרציקייט וואָס פֿריִער האָב איך עס פֿון איר קיינמאָל ניט באַמערקט.

דער באָבעס שטאַרקע ווערטער האָבן מיר אַביסל געלינדערט דאָס גע־מיט. אַט די פֿרוי וואָס מע האָט געקענט מיינען אַז זי איז האַרט ווי אַ שטיין, האָט אינדעראמתן פֿאַרמאָגט אַ וואַרעם האַרץ, וואָס גיט זיך צו פֿילן נאָר זעלטן. אַלע האָבן מיר זי געקענט און געהאַט צו איר אָן אַ שיעור צוטרוי. קעגן יעדן אַנדערן אין דער פֿאַמיליע האָט מען צומאָל געהאַט עפּעס אויסצוזעצן. וועגן דער אַלטער האָט מען אָבער פֿון קיינעם קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. זי איז געשטאַנען איבער אַלע ווי אַן אַלטער דעמב, וואָס דער שטורעם קען אים שוין גאָרניט שאַטן.

נאָך דער מוטערס טויט זיינען מיר ווייטער געבליבן אין שטיפֿפֿאָטערס הויז און די באָבע האָט געפֿירט דיווירטשאַפֿט. ס׳איז אָבער מער ניט געווען קיין לעבן. איינינעם מיט דער מוטער איז אויך דער גוטער מלאך פֿאַרשוווּנדן פֿון דער שטוב. אַפֿילו די רירנדיקע צערטלעכקייט פֿון דער באָבען האָבן אונדז ניט געקענט פֿאַרבייטן די מוטער. מיין ברודער פֿריץ איז נאָך געווען צו יונג ער זאָל קענען באַגרייפֿן די נייע לאַגע. מיר איז שוין געגאַנגען דאָס דרייצנטע יאָר און איך האָב געפֿילט דעם אינעווייניקסטן דרוק אַ סך שטאַר־קער. איך האָב געוווּסט אַז פֿאַר דעם שטיפֿפֿאָטער זיינען מיר אַ פּריטשעפּע, וואָס ער וועט זוכן פּטור צו ווערן פֿון איר, פֿריִער אָדער שפּעטער. מיין מו־טערס טויט האָט מיך געמאַכט פֿאַר אַ דערוואַקסענעם און מיין לעבן איז אַרויף אויף אַנדערע וועגן. מיינע אויסזיכטן אויף דער צוקונפֿט זיינען געווען היפּשלעך פֿאַרנעפּלט און די שמועסן וואָס איך האָב אויפֿגעכאַפּט צווישן די קרובים, האָבן מיר ערשט רעכט געגעבן שטאָף צום טראַכטן וועגן מיין תכלית.

אַז מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן, בין איך געווען אַ פֿינף־יאָריק קינד, אָן שום פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן לעבן. אָבער מיין מוטערס אַוועקגיין האָט מיר צום ערשטן מאָל געגעבן צו פֿילן די טראַגישע זייט פֿונעם לעבן. ס׳איז אין מיר אויפֿגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיר ביז דעמאָלט געווען גאַנץ פֿרעמד. אַ נאָגנדיקער צווייפֿל האָט מיך געעקבערט און ווי אַ שאָטן זיך צע־שפּרייט איבער מיין נשמה. דער שטיפֿפֿאָטער איז נאָך ניט געווען קיין על־טערער מענטש. ער איז געווען מיט צוויי יאָר יונגער פֿון מיין מוטער

און זי איז נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע ניין און דרייסיק יאָר. ס׳איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז ער וועט ניט בלייבן אַליין. אַזוי באַלד אָבער ווי ער וועט חתונה האָבן, וועלן מיר מוזן פאַרלאָזן דאָס הויז. מען וועט עס אים אַפילו ניט קענען פירהאַלטן. געוויס, מיין מוטער האָט ער זייער ליב געהאַט. ס׳איז דאָך ניט געווען קיין קלייניקייט פון זיין זייט צו נעמען אַן אלמנה מיט דריי קינדער. אָבער זי איז געשטאָרבן. פריער צי שפּעטער, ער וועט געפינען זיין טרייסט און וועט פּרווון איינאָרדענען זיין לעבן, דעמאָלט אָבער וועלן מיר, די קינדער, אים זיין אין וועג.

אָט די געדאַנקען האָבן זיך טיף איינגעגראָבן אין מיינע געהירן און מיר פאַרשאַפט אַ סך שווערע שעהן. ווו וועלן מיר זיך אַהינטאָן אַז עס וועט טאַקע קומען דערצו? אונדזערע קרובים האָבן אונדז ניט געקענט אויפנעמען. אַלע זיינען זיי געווען אומבאַמיטלט און דערצו געבענטשט מיט אַ סך קינדער. אַפילו דער פעטער האָט שוין איצט געהאַט צוויי זין און אַ דריט קינד האָט געהאַלטן אין קומען. מיין פאָטערס עלטערן האָבן זיך פשוט געמאַטערט אַבי ניט צו דאַרפן גיין אין אַ באַגאַדעלניע און זיינען שוין געווען צו אַלט זיי זאָלן קענען נעמען אויף זיך אַן עול פון צוויי קינדער. דער איינציקער אויסוועג איז געווען אַ יתומים־הויז, אָבער טאַקע אָט דער געדאַנק האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פחד. אַזעלכע ערטער האָבן מיך פון תמיד אַן געמאַכט אויפציטערן, כאָטש איך האָב אַליין ניט געוווּסט פאַרוואָס. אָט די אַלע טראַכטענישן האָבן געפירט דערצו אַז איך זאָל זיך אָנהייבן פילן אינדערהיים אַ ווילד־פרעמדער, ווי איינער וואָס מע פאַרטראָגט אים נאָך ווי עס ניט איז, וואָס איז אָבער ניט איבעריק געוווּנטשן.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען חדשים אין באַטריבטער איינטאָניקייט. דער שטיפפאָטער איז ביסלעכווייז געוואָרן אַן אַנדערער, ניט צו דערקענען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעכמורעטער, תמיד אַ בייזער. דערצו האָט ער אָנגעהויבן טרינקען, אַ זאַך וואָס ער האָט פריער קיינמאָל ניט געטאָן. אַז ער פלעגט אַהיימקומען ניט גאַנץ ניכטער, האָט ער אויסגעלאָזט זיין שלעכטע שטימונג צו אונדז. מיט דער צייט האָבן מיר אים ניט געקענט צוטרעפן מיט גאָרניט. יעדע קלייניקייט האָט אים צערייצט, ער האָט אָנגעהויבן אויף אונדז אַרויפלייגן אַ האַנט; קעגן מיר האָט ער נאָך ווי עס ניט איז זיך אָנגעטאָן אַ כוח, ווייל איך בין געווען אַ קרעפטיקער חברה־מאַן און בין געווען גענוג אַנטשלאָסן זיך אים אַקעגנצושטעלן, דערפאַר אָבער האָט מיין יונגערער ברודער געהאַט טאָפּלט אויסצושטיין.

אין איינעם אַן אָוונט אַז ער איז אַהיימגעקומען, ווי אָפט שוין פריער, אַ צערייצטער און אפשר אויך אַביסל אונטערגעטרונקען, האָט פּריצל זיך פאַרשולדיקט מיט עפּעס אַ קלייניקייט. אין זיין צאָרן האָט דער שטיפפאָטער געכאַפּט די קורצע רימענע בייטש, וואָס מע האָט גענוצט אין שטוב צום אויסקלאַפּן די מלבושים, און אָן רחמנות גענומען פאַסעווען מיין קליינעם

ברודער. פון זיינע געשרייען איז מיר דאָס בלוט געקומען אין קאָפּ אַריין. איך האָב דאָס לענגער ניט געקענט צוזען. איך האָב אַ ריס געטאָן די בייטש פון די צעווילדעוועטע הענט און זי אַרויסגעוואָרפן דורך דעם פענצטער. ער איז צו צו מיר מיט געבײַלטע פויסטן מיך דורס צו זיין, אָבער איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביי די זייטן און אים אומגעוואָרפן. אומזיסט האָט ער געפּרווט זיך אויפהייבן. איך האָב אים געהאַלטן פעסט צוגעדריקט צו דער פּאָדלאָגע, ביז ער איז געבליבן ליגן אָן כוח. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגן פול שינאה און אַרויסגעציִשעט: „אַזוי, איז עס שוין געקומען אַזוי ווייט אַז דו ווילסט מיך שלאָגן?" איך האָב אים אַריינגעשריגן אין פּנים אַריין: „ניין, איך וויל דיך ניט שלאָגן, אָבער דו זאָלסט פּריצלען ניט טשעפּען!" איך האָב אים אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט קללות פאַרלאָזט דאָס צימער.

פון דעמאָלט אָן האָט ער מיין ברודערל לאַנג ניט אָנגערירט, ער האָט זיך אָבער טאָג־איין, טאָג־אויס נוקם געווען אין מיר מיט בייסיקע באַמער־קונגען און האָט מיר פאַרביטערט דאָס לעבן ניט אויף קיין קאַטאָוועס. איך האָב זיך געפילט אַזוי עלנט, אַז איך האָב מיר געוווּנטשן צו ליגן אין קבר מיט מיין מוטער. אָבער דאָס זיינען געווען בלויז מאָמענט־שטימונגען, די יוגנט קען אין איר שטאַרקייט אויסהאַלטן אַ סך צרות. ווי ווייט איך האָב עס נאָר געקענט האָב איך אויסגעמיטן צו זיין אינדערהיים. איך פלעג זיך אַריינ־כאַפּן צו מיינע גרויסעלטערן, צו דער מומע באַבעטכן, מיין פּאַטערס שוועס־טער, וואָס פלעגט שטענדיק זיך אָננעמען פאַר אונדז מיט אַ סך ליבשאַפט. צום ליבסטן פלעג איך גיין צום פעטער. דאָס זיינען פאַר מיר געווען די שענסטע שעהן אין יענער טרויעריקער צייט. מיין מוטערס טויט האָט ביי איר ברודער איבערגעלאָזט אַ טיפע וווּנד. יעדער מאָל אַז ער האָט מיך דער־זען, האָט דעם פעטערס פּנים אויפגעלויכטן מיט העלער פרייד. בעת די מומע דינה האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, האָב איך אַרומגעשמועסט מיט מיין פעטער וועגן אַפּולע ענינים, וואָס האָבן דעמאָלט זיך גערודערט אין מיר און מיך פאַרנעמען. מיין מוטערס טויט האָט מיך געמאַכט ערנסטער. איך האָב מיט באַוווּסטזיין דערשפּירט דעם טיפן באַטייט פונעם לעבן, אַ זאַך וואָס פריִער איז עס מיר גאָר אויפן זינען ניט געקומען.

דער פעטער

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו דערמאָנען דעם פּעטער *) איך האָב זיך ביז איצט אָפּגעהאַלטן דערפון אויספירלעך צו באַשרייבן אָט דעם זעלטענעם מענטשן, ווייל זיין שטאַרקער איינפלוס אויף מיין ווייטערדיק לעבן איז געוואָרן בולטער ערשט נאָך מיין מוטערס טויט. דער אָנקל רודאָלף איז געווען אַ קליינוווקסיק שוואַך מענטשל. ער איז אין זיינע קינדער־יאָרן אויסגעשטאַנען כלערליי חולאתן. אָבער אין אָט דעם שוואַכן גוף האָט געלעבט אַ גרויסע נשמה און אַ שאַרפער, טיפזיניקער שכל. געווען געווען אַ בליק טאָן אויף זיין פיין־געשניצט פּנים מיט דער היפּשלעכער באָרד, הויכן גייסטרייכן שטערן און מילדע קלוגע אויגן, מע זאָל גלייך איינזען, אַז ער איז ניט פון די וואָס גייען צען פאַר אַ גראָשן. דער אָנקל איז באמת געווען אַ זייער באַגאַבטער מענטש. ער האָט אין זיין לעבן אַ סך געלייענט און זיך דערוואָרבן אַפּולע קענטענישן, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען אויסצו־ניצן אין דער פולסטער מאָס. אין זיין יוגנט האָט ער באַזוכט אַ גוטע שול און האָט זיך ספּעציאַליזירט אין נאַטורוויסנשאַפטן. דאָס פּלוצימדיקע פאַר־אָרעמט ווערן פון זיינע עלטערן האָט אים געצוווּנגען אויפצוגעבן זיין שטודירן און זיך נעמען פאַר אַ מלאכה.

מיט זיין אייגנדיקן כאַראַקטער האָט דער אָנקל אַ סך געגליכן צו מיין מוטער, וואָס איז ביי אים געווען דאָס לעבן און די נשמה. ער האָט זיך קיינ־מאָל ניט געשטופּט אויבנאָן און זיין געלאַסענע באַשיידענע נאַטור האָט אים פאַרשאַפט אַ סך פריינד. כאָטש ער האָט געהאַט זייער אַ גוט אויג פאַר די שוואַכקייטן און פּוסטער גאווה פון זיינע מיטמענטשן, האָב איך פון אים קיינמאָל ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט וועגן אַנדערע. דער אָנקל איז גע־ווען אַ שמייכלענדיקער פילאָסאָף, וואָס האָט פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ. זיין פיינער הומאָר האָט אים אָפּגעהאַלטן פון יעדער איבערגעאיילטן אָפּשאַץ. פון זיין גאַנצער פּערזאָן האָט געשטראַלט מיט אַ ווילמוטיקער רואיקייט. ער האָט געווירקט מיט אַ מין וואַרעמער פריינדשאַפט אויף זיין גאַנצן אַרום.

---

*) דער אָנקל רודאָלף איז געווען מיין נאָמען־געבער (טויפפאַטער), אין אונדזער דיאַלעקט: פעטער.

אויף די צונויפקומענישן פון דער משפחה, האָט מען דעם אָנקל געקענט טרעפן נאָר זעלטן. אַז ער איז שוין יאָ אַמאָל געקומען, איז ער געווייינטלעך געזעסן שטיל אין אַ ווינקל, געררייכערט זיין פייקע און זיך איינגעהערט מיט קאָפּ צום אַרומיקן געריידן. פון צייט צו צייט האָט ער געלאָזט פאַלן איינע פון זיינע קורצע באַמערקונגען, וואָס האָט שטענדיק געהויבן די גוטע שטי־מונג. די באָבע ראָקער האָט תמיד חשק געהאַט אים אויפצובלאָזן און אים תמיד אָנדערש ניט גערופן ווי דער פּראָפּעסאָר. אַז סע האָט זיך אַזוי גע־מאַכט דער שמועס זאָל אַרויפקומען אויף אַ פּאָליטישער טעמע, האָט געקענט טרעפן אַז דער פעטער זאָל זיך אַריינמישן מיט אַ לענגערער אויפקלערונג, און ווייל ער האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט אויסצודריקן זיינע געדאַנקען קורץ און קלאָר, האָבן אַלע אים גערן אויסגעהערט.

מיין אָנקל רודאָלף נוימאַן איז גאָר פרי צוגעשטאַנען צו דער יונגער סאָ־ציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז ניט געווען פון די פּאַרטיי־פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען געווען באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט, ווייל קיין רעדנער איז ער ניט געווען. ער איז אָבער געווען איינער פון יענע שטילע טוער, וואָס זיינען תמיד אַקטיוו, וואָס שאַפן דעם רוקנביין פון יעדער באַוועגונג. דער פעטער איז אויך געווען איינער פון יענער קליינער גרופּע, וואָס האָט 1872 געגרינדעט די „זידדויטשע פאָלקסשטימע”. צו יענער צייט האָט יאָהאַן מאָסט זיך באַזעצט אין מאַינץ נאָכדעם ווי ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון זאַקסן, און ער איז גאָר גיך געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער נייער צייטונג. די פלאַם־פייערדיקע באַרעדעוודיקייט פון דעם יונגן מאָסט, זיין געוואַגט איינ־שטעלן זיך פאַר די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־פאָלק און דער אומדער־מידלעכער ברען, וואָס מאָסט האָט אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, — דאָס אַלץ האָט מיין אָנקל קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן און ער האָט שטאַרק באַדויערט דעם פאַקט, וואָס אין רעזולטאַט פון דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ”, איז יאָהאַן מאָסט פאַרוואָגלט געוואָרן פון דייטשלאַנד.

דעם פעטער האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ וועלט וואָס איז געווען פאַר מיר גאַנץ ניי. מיין מוטערס טויט אין איר בליענדיקן עלטער, איז געווען אַ קערפּונקט אין מיין יונג לעבן. דער אָנקל האָט דאָס גוט פאַרשטאַנען און ער האָט זיך אָרנטלעך געגעבן די מי צו זיין באַהילפיק אויף מיין נייעם וועג. די אינדיאַנער־געשיכטעס און די רויבער־ראָמאַנען זיינען אַלץ מער און מער פאַררוקט געוואָרן אין הינטערגרונט. דער שטיפפאָטער האָט אַמאָל אַריינגעוואָרפן אין ברענענדיקן אויוון מיין גאַנצע קאָלעקציע. ער איז געווען זיכער אַז דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ גוואַלדיקער קלאַפּ, אָבער איך האָב קיין איינציקע טרער נישט פאַרגאָסן אויף מיין פאַר־לוירענעם אוצר. איך האָב געפילט אַז איך מוז זיך נעמען פאַר וויכטיקערע זאַכן, אַז איך מוז זיך עפּעס אויסלערנען, כדי צו זיין באַוואָפנט פאַר די קו־מענדיקע יאָרן.

מיין אָנקל האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל ערנסטע ביכער. ביינאַנד מיט די סאַמע באַקאַנטע קלאַסיקער און די ווערק פון זשאַן פּול, היינע, בערנע און גאָטפריד קעלער, זיינען געשטאַנען אויף דער פּאָליצע די ווערק פון אַ צאָל היינט שוין פאַרגעסענע פּאָליטישע פּאָעטן, וואָס האָבן אין יענער עפּאָכע שטאַרק געווירקט אויף אַ ברייטערן לייענער־עולם. אין דער אָפּטיילונג פון דער בעסערער בעלעטריסטיק, זיינען געווען די ווערק פון פרידריך שפּיל־האַגען, אויזשען סיו, זשאָרזש זאַנד, שאַרל דיקענס, וויקטאָר הוגאָ און אַנדערע. דער אָנקל איז געווען אַן איבערצייגטער פריידענקער און די ביכער אויף אַטעאיסטישע טעמעס האָבן אין זיין ביבליאָטעק פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ. אַזאַ פּלאַץ האָבן אויך פאַרנומען די ווערק וועגן אַלגעמיינער געשיכטע, די סאַמע וואַגיקסטע וואָס פון יענער צייט.

וואָס ס'איז שייך דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, האָט מיין אָנקל אָנגעזאַמלט אַ פולע קאָלעקציע פון די קלענסטע בראָשורן ביז די וויכטיקסטע שריפטן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען זינט לאַסאַל האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ פּראָמינענטע ראָלע אין דייטשלאַנד. זינט דעם „סאָציאַליסטן־געזעץ" זיינען אַזעלכע ביכער געווען אומלעגאַל אין דייטשלאַנד. זיי פלעגן אַרויסקומען אין דער שווייץ און אַריינגעשמוגלט ווערן קיין דייטשלאַנד. דער פעטער איז געווען אַ רעגלמעסיקער לייענער פון דעם אויסלענדישן זשורנאַל „דער סאָציאַל־דעמאָקראַט", אַזוי אַרום זיינען אים געקומען צו דער האַנט אַלע קלע־נערע בראָשורן, וואָס סע האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג פון אָט דעם זשור־נאַל. צווישן מיין אָנקלס סאָציאַליסטישע ביכער האָט מען געקענט געפינען די אַרבעטן פון לאַסאַל און ענגעלס, פון בעבעל, ליבקנעכט, בראַק, דוצענער, לאַפאַרג, וויטלינג, ווילהעלם וואָלף און נאָך און נאָך, פון יאָהאַן מאָסט אַלץ וואָס ס'איז פון אים אַרויסגעקומען אין דייטשלאַנד. פון די גרעסערע סאָציאַ־ליסטישע ווערק האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלט מאַרקס' „דער קאַפּיטאַל", בעבעלס „די פרוי אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט", דיור־רינגס „געשיכטע פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע און פון סאָציאַליזם" און אַנדערע.

און צו אַלץ דעם האָט דער אָנקל אויך געהאַט אַ גאַנצע ריי רייזע־באַ־שרייבונגען, ווערק אויף געאָגראַפישע טעמעס. ניט קיין סך אַרבעטער אין דייטשלאַנד האָבן צו יענער צייט פאַרמאָגט אַזאַ אוצר. כמעט אַלע זיינע בי־כער האָט דער פעטער אַליין איינגעבונדן און איז ממש געווען פאַרליבט אין זיי. די ביכער זיינען געווען פאַר אים זיין גרעסטע פרייד און ער האָט זיך קיינמאָל ניט געפילט אַזוי גוט ווי דעמאָלט ווען ער האָט געקענט פאַררייכערן זיין פייקע און זיך פאַרטיפן אין אַ בוך.

די שיינע שעהן ביי דעם אָנקל זיינען אין אַ געוויסער מאָס געווען פאַר מיר אַ באַלוינונג פאַר דעם פינצטערן לעבן אין שטיפפאָטערס הויז. צום פעטער פלעג איך גיין צום ווינציקסטן צוויי מאָל אַ וואָך. זונטיק און אין אַ

פייערטאָג פלעג איך באַלד פון אינדערפרי אַוועקגיין צו מיינע גרויסעלטערן, כדי זיך אַרויסצודרייען פון דעם שטיפּפאָטערס שיקאַנעס. מיך ניט האָבן פאַר די אויגן איז, איבעריקנס, געווען דאָס וואָס ער האָט טאַקע געוואָלט. ער האָט זיך גאַנץ פיין געקענט באַגיין אָן מיר. אין אַ פרייען טאָג פלעג איך מיר אָבער אויסקוקן די אויגן אויף דעם נאָכמיטיק, ווען איך פלעג תמיד גיין צום פעטער און ניט אַהיימגיין פאַר צען אין אָוונט. אַז דאָס וועטער איז געווען שיין, פלעגן מיר מאַכן אַ קליינעם שפּאַציר, וואָס איז תמיד פאַרזיסט געוואָרן מיט באַ־לערנדיקע שמועסן. דעם רעשט טאָג פלעגן מיר פאַרברענגען ביים אָנקל אינדערהיים.

אינדערהיים איז דער פעטער קיינמאָל נישט געזעסן ליידיק. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אַ וואַרשטאַטל פאַר זיין אייגענעם באַנוץ. דאָ און דאָרטן האָט ער אויך איינגעבונדן עפּעס פאַר באַקאַנטע פון זיין קרייז. דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ קליינעם צוגאָב־פאַרדינסט, וואָס ער האָט גענוצט אויף איינ־קויפן נייע ביכער. ער האָט מיך ביסלעכווייז צוגעלערנט די מלאכה און עס פלעגט מיר פאַרשאַפן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, אַז איך האָב געקענט אים זיין באַהילפיק אין דער אַרבעט. ביי דער אַרבעט האָבן מיר זיך שטענדיק פאַרוויילט מיט אַן אינטערעסאַנטן שמועס. אויף אַזאַ אופן האָט מיך דער פעטער אינסטרואירט אין אַפּולע קענטענישן, וואָס קיין שום שול וואָלט מיר ניט געוועזן געקענט געבן.

אַז איך דערמאָן זיך איצט אין יענער צייט, זע איך עס איין ערשט רעכט, וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג ס׳איז פאַרלוירן געגאַנגען אין מיין אָנקל. זיין געלאַסן געמיט, זיין פעאיקייט קלאָר צו מאַכן די סאַמע שווערסטע זאַכן און דערביי ניט פאַרמאַטערן אָדער גאָר לאַנגווייליקן, — אָט די אַלע אייגנשאַפטן זיינע, זיינען פאַר מיר דער בעסטער באַוויז דערויף, וואָס פאַר אַ זעלטענער דערציִער ער וואָלט געווען געקענט זיין.

כאָטש דער פעטער איז במשך לאַנגע יאָרן געווען אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז ער קיינמאָל ניט געוואָרן דער „פּאַרטיי־מענטש״ אין זין פון זיך צופרידנשטעלן מיט ליידיקע שלאָגווערטער. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שפּאַן. ער איז געווען אַ מענטש פון איין אויסגאָס, וואָס זיינע מעשים זיינען שטענדיק געווען אין הסכם מיט זיינע רייד. זיין פאַרטיפטע מענטשלעכקייט, וואָס איז געווען דער יסוד פון דער גאַנצער נשמה זיינער, האָט זיך געגעבן צו פילן אין יעטוועדן ריר זיינעם, אין טאָג־טעגלעכן אומ־גאַנג מיט זיינע מיטמענטשן און פאַר אַלעמען, אין קרייז פון זיין פאַמיליע.

איך האָב שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט אָנצוטרעפן מענטשן, וואָס פאַר אַן עולם האָבן זיי געקענט אַוועקלייגן לאַנגע דרשות וועגן פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט, אָבער ביי זיך אינדערהיים האָבן זיי זיך אויפ־געפירט ווי דעספּאָטן, וואָס פאַרטראָגן ניט דעם מינדסטן אָפּפרעג. אַזאַ באַ־

געמען זיך איז דעם אָנקל געווען גאַנץ פרעמד. אין זיין נאָענטקייט האָט מען זיך געפילט גוט און באַשירעמט. אין זיין היים האָט געהערשט דער גייסט פון פרייהייט און האַרציקער איינפאַרשטענדעניש, וואָס זיינען ניט געוואָרן באַטריבט פון קיין שום שלעכטער שטימונג. מיין אָנקלס פערזענלעכער ביי־שפיל האָט געלאָזט אַ רושם אויף יעדערן, וואָס האָט געהאַט דאָס גליק צו קומען מיט אים אין באַרירונג.

אין אָט אַזאַ גייסט האָט ער אויסגעלייגט אויך פאַר מיר די וועגן פון מיין ווייטער אַנטוויקלונג. מיין מוטערס טויט מיט אַלע זיינע בייזע נאָכווייענישן האָבן גורם געווען אַ נייע ווענדונג אין מיין לעבן. ס׳איז אָבער ווייט ניט געווען פון די לייכטע זאַכן צו מאַכן אַזוי, אַז מיין נייע אַנטוויקלונג זאָל באַקומען אויך אַ קערנדיקן אינהאַלט און זאָל ווערן דער אויסגאַנגספּונקט פאַר דעם פּראָ־צעס פון מיין ווערן אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד. מיט זיין טיפישער געזעצטקייט און וויטזעוודיקייט, האָט דער פעטער זיך פאַרגענומען צו טאָן אָט די אַר־בעט, וואָס איך האָב פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן ערשט אין מיינע שפּעטערדיקע יאָרן.

איך האָב פון קליינוויז אויף אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר געאָגראַפיע און אין אָט דעם לימוד האָב איך מיר טאַקע שוין געהאַט איינ־געשאַפט געוויסע ידיעות. דאָס איז געווען פאַר מיין אָנקל אַ צוטרעפלעכער שטיצפּונקט, וואָס פון אים זאָל ער מיך פירן אויף דעם וועג פון בילדונג. אַז מיר האָבן אינאיינעם שטודירט אויף דער מאַפּע די וואַסער־וועגן, די בערג, אָדער די פּאָזיציעס פון פאַרשיידענע אינדזלען־גרופּעס, האָט דער אָנקל דער־ביי מיר גלייך געגעבן ווערטיקע אויפקלערונגען וועגן די אַלע נאַטור־דער־שיינונגען און שטופנוויז מיך געמאַכט באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ערד און מיט דעם אָרגאַנישן לעבן. אַזוי אַרום האָט ער אַרויסגערופן אין מיר אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַר די נאַטור־וויסנשאַפטן און דאָס ווידער האָט שטאַרק סטימולירט מיין אַלגעמיינע וויסן־דורשטיקייט. דאָס שטודירן נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור און אַדאַנק דעם דירעקטן איינפלוס פון מיין אָנקל האָבן מיר פאַרהאָלפן דערצו איך זאָל שריט ביי שריט מיר שאַפן אַ בילד וועגן דער וועלט און זאָל אָט דאָס בילד מיר אויסקריסטאַליזירן מיט דער הילף פון נייע קענטענישן.

פונקט ווי דאָס באַקענען זיך מיט דער פיזישער געאָגראַפיע האָט אין מיר אַרויסגערופן דעם חשק צו שטודירן נאַטור־וויסנשאַפטן, אַזוי האָט די פּאָליטישע געאָגראַפיע, אַדאַנק מיין אָנקלס באַהאַוונטן מעטאָד, מיך סטימו־לירט צו שטודירן עטנאָגראַפיע און געשיכטע, וואָס האָבן מיך פאַרכאַפּט ביז גאָר.

דאָס ערשטע גרויסע געשיכטע־ווערק, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, איז געווען צימערמאַנס: „די געשיכטע פון די פּויערים־רעוואָלטן אין דייטשלאַנד״. צום ערשטן מאָל איז עס מיר קלאָר געוואָרן, אַז

אַלץ וואָס מע האָט מיט אונדז געלערנט אין שול וועגן דער געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע, האָט ניט די ווערט קיין אויסגעריבענעם גראָשן. די פּאַראַגאַנגענהייט איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען אין אַ נײַ ליכט און לאַנגזאַם האָב איך מיר אָנגעהויבן פאַרעמען אַן אויסקוק אין דער צוקונפט. דער סאָציאַלער רעבעל אין מיר האָט אָנגעהויבן צו רודערן. עס האָט אין מיר אָנגעהויבן צייטיק צו ווערן די דערקענטעניש, אַז איך האָב אַ ציל אין לעבן.

בײַנאַנד מיט די ביכער וועגן נאַטור־וויסנשאַפט און געשיכטע, האָב איך מיט באַגײַסטערונג געשלונגען די ווערק פון די רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן. באַזונדערס שטאַרק האָט אויף מיר געווירקט דער דיכטער פערדינאַנד פרײַליגראַט. זײַנע פּאָעמעס: „די רעוואָלוציע", „די טויטע און די לעבעדיקע", „פון אונטן אַרויף" און אַנדערע, האָבן ממש פאַרשיכורט מײַן יונגע פאַנטאַזיע און אָנגעצונדן אין מײַן האַרצן אַ ברענענדיקע בענקשאַפט.

פון צײַט צו צײַט האָט דער פעטער מיר געגעבן צום לייענען אַ ראָמאַן. פון יענער בעלעטריסטיק איז מיר אויף לאַנג פאַרבליבן דער אײַנדרוק פון וויקטאָר הוגאָס „די אומגליקלעכע" און „דעם פאַלקס סודות" פון אייזשען סיו. געוויס, הײַנט שאַץ איך אָפּ גאַנץ אַנדערש אַ שרײַבער ווי אייזשען סיו, איך קען אָבער ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט דעם גוואַלדיקן אײַנפלוס, וואָס יענע ביכער האָבן געהאַט אויף מיר. פאַר אַלעמען האָבן אָט די ביכער געשטאַרקט אין מיר דאָס געפיל פון סאָציאַלן מיטלייד, זיי האָבן פאַר מיר געמאַכט בולטער די נויטן פון דער צײַט און די שווערע דאָליע פון דעם אײנצלנעם מענטשן. דערמיט טאָקע לאָזט עס זיך דערקלערן, וואָס די ראָמאַנען פון אייזשען סיו זײַנען אין זייער צײַט געווען אַזוי פּאָפּולער. אַן סאָציאַלן מיטגעפיל איז אַבסאָלוט ניט מעגלעך קיין לעבעדיקער צוגאַנג צו דער מיטוועלט. דער קאַלטער שכל אַליין מאַכט ניט אויפקומען קיין רעבעלישע השגות, קיין אינעווייניקסטן דראַנג זיך אָקעגנצושטעלן די אומגערעכטיקייטן פון דער צײַט. צו אַלץ דעם פאָדערט זיך צוערשט אַ וואַרעם האַרץ און אַ טיף געפיל פאַר יענעמס צרות.

מײַנע שפּעטערדיקע דערפאַרונגען האָבן מיר תמיד דערוויזן, אַז אַן אײַבערוואַגיק גרויסע מערהייט פון די, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין אַ סאָציאַלער באַוועגונג, האָבן עס געטאָן פאַר אַלעמען מחמת געפיל, אַ געפיל פון באַליידיקטער גערעכטיקייט און אַן עטיש נאָכקלערן האָבן אין דער אַנטוויקלונג פון גרויסע באַוועגונגען געשפּילט אַן אומפאַרגלײַכלעך גרעסערע ראָלע ווי די שענסטע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע טעאָריעס. דערמיט איז נאָך ניט געזאָגט, אַז פּאָליטישער באַנעם און עקאָנאָמישע אײַנזעעניש, זײַנען פאַר אַ באַוועגונג בלויז אַ בײַזאַך. יעדער באַוועגונג וואָס איר שטרעבונג איז אַן ענדערונג אין די סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, מוז אָנהייבן פון באַשטימטע אויספירונגען אין רעזולטאַט פון פאַקטן און דערשײַנונגען אין טאָג־טעגלעכן לעבן; אין יעדער באַוועגונג זײַנען תמיד פאַראַן מענטשן, וואָס אַ דאַנק זייערע פער־

זענלעכע פעאיקייטן פאַרנעמען זיי אַן איינפלוסרייכע שטעלונג. אַט די מענטשן מוזן גאָר באַזונדערס זיך אויסצייכענען מיט האַרציקייט און מיטגעפיל פאַר די ליידן פון אַנדערע. דאָס איז דער ערשטער תּנאַי, אַז זייער מי זאָל ניט גיין לאיבוד.

איך וואָלט היינט ניט געקענט זאָגן, וואָס מיין אָנקל האָט געטראַכט אין דעם פּרט, אַלע זיינע באַמיאונגען זיינען אָבער תּמיד געווען אין גייסט פון אַזאַ דערקענטעניש, און דאָס איז דער עיקר. איך האָב דעם פעטער זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען און בין שטענדיק געבליבן זיין בעל־חוב. מיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג האָט מיך געפירט אויף אַנדערע וועגן, אָבער דער אָנקל איז פאַרבליבן פאַר מיר אויף תּמיד דער, וואָס האָט מיר געגעבן דעם ערשטן אימפּולס צו אַ טיפערן באַנעם פון די סאָציאַלע לעבנס־באַדינגונגען און זיין פּערזענלעכער ביישפּיל האָט גאָר אַ סך בייגעטראָגן דערצו, אַז די נייע דער־קענטענישן זאָלן מיר אַריין אין פלייש און בלוט.

אומגעפער מיט דרייצן יאָר האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט אַ סאָ־ציאַליסטישע צייטשריפט, „דער צייטגייסט", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינ. אָנהייב די זיבעציקער יאָרן. אַז ס'איז אַרויסגעקומען דאָס „סאָציאַליסטן־געז־זעץ", איז די צייטשריפט פאַרבאָטן געוואָרן אין דייטשלאַנד. פאַר אַ יוגנט־לעכן אָנהייבער אין יענער צייט, האָט קוים געקענט זיין אַ בעסערער אַריינפיר אין דעמאָלטיקן געדאַנקען־גאַנג פונעם סאָציאַליזם. טרוקענע טעאָריעס זיינען אין יענעם זשורנאַלעכל ניט געווען, דערפאַר אָבער אַ בייסיקער, לעבעדיק געשריבענער אורטייל אויף דער בירגערלעכער סאָציאַלער אָרדענונג. דער שרייבער פון „צייטגייסט" האָט דערביי זיך ניט באַנוגנט מיט שילדערונגען פון דער עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און פּאָליטישער אונטערדריקונג פון די מאַסן. אין קרייז פון זיינע באַטראַכטונגען האָט ער אויך געפּרוּווט אַריינבנעמען אַ בילד פון די פאַרוויסטנדיקע רעזולטאַטן, וואָס דער עקסיסטירנדיקער צו־שטאַנד מוז צו זיי דערפירן.

דאָס סאָציאַליסטישע צייטונגל האָט מיך שטאַרק פאַראינטעריגירט און מחמת איך בין שוין געווען גוט צוגעגרייט, איז עס מיר ניט אָנגעקומען שווער זיך צו אָריענטירן אין געדאַנקען־גאַנג פון די קורצע אַרטיקלען, געשריבן אין אַ לעבהאַפטיקן סטיל. איבער אַלץ האָט אויף מיר געווירקט דער רעוואָלוציאָ־נערער פייער, וואָס האָט זיך ווי געריסן פון דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע. דאָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיין נאַטירלעכער נייגונג און ביז גאָר מיר געמאַכט לייכטער דאָס פאַרשטיין.

מיט פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער איז דער „צייטגייסט" מיר ווידער געקומען אונטער דער האַנט און ערשט דעמאָלט האָב איך באַגריפן מיט וואָס די שריפט האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיר, אַ דרייצן־יאָריקן. איך האָב איינגעזען, אַז אַט דער קליינער זשורנאַל, וואָס מע קען גיכער באַציי־כענען ווי אַ בראָשור, פּאַסט זיך ווינציק וואָס אַריין אין דער געוויינטלעכער

סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור און מע האָט זי טאַקע קיינמאָל ניט איבערגעדרוקט פונסניי. דער געדאַנקען־גאַנג אין „צייטגייסט" איז געווען דורכאויס אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער, מיט אַ קלאָרן קריטישן צוגאַנג צו דער פראַגע וועגן אָנטייל פון סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענטאַרי־שער טעטיקייט. פאַרשטייט זיך, אַז מיט דרייצן יאָר האָט דאָס אַלץ מיר ניט געקענט קומען צום באַוווּסטזיין.

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ פּליסיקער לייענער פון אַ צאָל סאָ־ציאַליסטישע אויסגאַבעס און האָב ניט דורכגעלאָזט קיין איין נומער פונעם „סאָציאַל־דעמאָקראַט", וואָס איז געווען אומלעגאַל אין דייטשלאַנד. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט בעלאַמיס „לוקינג בעקהוואָרד", אין דער דייטשער איבערזעצונג איז דער טיטל פונעם בוך געווען „אַ צוריקבליק אויף דעם יאָר 2000". דאָס בוך איז אין יענער צייט געווען זייער פּאָפּולער אין דייטשלאַנד. מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך אָפּט געפרעגט מיט וואָס האָט אָט דאָס בוך אַזוי אויסגענומען ביי מיר. איך מיין אַז דאָס איז געווען דער־פאַר, וואָס אַדאַנק בעלאַמין האָב איך צום ערשטן מאָל געקראָגן אַ פּלאַסטיש בילד פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין אַלע אירע איינצלהייטן. וועגן אַזאַ בילד האָב איך, איידער איך האָב געלייענט בעלאַמין, קיין אַנונג ניט געהאַט.

וועגן סאָציאַליסטישע אוטאָפּיעס האָט מען געשריבן היפּש גענוג. דער מאַרקסיזם האָט געאַרבעט מעשים בייצוקומען די „אוטאָפּיסטן" מיט דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אָן ספק, די געזעלשאַפט האָט זיך טאַקע ניט אַנט־וויקלט לויט די פּלענער פון די נאָוואַטאָרן, פאַנטאַזיאָרן, וואָס האָבן געוואָלט געבן דער וועלט אַ פאָלקומען פאַרבילד פון אַזאַ סאָציאַלער אָרדענונג, אַז עס זאָל זיך לוינען דאָס שטרעבן זי צו דערגרייכן. די פאָלקומסטע אוטאָפּיע איז תמיד דער אויסדרוק פון אַ פּערזענלעכן באַנעם און זי איז ניט בכוח צו באַ־הערשן די טעגלעכע ניי־געשטאַלטונג פון דעם סאָציאַלן לעבן. און פאָרט איז עס נאָך ניט קיין באַוויז דערויף, אַז אוטאָפּיעס האָבן ניט קיין שום ווערט.

אַ ווערטיק בוך איז נאָר אַזאַ בוך, וואָס סטימולירט אונדז נאָכצוטראַכטן און קומען צו אייגענע אויספירן. דער רוב פון די אַזוי אָנגערופענע אוטאָפּיסטן זיינען ווייט ניט געווען קיין סתם נאַאיווע מענטשן. דער אויסגאַנג־פונקט פאַר זייערע באַטראַכטונגען זיינען געווען די רעאַלע לעבנס־באַדינגונגען און מיט זייערע שילדערונגען האָבן זיי געוואָלט סטימולירן זייער מיטוועלט צו אָן אי־דעאַלער געזעלשאַפט און דערפירן דערצו, אַז מענטשן זאָלן איינזען די מעג־לעכקייט פון אַן אַנדערער סאָציאַלער אָרדענונג.

אָט דערפאַר זיינען אַזעלכע ביכער ווי בעלאַמיס און אַנדערע געווען זייער וויכטיק. זיי האָבן בייגעטראָגן צו דעם אויפקום פון אַ וועלט־באַנעם ניט ווינ־ציקער ווי די ווערק פון אַ טעאָרעטישן כאַראַקטער, וואָס ניט אַלע זיינען גע־ווען מסוגל זיי צו לייענען. פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג בלייבן בלויז מיט בעלאַמין

האָב איך ניט געקענט. אָבער דאָס בילד פון דער צוקונפט, וואָס דער אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסט האָט פאַר מיר געמאָלט, איז פאַר מיר געווען אַ שטאַר־קע סטימול און איז געווען פאַר מיר אַ הילף אין דער אויסקריסטאַליזירונג פון מיינע אידייען.

יענע צייט ווען איך האָב אין מיין אָנקלס פריינדלעכער וואוינונג ערנסט געלערנט און שטודירט, איז געווען אַ וווּנדערלעכער פעריאָד אין מיין יונג לעבן און אַ באַלוינונג פאַר די צרות, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין אינ־דערהיים. מיט אַלע כוחות פלעג איך זיך אָנכאַפּן אין יעדער געלעגנהייט מיר צו פאַרשאַפן נייע נערונג פאַר מיין וויסן־הונגער און איך האָב זיך דערביי געפילט גליקלעך און צופרידן.

מיט יאָרן שפּעטער האָב איך איינמאָל געפרעגט דעם פעטער פאַרוואָס ער האָט ניט געפרוווט מיך אַרויספירן אויף נייע וועגן אין מיינע פריערדיקע קינדער־יאָרן. ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל: „דאָס וואָלט גע־ווען געווען אַ פאַלשער טריט, מיין טייערער. דו ביסט נאָך דעמאָלט ניט געווען צייטיק פאַר אַזעלכע זאַכן. איך האָב אָבער געוווּסט גאַנץ באַשטימט, אַז דאָס לעבן אַליין וועט דיך פירן אויף אַנדערע וועגן. דיינע אינדיאַנער און דיין פּיראַטן־ראָמאַנטיק זיינען דיר צונוץ געקומען בעסער ווי דו אַליין האָסט זיך עס געקענט פאַרשטעלן. דו האָסט אין זיי אויסגעלעבט דיין דראַנג צו טעטיקייט און זיי האָבן דיך געמאַכט פעאיק זיך שפּעטער צוצוגרייטן צום אויפנעמען וויכטיקערע אינטערעסן״. איך מיין אַז דער גוטער פעטער איז געווען גערעכט.

דאָס יתומים־הויז

יענער פּרוכפּערדיקער צייטאָפּשניט אין מיין לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן פּלוצים מיטאַמאָל, איידער נאָך איך בין אַריין אין מיין לעצטן שוליאָר. אַ יאָר נאָך מיין מוטערס טויט איז דער שטיפפאָטער זיך צונויפגעגאַנגען מיט אַ צווייטער פרוי, און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס הויז. די אַלטע באָבע האָט פאַר זיך געדונגען אַ קליין שטיבל, ווו זי האָט אָפּגעלעבט איינע אַליין עטלעכע יאָר, ביז זי האָט געמוזט אָנקומען אין דער שטאָטישער באַגאַדעלניע. זי האָט דאָרטן נאָך געלעבט לאַנגע יאָרן און איז געשטאָרבן ערשט נאָך דעם ווי איך בין זינט לאַנג שוין געווען אַוועק פון דייטשלאַנד. מיין יונגערן ברודער האָבן די זיידע־באָבע אַריינגענומען צו זיך ביז ער וועט ענדיקן זיין שולצייט. איך אָבער האָב געמוזט גיין אין יתומים־הויז.

אַ שווערער גאַנג איז עס געווען ווען די באָבע האָט מיך באַגלייט צום גרויען הויז, וואָס האָט פון איצט אָן געדאַרפט ווערן מיין היים. דאָס האַרץ איז מיר געווען איבערגעפולט צום פּלאַצן, איך האָב זיך אָבער גענומען אין די הענט אַריין. האָב איך דאָך צו גוט געוווּסט, אַז פאַר דער אומגליקלעכער אַלטיטשקער איז דער וועג געווען נאָך פיינלעכער ווי פאַר מיר אַליין. ס׳איז גראָד געווען אַ פּרעכטיק שיינער טאָג און איידער מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום באַשטימונגס־אָרט, האָבן מיר צוערשט נאָך געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר פּאַזע דעם רהיין.

אויף אונדזער קלונג האָט אַ יינגל, איינער פון די יתומים, געעפנט די שווערע טיר און אונדז געפירט דורך דעם ברייטן הויף צום פאַרוואַלטערס אַרבעט־צימער. דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ מענטש אין זיינע מיטעלע יאָרן, מיט אַ בלייך, קרענקלעך פּנים און טיף איינגעזונקענע אויגן. צוערשט האָט ער זיך פאַרטיפט אין די פּאַפּירן, וואָס די באָבע האָט אים דערלאַנגט. דערנאָך האָט ער אונדז פריינדלעך באַגריסט און געבעטן די אַלטע זי זאָל מיט אים אַריינגיין אין דערבייאיקן צימער. זיי זיינען דאָרטן פאַרבליבן אַ היפּשע ווײַלע, ביז די טיר האָט זיך ווידער געעפנט און די באָבע איז אַרויסגעקומען מיט איר ווייס נאָזטיכל אין דער האַנט, דער פאַרוואַלטער הינטער

איר האָט געהאַלטן אין באַרואיקן זי מיט פריינדלעכע טרייסטווערטער. איך האָב נאָך גערעדט מיט איר אַ ווײַלע, דערנאָך האָט זי זיך געזעגנט מיט מיר מיט טרערן אין די אויגן און מיר צוגעזאָגט צו קומען מיך זען קומענדיקן זונטיק. בײַם דער טיר האָט זי זיך אויסגעדרייט, נאָכאַמאָל אויף מיר אַ קוק צו טאָן. איך האָב געזען דעם טרויעריקן בליק פון אירע האַלב־בלינדע אויגן און עס האָט מיך גענומען וואַרגן אין האַלדז, אָבער איך האָב זיך אָנגעטאָן אַ כוח צו באַהערשן מיינע געפילן.

אַז מיר זיינען געבליבן אַליין, האָט דער פּאַרוואַלטער צעעפנט אַ גרויס בוך, וואָס איז געליגן פאַר אים אויפן טיש און אַריינגעשריבן מיינע אידענטי־טעט־דאַטן. דערנאָך האָט ער אַ ווײַלע מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק און געזאָגט: „פון איצט אָן, רודאָלף, וועסטו מיך רופן הער פּאַטער, ווי עס רופן מיך דאָ אַלע אַנדערע יינגלעך. איך האָף אַז דו וועסט פאַרשאַפן כבוד דיינע פאַרשטאָרבענע עלטערן. ביי אונדז הערשט שטרענגער דרך־ארץ, ווייל ס׳איז מיין חוב צו מאַכן פון אייך ניצלעכע מענטשן, וואָס זאָלן האָבן גאָט אין האַרצן און זאָלן פאַרשטיין צו געהאָרכן. ווער עס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט, דער האָט ניט געבויט אויף זאַמד. פאַרגעס דאָס קיינמאָל ניט, מיין זון. דו וועסט אין לעבן נאָך אָפט האָבן געלעגנהייטן דאָס איינצוזען. די ערשטע צייט וועסטו דאָ פון אַ סך זאַכן האָבן ערגערנישן. אָבער אַז דו וועסט אַרויסווייזן גוטן ווילן און פאָלגן אַלץ וואָס איך וועל דיר הייסן, וועט דיר גאָרניט פעלן. ס׳איז אַן אומגליק וואָס דו האָסט אַזוי פרי פאַרלוירן דיינע עלטערן, אָבער גאָט ווייס וואָס ער טוט און ער וועט אַלצדינג ווענדן צום בעסטן״.

איך האָב זיך ניט געריכט אויסצוהערן אַזאַ דרשה און בין געבליבן שטום ווי אַ פיש. הער פּאַטער האָט מיר גענעדיק אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט: „נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט, מיין זון! גאָט וועט זיין מיט דיר״. דערנאָך האָט ער אַ רוף געטאָן דאָס יינגל וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער אָפענער טיר און אים געהייסן מיך פירן צו דער קליידער־קאַמער. מיר זיינען געגאַנגען דורך דעם הויף צו דער געביידע רעכטס און אַרויפגע־שטיגן אויף אַ שמאָלער טרעפּ. דאָ איז מיין באַגלייטער אַ ווײַלע געבליבן שטיין און מיר אַ זאָג געטאָן: „דער אַלטער מיט זיין הייפּטל קרויט־קאָפּ האָט זיך אויסגעפּיינט פאַר דיר מיט אַ שיינעם שמועס. צו יעטווערן נייעם זאָגט ער דאָס זעלביקע. דאָס געהערט צום געשעפט. נו, וועסט זיך נאָך געניג אָנהערן מיט אַזעלכע בייקעס״.

די ראַפּטאָוונע אָפּנהאַרציקייט האָט מיך אַ ביסל צעחושט. איך האָב גע־פרעגט פעטערן, צי האַלט ער טאַקע אַז מע קען דעם אַלטן גאָרניט גלייבן. „אים גלייבן?״, האָט ער איבערגעפרעגט, „איך בין דאָך ניט פון פולדע *).

---

*) אַן עקוויוואַלענט אין מאַינצער געגנט פונעם יידישן כעלם.

וואַרט צו, מאָרגן אינדערפרי, אַז דו וועסט זיצן און קייען דאָס פּיסנע שטיקל ברויט נאָר צו דערוואַרגן ווערן, וועט דער אַלטער צוגיין צו דיר און אָפּזאָגן זיין געוויינטלעכן שפּרוך: ׳טרוקן ברויט מאַכט די באַקן רויט׳. מיר קענען זיי שוין גוט אָט די אַלע אָפּשפּרעכענישן, נאָר קיינער מאַכט זיך ניט קיין צימעס פון זיי״.

אין דער קליידער־קאַמער האָט מען מיר אַרויסגעגעבן פרישע וועש, צוויי אוניפאָרמען, איינעם אַ געטראָגענעם און איינעם אַ נייעם. צוויי היטלען מיט דאַשקעס און צוויי פּאָר שיך. איך האָב זיך געמוזט איבערטאָן. אַלע מיינע אַלטע זאַכן האָט מען ביי מיר צוגענומען. אין אַ צווייטן צימער האָט מען מיך באַזאָרגט מיט אַ קעמל, אַ ציינבערשטל און אַ צינקענעם בעכער. דערנאָך זיי־נען מיר געגאַנגען אין גרויסן שלאָפזאַל, וווּ מע האָט מיר אָנגעוויזן אויף מיין בעט. אויף יעדער זייט פונעם גרויסן צימער זיינען געשטאַנען צו צען בעטן אין אַ שערענגע. אַלע בעטן זיינען געווען פון איין לענג און הייך. לעבן יעדער בעט איז געשטאַנען אַ קליידער שראַנק. מיין מאָניטאָר, דער זעלביקער פּעטער, האָט מיר געוויזן ווי אַזוי איך דאַרף איינאָרדענען מיינע זאַכן, אַזוי אַז ביי דער טעגלעכער אינספּעקציע זאָל אַלץ קלאַפּן.

אַז איך האָב דערליידיקט אַלץ וואָס ס׳איז געווען נייטיק, בין איך מיט פּעטערן אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, ווו אַ כאָפּטע ייִנגלעך האָבן אַרומגערו־דערט. זיי האָבן אַקאָרשט געהאַט געענדיקט זייער אַרבעט־שעה. עטלעכע פון די ייִנגלעך האָבן מיך געקענט פון דער שול. זיי האָבן מיך פאַרוואָרפן מיט אַלערליי פראַגעס. אַזוי איז פאַרגאַנגען די צייט, ביז דער גלאָק האָט געקלונגען צום נאַכטמאָל. זומער־צייט האָט מען געגעסן אין פרייען, אין הינטערשטן טייל פונעם הויף. דאָס עסן האָבן געקאָכט נאָנעס אין דער שטאָטישער באַגאַדעלניע און צוויי אינוואַלידן פלעגן עס ברענגען צופירן אין אַ וועגעלע. אין יתומים־הויז האָט מען ניט געפירט קיין אייגענע קיך.

נאָכן גלאָקן־סיגנאַל, האָבן אַלע ייִנגלעך זיך געמוזט אויסשטעלן צו צוויי און מאַרשירן צו די טישן. אַז דער הער פּאָטער האָט אָפּגעזאָגט אויף אַ קול אַ טיש־געבעט, האָבן די ייִנגלעך פון יעדער טיש זיך געלאָזט גיין גרופּנווייז צום ווייטסטן העק פונעם הויף. דער פאַרוואַלטער און אַן אינוואַליד זיינען דאָרטן שוין געשטאַנען יעדער איינער ביי אַ גרויסן קעסל. אויפן וועג האָט יעדער ייִנגל באַקומען אַ צינענעם טעלער מיט באַשטעק און לויט דער ריי אַ פולן שעפּלעפל אויף זיין טעלער, דערביי האָט יעדער גענומען אַ שטיק ברויט פון אַ גרויסן קאָרב און זיך געלאָזט צוריק צו זיין טיש.

נאָך דעם עסן האָט דער פאַרוואַלטער ווידער געזאָגט אַ געבעט און ביז ביין אַזייגער האָבן די ייִנגלעך זיך געקענט שפּילן אויפן הויף, אָדער פאַר־ברענגען די צייט מיט לייענען אין אַרבעט־זאַל. איינעם מיט עטלעכע אַנדע־רע ייִנגלעך בין איך געגאַנגען אין דער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע אין פאַרוואַלטערס צימער, און געבעטן מיר אויסבאָרגן אַ בוך. אַז דער

העך פּאָטער האָט מיך באַמערקט, האָט ער מיר פריינדלעך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און מיר געזאָגט: „דאָס איז גוט, רודאָלף, דאָס לייענען וועט דיר זיין צום גוטן, עס וועט דיר צוגעבן מוט. וואַרט, פאַר דיר וועל איך אַליין אויסקלייבן עפּעס אַ שיינע זאַך". ער האָט אַ ווײַלע זיך געפּאַרקעט אויף פאַרשיידענע פּאָליצעס און מיר געבראַכט אַ קליין ביכל פון אַ 260 זייטן, און מיך צוגערעדט איך זאָל עס נעמען.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין הויף און גענומען לייענען. דאָס איז געווען יענע מאַכרייקע, געשריבן אין אַ זיסלעכן טאָן און אָנגעפּיקע־וועט מיט בוימלדיקער מאָראַל. אַ מעשה פון אַן אומגליקלעכן יתום, וואָס האָט זיך שטענדיק פאַרלאָזט אויף גאָט און קיינמאָל ניט פאַרפעלט זיין נאַכטגעבעט. ער האָט זיך שטענדיק געפּלייסט צו זיין גוט און פרום, ווייל זיין שלאָגוואָרט איז געווען: ערלעך געדויערט צום לענגסטן. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אַזש ביז צו ווערן אַ מיליאָנער, ווייל גאָטס ברכה איז געווען אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. אָבער אַפילו ווי אַ רייכער מאַן, האָט ער אַלץ ניט פאַרגעסן אין די אָרעמקייט און פלעגט זיי גערן דערציילן, ווי ערלעכקייט און די מורא פאַר גאָט האָט פון אים עפּעס געמאַכט. פערדינאַנד מיט די ביינער, האָב איך געטראַכט, און מיין אַמאָליקער שול־קאַמעראַד, איז מיר אויסגעוואַקסן פאַר די אויגן ווי אַ לעבעדיקער. כאָטש נעם און שלאָג זיך קאָפּ אין דער וואַנט. אויב אין דער ביבליאָטעק זיינען ניטאָ קיין בעסערע זאַכן, וועט שוין זיין גלייכער אינגאַנצן פאַרוואַרפן דאָס לייענען. עס לוינט זיך ניט באמת צו פטרן צייט אויף אַזעלכע שמאַכטעלייען.

איך בין געווען צופרידן אַז מע האָט געגעבן דעם סיגנאַל צום שלאָפן גיין. די איינדרוקן פונעם טאָג האָבן מיך אויסגעשעפּט. איך האָב געבענקט נאָך רו. פאַרשטייט זיך, אַז פאַרן זיך לייגן שלאָפן, האָט מען נאָכאַמאָל געבעטן. אַז איך בין ענדלעך שוין געלעגן אין בעט, האָב איך לאַנג ניט געקענט צומאַכן קיין אויג. איך האָב זיך געפילט עלנט ווי אַ שטיין און מיין צוקונפט האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אין די טונקלסטע פאַרבן. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? יעדער אויסוועג איז געווען אָפּגעשלאָסן פאַר מיר. עס האָט שוין געמוזט זיין רעכט שפּעט, ווען איך בין פאַרט פאַרזונקען אין אַן אומרואיקן האַלב־שלומער.

פלוצים האָב איך דערפילט ווי עמיצער טרייסלט מיך מיט כוח פאַר די אַקסלען. אַז איך האָב געעפנט די אויגן, איז שוין געווען העלער טאָג. איך האָב אַפילו ניט געהערט דאָס קלינגען פונעם גלאָק, אַזוי אַז פעטער האָט מיך געמוזט אויפוועקן. ראַפּטאָם בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און אָנגעטאָן נאָר אויף אַ העלפט, בין איך נאָכגעגאַנגען די אַנדערע יינגלעך אין וואַש־צימער. דאָס קאַלטע וואַסער האָט מיר שנעל פאַרטריבן דעם שלאָף פון די אויגן. אַז איך בין צוריקגעקומען אין שלאָפזאַל, האָט פעטער מיר געוויזן ווי

מע דאַרף, לויט דער פאַרשריפט, מאַכן דאָס בעט און צונויפפראַלן די קאָלדרע. דערנאָך האָבן מיר זיך אָנגעטאָן און אַרויס אויפן הויף.

באַלד דערויף האָט דער גלאָק גערופן צום פרישטיק. מע האָט אונדז גע־געבן אַ שטיק פּיסנע ברויט און עפּעס אַ מין שלאַמיק געקעכטס, וואָס קיין שום כּעמיקער וואָלט ניט געקענט פעסטשטעלן, וואָס דאָס איז אַזוינס. בשעת איך האָב געקייט מיין חלק ברויט, האָט הער פּאַטער גענאַכט זיין געוויינט־לעכע אינספּעקציע. אַז ער איז צוגעקומען צו מיין טיש, האָט ער מיר פריינד־לעך אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט: אונדזער פרישטיק שמעקט דיר, ניט אַזוי? יאָ, דאָס ליבע ברויט איז אַ קאָסטעוודיקע מתנה פון גאָט. טרוקן ברויט מאַכט די באַקן רויט!״ — דער פרישטיק האָט מיר דווקא שוין גאָרניט אַזוי פיין געשמעקט, פונדעסטוועגן האָב איך ניט־ווילנדיק געמוזט אַ שמייכל טאָן, איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס פּעטער האָט מיר נעכטן פאָראויס־געזאָגט.

נאָך דעם פרישטיק האָבן מיר נאָך אַביסל זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף, ביז מע האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו גיין אין שול. די יינגלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט לויט פאַרשיידענע אָפּטיילונגען, און איינעם מיט אַ צען־צוועלף אַנדערע, וואָס זיינען ווי איך, געגאַנגען אין דער שול פונעם אַלטן קאַרמעליטן־מאָנאַסטיר, האָבן מיר אין אַ געשלאָסענער גרופּע צו צוויי אין אַ ריי, אָפּמאַר־שירט צום טויער. אויף דער גאַס האָב איך טיף אויפגעאָטעמט ווי איך וואָלט אַרויס פון אַ תּפיסה.

ביים אַריינגאַנג פון דער שול־געביידע איז געשטאַנען די אַלטע באָבע און מיך אָפּגעוואַרט. די אַלטע פרוי, נעבעך, האָט קאָנטיק די גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, זי האָט אויסגעזען שרעקלעך פאַראומערט. איך האָב זי פריידיק באַגריסט און עס האָט זיך אויף מיר אַ שיט געטאָן אַ האָגל פון פראַגעס. ערשט אַז איך האָב איר עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג און אַז דער פּאַרוואַלטער באַהאַנדלט מיך פריינדלעך, איז איר אַראָפּ ווי אַ שטיין פונעם האַרצן. נאָכדעם ווי די גוטע אַלטיטשקע האָט מיר אַריינגעשטופּט אין די הענט אַריין אַ שקאַרמיץ מיט קאַרשן, האָט זי זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און מיר צוגעזאָגט קומען זונטיק מיך נעמען אַביסל אַהיים.

נאָך דעם לערנען האָבן די שילער יתומים זיך צונויפגעזאַמלט אויפן שול־הויף און אין דער זעלביקער אָרדענונג ווי אינדערפרי, אָפּמאַרשירט צוריק אין יתומים־הויז. אַזוי זיינען פאַרגאַנגען די עטלעכע טעג אין דער זעלביקער מאָנאָטאָנישער איינפאָרמידיקייט, ביז דעם ערשטן זונטיק. ביסלעכווייז האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער נייער אָרדענונג. זונטיק אינדערפרי האָבן אַלע געמוזט גיין אין דער קירך. ווייל מיין פאָטער איז געווען אַ פּראָטעסטאַנט, האָב איך זיך געמוזט אָנשליסן אין די אַנדערע פּראָטעסטאַנטן, וואָס זיינען קיין סך ניט געווען אין יתומים־הויז. אַזוי איז פאַרגאַנגען דער פאַרמיטיק,

און עס האָט געשלאָגן די לאַנג אויסגעבענקטע שעה ווען איך האָב געקענט פאַרלאָזן דאָס גרויע הויז אויף אַ גאַנצן נאָכמיטיק. די באָבע איז פּינקטלעך צו דער מינוט געווען אויפן פּלאַץ, אַזוי אַז מיר האָבן קיין איין מינוט ניט פאַרלוירן. דער זונטיק איז דאָ פאַר אַ סך געווען אַ גליקלעכער טאָג, אָבער ניט פאַר אַלע. צווישן צוויי און זעקס דעם זייגער, האָבן די ייִנגלעך געקענט גיין זען זייערע קרובים, אָבער נאָר מיטן תּנאַי אויב עמיצער איז געקומען זיי נעמען. אַליין האָט קיינער ניט געטאָרט פאַרלאָזן דאָס הויז. דער וואָס האָט ניט געהאַט קיין קרובים, האָט ניט באַקומען קיין אויסגאַנג און אַזעלכע זיינען געווען גאָרניט ווייניק.

דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ טאָג, אָט דער ערשטער זונטיק. אָפּריער זיינען מיר געגאַנגען צו מיינע זיידע־באָבע, ווו דער גרעסטער טייל קרובים זיינען זיך צונויפגעקומען. ס׳איז געווען פאַר מיר אַן אמתע דערמונטערונג ווידער צו זען אַרום זיך די נאָענטע געטרייע פּנימער, און די צייט איז גע־פלויגן. ס׳איז שוין געווען אַרום האַלב פינף, ווען אַ באַלאָדענער מיט קליינע פּעקלעך, האָב איך זיך מיט דער באָבען געלאָזט גיין צום פּעטער. דער אָנקל האָט זיבעט לאַנג שוין געוואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד. בשעת די באָבע מיט דער מומע דינה האָבן זיך געפּאָרעט אין קיך, האָב איך אים אויסדערציילט וועגן אַלץ וואָס סע האָט מיט מיר פּאַסירט אין דער אָפּגעלאָפּענער וואָך. פאַר דעם פּעטער האָב איך גאָרניט געדאַרפט פאַרשווייגן, אים האָב איך געקענט פאַרטרויען אַלץ, באַזונדערס דאָס, וואָס די באָבע האָט ניט געדאַרפט וויסן.

דער אָנקל האָט מיך אויסגעהערט שווייגנדיק און מיט אַ צעבראָכענער שטים געזאָגט: „ס׳איז אַן אומגליק וואָס מיר זיינען אַזוי אָרעם. דו מוזט נעמען די לאַגע פון דער בעסערער זייט, מיין טייערער. אַז דו וועסט האָבן הינטער זיך דאָס לעצטע שוליאָר, וועט מען פאָרט געפינען עפּעס אַן אויסוועג“. פאַרן אַוועקגיין האָב איך מיר געוואָלט אויסקלייבן אַ בוך פונעם אָנקלס ביבליאָטעק, איך זאָל ניט מוזן פאַרלירן מיין פרייע צייט מיט גאָרניט. דער אָנקל האָט מיך געראָטן איך זאָל גוט איבערקלערן וואָס אויסצוקלייבן, ווייל מע קען ניט וויסן אין וואָס פאַר אומגעהובלטע הענט דאָס בוך קען אַריינפאַלן. וועגן דעם האָב איך אַליין שוין געטראַכט. איך האָב דערפאַר אויסגעקליבן אַ לענגערע אָפּ־האַנדלונג וועגן נאַטורוויסנשאַפט. איך האָב דאָס בוך שוין געהאַט געלייענט און געוואָלט נאָכאַמאָל עס דורכגיין גרינטלעכער.

זעקס אַזייגער האָט די באָבע מיך אָפּגעפירט צוריק אין יתומים־הויז. איך האָב אַריינגעלייגט מיינע פּעקלעך און דאָס בוך אין שראַנק אַריין, און בין אַרויס אויפן הויף. איך בין געווען אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג. דער קורצער באַזוך ביי די קרובים האָט מיך פונסניי געמאַכט זעלבזיכער. איך האָב געפילט אַז איך בין ניט אינגאַנצן אַ פאַרלאָזענער און אַז אַזוי פיל בידנע יאַטן אין יתומים־הויז, וואָס האָבן ניט אינדרויסן קיין לייבלעכן קרוב, זיינען ניט אין פאַרגלייך שווערער געטראָפן פון מיר.

פאַרן שלאָפֿן גיין האָב איך פאַרטיילט אַ חלק פון די באַקומענע מתנות צווישן פעטערן און מיינע נאָענטע בעט־שכנים און אין דער אָנגעגנעמסטער שטימונג זיך אויסגעשטרעקט אין בעט. אַז איך האָב אינדערפרי געעפנט מיין שראַנק, איז פון אַלע מיינע אוצרות קיין שפור ניט געווען. אַפילו מיין אָנקלס בוך איז פאַרשוווּנדן. פעטער איז מיט מיר געגאַנגען דערציילן דעם צימער־אויפזעער וועגן מיין שלימזל, אָבער יענער איז ווינציק־וואָס נתפעל געוואָרן, ער האָט בלויז צוגעגעבן: „דיינע זאַכן האָסטו געווען באַדאַרפט באַהאַלטן אין בעט. דאָ אין הויז איז קיין זאַך ניט באַוואָרנט. אין דער אמתן האָב איך דיר דאָס געזאָלט זאָגן, איך האָב אָבער געטראַכט אַז דו וועסט אַליין פאַלן אויפן שכל. אויב דו ווילסט, וועל איך מעלדן וועגן דעם דעם אַלטן, אָבער סיי־ווי, קיין גרויסע פעולה וועט עס ניט האָבן".

נאַטירלעך האָב איך ניט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו באַלעסטיקן דעם אַלטן מיט דער פאַסירונג. אַפילו אַז מע וועט שוין אויסגעפינען דעם שולדיקן און אים באַשטראָפן, איז וואָס וועט מיר אַרויסקומען דערפון? בלויז דער געדאַנק אַז עמיצער זאָל ליידן איבער מיר, איז מיר געווען אַזוי פריקרע, איך זאָל גאָר אַפילו קיין מינוט ניט טראַכטן וועגן דעם צו גיין זיך באַקלאָגן. פונדעסטוועגן האָט מיך די עוולה שטאַרק געערגערט. ס'איז מיר ניט געגאַנגען אין די קליינינקייטן, וואָס איך האָב אָנגעווירן, איך האָב נאָר געפילט אַן עקל ביים געדאַנק אַז אין דעם אָרט איז קיין זאַך ניט באַוואָרנט. צום סוף האָב איך אויך דערויף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. אַ סך יִנגלעך דאָ האָבן געלעבט ווי פאַרלאָזענע פון דער גאַרער וועלט, זיי באַקומען קיינמאָל ניט קיין שום געשענק, איז ניטאָ פון וואָס צו שפּרינגען פון דער הויט טאָמער איז אַזאַ איינער ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון און אַוועקגעפּוצט אַ פּעקעלע, וואָס אַ צווייטער האָט מיטגעבראַכט פון דרויסן.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען די ווייטערדיקע וואָכן. איך האָב אינצווישן געהאַט געבנוג צייט זיך איינצולעבן אין די נייע פאַרהעלטעניש, אָבער דאָס וואָס איך האָב זיך דאָ אַלץ מער און מער דערוווּסט פון דער פראַקטיק, האָט זיך שוין גאָרניט געשיקט דערמיט מיר צו מאַכן באַליבטער מיין נייעם אַרום. פאַראַן זאַכן וואָס אַ סך מענטשן פאַרזעען זיי אינגאַנצן, אָדער קוקן אויף זיי דורך די פינגער, פאַר אַנדערע ווערן זיי אָבער אַ קוואַל פון געבראָטענע ליידן. דער גרעסטער טייל פון מיינע קאַמעראַדן, באַזונדערס די יעניקע, וואָס זיינען אָנגעקומען אין יתומים־הויז קליינערהייט, האָבן זיך פולשטענדיק צוגעוווינט צו די באַשטייענדיקע פאַרהעלטעניש. זיי איז צומאָל גאָרניט איינגעפאַלן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן וויסטן קאַזאַרמע־שטייגער פונעם הויז, מיט זיינע ברוטאַלע מעטאָדן זיי צו „מאַכן פאַר מענטשן", אָבער איך האָב געמוזט אויפנעמען אָט די אַלע זאַכן גאָר אַנדערש. אַלץ האָט מיר דאָ געדריקט אויף דער נשמה ווי אַ שווערע משא, אָפטמאָל ניט צום אַריבערטראָגן.

אין מיינע ערשטע קינדער־יאָרן בין איך געוואַקסן אָן שום צוואַנג. נאָך

מיין מוטערס טויט איז מיין לעבן אַרויף אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועג, מיט גאָר אַ נייעם זין. די ביכער וואָס איך האָב געלייענט און מיין אָנקלס האַרציקע געטריישאַפט, האָבן ניט בלויז באַרייכערט מיין גייסט און מיך סטימולירט צום טראַכטן, עס האָט זיך אויך דערוועקט אין מיר דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווערדע. מיין נאַטירלעכע שפּירעוודיקייט פאַר גערעכטיקייט, האָט געקראָגן אַ פעסטע באַזע.

דאָ, אין יתומים־הויז, אַז איינעם פאַלט עס צו שווער דאָס אויספירן די אומגעלומפּערטע פאַרשריפטן, פּרווט ער געוויינטלעך זיך אויסצודרייען פון זיי אויף פאַרשיידענע אומוועגן. דאָס מוז תמיד גיין אויף די קאָסטן פונעם מענטשן אין זיך. אָבער אַז אַ מענטש ווערט געצווונגען צו זאָגן ליגן און חנפע־נען פון קליינערהייט אָן, מוזן ליגן און חניפה ווערן צום סוף זיין צווייטע נאַטור. מע טרעפט אויך יחידים, וואָס בלייבן אינעווייניק זויבער אין אַ געווי־סער מאָס אויך אין סאַמע צעפוילטן אַרום און ווערן שפּעטער ניצלעכע מענטשן. אַזעלכע זיינען אָבער זעלטענע אויסנעמען. דער גרעסטער טייל פון מיינע יונגע פריינד אין יתומים־הויז, זיינען געווען קינדער וואָס מע האָט פּריצייטיק צעקרומט זייערע נשמות, אַזוי אַז ס׳איז זיי געווען גאַנץ פרעמד יעדער פליכט־געפיל לגבי זייערע קאַמעראַדן.

מע האָט זיך אָפּט געחידושט, וואָס פון די יתומים־הייזער און ענלעכע אַנשטאַלטן, גייען שפּעטער אַרויס אַזוי פיל אַרצע־יונגאַטשעס. דער וואָס האָט געהאַט די געלעגנהייט צו קענען דאָס לעבן אין אָט די הייזער פון פּערזענ־לעכער פּראַקטיק, מוז זיך בלויז וווּנדערן וואָס זייער צאָל איז ניט גרעסער. פאַרברעכערס וואַקסן תמיד אויף אין אַן אַטמאָספער פון סאָציאַלער שנאה. דער איינגעשטעלטער סדר אין יענע אַנשטאַלטן מוז אויף אַ געקינצלטן אופן אַנטוויקלען דעם גרעסטן עגאָאיזם, יעדער מיטגעפיל מיט דיליידן פון אַ צווייטן, מוז דאָרטן דערשטיקט ווערן אין זאָמען. דאָס פּאַסירט, פאַרשטייט זיך, ניט מיט אַ פאָרגענומענער כוונה. אָבער די אַזוי אָנגערופענע דערציאונגס־מעטאָדן, וואָס זיינען דאָרטן איינגעפירט, קענען ניט פירן צו קיין אַנדערע רעזולטאַטן. מיט פּסוקים פון דער ביבל און מיט פרומאַקישע שטיק, קען מען ניט בייקומען קיין שלעכטקייט. די קראַפט וואָס פירט אַלץ מער און מער צו ניט־גוטקייט, איז אַ רעזולטאַט פון דער גאַנצער איינגעשטעלטער סיסטעם.

פאַר אַלע מיינע יונגע קאַמעראַדן איז דער פרומער געפּרעפּל געווען פון יענעם סאָרט רייד, וואָס גייען אין איין אויער אַריין, פון צווייטן אַרויס. מיט פּשוטן געפיל האָבן זיי דערשפּירט די אינעווייניקסטע צביעות און פאַרליג־נערישקייט פון דעם שיינעם מוסר־זאָגן, וואָס זיי האָבן באַקומען צו הערן טאָג־איין, טאָג־אויס. ניט זעלטן האָבן די מוסר־שפּרוכן זיי גערייצט צו טאָן גראָד דאָס פאַרקערטע. איך דערמאָן זיך ווי איינמאָל נאָך אַ מאָלצייט, וואָס ס׳איז ניט געווען צו נעמען אין מויל אַריין, האָט פּעטער אַ זאָג געטאָן צו מיר מיט גרימעניש: „די געביפּטע פרומאַקעס! ניכ־ וואָלטן זיי געקאָכט פאַר אונדז אַ

בעסערע פרעסעריי, אַנשטאָט אַזוי פיל צו בעטן, זיי וואָלטן דערמיט בעסער צוגעדינט דעם ראַטוניק פון זייערע פיינע נשמות!" פעטער איז אַנגעקומען אין יתומים־הויז אַן אַכטיאָריק קינד, ער האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגן אַזאַ זאַך ווי אַ פרייער געדאַנק. אַזעלכע אָבסערוואַציעס האָבן ביי אים געקענט אויפקומען נאָר אַ דאַנק די ווידעראַנאַנדן פונעם לעבן אַליין. דער הער פּאָטער און די קאַטוילישע גייסטלעכע, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך געדרייט ביי אונדז אַריין און אַרויס, וואָלטן זיי כאָטשבי צוגעלייגט אַן אויער צו דעם, וואָס פאַר אַ מחק די יתומים־ייִנגלעך מאַכן פון זייערע געזאַלבטע רייד, עס וואָלט זיי דעמאָלט זיכער פאַרגאַנגען דער חשק אַנצוגיין מיט זייער פרומער דער־ציאונג.

און פאָרט וואָלט עס געווען ניט־יושרדיק צו מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דעם פאַרוואַלטער, אָדער איינצלנע פערזאָנען פאַר דער דאָזיקער פּאַטאַלער סיס־טעם. הער פּאָטער איז אין תוך גענומען ניט געווען קיין שלעכטער מענטש. איך האָב שפּעטער געהאַט די אַנגענעמע איבעראַשונג אויפצוכאַפּן ביי אים אַ סך מענטשלעכע שטריכן. אָבער סוף־כּל־סוף איז ער ניט געווען מער ווי אַ רעדל אין דער מאַשין, און ער איז קאָנטיק געווען איבערצייגט, אַז דער מעטאָד, וואָס ער האָט איבערגענומען ביי זיינע פאָרגייערס, איז דער לעצטער סך־הכּל פון אַ גרויסער לעבנס־חכמה. ווייל די קללה פון אַזאַ סיסטעם באַ־שטייט טאַקע אין דעם, וואָס די רעדער אין דער מאַשין אין גאַנג, דרייען זיך פּינקטלעך, תמיד אין זעלביקן טאַק־טאַק, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין דער גאַנצער באַוועגונג.

אַז סע האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז איך וועל מוזן גיין אין יתומים־הויז, האָבן די קרובים און פריינד געפּרוווט מיך טרייסטן און מיך פאַרזיכערט, אַז די יתומים־קינדער אין דער אַנשטאַלט האָבן עס בעסער ווי אַ סך אַנדערע קינדער אין אָרעמע היימען. דאָרטן, אין יתומים־הויז, האָט מען צום ווינציקסטן גוט אָנגטועכץ, גאַנצע שיך, גענוג צו עסן און אַ ריין בעט. די פריינד האָבן אָן ספק געגלייבט אין דעם, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט, ווייל זיי האָבן געזען בלויז די דרויסנדיקע זייט פון יתומים־הויז און ניט אַנגעהויבן צו וויסן, וואָס סע ליגט באַגראָבן אונטער דעם אויבערפלאַך. עס זיינען פאַראַן זאַכן, וואָס מע קען וועגן זיי גאָר ניט דערציילן, באַזונדערס קענען עס ניט קינדער. גאָר ווינציק מענטשן זיינען קאַפּאַבל זיך פאַרצושטעלן די שטומע טראַגעדיעס פון קינדערשע נשמות. גוטע מלבושים, גאַנצע שיך, גענוג צו עסן, אַ ריין בעט! באַגלייך ווי דאָס אַלץ וואָלט טאַקע געווען אַזוי.

ביז מיין מוטערס טויט האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט קיין נייעם אָנצוג. ס'איז אָבער געווען אין שטוב אַ ליבע טייערע האַנט, וואָס האָט פון די אָפּגע־טראָגענע זאַכן פון די דערוואַקסענע מיר צונויפגעשטיקעוועט מיינע מלבושים. טאָמער זיינען זיי ניט געווען אַזוי עלעגאַנט, האָט עס מיך ווינציק־וואָס געקי־מערט. איצט האָב איך געטראָגן אַן אוניפאָרעם. פאַר זונטיק און אַ פייערטאָג

האָב איך אַפילו געהאַט אַ שפּאָגל־נייע טראַכט, אָבער אין יתומים־הויז בין איך ווי אַלע אַנדערע קינדער, געווען ניט מער ווי אַ טויטער נומער. דער גרויער אוניפאָרעם האָט ווי אָפּגעשפּיגלט די גרויע איינטאָניקייט, צוגעשניטן צו דער מאָס פון דער סיסטעם, ניט פון דעם מענטשן. ווייט ניט איעדערער וועט עס פאַרשטיין, דאָס פאַרמינערט אָבער ניט דעם אמת, אַז אונטער דעם אוניפאָרעם האָט זיך געבראָכן די לעבעדיקע פּערזענלעכקייט.

געוווג צו עסן! געוויס, מיר האָבן זיך געקענט אָנשטאָפּן די בייכער. אָבער דאָס עסן איז געווען אָן שום טעם און תמיד דאָס זעלביקע ווי דאָס גאַנצע לעבן דאָ, און פון יעדער קעסל האָט זיך געטראָגן דער איבלדיקער גערוך פון דער באַגאַדעלניע. אינדערהיים אַז די מוטער האָט פאַר אונדז אַוועקגעשטעלט אַ געקעכטס אויפן טיש, איז עס געווען אַ מחיה, כאָטש עס האָט געקאָסט וואָלוול. דאָ אָבער האָט מען געגעסן ווייל מע מוז דאָך פאַרט עסן, מע האָט אָבער געגעסן אָן שום באַפרידיקונג און ניט זעלטן מיט גרויסן ווידערווילן.

פריִער זיינען מיינע שיך געווען צעריסן, באַפּוצט מיט לאַטעס, איך בין אָבער אַרומגעגאַנגען אויף פרייער ערד און געהאַט הנאה פון מיין לעבן. דאָ אָבער האָב איך געמוזט טרעטן מיט מיינע שיך אויף די ברוקירטע שטיינער פון אַ געפענגעניש־הויז און בין געווען אָפּגעשניטן פון דער וועלט מיט אַ הויכער מויער.

אָבער איבער אַלץ האָט געפעלט אין דעם הויז מענטשלעכע גוטסקייט און צערטלעכקייט, וואָס זיינען פאַר קינדער פונקט אַזוי וויכטיק ווי דאָס טעגלעכע ברויט. איך ווייס אַז אויך אין אַ סך עלטערן־היימען פעלן אויס אָט די זאַכן, איז טאַקע שלעכט. איך האָב אָבער געהאַט אין מיינע פריִע קינדער־יאָרן ליבע און צערטלעכקייט אין דער פולסטער מאָס, דערפאַר איז אויף מיר טאָפּלט שווער געפאַלן דער איבערבייט אין מיין לעבן.

די קינדער אין יתומים־הויז זיינען געווען אין עלטער פון פינף ביז פערצן יאָר. גאַנץ קליינע יתומים האָט אויפגענומען אַן אַנדער אַנשטאַלט. די קלע־נערע קינדער אין יתומים־הויז זיינען, פאַרשטייט זיך, ניט געווען אין שטאַנד צו טאָן פאַר זיך די טעגלעכע אַרבעטן. יעדער עלטערן יינגל האָט מען דער־פאַר צוגעשטעלט אַ קינד ער זאָל אים באַהילפיק זיין צו יעדער צייט. די כוונה איז געווען אַ גוטע, אָבער פאַר דעם קליינוואַרג זיינען די רעזולטאַטן געווען פאַטאַל. קיין שום הילף האָבן די קינדער ניט באַקומען, אָבער ווי אַ צולאָג האָט דער עלטערער באַהעלפער תמיד געצווונגען זיין קליינעם וויכאַ־וואַניק צו טאָן פאַר אים די סאַמע אומאָנגענעמע אַרבעטן, דערביי זיינען די קליינע ניט געווען זשעדנע קיין קלעפּ און בוכענצעס מיט די מיאוסטע זידלע־רייען דערצו. די קליינע יתומים האָבן געלעבט אַ הינטיש לעבן, זיי זיינען געווען אַ הפקר־זאַך אין די הענט פון די גרעסערע. באַקלאָגן זיך פאַר דעם פאַרוואַלטער האָבן זיי ניט געקענט, ווייל דאָס וואָלט געקענט פירן נאָר צו אַ פאַרערגערונג פון זייער לאַגע.

בלויז געציילטע קינדער האָבן געהאַט דאָס מזל, אַז זייערע באַשיצערס זאָלן זיי באַהאַנדלען אויף אַ מענטשלעכן אופן. פאַר די מערסטע באַשיצערס איז עס פשוט געווען אַ סאָרט פאַרוויילונג זיך צו אינדיעוקעווען איבער דער קליינער חברה. אַזאַ באַנעמען זיך האָט, פאַרשטייט זיך, געקענט אויפקומען נאָר אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פונעם הויז. די עלטערע יינגלעך, וואָס זיינען אַליין געווען אין די פענטעס פון אַ שטרענגער דיסציפלין, אָן שום איינזעעניש פאַר זייערע מענטשלעכע נייגונגען, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אמתע טיראַנען אַזוי באַלד ווי זיי האָבן אַריינגעקראָגן אַ געוויסע מאַכט איבער אַנדערע. זיי האָבן געהאַט אַן אינעווייניקסטע באַפרידיקונג ביים געדאַנק, אַז עס זיינען פאַראַן אַנדערע, וואָס שטייען אונטער זיי און וואָס זיי קענען אַרויסווייזן מאַכט לגבי זיי. דאָס איז פאַר די גרעסערע געווען אַ באַלוינונג פאַר די טעגלעכע דערנידערונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין.

דאָס איז געווען די זעלביקע פאַרבונדנקייט צווישן הער און קנעכט, וואָס אַנטפלעקט זיך ביי די קליינע ווי ביי די דערוואַקסענע. דער וואַרהאַפטיק פרייער מענטש רעספעקטירט זיין מיטמענטשן, ווייל ער רעספעקטירט זיך אַליין. פאַר טיראַנען איז דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווערדע פונקט אַזוי פרעמד ווי פאַר די שקלאַפן וואָס בייגן זיך אונטער זייער יאָך. דעספאָטישער מוטווילן און שקלאַפישע אונטערטעניקייט, ביידע זיינען זיי רעזולטאַטן פון דעם זעלביקן נשמה־צושטאַנד, ניט מער, וואָס דעספאָטן און שקלאַפן פאַרנעמען אין לעבן דורכויס פאַרשיידענע פאָזיציעס, וואָס איינעם איז דערלויבט, איז דעם צווייטן פאַרבאָטן, אָבער די אינעווייניקסטע קנעכטשאַפט איז אין בלוט בייביידן און באַשטימט דעם תמצית פון זייער כאַראַקטער. דערמיט דערקלערט זיך אויך דער פאַקט, וואָס אַז דער שקלאַף ווערט על־פי צופאַל אַוועקגעשטעלט אויפן פלאַץ פון זיין האַר, האַנדלט ער פונקט אַזוי ווי עס וואָלט געהאַנדלט זיין געביטער.

די פּערוועַרסע אַטמאָספער אין יתומים־הויז

אַז איך בין איבערגעקומען די האַרץ־קלעמענישן און דעם אומעט, וואָס האָט מיך באַהערשט די ערשטע טעג אין מיין נייער היים, האָט מיך ביז גאָר פריטשמעליעט די ווולגאַרע שפּראַך, וואָס די קינדער האָבן געניצט צווישן זיך. צו גראָבע ווערטער בין איך אַפילו געווען צוגעוווינט פון קינדהייט אָן. מיין מוטער און דער פעטער זיינען אין אַזעלכע זאַכן גראָד געווען זייער אָפּ־געהיטן, אָבער אין טעגלעכן פאַרקער האָב איך זיך אָנגעהערט איבערגענוג מיט דער גראָביונגישער גאַסן־שפּראַך; צווייטייטשיקע חזירייען, וואָס זיינען ווייט ניט געווען קיין נאָווינע אין אונדזער דיאַלעקט, האָבן שוין ניט געקענט מיר אַריינטרייבן דאָס בלוט אין פּנים אַריין. מיר, די קינדער, האָבן געניצט אַזעלכע ווערטער אָן שום הינטערגעדאַנקען. ס'איז געווען אַ געזונטע גראָבקייט, מיר האָבן אין איר אַרויסגעפילט גיכער אַ געוויסן הומאָר איידער אַ פּעפּער־דיקן מיין.

אָבער די שפּראַך וואָס איז געווען אין אומגאַנג ביי די יינגלעך אין יתומים־הויז, וואָלט מען אַפילו ניט געקענט באַצייכענען סתם ווי גראָב; דאָס איז געווען פּשוט אַ דעבאָש, אַ געשמאַקלאָזע עראָטישע הולטייסטווע. אַט די פאַרשטויסענע קינדער, אַזוי געקריוודעטע פונעם גורל, האָבן אויסגעלאָדעוועט אין זייערע הפקרדיקע געמיינע רייד זייער פריציייטיק אויפגעוועקטן געשלעכט־לעכן דראַנג, קינצלעך אויפגערייצט אין דעם שטיקנדיקן אָרום.

איך בין אַלט געווען כמעט דרייצן יאָר ביי מיין אָנקומען אין יתומים־הויז. אין יענעם עלטער האָב איך ניט געהאַט הינטער זיך קיין שום ווירק־לעכע סעקסועלע איבערלעבונגען, אָבער די געהיימנישן פון געשלעכטלעכער ליבע זיינען מיר ניט געווען אומבאַקאַנט. ווי די מערסטע יינגלעך פון מיין עלטער האָב איך געוווּסט וועגן די פּראָצעסן, וואָס זיינען גורם די געבורט פון יעדער לעבעדיק באַשעפעניש, אָבער דאָס וואָס איך האָב געקריגן צו וויסן אין יתומים־הויז איז ביז דעמאָלט געווען פאַר מיר אַ בוך מיט זיבן שלעסער. ווען וואָלט דאָס גאָר געקענט קומען אויפן זינען, אַז קינדער פון ניין־צען יאָר רעדן צווישן זיך וועגן זאַכן, וואָס גאָר אַ סך דערוואַקסענע האָבן ניט

וועגן זיי די מינדסטע פאַרשטעלונג! די ייִנגלעך זיינען געווען געגנוי באַקאַנט ניט בלויז מיט אַלע איינצלהייטן פונעם געשלעכטלעכן אַקט, זיי האָבן אויך געוווּסט וועגן אַפּולע אַנאָרמאַלע געוווינהייטן, וואָס וועגן זיי האָב איך פריִער קיינמאָל גאָרניט געהערט. און געריעדט האָבן זיי וועגן אָט די אַלע זאַכן, מיט אַ מינע פון אַלטע געניטע הינער־פרעסער, וואָס האָבן שוין מער גאָרניט וואָס אויסצוגעפינען.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָבן די קינדער געהאַט צו פאַר־דאַנקען אָט די צאַצקעדיקע קענטענישן זייערע אַ זעכצן־יאָריקן פאַרשוין. דער אומגליקלעכער חברהמאַן, אַ וויכאָוואַניק פונעם יתומים־הויז, איז געווען טור־בערקולאָז קראַנק אין דער לעצטער סטאַדיע און די גאַנצע צייט זיך אַרומגע־שלאָמפּערט פון יתומים־הויז אין שפּיטאָל אַריין און פון דאָרטן צוריק אין יתומים־הויז. יעדער מאָל אַז ער האָט געהאַט אַ שווערן אָנפאַל, האָט מען אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל אַריין. אַזוי באַלד ווי ער איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט מען אים אָפּגעשיקט צוריק. צו פערצן יאָר האָבן אַלע ייִנגלעך געמוזט פאַרלאָזן דאָס יתומים־הויז און גיין אין דער לערע צו אַ מייסטער. זיי פלעגן נאָך קומען אין יתומים־הויז בלויז אין אַ שבת, צו באַקומען וועש, קליידונג און שיך. דעם קראַנקן בחור האָט מען ניט געקענט שיקן זיך לערנען אַ מלאכה. אַ צוויי יאָר האָט ער זיך נאָך אַזוי אַרומגעדרייט צווישן די יתומים ביז ער איז געשטאָרבן פון אַ שטאַרקן בלוטאויסגאָס.

אָט דער ק. איז געווען זייער ניט קיין באַקוועמלעכער געזעלן. ער איז געווען שרעקלעך אויסגעמאָגערט און האָט אויסגעזען טאַקע נאָר ווי אַ מת פון קבר אַרויס. זיין איינגעפאַלן פּנים איז געווען קרענקלעך בלאַס. די טונ־קעלע איינגעגראָבענע אויגן האָבן אים שטענדיק געגלאַנצט מיט אַ פיבערדיקן ברען. האָט ער נאָר אָן עפן געטאָן דאָס מויל, האָט פון זיינע בלאַסע ליפן אַ שטראָם געטאָן מיט די שמוציקסטע ווערטער. אין זיינע געמיינע רייד האָט ער ניט געוווּסט פון קיין אָפּשטעל. ער האָט זיך געגרויסט מיט זאַכן, וואָס יעדער אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געהאַט די גרעסטע אַנגסט זיי גאָר צו ברענגען פאַרן מויל. צווישן אַנדערע מעשיות האָט ער אויך דערציילט ווי אין שפּיטאָל האָט ער צוגעדינט אַ צווייטן קראַנקן ווי אַ פּרוי און דערביי איבערגעגעבן אָן דעם מינדסטן שפּור פון בושה אַלע איינצלהייטן ווי ס'איז אַלץ צוגעגאַנגען. און קליינע קינדער זיינען אַרום אים געשטאַנען, געשלונגען יעדער וואָרט זיינס און צוגעגעבן פון זייער זייט אַלערליי פּערווערסע באַמערקונגען.

איך בין נאָך היינט ניט זיכער, צי דאָס וואָס דער בחור פלעגט דערציילן האָט טאַקע פּאַסירט מיט אים אויף אַן אמת, צי האָט ער ניט אויף אַזאַ אופן בלויז געלאָזט אין גאַנג זיין קראַנקע פאַנטאַזיע. אַ סך שקר איז זיכער געווען אין זיינע רייד, אָבער זיינע מעשיות זיינען געווען אַזוי אָנגעפּיקעוועט מיט טעכנישע איינצלהייטן, אַז מע האָט זיי געמוזט אָננעמען ווי אמתע איבער־לעבונגען.

ביז אויף היינט בלייבט פאַר מיר אַ רעטעניש דער פאַקט, וואָס אַזאַ שווער־קראַנקן, פיזיש און גייסטיק, האָט מען געהאַלטן אין יתומים־הויז בייגאַנד מיט אַלע אַנדערע קלענערע און גרעסערע קינדער. איידער איך בין אָנגעקומען אין יתומים־הויז, האָט מען אים געהאַט איבערגעשיקט אין דער שטאָטישער באָגאַדעלניע, אָבער זיינע שמוציקע געגנג האָבן אַזוי אויפגעבראַכט די פרומע נאָנעס וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, אַז זיי האָבן געקערט וועלטן פון אים פּטור צו ווערן. די נאָנעס האָבן אָפּנים מורא געהאַט דער חברה־מאַן זאָל חלילה נישט אַראָפּפירן פון גלייכן וועג די זקנים פון דער באָגאַדעלניע און זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר גלייכער אים צו לאָזן לויפן מיט די יונגע קינדער ער זאָל פאַרדאַרבן אויף אייביק זייערע נשמות.

דער איינציקער ריכטיקער פּלאַץ פאַר אָט דער יאָמער־געשטאַלט איז געווען דער שפּיטאָל. ווייל חוץ זיינע פּערווערסע נייגונגען, איז עס געווען פאַר די קינדער די גרעסטע סכנה צו לעבן איינעם מיט אַ שווינדזיכטיקן, וואָס האָט אַלעמאָל זיך באַגאָסן מיטן בלוט פון זיינע קראַנקע לונגען און זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט אַ רויט, אויסגעווייקט קעשענע־טיכל. די איינציקע איזאָלאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז ניט געשלאָפן אין גרויסן שלאָף־זאַל. פאַר אים און פיר־פינף אַנדערע יינגלעך, האָט מען אָפּגעטיילט אַ באַזונדער שלאָף־צימער.

פונדעסטוועגן וואָלט עס געווען אַ שפּאַר ביסל גוזמאדיק אַרויפצוּוואַרפן אויף דעם קראַנקן די גאַנצע שולד פאַר דער אומצוכט און דעבאָש פון די קינדער אין יתומים־הויז. אמת, איין פוילער עפּל קען קאַליע מאַכן אַ פולן פאַס, אָבער די פאַרדאָרבעניש פון די קינדער אין יתומים־הויז איז פאַר אַלע־מען געווען אַ רעזולטאַט פונעם דאָרטיקן אַלגעמיינעם צושטאַנד. ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס קאַזאַרמעס, תפיסות און אַנדערע אַזוינע אַנשטאַלטן, זיינען פון תמיד אָן געווען ערטער פון געשלעכטלעכער דעמאָראַליזאַציע. דאָס לעבן ענג, איינער אויף דעם אַנדערן און די אָפּגעשלאָסנקייט פון דער דרויסנדיקער וועלט, זיינען דער סאַמע פאַסיקסטער באָדן פאַר אַזעלכע דערשיינונגען.

די פאַראַנדיקס אין יתומים־הויז זיינען דערצו געווען ווי צוגעמאָסטן. דער אויפגעוואַכטער געשלעכטלעכער אינסטינקט ביי אונטערוואַקסנדיקע קינדער ווערט פאַרטויבט אין נאַרמאַלע באַדינגונגען, אין די אומבייטן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס וויס איך פון מיין אייגענער איבערלעבונג. אַזוי באַלד ווי מיר זיינען אַהיימגעקומען פון דער שול, האָבן מיר אַרומגעוואָיוועט אינ־דרויסן. מיר זיינען געווען אַזוי אַריינגעטאָן איבערן קאָפּ אין אַזוי פיל קינ־דערשע אונטערנעמונגען, אַז ס׳איז אונדז ניט געבליבן קיין צייט פאַר קיין שום איינזייטיקע שפּירונגען. געוויס, ביי אַ געלעגנהייט פלעגן מיר אויך אַרויפ־קומען דערויף צו רעדן וועגן געשלעכטלעכע פראַגן. דאָס פלעגט אָבער פּאַ־סירן ניט אָפט, ווייל מיר האָבן געהאַט טויזנט אַנדערע אינטערעסן, וואָס האָבן אונדז באַשעפטיקט. קיינמאָל איז מיר דעמאָלט ניט אויסגעקומען צו הערן פון

מיינע חברים פֿאַרשייטע רייד און נאָך אין אַ וווילױנגערישן טאָן, ווי דאָס איז געווען אין יתומים־הויז. דאָרטן, אויף דער פֿריי, איז עס געווען פּשוט אַ נייגיריקייט פֿון קינדער זיך צו דערוויסן וועגן פֿאַרבאָרגענע זאַכן.

אָבער אין רעזשים פֿונעם יתומים־הויז איז דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס געווען איינגעשטעלט אויף אַ גאַנץ פֿאַרשיידענעם אופֿן. דאָס איז געווען אַ לעבן אין אַ תּפֿיסה. אַלץ האָט זיך דאָ געקענט באַוועגן נאָר אין די ענגע גרע־נעצן פֿון אַן אָפּגעשלאָסנקייט, וואָס מע האָט געשאַפֿן קינצלעך. זיך אַרויס־באַקומען פֿונעם ענגן קלעם איז געווען מעגלעך בלויז פֿאַר געציילטע, אי דאָס נאָר זעלטן. יעדן טאָג זיינען די קינדער געגאַנגען אין געשלאָסענע רייען פֿון יתומים־הויז אין שול אַריין און פֿון דאָרטן צוריק, אָן שום באַרירונג מיטן לעבעדיקן אַרום. דאָס לערנען פֿלעגט זיך ענדיקן פֿיר דעם זייגער און פֿון פֿינף ביז זעקס האָבן מיר געהאַט די אַרבעט־שעה. אין דער צווישנצייט פֿלעגט זיך נאָך פֿון מאָל צו מאָל באַווייזן אַ קאַפּלאַן און באַזאָרגן די קינדער מיט אַ פֿאָרציע פֿרומע שטראָף־רייד, אַזוי אַז פֿאַר שפּילן זיך איז געבליבן ווינציק־וואָס פֿרייע צייט.

אַז מע האָט זיך שוין יאָ אַביסל פֿאַרווילט מיט שפּילן, איז דער פּלאַץ תּמיד געווען דער זעלביקער גרויער, ניט איבעריק גרויסער הויף, אַרומגע־צוימט מיט הויכע מויערן, וואָס האָבן אָפּגעשפּאַרט יעדן פֿרייען אויסבליק. ס׳איז ניט געווען קיין אַרומיאָגן זיך אין דער פֿרייער נאַטור, מיט אָפּבייטעוו־דיקע סצענעס, וואָס גיבן צו דעם שפּיל נייעם חשק. די קינדער האָבן זיך שטענדיק געדרייט אין אַן אָפּגעהאַקטער באַוועגלעכקייט, אין אַן ענגן רוים, ווו זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט פֿאַר די פֿיס איינער דעם צווייטן. דאָס שפּילן האָט דערפֿאַר טאַקע ניט געהאַט קיין שום באַטייט, קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן פֿלאַם. דאָס גאַנצע לעבן צווישן אָט די הויכע ווענט איז גע־ווען איינגעשטעלט אויף דער איינטאָניקייט פֿון די טאָג־פּאַסירונגען. יעדער נייער טאָג איז פֿאַרגאַנגען פּונקט אַזוי מאָנאָטאָן ווי דער נעכטיקער און אייער־נעכטיקער.

אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די קינדער קיינמאָל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצולאָדעווען זייער נאַטירלעכע איבערמאָס פֿון קינדערשער ענערגיע. דאָס האָט געמוזט זיך אָפּרופֿן צום שלעכטן אויף זייער פֿיזישן און גייסטיקן צושטאַנד. ס׳איז דערפֿאַר געווען אַן אומפֿאַרמיידלעכקייט, אַז דאָס גאָרע טראַכטן זייערס זאָל באַצייטנס זיין קאָנצענטרירט אויף סעקס, וואָס איז ביי זיי צייטיק געוואָרן פֿאַר דער צייט.

די גאַנצע קאַזאַרמע־אַטמאָספֿער אין הויז האָט ממילא געמוזט פֿירן דערצו די קינדער זאָלן ניט בלייבן בלויז ביי ווערטער און פֿאַנטאַזיעס. אויף קיין איינציקער סעקונדע איז דאָ קיינער ניט געבליבן אַליין מיט זיך. אַפֿילו די אינטימסטע באַדערפֿענישן האָט מען געמוזט דערליידיקן ביי דעם בייזיין פֿון אַנדערע. די לאַטרינעס זיינען געווען צו צען־צוועלף אין אַ שערענגע, ניט

אָפּגעטיילט פונאַנאַנד. די ייִנגלעך האָבן אָנגעווירן יעדע נאַטירלעכע שעמעוו־דיקייט. דאָס האָט פאַר זיי נאָך לייכטער געמאַכט די באַפרידיקונג פון זייערע פאַרבאָרגענע גלוסטן.

דעם גאַנצן טאָג זיינען די שלאָפצימערן געווען אָפּגעשלאָסן און אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש האָט מען אַהין ניט געקענט אַריינקומען. האָט מען טאַקע צו יעדער צייט געקענט טרעפן אַ צאָל ייִנגלעך אין די אָפּטריטן, ווו ס׳איז צוגעגאַנגען גאַנץ אָפן דאָס טרייבן ליבע־שפּילערייען. כדי צו זיין זיכער אַז אַ דערוואַקסענער זאָל זיי ניט דערטאַפּן ביי דער שיינער באַשעפטיקונג, פלעגט מען אַוועקשטעלן אַ וואַך, וואָס האָט צו וויסן געגעבן, מיט אָפּגערעדטע צייכנס, אַז אַ סכנה איז נאָענט. די אומגלייבלעכסטע זאַכן האָט מען דאָרט אָפּגעטאָן מיט אַ פּשוטקייט, וואָס ס׳איז גאָרניט מעגלעך אַפילו צו באַשרייבן. דאָס ערגסטע אָבער איז געווען דער שוידערלעכער פאַקט, וואָס די עלטערע ייִנגלעך האָבן דערביי סטירדיש אויסגענוצט די קלענערע קינדער.

אָפּגעטעמפּט פאַר יעטוועדער בושה, האָט ביי די ייִנגלעך זיך אַנטוויקלט אַ סאָרט ציניזם, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנצן הויז. ציניזם בכלל איז תמיד אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ חורבן אין מענטשנס נשמה. ביי דערוואַקסענע איז ציניזם אַ רעזולטאַט פון אָפּגענאַרטע דערוואַרטונגען, פון פאַרלוירענע האָפענונגען, פון דער העלער הויט ווערט קיין מענטש ניט ציניש. אָבער אַז אָט די מגפה שטעקט אָן קינדער אין זייער סאַמע צאַרטן עלטער, מוז ביי זיי אָפּשטאַרבן אויפן גאַנצן לעבן יעדער פעאיקייט פאַר אַ בעסער געפיל.

חוץ דעם פאַרוואַלטערס פרוי און טאָכטער, זיינען אין יתומים־הויז געווען נאָך פיר דינסט־מיידלעך. אין באַשטימטע טעג אין דער וואָך האָבן עטלעכע ייִנגלעך געדאַרפט צוהעלפן די מיידלעך ביי געוויסע אַרבעטן. די ייִנגלעך פלעגן דערפאַר געווייניטלעך באַלוינט ווערן מיט אַ נאַשעריי. אַז די עטלעכע ייִנגלעך פלעגן צוריקקומען פון דער אַרבעט, האָבן זיי שטענדיק געהאַט צו דערציילן וועגן עפּעס אַן אומצוכט. די אַנדערע פלעגן זיך ממש קוויקן מיט אָט די מעשיות, מאַכן דערביי אַלערליי באַמערקונגען און געבן עצות אויף אַ צווייט מאָל. אָן ספק זיינען די אַלע געשיכטעס צום מייסטנס געווען אויסגעטראַכטע, ניט מער ווי באַרימעריי, ס׳איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס קיין גרעסערע אַמביציעס האָבן אָט די ייִנגלעך ניט געהאַט. אין זייערע אויסגעלאַסענע באַ־רימערייען האָבן זיי אַפילו ניט געשאַנעוועט דעם פאַרוואַלטערס טאָכטער, אַ יונג בליִענדיק מיידל פון אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. הער פּאָטער וואָלט פאַרגעוויס געמאַכט גרויסע אויגן אויב עס זאָל געווען דערגיין צו זיינע אויערן דער שמועס וואָס די ייִנגלעך האָבן געפירט וועגן זיין טאָכטער.

איך האָב מיר געהאַט איינגערעדט, אַז נאָכן אָפּזיין אַ שטיקל צייט אין יתומים־הויז, וועל איך זיך יאָקאָש ביסלעכוויז צוגעוווינען צו מיין נייער סיטואַציע. איך האָב זיך גרינטלעך גענאַרט. יעדער טאָג האָט מיר געבראַכט

נייעם פּיין. איך האָב זיך געפילט ווי פאַרוואָרפן אין אַ מדבר. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי וויסט, אַזוי שרעקלעך וויסט. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב זיך געמוזט בייגן. האָב איך דאָך צו גוט געוווּסט, אַז קיינער קען מיר ניט העלפן. דאָס ערגסטע איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס איך האָב זיך זייער ווייניק געקענט באַשעפטיקן גייסטיק. פון דעם אָנקלס ביבליאָטעק האָב איך נאָר זעלטן מיטגענומען אַ בוך, איך האָב מורא געהאַט טאָמער גנבעט מען עס צו ביי מיר. אין דער ביבליאָטעק פון יתומים־הויז האָב איך קוים געקענט געפינען עפּעס, וואָס זאָל מיך אינטערעסירן. דאָס לייענען איז פאַר מיר פריִער געוואָרן אַ באַדערפעניש און דאָס זיין געניטיקט גאָרניט צו טאָן אין מיין פרייער צייט, איז פאַר מיר געווען די גרעסטע צרה.

אַז איך בין אין די זונטיקס געקומען צו מיינע קרובים, האָט מיר קוים געקלעקט די צייט צו נעמען אַ בוך אין דער האַנט אַריין. ביים פעטער פלעג איך אויף איין פוס איבערקוקן דעם „סאָציאַלדעמאָקראַט", אָבער גאַנץ אָפּט האָב איך ניט געהאַט אַפילו אָט דאָס פאַרגעניגן, ווייל דאָס אומלעגאַלע פאַר־שפרייטן דעם זשורנאַל פלעגט זיך אָנשטויסן אויף שוועריקייטן. דאָס איז גע־ווען כמעט אַלץ, וואָס איך האָב דעמאָלט געקענט טאָן. און פּאָרט זיינען די זונטיקדיקע פרייע פיר שעה געווען פאַר מיר מיין איינציקע טרייסט. איך ווייס ניט ווי איך וואָלט דאָס אויסגעהאַלטן איך זאָל ניט געווען האָבן אָט די דער־פרישונג, ווי עס האָבן זי ניט געהאַט אַזוי פיל פון מיינע יונגע קאַמעראַדן.

מיין ערשטער צוזאַמענשטויס מיטן פאַרוואַלטער

אַזוי זיינען אָפּגעלאָפן פיר חדשים זינט איך בין אָנגעקומען אין יתומים־הויז. דאָס גאָרניט האָבן וואָס צו טאָן אין דער פרייער צייט, האָט מיך געבראַכט דערצו איך זאָל מיר פונסניי אויסבאָרגן אַ בוך פון מיין אָנקלס ביבליאָטעק. דאָס איז געווען „דער לאַבירינט פון יעזוסעס לעבן", פון אַלבערט דולק, אַ ווערק וואָס איז היינט שוין כמעט פאַרגעסן געוואָרן, אָבער אין יענער צייט איז עס געווען זייער פּאָפּולער. דער אָנקל האָט אַפילו געפּרוווט מיך אָפּראָטן פון מיטנעמען אַ בוך אין יתומים־הויז, וואָס בלויז פאַר זיין פאַרפירערישן טיטל אַליין קען איך דאָרטן גריילעך האָבן צו זינגען און צו זאָגן. אָבער איך האָב אים באַרואיקט און פאַרזיכערט, אַז ביז איצט האָט זיך קיינער ניט געקימערט וועגן דעם וואָס איך לייען.

איך האָב דאָס בוך געהאַלטן פאַרשטעקט אין שראַנק אונטער מיינע זאַכן און האָב שוין געהאַט אָפּגעלייענט איבער אַ העלפט, ביז דאָס בוך איז פלוצים ניט געסטייעט אונטער די הענט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שרעקלעכער קלאַפּ. איך האָב געוווּסט מיט וואָס פאַר אַ ליבשאַפט דער פעטער איז צוגעבונדן צו זיינע ביכער, און ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אים צו קאָמפּענסירן מיט אַ נייעם עקזעמפּלאַר, האָב איך זיך געפילט זייער נידערגעשלאָגן. איך האָב דערציילט פעטערן, וואָס סע האָט מיר פּאַסירט און אים געבעטן ער זאָל מיר באַהילפיק זיין ביי דער חברה מע זאָל מיר אָפּגעבן מיין בוך. פעטער האָט נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: „דאָס בוך האָט קיינער פון אונדז ניט צוגענומען. דאָ אין הויז גנבעט מען אַלץ, נאָר ניט קיין ביכער. דאָס האָט קאָנטיק דער אַלטער געפונען דאָס בוך בעת אַ רעוויזיע און עס צוגענומען".

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? פאַרשטייט זיך, אַז פרעגן דעם פאַרוואַלטער האָב איך ניט געקענט. דערצו בין איך געווען זיכער, אַז אויב עס זאָל זיך אַרויסשטעלן אַז פעטער האָט געטראָפן, וועט הער פאַטער ניט פאַרפעלן גאָר אין גיכן אַרויסצוקומען מיט לשון. איך האָב געוווּסט, אַז אין אַזאַ פאַל מוז עס קומען צו אַ פסק און האָב מיר צוגעגרייט אַ גאַנצן פּלאַן ווי זיך צו רעכט־

פּאַרטיקן. איך בין געווען אַנטשלאָסן זיך צו האַלטן שטאָל און אייזן. וואָס קען מיר שוין סוף־כל־סוף פּאַסירן? ווי די זאַך זאָל ניט אויספּאַלן, האָב איך סיי־ווי גאָרניט געהאַט וואָס אָנצוווערן.

ס'איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און — גאָרניט. דעם פּאַרוואַלטערס באַציאונג צו מיר האָט זיך לחלוטין ניט געביטן, אַזוי אַז איך האָב שוין אָנגעהויבן גלייבן אויף אַן אמת, אַז דאָס בוך האָט טאַקע צוגעגנבעט איינער פון מיינע בעט־שכנים. געוויס, פון אַזאַ גנבה קען דאָ קיינער ניט האָבן קיין נוצן, אָבער אפשר האָט מען מיר געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל. איך האָב זיך אַ פּאָר מאָל אָנגענומען פאַר די קלענערע קינדער און אויסגעמוסרט די גרויסע פאַר זייער שלעכטהאַרציקייט, און קיין גוטע פריינד זיינען זיי מיר דערפאַר ניט געוואָרן. עס האָט זיך געלייגט אויפן שכל, אַז איינער פון זיי האָט אַוועקגעשלעפּט דאָס בוך און האָט עס אפשר שוין אַפילו פאַרטעכלעוועט.

איינמאָל אין דער אַרבעט־שעה, בעת איך בין געזעסן איבער מיינע אויפגאַבן, האָט מען מיך גערופן צום פּאַרוואַלטער. הער פּאָטער איז, ווי געוויינטלעך, געזעסןביים אַרבעט־טיש און געבראַכט אין אָרדענונג זיינע פּאַפּירן. ער איז ניט געווען אַליין. אין הינטערגרונט פונעם צימער, האָט אַ קאַפּלאַן זיך געפּאָרעט ביי די פּאָליצעס מיט ביכער. ער איז געשטאַנען צו אונדז מיטן רוקן און עס האָט אויסגעזען ווי ער זאָל זיין אַזוי פאַרטיפט אין זיין אַרבעט, אַז ער האָט אַפּנים גאָרניט געמערקט מיין אַריינקומען.

הער פּאָטער האָט צוערשט אויך ניט אָנגעהויבן מיך צו זען. ער האָט געמאַכט אַ מינע ווי ער זאָל זיך מאַטערן איבער עפּעס אַ שווערן עניין. ענדלעך האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און מיר געזאָגט מיט אַ שטרענגער שטימע: „מע האָט געפונען אין דיין שראַנק אַ פרעמד בוך און דערצו נאָך אַ בוך, וואָס פרעגט אָפּ אַלע יסודות פון דער קריסטלעכער מאָראַל. ווו האָסטו באַקומען אָט דאָס בוך?" — „איך האָב דאָס בוך אויסגעבאָרגט פון מיין אָנקלס ביבליאָטעק", האָב איך געזאָגט. — „האָסטו שוין פריִער געלייענט אַזעלכע ביכער?" — איך האָב געענטפערט מיט אַ „יאָ". און דו ביסט איינשטימיק מיט די אידייען, וואָס ווערן אַרויסגעבראַכט אין אָט דעם בוך?" — „יאָ", האָב איך געענטפערט.

הער פּאָטער האָט געשניטן אַ צורה ווי ער וואָלט אָקערשט אַראָפּגעשלונגען אַ ביטערע פּיל. נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער ווידער געפרעגט: „איז עס דיר קלאָר אַז דו האָסט דערמיט זיך אָפּגעוווייטערט פון די געהייליקטע לערעס פון דער קריסטלעכער מאָראַל?"

איך האָב אים געענטפערט, אַז וואָס ס'איז שייך דער קריסטלעכער מאָראַל, קען מען האָבן וועגן איר פאַרשיידענע מיינונגען, זיינען דאָך די קריסטן אַליין אין דעם פּרט ניט איניק צווישן זיך.

„וואָס הייסט עס?" האָט ער געפרעגט. איך האָב אים דערקלערט, אַז עס זיינען פאַראַנען אַ היפּשע צאָל קריסטלעכע סעקטעס, וואָס פרעגן אָפּ די לערעס

סיי פון דער קאַטוילישער סיי פון דער פּראָטעסטאַנטישער קירך, אָבער פּראָ־טעסטאַנטן און קאַטוילין זיינען אויך ווייט ניט איינשטימיק צווישן זיך אין דער פראַגע וועגן דער קריסטלעכער מאָראַל. אַז מע לייענט, למשל, דאָס וואָס פּאַסטער לינקער האָט צו זאָגן וועגן דער קאַטוילישער קירך, קלינגט עס גאָר אַנדערש ווי עס וואָלט באַהאַנדלט די זעלביקע פראַגע אַ קאַטוילישער גייסט־לעכער.

אַזוי באַלד ווי איך האָב אַרויסגערעדט דעם נאָמען לינקער, האָט דער קאַפּלאַן ראַפּטאָם זיך אויסגעדרייט צו אונדז מיטן פּנים און מיט געלאַסענע טריט זיך געלאָזט גיין צום פּאַרוואַלטערס טיש.

„איין אויגנבליק, הער פּאַרוואַלטער", האָט ער געזאָגט. „איך וואָלט גערן געוואָלט שטעלן דעם יונגמאַן אַ פּאָר פראַגן".

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול לעבן פּאַרוואַלטער, האָט ער אַ ווײַלע מיך דורכגענומען מיט זיין בליק און געפרעגט: „האָסטו געלייענט וואָס סע האָט געשריבן פּאַסטאָר לינקער*), מיין זון?" — „יאָ, הער קאַפּלאַן", האָב איך געזאָגט. — — „און דו ביסט, פאַרשטייט זיך, מסכים מיט זיינע אויספירונגען?" — — „ניין, הער קאַפּלאַן", האָב איך געזאָגט — — „האָסטו אַמאָל גערעדט פּערזענלעך מיטן פּאַסטאָר לינקער?" — — „יאָ, הער קאַפּלאַן". — — „ביי וואָס פּאַר אַ געלעגנהייט?"

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז לויט דער אָרדענונג פונעם הויז, מוז איך גיין אין דער פּראָטעסטאַנטישער קירך יעדן זונטיק אינדערפרי. ביי דער געלעגנהייט פאַרהאַלט דער פּאַסטאָר די יתומים־ייִנגלעך אויף אַ ווײַלע נאָך דעם געבעט און שמועסט מיט זיי וועגן רעליגיעזע פראַגן.

„און אַזוי אַרום האָט פּאַסטאָר לינקער אייך געבראַכט דערצו איר זאָלט לייענען זיינע שריפטן?", האָט דער קאַפּלאַן געפרעגט באַדאַכט. — — „ניין, הער קאַפּלאַן", האָב איך געזאָגט רואיק.

אויף אַ קורצער ווײַלע האָט דער שמועס זיך פאַרהאַקט. דערנאָך האָט דער קאַפּלאַן מיך דורכגעדרונגען מיט זיין בליק, ווי ער וואָלט וועלן טרעפן מיינע פאַרבאָרגנסטע געדאַנקען, און געזאָגט: „איך האָף, מיין זון, אַז דו האָסט מיר געזאָגט דעם ריינסטן אמת. איך האָב ניט בדעה דיר צו טאָן שלעכטס. דו ביסט, הייסט עס, זיכער, אַז אין זיינע שמועסן האָט פּאַסטאָר לינקער מיט קיין וואָרט זיך ניט אַרויסגעזאָגט קעגן דער מאָראַל פון דער קאַטוילישער קירך?"

---

*) אַ פּאָר יאָר פאַר מיין אָנקומען אין יתומים־הויז, איז פּאַסטאָר לינקער פאַרשיקט געוואָרן קיין מאַינץ. ער האָט אין אַ צייטונגס־אַרטיקל שאַרף אָנגעגריפן די קאַטוילישע קירך און אַרויסגעגעבן צוויי קליינע בראָשורן, וואָס האָבן אויפגערודערט איינפלוסרייכע קאַטוילישע קרייזן אין דייטשלאַנד. דער גאַנצער אינצידענט איז געווען פון אַ לאָקאַלן כאַראַקטער און גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט די געוויינטלעכע טעאָלאָגישע מחלוקתן.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך האָב געענטפערט אויף זיינע פראַגן מיט דעם פולסטן אמת און אַז דאָ אין שטאָט האָט דער פּאַסטאָר לינקער ניט געלאָזט פאַלן קיין איינציק וואָרט וועגן זיינע מחלוקתן מיט קאַטוילישע גייסט־לעכע.

„און ווי אַזוי אַרום ביסטו געווירע געוואָרן וועגן אָט די מחלוקתן?״ האָט ער געפרעגט. — — „פון די צייטונגען״, האָב איך געענטפערט. „חוצדעם האָב איך געלייענט דעם פּאַסטאָרס צוויי בראָשורן, אָבער דאָס האָט פּאַסירט פריער, פאַר מיין אָנקומען אין יתומים־הויז״. „פאַר מיר איז עס צופרידנשטעליק, הער פאַרוואַלטער״, האָט דער קאַפּלאַן געזאָגט. „בלויז דאָס האָב איך גע־וואָלט וויסן״.

דער פאַרוואַלטער האָט פונסניי גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: „דו געפינסט זיך אויף אַ געפערלעכן וועג. איך וועל גאָט בעטן ער זאָל דיך אַרויספירן אויף בעסערע השגות. אָבער, ווי דער פאַרשטייער פון אָט דעם הויז, קען איך ניט דערלאָזן אַז דאָס ניט אויספּאַלגן מיינע פאַרשריפטן זאָל בלייבן אומבאַשטראָפט. שוין דאָס אַליין וואָס דו האָסט דאָס בוך אויסבאַהאַלטן, איז אַ באַוויז דערויף ווי גוט דו האָסט געוווּסט, אַז דו באַגייסט אַן אומרעכט. איך וועל צו וויסן געבן דיינע קרובים, אַז פאַר די קומענדיקע דריי וואָכן זיינען דיר די באַזוכן פאַרבאָטן״.

איך האָב דערפילט ווי דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. איך האָב אָבער געוווּסט, אַז מיט אַרויסגיין פון די כלים וועל איך דאָ גאָרניט אויספועלן, האָב איך זיך דערפאַר באַהערשט אַזוי גוט ווי איך האָב עס גע־קענט, און האָב רואיק געזאָגט: „קעגן אייער באַשטראָפן מיך קען איך גאָרניט טאָן, הער פּאַטער, אָבער איך פיל זיך פריי פון יעדער שולד. קיינער האָט עס מיר ניט געזאָגט, אַז ס׳איז פאַרבאָטן מיטצוברענגען אַ בוך אין הויז אַריין. אויב איך האָב דאָס בוך פאַרשטעקט, איז עס ניט דערפאַר וואָס איך זאָל האָבן געהאַט אַ שלעכט געוויסן, נאָר פשוט ווייל דאָ גנבעט מען צו אַלץ וואָס סע לאָזט זיך נאָר, ביי מיר אַליין האָט מען אין די ערשטע טעג צוגעגנבעט אַ פּאָר געשענקען, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. דערפאַר בין איך געווען פאַר־זיכטיק, אָבער דאָס בוך איז מיין אָנקלס, איך בעט דערפאַר מע זאָל עס אים צוריקגעבן״.

„גענוג!״ האָט דער פאַרוואַלטער מיר איבערגעשלאָגן די רייד. „דו קענסט גיין!״ — — „איין אויגנבליק, הער פאַרוואַלטער״, האָט דער קאַפּלאַן זיך אַריינגעמישט, און צו מיר אַ זאָג געטאָן:

„מיין זון, עס וועט פאַר דיר זיין ניט לייכט ניט צו זען זיך מיט דיינע קרובים אַזאַ לאַנגע צייט. ס׳איז אַפילו ניט מיין זאַך זיך אַריינצומישן אין די עסקים פונעם הער פּאַטער, אָבער אויב דו וועסט צוזאָגן, אַז דו וועסט מער ניט מיטברענגען אַהער אַזעלכע ביכער און אַז דו וועסט בכלל מער ניט לייענען

אַזאַ געפּערלעך בוך, ווײַל איך זײַן דײַן פירשפּרעכער. איך גלייב ניט, אַז הער פּאַטער וועט מיר אָפּזאָגן אין מײַן בקשה״.

„הער קאַפּלאַן״, האָב איך געזאָגט, „איך וועל אײַך גערן צוזאָגן קײנמאָל מער ניט מיטברענגען אַהער אַ פרעמד בוך. וואָלט איך געוווּסט, אַז ביכער, וואָס יעטוועדער אין דײַטשלאַנד קען לייענען פראַנק און פריי זײַנען דאָ פאַרבאָטן, וואָלט איך דאָס בוך ניט געוווּן מיטגענומען. אָבער אַז איך זאָל אַזעלכע ביכער מער ניט לייענען, דערויף קען איך ניט געבן קײן צוזאָג. צוזאָגן און ניט האַלטן קײן וואָרט, — דאָס קען איך ניט.

„אָט דאָס איז עס!״ האָט דער פאַרוואַלטער זיך צעשריגן און אַזש אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער פויסט איבערן טיש. „דער הער קאַפּלאַן האָט געבויט פאַר דיר אַ גאָלדענע בריק, אָבער דײַן האַרץ בלײַבט האַרט ווי אַ שטײן. דאָס זײַן האַרטנעקיק איז אָבער אַ גרויסע זינד, דערפאַר וועסטו ניט זען דײַנע קרובים פיר וואָכן לאַנג! דו קענסט אָפּטרעטן״.

שווײַגנדיק האָב איך פאַרלאָזט דאָס צימער. איך בין געוווּען אינגאַנצן אַ צעקאָכטער. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט גע־וווּסט ווי אַזוי מײַנע קרובים וועלן אויפנעמען דעם אינצידענט. דער פּעטער און די באָבע ראָקער, זיי וועלן מיך פאַרשטיין, אָבער די אַנדערע? האָב איך דען געקענט האַנדלען אַנדערש? נאָר אַ פּחדן איז קאַפּאַבל צו שפּילן די קאָ־מעדיע פון כלומרשטער חרטה, בעת זײַנע אינעווייניקסטע איבערצייגונגען פאַ־דערן פון אים דאָס פאַרקערטע. די קרובים זײַנען ניט געוווּען אין דער לאַגע זיי זאָלן מיר קענען פאַרשפּאָרן דאָס יתומים־הויז, מוזן זיי עס פאַרשטיין אַז איך האָב אַליין מיר געמוזט אַרויסהעלפן.

אַ קורצע ווײַלע האָב איך אַ טראַכט געטאָן וועגן אַנטלויפן. אָבער וואוהין זאָל איך זיך ווענדן? איך וואָלט זיך געקענט פאַרדינגען צו אַ פּויער פון דער אומגעגנט, ווײַל איך בין געוווּען אַ קרעפטיק יינגל און האָב זיך ניט געשראָקן פאַר קײן שום אַרבעט. איך האָב אָבער ניט געהאַט קײן פּאַפּירן און האָב נאָך געהאַט פאַר זיך עטלעכע חדשים שול־צײַט. ניין, איך האָב גאָרניט געקענט טאָן. שטאַרקער פון אַלץ האָט מיך געעקבערט דער געדאַנק, ווי אַזוי וועט זיך מײַן לעבן געשטאַלטן דאָ אין הויז נאָך דעם צוזאַמענשטויס. איך האָב געמאַכט אַ טריט, וואָס נאָך אים קען ניט זײַן קײן צוריקגאַנג, סײַדן איך זאָל פעלשן אין זיך אַליין. איצט מוז איך זיך שוין האַלטן פעסט בײַ מײַן ווידער־שטאַנד אויך אויף ווײַטער, וואָס סע זאָל אויך ניט געשען. איך האָב דערפילט אין זיך אַ קאַלטע אַנטשלאָסנקייט. איך האָב געזאָגט אַ, מוז איך זאָגן בע און זיך היטן די הויט. איך האָב מיר ניט געלייגט קײן פייגעלעך אין בוזים, איך האָב געוווּסט, אַז אין דעם ניט־גלײַכן קאַמף, האָב איך אַלע טרומפן קעגן מיר, אָבער אַזוי לײַכט וועלן זיי מיך ניט אַרײַנבאַקומען. אָט דער באַשלוס האָט מיר צוריקגעגעבן מײַן גײַסטיקן גלײַכגעוויכט. איך האָב זיך דערפילט גע־קרעפטיקט אין זיך אינעווייניק און בין געוווּען גרייט צו יעדער ווידערשטאַנד.

די טעג האָבן זיך געררוקט פּאַמעלעכן ביז צום ערשטן זונטיק. צום ערשטן מאָל זינט איך בין אין יתומים־הויז, איז קיינער ניט געקומען מיך אָפּצונעמען. דאָס אָנווערן דעם וועכנטלעכן אויסגאַנג האָט מיך שווער געטראָפן. ערגער פון אַלץ איז געווען דאָס באַוווסטזיין צו מוזן ליידן פון בייזן מוטווילן, וואָס קעגן אים איז ניטאָ ביי וועמען צו מאָנען גערעכטיקייט. ס׳איז מיר געווען לאַנגווייליק כאָטש נעם און שטאַרב אַוועק. וואָס צו לייענען האָב איך ניט געהאַט, קיין אַנדערע באַשעפטיקונג איז דאָ ניט געווען, און איך האָב פּשוט ניט געוווסט ווי אַזוי אַוועקצופטרן די צייט. ס׳איז מיר ניט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי נאָר זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיינע גריבלענישן און דאָס האָט ערשט רעכט פאַרשטאַרקט מיין אומעטיקע שטימונג.

דעם אַנדערן טאָג, מאָנטיק אינדערפרי, האָט די באָבע ראָקער מיך אָפּגע־וואַרט ביים אַריינגאַנג אין דער שול. נאָכדעם ווי זי האָט מיך באַגריסט, האָט זי מיך גענומען אויף אַ זייט און מיך געפרעגט, וואָס אַזוינס האָב איך אָפּגעטאָן, אַז מע זאָל מיר דאַרפן פאַרווערן די וועכנטלעכע באַזוכן. אין דער מיטטיילונג פונעם פאַרוואַלטער איז בלויז געשטאַנען, אַז איך האָב זיך פאַרזינדיקט קעגן דער אָרדענונג פונעם הויז. איך האָב איבערגעגעבן דער באָבען וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג. זי האָט מיך אויסגעהערט מיט קאָפּ און מיך געפרעגט צי האָב איך זיך ניט פאַרשולדיקט אויך מיט עפּעס אַנדערש. איך האָב איר פאַר־זיכערט, אַז איך האָב ניט אויף מיין געוויסן קיין שום אַנדערע שולד.

„אויב אַזוי איז עס אַ געמיינהייט!" האָט זי געזאָגט האַסטיק. „איך גיי גלייך צום פאַרוואַלטער מיט אים זיך דורכצורעדן. אָדער מיינסטו ניט אפשר, אַז דאָס קען דיר נאָר פאַרשאַפן נייע צרות?" — „באַשטימט ניט", האָב איך געזאָגט. „טו וואָס דו האַלסט פאַר ריכטיק. איך האָב ניט קיין מורא". „גוט", האָט די אַלטע געזאָגט, ווי איר שטייגער תמיד צו רעדן קורץ און אָנטשלאָסן. „זיי אַ יונג מיט ביינער, רודאָלף, אָבער ווייס אויך ווי זיך צו באַהערשן, זיי ניט צו היציק, ווייל דאָס קען נאָר פאַרערגערן דיין לאַגע".

זי האָט מיר איבערגעגעבן אַ פּעקעלע מיט די געוויינטלעכע געשאַנקען פון די קרובים און זיך מיט מיר געזעגנט וואַרעם. ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. צום ווינציקסטן ווייסן איצט מיינע קרובים, אַז איך בין ניט שולדיק אין גאָרניט.

מיטאָג־צייט, אַז איך בין אינאיינעם מיט די אַנדערע געקומען אָפּעסן, האָט דער פאַרוואַלטער מיר געלאָזט וויסן, אַז איך זאָל פאַר דעם צוריקגיין אין שול, אַריינקומען אין זיין ביוראָ. איך האָב אים דאָרטן געטראָפן אין גאָרניט קיין גוטער שטימונג. „דו האָסט געזען דיין באָבען?" האָט ער זיך פאַריושעט הערשעריש. — — „יאָ", האָב איך געזאָגט. — — „און דו האָסט זיך פאַר איר באַקלאָגט אַז מע האָט דיך באַשטראָפט?" — — „איך האָב איר נאָר דערציילט וואָס ס׳איז פאָרגעקומען, ווייל זי האָט עס געוואָלט וויסן", האָב איך געענטפערט. — — „דערמיט האָסטו זיך פונסניי פאַרשולדיקט מיט אי־

בערטרעטן די פּאַרשריפטן", האָט ער געפּינעט, אויסער זיך פון צאָרן. „אַז איך האָב דיר פאַרבאָטן צו באַזוכן דיינע קרובים, הייסט עס אַז דו טאָרסט זיי איבערהויפּט ניט זען, ביז דו וועסט אָפּקומען דיין שטראָף".

איך האָב אים געענטפערט, אַז מיין באָבע איז געקומען אָן מיין וויסן, אַז איך האָב איר ניט געקענט שטערן זי זאָל דאָס ניט טאָן.

„דאָס שפּילט ניט קיין ראָלע", איז ער מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד, „דאָ אין דעם הויז, גילטן מיינע פאַרשריפטן און יעטוועדער מוז זיך זיי אונ־טערוואַרפן. אויב דיינע קרובים זיינען דערמיט ניט צופרידן, וועט זיי קיינער ניט שטערן זיי זאָלן אַליין זאָרגן פאַר דיר. ס'איז גאָטס ווילן וואָס ער האָט דיינע עלטערן אָפּגערופן פונעם לעבן און דו דאַרפסט זיין דאַנקפול, וואָס דו האָסט געפונען אַ פּלאַץ, ווו מע נעמט זיך אָן פאַר דיר". „איך בין דערפאַר ניט פאַראַנטוואָרטלעך", האָב איך געזאָגט אין אַ רואיקן טאָן, „עס וואָלט געווען בעסער אַז גאָט זאָל לאָזן לעבן מיין מוטער, און איך זאָל פאַרשפּאָרן אַנצוקומען אין אָט דעם הויז".

הער פּעטער האָט פאַרביסן מיט די ליפּן און איז אַ ווײַלע געבליבן שטום ווי אַ פיש. דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטער רואיקייט: „דיין שטיר־דעס וועט דיך נאָך קאָסטן טייער. און איצט קיין וואָרט מער! פאַר די קומענ־דיקע אַכט טעג וועסטו נאָך דער שול זיך פאַרנעמען אין טורעם אַריין. חוצדעם פאַרלענגער איך דיר דעם פאַרבאָט אויף דיינע באַזוכן אויף צוויי וואָכן מער. דו קענסט אָפּטרעטן!"

אָן איין וואָרט בין איך מיר געגאַנגען מיין וועג. איך האָב געהאַט אויף די ליפּן אַ שאַרפע באַמערקונג, אָבער איך האָב זיך באַצייטנס באַהערשט. וואָס פאַר אַ נוצן האָב איך שוין געקענט האָבן דערפון?

פיר אַזייגער, אַז איך בין געקומען פון דער שול, האָט פּעטער מיך צוגע־פירט צום טורעם. דאָס איז געווען אַן ענג, נידעריק צימערל אויפן העכסטן שטאָק אין דער פאָרעם פון אַן אַרויסגעשטאַרצטן טורעם גלייך אונטערן דאַך. אָט דאָס צימערל איז געווען דער קאַרצער פונעם יתומים־הויז. ביי דער וואַנט פון רעכטס איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ לאַנגע ברעט, וואָס האָט געדאַרפט זיין דאָס בעט, דער טיש און שטול צו גלייכער צייט. מער איז גאָרניט געווען אין פינצטערן לאָך, וואָס האָט געהאַט בלויז אַ קליין פענצטערל אין דאַך. די יינגלעך וואָס האָבן דאָ געמוזט אָפּקומען אַ שטראָף, פלעגן ווינטערצייט קריגן אַ שטיקל קאָלדרע, אום זומער האָט מען דאָס אויך ניט געגעבן.

פּעטער האָט זיך צוערשט גוט אומגעקוקט, צי עמיצער הערט זיך ניט אונטער אויף די טרעפּ, און מיך געפרעגט מיט וואָס איך האָב זיך פאַרזינ־דיקט. אַז איך האָב אים אַלץ דערציילט, האָט ער נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: „אין אַ שעה אַרום וועל איך דיר ברענגען דעם שמוס [ברויט] מיט אַ קרוג וואַסער און דאָס וועט זיין אַלץ, וואָס מע גיט אַהער. דערנאָך האָט ער מיך געפרעגט, צי דער פאַרוואַלטער האָט באַמערקט דאָס פּעקעלע,

וואָס די באָבע האָט מיר געגעבן אינדערפרי. איך בין ניט געווען זיכער, און פעטער האָט געהאַלטן אַז אין אַזאַ פאַל וועט עס זיין בעסער ער זאָל בעטן דעם אַלטן אין מיין נאָמען מע זאָל מיר געבן די זאַכן, וואָס קענען מיר איצט זייער צונוץ קומען. איך האָב אים אָנגעבאָטן ער זאָל פאַרטיילן דאָס פעקעלע צווישן זיך און מיינע צוויי בעט־שכנים, ווייל איך קען ביי זיך ניט פועלן צו בעטן ביים הער פאָטער עפּעס א טובה.

אַז פעטער האָט ענדלעך אָפּגעשלאָסן די טיר פון דרויסן, לויט די פאַר־שריפטן, בין איך געווען צופרידן צו בלייבן אַליין. אין מיין קלעמעניש פאַר דער ברוטאַלער אומרעכט וואָס איז מיר געוואָרן צוגעטיילט, איז מיר יעדער געזעלשאַפט געווען לעסטיק. איך האָב זיך ניט געפילט דערשלאָגן, פאַרקערט, איך האָב געפילט ווי מיין צאָרן ברויזט אין מיר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און ווי מיין ווידערשטאַנד־קראַפט ווערט אַלץ מער אייזן־פעסט. קיין שום זאַך מאַכט ניט דעם מענטשן אַזוי רעבעליש ווי דאָס געפיל פון באַליידיקטער מענטשן־ווערדע. דער געדאַנק וועגן אַ ניט־קלאָרן מאָרגן, קען אויף אַ צייט פאַראַליזירן דעם ווילן צו ווידערשטאַנד, אַזוי באַלד אָבער ווי מע שטאַרקט איבער די מורא, ווערט דער אויפברויז פון גערעכטן צאָרן נאָך שטאַרקער. איך בין געווען אַנטשלאָסן ניט נאָכצוגעבן. וואָס קען מיר שוין ווייטער פאַ־סירן? דאָס אָנווערן די באַזוכן איז געווען פאַר מיר געוויס ביטער, אָבער איך מוז אָפּמאַכן ביי זיך אַליין, אַז אַזוי איז עס. וואָס נאָך? דער קאַרצער? די הוילע ברעט? ברויט און וואַסער דאָס אַלץ וועט מיך ניט אָפּשרעקן. בלייבט נאָר די לעצטע מעגלעכקייט: עס זאָל איינפאַלן דעם פּאַרוואַלטער צו באַניצן קעגן מיר קערפּערלעכע שטראָף, דעמאָלט וועל איך זיך מוזן ווערן, אַפילו עס זאָל מיר ניט העלפן, וועט עס ניט צוגיין אָן ווידערשטאַנד.

אין יתומים־הויז האָט מען אין אַלגעמיין ווינציק געשלאָגן. אַזאַ סאָרט באַשטראָפונג האָבן געווינטלעך געמוזט פאַרליידן נאָר די קלענערע קינדער. אפשר האָט דאָס זיך גענומען דערפון, וואָס דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ מענטש אַ קרענקלעכער, אַריינקומענדיק אין כעס אַריין, איז פאַר אים געווען גע־פערלעך. אַ פּריסן־בעקער וואָלט אין דעם הויז געווען דאָס שרעקלעכסטע וואָס מע קען זיך פאָרשטעלן. פונדעסטוועגן האָב איך געמוזט האַלטן אין אויג אויך די מעגלעכקייט פון אַ קערפּערלעכער באַשטראָפונג. דאָס זאָל אָבער ניט אָפּשוואַכן מיין אַנטשלאָסנקייט. מיין שולצייט האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט ביים סוף, דעמאָלט וועט אין מיין לאַגע סיי־ווי מוזן קומען אָן אָפּבייט. צום גוטן אָדער צום שלעכטן — דאָס האָט קיינער ניט געקענט זאָגן אין פאָראויס.

אין דעם ענגן רוים איז געווען הייס צום דערשטיקט ווערן. איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס אָנטאָן און אויסגעטרונקען כמעט דעם גאַנצן קרוג וואַסער. דערנאָך האָב איך מיר געמאַכט פון מיינע זאַכן אַן אונטערלייג פאַרן קאָפּ אויף דער ברעט. די היץ און מיין צערודערונג האָבן מיר געשטערט איינ־צושלאָפן. מיינע געדאַנקען האָבן זיך אַלץ געדרייט אַרום דעם זעלביקן פונקט:

וואָס קען איך טאָן אויסצומיידן אויף ווייטער דעם פּאַרוואַלטערס שיקאַנעס? אַזוי לאַנג ווי אָט דער מענטש קען צו יעדער צייט מיך באַשטראָפן מיט דעם טורעם און מוטווילליק מיר פּאַרווערן מיינע באַזוכן, און איך זאָל גאָרניט קענען טאָן קעגן דעם, — מוז מיין לאַגע ווערן נאָר ערגער. אָבער פאָרט, וואָס פאַראַ מיטלען האָב איך אין מיינע הענט איך זאָל קענען מאַכן דעם אַלטן אַביסל באַכגיביקער?

איך האָב נאָכאַמאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן אַנטלויפן, אָבער איצט האָב איך דאָס געזען אין אַן אַנדער ליכט. אַז איך וועל זיך פון אָט דעם הויז ניט אַרויסדרייען אַזוי לאַנג ווי איך האָב ניט הינטער זיך מיין שולצייט, — דאָס איז געווען פאַר מיר פולשטענדיק קלאָר. ווי אָבער אַז איך וועל אויפן וועג צו דער שול זיך אַרויסגליטשן, ביז מע וועט מיך כאַפּן, און איבערחזרן אַזאַ שפּיל, ביז דער אַלטער זאָל פּאַרלירן די געדולד? ניט לאָזן מיך גיין אין שול אַריין, דאָס קען ער ניט, ער זאָל אָנשטעלן אַ פּאָליציאַנט מיך צו באַגלייטן, איז עס אויך ניט מעגלעך. האָב איך, הייסט עס, אַ מיטל צו פאַרביטערן דעם פּאַרוואַלטער דאָס לעבן. בלייבט נאָר די פראַגע ווער פון אונדז ביידן וועט אויסהאַלטן לענגער.

אָבער וואוהין זאָל איך זיך קערן און ווענדן? צו די קרובים? וועגן דעם דאַרף מען זיך נאָך גוט איבערלייגן. ס'איז מיר געווען שווער זיך פאָרצושטעלן זיי זאָלן באַרעכטיקן אַזאַ שריט מיינעם. חוצדעם טאָמער געפינט מען מיך ביי די קרובים, וואָלט דאָס נאָר געקענט זיין אַ שטאַרקער טריומף פאַרן פאַר־וואַלטער, ער וואָלט דעמאָלט געקענט אַרויסשטעלן די טענה, אַז זיי, די קרובים, זיינען עס די יעניקע, וואָס דערמוטיקן מיך צו זיין, ווי ער דריקט זיך אויס, פאַרשטאָקט קעגן די פאַרשריפטן פונעם יתומים־הויז. ניין, די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט. איך בין ענדלעך איינגעשלאָפן אָן דעם איך זאָל האָבן געפונען עפּעס אַ לייזונג.

האַלב זעקס אינדערפרי האָט פעטער מיר געעפנט די טיר, איך זאָל זיך גיין אַרומוואַשן. דערנאָך האָב איך ווידער באַקומען ברויט מיט וואַסער און האָב געמוזט בלייבן אין טורעם, ביז די יינגלעך האָבן זיך אויסגעשטעלט צו גיין אין שול. אין דער מיטאָג־פּויזע האָט זיך די פּראָצעדור איבערגעחזרט און באַלד נאָך פיר דעם זייגער בין איך ווידער פאַרשפּאַרט געוואָרן ביז אויפן צווייטן אינדערפרי.

דער דריטער טאָג פון מיין קאַרצער־רעזשים איז געווען אַ פייערטאָג און איך בין אינגאַנצן ניט אַרויסגעקומען פונעם פינצטערן לאָך. פונדעסטוועגן האָב איך אין יענעם טאָג געהאַט אַ גרויסע איבערראַשונג. דער גלאָק האָט גראָד געקלונגען צום מיטאָג־עסן, ווי איך האָב דערהערט טריט אויף די טרעפּ. אַז די טיר האָט זיך געעפנט, האָט זיך אויף דער שוועל באַוויזן דער קאַפּלאַן און הינטער אים פעטער מיט דער געוויינטלעכער פּאָרציע ברויט און וואַסער.

דער קאַפּלאַן האָט מיך באַגריסט פריינדלעך און אַ זאָג געטאָן צו פּעטערן: „דו קענסט גיין, איך וועל אַליין צוריקברענגען דעם שליסל".

אַז מיר זיינען געבליבן אַליין, האָט ער זיך צוגעזעצט צו מיר אויף דער ברעט און אַ ווײַלע מיך אָנגעקוקט שווייגנדיק. איך בין געווען שרעקלעך דאָרשטיק און פון דער זייט געהאַלטן אין איין קוקן צום קרוג. ער האָט דאָס געמוזט באַמערקן, ווייל ער האָט מיר פלוצים אַ זאָג געטאָן: „דו ביסט מן הסתם דאָרשטיק, מיין זון? טרינק זיך אָן. ס'איז דאָ שרעקלעך הייס. דאַכט זיך, אַז עס קומט אַ שטורעם".

נאָכדעם ווי איך האָב געשטילט מיין דאָרשט, האָט דער קאַפּלאַן אָנגעג־נומען מיין האַנט און מיך געפרעגט אין אַן ערנסטן טאָן: „פאַרוואָס האָסטו געצוווּנגען דעם הער פּאַטער ער זאָל דאַרפן אַרויפלייגן אויף דיר אַ ביי־שטראָף, מיין זון? באַגרייפסטו ניט, אַז דערמיט טוסטו דיר אַליין נאָר שלעכטס?"

„איך בין מיר ניט באַוווסט צו האָבן באַגאַנגען אַן אומרעכט, הער קאַפּ־לאַן", האָב איך געזאָגט. „מיט וואָס בין איך שולדיק, וואָס מיין באָבען איז איינגעפאַלן צו קומען מיך זען?"

„דאָס איז ריכטיק", האָט ער מיר צוגעגעבן, „אָבער דערפאַר האָסטו דאָך ניט באַדאַרפט באַליידיקן דעם פּאָטער פונעם הויז".

„באַליידיקן?" האָב איך געפרעגט דערשטוינט. „איך האָב קיינעם ניט באַ־ליידיקט, הער קאַפּלאַן".

„פאַרט!" האָט ער געזאָגט רואיק און פריינדלעך מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן. „הער פּאָטער האָט עס געמוזט אָננעמען ווי אַ באַליידיקונג צו הערן פון דיר, אַז עס וואָלט געווען בעסער דו זאָלסט קיינמאָל ניט געווען וויסן פון אָט דעם הויז".

„אָבער, הער קאַפּלאַן", האָב איך געזאָגט, „צי איז עס דען אַ פאַרברעכן אויב עמיצער ווינטשט זיך צו האָבן זיין מוטער ביים לעבן? קיינער קומט דאָך ניט אַהערצו פון ווילטאָג וועגן".

„געוויס ניט", האָט ער געזאָגט גוטהאַרציק. „אָבער הער פּאָטער האָט פון דיינע ווערטער געמוזט אַרויסהערן אַ פאַרוואָרף, וואָס ער האָט ניט פאַר־דינט, ווייל ער טוט דאָך נאָר זיין פליכט".

איך האָב געשוויגן. ער האָט מיר אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן קאָפּ און געזאָגט: „איך בין זיכער, אַז הער פּאָטער וואָלט דיר פאַרקלענערט די שטראָף, אפשר זי גאָר אינגאַנצן אַראָפּגענומען, אויב דו וואָלסט אים דערקלערט, אַז דו האָסט ניט געמיינט אים צו באַליידיקן. דאָס וואָלט געווען סיי פאַר דיר, סיי פאַר דיינע קרובים ממש אַן אויפריכטונג. אין דעם פאַל בין איך גערן גרייט צו זיין דיין פירשפּרעכער".

— אַזוי, אָט דאָס הייסט עס, איז דער צוועק פון דער גאַנצער מאַניפּולאַ־ציע, — האָב איך געטראַכט, און אָנגעשטעלט אויף אים אַ פאַרשנדיקן בליק. אָבער פון זיינע אויגן האָב איך גאָרניט געקענט אַרויסלייענען. פון זיינע פּייך־

געשניצטע שטריכן האָט געשטראַלט בלויז מיט מילדקייט און גוטהאַרציקייט. איך האָב זיך געפילט געטראָפן. אַלערליי געדאַנקען זיינען מיר דורכגעלאָפן אין קאָפּ. זאָל איך אויף אַן אמת טאַקע נאָכגעבן? יעדער פיברע פון מיין האַרץ האָט זיך רעוואָלטירט קעגן אַזאַ מעגלעכקייט. איך האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און רואיק געזאָגט:

„איך דאַנק אייך פאַר אייער גוטן מיין, הער קאַפּלאַן, אָבער דאָס איז אוממעגלעך. ניט דערפאַר, וואָס איך זאָל זיין פאַרשטאָקט, ווי עס דאַכט זיך דעם הער פּאַטער, נאָר דערפאַר וואָס איך פיל זיך פריי פון יעדער שולד. איך בין געוואָרן באַשטראָפט דערפאַר, וואָס איך האָב געזאָגט דעם אמת. אַ קליי־נער ליגן, און אַלץ וואָלט געווען אַנגענומען אַן אַנדער ווענדונג. אַז איר האָט פון מיר געוואָלט איך זאָל צוזאָגן קיינמאָל מער ניט צו לייענען אַזעלכע ביכער, האָב איך ערלעך דערקלערט, אַז איך קען ניט געבן אַזאַ צוזאָג. דערפאַר בין איך געוואָרן באַשטראָפט נאָך האַרבער. וואָלט איך געווען געזאָגט אַ ליגן, וואָלט איך איבערהויפּט געווען אָפּגעקומען אָן שום באַשטראָפונג.

דער קאַפּלאַן האָט געשוויגן אַ קורצע ווײַלע. דערנאָך האָט ער געזאָגט גאַנץ אומאויפגערעגט: „גוט, מיין זון! איך וועל דיך ניט דרינגען ווייטער. איך וועל דיר אַפילו ניט מאַכן קיין פאָרוואורף, ווייל איך וויל ניט טאָן וואָס סע ניט איז, וואָס קען זיין שעדלעך פאַר דיין אינעווייניקסטער וואָרהאַפטיקייט. בלויז איינס וויל איך דיר נאָך זאָגן: אַז איך בין צו דיר געקומען אָן שום באַזונדערע כוונות. איך האָב מיט דיר איינזעעניש. איך האָב דיר געוואָלט העלפן אַזוי גוט ווי איך קען עס. דאָס דאַרפסטו ניט גרינגשאַצן".

דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ דורכשמועס וועגן גאָר אַנדערע זאַכן. ער האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן מיין פריערדיק לעבן, וועגן מיינע קרובים, זייער טועכץ און נאָך. איך האָב אים ערלעך געגעבן באַשייד אויף יעדער פראַגע. אַזוי איז פאַרגאַנגען אַ גוטע האַלבע שעה. אַז ער האָט זיך ענדלעך אויפגעהויבן און זיך אָפּגעווישט דעם שוויס פונעם שטערן, האָט ער מיר געזאָגט: „איצט מוז איך גיין. קען איך אפשר עפּעס טאָן פאַר דיר?"

„אויב איר זאָלט מיר קענען פאַרשאַפן אַ ניצלעך בוך, הער קאַפּלאַן, וועל איך אייך זיין זייער דאַנקפול. איך זיץ דאָ דעם דריטן טאָג אין אָט דעם לאָך און האָב ניט גאָרניט מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן. דאָס איז שרעקלעך לאַנגווייליק".

ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעקלערט און געזאָגט מיט אַ שמייכל: „פאַרשטייט זיך, אַז איך קען דיר ניט פאַרשאַפן אַזאַ בוך ווי דאָס, וואָס מע האָט געפונען ביי דיר. האָסטו עפּעס אַ באַזונדערן ווונטש?" — — „אפשר אַ גוט ווערק וועגן פעלקער־קענטעניש", האָב איך פאָרגעשלאָגן. „גוט!", האָט ער געזאָגט. „איך ווין בלויז עטלעכע מינוט גיין פון דאַנען און דיר נאָך היינט עפּעס צו־שיקן". דערנאָך האָט ער פריינדלעך מיר געגעבן די האַנט, האָט אַרויסגענומען

דעם שליסל פונעם שלאָס, אָבער געלאָזט די טיר אָפן, און פּאַמעלעך אַראָפּ־געגאַנגען די טרעפּ.

אַ לאַנגע צייט בין איך דערנאָך געבליבן זיצן אויף דער ברעט, אָן שום באַוועגונג. אין מיר האָט געשטורעמט אַ שטראָם געדאַנקען און פראַגן, וואָס איך האָב אויף זיי ניט געקענט געפינען קיין פאַרענטפער. מיינט טאַקע דער קאַפּלאַן ווירקלעך דאָס, וואָס ער זאָגט? אָדער האָט ער דערביי עפּעס אַ הינ־טערגעדאַנק, אַ פּלאַן, וואָס בלייבט פאַר מיר פאַרהוילן? ווען דליק דער לוי־טערקייט פון זיין שטימע, האָט מען ניט געקענט האָבן דעם מינדסטן ספק וועגן זיינע גוטע פּילונגען. אָבער ווער קען זיך דאָ אויסקענען? מיינע איבער־לעבונגען דאָ האָבן געשאַפן ביי מיר אַ טיפן אומצוטרוי, וואָס איז מיר פרי־ער געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. איך האָב דאָס געקענט באַדויערן, ס׳איז אָבער ניט געווען מיין שולד. אין דעם הויז איז ניט געווען קיין וואַרהאַפטיקייט, קיינער איז דאָ ניט געווען אָפנהאַרציק, ס׳איז ניט געווען קיין שום אויפריכטיקע באַציִונג צואַנאַנד. אַזאַ געפיל האָבן דאָ געהאַט אַלע, דערפאַר טאַקע האָט קיינער ניט געטרויט דעם צווייטן.

לאַנגזאַם האָב איך געקייט מיין ברויט און דערביי זיך געגריבלט אין טויזנטערליי ניט־דערקלערלעכע זאַכן, ביז דאָס קלינגען פונעם גלאָק האָט מיך אויפגעוועקט פון מיינע טרוימערייען. באַלד דערויף האָט זיך באַוויזן פּעטער. ער איז געווען ניט ווינציק פאַרחידושט, וואָס דער קאַפּלאַן האָט גע־לאָזט די טיר אָפן. חוץ דער פאָרגעשריבענער ראַציע, האָט ער מיר געבראַכט צוויי פּאַקעטן. „דאָס האָט דיר געשיקט דער קאַפּלאַן״, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל. „דו האָסט, הייסט עס, איינגעזען אַז ס׳איז גלייכער נאָכצוגעבן. דיין גאַנצער ווידערשטאַנד האָט ניט דעם מינדסטן צוועק. אין דעם הויז קען מען ניט דורכלעכערן די וואַנט מיטן קאָפּ. דו ביסט שוין דאָ גענוג לאַנג דו זאָלסט דאָס פאַרשטיין״.

„דו מאַכסט אַ טעות, פּעטער״, האָב איך אָפּגעענטפערט, אַביסל געטראָפן פון זיינע איבעראייליקע אויספירונגען. „איך האָב זיך צו גאָרניט פאַרפליכטעט און וועל אויך אויף ווייטער ניט שפּילן דעם לעדערנעם דישל. דער קאַפּלאַן שיקט מיר דאָ אַ פּאָר ביכער, וואָס איך האָב ביי אים געבעטן״.

ער האָט מיך אָנגעקוקט ניט־גלייביק, אַזוי ווי ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין צייט צו פאַרבלייבן לענגער, האָט ער געזאָגט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ: „דו ביסט אַ קאָמישער חברה־מאַן! ס׳איז דאָך ניט קיין שאַנדע נאָכצוגעבן, אַז אַנדערש קען מען זיך ניט העלפן. נו, אַז דו וועסט אַרויס פון דעם לאָך, וועסטו מיר אַלץ דערציילן״.

אַז פּעטער איז אַוועק, האָב איך נייגיריק געעפנט דאָס גרעסערע פּעקל. ווער קען באַשרייבן מיין איבערראַשונג ביים דערזען עטלעכע פרעכטיקע עפּל, אָנגעשניטן ברויט, באַלייגט מיט שינקע און ווורשט און צוויי פּליטקעס שאָ־קאָלאַד. איך בין געווען אַזוי צעמישט, אַז איך האָב קוים געוווסט, וואָס איך

זאָל קלערן וועגן דעם. אָבער דריי טעג אויף ברויט מיט וואַסער, האָבן גוואַל־דיק צערייצט מיין אַפּעטיט. ווי אַ הונגעריקער וואָלף האָב איך זיך צוגעכאַפּט צו די לאַקעטקעס, און זיך ניט אָפּגעשטעלט, ביז איך האָב ניט פאַרצערט דעם גרעסערן טייל.

אין קלענערן פּעקל איז געווען אַ בוך. מעמואַרן פון אַ קאַטוילישן מי־סיאָנער, וואָס האָט געלעבט צוואַנציק יאָר צווישן די באַרנעאָס. צוערשט האָב איך זיך געפילט אַביסל גענאַרט. הינטער דעם טיטל האָב איך זיך פאַרגע־שטעלט אַ בוימלדיקע מעשה וועגן אויפטו פון מיסיאָנערן אין דער האָלענדי־שער אינדיע. אַז איך בין אַריין אין לייענען, האָב איך זיך דערפילט אָנגענעם איבערראַשט. דאָס ווערק איז געווען פול מיט ווערטפולע פאַרצייכענונגען וועגן די מידות, מנהגים און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון דער באַפעלקע־רונג אין באָרנעאָ. אַפילו דאָרט ווו דער מחבר דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון די מיסיאָנערן, זיינען זיינע באַשרייבונגען אָנגעפּיקעוועט מיט באַלערנ־דיקע אָבסערוואַציעס. קורץ, דאָס איז געווען ביז גאָר אַ סטימולירנדיק בוך, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

אַזוי זיינען אָפּגעלאָפן די וויטערדיקע דריי טעג, ביז איך האָב געקענט פאַרלאָזן דעם ניט-גאַסטפריינדלעכן פּלאַץ און פּונקט אַריין אין דער אַלטער, איינגעשטעלטער אָרדענונג. די ווייטערדיקע פאָר וואָכן זיינען פאַרגאַנגען אָן שום באַזונדערע געשעענישן. אַלץ איז געגאַנגען מיט זיין געוויינטלעכן גאַנג, נאָר דאָס, וואָס איצט האָב איך געהאַט וואָס צו לייענען. דעם קאַפּלאַן האָב איך די גאַנצע צייט מער ניט געזען, ער האָט מיר אָבער געשיקט אַ ניי בוך און צוריקגעפאָדערט דאָס פריערדיקע. דאָס נייע ווערק איז געווען אַ ווערט־פולע באַשרייבונג וועגן די אַנטדעקונגס-רייזעס אין צפון סקיעלד אין גרענ־לאַנד. אויך דאָס בוך האָט מיר פאַרשאַפט אַפּולע אָנגענעמע שעהן. דער פאַקט וואָס איך האָב געהאַט וואָס צו לייענען, איז פאַר מיר געווען אַן אמתע ברכה. דאָס האָט מיר פאַרהאָלפן זיך צו פאַרגעסן אין מיינע אומעטיקע מאָמענטן. איך האָב מיר געמאַכט נאָטיצן פון דעם, וואָס איך האָב איבערגעלייענט און האָב אַזוי אַרום באַרייכערט מיינע קענטענישן. דאָס באַוווסטזיין אַליין, אַז איך פּטר ניט אַוועק מיין צייט מיט גאָרניט טאָן, האָט אויף מיר געווירקט ווי אַ דערלייזונג. איך האָב איצט פאַרזען אַ סך זאַכן, וואָס פריער האָבן זיי מיר געשיינט צו זיין אומדערטרעגלעך.

איך אַנטלויף פונעם יתומים־הויז

דעם פּאַרוואַלטערס פאַרהאַלטן זיך צו מיר האָט זיך מיט גאָרניט געאַנ־דערשט. ער האָט מיך באַהאַנדלט ניט בעסער, אָבער אויך ניט ערגער ווי פריִער. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. די צוקונפט האָט מיר מער ניט אויסגעקוקט אַזוי טריב ווי בשעת איך בין געווען אין טורעם. איך האָב ניט אָנגעהויבן צו האָבן די מינדסטע שפּירונג, אַז אַ ניי פּעקל גע־ברענטע צרות וועלן איינגיכן זיך אַ שיט טאָן איבער מיין קאָפּ.

איינמאָל בעת איך בין געזעסן אין הויף פאַרטיפט אין אַ בוך, איז דער פאַרוואַלטער פּלוצים צוגעקומען צו מיר און מיר געהייסן מיטגיין מיט אים אין ביוראָ. ער איז געווען זייער פריינדלעך און מיר געזאָגט, אַז ער האָט איבערצושמועסן מיט מיר וועגן פאַרשיידענע אָנגעלעגנהייטן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינגעמאָאַשטשעט אין זיין לענשטול, האָט ער אָנגעהויבן: „דיין שול־צייט גייט אויס, רודאָלף, און ס'איז צייט זאָלסט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ פאַך. האָסטו שוין באַשלאָסן וואָס דו ווילסט ווערן?״ — — „יאָ, הער פּאַטער״, האָב איך געענטפערט, „איך וואָלט גערן געוואָלט ווערן אַן איינבינדער״.

„אַן איינבינדער?״ האָט ער איבערגעפרעגט און נאָכגעקלערט אַ ווײַלע. „דאָס איז זיכער אַ גוט פאַך, אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל ניט קענען דערפילן דיין ווונטש. דאָ אין שטאָט איז ניט פאַראַנען קיין איין מייסטער בוכ־בינדער, וואָס זאָל וועלן אַריינגעמען צו זיך אַ לערנייִנגל. אָבער די פאָרשריפט איז, אַז דו זאָלסט אָנקומען צו אַ מייסטער, וואָס זאָלסט קענען ביי אים עסן און שלאָפן. דו מוזסט זיך דערפאַר באַשליסן צו אַן אַנדער פאַך. איך קען דיר פאַרשאַפן אַ שטעלע ביי אַ סטאָליער, שמיד, בלעכער, ביי אַ שניידער אָדער שוסטער, נאָר ניט ביי אַן איינבינדער. אָבער יעדער בעל־מלאכה געפינט אומעטום זייך ברויט. איך וועל זיך באַמיִען דו זאָלסט אָנקומען צו אַ גוטן מייסטער, דו זאָלסט זיך קענען אויסלערנען עפּעס רעכטס און זאָלסט שפּעטער געפינען דיין וועג אין לעבן״.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און איך האָב געמיינט, אַז דער שמועס איז דערמיט געענדיקט, אָבער מיטאַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַך, יאָ! איך האָב

נעכטן באַקומען אַ בריוו פון דיין באָבען. זי בעט ביי מיר די דערלויבעניש זיך צו זען מיט דיר. דו האָסט נאָך צוויי וואָכן ביז דו וועסט ווידער קענען באַזוכן דיינע קרובים. שטראָף איז שטראָף. איך קען ניט מאַכן פאַר דיר קיין אויסנעם. פונדעסטוועגן וואָלט איך ניט וועלן אָפּזאָגן דער אַלטער פרוי אין איר בקשה. אפשר זאָל איך איר שרייבן, אַז זי קען קומען אַהער דעם נאָענטן זונטיק און פאַרברענגען מיט דיר אַ שעה צייט דאָ אין הויז. פאַר אַזאַ לייטזעליקייט, וואָס דו האָסט עס דאָך גאָרניט פאַרדינט, וועל איך דיר מוזן פאַרלענגערן מיט אַ וואָך מער דעם פאַרבאָט אויסצוגיין. דו קענסט זיך באַקלערן און מיר געבן אַן ענטפער נאָך דעם נאָכטמאָל.

אַז איך בין אַרויס פונעם ביוראָ האָב איך נאָך אַמאָל געפּרוווט מיר צו מאַכן קלאָר יעדער וואָרט, וואָס איך האָב אָקערשט געהערט. אַז די אַלטע, נעבעך, איז שווער באַזאָרגט וועגן מיר, דאָס האָב איך געוווּסט צו גוט. זי האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ און עס האָט איר געפעלט דער פעסטער כאַראַקטער, וואָס סע האָט געהאַט די צווייטע באָבע. דער אויסבליק צו מוזן בלייבן אַן איבעריקע וואָך אָן אויסגאַנג איז אָבער געווען פאַר מיר גאָרניט פאַרלאָקנדיק. איך האָב געהאַט אַן אומווידערשטייאיק באַדערפעניש צו אַנטרינען פון אָט דעם הויז כאָטשבי אויף אַ פּאָר שעה. איך זאָל פונסניי זיך דערפילן ווי אַ מענטש צווישן מענטשן. וואָלט איך געהאַט די מעגלעכקייט צו שרייבן דער אַלטער, וואָלט איך זי געקענט באַרואיקן, אָבער שרייבן איז געווען דערלויבט נאָר פאַר יענע ייִנגלעך, וואָס זייערע קרובים האָבן געוווינט אין אַנדער שטאָט. פאַר די אַנדערע איז געווען פאַרבאָטן יעדער בריוו־אויסטויש.

געוויס, דער פּראָוואַלטער האָט זייער פּאַרזיכטיק מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט אפשר דערלויבט דער באָבען צו קומען מיך זען אויך אָן דעם איך זאָל דאַרפן אָפּצאָלן דערפאַר מיט עפּעס. ער וואָלט דאָס זיכער געטאָן, אַבי איך זאָל איינגיין דערויף זיך ביי אים אָפּצובעטן, אָבער דערצו האָב איך זיך ניט אויסגעטויגט. איז שוין גלייכער די אַלטע זאָל זונטיק מיך זען און איך זאָל דערפאַר באַצאָלן מיט נאָך אַ וואָך אָן אויסגאַנג.

אַז איך בין נאָך דעם נאָכטמאָל געקומען אין ביוראָ, האָט דער אַלטער מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין אָנגענומען אַ באַשלוס. „יאָ, הער פּאַטער", האָב איך געזאָגט, „איך וועל אייך זיין דאַנקפול, אויב איר וואָלט געוואָלט דערלויבן מיין באָבען זי זאָל קומען זונטיק אַהער". „אַפילו אַז דו שטעלסט דערמיט אין קאָן צו קענען זען דיינע קרובים ערשט שפּעטער מיט אַ וואָך?"

— — „דאָס ליגט אין אייערע הענט, הער פּאַטער", האָב איך געענטפערט. „דו מאַכסט אַ טעות", האָט ער געזאָגט אין אַ שטרייגגן טאָן, „דאָס ווענדט זיך גאַנץ אין דיר. אָדער האַלסטו זיך נאָך אַלץ ביי דער מיינונג, אַז ס'איז דיר געשען אַן אומרעכט?"

איך האָב געשוויגן. „ענטפער!" האָט ער געהעשעט. „אָדער איז דיין האַרץ נאָך אַלץ אַזוי פאַרשטאָקט".

איך האָב געפילט אַז עס רוקט זיך אָן אויף מיר אַ נייע קאַטאַסטראָפע. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? „וואָס פאַר אַ צוועק האָט עס צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע", האָב איך געזאָגט, „אויב איך ווייס אין פאָראויס, אַז אַן ערלעכער ענטפער קען מיר נאָר ברענגען אַ נייע באַשטראָפונג?"

„וואָס פאַר אַ צוועק, דאָס איז ניט דיין זאַך", האָט ער געצישעט. „דו דאַרפסט איבערהויפּט ניט האָבן קיין מיינונג, נאָר טאָן וואָס מע הייסט דיר. אַזוי לאַנג ווי אַ מענטש איז ניט אין שטאַנד צו פאַרדינען זיין ברויט, דאַרף ער גאָרניט זאָגן. דער וואָס איז אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון זיינע מיט־מענטשן, דאַרף שווייגן. דאָס איז גאָטס געבאָט. און איצט ענטפער מיר!"

נו, האָב איך געוווּסט אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אָבער נאָכגעבן האָב איך איצט ערשט רעכט ניט געוואָלט. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי אָט דער מענטש גיט מיר צו פילן אַז איך לעב פון פרעמדער באַרמהאַרציקייט. גלייך עס זאָל זיין מיין שולד, וואָס זיינע עלטערן זיינען אַזוי פרי געשטאָרבן. איך האָב געפילט ווי עס שטיקט מיך אַזש אין האַלדז פאַר כעס. „אויב איר צווינגט מיך צו געבן אַן ענטפער", האָב איך געזאָגט מיט אַ פעסטער שטימע, „איז קען איך אייך בלויז זאָגן, אַז איך בין געוואָרן באַשטראָפט מיט אומרעכט".

ער איז געבליבן זיצן אויף זיין שטול ווי פאַרשטיינערט. ערשט נאָך אַ לאַנגער פויזע האָט ער צוריקגעפונען די שפּראַך און מיט אַ מאַטער שטימע געזאָגט: „דו האָסט עס ניט געוואָלט בעסער, וועסטו מוזן ווערן קלוגער דורך שאָדן. איך האָב דיר מער ניט וואָס צו זאָגן, גיין!"

איך בין אַרויס אַן אויפגעבראַוזטער, מיין האַרץ האָט אין מיר געפּלאַטערט פאַר רוגזא און פאַרביטערטקייט. פאַרוואָס מוטשעט ער מיך אַזוי, אָט דער מענטש? פאַרוואָס פאַרלאַנגט ער פון מיר איך זאָל ווערן אַ ליגנער פאַר אים און פאַר זיך אַליין? אין מיין נשמה האָבן זיך טיף איינגעשניטן זיינע זאָגעלעך, אַז איך עס דאָס ברויט פון פרעמדער גוטהאַרציקייט. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערפילט די קללה פון אָרעמקייט און ווי ניוועזיק זי מאַכט דעם מענטשן. מע טאָר קיינמאָל ניט דערנידעריקן אַ מענטשן! אַפילו אַז דער מענטש איז נאָך אַ קינד. יאָ, דעמאָלט ערשט רעכט ניט.

וואָס וועט זיין איצט? קלאָר, אין דעם הויז וועל איך מער ניט האָבן קיין רואיקע שעה. אַזוי לאַנג ווי איך בין הפקרדיק אויסגעשטעלט דעם פאַרוואַל־טערס קליינלעכע שיקאַנעס, איז פאַר מיר מער ניטאָ קיין האָפענונג. מיין שול־צייט האַלט שוין טאַקע ביים סוף. אָבער איך האָב פאַר מיר נאָך די יאָרן אין דער לערע. וואָס סע קען נאָך געשען פאַר דער צייט, איז זיך גאָרניט פאָרצושטעלן, באַזונדערס אויב איך וועל זיך מוזן לערנען אַ פאַך, וואָס איז ניט לויט מיין גוסט. איך האָב דורכגעמאַכט אַ לאַנגע אומרואיקע נאַכט. דער קאָפּ איז מיר געגאַנגען כאַדאָראָם צו געפינען עפעס אַן אויסוועג, ביז איך בין אַ פאַרמאַטערטער איינגעשלאָפן.

איך האָב דערוואַרט אַז דעם אַנדערן טאָג וועט דער פאַרוואַלטער אַרויפ־

לייגן אויף מיר עפּעס אַ נייע שטראָף, אָבער ער האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט מיך אינגאַנצן גאָרניט אָנגעזען. אַזוי זיינען פאַרגאַנגען די פּאָר טעג ביז צום נאָענטסטן זונטיק. וועט די באָבע קומען היינט? איך האָב זיך דאָס קוים געקענט פאָרשטעלן, אָבער געוואַרט האָב איך פּאָרט, כאָטש דער פּשוטער שׂכל האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז מיין וואַרטן איז אומזיסט. נאָך דעם מיטאָג־עסן האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אין הויף און געפּרוּווט לייענען. אַ מאָדנע אומרואיקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. מיינע אויגן האָבן געלייענט גאַנצע זייטן אָן דעם, אַז דאָס געלייענטע זאָל מיר דערגיין צום באַוווסטזיין. מיט ערגערניש האָב איך צוגעמאַכט דאָס בוך.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן אָנגעהויבן קומען קרובים פון די ייִנגלעך און זיי מיטגענומען מיט זיך. יעדער מאָל אַז דער טויער האָט זיך געעפנט, האָב איך מיט געשפּאַנטער דערוואַרטונג געוואָרפן אַ בליק צום אַריינגאַנג, אָבער די באָבע איז ניט געקומען. איך האָב אַלץ נאָך געהאַט אַ שוואַכע האָפענונג: דער פּאַרוואַלטער האָט געקענט באַשטימען דער באָבעס באַזוך אויף דער לעצטער שעה. אָבער אָט איז שוין פאַרגאַנגען אויך אָט די שעה, און קיינער האָט זיך ניט באַוויזן.

אויף דעם אַנדערן טאָג בעת דעם מיטאָג־איבעררייס אין דער שול, בין איך ניט געגאַנגען אויפן הויף צום אָפּמאַרשירן מיט אַלע יתומים־ייִנגלעך צוריק אין יתומים־הויז. איך האָב זיך אַרויסגעשאַרט פון דער שול־געביידע און אַוועקגעוואַנדערט דורך דער שטאָט צום בינגער טויער. איין אויגנבליק האָב איך אַ טראַכט געטאָן צו גיין צו מיינע זיידע־באָבע, אָבער איך האָב גלייך פאַרוואָרפן אַזאַ געדאַנק און האָב באַשלאָסן, אַז איך וועל איבערנעכטיקן אין וואַלד. אַז מיין פרייהייט וועט לאַנג ניט געדויערן — דאָס איז פאַר מיר געווען גאַנץ קלאָר. אָבער זאָל דער פאַרוואַלטער וויסן, אַז זיין באַוועלן מיך וועט ניט אָפּגיין אָן מיין ווידערשטאַנד. דאָס איבעריקע האָט מיך ניט אָנגעהויבן צו אַרן.

געקומען אין וואַלד, האָב איך אָפּגעזוכט די אַלטע באַקאַנטע פּלעצער, ווו איך האָב קליינערהייט איבערגעלעבט אַזוי פיל גליקלעכע שעהן. דאָ איז געווען אַזוי שטיל און פרידלעך. וויַיט און ברייט איז ניט געווען צו זען קיין שום לעבעדיקן מענטשן. די טיפע איינזאַמקייט איז פאַר מיר געווען אַ דער־קוויקונג. איך האָב זיך צוגעלייגט אונטער אַ בוים און געטרוימט פון פאַר־גאַנגענע טעג. אַ גאַנצע אייביקייט איז אַוועק זינט איך האָב זיך דאָ געשפּילט צום לעצטן מאָל. אַלץ איז מיר פאַרגעקומען אַזוי אומענדלעך וויַיט, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געוועסט געוועזן. מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנעפּלט. דער ווייַ פון דער גרויער טאָג־טעגלעכקייט איז פאַרגעסן געוואָרן, ס'איז אַפילו פאַרשוווּנדן דער שניידנדיקער ווייטיק, וואָס איך האָב געפילט אָקערשט מיט אַ פּאָר שעה פריִער. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס איך האָב זיך וועגן אַלץ אַזוי גענומען צום האַרצן. פאַר מיין אינעווייניקסט

אויג איז געשטאַנען דאָס גרויע הויז, עס האָט מיך אָבער מער ניט געשראָקן, באַגלייך איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט אָט די קריכנדיקע ערגערנישן און מיט די שטומע זאָרגן.

דער טאָג איז פּאַמעלעכן פאַרגאַנגען. אין וואַלד האָט אָנגעהויבן צו ווערן פינצטערלעך. ראַפּטאָם בין איך אויפגעשפּרונגען. איך האָב זיך דערמאָנט אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל, וואָס איך האָב געהאַט אויסגעפונען נאָך אין די צייטן ווען מיר פלעגן זיך שפּילן אין אינדיאַנער. דאָס איז געווען אַן ערטל באַוואַקסן מיט דיקן מאָך, ביי אַ קליין שטיל ריטשקעלע. דאָרטן האָב איך געוואָלט צו־ברענגען די נאַכט. אַז איך בין צוגעקומען צו מיין ציל, איז שוין געווען כמעט טונקל. געמיטלעך האָב איך מיר אויסגעשטרעקט די גלידער אויפן ווייכן מאָך און זיך אַריינגעלאָזט פונסניי אין מיינע טרוימערייען. די נאַכט איז געווען אַ לעבלעכע און שטילע. קיין בלאַט האָט זיך ניט גערירט. איך האָב נאָר געהערט דאָס מורמלען פונעם ריטשקעלע און דורך די געדיכטע צווייגן פון דיביימער, האָב איך געזען איינצלנע שטערן. דער אָרום איז ביסלעכוויז געוואָרן פאַר־ווישט. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף אַן חלומות.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען העלער טאָג. פון דער פרימאָרגנדיקער קילקייט זיינען מיינע גלידער געווען אַביסל פאַרשטאַרט. מיט איין שפּרונג בין איך געווען ביים טייכל און זיך רעכט אַרומגעוואַשן דאָס פּנים מיט די הענט. דערנאָך האָב איך מיר געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר אין וואַלד און זיך אָנגעהויבן באַקלערן וואָס צו טאָן ווייטער. זינט נעכטן אינדער־פרי האָב איך גאָרניט געגעסן און איך האָב אָנגעהויבן פילן אַ נאַגנדיקן הונ־גער. אָבער דאָ אין וואַלד וועל איך קוים געפינען עפּעס צום עסן. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן צוריקגיין אין שטאָט אַריין, אין דער האָפענונג, אַז דער צופאַל וועט מיר יאָקאָש ברענגען עפּעס אַן אויסוועג.

אַז איך בין צוגעקומען צום בינגער־טויער, האָט דער שטאָט־זייגער געוויזן האַלב ניין. איך האָב זיך פּלוצים דערמאָנט אין בעקער שריידל. מיין מוטער איז געווען פון זיינע באַשטענדיקע קונדן. דער אַלטער שריידל איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש. ער וועט מיר פאַרגעוויס ניט אָפּזאָגן אַ שטיק ברויט. דערמונטערט פון אָט דעם געדאַנק, האָב איך זיך געלאָזט גיין צו דער יאָהאַ־נעס גאַס. אָבער אַז איך האָב דורך דעם פענצטער אַריינגעקוקט אין דער בעקעריי, האָב איך געזען דאָרטן נאָר דעם בעקערס פרוי און עטלעכע קונדן. איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין, און בין מיר ווייטער געגאַנגען מיין וועג. מיט געמאָסטענע טריט בין איך אַראָפּגעגאַנגען די האַלצגאַס און אָן אַ ציל אַרומגעבלאָנקעט פאַזע דעם ברעג פונעם רהיין. אויף איין אָרט האָב איך דערזען ווי צוויי זאַמד־צעפּירערס זיצן זיך באַקוועם אויף זייער וועגעלע און עסן געשמאַק זייער פרישטיק. ניט־ווילנדיק בין איך געבליבן שטיין און זיך צוגעקוקט ווי זיי שטעקן אין מויל אַריין גרויסע שטיקער ברויט מיט ווורשט און פירן דערביי אַ געמיטלעכן שמועס.

איינער פון זיי האָט מיך באַמערקט. דאָס איז געווען אַ קרעפּטיקער פּאַר־שויך, אָפּגעברענט פון זון און ווינט, מיטן היטל פאַררוקט אויף אַהינטער. „ני, פּיצל", האָט ער געזאָגט, „דו גלאָצסט אויף מיר מיט די אויגאַנעס, עפּעס ווי דו וואָלסט שוין אַן אַכט טעג ניט געהאַט קיין לעפל וואַרעמס אין מויל?" איך האָב שטום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אָפּגעשניטן אַ גרויס שטיק ברויט מיט זיין קעשענע־מעסער און מיר געגעבן מיט אַ שטיקל ווורשט דער־צו. „נאַ, זאָל דיר וויל באַקומען!"

איך האָב אים אָפּגעדאַנקט האַסטיק און זיך געלאָזט הענדום־פּענדום מיט מיין אוצר צו דער ערשטער באַנק ווו איך האָב אַלץ פאַרשלונגען גיריק. זאַט בין איך נאָך ניט געווען, אָבער צום ווינציקסטן האָב איך איבערגעכאַפּט דעם הונגער. דערנאָך בין איך אַריבערגעגאַנגען די אייזערנע בריק און זיך געלאָזט צו דער גוסטאַוו־בורג זיך אויסצובאָדן אין מאַין. דאָס לאַנגע אַרומ־וואַנדערן און דערנאָך דאָס שווימען, האָבן ערשט רעכט צערייצט מיין אַפּעטיט. אַרום מיטאָג־צייט האָב איך זיך דערפילט טויט־הונגעריק. איך האָב זיך אַוועק־געלייגט אויף אַ פּלאַט און זיך געבראָטן אויף דער זון. דער הונגער האָט מיך ניט אויפגעהערט צו מאַטערן.

קעגן אָוונט צו בין איך צוריקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין, מיט אַ שטילער האָפענונג, אַז אפשר וועט מיר דאָס מזל צושפּילן נאָך אַמאָל. אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין גליק. אין אַ שווערער שטימונג האָב איך זיך געלאָזט גיין אין וואַלד אַריין. אויף דעם וועג האָב איך אָפּגעריסן פון אַ בוים עטלעכע עפּל און כאָטש זיי זיינען נאָך געווען גאַנץ גרין, האָבן זיי מיר ניט געסטייעט אונטער די הענט.

די צווייטע נאַכט אין וואַלד איז שוין ניט געווען אַזוי אָנגענעם ווי די ערשטע. דער נאָגנדיקער הונגער האָט מיר לאַנג געשטערט איינצושלאָפן און מיך אויפגעוועקט מיטן טאָג צוגלייך. וואָס זאָל איך טאָן? אַזוי ווייטער קען עס לאַנג ניט גיין — דאָס איז פאַר מיר געווען קלאָר. זאָל איך צוריקגיין אין יתומים־הויז און אָפּשפּילן די קאָמעדיע פון איינעם וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט און וויל ווידער ווערן אַ לייט? ניין, דאָס ניט. פּלוצים האָב איך זיך דערמאָנט אין אַלטן אַנדרעס. ווי אַז איך וועל אַריבערגיין צו אים? ער קען מיר אפשר פאַרשאַפן אַ שטעלע, און זיין פרוי וועט מיר זיכער געבן עפּעס אָפּצועסן.

דער אַלטער אַנדרעס איז געווען שטייערמאַן ביי דער „רהיין־קעלן־דיסעל־דאָרפער געזעלשאַפט" און געפירט די גרויסע דאַמפערס קיין רינגען און פון דאָרטן צוריק קיין מאַינץ. מיר האָבן פריער געוווינט מיט אים אין איין הויז און איך פלעג זיין אַן אָפטער גאַסט ביי דעם אַלטן פאַרפלאַק אַנדרעס. יאָ, דאָס איז אַ פּלאַן. אָבער איך דאַרף ניט קומען אַהין פאַר דער מיטאָג־שעה, עס זאָל ניט אויפפאַלן, אַז איך האָב זיך אַרויסגעשאַרט פון דער שול. איך האָב ווי ניט איז פאַרטריבן די צייט אין וואַלד און שפּעטער גענומען שפּאַנען צוריק אין שטאָט אַריין. קורץ נאָך צוועלף אַזייגער, האָב איך זיך פאַרנומען

אין דער ריכטונג פון גאַלהויף. אויף מיין אָנקלאַפּן, האָט פרוי אַנדרעס מיר געעפנט די טיר.

„אַך, רודאָלף!" האָט זי געזאָגט צופרידן איבעררעשט. „קום אַריין, בחור איינער! איך האָב ניט איינמאָל געטראַכט וועגן דיר. און וואָס אַ שטייגער ברענגט דיך אַהער?" — — „איך האָב וועגן עפּעס זיך דורכצורעדן מיט אייער מאַן, פרוי אַנדרעס", האָב איך געזאָגט. — — „יאָ, נאָר פאַר דריי אַזייגער קומט ער ניט אַהיים. אָבער דו קענסט דאָ צוואַרטן אויף אים. קום אין דער קיך! דו האָסט מיך געטראָפן גראָד ביים עסן, און דו קענסט מיר האַלטן געזעלשאַפט".

באַלד איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן אַ טעלער פול מיט אַ פּרעכטיקער אַרבעסן־זופּ. איז דאָס געווען אַ מאָלצייט! נאָך דער זופּ איז געגאַנגען אַ גאַנג זויערקרויט מיט חזיר־פליש, און די גוטהאַרציקע אַלטע האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז מיין טעלער זאָל ניט בלייבן ליידיק. איך האָב געגעסן ווי אַ ווילדער, ביז איך האָב שוין ניט געקענט מער. די אַלטע האָט מיך אויסגע־פרעגט וועגן טויזנטער זאַכן, און איך האָב געמוזט גוט האַלטן קאָפּ די גאַנצע צייט, איך זאָל זיך מיט עפּעס ניט פאַררעדן.

קורץ נאָך דריי איז פאָטער אַנדרעס אַהיימגעקומען. ער האָט מיך האַרציק באַגריסט, און נאָכדעם ווי מיר האָבן אַ ווייַלע געפּלוידערט איבער אַלץ מיט־אַנאַנד, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אַלזאָ, דו האָסט מיט מיר וועגן עפּעס צו רעדן, רודאָלף, שיס אַרויס, בחורעץ, לאָמיר הערן וואָס קוועטשט דיך".

„איינגיכן פאַרענדיק איך די שול, הער אַנדרעס", האָב איך געזאָגט, „און איך מוז זיך אַרומזען וועגן אַ פאַך. האָב איך געטראַכט אפשר קענט איר מיר פאַרשאַפן אַ פּלאַץ אויף אַ דאַמפּפער ווי אַ שיף־יונג. אויף וויפיל איך ווייס, באַקומט אַ שיף־ייִנגל ביי אייער געזעלשאַפט זיבן מאַרק אַ וואָך. דאָס וואָלט געווען פאַר מיר פּונקט גענוג איך זאָל זיך אַליין קענען דערנערן".

ער האָט אַ ווייַלע נאָכגעקלערט און מיך געפרעגט, צי גלייב איך אַז דאָס איז פאַר מיר דער ריכטיקער באַרוף. — — „דאָס לעבן אויף דער שיף, איז ניט קיין קינדערשפּיל", האָט ער מיט מיר איינגעטענהט, „מע מוז זיך דאָרטן גוט אונטערגאָרטלען".

„דאָס זאָל אייך ניט אָפּהאַלטן, הער אַנדרעס", האָב איך אָפּגעענטפערט. „און ענדלעך איז מען דאָך ניט אייביק אַ שיף־יונג. אפשר קען איך דער־גרייכן ביז אַ שטייערמאַן".

דער אַלטער האָט זיך הילכיק צעלאַכט און זיך אַזש געפּאַטשט מיט ביידע קרעפטיקע דלאָנעס איבער די זייטן. „אַה, אַה, בחור איינער!" האָט ער גע־זאָגט. „פון אַ שיף־יונג ביז אַ שטייערמאַן איז אַ ווייטער וועג. פאַר מיר איז עס צוגעגאַנגען גאָר אַנדערש. אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען אַ מאַטראָס אויף אַ ים־שיף און האָב שפּעטער שטודירט אין אַ שטייערמאַן־שול. אַז איך

בין דערנאָך צוריקגעקומען קיין מאַינץ, איז עס מיר ניט אָנגעקומען שווער צו קריגן אַ שטעלע. ביי דיר אָבער איז די זאַך אינגאַנצן אַנדערש. אויב עס זאָל דיר ניט קומען צו הילף עפּעס אַ צופאַל, קענסטו עס דערפירן העכסטנס צו אַן אייבער־מאַטראָס. געוויס, ביי שיפעריי קען מען מאַכן אַ לעבן אַז מע איז ניט קיין שטייערמאַן. אָבער דו מוזסט זיך גוט באַקלערן, צי דאָס איז פאַר דיר אַ צוקונפט".

„אָבער צום ווינציקסטן קען איך דאָך מאַכן אַ פּרוּוו", בין איך באַשטאַנען אויף מיינעם.

„קעגן דעם האָב איך גאָרניט וואָס אויסצוזעצן", האָט דער אַלטער געזאָגט פאַרקלערט. „אָבער אַזוי לאַנג ווי דיינע קרובים וועלן דיר ניט געבן דערצו זייער צושטימונג, קען איך גאָרניט טאָן. ווער איז דיין אַפּעקון?"

„מיין זיידע", האָב איך געזאָגט. — — „אויב אַזוי, מוזסטו צוערשט איבער־שמועסן מיט אים. אויב ער וועט דיר געבן זיין צושטימונג, וועל איך זיך אַרומזען, וואָס איך קען טאָן פאַר דיר".

איך בין נאָך געבליבן אַ גוטע שעה ביי די פריינדלעכע מענטשן און בין אַוועק פון זיי אין דער בעסטער שטימונג. אין אָוונט אַז איך האָב זיך ווידער אויסגעשטרעקט אין מיין באַהעלטעניש, זיינען מיר אַדורך טויזנטער געדאַנקען דורכן קאָפּ. ס'איז, הייסט עס, פאַראַן אַן אויסוועג. איך קען פאַרדינען מיין ברויט ווי אַ שיף־יונג און מער ניט זיין אָנגעוויזן אויף די חסדים פונעם יתומים־הויז. אָבער מיינע קרובים וועלן זיכער זיין קעגן דעם. אויך דער פעטער. וויבאַלד אַזוי דאַרף איך זיי איבערצייגן, אַז דאָס איז פאַר מיר דער בעסטער וועג.

איך בין געשלאָפן ביז די זון איז געשטאַנען הויך אין הימל. דעם גאַנצן טאָג האָב איך דורכגעשניטן די שטאָט אין דער לענג און דער ברייט, און האָב מיר אין ערגעץ ניט געקענט געפינען קיין רו. אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, בין איך געווען הונגעריק ווי אַ וואָלף און האָב זיך געפילט אַזוי מיד, אַז סע האָט מיר פאַרפעלט דער מוט זיך צו לאָזן גיין דעם וויטן וועג צום וואַלד. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק ביים רהיין און געוואַרט, אַז די מענטשן וואָס זיינען געקומען אַהער כאַפּן אַביסל פרישע לופט, זאָלן זיך צעגיין. נאָך עלף דעם זייגער, האָט אָנגעהויבן ווערן אַלץ שטילער און שטילער. איך האָב זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויף אַ באַנק און גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

איך האָב ניט אָנגעהויבן וויסן ווי לאַנג איך בין געשלאָפן, ווי עמיצער האָט מיך פּלוצים גאָרניט איידל אויפגעטרייסלט פון מיין שלאָף. אַ שאַרפער שיין פון אַ לאַמטערן האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין די אויגן, שיכורע פון שלאָף. דערנאָך האָב איך דערהערט אַ גראָבע באַסאָווע שטימע: „מאַמעלעך מיינע, דאָס איז דאָך דער ראָקערס רודי! ווי קומסטו אַהער, דו ראָצער איינער? האָסט זיך אַוועקגעפּעקלט, אַהי? נו, ס'איז אויס וועלט! מאַרש, דו לעפּאַק,

איצט וועט דיר פאַרגיין די מאַנקאַליע אַרומצושפאַנצעלירן. היידא אין צערקל אַריין!״

דאָס האָט דער שוצמאַן זאַק מיך אויפגעריסן פונעם שלאָף מיט זיין געריטשעניש. איך האָב אים געקענט נאָך פון דער מינסטער גאַס. ביי אונדז יינגלעך האָט ער ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי נאָר דער רויטער זאַק, פאַר זיין רויטער באָרד. ער האָט מיך אָנגענומען גאָרניט צאַרט פאַרן קאָלנער און מיך אונטערגעשטופט פאָראויס פאַר זיך, דערביי האָט ער די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו ריטשען און זיין אויפטרייסלען מיך האָפטיק אַלעמאָל, האָט מיר צוגעטרייסלט צוב באַוווסטזיין מיין גאַנצע ניט־ווערטיקייט. אַז מיר זיינען אַריינגעקומען אין פאָליציי־אַמט, האָב איך דערזען אַז ס׳איז ערשט צוויי אַזייגער.ביים טיש איז געזעסן אַן אינספעקטאָר, וואָס האָט אונדז צוגע־וואָרפן אַ פאַרשערישן בליק ביי אונדזער אַריינקומען.

„וועמען ברענגט איר אונדז זאַק? האָט ער געפרעגט.

„אַ פליטה־מאַכער, הער אינספעקטאָר״, האָט דער שוצמאַן זיך צעלאַכט. „איך האָב געקענט זיינע עלטערן. בראַווע לייט, און דער ווערגעלעץ טוט אָפּ אַזעלכע שטיק״.

„אַהאַ!״ האָט דער אינספעקטאָר געזאָגט. „היינט נאָכמיטאָג איז מיר אָנ־געקומען די מעלדונג פון יתומים־הויז. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געפרעגט: „פאַרוואָס ביסטו אַוועק?״ „ווייל איך האָב מיר אַנדערש ניט געקענט העלפן״, האָב איך געענטפערט.

„ווייל ער האָט זיך אַנדערש ניט געקענט העלפן״, האָט דער רויטער זאַק מיר נאָכגעקרימט און האָט דערביי געמאַכט אַ צורה, באַגלייך ער וואָלט דער־פילט ווי אַ לויז קריכט אים איבער דער לעבער.

„גוט, זאַק! איר קענט גיין״, האָט געזאָגט דער אינספעקטאָר. „דער יונג קען דאָ איבערשלאָפן די נאַכט. מאָרגן אינדערפרי וועט איר אים אָפּפירן צוריק אין יתומים־הויז״. — — „צו באַפעל! הער אינספעקטאָר״, האָט דער רויטער געזאָגט, און מיט שווערע טריט פאַרלאָזט דאָס צימער.

אַז מיר זיינען געבליבן אַליין האָט דער אינספעקטאָר מיך געפרעגט, צי בין איך הונגעריק. „יאָ״, האָב איך געזאָגט, „זייער״. ער האָט אַרויסגענומען פונעם שראַנק ברויט מיט קעז און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, זיך צוגעקוקט מיט וואָס פאַר אַ גיריקייט איך האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן עסנוואַרג. „בחור, בחור״, האָט ער געזאָגט, „האָסט דיר פאַרקאָכט יענע קאַשע. טו עס ניט מער״. נאָכדעם ווי איך האָב צו רעכט געמאַכט דאָס גאַנצע ברויט מיטן קעז, האָט ער מיר געהייסן זיך אויסשטרעקן אויף אַ באַנק און מיר געגעבן אַ פאָליציי־אישן מאַנטל פאַר אַן אונטערלאָג. אַ לאַנגע צייט האָב איך ניט געקענט איינ־שלאָפן. דאָס וואָס סע האָט מיט מיר אָקערשט פּאַסירט, האָט מיך אינגאַנצן צערודערט. איך האָב זיך אַלץ געפרעגט, וואָס קומט ווייטער. אָבער מיין גע־

זונטע נאַטור האָט צום סוף גענומען די איבערהאַנט, און דער שלאָף האָט פּאַראַליזירט אַלע מיינע גריבלעניש.

אַכט אַזייגער אינדערפרי האָט דער רויטער זאַק זיך באַוויזן אין פּאָליציי־אַמט און האַלטנדיק מיך ביים קאָלנער, מיך געפירט צוריק אין יתומים־הויז. מענטשן אויף דער גאַס האָבן אונדז נאָכגעקוקט מיט נייגיר, טייל האָבן גע־לאַכט, אַנדערע האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער רויטער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זיך זידלען און געהאַלטן איין אויסמאָלן פאַר מיר, וואָס פאַר געבראָכענע ביינער איך וועל אַריינקריגן. איך האָב זיך געפילט שרעקלעך דערנידעריקט און זיך קוים דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן. „אַ גליק וואָס די קינדער זיינען שוין אין דער שול און קענען ניט צוזען אָט דעם אויפצוג", האָב איך געטראַכט.

אויף דעם שוצמאַנס האַפּטיקן קלינגען, האָט זיך געעפנט די טיר פונעם יתומים־הויז, און מיר האָבן געשפּאַנט דורכן הויף צום פאַרוואַלטערס ביוראָ. דער הער פּאָטער איז ווי געוויינטלעך געזעסן ביי זיין אַרבעט־טיש.

„אַ גוט מאָרגן אייך, הער פאַרוואַלטער!" האָט דער רויטער געזאָגט, איך ברענג אייך צוריק דעם אַנטרונענעם. איך האָב אים געפּאַקט אויף אַ באַנק ביים רהיין. ער איז זיך דאָרטן געשלאָפן גאַנץ רואיק, ווי איינער וואָס האָט אָפּגעצאָלט אַלע זיינע שולדן, אַזאַ אומפאַרשעמטער קערל. אָבער אַז איך האָב אים אַ פּאַק געטאָן פאַר דער טשופרינע, איז ער געוואָרן אויס מיט זיין אַרומ־שליאָנדערן זיך". דער שוצמאַן האָט דערביי כוואַטסקע אַרויסגעשטעלט דעם ברוסט־קאַסטן, ווי ער וואָלט האָבן באַזיגט אַ גאַנצע פיינדלעכע אַרמיי.

„איך דאַנק אייך, שוצמאַן", האָט געזאָגט דער פאַרוואַלטער. „איך האָב צוערשט געלאָזט זיך נאָכפרעגן ביי זיינע קרובים, אָבער זיי זאָלן אים ניט האָבן געזען. נו, האָב איך געמאָלדן דער פּאָליציי".

„איך האָב געקענט זיינע עלטערן, הער פאַרוואַלטער", האָט זאַק ראַ־פּאָרטירט מיט אַ וויכטיקער מינע. „בראַווע לייט! זיין מוטער נעבעך וואָלט זיך איבערגעדרייט אין קבר, זי זאָל דאָס דאַרפן צוזען. פינף־און־צוואַנציק איינס און איינס און אויף דעם זעלביקן פלאַץ, אַז בלוט זאָל שפּריצן. דאָס איז דאָס איינציקע מיטל, וואָס קען דאָ העלפן".

ער האָט מיר נאָך צוגעוואָרפן אַ בליק מיך נאָר טאָקע צו דערטשמעליען, מען זאָל אים נאָר לאָזן, און זיך אָפּגעטראָגן.

דערשטוינלעכע רעזולטאַטן פון מיין אַנטלויפן

הער פאַטער האָט מיך ניט באַוויליקט כאָטשבי מיט אַ לייכטן קוק אין מיין זייט אַריין, און זיך רואיק ווייטער געטאָן זיין אַרבעט. ס׳איז געווען שטיל ווי אין אַ קירך. מע האָט נאָר געהערט דאָס איינטאָניקע גערויש פון דער פע־דער, וואָס האָט זיך פלינק געגליטשט איבערן פאַפיר. אַזוי איז פאַרביי אפשר אַ פערטל שעה, ביז ער האָט אָפּגערוקט זיינע פאַפירן אין אַ זייט און מיר באַפוילן צוקומען צום טיש.

„ווו ביסטו געווען?״ האָט ער געפרעגט מיט אַ שטרענגער שטים. איך האָב אים אין קורצן דערציילט וועגן מיין אַרומבלאָנקען זיך, איך האָב בלויז פאַרשוויגן דעם באַזוך ביים שטייערמאַן אַנדרעס.

„האָסטו געזען דיינע קרובים?״ האָט ער געפרעגט. איך האָב געענטפערט מיט „ניין״.

„פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען צו דיין זיידן און באָבען?״ האָט ער ווײ־טער געפרעגט.

איך האָב אים דערקלערט, אַז איך האָב מורא געהאַט זיי זאָלן ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט מיין שריט.

„און ניט געקוקט דערויף ביסטו אַוועק און אַפילו ניט אַ טראַכט געטאָן וואָס פאַר אַ האַרצווייטאָגן דו גייסט זיי פאַרשאַפן״, האָט ער געזאָגט, „דיין אַלטע באָבע קומט אַהער יעדן טאָג זיך נאָכפרעגן אויף דיר. די אַלטע פרוי וויינט זיך אויס אירע אויגן. זי טראַכט איבער דו זאָלסט דיר ניט האָבן אָפּ־געטאָן גאָט ווייס וואָס. און דו האַלטסט זיך נאָך אַלץ ביי דאָס דייניקע, אַז דו ביסט ניט פאַרשטאָקט?״

איך האָב ניט געזאָגט קיין וואָרט. וואָס האָב איך געקענט ענטפערן? איך האָב געוווּסט, אַז עס הייבט זיך אָן פונסניי די זעלביקע שפּיל, די זעלביקע פראַגן און די זעלביקע ענטפערס, די זעלביקע רעזולטאַטן. די וויסטע לײדי־קייט פון אָט דעם הויז האָט זיך מיר געלייגט אויף דער נשמה נאָר צום דער־דריקט ווערן. ניטאָ פון דאַנען קיין אַנטרינונג. אין אָט דעם אָרט ווו אַלץ גייט צו אייביק מיט דער זעלביקער מאָס און מיט דעם זעלביקן קלאַנג, מוז אָפּ־

שטאַרבן יעדער מענטשלעך געפיל. אויך דער פאַרוואַלטער האָט געשוויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט באַשליסן, וואָס ער זאָל טאָן מיט מיר.

פאַרוואָס שיקט ער מיך ניט אָפּ אין טורעם? האָב איך געטראַכט. צו וואָס מאַטערט ער מיך מיט זיינע פראַגן? איך האָב דערפילט אַ ליידיקייט אין קאָפּ. אַ נערוועזע גערייצטקייט האָט מיך באַהערשט. מיט אַלע כוחות האָב איך זיך געמוזט איינהאַלטן איך זאָל ניט אויסשיסן מיט אַן אויסגעשריי ווי אַ ווילדער. ווי פון גאַנץ ווייט איז צו מיינע אויערן דערגאַנגען זיין פראַגע:

„און איצט זאָג מיר דעם גאַנצן אמת, פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?

איך האָב זיך מער ניט געקענט באַהערשן. — — „ווייל איך קען דאָ מער ניט אויסהאַלטן!“ האָב איך אים אַריינגעשריגן אין פנים אַריין. „איר האָט מיר צוגעזאָגט מיין באַבעס באַזוך, אָבער זי איז ניט געקומען. נאָך אַלץ דעם וואָס סע האָט מיר פּאַסירט פריִער, האָב איך זיך געמוזט פאָרשטעלן, אַז איר ווילט מיר פאַרווערן אינגאַנצן צו באַזוכן מיינע קרובים. איך האָב זיך געפילט פאַרלאָזט פון דער גאַנצער וועלט און ניט אָנגעהויבן צו וויסן זוי אַזוי אויס־צומיידן נייע באַשטראָפונגען. נו, בין איך אַוועק, איך זאָל צום ווינציקסטן זיין פריי אַ פּאָר טעג. פאַרוואָס מאַטערט איר מיך אַזוי? פאַרוואָס לאָזט איר מיך ניט רואיק פאַרענדיקן די פּאָר חדשים, וואָס איך האָב נאָך צו גיין אין שול? איך ווייל דאָ ניט פאַרבלייבן! איך וועל זוכן פאַר מיר אַן אַרבעט און ניט דאַרפן לענגער זיין אויסגעשטעלט דער גענאָד פון אָט דעם הויז“.

דער פאַרוואַלטער איז געבליבן זיצן אויף זיין פּלאַץ, ווי דער שלאַק וואָלט אים געטראָפן. זיין פנים איז געווען גרוי ווי אַש. זיינע אויגן האָבן אויסגע־דריקט אַ שטוינען אָן אַ גרענעץ. זיינע ליפּן האָבן געציטערט, ווי עס וואָלט אים געכאַפּט אַ קראַמף, אָבער ער האָט ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט. אַז ער איז ענדלעך ווידער געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגעמורמלט, אַז מען האָט קוים געקענט דערהערן וואָס ער זאָגט: „איך האָב געטאָן אַלץ וואָס איך האָב נאָר געקענט טאָן, דיך אַרויפצופירן אויף דעם רעכטן וועג. ס'איז מיר ניט געלונ־גען. דיר קען העלפן בלויז גאָט אַליין. דו קענסט גיין“.

אינדרויסן אויפן הויף, האָב איך זיך דערפילט ווי באַטויבט. פאַר מיינע אויגן איז אַלץ געווען פאַרנעפּלט. איך האָב געפילט אַ שרעקלעכע ליידיקייט. מיט פאַרגעניגן וואָלט איך געגאַנגען אין טורעם אָפּזיצן אַ לאַנגע באַשטראָ־פונג. אָבער דאָס ניט וויסן וואָס סע וועט מיט מיר געשען, איז מיר געווען אומדערטרעגלעך. מיט דעם נייעם צוזאַמענשטויס מיטן פאַרוואַלטער, האָב איך אָפּגעבראָכן הינטער מיר די לעצטע בריק. אַז איך זאָל אַפילו וועלן שפּילן פאַר אים דעם סטאַטיק וואָס האָט חרטה אויף אַלץ, — וועט ער מיר ניט קענען מוחל זיין אָט דעם אויפטריט מיינעם. אָבער וואָס שפּילט עס שוין פאַר אַ ראָלע? נאָך אַ פּאָר חדשים און איך וועל זיך דאַרפן אַרומזען ווי פטור צו ווערן איינמאָל פאַר אַלעמאָל פון אָט דעם מענטשן און פון זיין יאָך. מיט דער בלאָטע גלייך, דאָס וועלן זיי מיך ניט מאַכן, קיינמאָל ניט! די ייִנגלעך

זיינען דערווייל געקומען פון דער שול און מיך באַוואָרפן מיט אַלע מעגלעכע פראַגן. איך בין אָבער ניט געווען געשטימט צו באַפרידיקן זייער נייגיריקייט.

אַזוי איז פאַרביי די וואָך אָן דעם איך זאָל האָבן באַקומען אַ שטראָף. ווי פריער בין איך איינינעם מיט די אַנדערע געגאַנגען אין שול און צוריק אין יתומים־הויז. אַפילו דער לערער האָט מיר ניט געשטעלט קיין פראַגן וועגן מיין אַוועקבלייבן עטלעכע טעג, און מיך בלויז אָפּגעמאָסטן מיט אַ מין ספּעציפישן בליק. נו, איז געקומען דער זונטיק, און איך האָב איבערגעלעבט די גרעסטע איבעראַשונג אין מיין לעבן. צוויי אַזייגער האָט זיך באַוויזן די באָבע און מיך מיטגענומען צו די מייניקע. אַז איך האָב דערזען די אַלטע, האָט איך מיינע אייגענע אויגן ניט געטרויט. זי איז געווען גאַנץ צעטומלט פאַר פרייד און אַלץ מיטאַמאָל זיך געבייזערט און מיך געפּיעשטשעט. אָבער איך האָב קוים געהערט וואָס זי רעדט. איך בין געווען פאַרחידושט, אַז איך האָב פשוט פאַרלוירן דאָס לשון. צו אַלץ בין איך געווען צוגעגרייט, נאָר ניט צו אַזאַ געשעעניש.

וואָס האָט פאַסירט, וואָס האָט דערמעגלעכט אַזאַ איבערקערעניש? האָט ער זיך דערשראָקן, איך זאָל ניט אַנטלויפן אַ צווייט מאָל, אָדער גאָר אָפּטאָן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין נאָך ערגער? אָט די פראַגע און הונדערט אַנדערע זיינען מיר אַדורך דורכן קאָפּ מיט שטורעם. איך בין געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש און ניט געקענט געפינען קיין דערקלערונג.

מיר זיינען צוערשט געגאַנגען צום פֿעטער וואָס ליגט, ווי די באָבע האָט מיר איבערגעגעבן, זינט דריי וואָכן קראַנק אויף אַ לונגען־אַנטצינדונג. איך האָב אים געטראָפן אין בעט. אַז ער האָט מיך דערזען, האָט זיך זיין בלייך אָפּגעמאָגערט פנים צעשטראַלט מיט אַ פאַרקלערטן פריידיקן שמייכל, און ער האָט מיר געדריקט די האַנט שטאַרק, שטאַרק. דער דאָקטער האָט אים פאַרבאָטן צו רעדן. איך האָב זיך צוגעזעצט צו אים אויפן בעט און אים דערציילט וועגן אַלץ וואָס סע האָט פאַסירט. אַז ער האָט אויסגעהערט וועגן מיין שמועס מיטן אַלטן אַנדרעס, האָט ער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געזאָגט: „איך גלייב ניט, אַז דאָס זאָל זיין פאַר דיר אַ צוקונפט". איך האָב געקענט באַמערקן ווי טיף דאָס אַלץ גייט אים אָן.

אַ גאַנצע שעה זיינען מיר פאַרבליבן אין אָנקלס פריינדלעכער שטוב. אַז איך האָב געהאַלטן ביים אַוועקגיין און אים געווונטשן גיך געזונט צו ווערן, האָט ער מיך אָנגענומען פאַרביידע הענט און שטיל געזאָגט: „בלייב שטאַרק, מיין קינד! אויך אָט די צייט וועט פאַרבייגיין".

אין הויז ביי דער באָבע ראָקער, איז אַרום גרויסן טיש געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה. די באָבע האָט צוגעגרייט אַ פּרעכטיקן מאָלצייט און אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַלע מיינע ליבלינג־מאכלים. פון אַלע זייטן האָבן אויף מיר געשטורעמט פראַגן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך געמוזט אויסהערן ניט ווינציק שטראָפרייד, ווייל מיין אַנטלויפן האָט זיי אַלע שטאַרק געטראָפן.

איך האָב זיך פאַרטיידיקט אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט, אָבער די מערסטע האָבן ניט געוואָלט הערן פון קיין שום תירוצים. דאָ האָט די באָבע ראָקער מיר אַ פּויק געטאָן מיטן קנעכל פון איר פינגער איבערן קאָפּ און געזאָגט: „הער נאַר, דו הינגערשער קאָפּ! מיינסטו טאַקע אַז ס'איז ניט געווען קיין אַנ־דער אויסוועג?"

„ניין, באָבע, ווירקלעך ניט", האָב איך געזאָגט, „איך וואָלט איצט דאָ ניט געזעסן מיט אייך, איך זאָל ניט געווען אַוועק". די באָבע האָט זיך הילכיק צעלאַכט און געזאָגט: „איר וועט גאָרניט אויספועלן. ער האָט שפּילקעס אין קאָפּ, ווי דער טאַטע זיינער". „און ווי די באָבע זיינע", האָט דער זיידע צוגע־וואָרפן אַ וואָרט מיט אַ סך געשליפנקייט. אַלע האָבן זיך צעלאַכט אויף אַ קול. ניט געלאַכט האָט בלויז די אַלטע. מיטן וויַיזפינגער האָט זי מיר געפּויקט איבערן קאָפּ און הערשעריש געזאָגט: „און דו האָסט, הייסט עס, פולע פיר טעג אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער וועלט־געשיכטע און ס'איז דיר גאָרניט איינ־געפאַלן זיך אַריינצוכאַפּן צו דיין באָבען און זיידן". „דאָך, באָבע", האָב איך געזאָגט, „איך האָב שוין גראָד אַ סך געטראַכט וועגן דעם, אָבער מע זאָל מיך געוועגן דערטאַפּן דאָ, וואָלט דער פאַרוואַלטער געקענט אַרויפוואַרפן אויף אייך די גאַנצע שולד, און פונקט דאָס האָב איך געוואָלט פאַרמיידן". „הם", האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. „הינטער די אויערן איז ביי דיר אַפּנים שוין גאָר־ניט שיטערלעך", און זי האָט אַרויפדערלאַנגט אויף מיין ליידיקן טעלער אַ פרישן פרעכטיקן פיינקוכן.

די שעהן זיינען ווי פאַרפלויגן. אַז איך בין צוריקגעקומען אין יתומים־הויז, האָב איך זיך געפילט ווי ניי־געבוירן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך צוגעקוקט ווי דער פאַרוואַלטער מיטן קאַפּלאַן גייען ביידע איבערן הויף הין און צוריק און פירן אַ לעבעדיקן שמועס. אַז דער קאַפּלאַן האָט מיך באַמערקט, האָט ער מיך פריינדלעך באַגריסט, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט האָבן פּאַסירט. דערנאָך האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויף מיינע קרובים, באַ־זונדערס אויף דער באָבען, ער האָט זי געזען אַ פּאָר מאָל פאַר דער צייט, וואָס איך בין דאָ ניט געווען. צום סוף האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיטגע־בראַכט אַ ניי בוך פאַר מיר. איך האָב אים געדאַנקט מיט פרייד. דערויף האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז.

היינט נאָך אַזוי פיל יאָרן, אַז איך דערמאָן זיך אין יענע איבערלעבונגען, זע איך אַ סך זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. דעמאָלט האָב איך זיך אַרומגע־טראָגן מיט אַ טיפער שנאה צום פאַרוואַלטער און בין געווען פעסט איבער־צייגט, אַז ער האָט זיך פּשוט פאַרלייגט דערויף מיר צו פאַרביטערן דאָס לעבן. אָט דעם שטאַנדפּונקט האָב איך זינט לאַנג שוין אויפגעגעבן.

אין דער אמתן איז דער פאַרוואַלטער גאָרניט געווען אַזאַ שלעכטער מענטש. ער איז ניט געווען ברוטאַל און אַפילו ניט הערשעריש. אויב ער האָט מיר פאַרט פאַרשאַפט אַזוי פיל ביטערע שעהן, איז עס געשען ניט דערפאַר,

וואָס דאָס זאָל פאַר אים געווען זיין אַ פאַרגעניגן־זאַך. ער איז געווען דער טרעגער פון אַן אָרדענונג, וואָס איז געווען דערווידער מיין גאַנצן כאַראַקטער. מיר האָבן גערעדט די זעלביקע שפּראַך, מיר האָבן אָבער זיך ניט פאַרשטאַנען. יעדער נייער צוזאַמענשטויס האָט נאָר ברייטער געמאַכט דעם אָפּגרונט צווישן אונדז. אַליין דער אופן פון אונדזער פילונג, האָט אונדז געמוזט דערווייטערן פונאַנאַנד. מיין ווידערשטאַנד, וואָס איז געווען גאַנץ פּשוט דער רעזולטאַט פון מיינע אינעווייניקסטע נייגונגען, האָט אים געמוזט פאָרקומען ווי עקשנות, נאָך מער דערפאַר, וואָס ביי זיך האָט ער געוווּסט, אַז ער זוכט נאָר מיין טובה. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר רעכט צו מעסטן יעדן פון אונדז מיט דעם זעלביקן מאָסשטאַב. אַז דערמיט מאַכט ער אונדז פאַר טויטע נומערן און צעשטערט אין אונדז יעדער פּערזענלעכקייט־ווערט, — דאָס איז אים גאָרניט געקומען אויפן זינען.

איך האָב זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין זיין סיסטעם. דאָס אַליין האָט אים געמוזט אויפברענגען קעגן מיר. ער איז געווען צו שטאַרק אַריינגעוואַקסן אין סיסטעם, ער זאָל זיך קענען איבעראַנדערשן. איך האָב געשטערט די האַרמאָניע פון זיין גאַנצן אומגיין מיט אונדז אַלע, און די גאַנצע שולד האָט דערפאַר געמוזט פאַלן אויף מיר.

די ווייטערדיקע חדשים זיינען פאַרגאַנגען אָן שום באַזונדערע פּאַסירונגען. דער פּאַרוואַלטער האָט זיך פּשוט מער ניט געקימערט וועגן מיר. דער קאַפּלאַן איז געבליבן ווילגעגנייגט צו מיר און מיך פאַרזאָרגט מיט אַ סך גוטע ביכער. ער איז גאַנץ באַשטימט געווען אַן אָרנטלעכער מענטש און ער האָט מיך פאַרשטאַנען ניט אַן ערך בעסער ווי דער פּאַרוואַלטער. אפשר האָט ער עפּעס אויפגעכאַפּט אין מיר און ער איז דערפאַר געווען לגבי מיר אַזוי אויפמערקזאַם. ער האָט קיינמאָל ניט געפּרוווט מיך צו באַאיינפלוסן און אין זיינע שמועסן מיט מיר, האָט ער קיינמאָל ניט באַרירט קיין רעליגיעזע פראַגן.

אַזוי האָט מיין שולצייט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צום סוף, און איך בין איצט געשטאַנען פאַר אַ נייעם פּעריאָד אין מיין לעבן.

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

לערן - יארן

איך ווער אַ שיף־יונג

וואָס נענטער ס'איז אונטערגעקומען מיין אַרויסלאָז־עקזאַמען, אַלץ מער און מער האָט מיך ניט געלאָזט רוען די פראַגע, אויף וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע איך זאָל זיך פאַרט באַשליסן. דער פאַרוואַלטער האָט מיך געוואָלט אָפּגעבן אין דער לערע צו אַ שוסטער, אָבער צו אָט דער מלאכה האָב איך אין זיך ניט געפילט קיין שום צונייגונג. ער האָט מיר אָנגעבאָטן נאָך אַ פּאָר אַנדערע מלאכות, וואָס איך האָב צו זיי געהאַט ניט מער חשק ווי צו שוסטעריי. דער געדאַנק צו פּרוּוון מיין גליק ווי אַ שיף־יונג, האָט מיך איצט באַהערשט ניט אויף קאַטאָוועס. אָבער סיי מיינע קרובים, סיי הער פּאַטער האָבן גאַרניט געוואָלט אַפילו הערן וועגן דעם. אינצווישן האָב איך נאָך אַ פּאָר מאָל איבער־געשמועסט מיטן שטייערמאַן אַנדרעס. זיין ענטפער איז תמיד געווען דער זעל־ביקער: אַזוי לאַנג ווי מיין זיידע גיט ניט זיין באַווילליקונג, האָט עס ניט קיין זין ער זאָל אָנהייבן עפּעס צו טאָן אין דער זאַך. אָבער דער זיידע, אַלע קרובים און גאָר באַזונדערס דער פּעטער, האָבן מיט אַלע מעגלעכע אַרגו־מענטן מיך געהאַלטן אין איין אָפּרעדן פון מיין פּלאַן. אַז דער פּעטער האָט איינגעזען ווי פאַרעקשנט איך באַשטיי אויף מיין באַשלוס, האָט ער זיך אַרויס־געזאָגט דערפאַר מע זאָל מיך לאָזן מאַכן דעם פּרוּוו און זאָל דאָס לעבן אַליין מיך מאַכן פּראַקטישער.

דעם אָנקל איז עס אָנגעקומען ניט לייכט צו פועלן ביי די אַנדערע קרובים זיי זאָלן מיר געבן זייער צושטימונג. אַ צעשטראַלטער פאַר פריד בין איך אַוועק מיט מיין נייס צום אַלטן אַנדרעס. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דער־נאָך געזאָגט: „גוט, מיין יונג! איך האָב דיר צוגעזאָגט צו געפינען פאַר דיר אַ שטעלע, און וועל עס טאָן. איך וועל צוערשט פּרוּוון דיך באַשטאַטן ביי מיין געזעלשאַפט, איך זאָל קענען האָבן אַן אויג אויף דיר. זאָל עס זיך ניט איינ־געבן, וועל איך געפינען פאַר דיר אַ פּלאַץ ערגעץ אַנדערש־ווו".

מיט אַ פּאָר וואָכן נאָך אָט דעם שמועס, האָט דער אַלטער אַנדרעס מיר געגעבן צו וויסן, אַז אַלץ איז אויף אַ לאַד. קיין פרייע שטעלע האָט ער פאַר מיר דערווייל ניט געפונען, ער האָט עס אָבער אַראַנזשירט אַזוי, אַז גלייך נאָך

מיין פֿאַרענדיקן די שול, זאָל איך מיטפֿאָרן מיט אים קיין דיסעלדאָרף. דאָרטן האָט די געזעלשאַפֿט שיפֿן, וואָס שטייען אין האַפֿן אויפֿן אַנקער. אויף איינער פֿון אָט די שיפֿן וועל איך איבערזיין, ביז סע וועט פֿאַר מיר פֿריי ווערן אַ שטעלע אויף אַ צירקולירנדיקער שיף.

איצט איז אויפֿגעקומען אַ נייע שוועריקייט. הער פֿאָטער האָט זיך ניט געקירט פֿון זיין איינשטעל: קיין איינער פֿון זיינע וויכאָוואַניקס איז ניט געוואָרן קיין שיף־יונג, און ער קען דערפֿאַר ניט איינגיין דערויף, אַז איך זאָל מיר אויסקלייבן אַזאַ פּראָפֿעסיע. דער אַלטער אַנדרעס איז אַליין אַריבערגעגאַנגען צום פֿאַרוואַלטער. פֿון זייער שמועס איז אָבער גאָרניט אַרויסגעקומען. דער פֿאַרוואַלטער האָט ניט נאָכגעגעבן. דער שטייערמאַן איז געווען אויסער זיך פֿאַר כּעס. דעם פֿאַרוואַלטערס באַנעמען זיך איז אין זיינע אויגן געווען אַ פּשוטע שיקאַנירונג, און ער האָט געזידלט דעם „פֿאַרעקשנטן שול־מייסטער" מיט די לעצטע נעמען און מיך געראָטן אים הערן אין טראַק. פּראָסט און פּשוט, ער וועט אים שטעלן פֿאַר אַ געשעענעם פֿאַקט. אַזוי באַלד ווי איך וועל פּטור ווערן פֿון דער שול, זאָל איך קומען צו אים. ער וועט מיר פֿאַרשאַפֿן אַן אַרבעט־קאַרטע און מיך אָפּשיקן אויף אַ דאַמפֿער קיין די־סעלדאָרף. עפּעס בעסערס האָב איך זיך גאָרניט געקענט ווינטשן.

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר מיין ענדיקן די שול, האָט הער פֿאָטער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער האָט באַשלאָסן מיך אָפּצוגעבן צו אַ בלעכער אין דער לערע. איך האָב אים רואיק אויסגעהערט און גאָרניט געזאָגט. און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען איך האָב צום לעצטן מאָל געמאַכט מיין וועג צו דער שול. ס'איז געווען שבת. זונטיק האָב איך זיך צעזעגנט מיט אַלע מיינע קרובים, האָב צונויפֿגענומען מיין ביסל זאַכן אין אַן אַלטער וואַליזע און בין אַוועק צו דער פֿאַמיליע אַנדרעס. דער אַלטער שטייערמאַן האָט נאָך דעם זעלביקן אָוונט געגעבן צו וויסן דעם פֿאַרוואַלטער, אַז מיט דער צושטימונג פֿון מיין אָפּעקון, וועל איך דעם צווייטן טאָג אָפּפֿאָרן קיין דיסעלדאָרף, ווו איך האָב געקראָגן אַ שטעלע ווי אַ שיף־יונג.

מאָנטיק אינדערפֿרי איז ער מיט מיר געגאַנגען אין ראָטהויז, ווו מע האָט מיר אַרויסגעגעבן אַן אַרבעט־קאַרטע. באַלד נאָכמיטאָג האָט דער אַלטער גע־דאַרפֿט פֿירן אַ דאַמפֿער שטראָם־אַראָפּ און איך בין געפֿאָרן מיט אים ביז בינגען. דאָרטן האָט ער מיך באַזאָרגט אויף אַן אַנדער שיף און פֿריינדלעך זיך מיט מיר געזעגנט. מיין שיף איז איבערגעשטאַנען די נאַכט אין בינגען און אויפֿן צווייטן טאָג אָפּגעפֿאָרן קיין דיסעלדאָרף.

ס'איז געווען אַ פּרעכטיקער פֿרילינג־טאָג. די זון האָט געשטראַלט וואַ־רעם און דער הימל איז געווען אַן אַ וואָלקנדל. דער הערלעכער שטראָם מיט זיינע שיינע ברעגעס האָט מיך ממש באַצויבערט. איינעם מיטן שיף־יונג בין איך געזעסן אין דער בלאַנק־ציכטיקער קיך און אים געהאָלפֿן שיילן קאַרטאָפֿל, רייניקן גרינצייג און אַרויפֿשטעלן די טעפּ אויפֿן פֿייער. דאָס צו־

גרייטן די מאַלצייטן פאַר דער מאַנשאַפט איז אויף אַלע שיפן די אַרבעט פון דעם שיף־יונג.

דער שיף־יונג איז געווען אַ קאָמישער פאַרשוין. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער שיפער־פאַמיליע אין באָפאַרד, אָבער אַז מע זאָל אים הערן, איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ קיין ערגערע פּראָפעסיע ווי שיפעריי. אַז איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס, האָט ער געענטפערט, אַז איך וועל דאָס אַליין איינזען גאָר אינגיכן. אַזוי אָבער האָט עס ניט אויסגעזען, אַז זיין באַשעפטיקונג זאָל אים פאַרשאַפן גרויסע זאָרגן. ער האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זינגען און פייפן און דערציילט אַלערליי וויצן, וואָס האָבן מייגסטנס געהאַט אַ גאַנץ זאַפטיקן בייגעשמאַק.

אָנגעקומען קיין דיסעלדאָרף, בין איך גלייך אַוועק אין קאַנטאָר פון דער „קעלן־דיסעלדאָרפער דאַמפשיף־געזעלשאַפט". אויפן סמך פון אַ בריוו וואָס איך האָב צוגעשטעלט פון דער מאַינצער אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט, האָט מען אויסגעפילט מיין אַרבעט־קאַרטע און מיך אָנגעשטעלט ווי אַ שיף־יונג אויף דריי יאָר. דערנאָך האָט מען מיר געהייסן גיין אויף דער שיף קאָנקאָרדיאַ, וואָס שטייט אין האַפן און דאַרטן וואַרטן אויף ווייטערדיקן באַשייד.

די קאָנקאָרדיאַ איז געווען אַן אַלטער פּראַכט־דאַמפּער, וואָס איז געשטאַנען אין האַפן אויף רעמאָנט. אויף דער שיף האָט זיך געפונען בלויז איין מאַטראָס, אַ גיגאַנטישע געשטאַלט, איינאויגיק, מיט אַ קורץ שטייף בערדל. אַז איך האָב אים איבערגעגעבן וועגן וואָס איך בין געקומען, האָט ער מיך אָפּגעמאָסטן מיטן איינעם אויג פון אויבן ביז אַראָפּ, צוגעשאָקלט דערביי מיטן זיין ריזיקן קאָפּ און אין שענסטן רהיינישן דיאַלעקט מיך געפרעגט, צי איך פאַר גערן אויף הילצערנע פערדלעך. איך האָב אים אָנגעקוקט גאַנץ געפּלעפט און ניט־דרייסט אים געפרעגט, אַקעגן וואָס וויל ער עס וויסן.

„אַקעגן וואָס?" האָט ער זיך צעברילט, „ווייל אַ בייבאַק וואָס פּאַנפּעט ווי דו פּאַנפּעסט, דאַרף פאָרן אויף הילצערנע פערדלעך אָדער אויף דער קאַרוסעלע, און ניט אויף אַ שיף. דער טאַטע דיינער האָט דיך בעסער געזאָלט שיקן אויף אַן אויסשטעלונג. קומסט דאָך זיכער פון מאַנהיים?"

„ניין, פון מאַינץ", האָב איך געזאָגט. „פון מאַינץ!" האָט ער זיך צעדונערט, „דאָס איז נאָך ערגער! די מאַינצער קענען דאָך אַפילו ניט מאַכן אונטער זיך, די טויגעניכטן".

צו אַזאַ אויפנעם בין איך ניט געווען צוגעגרייט. ליבער פון אַלץ וואָלט איך גלייך גענומען די פיס אויף די פלייצעס. אָבער דער ציקלאָפּ האָט מיר ניט געגעבן קיין צייט זוך איבערצוקלייגן. „וואָס שטייסטו דאָ ווי אַ פּענדריק וואָס האָט זיך באַמאַכט?", האָט ער ניט אויפגעהערט צו ברילן, „מאַרש אין דער קאַיוטע!"

איך בין אים נאָכגעגאַנגען אויפן פאָדערדעק וווּ מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גלייך־הענגענדיקן לייטער, אין א פיטשינקע צימערל, אַרעם

אויסגעשטאַטעט אָבער זייער רייך. פוןביידע זייטן זיינען געווען אויפגעהויבן צוויי באַנק־בעטלעך איינס איבער דעם אַנדערן. אין הינטערגרונט זיינען געווען אַ פּאָר וואַנט־שראַנקען, אין דער מיט איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט עטלעכע טאַבורעטקעס אַרום אים. מיין געביטער האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ שראַנק וווהין איך זאָל אַוועקלייגן מיינע פּאָר זאַכן. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף איינעם פון די באַנק־בעטלעך: „דאָ וועסטו שלאָפן! שנאָרכסטו אין שלאָף?" — — „ניין", האָב איך געזאָגט. „האָסטו גליק", האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ טרומייט פון אַ ווינקל אַרויס און אַ בלאָז געטאָן קרעפּטיק.

„דאָס איז מיין היימיש מיטל קעגן שנאָרכן", האָט ער געזאָגט. „דאָ שנאָרכט מען ניט! דאָס מאַכט צופיל גערויש". איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרלוירן און ניט געוווּסט וואָס איך זאָל אים זאָגן. ער האָט מיר נאָך אַריינגעבריליט אַ פּאָר שאַרפע ווערטער, וואָס האָבן מיר געדאַרפט געבן צו פילן, אַז ער האָט ניט קיין איבעריק גרויסן אָפּשיי פאַר מיין פּערזאָן. איך האָב אָבער גאָר גיך איינגעזען, אַז דאָס איז ביי אים נאָר אַ מאַניר אַזאַ זיך צו באַניצן מיט שאַרפע ווערטער. אינמיטן רעדן איז ער אויפגעשפּרונגען און פלינק ווי אַ קאַץ אַרויף אויפן לייטער. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. מיר האָבן געשפּרייזט איבער דעם פּאָדערדעק צו דער קיך צו. אויף אַ קליינעם פייער איז געשטאַנען אַן איי־זערנער טאָפּ, עס האָט געשמעקט מיט געקאָכט פלייש. ער האָט אויפגעהויבן דאָס דעקל, אַריינגעשטעקט אַ פּאָר מאָל דעם פינגער און צוגעגאָסן אַביסל וואַסער פון אַ קאַן. דערנאָך זיינען מיר ווידער אַרויף אויפן דעק.

„קאָכן קענסטו?" האָט ער מיך געפרעגט. „קיין סך קען איך זיך ניט אויס, אָבער איך האָף אַז איר וועט מיך גיך אויסלערנען". „אַז געשעדיקט זאָלסטו ווערן!" האָט ער געברומט, „ווי הייסטו, איבעריקנס?"

איך האָב אים געזאָגט מיין נאָמען. פּלוצים האָט ער אַ פאַל געטאָן מיטן געזעס אויפן דעק, אַז סע האָט אַזש געקראַכט. ער האָט זיך איבערגעוואָרפן אין דער לענג אויפן רוקן און אויסגעשטרעקט די פיס, ווי געטראָפן פון אַ שלאַק. ער האָט אַ פּאָר מאָל טיף אייגעאָטעמט און אַרויסגעמורמלט: „רודאָלף! אַזאַ אָנשיקעניש. לויף שנעל אין דער קיך און ברענג מיר די פלאַש וואָס שטייט דאָרטן אויפן טיש! לויף שנעל, זאָג איך דיר. עס ווערט מיר שוואַך ביים האַרצן".

איך האָב אים געבראַכט די פלאַש. ער האָט געטאָן אַ שטאַרקן זופּ, אַרויס־געגעבן פון זיך ווי אַ קנאַק מיט דער צונג, און זיך געגעבן אַ הייב אויף, ווי ער וואָלט געווען אַ גומינער באַל. „גראַד נאָך צו דער רעכטער צייט", האָט ער געזאָגט. „איך האָב שוין געפילט אַלע סימנים פון מיינע קאָנוולסיעס. רו־דאָלף! שפּילן די גרילן, טאַנצן די וואַנצן. ווי איך זע, איז עס ביי דיר אַפילו צו קיין רעכטן נאָמען ניט געקומען. נו, דיין שולד איז עס ניט, וואָס דער טאַטע דיינער האָט ביין חדשים נאָכאַנאַנד אַזוי פאַרטאַטשיש געבלעטערט דעם

קאַלענדאַר, אַבי אויסצוגעפינען אַזאַ דאָסיקן נאָמען. ס׳איז טאַקע נאָר אויס־צוברעכן מיט דער גרינער גאַל״.

זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ שרעקלעכער גרימאַסע. די קאַנוואָל־סיעס האָבן אים קענטיק אַנגעכאַפּט פונסניי, ווייל ער האָט נאָך אַמאָל אַ זופּ געטאָן פון דער פלאַש, זיך אָפּגעווישט די באָרד מיט דער האַנט און ווייטער געפּייערט; „אויף דעם גאַנצן רחיין איז ניטאָ קיין איין שיפער, וואָס זאָל הייסן רודאָלף. די מאַינצער, פאַרשטייט זיך, מוזן זיין אַן אויסנעם. דאָס קומט דער־פון וואָס אָנשטאָט געהירן, האָט מען אַ קאָפּ מיט ציגענע ביבקעס! נאַ, איך וועל דיר יאַקאָש שוין אַרויסטרייבן די מאַנקאַליעס פונעם קאָפּ! דאָ אויף דער שיף הייסטו רוטט! פאַרשטאַנען? רוטט! געשריבן מיט צוויי ט. און איצט גיי אין קיך און שייל אָן קאַרטאָפל, מיר זאָלן האָבן עפּעס צום פּיקן״.

בין איך געזעסן אין דער קליינער קיך מיט אַ גאָפּיל, ווי איך וואָלט אָקערשט האָבן באַקומען מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. אין וואָס פאַר אַ הענט בין איך עס אַריינגעפאַלן? אַנגסטן האָבן מיך באַשלאָגן ביים געדאַנק וועגן מיין צוקונפט. איך וועל דאָ טאַקע פאַרבלייבן ניט מער ווי עטלעכע וואָכן, אָבער ווער ווייסט מיר גאַראַנטירן דערפאַר, אַז אויף אַן אַנדערן דאַמפער וועל איך ניט אַריינפאַלן אין אַ טיפערער בלאָטע? וואָס האָב איך איצט געקענט טאָן? מע האָט מיך גענוג געוואָרנט. ווער עס וויל ניט הערן, דער מוז דערפילן. בשעת מיינע פינגער האָבן מעכאַניש געפירט מיטן מעסער, האָב איך נאָכ־אַמאָל געלאָזט דורכגיין דורכן קאָפּ אַלץ וואָס איך האָב דאָ איבערגעלעבט אין דער לעצטער שעה. ערשט איצט זיינען מיר געקומען צום באַוווסטזיין דעם ציקלאָפּס גראָטעסקע אויסדרוקן און, ווי אַנגעזאַלצן ס׳איז מיר ניט געווען אויפן האַרצן, האָב איך ניט־ווילנדיק זיך געמוזט צעשמייכלען ביים געדאַנק וועגן אָט דעם טשודאַק אויף חידושים מיט זיין אויסטערלישער אויסגעפּי־נערישקייט.

די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל האָב איך אויסגעוואַשן, אַריינגעלייגט אין אַ טאָפּ מיט וואַסער, אַרויפגעשיט אַביסל זאַלץ און אַוועקגעשטעלט אויפן פייער. דערנאָך בין איך צוריקגעגאַנגען אויפן דעק צו מיין פּייניקער. ווי נאָר ער האָט דערהערט, אַז איך האָב אויפגעשטעלט די קאַרטאָפל אויפן פייער, האָט אַ שטראָם געטאָן פון זיין מויל אַ מבול מיט קללות. „איך האָב דיר געהייסן אָפּשיילן די קאַרטאָפל, אָבער ניט מער״, האָט ער געברילט. ער איז אויפ־געשפּרונגען און מיט שטורעם זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער קיך, איך הינטער אים. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס דעקל, אַריינגעקוקט אין טאָפּ אַריין און עפּעס געוואָרטשעט צו זיך אין דער באָרד אַריין. דערנאָך האָט ער געזאָגט שאָקלענ־דיק מיטן קאָפּ: „דאָס האָסטו גוט געמאַכט. ווי קומט עס דו זאָלסט וויסן, אַז קאַרטאָפל קאָכט מען אין אַ טאָפּ? אין מאַינץ קאָכן זיי דאָך די קאַרטאָפל אין אַ קאַווע־קריגל״. ער האָט באַמערקט ווי איך שמייכל, און זיך צעשריגן: „וואָס איז דאָ פון וואָס צו לאַכן? איך האָב געקענט אַ מאַינצער, וואָס האָט גע־

קאָכט זיין געפרעס אין נאַכט־טאָפּ, אַבי צו שפּאָרן זאַלץ... נאַ, גרייט צום טיש! די סמייהע גייט מיר שוין איבער".

אויף מיין פראַגע ווו עס ליגט דאָס טישטוך, האָט ער ווידער צעעפנט אויף מיר אַ מויל: „אַט אַ געשוואָלענער קאָפּ! טישטיכער זיינען בלויז פאַר שמוציקע חזירים! אַז דער טיש איז ריין געשייערט, דאַרף מען ניט קיין טיש־טוך." פאַקטיש איז דער טיש געווען זויבער, ווי אַלץ אין דער קליינער קיך. באַלד זיינען מיר געזעסן פאַר אַ פולער שיסל באַטעמטן גולאַש. נאָך אַ היפשן זופּ פון דער פלאַש, האָט דער איינאויגיקער אַוועקגעלייגט אויף זיין טעלער אַ גאַנץ פיינעם הויפן און מיר צוגערוקט דעם לעפל. דערזען אַז מיין טעלער איז פול נאָר אויף אַ העלפט, האָט ער געזאָגט: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין? ביסטו שוואַך אויף די נערוון? דאָ רייבט מען אַריין און מע רייבט מיט פאַר־שטאַנד. דאָ קוקט מען ניט ווי פייגעלעך פּליִען". און אַן דעם מיך צו פרעגן, האָט ער אָנגעפילט מיין טעלער ביז איבער די קאַנטן. איך האָב געגעסן, ביז איך האָב שוין פשוט ניט געקענט מער.

נאָך דעם מאָלצייט, האָט מיין מיטעסער פונסניי אַ זופּ געטאָן גאַנץ פיין פון דער פלאַש, אָנגעפּראָפּט זיין האַלב־לאַנגע פאַרצעלייגנע פייקע און זיך איינגעהילט אין אַ געדיכטן רויך־וואָלקן. דערזען אַז איך נעם זיך אַפּרוימען פונעם טיש און וויל זיך שוין נעמען וואַשן דאָס געשיר, האָט ער אויף מיר אַ טופּע געטאָן: „לאָז עס! איצט איז מיטאָג־פויזע, איצט אַרבעט מען ניט!" שווייגנדיק האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצ־טערל, פונוואַנען מע האָט געקענט אַרומכאַפּן מיטן אויג דעם גאַנצן האָפן. נאָך אַ ווײַלע האָט ער מיך געפרעגט ווי עס האָט מיר געשמעקט דאָס עסן. „אויסגעצייכנט", האָב איך געזאָגט. „ס'איז דער בעסטער גולאַש וואָס איך האָב ווען עס ניט איז געגעסן".

„אַז מע פראַצעוועט ווי אַן אָקס, דאַרף דער פרעס אויך זיין דאָס נעמ־לעכע", האָט ער באַטאָנט. איבעריקנס, דאָס קאָכן איז ניט פון די גרויסע קונצן. מע דאַרף נאָר ניט האָבן קיין הינערשן קאָפּ. דאָס עסן קאָכט זיך גאַנץ פון זיך אַליין. וואָס ווינציקער דו לייגסט צו אַ האַנט, אַלץ בעסער איז עס. פון איצט אָן וועסטו קאָכן. איך וועל עס דיר שוין יאַקאַש אַריינטאָלקעווען. דו זאָלסט נאָר טאָן ווי מע ווייזט דיר, וועט שוין אַרויסקומען עפּעס אַזוינס ניט צום אַרויסוואַרפן".

נאָך דער מיטאָג־שעה, האָט ער מיר באַפוילן אויפצורוימען די קיך און דערנאָך אַרויפקומען אויפן דעק. ס'איז מיר געוואָרן אַביסל לייכטער אויפן האַרצן. אפשר האַלט עס גאָרניט אַזוי שלעכט. מיט די טשיקאַווע משוגעתן פון מיין נייעם קאָמפּאַניאָן, וועל איך מיר מיט דער צייט שוין געבן אַן עצה ווי עס ניט איז. זאָל ער נאָר אַזוי זיך, זיך באַנעמען צו מיר אַביסל מער ווי אַ נאָרמאַלער מענטש. איך האָב איבערגעוואַשן דאָס געשיר, צוריקגעשטעלט אַלץ אויף זיין פּלאַץ און מיר פאַרגענומען צו טאָן אַלץ אויף אַזאַ אופן, ער זאָל

מיר ניט דאַרפן מאַכן קיין פאָרוואורפן. פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָב איך זיך נאָך אַמאָל אַרומגעקוקט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג, און בין אַרויפ־געגאַנגען צו אים אויפן דעק. ער האָט מיר געהייסן זיך אַוועקזעצן אויפן הויפן דיקע שטריק אים קעגנאיבער און מיר געזאָגט: „איצט קוק זיך צו מיט קאָפּ ווי מע מאַכט צו רעכט שטריק. דאָס איבעריקע וועט שוין קומען פון זיך אַליין".

ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין אַ שטריק עטלעכע סענטימעטער דיק, מיר אָנגעוויזן אויף די באַשעדיקטע שטעלן און מיטן פאַרבויגענעם עק פון אַ גרויסן האָקן, האָט ער צענומען די איינצלנע טיילן פונעם געפלעכט. נאָכדעם ווי ער האָט באַזייטיקט דעם צעשעדיקטן טייל, האָט ער מיר געוויזן ווי אַזוי מע פלעכט צונויף די צעטיילטע טיילן פונעם געפלעכט. ער האָט געאַרבעט אָן איילעניש, אָבער זיינע אומגעלומפּערטע, געשוואָלענע הענט האָבן זיך באַוועגט ביי דער אַרבעט מיט אומגלייבלעכער בריהשאַפט. אַז איך האָב שוין אַ צייט לאַנג זיך געהאַט צוגעקוקט ווי ער אַרבעט, האָט ער מיר געגעבן אַן אַנדער שטריק און געזאָגט: „אַנו, לאָמיר אָקערשט זען, צי דו האָסט עס צעקייט".

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב זיך צוגעקוקט ווי ער אַרבעט, איז עס מיר פאָרגעקומען ווי אַ קינדערשפּיל. אָבער אַז איך האָב אַליין אָנגעהויבן צו מאַ־ניפּולירן, איז מיר גלייך געוואָרן קלאָר, אַז ס'איז גראָד ווייט ניט אַזאַ לייכטע מלאכה. פאַר אַלעמען האָבן מיינע ווייכלעכע הענט ניט געטויגט פאַר אַזאַ אַרבעט. נאָך אַ קורצער צייט אַרבעטן, האָבן מיינע פינגער־שפּיצן מיר אָנגעהויבן ברענען, גלייך ווי איך וואָלט זיך צוגערירט צו גליענדיקע קוילן. אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָב איך אים דערלאַנגט דעם שטריק, ניט אָן אַ געוויסער מאָס אַנגסטלעכקייט. ער האָט באַקוקט מיין אַרבעט פון אַלע זייטן, עפּעס אַריינגעוואָרטשעט אין זיך, און געזאָגט: „ס'איז נאָך ווייט ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָבער דו האָסט זיך געגעבן די מי און דאָס איז נאָך אַלץ בעסער ווי צו מאַכן אין די הויזן. מע דאַרף בלויז וועלן, קומט שוין אַלץ פון זיך אַליין. יאָג זיך ניט דערוויילן און געוווין זיך צו אַרבעטן זויבער".

איך האָב דערוואַרט גאָר עפּעס אַנדערש, און ס'איז מיר אַביסל ליכטיקער געוואָרן פאַר די אויגן. אַט דער צעדולטער בריטאַן איז אפשר גאָרניט אַזאַ שלעכטער מענטש ווי ער וויל זיך אויסגעבן. אויף יעדן פאַל באַנעמט ער זיך ביי דער אַרבעט ווי אַ מענטש וואָס האָט פאַרשטענדעניש און פאָדערט ניט קיין אוממעגלעכע זאַכן. מיר זיינען געזעסן זאַלבעצווייט און געאַרבעט. ער האָט מיר געשטעלט פאַרשיידענע פראַגן וועגן מיין ביזאיצטיק לעבן. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיינע עלטערן און געוואָלט וויסן, וואָס סע האָט מיך געבראַכט דערצו איך זאָל גיין אַרבעטן אויף אַ שיף. אין קורצע ווערטער האָב איך אים געגעבן באַשייד אויף זיינע פראַגן. ער האָט מיך אויסגעהערט

שווייגנדיק, און ס'איז ניט געווען צו דערקענען אויף זיין פנים, צי מיין גע־שיכטע האָט געמאַכט אויף אים עפּעס אַן איינדרוק.

נאָך דער אַרבעט איז ער געגאַנגען אין שטאָט אַריין. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיר אָנגעוויזן וועלכע לאַמטערנעס מע דאַרף אָנצינדן און אַרויספּוצן. איך האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט צו שרייבן בריוו אַהיים און אויך זיך אַרומגעזען וועגן מיין נייער לאַגע. אַז איך האָב זיך געלייגט שלאָפן איז שוין געווען היפּשלעך שפּעט. איך בין אָפּגעשלאָפן די נאַכט ווי אַ דערהרגעטער און זיך אויפגעכאַפּט ערשט אַז מיין קאָמפּאַניאָן האָט מיך גאָרניט אײדל אויפ־געטרייסלט און מיר אַריינגעשריגן אין אויער אַריין: „נאָ, שטייסט אויף, צי ניין? ס'איז שוין זעקס דער זייגער. ס'איז דאָ ניט קיין האָטעל!"

נאָך דעם פרישטיק, האָט ער מיך געשיקט אין שטאָט אַריין איינצוקויפן פאַרשיידענע זאַכן פאַר דער קיך. ער האָט מיר גענוי באַשריבן די געשעפטן וואָהין איך דאַרף גיין און באַזונדערס מיר אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַריין, איך זאָל זיך ניט לאָזן אַרומפּוצן פון די שעלמאַקעס. זיין וואָרנונג איז געווען אינגאַנצן איבעריק, ווייל אַזוי באַלד ווי איך האָב געזאָגט אַז קאַרל האָט מיך געשיקט, האָבן די קרעמערס מיר געגעבן פון זיך אַליין, פונעם בעסטן וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט אין זייערע קראָמען.

אַזוי איז פאַרגאַנגען די צייט. צו עסן איז געווען איבערגענוג. די אַרבעט איז טאַקע ניט געווען לייכט, אָבער ניט גאָר צו שווער, און דערצו מיט אַ סך אָפּבייטונגען. מיין פריקרער קאָמפּאַניאָן, וואָס האָט זיך גראָד ניט אויסגע־צייכנט מיט שלמה המלכס חכמה, האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעשטעלט צו זיין גאָרניט קיין שלעכטער אינסטרוקטאָר. ער האָט זיך טאַקע נאָך אַלץ גע־קאָכט און געזידלט אויף די וועלט וואָס די וועלט שטייט; פון זיין מויל האָט ניט אויפ־געהערט צו שטראָמען מיט איינטאָניקע וואָרט־בילדער, אַז די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך געקענט שטעלן קאַפּויר, און פאָרט האָט ער קיינמאָל ניט פאַרלוירן די געדולד, אַבי ער האָט נאָר איינגעזען, אַז איך פאָלג אויס אַלע זיינע אָנווייזונגען, ווי ווייט איך בין נאָר געווען אין שטאַנד דאָס צו טאָן. אונטער זיינע אָנווייזונגען, האָב איך זיך אויסגעלערנט אויסשייערן דעם דעק, פאַרבן די ווענט, מאַכן קנופּן, פאַרריכטן שטריק און אָפּקאָכן אַן עסן ווי אַן אמתער שעף. דערביי האָב איך געהאַט אָפטע געלעגנהייטן צו גיין אין שטאָט אַריין, באַזונ־דערס אין די זונטיקס, ווען איך האָב פון נאָך דעם פרישטיק געקענט טאָן וואָס סע האָט זיך מיר נאָר פאַרוואָלט.

מיין פאַרהאַרטעוועטער קאַמעראַד האָט מיר מיט גאָרניט געגעבן צו פילן, אַז ער האָט פאַר מיר אַ טיפע סימפּאַטיע, אָבער מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַלץ מער און מער צוגעלאָזטער. עס האָט אַפילו געקענט אויסזען ווי ער זאָל גאָר האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז איך קום פון מאַינץ. אַז ער איז געווען אין אַן אויסנעמיק גוטער שטימונג, פלעגט ער אַפילו זיך אַראָפּרעדן פאַר מיר פונעם האַרצן וועגן זיין פאַמיליע־לעבן. דערביי פלעגט ער קרויגען זיין צווייטע

העלפט מיט אַזעלכע צערטל־נעמען, וואָס איך האָבן פון זיי געמוזט אַרויס־דרינגען, אַז ער האָט זיך קיינמאָל ניט אַריינגעטראַכט אין שילערס ווערטער: „רעספּעקט פאַר די פרויען! זיי פלעכטן און וועבן הימלישע רויזן אין ערדישן לעבן".

אַזוי זיינען אַפּגעלאָפן אַ זעקס וואָכן, ביז די קאָנטאָר פון דער שיף־געזעל־שאַפט האָט מיר צוגעשיקט אַ מעלדונג איך זאָל זיין גרייט צו פאַרנעמען מיין פּלאַץ ווי אַ שיף־יונג אויף דער שיף מאַטילדע. וואָס דאַרף אָנקומען פון ראָ־טערדאַם אין אַ פּאָר טעג אַרום. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גוטע נייס. די מאַטילדע איז אַ שיף וואָס צירקולירט שטראָם אַרויף ביז מאַנהיים. אַז איך וועל האָבן גליק, קען מען מיך אַפּלאָזן אין מאַינץ אין שטאָט אַריין און איך וועל זיך זען מיט מיינע קרובים. חוצדעם איז עס געווען פאַר מיר דער ריכ־טיקער אָנהייב פון מיין פּראָפעסיע. די מאַטילדע צירקולירט רעגלמאָסיק צווישן מאַנהיים און ראָטערדאַם. אַזוי אַרום וועל איך האָבן די געלעגנהייט יעדע צען טעג צו זיין אין מאַינץ און ווידער אויפנעמען דאָס טרעפן זיך מיט מיינע חברים און פריינד. אַזאַ פּערספּעקטיוו איז געווען פאַר מיר אַ גרויסע טרייסט, ווייל איך האָב געבענקט אַהיים און נאָך מיין גאַנצן היימישן אַרום.

דער טאָג איז געקומען ווען איך האָב געדאַרפט פאַרלאָזן דיסעלדאָרף. איך האָב זיך צעזעגנט מיט קאַרלען. ער האָט מיר פריינדלעך געדרוקט די האַנט און מיך געבעטן צו קומען אים זען פון צייט צו צייט אויף דער דורכ־רייזע. איך בין אַוועק אין קאָנטאָר פון דער געזעלשאַפט. דאָרטן האָט מען מיר אַרויסגעגעבן מיינע פּאַפּירן און מיר אויסגעצאָלט מיין לוין 42 מאַרק. דאָס איז מיר ווי אַראָפּגעפאַלן פונעם הימל. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל באַקומען שכירות ערשט ווען איך וועל האָבן אַ באַשטימט אַרבעט־פּלאַץ. צוויי־און־פערציק מאַרק! קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך ניט געהאַט ביי זיך אַזוי פיל געלט. איך בין מיר פאַרגעקומען גלייך איך זאָל האָבן גע־ווונען דאָס גרויסע געווינס.

די מאַטילדע איז אָנגעקומען קיין דיסעלדאָרף מיטאָג־צייט. איך בין גלייך אַרויף אויף דער שיף מיט מיין אַלטער וואַליזע. דער אייבער־מאַטראָס האָט מיר אָנגעוויזן מיין בעט און אַ קליינעם שראַנק אין דער קאַיוטע פאַר דער מאַנשאַפט. דערנאָך האָט ער מיך געשיקט אין דער קיך. דאָרטן דאַרף מיך אויפנעמען דער דעק־מאַטראָס און מיר אָנווייזן אַלץ וואָס איך האָב צו טאָן. דער דעק־מאַטראָס, אַ קרעפּטיקער הויך־געוואַקסענער יונג, מיט פלאַקס־געלע האָר און גרויסע בלויע אויגן, האָט איצט טאַקע פאַרענדיקט זיין לער־צייט. ער האָט מיך באַגריסט פריינדלעך. ער האָט פונקט געהאַלטן ביים אַוועקטראָגן דאָס עסן פאַר דער מאַנשאַפט, און איך האָב אים צוגעהאָלפן ביי דער אַרבעט. נאָך דעם מאָלצייט, זיינען מיר ביידע אַוועק אין קיך איבערצוואַשן דאָס גע־שיר. דער נאָכמיטאָג איז פאַרגאַנגען מיט אַלערליי קליינע אַרבעטן. דערביי איז מיר זייער צונוץ געקומען מיין קורצע לער־צייט אויף דער קאָנקאָרדיאַ.

ס'איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקער אָנהייב־זומער טאָג. איך האָב געהאַט דאָס געפיל גלייך איך וואָלט געוועז אַוועק פון דער היים זינט אַ גאַנצער אייביקייט. מיט פרײַדיקער אומגעדולד האָב איך באַגריסט יעדער שטעטל שטראָם־אַרויף, וואָס האָט מיך דערנענטערט אַהיים. דעם צווייטן אָוונט אַז מיר זיינען אָנגעקומען קיין בינגען, האָב איך געהאַט אַן אָנגענעמע איבעראַשונג. דער שטייער־מאַן אַנדרעס איז אַרויפגעקומען אויפן דעק צו פירן די מאַטילדע ביז מאַינץ. דער אַלטער האָט מיך באַגריסט אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער, פּשוט און איינגעהאַלטן. ער האָט שוין געוווסט דערפון, אַז איך בין אויף דער שיף. ווי ער האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז עס געוועזן זיין אַרבעט, וואָס מע האָט מיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַשטימט אויף אַ באַשטענדיקן פּלאַץ. איך האָב אים געפרעגט, צי אין מאַינץ וועל איך קענען אַראָפּגיין אין שטאָט אַריין זיך צו זען מיט מיינע קרובים. ער האָט שאַלקהאַפטיק אַ בלינצל געטאָן מיט אַן אויג און מיך געפרעגט, צי איך האָב זיך פאַרבענקט אַהיים.

איך בין רויט געוואָרן איבער די אויערן, און האָב עס אים, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט צוגעבן. — — „נו, פּוץ זיך ניט, מיין יונג. אַלע האָבן מיר דאָס דורכגעמאַכט. ענדלעך, איז עס דאָך ניט קיין בושה צו בענקען נאָך מענטשן, וואָס זיינען אונדז נאָענט".

קיין מאַינץ זיינען מיר אָנגעקומען קורץ נאָך האַלבער נאַכט. איך בין זינט לאַנג שוין געשטאַנען אויפן פאָדערדעק און זיך צוגעקוקט ווי עס שעמער־רירן אַלץ נעענטער די ליכטער פון דער שטאָט און עס טויכן אויף ביסלעכווייז די סילועטן פון די געביידעס. איך בין אָבער גאָרניט געוועזן אויפגעלייגט. פון דעם דעק־מאַטראָס האָב איך שוין געוווּסט, אַז די מאַטילדע גייט אָפּ קיין מאַנהיים מאָרגן אינדערפרי זיבן דעם זייגער. מיין האָפענונג זיך צו קענען אַראָפּכאַפּן אין שטאָט אַריין, איז אויסגערונען און איך האָב זיך געמוזט דערמיט אָפּפאַרטיקן, ווי שווער דאָס איז מיר ניט געווען.

אַז מע האָט אַראָפּגעלאָזט די לאַנדונג־בריק, בין איך געגאַנגען צום שטייער־ראָד זיך צו געזעגענען מיט דעם אַלטן. ווי ער האָט מיך נאָר דערזען, האָט ער אַ מאַך געטאָן צו מיר מיט אַ שמייכל: „נ־נו, בחורילע, האָסטו גאָרניט וואָס מיטצונעמען?" איך האָב אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן. אָבער ער האָט מיר פריינדלעך אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל און געזאָגט: „וואָס שטייסטו ווי אַ פאַרשלאָפענער! היידאַ, שפּודע זיך צו! מיר גייען אין שטאָט אַריין. דו וועסט דאָ בלייבן ביז די מאַטילדע וועט צוריקקומען פון מאַנהיים".

פאַר פרייד האָב איך צוערשט ניט געוווסט ווו איך בין אין דער וועלט. דערנאָך האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן העגדום־פּעגדום אין דער מאַנשאַפט־קאַיוטע צונויפצופּאַקן מיינע פּאָר זאַכן. קיין סך צייט האָט מען דערצו ניט געדאַרפט, און איביינעם מיטן אַלטן האָבן מיר זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. אַז מיר זיינען שוין געוועזן ניט ווייט פונעם פּישטויער, האָט דער אַלטער

מיר אַ זאָג געטאָן: „דו קענסט איבערשלאָפן די נאַכט ביי אונדז. עס האָט ניט קיין זין דו זאָלסט אויפרודערן דיינע לייט פונעם שלאָף אַזוי שפּעט״.

ליבער פון אַלץ וואָלט איך געגאַנגען מעסטן די אַלטע גאַסן דעם רעשט פון דער נאַכט. די פּלוצימדיקע פרייד האָט ביי מיר צוגענומען יעדן חשק זיך צו לייגן שלאָפן. אָבער דעם אַלטן האָב איך דאָס, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זאָגן. פּאָר פרי בין איך שוין געווען אויף די פיס. ס׳איז געווען אַ שבת. אונ־דזער שיף קומט צוריק פון מאַנהיים ערשט מאָנטיק נאָכמיטאָג. איך האָב אַזוי אַרום געהאַט פאַר זיך פולע צוויי מעת־לעת, וואָס איך האָב געוואָלט אויסניצן ווי צום בעסטן. נאָך דעם פרישטיק ביי דער פאַמיליע אַנדרעס, בין איך צוערשט אַוועק צו די באָבעס, וואָס האָבן מיך באַגריסט מיט פריידיקער איבעררעשונג. דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָב איך אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָט מיט מיין ברודער און געגעבן צו וויסן די קרובים וועגן מיין קומען. אין אָוונט איז די גאַנצע פאַמיליע זיך צונויפגעקומען אין הויז ביי דער באָבע ראָקער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געמוזט דערציילן מיט אַלע איינצלהייטן ווי ס׳איז מיר צוגעגאַנגען די גאַנצע צייט פון מיין אַוועקזיין. איך האָב איבער־געגעבן ווי צום בעסטן וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז מיט מיר פאָרגעקומען. מיין אָפּשילדערן דעם איינאויגיקן קאַרל, האָט אַרויסגערופן אַ סך געלעכטער. נאָר די באָבע ראָקער און דער פעטער זיינען געבליבן ערנסט און מע האָט געקענט זען, אַז מיינע אויספירונגען זיינען פאַר זיי גאַרניט צום האַרצן. די אַלטע האָט פשוט געהאַלטן, אַז אָט דער קאַרל איז אַ גראָבער בורילע און שפּאָטיש האָט זי צוגעגעבן, אַז אין אַזאַ געזעלשאַפט קען פון מיר ווערן אַ שיינער לייט. דער פעטער איז דעם גאַנצן אָוונט געזעסן פאַרטיפט אין זיך און זיך כמעט ניט אַריינגעמישט אין אַלגעמיינעם שמועס. ס׳איז שוין געווען העט נאָך האַל־בער נאַכט, ווען די געזעלשאַפט איז זיך ענדלעך צעגאַנגען.

איך האָב צוגעזאָגט דעם אָנקל, אַז זונטיק וועל איך קומען צו אים צום מיטאָג און בין רעכטצייטיק שוין געווען אין דער קליינער וווינונג, וואָס איז מיר געווען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. מיר האָבן זיך געהאַט צו דערציילן אַפּולע זאַכן. פאַר דער צייט פון מיין אַוועקזיין, האָט דער אָנקל געהאַט צוויי הויז־זוכונגען, אָבער מע האָט ביי אים געפונען בלויז אַ לעצטן נומער פון „סאָציאַל־דעמאָקראַט״, און די פּאָליציי איז אַוועק מיט גאָרניט, ווייל אַפילו אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ איז ניט געווען פאַרבאָטן צו האָבן ביי זיך אַן איינצלנעם עקזעמפּלאַר פון אַן אומלעגאַלער צייטונג. אויב מע האָט ניט געקענט נאָכווייזן, אַז אַזאַ עקזעמפּלאַר ווערט געניצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע.

איך בין געבליבן נעכטיקן ביים אָנקל. אין אָוונט זיינען געקומען דעם אָנקלס צוויי חברים, אַרויסגעשיקטע פון פראַנקפורט, און מיר האָבן פאַר־בראַכט עטלעכע זייער אָנגענעמע שעהן. אַז די געסט זיינען אַוועק, האָט דער פעטער מיט אַמאָל אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף מיין פּראָפעסיע און מיך

געפרעגט, צי האָב איך אויף אַן אמת באַשלאָסן צו בלייבן דערביי. איך האָב געוווּסט ווי שווער ס'איז אים שלום צו מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך בין אַ שיף־יונג, און זיין פראַגע האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך האַרצווייטאָג. ניט אומזיסט מאַכט זיך דאָך דער אָנקל אַזוי פיל זאָרג וועגן מיר. איך האָב דאָך געמוזט צוגעבן מיר אַליין, אַז גראָד לאָקט עס מיך שוין גאַרניט אַזוי שטאַרק צו פאַרבלייבן אַ שיפמאַן. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אַ גרענעצלאָזער שרעק באַפאַלט מיך ביים געדאַנק צו מוזן צוריקגיין אין יתומים־הויז און אָנקומען אויף דער לערע אין עפּעס אַ דאָרף, דערצו נאָך זיך מוזן לערנען אַ מלאכה, וואָס איך האָב ניט צו איר דעם מינדסטן חשק. איך האָב פאַר אים נאָך אַמאָל אויסגעלייגט אויפן בעסטן אופן אַלע מאָטיוון, וואָס האָבן מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק צו גיין אַרבעטן ווי אַ שיף־יונג. ער האָט מיך אויסגעהערט שווייגנדיק און געזאָגט טרויעריק:

„אפשר האָסטו רעכט. אָבער איך קען זיך ניט באַפרייען פונעם געדאַנק, אַז אָט די פּראָפּעסיע קען צעשטערן דיין גאַנצע צוקונפט. זאָג עס מיר צו צום ווינציקסטן, אַז אויב דו וועסט זיך ענדלעך פאַרט באַקלערן, זאָלסטו זיך ניט באַנאַרישן מיט פאַלשער בושה. דו האָסט נאָך פאַר זיך אַ גאַנץ לעבן, און עס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט פון דיין זייט צו פאַרוואַרפן יעדער אַנדערן אויסוועג, נאָר כדי צו באַווייזן, אַז דו האָסט כאַראַקטער אויסצוהאַלטן, אַפילו אַז דער פשוטער פאַרשטאַנד זאָל דיר אונטערזאָגן דאָס פאַרקערטע".
איך האָב געגעבן דעם אָנקל מיין צוזאָג, ער האָט מיך אַרומגענומען מיט טיפער האַרציקייט און איך האָב געפילט, אַז מיין פאַרזיכערונג האָט אים פאַרשאַפט אַ געוויסע פאַרלייכטערונג.

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָב איך זיך געזעגנט מיט דער מומע דינה און מיט די קינדער און האָב באַגלייט דעם אָנקל צו זיין אַרבעט־פּלאַץ. דערנאָך בין איך געגאַנגען צו די באָבעס צו פאַרברענגען מיט זיי און מיט מיין ברודער די צייט וואָס ס'איז מיר נאָך פאַרבליבן. די באָבע ראָקער האָט ניט גערעדט קיין סך, אָבער איך האָב עס לייכט געקענט מערקן, אַז זי איז באַזאָרגט וועגן מיר פּונקט ווי דער אָנקל. נאָך דעם עסן האָט מיין ברודער מיך באַגלייט צום האַפן. די מאַטילדע איז נאָך ניט געווען און מיר האָבן נאָך געהאַט צו וואַרטן אַ היפּשע ווײַלע. אַז די שיף איז ענדלעך אָנגעקומען, האָב איך זיך האַרציק געזעגנט מיט מיין ברודער, און בין אַרויף אויפן דעק.

דאָס לעבן אויף דער שיף

איך בין געווען אין אַ מאָדנער שטימונג. מיין אָנקלס ווערטער האָבן מיך גערירט אַ סך טיפער, ווי איך האָב גאָר געהאַט דעם מוט זיך מודה צו זיין אין דעם פאַר זיך אַליין. עס האָט מיר ווײ געטאָן, וואָס מיינסט האַלבן מוז ער האָבן אַזוי פיל עגמת־נפש. אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט מיך באַזונדערס געלאָקט גראָד אָט די ערשטע לענגערע רייזע. צום ערשטן מאָל וועל איך זען אַ פרעמד לאַנד. די מאַטילדע האָט געמאַכט איר מאַרשרוט ביז ראָטערדאַם, ווו איך וועל באַשטימט קענען זיך אָנזען מיט אַפּולע אומבאַקאַנטע זאַכן. אין דער אמתן האָב איך זיך אין יענער צייט ווינציק־וואָס געקימערט וועגן מיין צוקונפט. איך האָב זיך געפילט יונג און שטאַרק און האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך וועל יאַקאָש זיך דורכשלאָגן דורך אַלע מעגלעכע סיטואַציעס. צו וואָס זיך ברעכן דעם קאָפּ וועגן זאַכן, וואָס זיינען דערווייל נאָך אַזוי ווייט? די יוגנט טראַכט תמיד אויף אַן אייגענעם אופן, וואָס פאָרט זיך כלל ניט מיטן געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד. אין יעדן געזונטן יונגן מענטשן לעבט אַ שטיק אַוואַנטור־ריסט; עס ציט אים צו טויזנטערליי זאַכן, וואָס ווערן שפּעטער צעריבן אין די מילשטיינער פונעם לעבן. אַן אומבאַשטימט באַגערן שטערט דעם יוגנט־לעכן זיך אַריינצופּאַסן אין די ענגע באַגרענעצונגען פון פעסטע לעבנס-כללים און ער זוכט נייע פאָרמען פאַר זיין אויסלעבן זיך.

דער פעטער האָט דאָס אַלץ גוט פאַרשטאַנען. ווי שווער דאָס איז אים ניט אָנגעקומען, האָט ער מיר קיינמאָל ניט געשטערט אין מיינע אימפּולסן און האָט אַפילו געווירקט אויף מיין זיידן און באָבען זיי זאָלן מיר ניט לייגן קיין שטיינער אין וועג. ער האָט געוווסט אַז בלויז מיינע איבערלעבענישן וועלן מיך מאַכן פּראַקטישער. מיין ווערן אַ שיף־יונג וואָלט אים מן הסתם ניט געפאַלן אַזוי שווער, ער זאָל זיך ניט מוזן זאָגן, אַז איך האָב זיך באַשלאָסן דערצו, ניט דערפאַר וואָס איך זאָל זיך יאָגן נאָך אַוואַנטורעס, נאָר מחמת דער ביטערער נויטווענדיקייט פון די אומשטאַנדן. גראָד אָט דאָס באַוווסטזיין האָט אים שטאַרק געקרענקט, ווייל טיף ביי זיך אין האַרצן האָט ער געמוזט איינזען, אַז איך האָב טאַקע ניט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג.

דאָס לעבן אויף דער שיף איז ניט געווען קיין לייכט לעבן. אַרבעט איז געווען איבערן קאָפּ און אָנהייבער היפּשלעך שווער, ביז איך האָב געכאַפּט דעם ריכטיקן סטרי, וואָס האָט מיר פאַרגרינגערט אויך דעם גרעסטן אָנשטרענג. חוץ דעם פּאַלובע־מאַטראָס, האָבן מיר געהאַט נאָך זיבן מאַטראָסן. פאַר זיי אַלע האָב איך געדאַרפט צוגרייטן די מאָלצייטן. אין דער ערשטער צייט האָט דער פּאַלובע־מאַטראָס מיך אינסטרואירט וואָס און ווי אַזוי איך האָב אַלץ צו טאָן. נאָך אַ פּאָר וואָכן האָב איך שוין געמוזט אַליין באַזאָרגן אַלע אַרבעטן אין קיך. די קיך־ווירטשאַפט האָט געהערט צו דער מאַנשאַפט, די שיף־געזעלשאַפט האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דער באַשפּייזונג פון די מאַטראָסן. סוף וואָך, אַז מע האָט אויסגעצאָלט די לוינען, האָט יעדער מאַטראָס געדאַרפט איינצאָלן פיר מאַרק אין דער קיך־קאַסע. מיט דעם גאַנצן באַטרעף האָט מען געדאַרפט דעקן די וואָכנטלעכע הוצאות. ווי אַ שיף־יונג, האָב איך געהאַט צו צאָלן בלויז די העלפט. טאָמער האָט זיך געמאַכט, אַז צום סוף וואָך האָט ניט געסטייעט קיין געלד אין דער קאַסע, האָט מען דעם צוגאָב פאַר־טיילט אויף אַלע צוגלייך.

אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער קיך, איז געפאַלן אויף מיינע פּלייצעס, אויך דאָס איינקויפן. אין דער ערשטער צייט איז דער פּאַלובע־מאַטראָס מיטגעגאַנגען מיט מיר און אין יעדער שטאָט מיר אָנגעוויזן די געשעפטן, ווו מע ווערט באַדינט צום בעסטן און ביליקסטן. געוויסע פּראָדוקטן פלעגט מען איינקויפן נאָר אין באַשטימטע שטעט, וואָס האָבן געהאַט דעם רוף פון ראַיעלע סחורות. אַזוי אַשטייגער, איז דער איינקויף פון ברויט געווען באַשטימט פאַר באָפּאַרד, וורשט און פלייש פאַר מאַינץ, קעלן און דיסעל־דאָרף, צוקער, קאַווע, געווירצן, טיי און אַנדערע קאָלאָניאַלע אַרטיקלען פאַר ראָטערדאַם. כדי איינצוהאַלטן די קונדשאַפט, פלעגן די קלענערע קרעמערס געבן דעם שיף־יונג פון צייט צו צייט קליינע געשאַנקען אָדער אַ פּאָר גראָשן. די בידנע יאַטן האָבן זיך דערמיט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָרפן.

אַז איך בין געווען פריי פון אַרבעט אין דער קיך, האָב איך געמוזט צו־לייגן אַ האַנט ביים אויסלאָדן און אויפלאָדן אין די אָפּשטעל־ערטער. ביסלעכ־ווייז בין איך געוואָרן אַריינגעצויגן אין אַפּולע אַנדערע פון די טאָג־טעגלעכע אַרבעטן אויף דער שיף. ליידיק בין איך ניט געזעסן קיינמאָל, און שפּעט אין אָוונט, אַז איך בין ענדלעך אַרויפגעקראָכן אויף מיין באַנק־בעטל אין דער מאַנשאַפט־קאַיוטע, זיינען מיר די אויגן צוגעפאַלן איידער נאָך איך האָב באַ־וויזן זיך רעכט אויסצושטרעקן. אָבער איך בין געווען יונג און שטאַרק, און האָב זיך אַלץ מער און מער צוגעוווינט צו דער שווערער אַרבעט.

דאָס באַנעמען זיך צו מיר פון די מאַטראָסן איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב ניט געהאַט קיין גרונט זיך צו באַקלאָגן. איך האָב געקענט אַ היפּשע צאָל יינגלעך אין יתומים־הויז, וואָס וואָלטן מיט פאַרגעניגן זיך געביטן מיט מיר אין דעם פּרט. די מאַטראָסן זיינען ניט געווען קיין צירלעך־מאַנירלעכע לייט;

אָפּגעהאַרטעוועטע פון וועטער און אַרבעט, האָבן זיי ניט געוווּסט פון קיין צערעמאָניעס אין זייער פאַרהאַלטן זיך; זייערע רייד זיינען געווען גראָב, אָן באַפּוצונג, ווי זייער פּראָפּעסיע; זייערס אַ וואָרט איז גראָד ניט געווען מיט גאָלד גליַיך. אָבער, האָט מען זיי דערקענט אַביסל נענטער, האָט מען געמוזט צוגעבן, אַז אין דער אמתן האָט מען דאָ צו טאָן מיט אַ גוטמוטיקער חברה, וואָס זיינען גרייט צו יעדער צייט אַרויסצוהעלפן אַ צווייטן אין אַ נויט און אַז אין פלוג זיינען זיי אַ סך, אַ סך בעסער ווי זיי מאַכן דעם אָנשטעל. מע האָט זיך געזידלט און געשאָלטן אויף וואָס די וועלט שטייט, אָבער דערביי איז עס געבליבן. אַזוי צום ביישפּיל, האָבן מיר געהאַט אויף דער שיף צוויי מאַט־ראָסן בריטאַנעס, יונגן ווי די דעמבעס; אויף דעם גאַנצן רהיין האָט מען זיי געקענט ווי בייזע שילינגער און געציטערט פאַר זייער הויך; זיי זיינען שוין ניט איינמאָל אָפּגעקומען באַשטראָפונגען פאַר עקסצעסן און געשלעגערייען, אָבער גראָד זיי זיינען תמיד געווען אין דער בעסטער שטימונג, מיט זיי האָט מען צום בעסטן געקענט אויסקומען אין טאָג־טעגלעכן אומגאַנג און פון זיי ביידן האָב איך קיינמאָל קיין קרום וואָרט ניט געהערט. איינמאָל בעת איך האָב געהאַלטן ביים אויפהייבן אַ זייער שווערן זאַק, איז איינער פון זיי צו־געקומען צו מיר און געזאָגט: „אָבער ניין, יונג! דאָס איז פאַר דיר צו שווער. דערצו וועסטו נאָך האָבן צייט, אַז דו וועסט עלטער ווערן". ער האָט אַ נעם געטאָן דעם שווערן זאַק אויף זיינע פּלייצעס און מיר האָט ער אָנגעוויזן אַראָפּ־צוטראָגן לייכטערע זאַכן.

וואָס סע געהערט גייסטיקע אינטערעסן, זיינען מיינע אַרבעט־קאַמעראַדן געווען אַ פּרימיטיווער שבט. די מערסטע פון זיי האָבן קוים געלייענט אַ צײַ־טונג; זאַכן וואָס פּאַסן זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון זייערע טאָג־טעגלעכע באַציאונגען, זיינען זיי אָנגעגאַנגען אויפן שפּיץ מעסער; אַז איינער האָט שוין יאָ אַמאָל גענומען אַ ביכל אין דער האַנט אַריין, איז עס ווי אַ כלל, געווען עפּעס פון דער שונד־ליטעראַטור, וואָס האָט זיך צעבליט אין יענער צייט. אין די גרעסטע האַפנס ווו די שיף פלעגט זיך פאַרהאַלטן לענגער ווי געוויינטלעך, פלעגן תמיד אַרויפקומען אויף דער שיף פּאַקנטרעגערס און אָנבאָטן די איינצל־נע העפטלעך פון די לאַנג־צעצויגענע רויבער־מעשיות. אָפּטמאָל אַז איך פלעג אַראָפּגיין אין אַ שטאָט איינצוקויפן פאַר דער קיך, פלעג איך פאַראיינ־וועגס דאַרפן באַזאָרגן די פאָרזעצונג־העפטן פאַר עמעצן פון מיינע אַרבעט־קאַמעראַדן. מייסטנס זיינען דאָס געווען שמאָנצעס ווי: „דער שוואַרצער איג־נאַץ", „דער ערמיט ביים שטאַרנבערגער ים", „מאַרינע מאַרינעלי, דער סטראָ־שאַק פון שפּאַנישן ים" און נאָך אַזעלכע.

פאַר די זעקס־זיבן חדשים וואָס איך האָב געלעבט אויף דער שיף, איז מיר ניט אויסגעקומען צו הערן אַ מאַטראָס זאָל אַרויסזאָגן זיין מיינונג וועגן עפּעס אַ סאָציאַלער פראַגע, אָדער וועגן אַקטועלע פּאַסירונגען אין עפנטלעכן לעבן. אַז אַ פּאָר פון דער מאַנשאַפט זיינען געווען פריי פון דינסט, זיינען זיי

געוויינטלעך געזעסן אין דער קאַיוטע און געשפּילט קאָרטן אָדער גלאַט אַזוי זיך געפּלוידערט וועגן טויזנטערליי זאַכן. אין אַלגעמיין האָבן די שמועסן זיך געדרייט אַרום געשלעגערייען, טרינקערייען אָדער מענטשער — פרויען אויף דער מאַטראָסישער בלומען־שפּראַך.

אַלע מיינע אַרבעט־קאַמעראַדן האָבן געגלייבט אין זאַבאַבאָנעס. איך האָב זיך אָנגעהערט פון זיי מיט אָן אַ שיעור אוממעגלעכסטע באַצרעס. דער גרעס־טער אומזין, וואָס מע קען אָננעמען העכסטנס ווי אַ פּערזענלעכע איבערלע־בעניש, האָט ניט אַרויסגערופן דעם מינדסטן אָפּרעג. איינער פון די מאַט־ראָסן, דער לאַנגער אַנטאָן, האָט זיך אויסגעצייכנט גאָר באַזונדערס מיט אַ מין געשפּענצטער־קאָמפּלעקס. ווּהין ער האָט זיך ניט אַ קער געטאָן, אומע־טום, האָט ער גלייך אויסגעפונען עפּעס אַ שלעכטן סימן, שדים, ניט־גוטע, וואָס זיינען אייטל גרייט צו פאַרביטערן דאָס לעבן דעם מין מענטש. אָבער ער האָט זיך נישקשהדיק אויסגעקענט אויף אַלע האָקוס־פּאָקוסן ווי זיך צו שיצן קעגן די פינצטערע כוחות.

מיט אָט דעם אַנטאָנען האָט מיר איינמאָל פּאַסירט אַ לוסטיקער צווישנ־פאַל. דעס סטאַנציע־אויפזעער אין אַנדערנאַך האָט געהאַט אַ גרויסן שוואַרצן קאָטער. געוויינטלעך פלעגן מיר אים טרעפן זיך וואַרעמען אויף דער זון אויף אַ הויכן סלופּ גלייך ביי דער אויסשטייג־בריק. יעדער מאָל אַז מע האָט פאַר־וואָרפן דעם צובינד־שטריק אויף דעם ברעג אין אַנדערנאַך, פלעגט דער לאַנגער אַנטאָן ניט אַראָפּנעמען קיין אויג פונעם סלופּ. אַזוי לאַנג ווי דער קאָטער איז זיך געזעסן גאַנץ רואיק פון אויבן, וואָלט אַנטאָן פאַר קיין שום פּרייז אין דער וועלט ניט געשטעלט זיין פוס אויף דער בריק, אַפילו אַז ער זאָל דערפאַר ריזיקירן מיט זיין שטעלע. ווי איך האָב זיך שפּעטער דער־ווּסט, האָט ער איינמאָל זיך צעבראָכן אַ האַנט אָדער אַ פוס ביים אויסלאָדן די שיף אין אַנדערנאַך. פאַר אַנטאָנען איז עס געווען אויסער יעדן צווייפל, אַז אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט אים געקענט אָפּטאָן ניט קיין אַנדערער ווי נאָר דער קאָטער.

איינמאָל אַז מיר זיינען אָנגעקומען קיין אַנדערנאַך אין אַ פרימאָרגן און געטראָפן דעם קאָטער אויף זיין באַשטענדיקן פּלאַץ, האָט אַנטאָן מיר געהייסן אַראָפּטרייבן די בייזע חיה פונעם סלופּ. איך האָב עס אים צוליב געטאָן, און דאָס אויסלאָדן און אויפלאָדן איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָרמאַל. מיט אַ וואָך שפּעטער, אויף דער צוריקרייזע פון ראָטערדאַם, האָבן מיר ביים צוקומען צום ברעג אין אַנדערנאַך אַלץ געטראָפן דעם קאָטער זיצן געמיטלעך אויפן סלופּ. אַנטאָן האָט, ווי תמיד, גלייך געוואָרפן אַן אויג צום קאָטער. איך האָב אים געוואָלט לייכטער מאַכן דאָס האַרץ און זיך צוגעאיילט מיט מיין פּרווו צו פאַריאָגן דאָס באַשעפעניש פון זיין פּלאַץ. נו, האָב איך אָפּגעטאָן דאָס רעכטע שטיקל אַרבעט. אונדזער געשפּענצטער־יעגער איז צו מיר צו מיט אַ ירגזון און עס האָט אויף מיר אַ האַגל געטאָן מיט די זאַפּטיקסטע זידל־ווערטער.

איך בין געבליבן געפלעפט. ביז דעמאָלט האָב איך פון אים ניט געהערט קיין שלעכט וואָרט. מיין צעטומלעניש איז געווען נאָך גרעסער דערפאַר, וואָס איך האָב ניט אָנגעהויבן צו וויסן מיט וואָס האָב איך זיך אַזוי פאַרשולדיקט. אַז ער האָט שוין געהאַט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן אַרסענאַל פון זיינע צערטל־ווערטער, האָב איך אים געפרעגט וואָס פאַר אַ פאַרברעכן בין איך באַגאַנגען.

„פאַרברעכן?" האָט ער פונסניי זיך צעברילט. „פאַרוואָס האָסטו פאַרטריבן דעם קאָטער?" איך האָב אים קלאָר געמאַכט, אַז איך האָב עס געטאָן טאַקע אים צוליב, ווייל מיט אַ וואָך צוריק האָט ער אַליין דאָך מיך געבעטן אַראָפּ־צוטרייבן דעם קאָטער פונעם סלופּ.

„גאָט אין הימל!" האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. „ביסטו אָבער אַ שטיק בהמה פון גאָטס גענאָד. ווי קען נאָר אַ מענטש זיין אַזוי נאַריש? דע־מאָלט זיינען מיר אָנגעקומען אַהער פאַרמיטאָג, און יעדער אייזל־קאָפּ וויים עס, אַז פאַרמיטאָג ברענגט אַ שוואַרצער קאָטער אומגליק. אָבער איצט, נאָכ־מיטאָג, ברענגט דער קאָטער גליק".

אַנטאָן האָט געהאַט אַ צעטל פון דער ברוינשווייגער לאָטעריע. אַ פּאָר וואָכן נאָך יענעם צווישנפאַל, איז געווען די ציאונג און זיין נומער האָט ניט געוווּנען. „אָט זעסטו", האָט ער מיר געזאָגט מיט פאַרוווּרף. „דו זאָלסט ניט געווען אַראָפּטרייבן דעם פאַרדאַמטן קאָטער, וואָלט איך זיכער געווען גע־וווּנען".

מיין ערשטע רייזע קיין ראָטערדאַם איז פאַר מיר געווען אַן איבערלעבע־ניש. אַז מיר זיינען אין אַן אינדערפרי אָפּגעפאָרן פון עמעריך און באַלד דע־רויף פּאַסירט די האָלענדישע גרענעץ, האָט זיך פאַר מיינע אויגן געעפנט אַ נייע וועלט, וואָס ביז איצט האָב איך זי געקענט נאָר פון די ביכער. האָלאַנד איז אַ קליין פּרעכטיק לאַנד. דאָס גאַנצע לאַנד האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט די געלעגנהייט אָנצוקוקן, אָבער אַלץ וואָס ס'איז מיר געקומען פאַר די אויגן האָט געהאַט פאַר מיר אַ באַזונדערן חן. די קליינע זויבערע שטעטלעך מיט זייערע אַלטע קירכן און ראַטהייזער, מיט דעם וווּנדערלעכן שפּיל פון די גלעקער; די קליידונג פון די איינוווינער און זייער גיין איבער די גאַסן אין זייערע הילצערנע שיך; די ווינט־מילן אויף יעדן שריט און טריט, — דאָס אַלץ איז געווען אַזוי ניט געוויינטלעך און האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. דערביי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט עפּעס ווי די מענטשן דאָרטן וואָלטן געהאַט מער צייט ווי אין דייטשלאַנד. זייערע זשעסטן אַזוינע לאַנגזאַמע, סטאַטעטשנע, אַפילו מיט אַ געוויסער האַמעטנעקייט, וואָס מע האָט אין מאַינץ ניט געקענט אָנטרעפן. דאָס אַלץ האָט זיך דאָ פּונקט אַריינגעפּאַסט אין גאַנצן אַרום און דאָס האָט נאָך מער פאַרטיפט מיינע איינדרוקן.

די גרעסטע אַטראַקציע איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַר מיר ראָטערדאַם. פאַר מיר איז דאָס געווען די ערשטע גרויסע האַפן־שטאָט, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען צו זען אין מיין לעבן. אַזעלכע איינדרוקן אַז מע באַקומט זיי

אין דער יוגנט בלייבן זיי, ווי אַ כלל, אויפן גאַנצן לעבן. נאָך היינט אַפילו, נאָך אַזוי פיל יאָרן, שטייען מיר פאַר די אויגן איינצלנע בילדער, גלייך איך וואָלט זיי האָבן געזען ערשט נעכטן. דער פאַרביקער הו־האַ פונעם המון, די דאָקן, די צאָלרייכע גרויסע שיפן פון אַלע מעגלעכע לענדער, דער וווּנדער־לעכער ווירוואַר פון פרעמדע לשונות, די מענטשן פון פאַרשיידענע ראַסעס און נאַציעס און נאָך און נאָך, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אויף מיר אַ גוואַל־דיקן איינדרוק.

צו יענער צייט זיינען נאָך געווען אַ סך זעגלשיפן. מיר דאַכט זיך היינט, אַז אין ראָטערדאַמער האַפן זיינען זיי געווען מער ווי דאַמפּערס. דער וואַלד פון מאַסטן האָט מיך דעמאָלט גאָר צערודערט. עס האָט אין מיר זיך אויפ־געוועקט פונסניי די לוסט צו אַוואַנטורעס. איך האָב דערפילט אין זיך דעם אימפּולס צו אומבאַקאַנטע ווייטן און טויזנטערליי זאַכן, וואָס מיין פאַרבענקטע פאַנטאַזיע האָט פאַר מיר געשילדערט. איך זאָל דעמאָלט געווען האָבן די גע־לעגנהייט צו באַקומען אַ פּלאַץ ווי אַ שיף־יונג אויף איינער פון די שיפן, וואָס גייען אָפּ קיין מזרח־אינדיע, וואָלט איך גאַנץ באַשטימט ניט געווען בייגע־שטאַנען דעם נסיון. די יוגנט — דאָס איז עפּעס אַ גאַנץ באַזונדערע בריאה. אַזוי באַלד ווי זי דערפילט אין זיך דעם אימפּולס צו אַ ווייטער, לאָקנדיקער, אומבאַקאַנטער וועלט, איז זי ניט אין שטאַנד נאָכצוטראַכטן און זיך צו באַקלערן.

דריי טעג זיינען מיר געשטאַנען אין ראָטערדאַם אויפן אַנקער. דערנאָך האָט די שיף לאַנגזאַם זיך געגליטשט אין דער ריכטונג צו דער הים צו. אַז מיר האָבן דערגרייכט די גרענעץ, האָבן דייטשע צאָל־באַאַמטע גרינטלעך אַדורכגענישטערט די שיף. ס׳איז געווען אַן אָפּענער סוד: אַלע מאַטראָסן האָבן צוביסלעך צוגעהאַנדלט מיט טאַבאַק, געווירצן, קאַווע און טיי. ס׳איז געווען ריזיקאַליש. איז מען געכאַפּט געוואָרן מיט שמוגל, האָט מען געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אָבער דאָס האָט כמעט ניט געקענט פּאַסירן. אויף אַ שיף זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור באַהעלטערלעך, וואָס בלייבן פאַרהוילן אויך פאַר דעם סאַמע פּיפּיקסטן צאָל־באַאַמטן, סיידן עמיצער זאָל אויסגעבן, אָבער אויך דאָס איז געווען כמעט ווי אויסגעשלאָסן. די שיפער־לייט האַלטן זיך שטאַל און אייזן איינער פאַרן צווייטן. אַ דעמאַסקירטער מסור באַקומט געוויינטלעך אַ גאַנץ מיאוסן אָפּשניט. מערסטנטיילס ווערט פאַר אַזאַ פאַרשוין אָפּגעשניטן דער וועג אויף תמיד אַנצוקומען אַרבעטן אויף אַ שיף.

מיט דער צייט האָב איך זיך אַלץ מער און מער צוגעוווינט צו מיין פּראָ־פעסיע. די לענגערע געניטונג האָט אויסגעאַרבעט אין מיר אַ געוויסע זיכער־קייט, וואָס איך האָב אין אָנהייב ניט געהאַט. די אַרבעט איז מיר געוואָרן לייכטער. דערצו איז דאָס לעבן אויף דער שיף געווען פריי, ניט געבונדן. איך האָב אָנגעהויבן פאַרזען זאַכן, וואָס אין דער ערשטער צייט איז מיר שווער געווען זיי צו פאַרטראָגן. יעדער צווייטע אָדער דריטע וואָך האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו פאַרברענגען אַ פּאָר טעג מיט מיינע קרובים. דאָס איז

געווען מיין גרעסט פאַרגעניגן, ווייל דאָס איז געווען די איינציקע צייט, ווען איך האָב זיך געקענט אָפּגעבן מיט זאַכן וואָס זיינען מיר געווען צום האַרצן.

אויף דער שיף איז עס מיר געווען אוממעגלעך אויסצוניצן מיין פרייע צייט אַזוי ווי איך וואָלט עס געוואָלט טאָן. איך פלעג אַפילו יאָ מיטנעמען מיט זיך אַ בוך פון מיין אָנקלס ביכער, עס פלעגן אָבער אַוועק וואָכן, ביז איך בין געקומען דערצו צו דערלייענען אַ בוך ביזן סוף; ס'איז ניט געווען מעגלעך אויף דער שיף זיך צו פאַרטיפן אין אַ בוך, זיך איינקלערן און נאָכטראַכטן. דער טאָג איז מיר אַוועק מיט אַרבעט, און אין אָוונט, אַז איך האָב שוין יאָ געהאַט אַ פּאָר פרייע שעה, איז ניט מעגלעך געווען צו געפינען אַ פּלאַץ ווו מען זאָל קענען זיך אָפּגעבן מיט לייענען און שטודירן. די קאַיוטע פאַר דער מאַנשאַפט איז געווען ענג און שטיקנדיק. איבער דעם טיש האָט געברענט אַ נאַפט־לאָמפּ, וואָס האָט געגעבן אַ גאַנץ קאַרגע באַלייכטונג, דערצו זיינען דאָ שטענדיק געזעסן אַ פּאָר מאַטראָסן ביי זייער קאָרטן־שפּיל; האָב איך שוין יאָ דערטאַפּט פאַר זיך אַ שטיקל ווינקל, איז דאָרטן די באַלייכטונג געווען אַזוי נישטיק, אַז כאַטש זיך די אויגן אַרויסצונעמען. דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ סך ערגערנישן. די איינציקע צייט ווען איך האָב געקענט לייענען אַביסל אויף דער שיף, איז געווען אַ זונטיק נאָכמיטאָג אין מיינע פרייע פּאָר שעה. אָבער אויך דאָס האָט זיך ניט תמיד איינגעגעבן.

אַזוי זיינען פאַרגאַנגען ביי אַ זעקס חדשים, ווען מיין לעבן האָט גאָר פּלוצים אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. איינמאָל, אויף דער צוריקרייזע פון ראָ־טערדאַם, אַז איך בין געקומען אויף אַ פּאָר טעג קיין מאַינץ, ווי געוויינטלעך, האָט דער זיידע מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען פון יתומים־הויז אַ בריוו מיט דער אויפפאָדערונג גלייך צו קומען אַהין. דאָרטן האָט אים הער פּאָטער געגעבן צו וויסן, אַז אַזוי באַלד ווי איך וועל נאָר קומען קיין מאַינץ, מוז איך זיך גלייך מעלדן אין יתומים־הויז, ווייל די פאַרוואַלטונג קען ניט געבן איר צושטימונג צו דער פּראָפעסיע, וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן. אַז דער זיידע האָט אים געפרעגט, פאַר וואָס זיי האָבן זיך ערשט איצט דערמאָנט אין מיין געביין, האָט הער פּאָטער אים דערקלערט, אַז ער פון זיין זייט, איז פון אָנהייב אָן געווען קעגן מיין האַנדלען אויף אייגענעם באַראַט, אָבער דער באַשלוס פון דער פאַרוואַלטונג איז אים אָנגעקומען ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַפילו ניט אָנגעהויבן קלערן וועגן דעם אויספאָלגן דעם פאַרוואַלטערס אויפפאָדערונג. איך בין אַוועק צום שטייער־מאַן אַנדרעס און אים איבערגעגעבן וועגן דער פּאַסירונג. דער אַלטער איז געוואָרן אויסער זיך און געזידלט מיט די לעצטע נעמען די פאַרשאָלטענע פּען־רייבערס. אויף מיין פראַגע, צי עס וואָלט ניט געווען גלייכער איך זאָל אַליין אַריבערגיין צום פאַרוואַלטער און אים קלאָר מאַכן פאַר וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן מיין פּראָפעסיע, האָט דער אַלטער שטייערמאַן גאָרניט גע־

וואָלט אַפילו הערן וועגן דעם; ער האָט מיך געראָטן איך זאָל אַ מאָך טאָן מיט דער האַנט אויף דער גאַנצער געשיכטע און מיר גיין מיט מיין וועג. דאָס איז געווען פאַר מיר פונקט ווי ער וואָלט אַרויסגערעדט פון מיין האַרצן אַרויס. דער געדאַנק צו מוזן צוריקגיין אין יתומים־הויז, האָט אָנגעוואָרפן אויף מיר אַ גרויל. דאָס לעבן אויף דער שיף האָט מיך טאַקע באַרייכערט מיט אַ סך אַנטוישונגען, איך האָב אָבער פאַרט געהאַט די מעגלעכקייט מיר אַליין צו פאַרדינען מיין ברויט און פון קיינעם ניט זיין אָפּהענגיק. דאָס אַליין איז געווען פאַר מיר דאָס גרעסטע געווינס. איך האָב דערפאַר געפאָלגט די עצה פון דעם אַלטן אַנדרעס און בין רואיק צוריקגעגאַנגען אויף דער שיף, אָן דעם איך זאָל האָבן געזען דעם פאַרוואַלטער פונעם יתומים־הויז.

מיט פערצן טעג שפּעטער, אַז מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאַינץ, איז אַרויפגעקומען אויף דער שיף אַ שוצמאַן, וואָס האָט געהאַט דעם אויפטראָג מיך צו ברענגען צוריק אין יתומים־הויז. איך בין אַוועק צום קאַפּיטאַן און אים אויפגעקלערט אין וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפריכטיקן מיטגעפיל, אָבער אין מיין פאַל האָט ער גאַרניט געקענט טאָן פאַר מיר. ער האָט זיך נאָר אויסגערופן צו האַלטן פריי מיין שטעלע ביז דער צווייטער צוריקרייזע, איך זאָל ווידער האָבן מיין אַרבעט, אויב אַלץ וועט אויס־פאַלן פאַר מיר צום בעסטן.

מיט אַ שווער האַרץ האָב איך איינגעפּאַקט מיין ביסל אָרעמקייט אין דער אַלטער וואַליזע, זיך טרויעריק צעזעגנט מיט מיינע ביזאיצטיקע קאַמעראַדן, וואָס האָבן געפּרוווט דאָס מעגלעכסטע מיך צו טרייסטן, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין איניינעם מיט מיין באַגלייטער. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי איך האָב געמוזט מאַכן דעם וועג צוריק אין יתומים־הויז, באַוואַכט פון אַ פּאָ־ליציאַנט.

נייע לערן-שטעלעס

אַז מיר זיינען אָריינגעקומען אין ביורא, האָבן מיר געטראָפן דעם הער פּאַטער זיצן ווי געווייינטלעך, ביי זיין שרייב-טיש. פאַר די זיבן-אַכט חדשים פון מיין אָוועקזיין האָט ער זיך אַזוי איבערגעביטן, אַז איך האָב אים כמעט ניט דערקענט. זיין גאַנצע געשטאַלט איז געוואָרן איינגעשרומפּן; זיין פּנים איז געווען בלאַס ווי קאַלך; זיינע טיף-איינגעזונקענע אויגן האָבן אָנגעוואוירן יעדן גלאַנץ. די שווערע קראַנקייט וואָס האָט אים פאַרצערט זינט יאָרן, האָט פּראָגרעסירט אויף אַ שוידערלעכן אופן.

אַז דער שוצמאַן איז אַוועק, האָט דער פאַרוואַלטער מיר געהייסן צוקומען צום טיש. זיין שטימע איז געווען פאַרטויבט, כאָרכלענדיק. איך האָב געפילט אַז דאָס רעדן קומט אים ניט אָן לייכט. איך האָב דערוואַרט צו הערן פון אים האַפּטיקע פאָרווורפן, און האָב מיר געהאַט פאָרגענומען אים ניט צו פאַרשווייגן גאָרניט. אָבער אין אָנבליק פונעם הילפלאָזן, שווער-קראַנקן מענטשן, וואָס שטייט שוין מיט איין פוס אין קבר, איז מיין גאַנצע דרייסטקייט מיט אַמאָל ניט געוואָרן. הער פּאַטער האָט מיר ניט געלייענט קיין לעקציע. ער האָט זיך כמעט ווי אַנטשולדיקטביים אויסלייגן פאַר מיר די מאָטיוון, וואָס האָבן אים געבראַכט דערצו ער זאָל מיך אַרויספאָדערן צוריק אין יתומים-הויז. זיין פליכט-געפיל, האָט ער געזאָגט, האָט אים ניט צוגעלאָזט קיין אַנדערן אויסוועג.

עס האָט מיר אַ שניט געטאָן ביים האַרצן. איך האָב געפּרווט אים קלאָר מאַכן, אַז אין מיין לאַגע וואָלט פאַר מיר געווען דאָס בעסטע איך זאָל ווייטער אָנגיין מיט מיין אַרבעט אויף דער שיף און איך האָב אים איבערגעגעבן ווי דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַליין אויסגערופן מיך ווידער אויפצונעמען אויף מיין שטעלע. מיט אַ מאַטער שטימע האָט ער מיר דערויף געענטפערט, אַז נאָך דער אַנטשיידונג פון דער פאַרוואַלטונג, דאַרף איך מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסשלאָגן די שיף פונעם קאָפּ.

„די שיף איז ניט קיין פּלאַץ פאַר דיר", האָט ער געזאָגט. היינט באַגרייפסטו עס ניט, אָבער עס וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט מיר זיין דאַנקבאַר פאַר מיין זאָרגן איצט דערפאַר, אַז דו זאָלסט האָבן אַ בעסערע צוקונפט. אַ

בכבודיקע מלאכה וועט פאַר דיר זיין דאָס בעסטע. אַלע יינגלעך דאָ באַגרייפן עס. דו ביסט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך אַקעגנגעשטעלט דער נאָר־מע און געוואָלט גיין מיט דיין אייגענעם וועג. איך ווייס אַז דו ביסט ניט קיין שלעכטער מענטש, אָבער דיין ווילדקייט מאַכט דיך פאַרשטאָקט. דאָס איז דיין זינד פאַר גאָט. אין דעם הויז הערשן פעסטע פרינציפן, זייער ווערטי־קייט האָט דערוויזן דאָס לעבן אַליין. איעדערער זאָל האַנדלען ווי דו, וואָלט דער גאַנצער איינגעשטעלטער רעזשים זיך צעפאַלן אויף שטיקלעך. מיר פאַר־זענלעך קען עס אַלערלעצט זיין גלייכגילטיק וואָס סע וועט פון דיר ווערן שפּעטער. אָבער ווי דער פאַרשטייער פון אָט דעם הויז, האָב איך די פליכט צו זאָרגן פאַר דיין גליק. דאָס בין איך שולדיק דיינע פאַרשטאָרבענע עלטערן. עס וואָלט געווען אַ לייכטזיניקייט צו שטעלן אין קאָן דיין גאַנצע צוקונפט. עס האָט נאָך קיינמאָל ניט געפירט צום גוטן, אויב דאָס איי וויל זיין קלוגער ווי די הון. איך האָב אין אויג נאָר דיין טובה. דו האָסט צייט עטלעכע טעג זיך צו באַקלערן, וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע דו זאָלסט דיר אויסקלייבן. דאָס איבעריקע הענגט אָפּ פון דיר״.

דערמיט איז דער שמועס געווען געענדיקט. אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט איך באַשטאַנען אויף מיינעם, איך זאָל אַפילו ריזיקירן מיט אַ נייעם צוזאַמענשטויס. אָבער קעגנאיבער אַזאַ קראַנקן מענטשן, וואָלט די מינדסטע העזה פון מיין זייט געווען צו שלעכט־האַרציק. און אַפילו אַז ער זאָל מיר געווען געבן די געלעגנהייט זיך אויסצוטענהן מיט אים, וואָלט עס סיי־ווי ניט געפירט צו גאָרניט. דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ מענטש פון דער אַלטער שול. אין זיין ענגער ספערע האָט ער זיך באַטראַכט פאַר דער השגחה אַליין, וואָס האַלט אין זיינע הענט דאָס גליק אָדער אומגליק פון יונגע מענטשן־קינדער. ביי אַזאַ איינשטעל זיינען ניט שייך קיין שום אַרגומענטן.

היינט האָב איך ניט דעם מינדסטן ספק, אַז הער פאַטער איז באמת גע־ווען ערלעך אין זיינע כוונות. ניט מער וואָס זיין אידייע פיקס, אַז מע קען אַרויפצווינגען אויף אַ מענטשן זיין גליק, האָט אים געמאַכט טויב און בלינד פאַר יעדער אַנדערן באַנעם. דעמאָלט האָב איך אויף יעדן פאַל געזען די זאַכן אין אַ גאַנץ אַנדערן ליכט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער פאַרוואַלטער מיך געפרעגט, צי איך האָב שוין אָפּגעפּאַסט ביי זיך וועגן אַ באַשטימטער פּראָפעסיע. איך האָב אים גע־ענטפערט, אַז בוכבינדעריי איז די איינציקע פּראָפעסיע, וואָס צו איר פיל איך אין זיך אַ נייגונג, ווייל אָבער אָט די פּראָפעסיע איז פאַר מיר אָפּגעשלאָסן, וועט זיין דאָס בעסטע אַז ער אַליין זאָל אויסקלייבן פאַר מיר אַ מלאכה אויף אייגענעם באַראָט. מיין ענטפער איז אים קענטיק ניט געווען צום האַרצן. ער האָט אַ ווילע געשוויגן, און קורץ אַ זאָג געטאָן אַז וויבאַלד אַזוי, וועט ער אַליין מוזן אַנטשיידן דעם אויסקלייב.

עס זיינען אַוועק נאָך עטלעכע טעג, ביז מע האָט מיך אין אַ פאַרמיטאָג

גערופן אין ביורא. קעגנאיבער דעם פאַרוואַלטער איז געזעסן אַ קליין מענטשל מיט אַ ריזיקן פליך און קאַלטענעוואַטער באָרד. הער פּאָטער האָט מיר אים פאָרגעשטעלט ווי מיין קומענדיקן לערן-מייסטער און דערביי באַמערקט, אַז אַנדערע יינגלעך זיינען שוין געווען ביי אים אין דער לערע און געווען זייער צופרידן מיט זייער שטעלע.

דער מייסטער האָט געהאַט אַ קליינע שומאַכעריי אין קאַסטהאַם, אַ שטעטל ניט ווייט פון מאַינץ. דערהערט אַז איך גיי ווערן אַ שוסטער, איז דאָס האַרץ מיר פאַרלאָפן מיט בלוט. גראָד צו אָט דער מלאכה האָב איך ניט געהאַט דעם מינדסטן חשק. איך האָב שוין כמעט חרטה געהאַט, וואָס איך האָב בעסער אַליין ניט אויסגעקליבן פאַר זיך עפּעס אַן אַנדער מלאכה. ס'איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. איך האָב דורכגעלאָזט די געלעגנהייט, און האָב איצט גע־מוזט שווייגן.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט מיין נייער לערן-מייסטער מיך מיטגענומען אויף מיין קומענדיקן אַרבעט-פּלאַץ. ער האָט געוואוינט אין אַ קליין נידעריק הייזל, נאָענט צום ברעג פונעם מאַין. זיין קונדשאַפט איז באַשטאַנען כמעט אויסשליסלעך פון פליטן-טרייבערס און שיפס-לייט. די ווערקשטוב איז גע־ווען אַן ענגע פאַרדומפּטע קאַמער, וווהין קיין שטראַל פון דער זון האָט קיינ־מאָל ניט געהאַט קיין צוטריט. די גאַנצע הייזקע איז געווען אין אַ שמאָל געסל, וווּ אַ וואָגן האָט קוים געקענט אַדורכפאָרן.

דער מייסטער איז געווען אַ מטופל מיט זעקס קינדער און אַ קראַנקער שוואַכלעכער פרוי, וואָס האָט געליטן פון כראָנישע רעמאַטעס. געשלאָפן בין איך אין בוידעם-קאַמער און געמוזט טיילן מיין בעט מיט איינעם פון די זין. אין דער קאַמער איז געשטאַנען נאָך אַ בעט פאַר צוויי אַנדערע קינדער פון דער פאַמיליע.

די אַרבעט איז ניט געווען אַזוי שווער ווי אויף דער שיף, ס'איז אָבער ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ באַשטימטע אַרבעט-צייט. מיר האָבן געאַרבעט צוועלף, דרייצן און ניט זעלטן פערצן שעה אַ טאָג, אַפילו זונטיק האָט מען געאַרבעט דעם גאַנצן פאַרמיטאָג, אַזוי אַז ס'איז מיר געבליבן בלויז אַ פּאָר געציילטע פרייע שעה צו גיין אין שטאָט אַריין זיך זען מיט מיינע קרובים. דער מייסטער איז ניט געווען קיין שלעכטער מענטש, אָבער אַ פאַרשוין מיט שטימונגען, דערצו האָט ער געהאַט געוואוינהייטן, וואָס זיינען גראָד ניט געווען איבעריק אָנגענעם. ס'איז אַפילו ניט געווען זיין שולד; ער אַליין איז אויך געווען אַ קרענקלעכער מענטש, און זיצן מיט אים אין איין צימער איז גאַנץ באַשטימט ניט געווען קיין פאַרגעניגן. די קליינע נידעריקע ווערקשטוב איז פשוט געווען אַזוי פאַרפעסטעט, אַז מע האָט קוים געקענט אָטעמען. איך האָב זיך געפילט אומגליקלעך צום שטאַרבן און אַלץ אין מיר האָט שרעקלעך געבענקט נאָך דער מאַטילדע; דאָרטן איז צום ווינציקסטן געווען אַן אָפּבייט אין דער אַרבעט, פרישע לופט און פרייע באַוועגונג.

נאָך דריי וואָכן האָב איך עס מער ניט געקענט אויסהאַלטן. אַז איך בין איינמאָל געקומען אין יתומים־הויז צו בייטן מיין וועש, האָב איך געזאָגט דעם פאַרוואַלטער, אַז ס'איז מיר אוממעגלעך לענגער צו פאַרבלייבן אויף מיין פלאַץ. איך האָב אים אָפּגעשילדערט מיין לאַגע מיט אַזעלכע קרעפטיקע ווערטער, אַז ער האָט אַליין געמוזט איינזען ווי אומגעלעגן עס וואָלט געווען מיך צורעדן צו פאַרבלייבן דאָרט לענגער. איבעריק צופרידן מיט מיין באַקלאָגן זיך, איז ער ניט געווען; קיין פאָרוואורפן האָט ער מיר אָבער ניט געמאַכט. ער האָט מיר בלויז געזאָגט, אַז ער וועט מיר געבן אַ נייע געלעגנהייט. קורץ דערויף בין איך אָנגעקומען אין דער לערע צו אַ בלעכער. דער מייסטער איז אַליין געווען אַ וויכאָוואַניק פונעם יתומים־הויז. ער איז געווען אַ יונגערמאַן נאָך דער חתונה, וואָס האָט זיך אָקערשט געמאַכט זעלבשטענדיק.

מיין שטעלע איז געווען אַ סך אַ בעסערע ווי די, וואָס איך האָב פאַרלאָזט. דער מייסטער און זיין יונגע פרוי זיינען געווען פריינדלעכע מענטשן. דאָס עסן איז געווען גוט און גענוג און איך האָב געגעסן מיט דער פאַמיליע אינאיינעם. געאַרבעט האָט מען עלף שעה אַ טאָג. נאָך דעם נאַכט־עסן האָב איך געקענט יעדן אָוונט אויסגיין ביז עלף אַזייגער. זונטיק און אין אַ פייערטאָג בין איך געווען באַפרייט פון יעדער אַרבעט און געקענט אויסניצן מיין צייט ווי עס האָט זיך מיר נאָר געוואָלט. איך האָב פאַרבראַכט די אָוונטן מערסטנס ביים פעטער, אָדער מיט מיינע חברים. איך האָב אַ סך געלייענט און וואָלט זיך געוועזן ווי עס איז ניט איינגעלעבט אין מיין נייער לאַגע, איך זאָל נאָר געווען קענען אַרויפצווינגען אויף זיך כאָטשבי דעם מינדסטן אינטערעס פאַר אָט דער מלאכה. קעגן מיין אייגענעם ווילן איז עס מיר אָבער פשוט געווען אוממעגלעך זיך אַריינצוטאָן אין דער אַרבעט מיטן גאַנצן האַרצן. איך האָב מיר ניט איין מאָל געמאַכט די שאַרפסטע פאָרוואורפן, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. עפּעס ווי אַ פאַרהוילענער כוח אין מיר וואָלט מיר געשטערט צו טאָן מיין אַרבעט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער מייסטער איז געווען אַן אָנהייבער. ער איז דערפאַר געווען אָנגעוויזן בלויז אויף אַ קליינער קונדשאַפט, אַזוי אַז די אַרבעט האָט ווירקלעך ניט געקענט געבן קיין שום באַפרידיקונג. פאַרריכטן טעפּ, פאַרלייטן אַלטע רערן, אָדער שניידן דעם גאַנצן טאָג דריי־עקן פאַר גלעזערס, אַזעלכע אַרבעטן האָבן מיך בשום אופן ניט געקענט אַריינציִען אין דער מלאכה. דער מייסטער האָט אָפּט געשאָקלט מיטן קאָפּ, מיר פאָרגעוואָרפן מיין גלייכגילטיקייט. איך פלעג זיך אַ נעם טאָן אַרבעטן מיטן בעסטן ווילן, מיינע געדאַנקען האָבן אָבער תמיד געשוועבט ערגעץ אין וויטע וויטן. ס'איז ניט געגאַנגען. איך האָב גאָר גיך איינגעזען, אַז פאַר בלעכעריי פעלט מיר דער מינדסטער גוסט. נאָך איידער מיין פּראָבע־חודש איז געווען געענדיקט, האָט דער מייסטער מיך צוריקגעשיקט אין יתומים־הויז, ווייל ער האָט איינגעזען אַז יעדער ווייטערדיקער פּרוּוו וועט זיין אומזיסטיקע מי.

דער פֿאַרוואַלטער האָט מיר געמאַכט די ביטערסטע פֿאָרוווּרפֿן פֿאַר מיין פֿאַרהאַלטן זיך און מיך געסטראַשעט מיט אַלץ אין דער וועלט, אויב איך וועל זיך אויף ווייטער ניט נעמען אין די הענט אַריין. עס פּאַסירט זעלטן אַז אַ ייִנגל פֿון יתומים הויז זאָל זיך איבערוואַרפֿן פֿון איין פּראָפֿעסיע אויף אַ צווייטער. אויב עס טרעפֿט זיך יאָ אַזאַ זאַך, מוזן זיין דעצו וואָגיקע באַגרינדונגען. אין מיין פֿאַל איז עס געווען גאָר אַנדערש. וועגן די אייגנטלעכע סיבות פֿון מיין אומסטאַבילקייט האָט דער פֿאַרוואַלטער איבערהויפּט ניט געהאַט קיין פֿאַר־שטענדניש. איך אַליין האָב עס דעמאָלט ניט געוווּסט אויף קלאָר. איך האָב זיך געפֿילט ווי אויסגעפּאַטשט און געפּאַלן ביי זיך, אַן דעם איך זאָל עס וויסן אויף קלאָר פֿאַרוואָס. אָט דער אינעווייניקסטער ריס האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך שווערע שעהן. די גרעסטע מערהייט פֿון מיינע קאַמעראַדן אין יתומים־הויז זיינען ניט געווען צופֿרידן מיט זייערע לערן־שטעלעס. פֿאַר אַ סך איז די לערן־צייט געווען אַן אמתער גיהנום. אָבער זיי האָבן אויסגעהאַלטן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה. פֿאַרוואָס־זשע קען איך ניט טאָן דאָס זעלביקע? אָט דער געדאַנק האָט מיך ניט געלאָזט רוען. איך בין געווען אין אַ צושטאַנד וואָס לאָזט זיך שווער באַשרייבן.

נאָך דער ריי נאָך בין איך שפּעטער אָנגעקומען אויף דער לערע צו אַ שניידער, אַ באַנדער, אַ רימער און אַ בערשטן־מאַכער, אָבער לענגער ווי צוויי וואָכן, האָב איך זיך ניט געהאַלטן אויף קיין פּלאַץ. יעדער מאָל אַז איך האָב געביטן מיין שטעלע, האָב איך זיך געפֿילט שרעקלעך אומגליקלעך. נאָר אַזוי באַלד ווי איך בין געווען אויף אַ פּלאַץ עטלעכע טעג, האָב איך שוין געוווּסט אויף קלאָר ביי זיך, אַז איך קען דאָרטן ניט פֿאַרבלייבן. ניט נאָר דער הער פֿאַטער האָט מיט מיר פֿאַרלוירן זיין געדולד, אויך מיינע קרובים האָבן ניט געוווּסט וואָס זיי זאָלן טראַכטן וועגן מיר און מיר אַריינגעזאָגט אין דער זי־בעטער ריפּ. נאָר דער אָנקל האָט מיר קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט, איך האָב עס אָבער געקענט מערקן וויפֿל עגמת־נפֿש ער האָט פֿון מיר.

אין איינעם אַ טאָג האָט הער פֿאַטער מיך אָפּגעגעבן אין דער לערע צו אַ סטאָליער אין אַ קליין שטעטל מיטן נאָמען ווינקעל אין רהיין־לאַנד, אַ שטעטל וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיינע גוטע וויינען. דער מייסטער איז געווען אַן עלטערער מענטש. חוץ סטאָלערייי האָט ער אויך זיך אָפּגעגעבן מיט באַ־אַרבעטן אַ שטיק פֿעלד, ווי ס׳איז אין יענער צייט געוויינטלעך צוגעגאַנגען ביי בעלי־מלאכות אין קליינע שטעטלעך. ער האָט באַשעפֿטיקט אַ געזעלן, און איז אַליין געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג ביי דער הובלבאַנק, אויב ער האָט ניט געהאַט עפּעס אַנדערש צו טאָן. קיין באַשטימטע אַרבעט־צייט איז דאָרטן אי־בערהויפּט ניט געווען. מע האָט געאַרבעט פֿון האַלב זעקס אינדערפֿרי, ביז דער מייסטער האָט שפּעט אין אָוונט געגעבן אַ צייכן אויפֿצוהערן; מע האָט אַפֿילו ניט געהאַט קיין מיטאָג־שעה; אַזוי באַלד ווי דער מייסטער האָט פֿאַר־

שלונגען דעם לעצטן ביסן, איז ער גלייך צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, דער געזעלן און איך זיינען אים נאָכגעגאַנגען.

אַז איך בין דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין וועקרשטאַט, איז אין דער מיט פונעם שטיבל געשטאַנען אַן אָפּלאַקירטער טויטן־קאַסטן, וואָס דער געזעלן און איך האָבן נאָך דעם זעלביקן טאָג אָפּגעטראָגן צום באַשטימונגס־אָרט, דערביי האָב איך אים געמוזט העלפן ביים אַריינלייגן דעם טויטן אין קאַסטן אַריין. דאָס האָט דעמאָלט געהערט צו די אַרבעטן פונעם סטאָליער.

דער געזעלן איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ דריי־פיר־און־צוואַנציק יאָר. אַ הויכער אויסגעמאָגערטער פאַרשוין מיט אַן איינגעפאַלענעם ברוסט־קאַסטן. ער האָט געשטאַמט פון זאַקסן און זינט עטלעכע יאָר געאַרבעט אין ווינקעל. ער האָט די גאַנצע צייט צוגעהוסט, אויך ביינאַכט. איך האָב געהאַט דעם איינ־דרוק אַז ער איז שווינדזוכטיק. אַט דער געדאַנק איז מיר גראָד ניט געווען באַזונדערס אָנגענעם, ווייל מיר זיינען געשלאָפן אין איין בעט. פון ערשטן מאָמענט אָן האָט ער ביי מיר אַרויסגערופן אַ ווידערווילן, כאָטש איך האָב עס מיר ניט געקענט דערקלערן פאַרוואָס. זיין גאַנץ אויסזען איז מיר געווען דערווידעריק, און זיין הויכע קרייענדיקע שטימע האָט ווינציק־וואָס בייגע־טראָגן דערצו צו מילדערן דעם שווערן איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף מיר. דעם מייסטער האָט ער תמיד אַרויסגעוויזן אַן אָפּשטויסנדיקע דינסט־גרייטקייט און אויך מיט מיר איז ער אומגעגאַנגען מיט אַ מין זיסלעכער פריינדלעכקייט, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַן עקל. אַז ער האָט מיר געוויזן ווי אַזוי איינצושטעלן דעם הובל, אָדער ווי צו פירן מיט דער זעג, האָט ער דערביי תמיד געמאַכט אַ פּאָר וויציקע באַמערקונגען, מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, אָדער מיר געבן אַ פּעטשל איבערן געזעס.

אין די ערשטע פּאָר וואָכן איז אַלץ צוגעגאַנגען גוט. פאַרן איינשלאָפן האָט מיין קוריאָזער בעט־קאַמעראַד געהאַט די געוווינהייט צו דערציילן אַ פּאָר קיצלדיקע געשיכטעס. געזען אַז זיינע מעשיות נעמען מיך ניט, פלעגט ער עפּעס שטיל אַריינשמוכן אין זיך אַריין און זיך אויסדרייען צו מיר מיטן רוקן. אויף דער שיף איז מיר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן זאַפטיקע געמיינע רייד. אַז איינער פון די מאַטראָסן האָט אויסגעלייגט מיט אַלע קליפּערלעך זיינע עראָטישע איבערלעבונגען, האָט מען געקענט הערן פון אים וועגן זאַכן, וואָס מע הערט ניט אויף טריט און שריט. אָבער די מעשיות פון די מאַטראָסן האָבן תמיד זיך געדרייט אַרום ווייבער. מיין שלאָף־קאַמעראַד האָט אַרויסגע־וויזן אַן אויסגעשפּראָכענעם געשמאַק פאַר דעם מענלעכן געשלעכט. אין אַזעלכע זאַכן האָב איך דעמאָלט געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות, און עס האָט מיר גאָר־ניט געקענט איינפאַלן, אַז אָט דער סוביעקט זאָל האָבן עפּעס פאַרטראַכט קעגן מיר.

איין נאַכט האָב איך זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען אַז מיין מיטשלעפער האָט זיך צוגערוקט האַרט צו מיר און קריכט אַרום מיט דער

האַנט איבער מיין קערפּער. איך האָב זיך געטאָן אַ וואָרף, גלייך ווי אַ שפּין וואָלט מיר אַרומגעלאָפן איבערן פּנים, און אים געפרעגט וואָס ס׳איז מיט אים דער מער? ער האָט זיך צעשמוכעט מיט זיין ספּעציפישן האָלדער־האָלדער און מיט אַ הייזעריקער שטימע מיר דערציילט, אַז סע האָט זיך אים געחלומט ווי ער ליגט אין בעט מיט אַ מיידל, אָבער אַזאַ פיינער יונג ווי איך וואָלט אים געווען ליבערשט. אַז ער האָט פונסניי געמאַכט אַ פּרווו זיך צורוקן צו מיר, האָב איך אים געגעבן אַ קרעפּטיקן שטויס אין די זייטן און אים געסטראַשעט, אַז איך גיי אויפוועקן דעם מייסטער. ער האָט זיך גלייך אָפּגערוקט פון מיר און ניט געזאָגט קיין וואָרט.

זינט יענער נאַכט האָט זיך צווישן אונדז איינגעשטעלט אַ געשפּאַנטע האַלטונג. ער אַליין האָט מיך ווייטער באַהאַנדלט מיט דער זעלביקער העפלעכקייט, גלייך צווישן אונדז זאָל גאָרניט געווען פּאַסירן. אָבער ביי מיר האָט יענער עפּיזאָד איבערגעלאָזט אַ טיפן עקל צו אים, עס פלעגן מיך באַשלאָגן אַנגסטן יעדער מאָל, אַז איך האָב זיך געמוזט לייגן מיט אים אין איין בעט. ניט וואָס איך זאָל געווען מורא האָבן פאַר אים. איך בין געווען אַ קרעפּטיקער יונג, און בין געווען ביי זיך זיכער, אַז ער וועט מיר גאָרניט קענען טאָן קעגן מיין ווילן. אָבער עס האָט מיך פּשוט געעקלט פון אָט דעם פּאַרשוין, כאָטש איך האָב עס מיר אַפילו ניט געקענט פאָרשטעלן אויף קלאָר, וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט ער פון מיר.

אַזוי זיינען ווידער אַוועק עטלעכע וואָכן אָן שום אינצידענטן. איך האָב אַפילו געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט זיין פריינדלעכקייט איבער דער מאָס, זוכט ער מיך צו מאַכן פאַרגעסן יענעם פיינלעכן צווישנפאַל. איינמאָל אין אַ זונטיק, ס׳איז דעמאָלט גראָד אויסגעפאַלן אין שטעטל עפּעס אַן אָרטיקער קירכלעכער פייערטאָג, איז דער געזעלן אויסגעגאַנגען, און איז אַהיימגעקומען ערשט שפּעט אין דער נאַכט. איך בין געשלאָפן אַזוי שטאַרק אַז איך האָב אים אַפילו ניט געהערט אַריינקומען. פּלוצים האָב איך דערפילט ווי עמעצער טרייסלט מיך האַסטיק פאַר די אַקסלען. אַז איך האָב זיך ענדלעך אויפגעוועקט, האָט ער אַ ריס געטאָן פון מיר די קאָלדרע, און איך האָב דערזען ווי ער שטייט פאַרן בעט גאַנץ נאַקעט. זיין פּנים איז געווען מאָדנע פאַרצערט, ווי ביי אַ באַזעסענעם. אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָב איך דערזען אַז ער איז באַטרונקען. ער האָט געמאַכט אַ שמוציקן זשעסט און מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל אַ גלעט טאָן זיין קערפּער.

אין איין סעקונדע בין איך געווען אויף די פיס, און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר רופן דעם מייסטער. אָבער נאָך איידער איך האָב באַוויזן אָנצורירן די קליאַמקע, האָט ער געכאַפּט די שווערע בלעכענע קאַן, וואָס איז געשטאַנען צו דער האַנט, און מיטן גאַנצן כוח געהאַקט מיט איר איבער מיין נאַקן. בליקשנעל האָב איך זיך אומגעדרייט און אים אָנגעכאַפּט פאַר די זייטן. ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויפן

באָדן. אַז איך האָב געעפנט די טיר, האָב איך געהערט דעם מייסטער שוין גיין אויף די טרעפּ. דער גערודער אין אונדזער צימער האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף. דערזען ווי דאָס בלוט רינט מיר איבערן פּנים און אַקסלען, איז ער דערציטערט געוואָרן פאַר שרעק. ער האָט מיך גלייך גענומען אין קיך אַריין, מיר אָפּגעוואַשן די ווונד און פאַרבונדן מיט אַ טאַשנטוך. דערנאָך האָט ער אויפגעריסן פונעם שלאָף דעם ראַזירער פון קעגנאיבער דער גאַס, וואָס האָט מיר אָפּראַזירט די האָר אויף דעם אָרט פון דער ווונד און מיר פאַר־באַנדאַזשירט דעם קאָפּ. צו מיין גליק איז די ווונד געווען נאָר אַ טיפער שפּאַלט אין דער הויט. דער צעווילדעוועטער געזעלן זאָל מיר געוועזן דערלאַנגען מיטן שאַרפן אייזערנעם רינג אַרום דער קאַן, וואָלט ער זיכער מיר געווען צעבראָכן דעם שיידל.

אַז דער מייסטער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, איז ער געגאַנגען פרעגן באַשייד דעם געזעלן. יענער איז שוין געלעגן אין בעט און זיך ניט גערירט. איך האָב דעם מייסטער געמוזט דערציילן וועגן אַלץ וואָס סע האָט פּאַסירט. ער האָט זיך עס בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלן. דער געזעלן, האָט ער געזאָגט, האָט אים קיינמאָל ניט געגעבן דעם מינדסטן גרונט זיך אויף אים צו באַקלאָגן. די איינציקע דערקלערונג פאַרן מייסטער איז געווען, אַז דער יונ־גער ווייַן איז שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע.

איך האָב דערקלערט דעם מייסטער, אַז נאָך אַלץ דעם וואָס ס׳איז פאַר־געקומען, איז מיר אוממעגלעך לענגער צו פאַרבלייבן ביי אים. מיט זיין גאַנצער באַרעדעוודיקייט, האָט ער געפּרוווט מיך אָפּצורעדן פון מיין באַשלוס. איך האָב פון גאָרניט געוואָלט הערן. ס׳איז מיר פּשוט געווען אומדערטרעג־לעך צולאָזן דעם געדאַנק זיך צו טרעפן מיט יענעם מענטשן אפילו נאָר איין און איינציק מאָל. אַז דער מייסטער האָט איינגעזען, אַז ער וועט ביי מיר גאָר־ניט פועלן, האָט ער מיר געגעבן דאָס נייטיקע רייזע־געלט, און איך בין מיט דער ערשטער שיף צוריקגעפאָרן קיין מאַינץ.

צוערשט האָב איך געטראַכט גיין צום אָנקל אויף זיין אַרבעט־פּלאַץ, אָבער איך האָב זיך באַרעכנט אַז דאָס בעסטע וועט זיין, איך זאָל גיין גלייך אין יתומים־הויז און איבערגעבן דעם פאַרוואַלטער וועגן אַלץ, וואָס סע האָט מיט מיר פּאַסירט. געקומען אַהין, האָב איך זיך דערוווסט אַז שוין זינט עטלעכע וואָכן ווי הער פּאַטער איז ניט אין שטאַנד צו פאַרלאָזן דאָס בעט. עס האָט געדויערט עטלעכע שעה ביז איך האָב אים געקענט זען. מיין פּלוצימדיק קו־מען און פאַר אַלעמען מיין פאַרבאַנדאַזשירטער קאָפּ, האָבן קענטיק געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק. איך האָב אים דערציילט גענוי וועגן אַלץ, וואָס ס׳איז מיט מיר פאָרגעקומען אין ווינקעל. איך האָב געקענט מערקן ווי מיין שילדע־רונג האָט אים טיף באַרירט. נאָך אַ לענגערער פּויזע, האָט ער מיך געפרעגט, צי איך בין גרייט איבערצוחזרן יעדער וואָרט פאַר אַ טריבונאַל אונטער אַ

שבועה. איך האָב געענטפערט מיט „יאָ". אויב אַזוי, האָט ער געזאָגט, מוז מען אַזאַ פאַרדאָרבענעם מענטשן אָנקלאָגן אין געריכט.

אונדזער שמועס איז דערמיט געווען געענדיקט. אַז איך האָב שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט דער פאַרוואַלטער מיך געפרעגט, צי בין איך שוין געווען ביי מיינע קרובים. איך האָב אים געענטפערט, אַז פון דער שיף בין איך געגאַנגען גלייך אין יתומים־הויז.

„דאָס איז געווען זייער קלוג פון דיין זייט", האָט ער געזאָגט. „איך קען דיר, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרווערן צו דערציילן דיינע קרובים וועגן דעם, וואָס סע האָט זיך מיט דיר געטראָפן. וועגן דעם טראַכט איך גאָרניט. צום ווינציקסטן דאַרף עס געטאָן ווערן אַזוי, אַז סע זאָל ניט שאַטן דעם גוטן נאָמען פון אָט דעם הויז. מענטשן זיינען תמיד גרייט אַרויסצוטראָגן אַ פאַרטיקן אורטייל, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן עפנטלעכן אַנשטאַלט, ווייל מענטשן האָבן ניט די מינדסטע אַנונג וואָס פאַר אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייטן עס ליגן אויף אונדז. ניט תמיד איז עס מעגלעך פאָראויסצוזען זאַכן, וואָס נאָר גאָט אַליין וויס זיי. עס טוט מיר לייד, וואָס דאָס האָט געמוזט טרעפן גראָד דיך. אָבער איך וועל זאָרגן דערפאַר, אַז יענער אוממענטש זאָל באַקומען זיין שטראָף".

קורץ דערויף איז מיר אַנגעוויזן געוואָרן אַ נייע לערן־שטעלע אין דער ביי־שטאָט. איך בין געווען צופרידן וואָס איך וועל ניט פאַרוואָרפן ווערן פונסניי אויף דער פּראָווינץ. אין שטאָט האָב איך צום ווינציקסטנס געהאַט די געלעגנהייט זיך צו זען מיט מיינע קרובים און פריינד.

וועגן דער פּאַסירונג אין ווינקעל האָב איך מער גאָרניט געהערט. באַלד נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן מיין נייע שטעלע, איז אין יתומים־הויז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש. דער פאַרוואַלטער איז אינגאַנצן געוואָרן איינגעבראָכן. ער איז שטענדיק געווען אַ קרענקלעכער מענטש, ער האָט געליטן פון אַן אינעווייניקסטער קראַנקייט און פלעגט האָבן שווערע אָנפאַלן; ער פלעגט אָבער ווידער קומען צו זיך. דאָס מאָל האָט עס אויסגעזען, אַז ס'איז מיט אים געענדיקט. אַפּנים אַז טאַקע דערפאַר איז מיין איבערלעבעניש אין ווינקעל געבליבן אָן רעזולטאַטן. דעם שווער־קראַנקן מענטשן האָבן פּשוט שוין פאַרפעלט די כוחות אָנצוהייבן מיט אַ געריכט־פּראָצעס. אַז סע האָט זיך אַזוי געמאַכט, איז עס אפשר גאָר געווען גלייכער. וואָס פאַר אַ געווינס וואָלט עס שוין געווען אויב יענער נעבעכדיקער פאַרשוין זאָל געווען באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף.

ווי דעם פאַרוואַלטערס שטעל־פאַרטרעטער, איז אין יתומים־הויז אָנגעקומען דער לערער שראָט. דאָס איז געווען אַ קאַלטער גזלן, וואָס האָט ניט אַרויסגעלאָזט דאָס שטעקעלע פון די הענט. בלויז זיין אויסזען האָט אויסגעגעבן דעם גאַנצן אוממענטשן. זיין קורצער אייבער־קערפּער מיט דער שמאָלער ברוסט, האָט זיך באַוועגט אויף צוויי דינע קאָמישע פיס; אַז מע האָט אים געזען אַרומגיין איבערן הויף ווי אויף שטאָלצן, האָט זיך געקענט אויסדאַכטן,

אַז אָט-אָט וועט ער אַ פּראַל טאָן אויף די קניס; זיין שמאָל פּנים איז געווען ווי אויסגעשניטן מיט אַ מעסער; זיין הויכער שטערן און די אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, האָבן געמאַכט זיין אויסזען נאָך מער פריקרע; אין זיינע קליינע גרויע אויגן, איז ניט געווען קיין שפּור פון מענטשלעכער וואַרעמקייט, און אויף זיינע דינע בלאַסע ליפּן, האָט זיך קיינמאָל ניט באַוויזן קיין שמייכל.

דאָס ווייכלעכע שטעקעלע אין שאַרטס האַנט האָט זעלטן גערוט. צום מערסטן האָבן עס באַקומען צו פילן די קלענערע קינדער. דער שטעקעלע-טרעגער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן דעם מינדסטן גערויש. אַפילו אין די פרייע שעהן אויפן הויף, האָבן די קינדער געדאַרפט בלייבן שטאָק שטיל. זיין געשטאַלט האָט געאָטעמט מיט שטייפער שטרענגקייט. פון זיין מויל איז קיינ-מאָל ניט אַרויס קיין גלייך וואָרט. אַז ער האָט שוין גאָרניט געהאַט וואָס צו טאַדלען, איז זיין רעדן מיט די קינדער אויך געווען אוממענטשלעך. ער האָט געכאַפּט דעם אָנבליק ווי ער וואָלט איינגעשלונגען אַ שטיק אייז, וואָס ער קען ניט פאַרדייען.

איינמאָל בין איך געגאַנגען פון מיין נייער אַרבעט-שטעלע אין יתומים-הויז צו באַקומען פריש וועש. אויפן וועג האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווייל און זיך צוגעקוקט ווי אַרבעטער פאַרריכטן דעם אַספאַלט פון דער שטראָז. אָן עפּעס דערביי צו טראַכטן, האָב איך אויפגעהויבן אַ שטיקל אַס-פאַלט און עס געקנעטן מיט די פינגער. אין יתומים-הויז האָט מיך געזען דער קליינער פראַנץ זעלינגער און איז גלייך צו צו מיר. דאָס איז געווען אַ ליב יינגעלע פון אַ יאָר אַכט-ניין. דער קליינער האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט, ווייל איך פלעג אים שטענדיק ברענגען פון דרויסן עפּעס אַ קלייניקייט. דאָס בידנע קינד איז איינאיינעם מיט זיין עלטערן ברודער געווען אין הויז זינט קליינער-הייט. ער האָט ניט געהאַט קיין שום קרובים, וואָס זאָלן אים עפּעס ברענגען פון צייט צו צייט, און מיינע קליינע געשענקען זיינען דערפאַר געווען ביי אים טאָפּלט אָנגעלייגט.

אַז דער קליינער פראַנץ האָט דערזען דאָס שטיק אַספאַלט אין מיינע הענט, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל אים אָפּברעכן דערפון אַ טייל. איך האָב אים געגעבן דאָס גאַנצע שטיקל ער זאָל זיך שפּילן דערמיט. באַלד דערויף האָט דער גלאָק גערופן צו דער אַרבעט-שעה, און פראַנץ איז מיט אַלע קינדער גע-גאַנגען אין גרויסן זאַל. איך און נאָך עטלעכע יינגלעך, וואָס זיינען שוין געווען אין דער לערע, זיינען געבליבן זיצן אין הויף אויף אַ באַנק און געוואַרט ביז מע וועט אונדז אַרויסגעבן די זאַכן.

אַ ווילע שפּעטער האָט פונעם זאַל זיך דערטראָגן אַ יאָמערלעך געשריי. מע האָט דייטלעך געקענט הערן דאָס פּאַכן פון אַ שטעקן. דאָס האָט מען אַזוי געהאַקט איבער דעם קליינעם פראַנץ. שאַרט האָט אים געפּאַקט ווי ער שפּילט זיך מיטן שטיקל אַספאַלט און אָן רחמנות צעהרגעט דאָס אומשולדיקע קינד. דערנאָך האָט ער געוואָלט וויסן פון וואַנען עס קומט צו אים דאָס שפּילכל.

דער קלײנער האָט צוערשט ניט געוואָלט ענטפערן, אָבער נאָך עטלעכע נײַע זעץ פון שראַטס שטעקעלע, האָט ער אויסגעגעבן מײַן נאָמען. גלײַך דערויף האָט זיך געעפנט די טיר פונעם אַרבעט־זאַל. אין הויף האָט זיך באַוויזן שראַט מיטן שטעקעלע אין דער האַנט. מיט אַן אָנגעצונדן פּנים פאַר צאָרן האָט ער געשפּאַנט גלײַך אויף אונדז און אַן אַ וואָרט צו זאָגן, האָט ער מיר דערלאַנגט אַ כמאַל איבערן אַקסל. איך בין געווען אַזוי איבערראַשט, אַז איך האָב קוים גע־ווּסט, וואָס סע האָט מיר פּאַסירט. אין יתומים־הויז האָט מען פריִער גאָר ווינציק געשלאָגן. עס האָט אָבער קיינמאָל ניט פּאַסירט מע זאָל שלאָגן אַ ייִנגל וואָס איז שוין אין דער לערע, וואָס מע באַטראַכט אים אין אַ געוויסער מאָס שוין פאַר אַ דערוואַקסענעם.

אַז דער אויסוואָרף האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיר צו דערלאַנגען אַ נײַעם זעץ, בין איך מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט אַ שטויס אין דער ברוסט, אַז ער האָט זיך גלײַך אויסגעצויגן אויפן באָדן אין זײַן גאַנצער לענג. ער האָט זיך פּאַמעלעכן אויפגעהויבן, אָבער מער ניט געמאַכט קיין פּרוּוו זיך צו זאַטשעפּען מיט מיר; זײַן פּנים איז געווען פאַרצערט און ביים אָפּטרעטן פון אונדז האָט ער אויסגעציִשעט: „וואַרט, ייִנגעלע, דאָס וועט דיר אָפּגעצאָלט ווערן!" באַלד דערויף האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן די זאַכן און אײַנגענעם מיט די אַנדערע ייִנגלעך האָב איך פאַרלאָזט דאָס יתומים־הויז. חברה האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר געלעכטער. פאַרשטייט זיך, אַז אין הויז האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן צווישנפאַל. די פרייד פון די ייִנגלעך האָט ניט געהאַט קיין גרענעצן. ס'איז צווישן זיי ניט געווען קיין איינער, וואָס זאָל ניט טראָגן אין האַרצן אַ שנאה אויף שראַטן.

איך האָב דערוואַרט אַז ער וועט עפּעס מאַנעווירן קעגן מיר, אָבער עס האָט גאָרניט פּאַסירט, צום ווייניקסטן ניט אַזוי, אַז איך זאָל עס קענען באַ־מערקן. ערשט שפּעטער בין איך געוואוירע געוואָרן, וואָס פאַר אַ געפערלעכן פּלאַן שראַט האָט אויסגעאַרבעט קעגן מיר. עס זאָל זיך אים געווען אײַנגעגעבן דורכצופירן זײַן רישעותדיקע מאַניפּאַרגיע, וואָלט פון מײַן יונג לעבן געוואָרן אַ תל אויף יאָרן און אפשר אַפילו אויף שטענדיק. אָט ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען:

איך האָב געביטן מײַנע לערן־שטעלעס אַ זיבן אָדער אַכט מאָל, און בין געווען פאַרעכנט ביים פאַרוואַלטער פאַר אַ שוואַרצער שאָף, וואָס ער ווייסט ניט וואָס ער זאָל מיט מיר אָנהייבן צו טאָן. די לעצטע לערן־שטעלע, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט מיר פאַרשאַפט, איז געווען ביי אַ סטאָליער פון בוי־אַרבעטן. ס'איז דאָ געווען נאָך ערגער ווי ביים מייסטער אין ווינקלער. גע־אַרבעט האָט מען צוועלף שעה אַ טאָג, אָבער נאָך דער אַרבעט האָב איך נאָך געמוזט אַ שעה אָדער צוויי אַרויסהעלפן דער מייסטערין אין דער שטוב־אַר־בעט, אַזוי אַז איך האָב ניט געהאַט קיין פרייע מינוט. מע האָט מיר ראַבירט אַפילו דעם זונטיקדיקן פאַרמיטאָג.

איך בין געווען אַ געזונטער יונג און האָב געהאַט אַ געבענטשטן אַפּעטיט;

ביי דער שווערער אַרבעט וואָס איך האָב געטאָן, איז מיין אַפּעטיט אוודאי געוועזן גאַנץ נאַטירלעך. אָבער די מייסטערין איז געווען אַן אַלטע קאַרגע פרוי, זי האָט מיר צוגעטיילט יעדן ביסן און מיך געהאַלטן אויף אַ נערונג־רעזשים, וואָס איז מיר גאָרניט וואוילבאַקומען. דאָס איז איר אָנגעקומען נאָך לייכטער דערפאַר, וואָס געגעסן האָב איך ניט ביים טיש מיט אַלע, נאָר אין קיך. פּאַק־טיש האָב איך די גאַנצע וואָך צוגעהונגערט. נאָר זונטיק אַז איך בין געווען ביי מיינע קרובים, האָב איך זיך אָנגעזעסן צו דער זעט. די אַלטע קליפּה האָט מיר פאַרביטערט דאָס לעבן אויך מיט אַנדערע פּירעכצן. זי האָט תמיד נאָר גע־וואָרטשעט און תמיד מיר געהאַט וואָס אויסצוזעצן.

פאַר מיינע קרובים האָב איך זיך ניט געוואָלט באַקלאָגן אויף מיינע צרות. דאָס אָפּטע בייטן מיינע לערן־שטעלעס האָט זיי שוין אַזוי אויך פאַרשאַפט גאָר ווינציק נחת. חוצדעם בין איך ניט געווען קיין אויסנעם. דעם גרעסטן טייל לערן־ייִנגלעך פון יתומים־הויז איז עס ניט געגאַנגען בעסער ווי מיר. נאָר געציילטע פון זיי זיינען געווען צופרידן מיט זייערע שטעלעס. אויפקלערן דער־וואַקסענע אַזעלכע זאַכן, וואָלט איבערהויפּט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע מי. דעם פעטער וואָלט איך זיך יאָ געקענט אָנפאַרטרויען. ער וואָלט מיך יאָ פאַר־שטאַנען, אָבער גראָד אים האָב איך ניט געוואָלט נאָך שווערער מאַכן דאָס האַרץ.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי חדשים, ביז אַ פּאַסירונג האָט דערפירט צו אַ נייעם קראַך. אין מייסטערס הויז האָט געוואוינט אַ לייטענאַנט, וואָס האָט גע־האַט אַ סאָלדאַט צו זיין פּריוואַטן דינסט. נאָך זיין אַרבעט־טאָג פלעגט דער סאָלדאַט מוזן צוריקגיין אין קאַזאַרמע, ווייל אין הויז איז פאַר אים ניט געווען קיין פּלאַץ צום שלאָפן. איך האָב געהאַט אַ פּיטשינקע צימערל איבער דעם טויער־בויגן. ס'איז געווען ווינטער־צייט און אין צימערל איז געווען שרעקלעך קאַלט. אָבער איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב כאָטש אַ שטיקל אָרט ווו איך קען אין אָוונט אַביסל לייענען. קיין סך צייט פאַר לייענען איז מיר טאַקע ניט פאַרבליבן, אָבער עפּעס־וואָס האָב איך פאָרט אַריינגעכאַפּט. דאָס לייענען איז געוואָרן פאַר מיר אַ לעבנס־באַדערפעניש.

איינמאָל אַז איך בין אין דער מיטאָג־שעה אַרויפגעגאַנגען אין מיין קאַ־מער, האָב איך דאָרטן געטראָפן דעם לייטענאַנטס דינער־סאָלדאַט ביי זיין אַרבעט. מיין בעט איז געווען פאַרלייגט מיט אוניפאָרמען און אויף דעם טיש איז געשטאַנען אַ העלם. האַנעס, דער סאָלדאַט, האָט מיר געזאָגט אַז די מייס־טערין האָט אים דערלויבט צו באַניצן מיין צימער. אָנגענעם איז עס מיר ניט געווען, אָבער שליסלעך, האָט עס מיר דאָך גאָרניט געקענט שאַטן, וואָס דער סאָלדאַט קומט אַרויף אין מיין צימער אין דער צייט פון מיין אַוועקזיין. דערביי איז עס אָבער ניט געבליבן. דער סאָלדאַט האָט מיט דער צייט אָנגעג־הויבן בלייבן ביי מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אָפט פלעגט ער אַרויפ־ברענגען אַ פּאָר פריינד; זיי פלעגן שפּילן אין קאָרטן און טרינקען שנאַפּס.

וועגן לייענען האָב איך שוין אַפילו ניט געקענט טראַכטן. מע האָט מיך באַ־רויבט אויך פון מיין נאַכט־רו. די געזעלשאַפט פלעגט אַוועקגיין ערשט אַרום האַלבער נאַכט און איבערלאָזן מיין שלאָף־אָרט אַזוי פול מיטן רויך פון זייערע פּייקעס, אַז מע האָט ניט געקענט זען די האַנט פאַר די אויגן. דאָס פענצטער איז געווען אַזוי צוגעפרוירן, אַז מע האָט עס ניט געקענט עפענען.

וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב זיך געפילט טיף אומגליקלעך. דעם מייסטערס זון, אַ פריינדלעכער מענטש, האָט געאַרבעט מיט אונדז אינאיינעם. איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע צרות. ער איז געוואָרן אויסער זיך און ער האָט איבערגערעדט מיט זיין פאָטער. פון דעמאָלט אָן האָט דער סאָלדאַט אָנ־געהויבן אַוועקגיין ניין אַזייגער. ער האָט עס געטאָן ניט גערן און געמאַכט דער־ביי אַלערליי שטעכיקע באַמערקונגען וועגן די צעפּיעשטשעטע שטאָטישע קינ־דער. מע וואָלט זיי אַלע געדאַרפט אַוועקשיקן אין דאָרף אַריין, דאָרטן וואָלט מען ביי זיי אַרויסגעטריבן די פליגן פון דער נאָז. ער האָט אָנגעהויבן העצן קעגן מיר די מייסטערין און איך האָב דורך אים געהאַט אַ סך פאַראומערטע שעהן. ביסלעכווייז האָט זיך פונסניי איינגעשטעלט דער אַלטער שטייגער. מיין לאַגע איז געוואָרן אַלץ מער און מער נישט אויסצוהאַלטן. ניט געקוקט דערויף, האָב איך מיר געשוואוירן אויסצוהאַלטן, וואָס סע זאָל אויך ניט געשען. אַזוי איז עס מיר באַשערט און איך מוז זיך דערמיט אָפּפאַרטיקן.

איינמאָל מאַכט צו מיר האַנעס: „הער נאַר, דיין בעט איז גענוג ברייט פאַר צוויי. אַז איך זאָל דאָ שלאָפן, וואָלט איך ניט געדאַרפט צוריקגיין אין דער קאַזאַרמע און וואָלט אַזוי אַרום געווינען אַ סך צייט". איך האָב דערפילט ווי דער שלאַק וואָלט מיך געטראָפן, און אים געזאָגט, ער זאָל זיך דאָס אַרויס־שלאָגן פונעם קאָפּ. „ניין?" האָט ער איבערגעפרעגט, „נו וועל איך איבער־שמועסן מיט דער מייסטערין".

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט די אַלטע מיר צו וויסן געגעבן, אַז האַנעס וועט שלאָפן מיט מיר. דערביי האָט זי מיר אַריינגעזאָגט אַ פּאָר שטעכווערט־לעך וועגן מיין אומפריינדלעכקייט. זי דענקט, האָט זי געזאָגט, אַז איך דאַרף זיין דאַנקבאַר וואָס סע גייט מיר גוט. איך האָב זיך מער ניט געקענט באַהערשן און איר געזאָגט גאַנץ קלאָר, אַז אונטער קיין שום אומשטאַנדן וועל איך ניט טיילן מיין בעט מיט האַנעסן. איך בין אַוועק צום מייסטער און אים אויסגע־לייגט אין וואָס עס גייט מיר. דער מייסטער איז געווען אַ שלעכטער מענטש, אָבער ביי זיך אינדערהיים האָט ער קיין שום דעה ניט געהאַט און איז געווען איינגאַנצן אונטער זיין פרויס פּאַנטאָפל. אין ווערקשטאַט האָט זיך צו מיר דערטראָגן אַ צאַנקעריי צווישן מאַן און ווייב. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס ס'איז געבליבן ווי די אַלטע האָט עס געוואָלט.

אין אָוונט אין קיך, אַז איך בין געזעסן ביי מיין נאַכט־עסן, האָט די אַלטע מכשפה ניט אויפגעהערט צו בורטשען וועגן די „שלעפּערישע יתומים־יינגלעך"

און מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז פון דער צווייטער וואָך אָן, וועט האַנעס שלאָפן מיט מיר. איך האָב איר געענטפערט, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ביז זי האָט אַריינגערופן איר מאַן און אים געזאָגט מיט רוגזה אַז איך האָב זי שווער באַליידיקט. דער סוף איז געווען, אַז איך האָב געמוזט איינפּאַקן מיינע זאַכן און מע האָט מיך צוריקגעשיקט אין יתומים־הויז.

דאָס האָט פּאַסירט צו דער צייט ווען שראַט האָט איבערגענומען די פונקציעס פונעם קראַנקן פּאַרוואַלטער. נו, בין איך געווען פונסניי אין גרויען הויז, און אַלע מיינע פּלענער פאַר דער צוקונפט זיינען ניט געוואָרן. וואָס זאָל איצט זיין? איך האָב שוין אומזיסט צעטרענצלט מער ווי אַ יאָר און האָב געוווסט, אַז מיינע קרובים וועלן זיין אויף מיר זייער אויפגעבראַכט. וועגן דעם וואָס איך האָב געמוזט דורכמאַכן, האָבן זיי ניט געהאַט די מינדסטע פאַרשטעלונג. איך האָב זיך געפילט שרעקלעך אַליין. צי איז טאַקע ניטאָ קיין אויסוועג פון אָט דער געמיינער לאַגע? איך האָב מיר אַליין געמאַכט די ביטערסטע פאָרווורפן פאַר מיין אומסטאַבילקייט; איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס קען איך ניט טאָן דאָס זעלביקע וואָס סע טוען אַלע יינגלעך אין הויז.

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע טעג. איך האָב דערוואַרט, אַז דער פאַרוואַלטער וועט מיך לאָזן רופן צו זיין קראַנקן־בעט און מיר מאַכן אַן אויסרייד. אָבער קיינער האָט זיך וועגן מיר ניט געקימערט. און ווירקלעך, הער פּאַטער איז געווען צו ערנסט קראַנק, עס זאָלן אים נאָך ליגן אין זינען די געשעפטן פונעם הויז.

איינמאָל ווען איך בין געזעסן אין הויף, האָט פּלוצים זיך צעעפנט דער טויער און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ קאַטוילישער גלח, הינטער אים איז נאָכגעגאַנגען אַ מעסנער;ביידע זיינען געווען אין פולער טראַכט און שווייגנדיק האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פונעם פאַרוואַלטערס וואוינונג. נו, האָב איך געוווסט, אַז ער האַלטביים סוף. ער איז געשטאָרבן נאָך דעם זעלביקן אָוונט. אין צוויי טעג אַרום האָבן מיר אים באַגלייט צו זיין לעצטן רופּלאַץ.

דעם פאַרוואַלטערס טויט האָט אָנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה און אַ שרעק אויפן גאַנצן הויז. אַלע האָבן זיך געשראָקן טאָמער ווערט שראַט זיין נאָכפאָלגער. מיך אַליין האָבן באַשלאָגן אַנגסטן ביים געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. אַזוי איז אַוועק אַ וואָך צייט, ביז איינמאָל אין דער מיטאָג־שעה, האָט זיך אין הויז באַוויזן דער קאַפּלאַן, מיט אים איז מיטגעקומען אַן אומבאַקאַנטער מאַן, און ביידע זיינען אַוועק גלייך אין אַרבעט־צימער. נאָך דעם מיטאָג־עסן האָט מען אונדז פאַרזאַמלט אויפן הויף, און דער קאַפּלאַן האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט זיין באַגלייטער ווי דעם נייעם פאַרוואַלטער פונעם הויז. ביי אַלעמען איז ווי אַ שטיין אַראָפּ פונעם האַרצן, און דער נייער פאַרוואַלטער האָט דערזען אַרום זיך בלויז פריינדלעכע פּנימער. אויפן צווייטן טאָג האָט שראַט פאַרלאָזט דאָס יתומים־הויז.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך גערופֿן אין ביוראָ צום פֿאַרוואַל־טער. ער איז ניט געווען אַליין. דער קאַפּלאַן איז אויך דאָ געזעסן און ער האָט מיך באַגריסט פֿריינדלעך. דער פֿאַרוואַלטער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ פֿאַר־שערישן בליק, און געזאָגט מיט אַ דורכדרינגלעכער שטימע:

„הער, רודאָלף, איך האָב דיר צו זאָגן אַ פּאָר זייער ערנסטע ווערטער און איך האָף, אַז עס וועט ניט זיין אומזיסט. שוין אַכט מאָל ווי דו האָסט געביטן דיינע לערן־שטעלעס. איין גאָט ווייס וואָס דו וועסט נאָך אָפּטאָן אין דער צו־קונפֿט. צי באַגרייפֿסטו עס ניט אַליין, אַז אַזוי קען עס ווייטער ניט גיין? דיינע עלטערן זיינען טויט; אַז דו וועסט אַמאָל פֿאַרלאָזן אָט דאָס הויז, וועסטו זיין אָנגעוויזן אינגאַנצן אויף זיך אַליין. וואָס וועסטו טאָן אָן אַ פּראָפֿעסיע? ס׳איז דאָך אין דיין אינטערעס דו זאָלסט זיך אויסלערנען אַן אָנשטענדיקע מלאכה, צו זיין באַוואָפֿנט פֿאַר דיין שפּעטערדיק לעבן. אויב דו וועסט זיך ניט נעמען אין די הענט אַריין, וועל איך זיין געצוווּנגען צו אַ שריט, וואָס איך וואָלט אים געוואָלט פֿאַרמיידן אונטער אַלע אומשטאַנדן. הער לערער שראָט האָט שוין צו־געשטעלט אַ ראַפּאָרט וועגן דעם, אַז מע זאָל דיך אַריבערפֿירן אין אַ דערצי־אונגס־אַנשטאַלט. אויף דעם ראַפּאָרט פֿעלט בלויז די אונטערשריפֿט פֿון מיין פֿאַרגייער, און מע וואָלט דיך פֿאַרשיקט אויף אַן אָרט, וואָס פֿון דאָרטן וואָלט פֿאַר דיר קיין אַנטרינונג ניט געווען".

ער האָט געמאַכט אַ קורצע פּויזע און מיך געפֿרעגט פֿאַרוואָס האָב איך פֿאַרלאָזט מיין לעצטע שטעלע. איך האָב אים דערציילט גענוי ווי עס איז צו־געגאַנגען, און האָב געקענט באַמערקן אַז מיין שילדערונג האָט אים טיף אויפֿ־גערודערט. „איך קען ניט פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דער מייסטער האָט זיך ניט אַקעגנגעשטעלט אַזעלכע קאַנדיציעס", האָט ער אַ זאָג געטאָן צום קאַפּלאַן, וואָס האָט שווייגנדיק נאָר געהויבן מיט די אַקסלען.

דער פֿאַרוואַלטער האָט זיך ווידער געווענדט צו מיר און מיך געפֿרעגט, וואָס זאָל מיט מיר זיין אויף ווייטער. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז צו מיין באַדויערן ווייס איך, אַז איך וועל זיך ניט אויסלערנען אַזאַ מלאכה, וואָס שטימט ניט מיט מיינע אינעווייניקסטע נייגונגען.

„וואָס הייסט עס?" האָט ער געפֿרעגט.

איך האָב אים אויפֿגעקלערט, אַז פֿון אָנהייב אָן האָט מיך געצויגן צו בוכ־בינדעריי. אָבער אין אָט דער פּראָפֿעסיע איז אין שטאָט ניט פֿאַראַן קיין מייס־טער, וואָס זאָל וועלן אַריינגעמען צו זיך אַ לערן־יינגל, און איך האָב געמוזט אויפֿגעבן דעם געדאַנק וועגן אויסלערנען זיך אָט די פּראָפֿעסיע.

ער האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט און געזאָגט:

„אויב איך זאָל דיר דערלויבן צו וואוינען אין הויז פֿאַר דער צייט פֿון דיין לערע, וואָלט עס דיר געהאָלפֿן?"

אַ געפֿיל פֿון פֿרייד איז מיר אַדורך דורך אַלע גלידער און האַפֿערדיק האָב

איך אָפּגערופן, אַז אויב ער קען דאָס טאָן פאַר מיר, וואָלט גענומען אַ סוף צו אַלע מיינע ווייסטע אומגליקן.

„און דו זאָגסט מיר צו מער ניט צו באַגיין אין דער צוקונפט קיין שום נאַרישקייטן און אויסהאַלטן אויף דיין פּלאַץ?" האָט ער געפרעגט.

„פון גאַנצן האַרצן", האָב איך געזאָגט.

ער האָט ווידער נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע, צוגעקלאַפּט דערבײַ מיטן בליי־שטיפט אויפן טיש, און געזאָגט: „וואָס וואָלט געווען אויב דו זאָלסט דיר אַליין אויסזוכן אַ מייסטער? געוויס, דיין רעפּוטאַציע איז ניט פון די בעסטע. דו ביסט שוין צוויי מאָל אַוועק פונעם הויז און האָסט אָפּגעטאָן אַפּולע צעלאָזענע שטו־קעס, וואָס זיינען גראָד ניט קיין איבעריק גוטע רעקאָמענדאַציע. ווער קען מיר גאַראַנטירן, אַז דו וועסט זיך יאָווען אַהער אין הויז יעדן אָוונט?"

„איך גאַראַנטיר פאַר אים", האָט זיך אָפּגערופן דער קאַפּלאַן. „ער האָט אָפּגעטאָן אַ סך נאַרישקייטן, וואָס מע קען ניט רעכטפאַרטיקן, אָבער ער איז אַן ערלעך יינגל, וואָס וועט קיינמאָל ניט ברעכן זיין וואָרט".

איך האָב צוגעוואָרפן דעם קאַפּלאַן אַ דאַנקנדיקן בליק, און פאַרזיכערט דעם פאַרוואַלטער, אַז ער וועט ניט האָבן דורך מיר קיין שום אומכבוד, ווייל איך וויל מיטן גאַנצן האַרצן מאַכן דעם ריכטיקן אָנהייב. דערנאָך האָב איך אים געבעטן, ער זאָל מיר דערלויבן אין דער מיטאָג־שעה אויפצוזוכן מיין אָנקל, וואָס איז אַליין אַ בוכבינדער און ער וועט מיר זיכער קענען געבן די בעסטע עצה.

„גוט", האָט ער געזאָגט. „דו קענסט יעדן טאָג נאָך דעם פרישטיק פאַר־לאָזן דאָס הויז, ביז דו וועסט עפּעס געפינען. איך דערוואַרט פון דיר, אַז פּינקט־לעך זעקס אין אָוונט וועסטו תמיד זיין צוריק. דערמיט האָב איך געטאָן אַלץ וואָס ס'איז אין מיין מאַכט צו טאָן. דאָס איבעריקע ווענדט זיך אין דיר".

איך האָב פאַרלאָזט דאָס ביוראָ אין אַ געמיט־צושטאַנד, וואָס ס'איז מיר זינט לאַנג שוין ניט אויסגעקומען איבערצולעבן. איך האָב געהאַט פייכטע אויגן. איך האָב זיך קוים געקענט באַהערשן פאַר פרייד. נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט באַגראָבן יעדע האָפענונג, האָט דאָס לעבן פּלוצים פונסניי באַ־קומען פאַר מיר אַ זין. וויפיל געבראָטענע לייד וואָלטן מיר פאַרשפּאָרט גע־ווען, אויב דער אַלטער פאַרוואַלטער וואָלט געוועסט געווען גרייט צו טאָן דאָס וואָס סע טוט זיין נאָכפאָלגער! וואָס אַ שטייגער זעט עס זיך אָן אין יתומים־הויז מיט אַ פערזאָן מער? אָבער דער פאַרשטאָרבענער איז געווען אַ מענטש פון שטרענגן רעגולאַמין און האָט ניט פאַרטראָגן קיין שום אויסנעמען, וואָס האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין ענגן קרייז פון זיין ווירקן.

איך האָב אינגאַנצן אויפגעשווידערט ביים געדאַנק וואָס פאַר אַ סכנה עס האָט געהאָנגען איבער מיר. דער קראַנקער פאַרוואַלטער זאָל געווען אונטער־שרייבן שראַטס ראַפּאָרט, וואָלט איך געזעסן אין דעם אַזוי טרויעריק באַרימטן צוכט־הויז, אָפּגעשניטן פון דער גאָרער וועלט. אָט דער ברוטאַלער, האַרצלאָ־

זער מענטש, אָן יעדער מענטשלעך געפיל, האָט זיך געלאָזט מיטרייסן פון זיין רוצחישן באַגער זיך נוקם צו זיין אין אַ יִינגל, און איז געווען פיקסירט קאַלט־בלוטיק צעשטערן אויף תמיד אַ יונג מענטשן־לעבן.

די אַזוי אָנגערופענע דערציִאונגס־היימען זיינען געווען אַלגעמיין באַקאַנט ווי פייניקונגס־ערטער, ווו עס ווערן צעבראָכן אַזוי פיל יונגע לעבנס פאַר דער צייט. דאָס זיינען געווען צוכט־הייזער פאַר פאַרלאָזטע קינדער, כדי זיי צוריק־צוברענגען אויף אַ וועג פון גוטע מידות. וועגן די רעזולטאַטן פון זייער גע־בענטשטער אַרבעט, קען מען זיך מאַכן אַ באַגריף פון סטאַטיסטישע באַווייזן, אַז פון אָט די הייזער זיינען אַרויסגעקומען די גרעסטע פאַרברעכער.

פאַרוואָס האָט דער פאַרוואַלטער ניט אונטערגעשריבן אָט דאָס גורלדיקע פאַפיר? ער איז גאַנץ באַשטימט ניט געווען קיין שלעכטער מענטש, פאַר אַלע־מען, ניט קיין ברוטאַלער מענטש ווי שראָט. זיין געוויסן האָט אים, קענטיק, ניט דערלויבט צו באַגיין אַזאַ שענדלעכן אַקט. דער קאַפּלאַן האָט אָן ספק אויך געהאַט אַ האַנט אין דעם. ער פלעגט יעדן טאָג באַזוכן דעם שווער־קראַנקן פאַרוואַלטער און האָט געוווּסט וועגן אַלץ, וואָס סע גייט צו אין הויז. דער קאַפּלאַן איז געווען אַ מענטש מיט אַ גייסטיקן אויסבליק און מענטשלעכע שפּירונגען. דערפאַר האָט ער געמוזט זיך אַקעגנשטעלן מיט זיין גאַנצער קראַפט קעגן אַ געמיינעם אַקט, וואָס האָט געקענט אויפקומען נאָר אין מוח פון אַזאַ געפערלעכן אוממענטש ווי דער לערער שראָט.

אין וואַרשטאַט ביים מייסטער קיטשמאַן

אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט זיך אַרומצוקוקן וועגן אַ לערן־שטעלע. פאַר אַלעמען בין איך אַוועק צו מיין זיידע־באָבע און זיי דערציילט וועגן אַלץ מיטאַנאַנד. אין דער מיטאָג־שעה האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צום אָנקל. דערהערט פון מיר וועגן דער פּלוצים־דיקער ווענדונג וואָס מיין לאַגע האָט גענומען, האָבן דעם אָנקלס גוטע געטרייע אויגן אויפגעלויכטן מיט אַ העלער פרייד. ער האָט מיר גלייך צוגעזאָגט אי־בערצורעדן מיט אַ פּאָר פון זיינע קאָלעגן, און ער איז געווען פעסט איבער־צייגט אין דעם, אַז ער וועט קריגן פאַר מיר אַ פּאַסנדיקע שטעלע. מיט עט־לעכע טעג שפּעטער האָט דער אָנקל מיר איבערגעגעבן, אַז איינער פון זיינע אַרבעט־קאָלעגן האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם מייסטער אין דער אַלט־שטאָט, וואָס האָט אַ שם פאַר אַן ערשטקלאַסיקן ספּעציאַליסט אין פאַך, און אים געראָטן איך זאָל פּרווון אָנקומען צו אים אויף דער לערע.

אויפן צווייטן טאָג אין דער מיטאָג־שעה האָב איך אָפּגעוואַרט דעם אָנקל ביי זיין אַרבעט־פּלאַץ, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום מייסטער טעאָדאָר קיטשמאַן אין דער אַלטער ליצעאום־גאַס. דער וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אויפן דריטן שטאָק פון אַן אַלט הויז, אין אַ הויף פול מיט קליינע וואַרשטאַטן. מיר האָבן געטראָפן דעם מייסטער ביי זיין באַשיידענעם מאָלצייט, און ער האָט אונדז פריינדלעך אויפגענומען. אויסגעהערט פון דעם פעטער וועגן וואָס מיר זיינען געקומען, האָט דער מייסטער געזאָגט אַז פּונקט נייטיקט ער זיך איצט אין אַ לערן־יינגל, ווייל זיין ביז איצטיקער אַרויסהעלפער האָט ניט לאַנג צו־ריק פּלוצים אויסגעוואַנדערט מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע.

מייסטער קיטשמאַן איז געווען אַ געפּאַקטער מאַנספּאַרשוין מיט אַ לייבן־קאָפּ, באַדעקט מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע; פון אונטער דעם הויכן שטערן האָבן צוויי גרויסע בלויע אויגן געקוקט פריינדלעך אויף דער וועלט; די נאָז האָט אויסגעזען אַביסל נעבעכדיק, מע האָט געקענט האָבן אַ שטיקל פאַרדאַכט, אַז דער מייסטער זאָגט זיך ניט אָפּ פון אַ ביטערן טראָפּן; דאָס מויל אונטער די קליינע בלאָנדע וואָנצעס איז געווען פיין־געשניטן און ביים שמייכלען האָט

זיין פּנים באַקומען אַ נאָך מער סימפּאַטישן אויסדרוק. מיין געפיל האָט מיר גלייך אונטערגעזאָגט, אַז אָט דער מענטש וועט זיין פאַר מיר אַ גוטער לערן־מייסטער. דער שמועס צווישן אים און דעם פעטער האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס מייסטער קיטשמאַן האָט זיך דערקלערט גרייט מיך אויפצונעמען אויף אַ חודש פּראָבע־צייט. אויב עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַזביידע צדדים וועלן זיין צופרידן, וועט ער אָפּשליסן מיטן יתומים־הויז אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר.

אַ צעשטראַלטער פאַר פרייד, האָב איך מיטגעטיילט דעם פּאַרוואַלטער וועגן מיין דערוויילִיקן דערפאָלג. ער האָט אויפגענומען די נייס מיט קענטיקער באַפרידיקונג און מיר נאָך אַמאָל דערמאָנט איך זאָל האַלטן שטאַט און זיין אויסהאַלטעוודיק אויף מיין נייער לערן־שטעלע.

מיט אַ האַרץ פול מיט האָפענונגען בין איך דעם קומענדיקן מאָנטיק אַוועק צו דער אַרבעט. מייסטער קיטשמאַן האָט מיך באַגריסט פריינדלעך און גוט־מוטיק געזאָגט: „נו, רודאָלף, וועלן מיר אָקערשט מאַכן אַ פּרווו. איך בין גאַנץ זיכער אין דעם אַז עס וועט דיר ביי מיר וואויל געפעלן". ער האָט מיר אָנגעוויזן מיין אַרבעט־פּלאַץ, געבראַכט אַ העפט־לאַד און מיר געוויזן ווי מע בראָשירט אַ בוך. דערזען ווי געשיקט איך בין ביים פאַלצן די בויגנס און אַז איך ווייס ווי אַזוי צו מאַכן די קנופּן ביים העפטן, האָט ער מיך געפרעגט דערשטוינט, צי איך בין שוין געווען אין דער לערע ביי אַ בוכבינדער. איך האָב אים דער־ציילט ווי איך פלעג צוהעלפן מיין אָנקל ביי דער אַרבעט און אַז דאָס האָב איך אים צו פאַרדאַנקען אָט די אַלע טריקס. מייסטער קיטשמאַן איז געווען זייער צופרידן און מיר געזאָגט, אַז דאָס וועט מיר איצט זייער צונוץ קומען. און טאַ־קע, די קליינע הילפס־אַרבעטן וואָס איך האָב שפּילעוודיק אויפגעכאַפּט ביים אָנקל, האָבן מיר אַ סך פאַרלייכטערט דאָס אויסלערנען זיך מיין קומענדיקן פאַך.

איך האָב זיך ניט גענאַרט. דער גוטער איינדרוק וואָס מייסטער קיטשמאַן האָט געמאַכט אויף מיר ביים ערשטן באַזוך, האָט זיך באַשטעטיקט אין אַלע פּרטים. אַ בעסערן לערן־מייסטער קען מען זיך קוים ווינטשן. פריינדלעך און תמיד גוט געשטימט, איז ער געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט מיט לייב און לעבן. זיין פּראָפעסיע האָט אים פאַרשאַפט אַן אינעווייניקסטע פרייד. מיך האָט ער פון אָנהייב אָן באַהאַנדלט מיט אַ סימפּאַטישער פריינדלעכקייט. פון דער גאַנצער צייט פון מיין לערע האָב איך פון אים קיין שלעכט וואָרט ניט געהערט. פאַרקערט, פון אונדזער פאַרהאַלטן זיך גוט צוזאַמען, איז מיט דער צייט געוואָרן אַ נאָענטע פריינדשאַפט און ס'איז ניט געבליבן קיין סימן פון אונדזער ניט־גלייכער שטעלונג פון איינעם קעגנאיבער דעם אַנדערן.

דער וואַרשטאַט איז געווען אַ געראַמיק צימער, באַלויכטן פון צוויי זייטן מיט פיר גרויסע פענצטער; די גאַנצע אַטמאָספער איז דאָ געווען פריי־געמיט־לעך; די ווענט זיינען פון אויבן ביז אַרונטער געווען באַקלעפּט מיט אויסשניטן

פון אילוסטרירטע זשורנאַלן און צווישן די בילדער, סענטענצן, אַפאָריזמען, פון דענקער און דיכטער פון דער גאָרער וועלט; יעדער ווינקעלע האָט גע־בלאַנקט ליכטיק און ציכטיק; מע האָט עס געפילט אויפן ערשטן בליק, אַז דער מייסטער לייגט אַ סך ווערט אויף ריינלעכקייט; מע האָט זיך דאָ קיינמאָל ניט געאיילט; יעטוועדע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן מיט גלייכער גרינטלעכקייט, אַפילו אַז סע האָט זיך געהאַנדלט אין די פשוטסטע זאַכן, ווייל דער מייסטער איז געווען איינגעשטעלט דערויף, אַז פון זיין וואַרשטאַט דאַרף אַרויסגיין בלויז די פיינסטע אַרבעט.

מייסטער קיטשמאַן איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר 45 צו דער צייט, ווען איך בין אָנגעקומען צו אים אין דער לערע. ער האָט געשטאַמט פון אַ קלע־נערער שטאָט אין שלעזיע. זיין לערע־צייט האָט ער געמאַכט אין ברעסלוי. מיט זיין מלאכה אין די הענט, איז דער מייסטער שפּעטער אויסגעווען אַ וועלט, ביז ער האָט זיך באַזעצט אין מאַינץ. דאָ האָט ער אָנגעגומען ביי אַן אלמנה די שטעלע פון אַ וואַרשטאַט־אָנפירער. אַז די אלמנה איז געשטאָרבן, האָט ער אָפּגעקויפט דאָס געשעפט ביי אירע קינדער און זיך געמאַכט זעלבשטענדיק. אַ ניט־באַווייבטער, האָט ער געוואוינט אין אַ קליין דאַך־שטיבל אין זעלביקן הויז ווו ער האָט געהאַט זיין וואַרשטאַט, און געפירט אַ רואיק לעבן פון אַ מענטשן, וואָס איז תמיד אַריינגעטאָן אין זיינע אייגענע מחשבות. זייטיקע צווישנפאַלן האָבן זעלטן געשטערט זיין איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער. נאָך רייכקייט האָט ער זיך ניט געיאָגט. ער האָט אַלע יאָרן באַשעפטיקט נאָר אַ לערן־יינגל. בלויז ווינטער־צייט, ווען ער האָט געהאַט אַ סך צו טאָן, פלעגט ער אויפנעמען אַ געזעלן אויף אַ צייט, אויב אַזעלכער איז אים געקומען צו דער האַנט.

דער מייסטער איז געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך, ס'איז אים אָבער ניט געגאַנגען אין לעבן צו זיין אויך אַ גוטער קאָמערסאַנט; עס האָט אים גע־פעלט דער גוסט אויסצוברייטערן זיין אונטערנעמונג. ער זאָל זיך געווען יאָגן נאָך געלט, וואָלט ער עס לייכט געווען געקענט דערגרייכן. אָפט פלעגט ער מוזן אָפּזאָגן גרעסערע אַרבעטן, ווייל ער וואָלט ניט געווען אין שטאַנד זיי אַרויסצוענדיקן צו דער געפאָדערטער צייט. דאָס האָט אים אָבער ניט אָנגע־הויבן צו אַרן אויף אַ האָר. אַז עמעצער פלעגט אים קאָלעגיאַל אויסרעדן זיין ניט־פּאַראינטערעסירטקייט, האָט ער תמיד יענעם אויסגעהערט מיט אַ גוט־מוטיקן שמייכל און געווייינטלעך געהאַט אַזאַ ענטפער: „אך וואָס! אַנדערע ווילן אויך לעבן. איך בין צופרידן מיט דעם וואָס איך האָב, און איך ווינטש מיר נאָר עס זאָל ניט ווערן שלעכטער".

מיסטער קיטשמאַן האָט פאַקטיש ניט פאַרדינט קיין סך מער פון אַ גוט באַצאָלטן אַרבעטער אין פאַך. אָבער ער איז געווען צופרידן מיט זיין מערכה, און זיין אומאָפּהענגיקייט האָט ער געהאַלטן טייערער פון אַלץ. אין די זומער־חדשים, ווען ער האָט געהאַט ווייניק צו טאָן, איז עס אים געגאַנגען ניט אין

בעסטן, ער האָט זיך אָבער געשטרעקט נאָך די עקן און פלעגט ווי ניט איז זיך דורכשלאָגן. האָט ער פאַרדינט מער, האָט ער אויסגעגעבן מער. די שפּאָר־קאַסע האָט פאַר אים ניט עקסיסטירט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט זיך געקענט פאַרגינען צו רייכערן זיין ציגאַר, טרינקען זיין פלאַש ווייַן און פון צייט צו צייט גיין אין טעאַטער, איז ער געווען הייטער און אויפגעלייגט און געזען די וועלט אין אַ ראָזע ליכט. אין אַ שלעכטער צייט, ווען ער האָט געמוזט איינציִען דעם גאַרטל, האָט ער זיך ניט באַקלאָגט און געלעבט מיטן געדאַנק, אַז גאָר אינגיכן וועלן קומען בעסערע טעג.

אין זיין פּראָפעסיע איז מייסטער קיטשמאַן געווען אַ מענטש מיט אַחריות, וואָס מע טרעפט אַזוינעם ניט אָפט. אָבער ער האָט ניט גערן געהאַט צו נעמען אויף זיך פאַרפּליכטונגען, וואָס וואָלטן קענען זיך אָפּרופן צום שלעכטן אויף זיין אומאָפּהענגיקייט. אַז ער האָט געמוזט צומאָל אויפנעמען אַ געזעלן, פלעגט ער זיך פריִער לאַנג שלאָגן מיט דער דעה. ניט מחמת די אויסגאָבן. ער פלעגט גערן צאָלן דעם בעסטן לוין און קיינמאָל זיך ניט גערעכנט מיט דער אַרבעט־צייט, אַזוי לאַנג ווי די אַרבעט איז געווען גוט געמאַכט. ער פלעגט אָבער זעלטן אָנטרעפן אויף אַזאַ אַרבעטער, וואָס זאָל זיין פּעאיק נאָכצוקומען זיינע פאָדערונגען און ער פלעגט זיך פילן שלעכט, אַז ער האָט געמוזט אָנווייזן אַ געזעלן ווי אַזוי צו אַרבעטן. דערפאַר טאַקע פלעגט ער ליבערשט אַרבעטן אַליין טאָג און נאַכט, אַבי אויסצומיידן אַ סיטואַציע, וואָס האָט מעגלעך אים געקענט אַרויסברענגען פון זיין געוויינטלעכער גלייכוואָג. אָט אַזוי פלעגט ער אָפט זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען אַ לוינענדיקע אַרבעט, נאָר דערפאַר וואָס ס׳איז אים ניט געווען צום האַרצן צו נעמען אויף זיך אַן איבעריקן עול.

דער מייסטער איז געווען פלייסיק ווי אַ בין און מיט לייב און לעבן געווען אַריינגעטאָן אין זיין אַרבעט, וואָס האָט אים פאַרשאַפט די גרעסטע פרייד. אַז ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ שטויס ביכער שוין פאַרגילטע, פלעגט ער צאַרטלעך אַרומגלעטן יעדער באַנד פון אַלע זייטן און אַ זאָג טאָן מיט אינעוויי־ניקסטער באַפרידיקונג: „ווי געמאָלט!“ מיט אים אַרבעטן איז געווען אַן אמת־דיק פאַרגעניגן. זיין אַרבעט־פרייד האָט געווירקט אויפמונטערנדיק און צוגע־געבן אַ באַזונדערן חן אויף דער מינדסטער באַמיִונג. קאַרלעילס אַ זאָג אַז „די אַרבעט איז אַ גאָטסדינסט“, איז געווען אָנגעמאָסטן פאַרן מייסטער קיטש־מאַן; פאַר אים איז די אַרבעט געווען אויף אַן אמת אַ סאָרט רעליגיע, וואָס מיט איר קולט איז פול געווען זיין גאַנצע נשמה. דער מייסטער איז געווען אַן אָרי־גינאַל אין זיין פאַך. אַזאַ טיפּ בעל־מלאכה קען מען היינט קוים נאָך אָנטרעפן. די אַלץ וואַקסנדיקע מעכאַניזירונג פון דער אינדוסטריע, האָט געמאַכט אַ סוף צו אַזעלכע געשטאַלטן. פון אַלטן גוטן האַנטווערקער איז קיין סך מער ניט פאַרבליבן.

נאָך אַלע מיינע ביטערע איבערלעבונגען אויף די פאַרשיידענע לערן־שטע־לעס, איז דאָס לעבן אין אָט דעם פריינדלעכן אַרום, געווען פאַר מיר אַן אמתע

דערלייזונג. איך האָב פונסניי זיך דערפילט ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיין פּלאַץ אין לעבן און וואָס האָט פאַר זיך אַ צוקונפט. אונטער דער געניטער אָנפירונג פונעם מייסטער, איז די אַרבעט ביי מיר אַוועק אַ גאַנג ווי אויף רעדלעך. חוץ וואָס איך האָב געהאַט יעדן טאָג אויפצורוימען דעם וואַרשטאַט און מאַכן קליי־נע באַזאָרגונגען פאַר דעם מייסטער, בין איך דעם גאַנצן טאָג געווען באַשעפ־טיקט ביי מיין פאַך. אַ בעסערע געלעגנהייט זיך עפּעס אויסצולערנען ריכטיק, האָט פאַר מיר איבערהויפּט גאַרניט געקענט זיין. די אַרבעט איז געווען אָנגע־נעם און מיט אַ סך אָפּבייטונגען. נאָך דער פיינלעכער אומזיכערקייט פון די לעצטע פערצן חדשים, האָב איך זיך דערפילט ווי ניי־געבוירן.

דער מייסטער האָט מיר יעדע וואָך געגעבן אַ מאַרק טאַשנגעלט און מיר געזאָגט, אַז אויפן צווייטן יאָר וועל איך קריגן צוויי און אויפן דריטן יאָר דריי מאַרק אַ וואָך. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ פריידיקע איבערראַשונג, ווייל איך האָב איבערהויפּט גאַרניט גערעכנט דערמיט צו באַקומען עפּעס אַ פּאַרגיטי־קונג. אַזוי האָט מיין יונג לעבן אָנגענומען אַ ווענדונג, וואָס בעסער האָב איך זיך ניט געקענט ווינטשן.

אויך דער נייער פּאַרוואַלטער איז געבליבן וואוילגענייגט צו מיר. אין אָוונט אַז איך בין אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, פלעגט ער גערן זיך אונטער־האַלטן מיט מיר. אַז סע זיינען אָפּגעלאָפן די דריי יאָר פון מיין קאָנטראַקט מיטן מייסטער, האָט דער פּאַרוואַלטער אין אַן אָוונט מיך גערופן אין זיין אַרבעט־צימער און מיר געזאָגט, אַז פון איצט אָן קען איך אויסגיין יעדן זונטיק אויף דעם גאַנצן טאָג ביז ניין אין אָוונט. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ער האָט געלאָזט אויסשטאַטן אין הויז אַ קליין צימער, וווּ איך וועל וואוינען פון איצט אָן. ער האָט מיר דערלויבט צו ניצן דאָס ליכט ביז האַלב עלף, איך זאָל קענען אויסניצן די פרייע צייט אויף מיין ווייטערדיקער אויס־בילדונג. איך בין געווען גליקלעך איבער דער מאָס און ניט געוווסט ווי אים אָפּצודאַנקען. דער נייער פּאַרוואַלטער איז באמת געווען אַן אָרנטלעכער מענטש מיט מענטשלעכע געפילן. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין גרונט זיך צו באַ־קלאָגן אויף אים.

אַזוי איז מיין לעבן ווידער אַרויף אויף אַ גלייכן וועג. איך האָב געלייענט אַ סך גוטע ביכער און אויסגענוצט מיין פרייע צייט אַזוי גוט ווי איך האָב נאָר געקענט. צוויי ווערק האָבן מיך דעמאָלט באַזונדערס פאַרכאַפּט: „די אַלגעמיינע קולטור־געשיכטע" פון קאָלב און באָקלס „די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד". ביידע ווערק האָב איך דורכגענומען עטלעכע מאָל און האָב מיר געמאַכט נאָטיצן, כדי צו פאַראַרבעטן דאָס געלייענטע און עס מיר גוט אַריינ־נעמען אין קאָפּ אַריין.

דאָס לעבן אין מייסטער קיטשמאַנס וואַרשטאַט איז זיך דערווייל געגאַנ־גען מיט זיין געוויינטלעכן, רואיקן, גלייכמאָסיקן גאַנג. איך האָב דעם מייסטער ליב געקראָגן מיטן גאַנצן האַרצן און אויך ער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ

מער צוגעבונדן צו מיר. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז איינגעשטעלט צווישן אונדז אַ פאַרבינדונג, וואָס האָט קוים נאָך געכאַפּט דעם אָנבליק פון באַציִונגען צווישן מייסטער און לערלינג; ס׳איז געווען צווישן אונדז ביידע אַן אמתע פריינדשאַפט. מיט אַ לייכט געמיט האָב איך אויסגעפאָלגט אַלע זיינע אָנווייזונגען און אין אַ קורצער צייט בין איך אַזוי ווייט אַוועק אין דער מלאכה, אַז איך בין געוואָרן אַ גוטער אַרויסהעלפער דעם מייסטער. די צייט פלעגט פאַרבייגיין אָנגענעם און געשווינד, איידער מע האָט באַוויזן זיך אַרומצוזען. ביי דער אַרבעט האָבן מיר שטענדיק געשמועסט וועגן עפּעס אָדער גאָר געזונגען. אין אונדזערע שמועסן האָבן מיר אַרומגערעדט וועגן אַלע מעגלעכע זאַכן. דער מייסטער האָט געהאַט צו דערציילן אַפולע סטימולירנדיקע עפּיזאָדן. אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער פאַרפאָרן ווייט אין דער וועלט און אין זיינע וואַנדערונגען האָבן אים פּאַסירט פאַרשיידענע איבערלעבענישן; ס׳איז געווען ווערט צו הערן וואָס ער האָט אַלץ דערציילט. ביי אַ געלעגנהייט פלעגט אונדזער שמועס אַרויף אויף פּאָליטישע פראַגן און געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן; אין אַזאַ שמועס זיינען מיר זיך אָפט צעגאַנגען אין אונדזערע מיינונגען.

אין דער ערשטער צייט פלעגט דער מייסטער ביי אַזעלכע שמועסן אָפט מאַכן גרויסע אויגן און אַפּנים ניט געוווסט וואָס ער זאָל טראַכטן וועגן מיר. אַז איך האָב אים געלאַסן אַרויסגעזאָגט מיינעם אַ שטאַנדפּונקט און אים געגעבן אַרגומענטן, וואָס ס׳איז ניט שייך געווען זיי אָפּצופרעגן, האָט ער מיך אָנגעקוקט גאַנץ געפּלעפט און געוואָלט וויסן פון וועמען איך האָב דאָס אַלץ. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז שוין זייער פרי האָבן מיך אָנגעהויבן באַשעפטיקן אַלערליי פראַגן און אַז איך האָב אויך אַ סך געלייענט פאַרשיידענע אויפקלערערישע ביכער. ער האָט זיך נאָך מער געחידושט און ניט געקענט באַנעמען ווי אַזוי אַ יונגער מענטש פון מיין עלטער קען איבערהויפּט גאָר האָבן אַן אינטערעס פאַר אַזעלכע גריבלערייען. אָבער גאָר באַזונדערס איז אים פאָרגעקומען געהייריש די פאָרעם פון מיין אַרגומענטירן. „יונג, יונג”, האָט ער מיר איינמאָל אַ זאָג געטאָן, „אין דיר שטעקט עפּעס. דו וועסט באַשטימט נאָך אָנקומען אין רייכסטאַג!”

מייסטער קיטשמאַן איז ניט געווען קיין קליינבירגערלעכער טיפּ מענטש. דערצו האָט ער געהאַט צופיל טעמפּעראַמענט און לעבנס־פרייד אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט אַריינגעטראַכט אין פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן. ער האָט געהאַט אַ געזונטן, קלאָרן קאָפּ און האָט אויך אַ סך געלייענט. עס האָט אים אָבער אינטערעסירט בלויז די אַזוי אָנגערופענע שיינע ליטעראַטור אָדער דאָס טעאַטער. זיינע צוויי באַליבטסטע שרייבער זיינען געווען גאָטפריד קעלער און באַזונדערס ווילהעלם ראאבע; ער האָט זיך געפילט גאַנץ גוט אין דער רואיקער אָפּגעקלערטער וועלט פון אָט די צוויי שרייבער, וואָס זייערע ווערק זיינען דערצו נאָך געווען באַהויכט מיט אַ פיינעם הומאָר.

דער מייסטער האָט ניט געהאַט קיין סך פריינד. ער איז אומעטום טאַקע

געוועזן געשעצט; מיט זיינע שכנים האָט ער אָנגעהאַלטן די בעסטע באַציִונגען, אָבער קיין אינטימערע פריינד האָט ער ניט געהאַט, סיידן אפשר איינעם. יעדן זונטיק אָוונט האָט מען אים געקענט זעןביים שטאַם־טיש אין אַ שכנהשן וויינשענק, אָבער ביי זיך פלעגט ער זעלטן אויפנעמען באַזוכער. ער האָט געלעבט צוריקגעצויגן און ער האָט זיך ניט געפילט איבעריק גוט אויב ס'איז געווען אַרום אים געטומל, ליאַרעמדיק. מייסטער קיטשמאַן איז געווען אַ סאָרט אינדיווידואַליסט, וואָס ווייס ווי אַפּצושאַצן אַן אָנגענעמע געזעלשאַפט, איז אָבער ניט געניינט צו ענגערע באַציִונגען, וואָס פאַלן צומאָל צו לאַסט.

דאָס איז אויך געווען די סיבה פאַרוואָס ער איז געבליבן אַן אַלטער בחור. דער מייסטער איז זיכער ניט געווען קיין פיינד פונעם שוואַכן געשלעכט. פאַרקערט, צו שיינע פרויען האָט ער אַרויסגעוויזן אַ בפירושע שוואַכקייט און איז תמיד געווען ריטערלעך אין זיין באַנעמען זיך מיט זיי. ס'איז אָבער ביי אים קיינמאָל ניט דערגאַנגען צו אַן ערנסטער פאַרהעלטעניש. עטלעכע מאָל האָט עס שוין אַפּילו יאָ געהאַלטן דערביי ער זאָל זיך פאַרבינדן מיט אַ פרוי אויפן לעבן, אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער זיך שטענדיק צוריקגעצויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך דערשראָקן אַפּצוטאָן עפּעס אַזוינס, אויף וואָס ער וועט שפּעטער דאַרפן חרטה האָבן. אַז באַקאַנטע פלעגן אים דערפאַר קיבוצן, פלעגט ער בלויז שמייכלען אומבאַהאָלפן און זאָגן, אַז צו אַזאַ געוואַגטן שריט איז ער נאָך ניט צו אַלט און אַז חוץ דעם, איז דאָס חתונה האָבן זייער אַן ערנסטער ענין, ווייל קיינער קען ניט זאָגן אין פאָראויס, צי וועט עס אים פירן אין גיהנום אָדער אין גן־עדן.

די איינציקע צייטונג וואָס דער מייסטער האָט געלייענט איז געווען דער „מאַינצער איינצייגער", אַן אַלטע דעמאָקראַטישע צייטונג, פּאָליטיש איינגעשטעלט ווי די „פראַנקפורטער צייטונג". אין יענער צייט האָט מען אַ סך געשריבן וועגן פראַנצייזישן גענעראַל בולאַנזשעי און וועגן דעם נאָענטן רעוואַנשקריג קעגן דייטשלאַנד, וואָס די פראַנצויזן זאָלן זיך האָבן אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין.

איינמאָל האָט דער מייסטער אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף אָט די נייסן. פון זיינע ווערטער האָט מען קלאָר געקענט אַרויסהערן, אַז ער האָט ניט קיין באַזונדערע ליבע פאַר די פראַנצויזן. איך האָב אים רואיק אויסגעהערט און צוערשט ניט געזאָגט קיין וואָרט. אַז ער אַליין האָט מיך שפּעטער געפרעגט וואָס איך טראַכט וועגן אָט די אַלע צייטונגס־קלאַנגען, האָב איך אים גאַנץ אָפן אַרויסגעזאָגט מיין שטעלונג צו די דייטש־פראַנצייזישע באַציִונגען. איך האָב אים צוגעגעבן, אַז בולאַנזשעי איז זיכערלעך אַ ווערקצייג אין די הענט פון רעאַקציאָנערע פּאָליטיקער, אָבער אַז די אמתע סיבה פון די איצטיקע פּאָליטישע שטרעמונגען אין פראַנקרייך, איז ביסמאַרקס פּאָליטיק און באַזונדערס די אַנעקסיע פון עלזאַס־לאָטרינגען.

מיינע ווערטער האָבן דעם מייסטער פשוט געפּלעפּט, און מיט קענטיקן

פאַרדראָס האָט ער מיר אָפּגעענטפערט: „דו ביסט דאָך אָבער אַ דייטש, רו־דאָלף! ווייסטו עס דען ניט, אַז עלזאַס האָבן די פראַנצויזן ביי אונדז אַוועקגע־רויבט. ס'איז דאָך געווען נאַטירלעך, אַז אַזוי באַלד ווי ס'איז אונדז אונטערגע־קומען די ערשטע געלעגנהייט, זאָלן מיר אָפּנעמען דאָס, וואָס געהערט אונדז מיט רעכט".

איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז ס'איז היינט קוים פאַראַן איין איי־ראָפּעאישע מלוכה וווּ גאַנצע געביטן זיינען אַמאָל ניט געווען באַזעצט מיט אַנ־דערע פעלקערשאַפטן. אויב יעדער שטאַט זאָל זיך פאַרלייגן דערויף צו דעראָ־בערן צוריק דאָס, וואָס ס'איז געווען זיינס מיט הונדערטער יאָרן צוריק, וואָלט צו מלחמות גאָר קיין סוף ניט געקומען. איך האָב אים געפרעגט, וואָס אַשטיי־גער זאָל ביי אַזאַ איינשטעל ווערן פון אַ מלוכה ווי עסטרייך. ווער ווייס עס ניט, אַז ניט די פּאָליאַקן, ניט די טשעכן, די אונגאַרן, די דרום־סלאַוון און אַזוי ווייטער, אַז זיי אַלע האָבן זיך ניט אַנגעשלאָסן פרייוויליק אין עסטרייך; זיי זיינען דערצו געוואָרן געצוווּנגען מיט מאַכט. דערנאָך האָב איך אים דער־מאָנט די צעטיילונג פון פּוילן און די געשיכטע פון זיין אייגן לאַנד.

„דער אַלטער פריץ זאָל געווען פאַרלירן דעם זיבן־יאָריקן קריג, מייסטער, — האָב איך אים געזאָגט, — וואָלט איר היינט געווען ניט קיין דייטש, נאָר אַן עסט־רייכער. דער גורל פון די עלזאַסער באַוועגט זיך אויף דער זעלביקער ליניע. אַז די פראַנצויזן האָבן צוגענומען דאָס לאַנד, האָבן זיי קיינעם ניט געפרעגט, צי זיינע איינוואוינער זיינען יאָ אָדער ניט צופרידן דערמיט, וואָס מע האָט געביטן זייער נאַציאָנאַליטעט. פונקט אַזוי ווינציק האָט ביסמאַרק איצט גע־פרעגט זייער מיינונג. דאָס איז דאָך דאָס גרויסע פאַרברעכן פון אַלע דעראָבע־רער; זיי גייען אום מיט די פעלקער ווי מיט סטאַדעס און יעדער זיג אָדער ווויסטער סוף איז פאַר זיי ניט מער ווי אַ פראַגע פון מאַכט."

מיינע ווערטער האָבן דעם מייסטער אַזוי צעחושט, אַז ער האָט צוערשט ניט געפונען קיין שום אָפּפרעג. ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז ער האָט פריִער קיינמאָל ניט געזען די זאַכן אין אַזאַ באַלייכטונג. ער האָט גאַנץ פּשוט ניט געפונען קיין אַרגומענטן קעגן אַלץ דעם, וואָס איך האָב אים אָקערשט געזאָגט. פאַר דעם גרעסטן טייל מענטשן איז עס אָבער ניט אַזוי לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון איינשטעלונגען, וואָס זיי האָבן באַקומען מיט דער מוטערס מילך, און זיך צופּאַסן צו נייע געדאַנקען־גענג. מיין מייסטער איז אין יענער מינוט גראָד געווען אין אַט אַזאַ לאַגע. דערפאַר טאַקע האָט ער גאָרניט געזאָגט וועגן מיינע אויספירונגען. ער האָט בלויז באַמערקט: „דו רעדסט דאָך פונקט ווי דער אַלטער וואָלק".

„דער אַלטער וואָלק?" האָב איך געפרעגט פאַרחידושט. „אָבער ווי קומט איר צו אים, מייסטער?"

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אַלטער וואָלק איז אין אַ געוויסן זין דעם מייסטערס אַ קונד, און יעדער מאָל אַז ער קומט נאָר אַריין אין וואַרשטאַט,

הייבט ער זיך גלייך אָן זיך צו קאָכן אויף ביסמאַרקן און די פּרייסן. „עס זאָל זיין געוועגדט אין אים״, האָט דער מייסטער געזאָגט, „וואָלט ער אַלע פּרייסן דערטראָנקען אין רהיין און זיי געלאָזט אַוועקשווימען אין ים אַריין״.

דער אַלטער וואָלק איז געווען באַקאַנט אין דער גאַנצער שטאָט ווי אַן אַלטער אַכט־און־פערציקער *). אַלע האָבן אים געשעצט פאַר זיינע געוואַגטע דעמאָקראַטישע איינשטעלונגען. איך האָב פריִער קיינמאָל ניט געהאַט די גע־לעגנהייט צו קומען מיט אים אין באַרירונג. ערשט אַדאַנק די געשעפטלעכע באַציִונגען צווישן דעם אַלטן און דעם מייסטער, האָב איך זיך פּערזענלעך באַ־קאַנט מיטן אַלטן.

דער אַלטער וואָלק איז פון פאַך געווען אַ בוכבינדער, אָבער ער האָט זינט לאַנג שוין מער ניט געאַרבעט. ער האָט געלעבט ביי זיין טאָכטער. זיין איי־דעם האָט געהאַט אַ העכערע לערער־שטעלע און דער אַלטער פלעגט אים איינ־בינדן זיינע ביכער. דעם אַלטן האָט אָפּט אויסגעפעלט וועדקצייג און ער פלעגט ברענגען צום מייסטער ניט־פאַרענדיקטע אַרבעט ער זאָל זי אויספאַרטיקן. איך האָב שפּעטער אָפּט געמוזט אָפּטראָגן דעם אַלטן וואָלק זיינע ביכער און אויף אַזאַ אופן האָב איך זיך נעענטער באַקאַנט מיט אים. ס'איז געווען אַ באַ־קאַנטשאַפט, וואָס האָט געהאַט די ווערט די מי.

---

*) וועטעראַן פון דער רעוואָלוציע פונעם יאָר 1848.

דער אַלטער וואָלק און דער ווידערווילן צום פּרייסנטום

אין אַ קליין זייטיק צימערל אין אַן אַלטן ווינשענק אויף דער אומבאַך פלעגט יעדן זונטיק אינדערפרי זיך צונויפקומען אַ קליינע געזעלשאַפט אויף אַ פרימאָרגן־פּלעשל. ביים ברייטן עולם האָט אָט די קאָמפּאַניע געהייסן די העקער־גוואַרדיע *). דאָס זיינען געווען אַן אַכט־צען אַכטאונפערציקער, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די קאַמפן פונעם אַזוי אָנגערופענעם משוגענעם יאָר. די נשמה פונעם קרייזל איז געווען דער אַלטער וואָלק, איינער פון די אָריגינעלסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס ס'איז מיר אויסגעקומען אָנצוטרעפן אין מיינע יוגנט־יאָרן. שוין זיין אויסזען אַליין האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק. ער איז געווען אַביסל איבער מיטלגרויס, שלאַנק געוואקסן, און ניט געקוקט אויף זיינע זיבעציק יאָר, גריילעך רירעוודיק; אויף זיינע עטוואָס געבויגענע אַקסלען איז געזעסן אַ קאָפּ, וואָס יעדער מאָלער וואָלט זיך געקענט ווינטשן צו האָבן פאַר אַ מאָדעל; דאָס שמאָלע פּנים מיט די טונקעלע לעבעדיקע אויגן, דער הויכער שטערן און די פיין־געשניצטע נאָז, איז געווען באַרעמלט מיט אַ פּרעכטיקער באָרד, שניי־ווייס ווי זיין געדיכט באַוואַקסענער קאָפּ, וואָס האָט אים באַדעקט די גאַנצע ברוסט.

ווי שוין דערמאָנט האָב איך זיך נענטער באַקאַנט מיט אים אַדאַנק זיינע געשעפטלעכע באַציִונגען מיטן מייסטער קיטשמאַן. אַז סע פלעגט מיר אויסקומען אים אָפּצוברענגען אַ פּעקל ביכער, איז דער אַלטער שטענדיק געווען פריינדלעך צו מיר און פון צייט צו צייט פלעגט ער מיך פאַרבעטן צום אָוונטברויט. פון די שמועסן וואָס מיר האָבן געפירט, האָט ער אַפּנים גלייך איינגעזען מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג; ער האָט מיך באַהאַנדלט מיט אַ סך לייטזעליקייט און מיר געזאָגט, אַז דאָס האַרץ געפינט זיך ביי מיר אויפן ריכטיקן פּלאַץ. בלויז מיינע סימפּאַטיעס פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָבן ביי אים ווינציק־

---

*) איינער פון די באַרימטסטע העלדישע קעמפער אין מאַינץ, אין דער רעוואָלוציע פון 1848.

וואָס אויסגענומען. וועדליג אים זיינען אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן געווען ניט מער ווי ליימענע דישלס, וואָס ווילן ניט באַגרייפן, אַז אין דייטשלאַנד מוז די גרויסע אַנטשיידונג אויסגעקעמפט ווערן אויף די באַריקאַדן, און זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן אַפילו ניט דעם מוט זיך אָפן צו דערקלערן ווי רעפובליקאַנער.

מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צום אַלטן און צומאָל אים אויך באַגלייט אויף זיין שפּאַצירגאַנג. וואָס מער איך האָב זיך דערוווּסט וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט, אַלץ טיפער איז געוואָרן מיין אָפּשיי פאַר דעם אַלטן מאַן, וואָס האָט מיט געווער אין דער פויסט געקעמפט פאַר דייטשלאַנדס באַפרייונג און שטעטס געבליבן געטריי צו זיינע איבערצייגונגען. דער אַלטער וואַלק האָט געהאַט הינטער זיך אַן אינטענסיוו און באַוועגלעך לעבן. אין זיין יוגנט האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געווען איינער פון די אַקטיוויסטע קעמפער אין די אויפשטאַנדן פון די דרום־דייטשן אין די יאָרן 1848־49; ווי אַ יונגער פאַרטיזאַנער האָט ער זיך באַטייליקט אין אַ צאָל ערנסטע צוזאַמענשטויסן באַזונדערס אין באַדען, ווו אַ קויל האָט אים דורכגעשאָסן דעם רעכטן אָרעם. נאָכדעם ווי די פּרייסישע אַרמיי האָט באַזיגט די רעפּובליקאַנער אין באַדען, איז וואַלק געווען צווישן די לעצטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין דער שווייץ. קנאַפּע צוואַנציק יאָר איז ער פאַרבליבן אין אויסלאַנד, דער עיקר אין זשענעווע און פּאַריז. פאַר באַטייליקן זיך אין אַן אונטערערדישער באַוועגונג קעגן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, האָט ער געמוזט אַנטלויפן פון פראַנקרייך; קיין מאַינץ איז ער צוריקגעקומען האַרט פאַר דעם אויסבראָך פון דער דייטש־פראַנצייזישער מלחמה פון 1870.

דער אַלטער האָט פליסיק גערעדט פראַנצייזיש און אין זיין קליינער ביבליאָטעק האָט ער אויך געהאַט אַ צאָל פראַנצייזישע ביכער, צווישן זיי אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פונעם ראַדיקאַלן זשורנאַל אין יענער צייט, דער לאַמטערן, רעדאַקטירט פון הענרי ראָשפאָר. די ווענט פון זיין קליינעם צימער זיינען געווען באַהאָנגען מיט די פּאָרטרעטן פון ראָבערט בלום, פרידריך העקער, גאָטפריד קינקעל, וויקטאָר הוגאָ, גאַריבאַלדי און אָרסיני. צום שטאַרקסטן האָט מיך פאַרכאַפּט אין זיין צימער אַ פראַנצייזישער קופּערשטיך, וואָס האָט פאַרגעשטעלט אַ פעסטע גילאָטינע אין דער מיט און אַרום איר די פּאָרטרעטן פון מאַראַט, דאַנטאָן, ראָבעספּיער און קאַרנאָ. איבער דעם גאַנצן זיינען געווען אויסגעקריצט די דריי ווערטער: „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט". די מענער פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע זיינען געווען דעם אַלטנס העלדן. מיט די גוואַלטיקע געשעענישן פון די יאָרן 1789־94 איז דער אַלטער געווען אויסגעבונדן און געוווּסט וועגן זיי אפשר מער ווי וועגן דער געשיכטע פון זיין אייגן לאַנד. פראַנקרייך איז געווען זיין גרויסע ליבע. ער האָט געגלייבט אַז די אויסלייזונג פון אייראָפּע מוז קומען דורך פראַנקרייך.

דער אַלטער וואַלק איז געווען אַן אימפּעטיקע נאַטור, אַ געבוירענער רע־בעל. צו ביסמאַרקן און די פּרייסן האָט ער געטראָגן אין האַרצן אַ טיפע שנאה; נאָך זיי זיינען ביי אים געשטאַנען אויפן צעטל די גלחים; קעגן זיי האָט ער געהאַט פּשוט אַ פיזישן ווידערווילן. „אַזוי לאַנג ווי די מאַנאַכן וואַרפן אייגלעך צום הימלישן קעניגרייך, וועלן אויף אייער פּאַראַקערטן באַדן וואַקסן נאָר דער־נער און אומקרויט", איז געווען איינע פון זיינע סענטענצן. אַ צווייטער פון זיינע שלאָגווערטער האָט געהאַט אָט דעם נוסח: „מע קען ניט פּטור ווערן פונעם ערדישן זשאַנדאַרם אַזוי לאַנג ווי מע שטעלט אַן דעם קאָמפּאַס אין דער ריכטונג פון יענער וועלט און מע פאַרשטינקט דעם אייבער־זשאַנדאַרם מיט ווייריך".

פּאַר אַזעלכע קרעפטיקע אויסדרוקן איז מיין יונגער מוח געווען באַזונ־דערס אויפנעמיק. דער כוואַטסקע שטעל פונעם אַלטן מאַן, האָט פאַר מיר גע־האַט אין זיך אַ ניט־ווידערשטייליכן מאַגנעטישן כוח. ער איז ניט געווען דער מענטש פון ניין מאָס רייד; רעוואָלטירנדיקע פאַקטן האָט ער ניט געפּרוווט דער־קלערן מיט דער לאָגיק פון די אומשטאַנדן. ווי אויף אַן אויסגעשטרעקטער שנור, איז ער שטענדיק געגאַנגען גראַד צום ציל, אַן דעם ער זאָל זיך נעמען אַמפּערן מיטן קעגנער. זיין עיקר־ציל איז געווען די באַריקאַדע, וואָרן דער אַלטער האָט ניט געגלייבט, אַז אויף אַ פרידלעכן אופן זאָל מען קענען מאַכן אַ סוף צו די עק־סיסטירנדיקע קאָנטראַסטן. ער האָט געהאַלטן אין איין באַטאַנען, אַז אין אַ מי־ליטערישן שטאַט ווי ס'איז דייטשלאַנד, איז נייטיק אַ געוועכטע פויסט פון אונטן, כדי צו מאַכן צונישט די פויסט־רעכט פון אויבן. אַזאַ אויסבליק האָט געמוזט מיטרייסן יונגעלייט פון מיין עלטער. די ברוטאַלע ווירקלעכקייט, די פיינע פּאַ־ראַנדקעס, וואָס סע האָט איינגעשטעלט די פּרייסישע פּאָליצייַ, האָט געמוזט נאָך מער דינאַמיזירן זייער רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. איך האָב דעם אַלטן פּשוט האָלט באַקומען, דערביי האָב איך אים געהאַלטן זייער הויך און אים באַוווּנדערט אָן אַ שיעור. ער איז מיר פאַרגעקומען ווי אַ לעבעדיקע פאַרקער־פּערונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס אירע אונטערערדישע דונערן האָבן זיך דערטראָגן צו מיין אויער פון דערווייטן. אַז איך האָב אים געהערט רעדן וועגן דער רויטער טויפונג, וואָס מוז קומען איבער דייטשלאַנד, כדי צו פּאַרטיליקן די פּרייסישע שמאָך פונעם פּנים פון דער ערד, — האָב איך געהאַט דאָס גע־פיל ווי איך וואָלט געהערט אַ פאַרצייטיקן פּראָפעט, וואָס שטייט אויפן הייליקן באַרג און בליקט מיט זוכנדיקע אויגן אין קעניגרייך פון דער צוקונפט.

פאַקטיש איז דער אַלטער וואַלק געווען אַן אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט. אַפילו די איבערלייגונג פון דער עלטער האָט ניט געפּענטעט זיין הייסן טעמ־פּעראַמענט. ער איז נאָך אַפילו געווען פּעאיק אויף עקסטראַוואַגאַנטע שטיק פון כלומרשטער מאַיעסטעט־באַליידיקונג און האָט דערפאַר טאַקע באַצאָלט מיט דריי חדשים תפיסה. דער עפּיזאָד האָט געהאַט אַזאַ לוסטיקן בייגעשמאַק, אַז איך וואָלט ניט וועלן אים דאָ דורכלאָזן, באַזונדערס נאָך דערפאַר וואָס די

פאַסירונג איז פאַראייניִוועגס אַ שאַרפע אילוסטראַציע פון דער דעמאָלטיקער דייטשער יוסטיץ.

אין אָוונט איז דער אַלטער געזעסן מיט זיינעם אַ פריינד ביי אַ גלאָז ביר, אין רעסטאָראַן פונעם האָטעל צום רויטן קאָפּ. ביים זעלביקן טיש האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אַ פרייסישער פעלדפעבל. אין לאָקאַל איז אַריינגעקומען אַן איטאַליענער, אַ הויזירער מיט גיפּס־פיגורן, אַ ביוסט פונעם קייזער ווילהעלם דעם ערשטן. דער טיפּ הויזירער איז דעמאָלט געווען זייער פאַרשפּרייט דרום־דייטשלאַנד. דער הענדלער איז צוגעקומען אויך צום אַלטנס טיש און אים אָנגעבאָטן זיין סחורה. דער אַלטער האָט אים געזאָגט: „אַ דאַנק, איך בין אַ רעפּובליקאַנער און איך נייטיק זיך ניט אין אַזעלכע זאַכן״.

דער פעלדפעבל האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך נאָכגעפרעגט ביים איטאַליענער וועגן פּרייז. „בלויז פופציק פעניג, מיין הער״, איז געווען דער ענטפער. דער מאַן אין מונדיר האָט זיך גענומען דינגען און פאַרעגלייגט דעם פאַרקויפער פינף־און־־צוואַנציק פעניג. דער אַלטער וואָלק האָט זיך ניט איינגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן סאַרקאַסטיש: „נו, פאַר אַ פרייסישן פעלדפעבל וואָלט אַזאַ פיגור פונדעסטוועגן באַדאַרפט האָבן די ווערט פון פופציק פעניג״.

דער פעלדפעבל איז אַרויס פונעם לאָקאַל און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ שוצמאַן, וואָס האָט אַרעסטירט דעם אַלטן. מע האָט אים געמאַכט אַ פּראָצעס לויט אַלע כללים. ביים אַרויסטראָגן דעם אורטייל, האָט דער ריכטער דערקלערט, אַז נאָר אַדאַנק זיין הויכער עלטער, קומט ער אָפּ מיט אַ מילדער שטראָף. דער אַלטער איז זיך רואיק אָפּגעזעסן זיינע דריי חדשים, מע האָט אָבער ניט געקענט באַהויפּטן, אַז די שטראָף זאָל אים האָבן געבעסערט אויף אַ האָר.

דורך דעם אַלטן וואָלק האָב איך אויך געהאַט די געלעגנהייט בייצווזיין אַ פּאָר מאָל אויף די זונטיקדיקע זיצונגען פון דער העקער־גוואַרדיע. די זקנים מיט די גרויע בערד זיינען געווען לוסטיקע טרינקער און האָבן פאַרטריבן די צייט מיט דערציילן זיך אַלטע געשיכטעס. די פרייסן האָבן דערביי אָפּגעשניטן גאָר ניט פויגלדיק. קיין גרויסע חידושים האָב איך זיך ביי זיי ניט דערוווסט. די אַלטע רעוואָלוציאָנערן האָבן געלעבט צופיל אין זייער נעכטן. די נייע צייט האָט אויף זיי געלאָזט גאָר ווייניק שפּורן. אין דער נייער צייט האָבן אָט די אַלטע לייט געזען נאָר דאָס שלעכטע. ביי אַלץ דעם זיינען זיי פאַרבליבן גוטע דעמאָקראַטן און זיי האָבן זיך ניט געשעמט מיט די נאַרישקייטן פון זייער יוגנט, ווי דאָס האָט פאַסירט מיט אַ סך אַנדערע פון זייער גענעראַציע, מיט יענע, וואָס האָבן יאַקאָש זיך איינגעלעבט אין ביסמאַרקס רייך. אַ מאַן ווי דער אַלטער וואָלק איז אויך אין דעם קרייז געווען אַן אויסנעם. דאָס וואָס די אַלטע האָבן זיך געהאַט צו דערציילן האָט מיך איבעריק שטאַרק ניט גענומען. אָבער דער געדאַנק אַז איך זיץ ביי איין טיש מיט עכטע באַרי־

קאַדן־קעמפּער, האָט אַריבערגעוויגן אין מיר יעדער אַנדערע איבערלייגונג, און פול געמאַכט מיין יונג האַרץ מיט טיפער באַוואונדערונג.

ווי עכטע רהיינלענדער האָבן די אַלטע ווייסע־חברהניקעס זיך אויסגע־קענט ניט בלויז אויף אַ גוט גלעזל, זיי האָבן געקענט אויך הנאה האָבן פון זינגען אַלע איניינעם; דאָס געזאַנג איז געווען דאָס עכטע געווירץ, וואָס האָט באַטעמט זייערע זיצונגען. באַזונדערס שוין פאַרן צעגיין זיך, ווען די שטימונג איז געוואָרן געהויבענער, האָט מען אין אַלטן ווינשענק געקענט הערן לידער, וואָס זיינען היינט זינט לאַנג שוין פאַרגעסן געוואָרן. ניט ווייניק פון אָט די לידער האָבן פאַרמאָגט אַ סך הומאָר, ווי אַ שטייגער דאָס ליד פון בירגער־מייסטער טשעש אָדער דער פּריים מיכעל שטייגט אַרויף אין הימל, אַ סקאַר־באָוועפּאָעזיע אין מאַינצער גאַסן־דיאַלעקט, אַ באַשרייבונג פון די גלגולים, וואָס סע מאַכט אַדורך די נשמה פון אַ פּרייסישן אונטער־אָפיציר; געשטאָרבן איז ער פון האָבן זיך איבערגעגעסן מיט רעטעך אין חזיר־שמאַלץ און זיין נשמה שוועבט אַזוי אַרום פון שטערן צו שטערן און געפינט ניט קיין רו, ביז זי קומט אָן אויף אַ שטערן, ווו די מלאכים וואוינען אין קאַזאַרמעס און דער ליבער גאָט טראָגט אויפן קאָפּ אַ ריזיקע קאַסקע. אָט דאָס ליד פלעגט דער אַלטער עבערט זינגען סאָלאָ און נאָך יעדן פערז פלעגן די אַנדערע אויפכאַפּן מיט ברען:

דער מיכעל האָט ס׳געזעס פאַרברענט.
הימל־הער־גאָט־סאַקראַמענט!

גאָר באַזונדערס האָב איך ליב געהאַט צו הערן דעם אַלטן וואָלק, ווען ער האָט מיט זיין טיפער אָנגענעמער שטימע אינטאָנירט די מאַרסעליעזע אויף פראַנצייזיש. איך פלעג דערביי פילן ווי אַ ציטער גייט מיר אַדורך אַלע גלי־דער און הערן אין מיין איינבילדעניש די שטורמישע שריט פון אָנקומענדיקע באַטאַליאָנען. אויך דאָס ליד וועגן פאָלקס־העלד ראָבערט בלום פלעגט אויפ־רודערן מיין פייערדיקע נשמה. אָבער פון אַלע לידער, וואָס די העקער־גוואַרדיע האָט געזונגען, האָט צום שטאַרקסטן געווירקט אויף מיר אַ ליד, וואָס מע וואָלט עס קוים געקענט באַצייכענען ווי אַ פּערל פון דער דייטשער פּאָ־עזיע, אָבער דער אינהאַלט פון יענעם ליד האָט דעמאָלט געהאַט פאַר מיר ממש אַ מאַגנעטישע קראַפט:

אַז פירשטן פרעגן:
גייט נאָך דער העקער אום?
זאָלט איר זיי טאָן זאָגן:
דער העקער, ער הענגט שטום!

ער הענגט ניט אויף אַ בוים,
ער הענגט ניט אויף אַ שטריק,

נייערט אויף דעם טרוים
פון דער דייטשער רעפּובליק.

שלעזיענס קינדער טרינקען
בלוט פון מוטער־ברוסט.
אַ סך דערביי פאַרזינקען,
וועגן ציל אָבער זיך באַוווּסט.

און דער פּרייסן־קעניג
לינדערט יאָ די נויט:
טערקיש בעבלעך גיט ער ווייניק,
ווי מע לעכצט נאָך ברויט.

און נאָך אַיעדער פון די צאָלרייכע סטראָפן, איז געגאַנגען ווי אַ רעפריין די סטראָפע:

דרימעך נקמה, נקמה פעלקער!
שטורעמט מיט קינזשאַלן!
ניט פון פירשטן און גלחים
קומען וועלן פריד־געשאַלן!

דער שטאַרקער ווידערווילן צום פּרייסנטום איז איבעריקנס ניט געווען דער מאָנאָפּאָל פון יענעם קרייז. אין אַלע שיכטן פונעם רהייניש פאָלק האָט מען אויסדריקלעך ניט ליב געהאַט די פּרייסן. אין אַלטע שטעט מיט אַ היס־טאָרישער פאַרגאַנגענהייט, שפּילט די טראַדיציע אַ וויכטיקע ראָלע; זי שאַפט געוויסע איינדרוקן, וואָס אינגאַנצן פאַרשווינדן זיי קיינמאָל ניט. די מיטלפּונקטן פון אונדזער גרויס אינדוסטריע מיט זייערע איינפאָרעמדיקע הייזער־פראָנטן, מיט זייערע טענעמענט־הייזער און מאָנאָטאָנע גאַסן־רייען, — זיי זיינען, פאַר־שטייט זיך, ניט אין שטאַנד איבערצולאָזן אַזעלכע אָנהאַלטעוודיקע איינדרוקן. אין אַזעלכע שטעט קען קיינמאָל ניט אויפקומען דאָס זיין פאַרוואָקסן מיטן סאָציאַלן אַרום. גאַנץ אַנדערש איז עס אין אַ שטאָט, ווו יעדער ווינקל איז פאַרבונדן מיט דערמאָנונגען פון אַלטע צייטן; דאָרט זיינען דער היסטאָרישער נעכטן און דער לעבעדיקער היינט פאַרוועבט און פאַרפלאָכטן אין אַנאַנד; פוןביידן שאַפט זיך ביי די איינוווינער אַ געוויסער אַפּזאַץ, וואָס בלייבט אויפן גאַנצן לעבן, באַזונדערס ביי מענטשן, וואָס זיינען גייסטיק סענסיטיוו.

אין מיין יוגנט־צייט איז מאַינץ געווען אַ שטאָט מיט אַ זייער דעמאָקראַ־טישן איינשטעל. דאָס דעמאָקראַטישע באַוווּסטזיין איז דאָ ניט געווען קיין פּאַרטיי־ענין, נאָר אַ געפיל, וואָס איז איבערגעגאַנגען אין בלוט ביי אַלע קרייזן פון דער באַפעלקערונג. איך בין געבוירן געוואָרן בלויז צוויי יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער פאַראייניקטער דייטשלאַנד. אין פאָלק האָט זיך דעמאָלט נאָך שטאַרק געפילט אַן אינעווייניקסטער ווידערשטאַנד קעגן דייטשלאַנדס

נאַציאָנאַלער איינהייט אונטער דער פירערשאַפט פון די פּרייסן. דער לינקער רהיין־ברעג, באַדען און ווירטעמבערג זיינען פון תמיד אָן געווען די דעמאָ־קראַטישסטע טיילן פון דייטשלאַנד. אין אָט די טיילן פונעם רייך, איז דאָס בירגערטום געבליבן אַ לאַנגע צייט פיינדלעך געשטימט צו די פּרייסן און איז אָפט געווען אין שאַרפער סתירה צו ביסמאַרקס פּאָליטיק. אין אַ היפשער מאָס האָט זיך געלאָזט דערקלערן מיט די שטאַרקע אויסווירקונגען פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע; אירע אידייען האָבן געפונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג גראָד אין די רהיינישע שטעט, די סאַמע עלטערע קולטור־געביטן אין דייטשלאַנד. בעת אין פּרייסן און אין אַנדערע געגנטן פונעם לאַנד זיינען די טראַדיציעס פונעם פירשטלעכן אַבסאָלוטיזם געבליבן טיף פאַרוואָרצלט, איז דאָס גייסטיקע און סאָציאַלע לעבן פונעם רהיינישן מענטשן אַזוי אויף גאַנץ נייע וועגן און קיין שום רעאַקציע איז אויך שפּעטער ניט געווען אין שטאַנד אויסצוראָטן אָט די נייע שטרעמונגען.

צו דער צייט פון דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, האָבן די אַזוי אָנגערופענע „קלוביסטן" געפירט אין מאַינץ אַ פאַרצווייגטע רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. אַז די פראַנצייזישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי האָט (1792) פאַר־נומען שפּייער, האָבן אָט די רעוואָלוציאָנערן אויפגעפאָדערט זייער גענעראַל צו מאַרשירן אויך אויף מאַינץ און די מאַינצער בירגער האָבן אויפגענומען דעם גענעראַל קוסטין מיט זיין אַרמיי, מיט אַ סך ענטוזיאַזם. מאַינץ איז גע־וואָרן אַ טייל פון דער פראַנצייזישער רעפּובליק און געשיקט קיין פּאַריז זוי אירע פאַרטרעטער, צוויי פון די פּאָפּולערסטע „קלוביסטן", אַדאַם לוקס און יאָהאַן געאָרג פאָרסטער. אָט דער פאָרסטער איז געווען אין יענער צייט אַ באַ־רימטער געלערנטער. ער האָט באַגלייט דעם באַרימטן קאַפּיטאַן קוק אויף זיין וועלט־רייזע און געווען דערביי, ווען די אָרטיקע האַלב־ווילדע איינוווינער פון־נעם אינדזל האַוואַיאַ האָבן אומגעבראַכט דעם קאַפּיטאַן. שפּעטער האָט פאָר־סטער באַגלייט דעם גרויסן געלערנטן אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלד אויף זיינע וויטע פאָרש־רייזעס. מיטן אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, האָט פאָרסטער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג. אין זיין קורץ לעבן — פאָרסטער איז געשטאָרבן אין בליענ־דיקן עלטער — האָט ער באַוויזן צו לאָזן נאָך זיך דעם אָנדענק פון איינעם פון דייטשלאַנדס פרייעסטע גייסטער אין אַלע צייטן.

אין מיין יוגנט איז אין פאָלק נאָך געווען לעבעדיק אַן אויסדריקלעכע ליבע צו פראַנקרייך און אַ שטאַרקער ווידערווילן צו אַלץ וואָס איז פּרייסיש. עס האָבן נאָך עקסיסטירט פאַראיינען צו קולטיווירן די פראַנצייזישע שפּראַך. אַ סך האַנטווערקער אין אונדזער געגנט פלעגן, לויט אַן אַלטער טראַדיציע, זיך אַוועקלאָזן אויף עטלעכע יאָר קיין פּאַריז, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרענדיקט זייער לערן־צייט, כדי זיך בעסער אויסצובילדן אין זייער פאַך. נאָך זייער צו־ריקקומען, פלעגן אַזעלכע „פּאַריזער" זיך אָנשליסן אין די אַזוי אָנגערופענע

„פראַנצויזן־קלובן", כדי ניט צו פאַרגעסן און אויסבילדן נאָך מער דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט פון דער פרעמדער שפּראַך.

די באַזונדערע ליבע פון די רהיינלענדער צו די פראַנצויזן איז אין יענער צייט, איבעריקנס, געווען גאַנץ נאַטירלעך. דעם רירעוודיקן און מונטערן כאַראַקטער פון דער רהיינלענדישער באַפעלקערונג איז געווען טיף אַנטיפּאַטיש יעדער פּאַרשטאַרטער רעגולאַמין און אַרויפגעצוווּנגענע דיסציפּלין. עמאַציאַנעל האָט דעם רהיינלענדער פּשוט אימפּאָנירט דער טעמפּעראַמענט פון די פראַנצויזן. דער באַרימטער גייסט פון פּאָטסדאַם, וואָס האָט זיך גאַנץ און גאָר געדרייט אַרום מאַסן־דרעסירונג און שקלאַפישער געהאָרכזאַמקייט, האָט ניט האַרמאָנירט מיט די אינעווייניקסטע נייגונגען און מיט די אַלטע טראַדיציעס פון די רהיינלענדער. אויך ביסמאַרקס פאַראייניקטער רייך האָט ניט דערנענטערט צו בערלין די באַפעלקערונג פון דרום־דייטשלאַנד און פונעם רהיין־געביט. די פאַראייניקונג האָט בלויז געמאַכט שפּירעוודיקער די אינעווייניקסטע קאָנטראַסטן און נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ווידערווילן פונעם רהייניש מענטשן צו פּרייסנס איבערהערשאַפט.

פאַר דעם דייטש־עסטרייכישן קריג פון 1866, איז מאַינץ געווען אַ פעסטונג פון דער קאָנפעדעראַציע און די שטאָט איז געווען באַזעצט אָט מיט פּרייסיש, אָט מיט עסטרייכיש מיליטער. אין מיינע קינדער־יאָרן זיינען אין דער באַפעלקערונג נאָך געווען לעבעדיק דערמאָנונגען וועגן צוועקל, ווי די מאַינצער האָבן גערופן די עסטרייכער. די עלטערע פון מיינע קרובים, ווי איבערהויפּט אַלע דערוואַקסענע אין שטאָט, האָבן אָפט זיך דערציילט שפּאַסישע אַנעקדאָטן און סתם לוסטיקע מעשיות וועגן די עסטרייכער. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געהערט מע זאָל נאָכזאָגן די עסטרייכער אַן אומפריינדלעך וואָרט. מע האָט זיך מיט זיי גוט פאַרטראָגן און זיי זיינען געשטאַנען מיט דער באַפעלקערונג אין די בעסטע באַציִונגען. די שטעלונג צו די פּרייסן איז געווען גאָר אַן אַנדערע. די גוטע באַציִונג צו די עסטרייכער איז אָן ספק געווען דער רעזולטאַט פון אַ געוויסער קרובהשאַפט אין טראַכטן און פילן בייביידע צדדים. צו די פּרייסן איז אַזאַ באַציִונג איבערהויפּט ניט געווען.

דאָס איז נאָך מער כאַראַקטעריסטיש דערפאַר, וואָס צווישן עסטרייכישן און פּרייסישן דעספּאָטיזם איז אין פּלוג גענומען קיין גרויסער אונטערשייד ניט געווען. אָבער אין עסטרייך זיינען די אויסווירקונגען פונעם רעזשים פּאַרט ניט געווען אַזוי פאַטאַל ווי אין פּרייסן. די פּרייסישע מיליטערישע מושטירונג און די טעמפּע פּרייסישע ביוראָקראַטיע, האָבן אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן גייסטיק פאַראַליזירט אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. אין אַנדערע לענדער האָט מען זיך געבויגן אונטערן יאָך פון דער דעספּאָטיע, ווייל מע האָט ניט געהאַט קיין אַנדערע ברירה. אָבער אין פּרייסן האָבן די הערשער דערגרייכט דערצו, אַז די פריווויליקע פאַרשקלאַפונג זאָל ווערן אַ לעבנס־פּרינציפּ און אַז דאָס זיין פאַריאָכט זאָל ווערן אַ פראַגע פון האָנער.

דאָס באַוווסטע ווערטל, אַז „עסטרייך איז אַ דעספּאָטיע געמילדערט דורך שליומפּער״, האָט געהאַט ביז גאָר אַ טיפערן זין, ווי אַ סך האָבן זיך עס גע־קענט פאָרשטעלן. דאָס וואָס מע האָט אין פּרייסן באַטראַכט פאַר אַ „שליומ־פּעריי״, איז אין דער אמתן געווען ביים פאָלק אַ געפיל פון אומאָפּהענגיקייט אין אַ געוויסער מאָס. דער עסטרייכישער דעספּאָטיזם האָט געמוזט מאַכן גע־וויסע קאָנצעסיעס, כדי אויסצומיידן אַ קאַטאַסטראָפע פאַר זיין עקסיסטענץ. אַזעלכע זאַכן דאַרף מען ניט אונטערשאַצן, אויב מע וויל פאַרשטיין ריכטיק די אינעווייניקסטע צווישן שייכותן אין יענער עסטרייכישער אימפּעריע.

דאָס זען אין די פּרייסן די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז, וואָס איז גע־ווען אַלגעמיין אין מיין אַרום, אין מיינע קינדער־יאָרן, איז ביי מיר פאַרבונדן מיט אַ פּערזענלעכער איבערלעבונג. מאַינץ איז געווען איינע פון דייטשלאַנדס שטאַרקסטע פעסטונגען און די שטאָט איז געווען פול מיט פּרייסיש מיליטער. אין דער מינסטער גאַס, ווו איך האָב אָפּגעלעבט דעם גרעסטן טייל פון מיין קינדשאַפט, איז געווען אַ ריזיקע קאַזאַרמע, וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע רעכטע זייט פון דער גאַס. מיר האָבן געוווינט אויפן צווייטן שטאָק, פּונקט קעגנאיבער דער קאַזאַרמע, און פון פיר פענצטער פון אונדזער וווינונג האָבן מיר געהאַט אַ פרייען אויסבליק אויפן ברייטן הויף פון דער גרויסער געביידע; איך האָב זיך געקענט צוקוקן ווי מע מושטירט דאָ די סאָלדאַטן טאָג איין, טאָג אויס און צוזען די עקלדיקע דרעסירונג. וויסטע סצענעס פלעגן זיך אָפּשפּילן אויף אָט דעם הויף, גאָר באַזונדערס, צו דער צייט ווען עס פלעגן אָנקומען יונגע רעקרוטן. מ׳איז אומגעגאַנגען מיט די יונגעלייט ערגער ווי מע גייט אום מיט בהמות. די אונטער־אָפיצירן האָבן אויף זיי געפליוכעט מיט שטראָמען פון די געמיינסטע זידלערייען, מ׳איז אָבער ניט געבליבן בלויז ביי ווערטער, די רעקרוטן האָבן געהאַט אויסצושטיין אויך די ברוטאַלסטע קער־פּערלעכע באַהאַנדלונגען און דאָס אַלץ האָט געדאַרפט האָבן דעם איין און איינציקן צוועק: דערשטיקן אין יונגן סאָלדאַט יעדער שפּור פון מענטשלע־כער ווערדע.

אַ גרויליקע סצענע וואָס האָט זיך טיף אַריינגעשניטן אין מיין יונג האַרץ, שטייט מיר נאָך היינט לעבעדיק פאַר די אויגן. די רעקרוטן האָבן געמוזט זיך אויסלערנען דאָס אַריבערשפּרינגען איבער אַ מין לאַנגן קאַסטן, באַשלאָגן מיט לעדער. אַ יונגער בחור, אַביסל אַן אומגעשיקטער, האָט ניט געקענט נאָכמאַכן די קונץ, כאָטש מע האָט געזען, אַז ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות צו מאַכן דעם געפאָדערטן שפּרונג; נאָך יעדן אומגעלונגענעם פּרווו, האָט דער אונטער־אָפיציר אים דערלאַנגט מיט דער גאַנצער קראַפט אַ שטויס אין די ריפּן און מיטן קולאַק אים געהאַקט איבערן פּנים, דעם אומגליקלעכן בחור האָט דאָס בלוט גערונען איבערביידע באַקן. צולעצט האָט דער אונטער־אָפי־ציר אים באַפוילן זיך אַוועקזעצן אונטערן קאַסטן, די אַנדערע האָבן דערוויל געדאַרפט ווייטער אָנגיין מיטן שפּרינגען; דעם קאַסטן האָט דער שינדער גע־

הייסן אַראָפּדריקן אַזוי נידעריק ווי מעגלעך; דער געמאַטערטער יונגערמאַן איז געבליבן אין אַ פּאָזיציע נאָר צום דערשטיקט ווערן. אַז מע האָט ענדלעך אויפגעהויבן דעם קאַסטן, איז דער געפּייניקטער געליגן ווי טויט און ניט גע־רירט מיט קיין אבר. דער טיראַן האָט באַפוילן ברענגען אַן עמער וואַסער פו־נעם ברונעם און אָפּגיסן דעם פאַרחלשטן; אַביסל אָפּגעמונטערט, האָט דער סאָלדאַט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהייבן, אָבער אומזיסט. דער אומ־מענטש האָט אים עטלעכע מאָל געקאָפּעט מיטן שטיוול, ביז מע האָט דעם האַלב־טויטן געמוזט אַוועקטראָגן פונעם הויף. אַזעלכע ברוטאַלע סצענעס האָבן פאַרפלאַנצט אין מיר פון קינדוויַיז אויף אַ ברענענדיקן האַס צום מיליטאַריזם, וואָס איז מיט די יאָרן געוואָרן נאָך טיפער. איך האָב מיר געשווירן קיינמאָל ניט צו טראָגן דעם קייזערס ערן־קלייד.

שלעגערייען צווישן מיליטער און ציוויליסטן זיינען אין מיין יוגנט געווען אין מאַינץ אַ געוויינטלעכע דערשיינונג. באַזונדערס אין די אונטערשטע טיילן פון דער שטאָט, ביים רהיין, פלעגן אַזעלכע צוזאַמענשטויסן אָפט אויסברעכן צווישן שיפסלייט און סאָלדאַטן. איך דערמאָן זיך נאָך אין אַ באַזונדערס העפ־טיקער באַטאַליע, וואָס האָט אויפגערודערט די שטאָט אויף לאַנגע וואָכן. אין האָטעל צום שוואַרצן בער האָט אויסגעבראָכן אַ הריגה צווישן רהיין־פּליטני־קעס און סאָלדאַטן; דאָס געשלעג האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די שכנהשע גאַסן. די סאָלדאַטן האָבן צולעצט געמוזט נעמען די פיס אויף די פּלייצעס, נאָר דערוויַיל־וואָס זיינען עטלעכע פערזאָן אַזוי שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אַז מע האָט זיי געמוזט אַוועקטראָגן פונעם שלאַכט־פעלד און איין סאָלדאַט איז געבליבן ליגן אַ דערשטאָכענער. מע האָט דערנאָך אַרעסטירט עטלעכע פּליט־ניקעס און זיי פאַראורטיילט אויף לאַנגע יאָרן תפיסה. די סאָלדאַטן, מיטבאַ־טייליקטע אין דער שלעגעריי זיינען אויך שטרענג באַשטראָפט געוואָרן, אָבער בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען אָפּגעטראָטן פאַר ציוויליסטן...

אַזעלכע צוזאַמענשטויסן זיינען גאָרניט געווען קיין נאָווינע, אַפילו אַז זיי האָבן זיך ניט תמיד געענדיקט אַזוי טראַגיש. די באַציִונגען צווישן דער באַ־פעלקערונג און די אַלע אַנדערע, וואָס מע האָט אין מאַינץ באַצייכנט ווי פּרייסן, זיינען דערפון זיכערלעך ניט געוואָרן בעסער. דער פּרייס איז געווען די שוואַר־צע שאָף, וואָס מע וואַרפט אַרויף אויף איר די שולד פאַר יעדער מעגלעכער אָנשיקעניש. אין די אויגן פון די מאַינצער איז דער פּרייס געווען אַ מין קאַ־פויר־מענטש, וואָס מוז זיך באַנעמען שלעכט לויט זיין גאַנצער נאַטור. אָט דעם באַגריף האָבן די לייט פון מיין היימשטאָט אויסגעלאָדן אין אַ שפּאָטיש לידל, וואָס איז אין מיין יוגנט געווען זייער פּאָפּולער:

דו ביסט פאַרריקט, מיין קינד!
גיין זאָלסטו קיין בערלין,
דאָרט ווּ אידיאָטן שטעקן,
געהערסטו דו אויך אַהין.

דער איינציקער אין אונדזער ענגערן קרייז, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט מיטרייסן מיט האַק און פּאַק מיטן מאַסן־פּסיכאָז קעגן אַלע פּרייסן, ווער ער זאָל ניט זיין, איז געווען דער פעטער. זיין גייסטיקער בליק, וואָס האָט געזען ווייט און פאַר אַלעמען, זיין פאַרטיפטער זין פאַר גערעכטיקייט, האָבן ביי אים ניט געלאָזט קיין פּלאַץ פאַר אַזעלכע שטימונגען. די שלעכטע אויסווירקונגען פון דער פּרייסישער סיסטעם האָט ער גאַנץ באַשטימט געפילט שטאַרקער ווי אַנדערע. ער האָט אויך איינגעזען קלאָר, אַז די נאַציאָנאַלע איינהייט פונעם רייך אונטער פּרייסנס פירערשאַפט, מוז זיין פאַטאַל. ער האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז דער איינצלנער פּרייס איז ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער געשאַפענער לאַגע און אַז מיט אַ פאַרגענומענער מיינונג קען מען ניט טאַקסירן קיין מענטשן. פאַקטיש איז עס טאַקע אַ געפערלעכע אונטערנעמונג, פּשוט אַ שרייענדיקע אומגערעכטיקייט צו שאַצן אַ מענטשן לויט דער מענטשן־גרופּע, וואָס צו איר געהערט ער, אַדאַנק אַ בלינדן צופאַל. דער אָנקל האָט מיר אָפט דאָס געגעבן צו פאַרשטיין און איך בין אים דערפאַר געווען זייער דאַנקבאַר. אָבער אָט די בעסערע דערקענטעניש האָט זיך פאַרפעסטיקט אין מיר ערשט שפּעטער, ביסלעכווייז, ווייל אין מיין יוגנט האָב איך זיך אָפט געלאָזט מיטרייסן מיט אַלגעמיינע שטימונגען, אָן דעם איך זאָל זיך וועגן דעם אָפּגעבן אַ קלאָרע רעכענונג.

אַז איך וואַרף היינט אַ בליק אויף צוריק, אויף יענע צייטן, ווערט עס מיר קליפּ און קלאָר, אַז דער ווידערווילן פונעם רהיינישן פאָלק צו די פּרייסן האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אין די הויכע פענצטער איז מען געקראָכן פון דער הויט צו פאַרשמעלצן זאַכן, וואָס האָבן זיך געמוזט אויסווירקן נאָר ווי קאָנטראַסטן. די פאַרשטאַרקטע פאָרמען פונעם פּרייסישן שטאַט, מיט זיין ווײסטער קאַזאַרמע־דיסציפּלין און מיט דער טעמפּער הערשערישקייט פון די ביוראָקראַטן, האָבן געמוזט רעוואָלטירן דעם רהיינלענדער, וואָס זיין גאַנצע געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט איז געווען דורך און דורך דעמאָקראַטיש, און דאָס פּרייסנטום האָט געמוזט זיין פאַר אים אַ פאַרגוואַלטיקונג פון זיין גאַנצער נשמה. דער פּרייסישער יאָך האָט ביים רהיינלענדישן מענטשן געמוזט שאַפן דאָס געפיל פון שנאה צו יעדן פּרייס, וואָס איז אין מיין יוגנט געווען אַזוי פאַרשפּרייט אין מיין גאַנצן אַרום.

אויב די אַנטיפּאַטיע צו די פּרייסן איז ביי די רהיינלענדישע מאַסן געווען דורכאויס אַן עמאָציאָנעלע, איז אין מאַינצער געבילדעטע קרייזן געווען אַ סאָלידע ריכטונג פון באַוווסטזיניקע קעגנער צו ביסמאַרקס פאַראייניקטן רייך. דאָס זיינען געווען די פעדעראַליסטן פון דרום־דייטשלאַנד; זייער אינספּיראַטאָר איז געווען קאָנסטאַנטין פראַנטץ. אָט דעם נאָמען האָט מען אין דייטשלאַנד שוין אַזוי גוט ווי פאַרגעסן. אָבער פון אַלע ביסמאַרקס קעגנער איז ער געווען דער סאַמע וויכטיקער. פראַנטצס בוך „דער פעדעראַליזם ווי אַן עיקר־פּרינציפּ פאַר די סאָציאַלע, שטאַטלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס,

באַזונדערס אין זיין אַנווענדונג אויף דייטשלאַנד", איז אַרויסגעקומען אין מאַינץ אין 1879. דאָס בוך איז געווען זייער פּאָפּולער אין דעמאָקראַטישע און קאַטוילישע קרייזן. די פּאַרטיי פון צענטער — די פּאַרטיי פונעם פּאָליטישן קאַטוליציזם איז אין רהיינלאַנד דעמאָלט געווען שטאַרק דעמאָקראַטיש געשטימט. דעמאָקראַטיש זיינען געווען אויך אַנדערע בירגערלעכע פּאַרטייען, וועגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי שוין ניט צו רעדן. אַ קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי האָט דעמאָלט אין יענער געגנט פון דייטשלאַנד איבערהויפּט ניט עקסיסטירט.

די איינהייט פונעם רייך מיט פּרייסן אין דער שפּיץ, האָט קאָנסטאַנטין פראַנטץ באַטראַכט ווי אַ פאַטאַלן צייכן פון דייטשלאַנדס קולטורעלן אונטערגאַנג און ווי די גרעסטע סכנה פאַר דער קומענדיקער פּאָליטישער און סאָציאַלער געשטאַלטונג פון אייראָפּע. ער האָט אַנטשיידן באַקעמפט די פּאָליטישע צענטראַליסטן און די סיסטעמאַטישע מיליטאַריזירונג פונעם לאַנד. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס נייע דייטשלאַנד איז אין דער אמתן נאָר אַ פאַרגרעסערט פּרייסן, וואָס איז אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו די טראַדיציעס פון די איינצלנע דייטשע לענדערייען, אַז ביסמאַרקס דייטשלאַנד איז אַ קבר פאַר אַן אַלטער גרויסער קולטור מיט אַלע אירע דערגרייכונגען. קאָנסטאַנטין פראַנטצס נאָמען איז אַ פאַרגעסענער נאָמען אין דייטשלאַנד, אָבער דאָס וואָס ער האָט פאָראויסגעזאָגט, איז געוואָרן ווירקלעכקייט אין אַ מאָס וואָס שטעלט ווייט אין שאָטן די סאַמע דעמאָנישסטע, די סאַמע בייזע נביאות.

מייסטער קיטשמאַן ווערט אַ סאָציאַליסט

מיין באַציִונג צום מייסטער קיטשמאַן איז מיט יעדן טאָג געוואָרן פאַמיליאַרער. איך האָב אים ווירקלעך ליב באַקומען מיטן גאַנצן האַרצן און האָב געפילט, אַז אויך ער האָט אַ שטאַרקע נייגונג צו מיר. זינט אונדזער שמועס וועגן ביסמאַרקס פּאָליטיק פון אַגרעסיעס און אַנעקסירונגען, האָבן מיר אָפט געפלוידערט וועגן פּאָליטישע פראַגן. איך בין געווען קאָנטעט צו מערקן, אַז אונדזערע אונטערהאַלטונגען סטימולירן דעם מייסטער ביז גאָר. איינמאָל אַז איך האָב געהאַלטן אין צעלייגן פאַר אים אויף אַ דראַסטישן אופן מיין שטעלונג צו אַ געוויסער פראַגע, האָט ער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע אויגן און אַ זאָג געטאָן: „אָבער דו רעדסט דאָך גאָר ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער סאָציאַל־דעמאָקראַט, בחורל".

„צי דענקט איר ניט, מייסטער, אַז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט קען אויך צומאָל זאָגן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיך לייגן אויפן שכל?" האָב איך געפרעגט מיט אַ שמייכל.

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט און געזאָגט: „געוויס, רודאָלף! אויך דער אָפּגעריסנסטער נאַר קען האָבן פון צייט צו צייט זיינע אויפבליציקע מאָמענטן, פּונקט ווי דער גרעסטער געלערנטער איז נישט באַוואָרנט פון מאַכן טעותן. בעבעל איז זיכער ניט אַבי ווער, איז עס פאַר מיר דערפאַר נאָך ווינציקער פאַרשטענדלעך, ווי אַזוי אַ מענטש מיט זיינע פעאיקייטן קען זיך איינרעדן, אַז די וועלט וואָלט געהאָלפן געוואָרן, אויב מע זאָל צונעמען ביי די רייכע זייער פאַרמעגן און עס פאַרטיילן גלייך אויף גלייך צווישן אַלע".

„אָבער קיינער הייבט דאָך גאָרניט אָן אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם", האָב איך אים אָפּגעענטפערט. „קיין איין סאָציאַליסט האָט קיינמאָל ניט געקענט האָבן דעם אומגעלומפּערטן איינפאַל אַרויסצושטעלן אַזאַ פאָדערונג. דאָס האָבן דאָך בייזוויליקע אָדער אומוויסנדיקע קעגנער אָנגעהאָנגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן אַזאַ שילדל, כדי צו מאַכן לעכערלעך זייער לערע אין די אויגן פונעם פאָלק".

„האָסטו זיך דען שוין אינטערעסירט אויך מיט די פראַגן?‟ — האָט ער גאַנץ פאַרחידושט מיך גענומען צום סמיך.

„יאָ, מייסטער‟, האָב איך געענטפערט, „און אַפילו גאַנץ ערנסטלעך. איך האָב געלייענט וועגן דעם, וואָס זיי אַליין, די סאָציאַליסטן האָבן צו זאָגן וועגן זייער לערע, און ניט דאָס וואָס אַנדערע לייגן זיי אַריין אין מויל אַריין. דער סאָציאַליזם שטרעבט, ניט צו אַ גלייכמאַכיקער פאַרטיילונג פון די אַלגעמיינע פאַרמעגנס, נאָר צו אַ נייער פאָרעם פון פאַרוואַלטן מיט דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן, אַ פאַרוואַלטן וואָס זאָל פאַרזיכערן יעטוועדן איינעם דעם פולן באַטרעף פאַר זיין אַרבעט און עס זאָל קיינעם ניט זיין דערלויבט צו לעבן אויף די קאָסטן פון אַ צווייטן. דאָס איז אָבער גאָר־גאָר עפּעס אַנדערש‟.

דער מייסטער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ פרעגנדיקן בליק. ער האָט קענטיק פשוט ניט געוווסט ווי אַזוי ריכטיק אויסצוטייטשן מיינע ווערטער. דאָס האָט זיך געלאָזט דערקלערן דערמיט, וואָס אַל זיין וויסן וועגן סאָציאַליזם, האָט ער געהאַט פונעם שטאָם־טיש ביי אַ גלעזל וויין. איך האָב אים געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז ס'איז ניט מעגלעך צו דערקלערן מיט עטלעכע ווערטער אַזאַ טיפע געזעלשאַפטלעכע פראַגע ווי ס'איז דער סאָציאַליזם. אָבער אויב די טעמע אינ־טערעסירט אויף אַן אמת, בין איך גערן גרייט אים צו געבן אַלע מעגלעכע אינפאָרמאַציעס.

„טו עס, רודאָלף!‟ האָט ער מיך דערמוטיקט. „ איך וואָלט גערן וועלן וויסן ווי דו שטעלסט דיר פאָר אָט די אַלע זאַכן‟.

אָט אַזוי האָב איך אָנגעהויבן אַגיטירן מיין מייסטער פאַר די גרונד־אידייען פון סאָציאַליזם, ווי איך האָב זיי דעמאָלט פאַרשטאַנען. אַז איך דערמאָן זיך היינט אין אָט דעם עפּיזאָד אַמוזירט מיך דער אינגעוויינקסטער קאָמיזם פון דער סיטואַציע. די באַציִונגען וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן מייסטער און לערן־ייִנגל, זיינען ווירקלעך געווען אַן אויסטערלישער צופאַל. אָבער דע־מאָלט האָט דאָס אַלץ מיר אויסגעזען צו זיין גאַנץ נאַטירלעך. מיין יוגנטלעכער ברען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרניט. עס האָט מיך גוואַלטיק פאַר־כאַפּט דער געדאַנק צו געווינען דעם מייסטער קיטשמאַן פאַר דעם סאָציאַליזם. איך האָב פאַר אים געהאַלטן אַ פלאַם־פייערדיקע פּראָפּאַגאַנדע־לעקציע וועגן די פּראָדוציר־מיטלען, וואָס דאַרפן געהערן דער גאַנצער געזעלשאַפט, וועגן דער היינטיקער עקספּלואַטאַציע פון די מאַסן דורך אַ הייפעלע באַזיצערס, וועגן די פּאַראַזיטישע עלעמענטן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט און אַזוי ווייטער און דאָס גלייכן.

דער מייסטער האָט די גאַנצע צייט מיך אויסגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. אַז איך בין דערגאַנגען צום פּונקט וועגן די הענדלער און קרעמער און זיי באַצייכנט ווי אַ ניט־פּראָדוקטיוון עלעמענט אין דער געזעלשאַפט, האָט ער מיר איבערגעשלאָגן די רייד: „דו ווייסט דאָך אָבער צוגעבן, אַז אַ קליינער

קרעמער אַרבעט היינט אַזוי שווער ווי אַן אַרבעטער און עס פּלאָגן אים זאָרגן, וואָס דער אַרבעטער האָט וועגן זיי גאָר קיין אַנונג ניט?"

איך האָב אים קלאָר געמאַכט, אַז דער קליינער קרעמער איז היינט אויך אַ קרבן פון דער עקסיסטירנדיקער סאָציאַלער אָרדענונג, פּונקט ווי דער אַרבעטער, מיט דעם אונטערשייד, וואָס פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, איז דעם קרעמערס מי און אַרבעט איינגאַנצן אָן נוצן. ווייטער איז מיר דער עיקר געגאַנגען אין דעם קלאָר צו מאַכן דעם מייסטער, אַז סאָציאַליזם הייסט ניט אַ גלייכע פאַרטיילונג פון די פאַראַנענע פאַרמעגנס, נאָר דאָס שטעלן אין רשות פון דער געזעלשאַפט דעם באָדן, די מאַשינען, די ווערקצייג, קורץ, אַלע פּראָדוקטן פון דעם מענטשנס אַרבעט זאָלן אויפהערן צו זיין פּריוואַטער באַזיץ פון איינצלנע מענטשן, און אַז אַ דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג געוויילט פונעם פאָלק, דאַרף אָנפירן מיטן גאַנצן סאָציאַלן לעבן.

דער מייסטער האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד מיט שטייגנדיקער שפּאַנונג. איך האָב געקענט זען, אַז מיינע אויספירונגען האָבן געמאַכט אויף אים אַ טיפן איינדרוק. עפּעס האָט אין אים אויפגערודערט, ווייל איך האָב אַלץ גערעדט וועגן פּשוטע זאַכן, וואָס זיינען אים פונדעסטוועגן ביז איצט געבליבן גאַנץ פרעמד. אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער מיך אָנגעקוקט שווייגנדיק, און דערנאָך געזאָגט נאָכטראַכטעוודיק: „יונג איינער, פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען? איך ווייס ניט, צי דו האָסט רעכט, צי ניט. אַזעלכע זאַכן לאָזן זיך ניט אויפנעמען מיט איין מאָל, מע מוז זיי דורכטראַכטן און פאַרדייען. אָבער ווי קומט דאָס אַלץ צו דיר? אָט בין איך שוין אַלט געוואָרן 46 יאָר, און האָב ביז איצט ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז מענטשן באַשעפטיקן זיך מיט אַזעלכע פראַגן. דו אָבער ביסט אין אָט די זאַכן אויסגעקאָכט, גלייך דו זאָלסט זיי האָבן באַקומען פון דיין קינדער־וויגל. דאָס איז ווירקלעך אומגלייבלעך".

מיין אַגיטאַציע האָט קענטיק געהאַט אַ פּעולה. דער מייסטער האָט איצט געהאַט איבערגעגונג שטאָף נאָכצוטראַכטן. ס'איז איצט זעלטן פאַרביי אַ טאָג ער זאָל ניט אַרויספירן אונדזער שמועס אויף דער זעלביקער טעמע און ער האָט מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגן. איך האָב געפּרוווט אים אויפקלערן אַלע זיינע צווייפלען אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט. ביי איין פראַגע איז ער גאָר באַזונדערס געבליבן אין פאַרלעגנהייט: אַלץ וואָס די סאָציאַליסטן ווילן, איז דאָס גוטס פאַר זייערע מיטמענטשן, טאָ פאַרוואָס פאַרפאָלגט מען אַזוי? ס'איז געווען די צייט פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ און די צייטונגען זיינען געווען פול מיט נייסן וועגן אַרעסטן און פּראָצעסן קעגן אומלעגאַלע פאַראיינען. פריער פלעגט ער זיך ניט פאַרטראַכטן וועגן אַזעלכע פּאַסירונגען, איצט האָט ער דאָס אַלץ דערזען אין אַ גאַנץ נייער באַלייכטונג. ער האָט אָפּנים זיך געמאַכט גאָר אויסטערלישע פאָרשטעלונגען, ווי עס האָט געמוזט פּאַסירן מיט איינעם, וואָס האָט זיך פריער קיינמאָל ניט אינטערעסירט מיט פּאָליטישע אָנגעלעגנהייטן.

אַזוי אַשטייגער האָט ער מיר איינמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז ער קען עס ניט

פאַרשטיין פאַרוואָס אַ ביסמאַרק זאָל האָבן אַזאַ פיינדלעכע שטעלונג צו סאָ־ציאַליסטן. ס'איז דאָך שווער אָנצונעמען, האָט ער געמיינט, אַז אַ מענטש ווי דער קאַנצלער, וואָס פאַרמאָגט זיכערלעך גענוג גייסט און פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט צו קענען אונטערשיידן צווישן רעכט און אומרעכט, זאָל זיין קאַפּאַבל צו פאַרפאָלגן מענטשן נאָר פאַר זייערע איינשטעלונגען; געשיקט זיך עס טאַקע, אַז ביסמאַרק זאָל ניט זיין באַקענט גענויער מיט די שטרעבונגען פון די סאָ־ציאַליסטן ? !

איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז ביסמאַרקן און זיינע אַרומיקע פעלט ניט געוויס קיין פּאָליטישער קוק, אָבער אָט די מענטשן זיינען גאָרניט גענייגט זיך אָפּצוזאָגן מיט פרייען ווילן פון זייערע פּריווילעגיעס, כדי צו זיכערן פאַר די ברייטע מאַסן אַן עקסיסטענץ פון מענטשלעכער ווערדע, פונקט ווי דעם איינצלנעם קאַפּיטאַליסט קימערט עס ווינציק־וואָס, צי זיין טעטיקייט איז יאָ אָדער ניט ניצלעך פאַרן ברייטן עולם, און ער וועט שטענדיק האָבן אין אויג נאָר זיינע אייגענע פּראָפיטן. אויך ביסמאַרק און זיינע אַרומיקע פרעגן קיינמאָל ניט, צי זייער פּאָליטיק איז יאָ אָדער ניט גוט פאַר די פאָלקס־מאַסן. דאָס וואָס אינטערעסירט זיי איבער אַלץ, האָט צו טאָן בלויז מיט די פּריווילעגיעס פון זייער קלאַס.

אַזעלכע פשוטע פאַקטן זיינען פאַר דעם מייסטער אַ לאַנגע צייט געבליבן אומפאַרשטענדלעך. איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז די געשיכטע ווייס ניט פון פאַלן, אַז די הערשנדיקע שיכטן זאָלן מיט גוטן ווילן זיך אָפּזאָגן פון זייערע לגאַטעס; אַז די מינדסטע רעכט, וואָס מיר געניסן פון איר, יעדער פאָרשריט וואָס מיר מאַכן, איז געוואָרן דערגרייכט אין אָפענעם קאַמף, און אַז עס זעט זיך ניט פאַר עס זאָל זיין אַנדערש אין דער צוקונפט.

„וויבאַלד אַזוי", האָט דער מייסטער זיך געהאַלטן ביי זיינעם, „איז וואָס פאַר אַ האָפענונגען האָבן די סאָציאַליסטן צו דערגרייכן זייער ציל?"

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז וואָס טיפער די אַרבעטער וועלן ווערן דורכגעדרונגען מיט די סאָציאַליסטישע אידייען, אַלץ שטאַרקער וועט די גייס־טיקע באַוועגונג זיך מוזן אויסווירקן אין עפנטלעכן לעבן פונעם לאַנד. אויף אַזאַ אופן וועלן די סאָציאַליסטן פריִער אָדער שפּעטער האָבן אַ מערהייט אין רייכסטאַג. די אַנטשיידונג וועט דעמאָלט מוזן קומען פון זיך אַליין. די היינטי־קע הערשער וועלן דעמאָלט זיין געצוווּנגען נאָכצוגעבן און אָפּטרעטן זייער פּלאַץ פאַר די נייע סאָציאַלע קרעפטן, אָדער זייער ווידערשטאַנד וועט דער־פירן צו אַן אָפענער רעוואָלוציע. אויך דאָס ווייסן מיר פון דער געשיכטע: דעם ווילן פונעם פאָלק, קען מען זיך לאַנג ניט קעגנשטעלן.

ווי עס האָט מיר אויסגעזען, האָט דער מייסטער זיך אָנגעהויבן ביסלעכ־ווייז איינלעבן אין אָט דעם באַנעם. איצט פלעגן אָפט פאַרגיין טעג אָן דעם מיר זאָלן מיט אַ מינדסטן וואָרט דערמאָנען אונדזער אַלטע טעמע. אָבער גאַנץ אומגעריכט פלעגט ער פונסניי אַרויסקומען מיט זיינע פראַגן און צווייפלען.

ווי ער האָט עס מיר שפּעטער דערציילט, פלעגט ער זיך אָפּט אַמפּערן מיט זיינע באַקאַנטע ביים שטאַם־טיש וועגן סאָציאַלע פראַגן און יעדער מאָל, אַז אַן אַרגומענט פון זיינעם אַ דיספּוטאַנט פלעגט אים שטעלן אין אַ פאַרלעגנ־הייט, האָט דאָס אים געגעבן שטאָף פאַר אונדזערע אונטערהאַלטונגען אין וואַרשטאַט.

איינמאָל האָט ער מיר געשטעלט די פראַגע, צי אין אַ סאָציאַלער אָרדע־נונג, ווו יעדער איינער וועט זיין פריי פון זאָרגן פאַר זיין טעגלעכן אויסהאַלט, וועט ניט מוזן פאַראַליזירט ווערן דער ווילן צו אַרבעטן, ווייל דעם מענטשן וועט דעמאָלט פעלן דער נייטיקער אימפּולס צו אַקטיווער מי און מאַטער? איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז אַ שוואַכער אַרגומענט, ווייל אין נאָרמאַלע באַדינגונגען האָט דער מענטש אַ באַדערפעניש צו אַרבעטן, צו זיין טעטיק, ניט צוליב די נוצן וואָס די אַרבעט ברענגט אים, נאָר צוליב דער אַרבעט אין זיך אויך פאַר זיך. פאַרקערט, עס לאָזט זיך פאַראויסזען, אַז די וואָס אַרבעטן איצט מחמת נויט, וועלן אין אַ געזיכערטער געזעלשאַפט אַרבעטן מיט אַ סך מער פלייס.

ווי אַ ביישפּיל פאַר מיין באַהויפּטונג, האָב איך אַרויסגעהויבן אים אַליין, דעם מייסטער. „איר זענט גאַנץ באַשטימט״, האָב איך אים געזאָגט, „איינער פון די בעסטע אַרבעטער אין פאַך. די אַרבעט פאַרשאַפט אייך אַן אינעוויי־ניקסטע פרייד, ווייל איר זענט אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין אייער פּראָפעסיע; קיין פאַרמעגן האָט איר פונדעסטוועגן ניט אָפּגעשפּאָרט, ווייל רייך ווערן קען מען היינט נאָר דורך עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעט. אַ מענטש מיט אַ פּוסטן קאָפּ אָבער מיט אַ פולן בייטל, וואָס פאַרשטייט אין אונדזער פאַך פונקט אַזוי פיל ווי אַ בלינד פערד אויפן ווונק, אַזאַ איינער זאָל אין שכנות מיט אייך אַוועקשטעלן אַ גרויסע בוכבינדעריי, מיט אַלע מיטלען פון דער מאָ־דערנער טעכניק, וואָלט עס אים זיכער אָפּגעגליקט. אָבער אייך וואָלט אַזאַ בוכבינדערישע פאַבריק געקענט אָפּשניידן יעדן לעבנס־פאָדעם; צי וואָלט עס עמיצן געקימערט, אויב איר זאָלט אין אַ שיינעם טאָג, ניט געקוקט אויף אייער אַרבעט און אייערע פעאיקייטן, יאָ, ניט געקוקט אויף אייער פלייס און מי, זאָלט איר מוזן גיין לעבן אין אַזיל פאַר אָרעמע לייט? צי גלייבט איר טאַקע, אַז אייער אַרבעט וואָלט אייך ווינציקער אינטערעסירט, אויב אייער עקאָנאָ־מישע עקסיסטענץ וואָלט געווען געזיכערט און איר וואָלט דערצו נאָך געהאַט אין לעבן אַנדערע געלעגנהייטן, ווי די וואָס איר האָט היינט?״

מיט אַזאַ אַרגומענט האָב איך געטראָפן דעם מייסטער אין סאַמע קאַרב אַריין, וואָרן איך האָב אָנגערירט אַ פּונקט, וואָס ער האָט געקענט אָפּטאַקסירן זיין ריכטיקייט אויפן גרונט פון זיין אייגענער לעבנס־פּראַקטיק. ער האָט מיר אָפּן צוגעגעבן, אַז מיינע אויספירונגען האָבן אים צוגעטראָפן. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ער מיך געפרעגט, צי איך קען אים ניט פאַרשאַפן עפּעס אַ בוך, וואָס טראַקטירט אויף אַ קאָנקרעטן אופן וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון סאָציאַ־

ליזם. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען וואַסער אויף מיין מיל. איך בין גע־וועזן אַ שפּאָר ביסל שטאָלץ אויף מיין אויפטו.

ווי מע קען זיך עס לייכט פאַרשטעלן, האָב איך פאַר מיין אָנקל ניט גע־מאַכט קיין סוד פון מיינע שמועסן מיטן מייסטער אין וואַרשטאַט. מיין פּראָ־פּאַגאַנדיסטישער ברען און דער פאַקט, וואָס איך האָב מיינע אַגיטאַטאָרישע פעאיקייטן אויסגעפּרוווט גראָד אויף מיין לערן־מייסטער, האָבן דעם פעטער ניט ווייניק געחידושט. איך האָב זיך באַראָטן מיט אים וועגן דעם, וואָס פאַר אַ בוך איך זאָל געבן דעם מייסטער. איך האָב צוערשט אַ טראַכט געטאָן וועגן אויגוסט בעבעלס ווערק „די פרוי און דער סאָציאַליזם“. דאָס בוך האָט דעמאָלט צירקולירט אונטער דעם טיטל „די פרוי אין דער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט“; אומלעגאַל אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ, איז בעבעלס בוך געווען ביז גאָר פּאָפּולער. דער אָנקל האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט דערפאַר, אַז דערווייל זאָל איך דעם מייסטער ניט געבן קיין אומלעגאַל בוך. דאָס איז ניט געווען פון זיין זייט אַ מאַנגל אין צוטרוי צום מייסטער. נאָך אַלץ דעם וואָס ער האָט געוווסט פון מיינע אָפּשילדערונגען, איז דער אָנקל געווען פעסט איבערצייגט אין דעם, אַז מייסטער קיטשמאַן איז אַן אָרנטלעכער און אָנשטענ־דיקער מענטש. אָבער טאַקע דערפאַר האָט דער אָנקל געהאַלטן, קען מען אַזאַ איינעם ניט אָנטרויען קיין פאַרבאָטן בוך; דעם מייסטערס אָפענער כאַראַקטער קען אין דעם פאַל ווערן פאַר אים אַ פאַסטקע פון אַ שווער פאַרפלאָנטערניש; ס'איז גענוג צו ווייזן אַזאַ בוך אַ פאַלשן פריינד, און דאָס אומגליק איז געשען.

אַזעלכע פאַלשע ברידער זיינען דעמאָלט געווען אין דייטשלאַנד אַ רעכט ביסל. געהיים־אַגענטן און שפּיצלען האָבן אויף שריט און טריט געלויערט אויף יעדן איינעם, וואָס ס'איז געווען אויף אים דער מינדסטער פאַרדאַכט, אַז ער איז ניט צופרידן מיטן הערשנדיקן טעראָר. ווי יעדער פּאָליטישער אויסנעם־צושטאַנד, האָט דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ דערפירט צו אַ פולשטענדי־קער דעמאָראַליזאַציע פון דער עפנטלעכקייט. אַז אַ געמיינער יונג האָט גע־וואָלט זיך אין עמיצן נוקם זיין, איז געווען גענוג ער זאָל אַ ווונק טאָן דער פּאָליציי אויף זיין קרבן, און יענער האָט זיך שוין ניט אַרויסגעדרייט פונעם „געזעץ“. די רעאַקציאָנערע פּרעסע איז ניט אָפּגעשטאַנען אין דער שיינער אַרבעט; די שטיקלעך פון אַזעלכע אויסוווּרפן פלעגן די רעאַקציאָנערע צייטונ־גען באַצייכענען ווי פאַרדינסטפולע אויפטוען.

אין מיין אימפּעט האָב איך גאָר פאַרגעסן צו טראַכטן וועגן אַלץ דעם, ביז דער אָנקל האָט מיך ניט דערמאָנט, אַז מע דאַרף ניט פאַרלירן דעם קאָפּ. אַז אַ מענטש איז פאַרכאַפּט פון אַן אידייע און איז גרייט צו ליידן פאַר זיינע איבערצייגונגען, איז דאָס פאַרשטענדלעך, האָט דער אָנקל געזאָגט. יעדער אָרנטלעכער מענטש מוז וויסן פון פאָראויס, וואָס עס שטייט אים פאַר פאַר זיינע האַנדלונגען. אָבער דער מייסטער געהערט ניט צו אונדז, אויף יעדן פאַל, נאָך ניט איצט, דערפאַר טאָרן מיר אים נישט אויסשטעלן קיין סכנה, וואָס

ער קען וועגן איר האָבן נאָר אַ גאַנץ שוואַכע פאַרשטעלונג. אַז מע כאַפּט אונ־דזער איינעם ביים פאַרשפּרייטן פאַרבאָטענע ליטעראַטור, באַצאָלט ער דער־פאַר מיט עטלעכע חדשים תפיסה און צומאָל אויך מיט זיין שטעלע. דאָס איז שוין אויך אַ גאַנץ פיינע צרה. אָבער זאָל אַזאַ אומגליק טרעפן דעם מייסטער, וואָלט דאָס אים געקענט צעשטערן זיין גאַנצע עקסיסטענץ. מיר מוזן דער־פאַר זיין אָפּגעהיט מיט אים, אַזוי לאַנג ווי דער מייסטער געהערט ניט צו אונדזער באַוועגונג און ער האָט נאָך ניט געמאַכט זיין אַנטשיידונג מיטן פולן באַוווסטזיין.

אָט אַזאַ איז ער געווען דער פעטער. אַ מענטש וואָס פאַרגעסט ניט אויף קיין איין מינוט זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זיין מיטמענטשן און וואָס האָט שטענדיק אין זינען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָס סע קען פּאַסירן מיט אַ צווייטן. און אַזעלכע מענטשן זיינען אין ביסמאַרקס דייטשלאַנד באַטראַכט גע־וואָרן ווי בירגער פון אַ צווייטער קאַטעגאָריע, וואָס מע האָט געיאָגט ווי ווילדע חיות.

מיר האָבן באַשלאָסן צו געבן לייענען דעם מייסטער בעלאַמיס „אין הונ־דערט יאָר אַרום". דאָס בוך איז ניט געווען אומלעגאַל און איז אַרויסגעקומען אין אַ בירגערלעכן פאַרלאַג. בעלאַמיס פאַנטאַסטישער ראָמאַן האָט געגעבן דעם לייענער אַ קלאָרן קוק אויפן לעבן און אַ פּערספּעקטיוו אויף די אינע־ווייניקסטע באַציִונגען אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. אַזאַ בוך ווי בע־לאַמיס האָט געמוזט סטימולירן אַן אָנהייבער אין סאָציאַליזם ווי ס'איז געווען מייסטער קיטשמאַן. פון מיין אייגענער איבערלעבונג האָב איך געוווסט, וואָס פאַר אַ טיפן איינדרוק דאָס בוך מאַכט ביים לייענען עס צום ערשטן מאָל.

אַז איך האָב דעם מייסטער דערלאַנגט דאָס בוך — ס'איז געווען אַ שיי־נער האַלבפראַנץ באַנד, האָט ער צוערשט, לויט זיינער אַן אַלטער געוווינהייט, גוט באַטראַכט דעם איינבונד און מיר געזאָגט, אַז ס'איז גוט געבונדן. איך האָב אים דערקלערט, אַז דאָס איז פון מיין אָנקלס קליינער ביבליאָטעק און אַז דער אָנקל בינדט אַליין איין זיינע ביכער.

„מיין גאַנצע אַכטונג", האָט דער מייסטער געזאָגט. „דער מאַן פאַרשטייט זיין פאַך". דערביי האָט ער מיר דערציילט מיט אַ שמייכל, אַז איינער פון זיינע קאָלעגן ביים שטאַם־טיש, מייסטער היינערמאַן, אַ פאַרברענטער אָנהענגער פון דער צענטער־פּאַרטיי, האַלט אים אין איין איינרעדן, אַז די סאָציאַליסטן זיינען אַלע ווי איינער פוילאַקעס און פאַרטאַטשעס אין זייער פאַך און אַז אָט די מענטשן שליסן זיך אָן אין דער באַוועגונג נאָר פאַר קינאה, ווייל מיט אייגענע כוחות זיינען זיי ניט פעאיק עפּעס צו דערגרייכן. אויף מיין אָנקל, האָט ער צוגעגעבן, טרעפט אַזאַ טאַקסירונג זיכערלעך ניט צו.

די שילדערונגען פונעם אַמעריקאַנער סאָציאַליסט האָבן אויף מייסטער קיטשמאַן געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינדרוק, ווי איך האָב עס, אוי־בעריקנס, פאַראויסגעזען. ביי דער אַרבעט האָבן מיר אַרומגערעדט וועגן יעדער

איבערלעבעניש פון בעלאַמיס העלד. ביים צוריקגעבן מיר דאָס בוך, האָט דער מייסטער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין: „אויב דאָס אַלץ, וואָס ווערט באַשריבן אויף אָט די בלעטער, איז אויף אַן אמת סאָציאַליזם, קען איך עס ניט באַגרייפן פאַרוואָס די אידייע שטויסט זיך אָן אויף אַזוי פיל פיינדשאַפט און שלעכטן ווילן. פרעג מיר, שטים איך איין אין די הויפּט־פּונקטן אַבסאָלוט מיטן אויטאָר".

מע קען זיך פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ פרייד איך האָב אויפגענומען דעם מייסטערס דערקלערונג. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך. איך בין פשוט געווען אַנטציקט פון מיין טריומף. אויב עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו געווינען פאַרן סאָציאַליזם אַזאַ מאַן ווי מייסטער קיטשמאַן, וועל איך נאָך קענען אויפטאָן אַ סך. מיינע נאָענטסטע שולפריינד האָב איך לאַנג שוין אַריינגעצויגן אין דער גרויסער זאַך. אָבער אויף דעם מייסטער האָב איך צום ערשטן מאָל אויסגעפּרוווט מיין אַגיטאַטאָרישן ברען אויף אַ דערוואַקסענעם און איך האָב געקענט זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ פולשטענדיקן דערפאָלג.

אַז איך בין אַ צעשטראַלטער פון פרייד געקומען צום אָנקל מיט דער נייס וועגן מיינע דערגרייכטע רעזולטאַטן, האָט ער מיט אַ שמייכל מיר געווונטשן גליק אין מיין דערפאָלג. איך האָב אָבער ניט איינגעזען, אַז ער זאָל שאַצן מיין אויפטו אַזוי הויך ווי איך האָב עס פון אים דערוואַרט. דערפאַר אָבער האָבן זיינע אינטימערע פריינד מיר ניט געשפּאָרט קיין לויב־ווערטער. באַזונדערס דער שוסטער ביק, מיין אָנקלס אַ נאָענטער פריינד, וואָס וועגן אים וועט נאָך זיין די רייד, ער האָט זיך גאָרניט געקענט אָפּליבן פון מיר, ער האָט מיך שוין געזען ניט אַנדערש ווי אָט־אָט, און איך ווער געווילט ווי אַ רייכסטאַג־דעפּוטאַט. ווער וייס, אפשר וואָלט ער געווען געהאַט רעכט, אויב אַ גוטער שיקזאַל זאָל מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער מיך ניט געווען אַרויספירן אויף אַ גאַנץ אַנדערן וועגן.

מיין באַציִונג צום מייסטער קיטשמאַן איז פון איצט אָן געוואָרן נאָך וואַרעמהאַרציקער. איך האָב אים אויפריכטיק ליב געהאַט און אויך ער האָט מיט הונדערט קלייניקייטן מיר אַרויסגעוויזן אַ סך נאָענטקייט. זיין אינטערעס פאַר דער באַוועגונג האָט געהאַלטן אין איין שטייגן. איינמאָל אַז ער האָט באַקומען פון אַ קונד אויסגעצאָלט אַ גרעסערע סומע, האָט ער מיר געגעבן צען מאַרק איך זאָל זיי איבערגעבן דעם אָנקל און ער זאָל דאָס געלט פאַרווענדן לויט זיין אייגענעם איינזען אויף אַ גוטער זאַך. דער מייסטער האָט מיך דערביי געבעטן, אַז דער אָנקל זאָל ניט אָנגעבן פון וועמען עס קומט די סומע. די צען מאַרק זיינען פאַרן אָנקל געווען אַ שטיקל איבעררשונג. ער האָט איצט איינגעזען, אַז דעם מייסטערס סימפּאַטיעס פאַר דער באַוועגונג זיינען מער ווי גלאַט גערעדעריי.

פון איצט אָן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק ווי אַזוי איינצו־

שטעלן אַ פּערזענלעכע פאַרבינדונג צווישן דעם מייסטער און מיין אָנקל. די צוויי מענטשן האָבן געהאַט אַזוי פיל בשותּפותדיקע כאַראַקטער־שטריכן, אַז זיי וואָלטן ביידע זיכער געוואָרן גרויסע פריינד. אַז איך האָב שפּעטער ביי אַ געלעגנהייט געפרעגט דעם מייסטער, צי לייגט ער ווערט דערויף זיך נאָענטער צו באַקענען מיט מיין אָנקל, האָט ער מיר מודה געווען, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ ווונטש שוין זינט אַ לאַנגער צייט און אויב ער האָט עס מיר ניט געזאָגט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט עס זאָל אויס־קומען גלייך ער וואָלט זיך וועלן אַרויפּצווינגען.

דער אָנקל האָט ביי מיינע ערשטע ווערטער וועגן מייסטערס פאַרלאַנג, מיר גלייך פאָרגעלייגט אים צו פאַרבעטן צו אים אין אַ זונטיק צום מיטאָג. מייסטער קיטשמאַן איז געקומען פּינקטלעך און איז זייער פריינדלעך אויפגע־נומען געוואָרן פון מיין אָנקל און זיין פאַמיליע. מע האָט צוערשט געשמועסט וועגן אַלגעמיינע זאַכן, וועגן פאַך־אינטערעסן און נאָך דאָרטן, ביז דער שמועס איז ביסלעכווייז אַרויפגעקומען אויף פּאָליטישע טעמעס. מיין אָנקלס מאַניר צו שמועסן רואיק, באַדאַכט, זיין אָפענער, גוטמוטיקער כאַראַקטער און ניט צולעצט, זיינע קענטענישן און דערפאַרונגען, האָבן אַרויסגערופן ביים מייסטער אַן אומגעהייער גרויסן רעספּעקט. אַזוי ווי איך האָב דאָס פאָראויסגעזען, זיי־נען די ביידע גאָר גיך געוואָרן צוגעצויגן צואַנאַנד און געוואָרן מיט דער צייט אומצעטיילעוודיקע פריינד.

דער מייסטער האָט די אַלע יאָרן אין מאַינץ געלעבט זייער צוריקגעצויגן און ניט געהאַט קיין פערזענלעכע פריינד, ווייל די פּאָר באַקאַנטע ביים שטאַם־טיש האָט ער שווערלעך געקענט באַטראַכטן ווי פריינד. איצט איז ער מיט אַמאָל אַריין אין אַ נייער וועלט, וואָס ער האָט פריִער גאָר קיין אַנונג ניט געהאַט וועגן איר. וואָס ווייטער האָט ער זיך באַקענט אויך מיט מיין אָנקלס אַנדערע פריינד און גאָר גיך זיך געפילט גאַנץ היימיש אין קרייז פון אָט די בראַווע מענטשן, וואָס דינען אָן נוצן פאַר זיך, אַ גרויסע זאַך. די אונטערהאַל־טונגען אין אָט דעם קרייז זיינען געווען זייער סטימולירנדיק, הימל־ווייט פון די וואַסערדיקע שמועסן ביים שטאַם־טיש, ווו דער מייסטער האָט ביז איצט אויסגעלעבט זיינע באַדערפעּנישן אין געזעלשאַפטלעכקייט.

דער מייסטער איז געוואָרן אַ שטענדיקער לייענער פונעם סאָציאַל־דע־מאָקראַט און פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פון יענעם פּעריאָד. זיין ברען פאַר דער גוטער זאַך און פאַר אַלעמען, זיין אומאייגננוצי־קער אופן צו שטיצן די באַוועגונג, זיינען געווען דער בעסטער באַווייז דערויף, אַז אין דער באַוועגונג און אין סאָציאַליזם האָט מייסטער קיטשמאַן געפונען זיין ציל אין לעבן.

אונטער דעם „סאָציאַליסטן - געזעץ״

אין דייטשלאַנד איז די צייט דעמאָלט געווען אַ שטורעם־צייט. די רע־פּרעסיעס קעגן די סאָציאַליסטן האָבן אָנגענומען גראַנדיאָזע פאָרמען. די רע־אַקציע ביים רודער האָט זיך אָפּגערעכנט פאַר דעם אויסגאַנג פון די וואַלן צום רייכסטאַג אין פעברואַר 1887. ניט געקוקט אויף דער פּאָליטיק פון דראַסטישע אונטערדריקונגען, האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געקראָגן אין יענע וואַלן נאָענט צו 80.000 שטימען. אַזאַ אויפשטייג פון דער צאָל סאָציאַליסטישע וויילער האָט אַרויסגערופן באַדאַכטיקע איבערלייגונגען אַפילו אין דער בירגערלעכער פּרעסע. אָבער די הערשנדיקע קאַסטע האָט נאָך אַלץ געגלייבט, אַז מיט פאַרשטאַרקטע פאַרפאָלגונגען וועט זי קענען דערגרייכן איר ציל. איבערן גאַנצן לאַנד זיינען אָנגעגאַנגען אַזוי אָנגערופענע געהיימע בונדעס־פּראָצעסן. אַרבעטער סאָציאַליסטן זיינען אין די הונדערטער פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די תפיסות.

איינער פון די סאַמע אַכזריותדיקע מיטלען אונטער דעם רעזשים פונעם „סאָציאַליסטן־געזעץ״, איז געווען דאָס פּראָקלאַמירן באַלאַגערונג־צושטאַנד איבער שטעט און אַפילו איבער גאַנצע דיסטריקטן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיטן צוועק אונטערצוברעכנגען די אָנפירערשאַפט פון דער אומלעגאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. גרעסערע שטעט און אינדוסטריע־צענטערס זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון אָט דעם סאָרט רעפּרעסיווע מיטלען. אַזוי באַלד ווי אַ שטאָט איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער יוריסדיקציע פון באַלאַגערונג־צושטאַנד, האָט די פּאָליציי גלייך געצווונגען אַלע אָרטיקע, אַלגעמיין באַקאַנטע סאָציאַליסטן צו פאַרלאָזן זייערע היימען. אַזאַ פאַראָרדענונג פלעגט שווער טרעפן אויף מענטשן, וואָס מע האָט זיי גאָרניט געקענט פאַרוואַרפן קיין שום אומלעגאַלע האַנדלונגען. הונדערטער פאַמיליעס זיינען אויף אַזאַ אופן רואינירט געוואָרן און געבליבן ווי אויפן וואַסער. אומשולדיקע פרויען און קינדער האָבן געמוזט שווער ליידן נאָר דערפאַר, וואָס זייערע דערנערער האָבן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו אידייען, וואָס דער שטאָט האָט באַטראַכט פאַר געפערלעכע. די דעפּאָרטירטע האָט מען שפּעטער אַפילו ניט געלאָזט פאַרבלייבן

לענגער אויף איין אָרט. ווי מע יאָגט ווילדע חיות, אַזוי האָט מען זיי געיאָגט און גערודפט פון איין אָרט אויף אַ צווייטן.

מיט אָט די אַלע שטירדותדיקע מאָסמיטלען האָבן די מאַכטהאָבער זיך נישט דערשלאָגן צו זייער ציל. פאַרקערט, די קליינקעפּלדיקייט פון ביסמאַרקס פּאָליציי־אָרגאַנען האָט מיטגעהאָלפן דערצו, אַז די באַוועגונג זאָל אַריינקריגן נייע לאַנד־שטחים פאַר איר ווירקונג: דאָס אַרויסשיקן סאָציאַליסטישע פירער פון די גרעסערע שטעט און די אַלגעמיינע סאַנקציעס האָבן, ווי אַ כלל, אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרביטערונג, אַזוי אַז נייע אָנפירנדיקע כוחות האָבן גאָר גיך פאַרנומען די ליידיק־געבליבענע פּלעצער. די אַרויסגעשיקטע, וואָס זיינען געווען געצוויטיקט צו זוכן פאַר זיך אַ ווינקל אין די קלענערע שטעטלעך, זיינען אויך דאָרטן ניט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט; גאָר גיך זיינען זיי געווען אַרומגערינגלט מיט געטרייע צוהערער אויך אין אַזעלכע ערטער, וווּ פריִער האָט יעדער סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע זיך אָנגעשלאָגן אויף טויבע אויערן.

אויך אין מאַינץ האָבן זיך באַוויזן אין אַ היפּשער צאָל אַרויסגעשיקטע אויפן גרונד פונעם באַלאַגערונג־צושטאַנד. די אָרטיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט מיט זייער קומען צוגעקראָגן נייע כוחות, באַזונדערס ווען עס זיינען אָנגעקומען די אַרויסגעטריבענע פון דער שכנהשער פראַנקפורט ביים מאַין. מאַינץ איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַ היפּשער צאָל פירנדיקע גענאָסן, צווישן זיי אויך עטלעכע אַלטע לאַסאַליאַנער. דער באַלאַגערונג־צושטאַנד אין פראַנקפורט איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּאָליטישן מאָרד, וואָס מיט אים האָט זיך דעמאָלט גערודערט אויך איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. דעם 13טן יאַנואַר 1885 איז דאָרטן דערשטאָכן געוואָרן אַ הויכער פּאָליציי־באַאַמטער, אַ געוויסער רומף, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דער בלוט־הונט פון דער פראַנקפורטער פּאָליציי. אַזעלכע געמיינע פאַרשוינען זיינען אין ביסמאַרקס פּאָליציי־אָרגאַנען ניט געווען קיין נאָווינע. דאָס אומגליק פון זייערע מיטמענטשן איז פאַר אַזעלכע פּאָליציסטן געווען דעמאָלט דער לייטער, וואָס אויף אים זיינען זיי געשטיגן אין זייער פּאָליציייִשער קאַריערע.

אין פּאָליטישע קרייזן האָט דער נאָמען פון אָט דעם הויך־געשטעלטן פּאָליציאַנט אַרויסגערופן ווידערווילן און גרויל. רומפּס טרויעריקער רום איז געווען פאַרבונדן מיט דעם פּראָצעס קעגן בעלגישן אַנאַרכיסט וויקטאָר דאַווע און עטלעכע אַנדערע, וואָס מע האָט באַשולדיקט אין הויכפאַרראַט. דער פאַרטיידיקער אויף יענעם פּראָצעס האָט בעת די פאַרהאַנדלונגען פאַרעפנטלעכט דריי קאָנפידענציעלע בריוו פון רומפן צו איינעם פון זיינע געהיים־אַגענטן. דאָס זיינען געווען אינסטרוקציעס צו אַ פּראָוואָקאַטאָר ווי אַזוי ער זאָל באַזאָרגן די רעוואָלוציאָנערן מיט אויפרייס־שטאָפן און זיי אויפהעצן צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף אים אַליין טאַקע, אויף רומפן. אָט די רעוועלאַציע האָט אַרויס־

גערופן אַזאַ אַלגעמיינעם צאָרן, אַז אַפילו דער פּאָרזיצער פונעם געריכט האָט געמוזט עפנטלעך טאַדלען די מעטאָדן פונעם פראַנקפורטער פּאָליציי־סאַטראַפּ.

אין ביסמאַרקס דייטשלאַנד האָט אַ באַאַמטער פאַרשפּאָרט צו רעזיגנירן נאָך אַזאַ מיאוסן אַריינפאַל. פאַרקערט, דער פּאָליציי־מיניסטער האָט אין רייכסטאַג אים באַשיט מיט שבחים און רומף האָט ערשט רעכט צעלאָזט זיינע בלוטיקע הענט, ביז ער איז געפאַלן אין אַן אַטענטאַט, וואָס ער האָט זיך גע־האָט צוגעגרייט ווי אַ געמיינע פּראָוואָקאַציע *). רומפס סוף האָט קיין איין ערלעכער מענטש ניט באַדויערט, אָבער אין די רעגירונג־קרייזן האָט מען געקריצט מיט די ציין פאַר צאָרן. די רעפּרעסיעס קעגן די רויטע אין פראַנקפורט האָבן אַריבערגעשטיגן אַלע גרענעצן. די דאָרטיקע פּאָליציי האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין פאַר רומפס טויט אויף אַ ברייטערן פאַרנעם. אַזאַ געלעגנהייט איז איר אונטערגע־קומען אין מאַי 1885. אין פראַנקפורט איז געשטאָרבן דער סאָציאַליסט הילער. צו זיין באַגרעבעניש זיינען געקומען זיינע פּאָליטישע פריינד ניט נאָר פון פראַנקפורט, נאָר אויך פון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. כדי ניט צו דערלאָזן צו קיין גרויסער דעמאָנסטראַציע, האָט די פּאָליציי קאָנצענטרירט אַלע אירע קרעפטן אַרום פרידהויף. ביים אָפענעם קבר האָט דער סאָציאַליסט לשוואנבעקער פון מאַינץ אַוועקגעלייגט אויף דעם אָרון אַ קליינעם רויטן באַנד און דערביי געזאָגט: „אָט דעם רויטן שלייף גיב איך דיר מיט ווי אַ צייכן פון דער פרייהייט, וואָס פאַר איר האָסטו געקעמפט אָבער זיך ניט דערוואַרט“.

לשוואנבעקער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן זיין פראַזע, ווי אויף אַ באַ־פעל פונעם פּאָליציי־לויטנאַנט, האָבן די היטער פון אָרדענונג זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַנטבלויזטע שווערדן אויף דעם ניט־באַוואָפנטן עולם. די צעיו־שעטע פּאָליצייאישע האָרדעס האָבן געהאַקט אויף רעכטס און לינקס און ניט געשאַנעוועט אַפילו פרויען און קינדער. די פאַרזאַמלטע אַרום אַן אָפענעם קבר האָבן אין טויט־שרעק זיך געלאָזט לויפן צום אַרויסגאַנג פונעם פרידהויף. אָבער פון יענער זייט פאַרקן האָבן זיי אָפּגעוואַרט זשאַנדאַרמען אויף פערד, וואָס האָבן ערשט אָנגעהויבן די רעכטע שחיטה. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט שוידערלעכע סצענעס. פון פרויען האָט מען אַראָפּגעריסן די קליידער, איבער־אַלטע לייט האָט מען געלאָזט די פערד אין גאַלאָפּ. קנאַפּע פערציק פערזאָן זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן אין יענעם אויסגעפלאַנירטן פּאָגראָם.

„די שלאַכט ביים פרידהויף“, ווי דאָס פאָלק האָט באַצייכנט אָט די טראַ־

---

*) דער דריי און צוואַנציק יאָריקער אַנאַרכיסט, יוליוס ליעסקי, איז פאַראורטיילט און אויפגעהאָנגען געוואָרן ווי רומפס מערדער, כאָטש ער האָט ביז זיין לעצטן אָטעמצוג אָפּ־געלייקנט יעטוועדן אָנטייל אין אַטענטאַט. דער אמתער אַטענטאַטאָר האָט זיך געראַטעוועט קיין אויסטראַליע, ווו ער איז פאַרבליבן ביז זיין טויט.

גישע געשעעניש, האָט אַרויסגערופן אַן אומבאַשרייבלעכע, אַלגעמיינע אויפ־רודערונג; אַן אויפברויז פון צאָרן האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. אַפילו די קאָנסערוואַטיווע צייטונגען האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער האַנדלונג פון דער פּאָליציי. דער פראַנקפורטער פּאָליציי־פּרעזידענט האָט עפנטלעך גע־מוזט מאַכן אַ שאַרפן אויסרייד דעם שולדיקן פון דער בלוט־באָד און אים גע־שטעלט צו אַ געריכט. ביסמאַרקס יוסטיץ האָט דעם לויטנאַנט מאַיער פאַר־אורטיילט צו דריי חדשים תפיסה „פאַר איבערטרעטן זיינע פולמאַכטן", דריי פון זיינע געהילפן, וואָס האָבן באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע מער־דערייען, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו קלענערע שטראָפן. דער קייזער האָט גלייך באַגנאַדיקט אַלע פאַרמשפּטע. ביסמאַרק האָט אין רייכסטאַג באַרעכטיקט די שווערד־העלדן און אָפן אַרויסגעזאָגט זיין אומצופרידנקייט מיטן פראַנק־פורטער פּאָליציי־פּרעזידענט. לעווענבעקער, וואָס זיינע אומשולדיקע פאַר ווער־טער זיינען געווען די דירעקטע סיבה פון דער „שלאַכט ביים פרידהויף", האָט געקראָגן אַ חודש תפיסה און מע האָט אים אַפילו ניט דערלויבט אָפּצוקומען זיין שטראָף אין זיין היימשטאָט מאַינץ.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז איך זאָל צופעליק זיין דערביי ווען לעווענ־בעקער האָט איבערגעגעבן זיינע פערזענלעכע איינדרוקן פון די שענדלעכע געשעענישן אין פראַנקפורט. לעווענבעקער האָט געהאַלטן אין מאַינץ אַ קליי־נעם בירשענק. זיין לאָקאַל איז געווען אַ זאַמלפּונקט פאַר זיינע אידעאָלאָגישע פריינד און פאַר סינדיקאַליסטיש־אָרגאַניזירטע אַרבעטער. אין מאַינץ ווי אין גרויס־הערצאָגטום העסען האָבן די געווערקשאַפטן זיך געפילט פרייער ווי אין די אַנדערע טיילן פונעם לאַנד, אַפילו אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ. קורץ נאָך די געשעענישן אין פראַנקפורט, אין אַ זונטיק, נאָך אַ קליינעם שפּאַציר, האָבן מיר, איך און דער פעטער, זיך אָפּגעשטעלט ביי לעווענבעקערן, וואָס איז געווען מיין אָנקלס אַ גוטער פריינד. אין אַ קליינעם זייטיקן צימער פונעם לאָ־קאַל, האָט לעווענבעקער געשילדערט מיט אַ באַוועגטער שטים פאַר עטלעכע פריינד דעם פאַרלויף פון דעם פראַנקפורטער פּאָגראָם. איך בין דעמאָלט נאָך ניט אַלט געווען קיין פולע דרייצן יאָר, אָבער דאָס וואָס איך האָב געהערט אין יענעם קליינעם צימער, איז מיר פאַרבליבן אויף תמיד איינגעקריצט אין זכרון. קיינמאָל ביז דעמאָלט האָב איך ניט געזען מיין אָנקל אין אַזאַ אויפגע־רעגטן צושטאַנד. דער תמיד רואיקער און שטילער אָנקל האָט געציטערט מיט זיין גאַנצן קערפּער פון אַן אינעווייניקסטן אויפברויז. אין זיין גערעכטן צאָרן איז ער אין יענעם מאָמענט זיכער געווען קאַפּאַבל אויף עפּעס אַ ממשות־דיקער אַקציע. אין אַזאַ אויפגעבראַכטן צושטאַנד האָב איך אים געזען אויך מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, ווען פראַנקפורט איז דערקלערט געוואָרן אונטער באַ־לאַגערונגס־צושטאַנד און די פּאָליציי האָט ניט דערלויבט די אַרויסגעשיקטע געגנאָסן צו בלייבן אויפן אָרט איבעריקע עטלעכע טעג מיט זייערע פאַמיליעס ביז איבער קריסטמעס און ניי־יאָר־פייערטאָג.

מע מוז האָבן מיטגעלעבט יענע צייט כדי צו קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק די אומגעהייער גרויסע פאַרביטערונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט ניט נאָר ביי אַרבעטער, נאָר אויך אין אַלע בירגערלעכע קרייזן. מיין אָנקל איז געווען פון דער נאַטור אַ רואיקער, באַדאַכטער מענטש, אַרויסברענגען אים פון זיין גלייכגעוויכט איז ניט געווען פון די לייכטע זאַכן. אָבער דער אומשטאַנד, וואָס דער אָפּיציעלער יום־טוב פון פרידן האָט גראָד צוגעדינט די מאַכטהאָבער צו פאַרטרייבן פון זייערע היימען אָרנטלעכע מענטשן, דער געדאַנק וועגן טאָפּלטן אומגליק וואָס דאָס האָט געמוזט זיין פאַר זייערע פרויען און קינדער, — דאָס אַלץ האָט ביי מיין אָנקל אַרויסגערופן ווערטער, וואָס האָבן זיך שווער געקלעפּט צו זיין אַזוי רואיק געשטאַלט.

אויף פראַנקפורט האָט ביסמאַרק זיך באַזונדערס געשאַרפט די ציין זינט אַ צייט. די אַלטע דעמאָקראַטישע שטאָט און די ליבעראַלע טראַדיציעס פונעם פראַנקפורטער בירגערטום, זיינען פון תמיד אָן געווען ביסמאַרקן ווי אַ דאָרן אין אויג. ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן די פאַרביטערטע קאַמפּאַניע וואָס דער אַרויסגעבער פון דער „פראַנקפורטער צייטונג", לעאָפּאָלד זאָנעמאַן האָט געפירט קעגן סאָציאַליסטן־געזעץ. אין זיין קליינלעכן האַס, האָט ביסמאַרק זיך אַפילו באַנאַרישט מיט אַן אָנצוהערעניש, אַז זאָנעמאַן איז אַ ווערקצייג פון דער פראַנצייזישער רעגירונג אין איר שטרעבונג אָפּצושוואַכן די פעסטקייט פונעם רייך. דאָס פראָקלאַמירן באַלאַגערונגס־צושטאַנד אין פראַנקפורט האָבן דערפאַר אַלע באַטראַכט ווי אַ פּערזענלעכן נקמה־אַקט מצד דעם אייזערנעם קאַנצלער. דער אַלגעמיינער אַנטאַגאָניזם אין דער שטאָט צו דער דאָרטיקער פּאָליציי, זינט דער „שלאַכט ביים פרידהויף", האָט געגעבן ביסמאַרקן דעם נייטיקן אויסרייד דורכצופירן דאָרטן די רעפּרעסיעס, וואָס ער האָט געפּלאַנט נאָך אַ צייט פריִער.

נאָך פראַנקפורט איז אויך די שכנהשע שטאָט אָפּענבאַך אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אַ טייל פון די פראַנקפורטער, וואָס מע האָט אַהין אַרויסגעשיקט, האָבן פונסניי זיך געמוזט לאָזן אין וועג אַריין. די אונטערערדישע באַוועגונג אין מיין היימשטאָט איז אויף אַזאַ אופן פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט אַ צאָל ביז גאָר ווערטפולע כוחות. עס האָט זיך דאָ איבערגעחזרט דער פענאָמען, וואָס מע האָט געקענט אָבסערווירן אין גאַנצן רייך: ווי שווער דער באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָט ניט געטראָפן איינצלנע מענטשן אינדיווידועל, האָט דאָס אָבער בייגעטראָגן דערצו, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָל זיך אויסשפּרייטן און פאַרכאַפּן ווייטערע קרייזן איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס האָט גאָר גיך געמוזט איינזען אַפילו ביסמאַרק אַליין, ער איז אָבער ניט געווען דער מענטש וואָס זאָל פון אַזאַ אָבסערוואַציע קומען צום אויספיר, אַז מיט באַרבאַרישע מיטלען וועט אים ניט מעגלעך זיין בייצוקומען אַ גרויסע באַוועגונג, וואָס נערט זיך מיט אַ טיפער איבערצייגונג פון אירע אָנהענגער. פאַרקערט, דער קאַנצלער האָט זיך ערשט רעכט אַ נעם געטאָן זוכן

אַ וועג ווי אַזוי אַרום צו דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ דער פּאַרהאַסטער באַוועגונג מיט נייע רעפּרעסיעס און אונטערדריקונגען. דאָס מאָל איז עס געווען דער אַזוי אָנגערופענער „עקספּאַטריאַציע־געזעץ", דאָס אַוועקנעמען די דייטשע בירגערשאַפט ביי באַקאַנטע פאַרטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס אַפילו פאַר די בירגערלעכע פּאַרטייען, וואָס האָבן אַנוסטן צוגעשטימט צום סאָציאַליסטן־געזעץ. די בירגערלעכע פּאָליטיקער האָבן איצט איינגעזען, אַז אַזאַ פאַרשאַרפט געזעץ קען לייכט דערפירן דערצו דער קאַנצער און זיינע אונטערשטיצער זאָלן אינגאַנצן אַנולירן אַלע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט. אין יאַנואַר 1888 האָט דער רייכסטאַג באַהאַנדלט ביסמאַרקס נייעם עקספּאַטריאַציע־געזעץ. בעת די פאַרהאַנדלונגען האָבן די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, בעבעל און זינגער, אַזוי אויפגערודערט דעם רייכסטאַג מיט זייערע רעוועלאַציעס וועגן טעראָר־רעזשים אויף די ערטער, אַז ביסמאַרקס פּלאַן איז דורכגעפאַלן מיט אַ מערהייט שטימען.

קורץ דערויף, אין מערץ 1888, איז געשטאָרבן דער ניינציק־יאָריקער קייזער, ווילהעלם דער ערשטער. דייטשע היסטאָריקער האָבן אַפילו צוגעגעבן צו זיין נאָמען דער גרויסער, אָבער דאָס פאָלק האָט געהאַט פאַר אים ווייניק וואָס סימפּאַטיע. ווילהעלם דער ערשטער איז געווען אַ רעאַקציאָנער פונעם אַלטן שניט, אין דער אַלטער פּרייסישער טראַדיציע, אָן דער מינדסטער פאַרשטענדעניש פאַר די שטרעבונגען פאַר דער צייט. ער האָט פּשוט ניט פאַרטראָגן קיין שום נייעם געדאַנק און איז גרייט געווען צו יעדער צייט צו געבן זיין צושטימונג פאַר אַלע מעגלעכע רעאַקציאָנערע מאָסמיטלען. ווילהעלם דער ערשטער איז שוין געווען אַ מאַן פון 74 יאָר, ווען ער איז אין 1871 פּראָקלאַמירט געוואָרן אין שלאָס פון ווערסאַי פאַר דעם ערשטן דייטשן קייזער. דער פאַקטישער הערשער אין ניי־געשאַפענעם דייטשן רייך איז געווען ביסמאַרק אַזוי לאַנג ווי דער אַלטער קייזער האָט געלעבט.

זיין יורש, פרידריך דער דריטער האָט אין פאָלק געהאַט די רענאָמע פון אַ מענטשן מיט ליבעראַלע צונייגונגען. מיט זיין אויפטרעטן אויף דעם טראָן האָט מען דערוואַרט אַ ראַדיקאַלן איבערבייט אין דער פּאָליטיק, ער איז אָבער געשטאָרבן אַ דריי חדשים נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן דער דייטשער קייזער, איידער ער האָט באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן.

ס'איז שווער צו טרעפן, צי פרידריך דער דריטער וואָלט טאַקע געווען באַרעכטיקט די האָפענונגען, וואָס מע האָט פאַרבונדן מיט זיין נאָמען. אַ ריי שטאָק־רעאַקציאָנערע גרופּירונגען מיט די פּרייסישע יונקערס אין דער שפּיץ, זיינען דעמאָלט געווען די פאַקטישע הערשער אין דייטשלאַנד. מע מוז אָבער צוגעבן, אַז זיין רעגירן האָט פרידריך אָנגעהויבן אין אַ גאַנץ נייעם גייסט. ער האָט זיך גלייך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס ער האָט באַצייכנט ווי די שאַנדע פונעם יאָרהונדערט און ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ ריי אַנדערע ליבעראַלע דערקלערונגען. אַ שווער־קראַנקער מענטש

פון אנהייב אן, איז זיין ערשטער אויפטו פארט געווען דאס באזייטיקן פון זיין אמט דעם פאליצײ־מיניסטער פוטקאמער, וואס איז געווען פארהאסט נישט בלויז ביי די סאציאליסטן. דאס אליין איז געווען גענוג מע זאל דערווארטן א פארבעסערונג פון דער לאגע.

פריידריכס זון, ווילהעלם דער צווייטער האט ניט געהאט קיין איבעריק גוטע רעפוטאציע. מע האט געוווסט, אז ער איז א מענטש אן א פעסטן כאראקטער, אז ער צייכנט זיך ניט אויס מיט קיין שום גייסטיקע קוואליפיקאציעס, אז ער איז דער טיפ מענטש, וואס מאסקירט זיין איינגעבוירענע פחדנות מיט א סארט קרענקלעכער גאווה, און אז דער פאלשער שטאלץ באוועגט אים אפט צו היפשע שטותעוואטע האנדלונגען. ס׳איז געווען קלאר, אז דער יונגער קייזער איז קאפאבל צו ווערן א ווערקצייג אין די הענט פון געוויסע רעאקציאנערע גרופעס, וואס האבן אים באצייטנס אריבערגעצויגן אויף זייער זייט מיט חניפה און מיט פאטאקעווען זיין נארישן שטאלץ. אלץ וואס מע האט געוווסט וועגן ווילהעלמען דעם קרוינפרינץ איז געווען גענוג אז סאציאליסטן און ליבעראלן אין לאנד זאלן זיין זייער באזארגט וועגן דייטשלאנדס צוקונפט.

דער יונגער מאנארך האט טאקע גאר גיך ארויסגעוויזן אויף וואס ער איז פעאיק. אין דער ערשטער העלפט פונעם יאר 1889, איז אין מערב־דייטשלאנד אויסגעבראכן דער גרויסער שטרייק פון די מינען־ארבעטער. אט דער שטרייק האט געהאט אן אויסנעמיקן באטייט, ווארן די סאציאליסטישע באוועגונג איז אין יענעם טייל דייטשלאנד גראד געווען גאנץ שוואך אנטוויקלט. די מינען־ארבעטער פון דעם רור און רהיין־באסיין זיינען געווען א געמישטער עלעמענט, צונויפגעקומענע פון אלע געגנטן פונעם רייך. עס זיינען געווען צווישן זיי אויך א סך פאליאקן, דער אפגעשטאנענסטער שיכט אין דער דייטשער ארבעטערשאפט אין יענער צייט.

די ארבעט־באדינגונגען אין די קוילן־גרובן זיינען געווען ניט צום באשרייבן. דער שטרייק איז געווען אן אויסבראך פון אויסזיכטלאזער פארצווייפלונג. דאס האט געמוזט איינזען אפילו אזא פארביסענער שונא פון דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט ווי ביסמארק. די אינדוסטריע־בארא֞נען האבן אויפגעפאדערט די רעגירונג זי זאל פראקלאמירן באלאגערונג־צושטאנד אין שטרייקגעביט. ביסמארק האט זיך אפגעזאגט צו דערפילן זייער פארלאנג און געגעבן אנצוהערן, אז ער לייגט ארויף אויף די אונטערנעמער א גרויסן טייל פון דער שולד פאר דעם שטרייק.

די אונטערנעמער האבן קאטעגאריש זיך אפגעזאגט צו פירן דירעקטע פארהאנדלונגען מיט די ארבעטער. די אנפירער מיטן שטרייק האבן באשלאסן צו שיקן קיין בערלין א דעלעגאציע צום יונגן קייזער ער זאל זיין דער פארמיטלער אין זייער שווערן קאמף. דאס האט דעמאלט ארויסגערופן גרויס אויפזען. צום ערשטן מאל האבן דייטשע ארבעטער זיך געווענדט דירעקט צום

קייזער מיט אַזאַ ענין. מ׳איז אַפילו ניט געווען גאַנץ זיכער, צי ווילהעלם וועט בכלל אויפנעמען די פאַרטרעטער פון די אַרבעטער. די רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט געקערט וועלטן און אָנגעוויזן, אַז אַזאַ דעלעגאַציע איז פּשוט אַ רעוואָלט קעגן דער דייטשער אָרדענונג.

קעגן אַלע דערוואַרטונגען האָט דער קייזער געגעבן אַן אוידיענץ די דריי פאַרטרעטער פון די אַרבעטער, אָבער אויפגענומען האָט ער זיי גאָרניט גנעדיק. ווילהעלם האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו האַלטן איינע פון יענע פאַרריסענע רעדעס, וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אַזוי טרויעריק באַרימט. יענע רעדע איז געווען אַן אָפענע קריגס־דערקלערונג דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער מאָנאַרך האָט אַפילו צוגעזאָגט די מינען־אַרבעטער, אַז זיין רעגירונג וועט גרינטלעך אויספאָרשן זייערע פאָדערונגען, אָבער גלייך דערויף האָט ער באַצייכנט דעם שטרייק ווי אַ געמיינעם קאָנטראַקט־בראָך און ווי אַן אויגנשיינלעכן פּרווו אונטערצוגראָבן די עפנטלעכע אָרדענונג. גאָר באַזונדערס האָט דער קייזער געוואָרנט די אַרבעטער קעגן סאָציאַליסטישע מאַכינאַציעס. אויף אַ גאָר הויכער אָקטאַווע האָט ער געטיקעט אין פּנים אַריין דער דעלעגאַציע:

„פאַר מיר איז יעדער סאָציאַל־דעמאָקראַט ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַ שונא פונעם רייך און פאָטערלאַנד. זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז אין אייערע רייען זיינען פאַרמישט סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טענדענצן און אַז סאָציאַליסטן רייצן אייך אויף צו אומגעזעצלעכע ווידערשטאַנדן, וועל איך דעמאָלט האַנדלען שטרענג, אָן שום איינזעענישן, מיט דער פולער מאַכט, וואָס איך האָב — און אָט די מאַכט איז גרויס! — איך וועל באַפעלן צו שיסן יעדן איינעם, וואָס וועט זיך קעגנשטעלן די פאָרשטייער פון דער מאַכט“.

אָט די ערשטע וואָרענונג וואָס דער נייער קייזער האָט געגעבן אַ באַוועגונג, וואָס איז ניט מער ווי מיט ביין חדשים שפּעטער געוואָרן דייטשלאַנדס שטאַרקסטע פּאָליטישע פּאַרטיי, — האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהייער גרויסע פאַרביטערונג אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטערשאַפט. די פלאַם־פייערדיקע סטראַשונעק־רעדע פונעם יונגן ווילהעלם האָט אַ סוף געמאַכט צו די האָפענונגען, אַז נאָך דעם אַלטן ווילהעלם וועלן אין דייטשלאַנד זיך שאַפן נייע פּאָליטישע באַדינגונגען. פאַר אונדז יונגערע אין דער באַוועגונג איז עס מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ קלאָרער, אַז דער קאַמף מיט דער הערשנדיקער רעאַקציע מוז סוף־כל־סוף ווערן אַ פיזישער קאַמף. מיר האָבן איצט געגלייבט אויף אַן אמת, אַז אין דייטשלאַנד האַלט עס ביי שווערע רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונגען. דאָס וואָרט „רעוואָלוציע“ האָט באַקומען פאַר אונדז אַ מיסטישן קלאַנג און האָט אין אונדז אַרויסגערופן אַ גליִענדיקע באַגייסטערונג. עס זאָלן געווען דערגיין צו דער פּאָליציי די עפּיטעטן, וואָס מיט זיי האָבן מיר צווישן זיך צוגעגעבן צום נאָמען פון „דעם קייזערס געהייליקטער פער־

זאָן״, — וואָלטן אַלע טוערס אין דייטשלאַנד קוים געווען געקלעקט פאַר שול־דיקע אין מאַיעסטעט־באַליידיקונג.

די אויפרייצנדיקע ווערטער פונעם יונגן קייזער מיט גאָטס גענאָד, האָבן ניט בלויז ניט אָנגעשראָקן די אַרבעטער, נאָר פאַרקערט, ווילהעלמס פאַר־ריסנקייט האָט געשטאַרקט דעם ווידערשטאַנד און פאַרגיכערט דעם קאָלאָסאַלן אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

צווישן יאָ און ניין איז פאַרביי אַ העלפט פון מיין לערן־צייט און דעם מייסטער בין איך שוין געווען אַ גוטע האַנט אין דער אַרבעט. עס האָט זיך אונטערגערוקט מיין צווייטער הערבסט ווי אַן אַרבעטער, די צייט ווען אין בוכ־בינדער־פאַך איז מען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט איבערן קאָפּ און מען מוז אַר־בעטן יעדן אָוונט אייבערשעהן. נאָר מיין אָנקל האָט געאַרבעט ווי געוויינטלעך. ער האָט אין יענער צייט געאַרבעט אין אַ גרויס אַטעליע, וווּ מע האָט איינ־געבונדן אויסשליסלעך קאַטוילישע געבעט־ביכער. געאַרבעט האָט מען דאָרט דאָס גאַנצע יאָר אָן שוואַכערע און שטאַרקערע סעזאָנען. דער אָנקל איז מיט אָט דעם פּלאַץ ניט געווען איבעריק צופרידן, אָבער דער לוין איז געווען פאַר־העלטנישמעסיק אַ גוטער און דאָס זיין געזיכערט מיט אַרבעט אויך אין די שוואַ־כע סעזאָנען, איז געווען פאַר אים באַזונדערס וויכטיק.

דער אָנקל האָט דערפאַר געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוהעלפן קיטש־מאַנען אַ צוויי־דריי שעה יעדן אָוונט. מיין אָנקל איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה און האָט זיך אויסגעקענט אויף אַלע סאָרטן אַרבעט אין אונדזער פאַך. מיין מייסטער האָט זיך ניט געקענט ווינטשן קיין בעסערן אַרויסהעלפער. דער אָנקל האָט צו יענער צייט שוין געהאַט דריי קינדער און דער צוגאָב־פאַרדינסט פאַר סילוועסטער און ניי־יאָר איז אים ביז גאָר צונוץ געקומען.

מיט יענעם סעזאָן איז ביי מיר פאַרבונדן אַ גרויסע איבעראַנדערשונג אין מיין לעבן, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט ניט ווייניק פרייד. אין ערשטן ווינטער פון מיין לערן־צייט האָב איך ניט געקענט אַרבעטן קיין אייבערשעהן, ווייל אַכט אין אָוונט האָב איך תמיד געמוזט זיין אין יתומים־הויז. דאָס מאָל האָט דער מייסטער אויסגעפּועלט ביים פאַרוואַלטער פונעם יתומים־הויז ער זאָל מיר דערלויבן צו נעכטיקן ביי מיין אָנקל, כדי איך זאָל קענען בלייבן אַרבעטן אַ פּאָר שעה מער. הער פּאַטער האָט גערנוויליק געגעבן זיין דערלויבעניש פאַר דער סעזאָן־צייט. אָבער אויך נאָכן סעזאָן האָט דער פאַרוואַלטער ניט אויפ־געמישט די פראַגע און איך בין שוין אַזוי געבליבן וווינען ביי מיין אָנקל די גאַנצע וויטערדיקע צייט, וואָס איך בין געווען אויף דער לערע. איך האָב

איצט געקענט אויסניצן מיין פרייע צייט ווי מיר האָט זיך געוואָלט. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס געווינס און מיר געבראַכט אַ סך נוצן.

מיין אָנקלס וווינונג איז ניט געווען איבעריק גרויס. מער ווי אַן אַלטע סאָפע פאַר אַ געלעגער אין עסצימער, האָט ער פאַר מיר ניט געהאַט, אָבער וועמען האָט עס גאָר אָנגעהויבן צו אַרן! די גרויסע פרייהייט וואָס איך האָב איצט געהאַט, האָט פאַררוקט אין שאָטן אַלע אומבאַקוועמלעכקייטן, וואָס יונ־גערהייט באַמערקט מען זיי בכלל ניט. שוין דאָס אַליין, וואָס איך האָב געקענט פאַרברענגען יעדן אָוונט אין דער געזעלשאַפט פון מיין אָנקל אָדער מיט מײַנע אינטימערע פריינד, איז געווען פאַר מיר אַ געווינס ניט אָפּצושאַצן. אין דער ערשטער צייט האָב איך נאָך ניט געהאַט די מעגלעכקייט אויסצונוצן מיין פרייהייט אין דער פולער מאָס, ווייל מיר זיינען געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אַזוי אַז איך פלעג זעלטן קומען אַהיים פאַר עלף. אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט אין משך פון יאָר.

די איבערשעהן וואָס איך האָב געמוזט אַרבעטן, זיינען מיר ניט געפאַלן צו לאַסט. אין די פאַר חדשים פאַר סילוועסטער האָב איך טאַקע אַ סך געאַר־בעט, אָבער די אַרבעט איז מיר געווען אָנגענעם און די שטענדיקע שמועסן האָבן פאַרזיסט די איבעריקע פּראַצע. די בעסטע אַרבעט־צייט איז געווען אין אָוונט מיטן אָנקלס אַריינקומען אין וואַרשטאַט. דער שמועס פלעגט געוויינט־לעך גלייך ווערן באַלעבט און סטימולירנדיק. גערעדט האָט מען וועגן אַלץ אין דער וועלט, ניט דווקא וועגן פּאָליטישע פראַגן. די צייט פלעגט ממש פאַר־פליִען. דעם אָנקלס מאַניר אַרויסצוזאָגן זיינע אַ מיינונג רואיק און זאַכלעך, זיין באַשיידענע געשטאַלט, אָן שום פּרעטענציעס און זיינע פּילזייטיקע קענטע־נישן, האָבן אַלץ מער און מער צוגעצויגן צו אים דעם מייסטער און אַ סך בייגעטראָגן דערצו ער זאָל זיך שטאַרקער איינלעבן אין זיינע בייע איבער־צייגונגען.

די סעזאָן־אַרבעט האָט זיך ביסלעכווייז דערנענטערט צום סוף. די איי־בערשעהן האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ ווינציקער און ווינציקער. איצט האָב איך געהאַט די אָוונטן איינגאַנצן פאַר מיר, און האָב זיי אויסגענוצט אַזוי גוט ווי איך האָב געקענט. פון איצט אָן האָט דער אָנקל מיך אָנגעהויבן מיטנעמען יעדן זונטאָג אָוונט אויף די זיצונגען פון דעם „פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די בוכבינדער“, ווו עס פלעגן תמיד בייזיין צווישן פערציק און פופציק פּערזאָן. דאָס באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן איז אויף אַזעלכע פאַרזאַמלונגען געווען פאַרבאָטן, ווייל מיר האָבן נאָך אַלץ געלעבט אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ. אָבער מע האָט דאָרטן אָפט געהאַלטן רעפעראַטן וועגן געשיכטלעכע געשעענישן און געזעלשאַפטלעכע פראַגן, וואָס האָבן מיך אינטערעסירט גאָר באַזונדערס. חוץ די היימישע רעדנער, פלעגן פון צייט צו צייט אויפטרעטן אויך רעדנער פון די שכנהשע שטעט. אין לאַנד זיינען נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען די

אַרויסשיקונגען און אין אונדזער שטאָט האָבן ניט אויפגעהערט אָנצוקומען פּירנדיקע געגנאָסן פון דער פרעמד.

טייל פון אָט די רעדנער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ספּעציעלער פּע־איקייט אַריינצופלעכטן אין אַ רעפעראַט אַזוי נעבנביי, פאַרגלייכונגען מיט דער לאַגע אין רייך. זיי האָבן עס געמאַכט אַזוי געשיקט, אַז דער ביזייאיקער פּאָ־ליצײ־באַאַמטער האָט גאָרניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן. מע דאַרף דערביי האַלטן אין אויג, אַז אין אונדזער ראַיאָן, אין העסען, האָט מען אַפילו אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ זיך ניט געפילט אַזוי געפּענטעט ווי אין פּרייסן אָדער זאַקסן. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער, האָט מען ביי אונדז זיך פּאָרט גע־קענט דערלויבן זאַכן, וואָס אין אַנדערע טיילן פונעם רייך וואָלטן זיי געווען אוממעגלעך.

אויף אָט די פאַרזאַמלונגען פונעם „בוכבינדער־פאַראיין” האָב איך צום ערשטן מאָל אויסגעפּרוּווט מיין רעדנער־טאַלאַנט. איך דערמאָן זיך ווי איך בין געקומען צום וואָרט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן. אַ פּאַך־קאָלעגע פון פראַנקפורט, וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין פּאַריז, האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען פון די פראַנצייזישע און בעלגי־שע אַרבעטער. זיין אויספיר איז געווען, אַז די דייטשע פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען שטייען אויף אַ העכערער מדרגה ווי די אויסלענדישע.

איך האָב גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע. אין אָנהייב האָב איך אַביסל געפּלאָנטערט מיט דער צונג, ביז איך האָב באַהערשט דאָס, וואָס מע רופט לאָמפּן־פיבער. ביסלעכוויז איז מיין רעדן געוואָרן פליסיקער, קלאָרער, און מיט פריידיקער איבערראַשונג האָב איך דערשפּירט, אַז איך פאַרמאָג די פּע־איקייט צו געפינען אויפן אָרט די ריכטיקע ווערטער פאַר מיינע געדאַנקען. די אָוואַציע וואָס איך האָב דעמאָלט באַקומען איז, פאַרשטייט זיך, אין אַ היפּ־שער מאָס געגאַנגען אויפן חשבון פון מיין יוגנטלעכקייט, אָבער מיר האָבן די אַפּלאָדיסמענטן געגעבן די זיכערקייט, אַז איך האָב עס געמאַכט ניט שלעכט. אַפילו דער אָנקל, וואָס האָט געוויינטלעך מיך ניט געבאַלעוועט מיט קאָמפּלי־מענטן, האָט מיך דאָס מאָל אָפּן געלויבט. צו גלייכער צייט האָט ער מיך אָבער געוואָרנט איך זאָל ניט איבערשאַצן מיין דערפאָלג און אויף ווייטער זאָל איך נעמען דאָס וואָרט נאָר דעמאָלט ווען איך האָב אויף אַן אמת צו זאָגן אַזוינס, וואָס סע לוינט זיך צו הערן.

צו יענער צייט האָט אין גאַנץ אייראָפּע זיך געגעבן צו פילן אַ גרויסע אויפלעבונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער פּעריאָד פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער רעאַקציע — אַ רעזולטאַט פונעם דייטש־פראַנצייזישן קריג און פונעם ביטערן סוף פון דער קאָמונע — האָט קענטיק זיך דערנענטערט צו אַ ווענדפּונקט. די צוויי אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנגרעסן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין פּאַריז אין יולי 1889, אין שייכות מיט די פייערונגען הונדערט יאָר זינט דער גרויסער פראַנצייזישער רעוואָלוציע, — האָבן באַ־

זונדערס אונטערגעשטראָכן דעם איבערבייט אין דער אַלגעמיינער לאַגע. וועגן פאַרלויף פון אָט די קאָנגרעסן אין פּאַריז, זיינען מיר געווען קנאַפּ־וואָס איינ־פאָרמירט. די באַטייליקטע אין די קאָנגרעסן האָט מען אין דייטשלאַנד גע־קרוינט מיטן נאָמען „פּאָסיביליסטן“, כאָטש קיינער האָט ניט געקענט זאָגן גענוי, וואָס אַזוינס זיי האָבן „דערמעגלעכט“. מיר האָבן אָבער געפילט בחוש די דעמאָנסטראַטיווע ווירקונג פון די געשעענישן אין פּאַריז און אונדזערע אויסבליקן אויף דער צוקונפט זיינען געווען ביז גאָר דערהויבענע.

אויף די ייִנגערע אין דער באַוועגונג האָט געמאַכט אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק דער באַשלוס פוןביידע קאָנגרעסן צו פּראָקלאַמירן דעם ערשטן מאַי ווי אַ וועלט־יום־טוב פון דער קעמפנדיקער אַרבעטערשאַפט, ווי אַ טאָג פון רו און אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס. די פּאַריזער קאָנגרעסן האָבן פאַרבונדן דעם מאַי־יום־טוב מיטן קאַמף פאַר אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעט־טאָג און פאַר אַ גע־זעצגעבונג פון אַרבעטער־שוץ. אָבער פאַר אונדז, די יונגע איז דאָס אַלץ גע־ווען ניט מער ווי אַ בייזאַך, דער עיקר האָט אונדז פאַרכאַפּט די אידייע פונעם ערשטן מאַי ווי אַ טאָג פאַר סאָציאַלער באַפרייאונג, ווי אַ דעמאָנסטראַציע פאַר די הערשנדיקע קלאַסן, אַז די אַרבעטערשאַפט פון דער גאָרער וועלט איז מיט־געריסן מיט דעם זעלביקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם און שטרעבט צו אַ בשות־פותדיקן ציל.

מיר האָבן געטרוימט אַז אָט־אָט און דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער וועט אַרויסטרעטן קעגן די פּאַטריאָטישע ליגנס און נאַציאָנאַליסטישע פאַר־אורטיילן פון דער צייט, וואָס דינען בלויז דערצו אַראָפּצופירן דעם פּראָלע־טאַריאַט פון זיין ריכטיקן וועג, ניט דערלאָזן צו דער נאַטירלעכער פאַרבינ־דונג פון אַלע אַרבעטנדיקע קלאַסן פון אַלע לענדער. אין אונדזער יונגער פאַנ־טאַזיע האָט דער ערשטער מאַי געדאַרפט געבן די פאַרשקלאַפּטע מאַסן דאָס באַוווסטזיין פון זייער געזעלשאַפטלעכן כוח און איינפלאַנצן ביי זיי טיף אין דער נשמה, אַז דער סאָציאַליזם איז ניט געבונדן מיט די קינצלעכע גרענעצן פון באַזונדערע מלוכות, אַז סאָציאַליזם באַטייט דאָס אָפּשאַפן דעם עקאָנאָמישן מאָנאָפּאָל און די לוין־שקלאַפעריי אומעטום, כדי צו עפענען אַ וועג דער גאָ־רער מענטשהייט פאַר אַ גייסטיקער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג. אָט דערפאַר האָבן מיר באַטראַכט דעם ערשטן מאַי ווי אַ מאַכט־פּראָבע, צו מעסטן די כו־חות, וואָס מיר האָבן געהאַט צו אונדזער רשות. אַן ערשטער מאַי־יום־טוב ווי ער איז שפּעטער געוואָרן אין דייטשלאַנד און אין אַנדערע לענדער, איז אונדז דעמאָלט וויינציק־וואָס אָנגעגאַנגען. אין אונדזער רעוואָלוציאָנערן ברען, האָבן מיר דעמאָלט אַרויסגעקוקט אויף די ווייטערדיקע געשעענישן מיט דער גרעס־טער געשפּאַנטקייט.

דער ראַשער אויפשטייג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין גאַנץ אייראָפּע, האָט ביסלעכווייז געעפנט די אויגן ביי די בירגערלעכע שיכטן אין דייטשלאַנד. מע האָט זיך אַרומגעזען, אַז מיט דעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָט

מען ניט דערגרייכט דעם אָנגעמערקטן ציל. פאַרקערט, אָט דאָס געזעץ האָט זייער אַ סך צוגעדינט דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין דייטשלאַנד און געפירט דערצו, אַז דער סאָציאַליזם זאָל אין אַ קורצער צייט ווערן ביז גאָר פּאָפּולער ביי די ברייטע מאַסן. די טעמפּע און פאַררייסענע רעאַקציאָנערן, די פאַרטרעטער פונעם פּריסישן יונקערטום, די שטאָק־רייכע באַראָנען פון דער גרויס־אינדוסטריע, — זיי אַלע האָבן ניט געשפּאָרט קיין מי אויסצוטייטשן אויף זייער אופן די צייכנס פון דער צייט. זיי האָבן נאָך אַלץ געגלייבט, אַז מיט פאַרשאַרפטע פאַרפאָלגונגען וועלן זיי דערגרייכן זייער ציל. ביסמאַרק אַליין איז געווען פעסט אַנטשלאָסן צו דערפירן צום העכסטן פּונקט דעם קאַמף קעגן דער „אַנטיפאַטישער באַוועגונג". שוין הארט פאַר דעם ווי ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, האָט ער נאָך עפנטלעך דערקלערט: „די סאָציאַליסטן־פראַגע איז אין גרונט גענומען אַ מיליטערישע פראַגע. מיט מאַכט־מיטלען קען מען אונטערדריקן יעטוועדע מאַניפעסטאַציע. אָנשטאָט דעם קליינעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד, וועט אפשר בלויז נייטיק זיין פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם קריגס־צושטאַנד".

אָבער אין מאָמענט ווען דער נקמה־דאַרשטיקער קאַנצלער האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסקומען מיט זיינע נייע מיליטערישע פּלענער, האָט גאַנץ אומגעריכט זיך אַריינגעמישט ווילהעלם דער צווייטער און זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער נייטיקייט איינצופירן סאָציאַלע רעפאָרמען לטובת די אַרבעטער. אין קרייז פון זיינע קאָנסערוואַטיווע פריינד האָט ביסמאַרק באַצייכנט דעם קייסערס מעלדונג ווי „הומאַניטאַרן שווינדל" און, פאַרשטייט זיך, זיך קאַטעגאָריש אָקעגנגעשטעלט אָט דעם „שווינדל". דער קייזער איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, און אַזוי איז פעברואַר 1890 פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם קייזערס מאַניפעסט וועגן דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַרבעט און קאַפּיטאַל, מיט דער פאַרזיכערונג, אַז די רעגירונג וועט אין נייטיקע פאַלן אינטערווענירן וועגן אַן אויסגלייך צווישןביידע צדדים. אין מאַניפעסט איז אויך געווען אַן אָנווייז דערויף, אַז די מלוכהשע אונטערנעמונגען וועלן די ערשטע געבן דעם געהעריקן ביישפּיל דער פּריוואַט־אינדוסטריע; דער אַרבעטער, האָט דער מאַניפעסט באַטאָנט, דאַרף זיין געזעצלעך געשיצט קעגן דער גייציקייט פון געוויסע אונטערנעמער; אין דער מלוכהשער קערפּערשאַפט דאַרף דער אַרבעטער האָבן אַ פריינד, וואָס שטעלט זיך איין פאַר אים. ווי אַ קרוינונג צום גאַנצן, האָט דער מאַניפעסט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אָנזאָג וועגן אַ פעלקס־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאַררופן ווערן אין בערלין, צום שוץ פון דער אַרבעט און צו זוכן מיטלען ווי אַזוי צו רעגולירן די סאָציאַלע פּראָבלעמען אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַזע.

מען קען זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן אויפזען אָט דער מאַניפעסט האָט אַרויסגערופן. מע האָט דעמאָלט און שפּעטער ניט אויפגעהערט צו שרייבן וועגן די מאָטיוון, וואָס האָבן באַוויגן דעם קייזער צו זיין מאַניפעסט. אַזאַ

ראַדיקאַלן אומבייט אין קייזערס איינשטעל צו די אַרבעטער, איז פּשוט געווען ניט צו באַגרייפן. סאָציאַל-דעמאָקראַטישע וואָרט-זאָגער האָבן דאָס דערקלערט מיט דער מורא פאַר דעם רויטן געשפּענסט. אַזאַ אויסטייטש האָט מען ניט געקענט איינגאַנצן אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. פּערזענלעכער מוט און אַנט-שלאָסענע אַקציעס זיינען קיינמאָל ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די האָ-הענצאָלערנס. אָבער דער היסטאָרישער מאַניפעסט איז ניט געווען בלויז דער רעזולטאַט פון שרעק פאַר דער אויפשטייגנדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

ביסמאַרק האָט געהאַט אַ היפּשע צאָל פאַרשטעקטע קעגנער ניט נאָר אין דייטשן בירגערטום, נאָר אויך אין די העכערע קאָנסערוואַטיווע קרייזן. אַט די עלעמענטן האָבן לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם מאָמענט ווען זיי וועלן האָבן די מעגלעכקייט זיך צו דערשלאָגן צו פּערזענלעכן איינפלוס. ווי דער פאַקטישער גרינדער פונעם נייעם רייך, איז דער פּרעסטיזש פונעם אייזערנעם קאַנצלער געווען גרויס. דערביי איז ער געווען אַ שטאַרקע פּערזענלעכקייט און אַ רע-אַקציאָנער ביזן מאַרך פון זיינע ביינער. אונטער דער רעגירונג פון דעם אַלטן קייזער, איז ביסמאַרקס ווילן געווען דאָס העכסטע געזעץ אין לאַנד. בלויז געצייילטע האָבן זיך געקענט דערוועגן אים אַפּצופרעגן.

אָבער מיט ווילהעלם דעם צווייטן האָט זיך די לאַגע אַ סך געביטן. וואָס ס'איז שייך פּראַקטיק, פעאיקייט צו האַנדלען, האָט דער קייסער ניט דער-גרייכט דעם קאַנצלער צו זיינע קנעכלען, אָבער ווילהעלם איז געווען באַהערשט פון אַ סאָרט קרענקלעכער באַדערפעניש צו ווערן אָנגעזען, און ביסמאַרקס אַפּוטרופּוס האָט אים געמוזט זיין זייער ניט צום האַרצן. איינגאַנצן אַליין, וואָלט ער זיך אָבער קיינמאָל ניט געווען באַשלאָסן עפּעס אָנצוהייבן. אָבער צווישן די מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צום יונגן קייסער, האָבן ניט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף ניט-אָנערקענטע געניעס; זיי האָבן זיך געריסן צו מאַכט-פּאָזיציעס, און פאַר זיי, פּונקט ווי פאַר דעם קייזער אַליין, איז ביסמאַרק געווען ווי אַ דאָרן אין אויג. די יעניקע וואָס האָבן ניט געקענט האָפן זיך דערשלאָגן צו עפּעס אונטער ביסמאַרקס אייזערנעם דרוק, האָבן איצט דערפילט אַ פריש ווינטל און אין דער נייער קאָניוקטור האָבן זיי ניט דורכגעלאָזט די מינדסטע געלעגנהייט ניט אונטערצוגראָבן דעם קאַנצ-לערס איינפלוס. דאָס איז זיי אויך ניט אָנגעקומען איבעריק שווער, וואָרן וויל-העלם איז געווען געניגט צו באַלוינען בלויז יענע פון זיין אַרומרינגלונג, וואָס האָבן פאַרשטאַנען צו רייכערן ווייערעך זיין פּוסטן שטאָלץ און שאַפן פּערס-פּעקטיוון פאַר זיין מאַניע צו גרויסקייט.

דער דורכפאַל פון זיין סאָציאַליסטן-געזעץ האָט ביסמאַרקן געשטעלט אין אַ ניט-באַקוועמער לאַגע. ער איז אָבער געבליבן ווי תמיד דער פאַרביסנסטער קעגנער פון יעדער פּאָליטישער פאַרלייכטערונג. דאָס באַאַרבעטן דעם קייזער אין דער ריכטונג פון פּאָליטישע קאָנצעסיעס איז דערפאַר געוואָרן דאָס זי-כערסטע מיטל צו דערפירן צו אַ ריס צווישןביידן, דעם קייזער און דעם

קאַנצלער. דעם יונגן פאַרריסענעם האָהענצאָלערן האָט באַזונדערס געלאָקט דער אויסבליק, אַז אים וועט זיך איינגעבן אונטערהאַקן די פליגלען דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דווקא מיט רעפאָרמען און אַזוי אַרום דערגרייכן דאָס, וואָס ביסמאַרק האָט ניט דערגרייכט מיט ברוטאַלער מאַכט. דעם קייזערס מאַניפעסט לאָזט זיך דערפאַר צום טייל דערקלערן מיט אָט די איינפלוסן פון זיין אַרום און מיט זיינע אייגענע מאָטיוון. ווילהעלם אַליין האָט זיך אפשר ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג דערפון, אַז זיין פלוצימדיקער ליבעראַליזם דינט אַנדערע צוועקן ווי די, וואָס מע האָט געוואָלט איינרעדן דער ברייטער עפנט־לעכקייט.

דער יונגער קייזער זאָל געווען אָנהייבן זיין רעגירן מיט אַזאַ מאַניפעסט, וואָלט אים גאַנץ באַשטימט באַשערט געווען אַ גרעסערער דערפאָלג. די אַר־בעטערשאַפט וואָלט דעמאָלט געווען אויפגענומען די נייע הערשאַפט ווי אַן אָפּענעם אָנזאָג פון קעגנערשאַפט צו ביסמאַרקס דיקטאַטור. אָבער דער אי־בערבייט אין ווילהעלמס געמיט איז פאַרגעקומען מיט געציילטע חדשים נאָכ־דעם, ווי ער האָט געסטראַשעט די דעלעגאַטן פון די מינען־אַרבעטער, מיט שיסן סאָציאַליסטישע אָנפירער און מיט דערקלערן אַלע סאָציאַליסטן ווי לאַנד־פאַררעטער. דער טיפער צאָרן וואָס אָט דער פאַטש אין פנים האָט אַרויסגע־רופן ביי די סאָציאַליסטישע אַרבעטער, האָט זיך נאָך ניט געהאַט געשטילט, ווי עס האָבן זיך פלוצים צעקלונגען טענער פון פּאָליטישן שלום. ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז עס געווען בלויז איז עס געווען בלויז פאַרשטענדלעך, וואָס דעם קייזערס מאַניפעסט האָט ניט אַרויסגערופן אַזאַ ענטוזיאַזם ווי עס האָבן דערוואַרט ווילהעלמס נייע ראָט־געבער. סאָציאַליסטישע אַרבעטער האָבן אויפ־גענומען דעם מאַניפעסט מיט אָפענעם אומצוטרוי. די נייע ריכטונג האָט מען אויסגעטייטשט ווי אַ צייכן פון שוואַכקייט און ווי אַ פּרווו פון די מענטשן ביים רודער זיך צו פאַרשאַפן מאָראַלישן אָנשפּאַר צווישן די פירער פון דער פּאַרטיי, וואָס ביסמאַרק האָט זיך פאַרמאָסטן אויף איר עקסיסטענץ, זיינען אַפילו גע־וועזן אויך אַזעלכע, וואָס דעם קייזערס מאַניפעסט האָט זיי איינגאַנצן פאַרדרייט דעם קאָפּ. אין דער נייער ווענדונג האָבן אָט די פירער דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אין איר אין דער אמתן ניט געווען. אָבער צווישן די וויכטיקערע טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט מען זיך ניט געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. גיכער איז מען געווען פעסט אַנטשלאָסן זיך קעגנצושטעלן יעדער אָפּשוואַכונג פון רעוואָלוציאָנערן איינשטעל. דאָס וואָס סע האָט ניט דערגרייכט ביסמאַרקס בייטש, זאָל ערשט רעכט ניט דערגרייכן דעם קייזערס צוקער־לעקעכל.

דערצו איז נאָך אונטערגעקומען דער אומשטאַנד, וואָס דעם קייזערס מאַ־ניפעסט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן גראָד עטלעכע וואָכן פאַר די וואַלן צום רייכסטאָג. דאָס האָט ביי אַ סך נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אומגלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון דער רעגירונג. אין טייל העכערע קרייזן

האָט מען באַשטימט גערעכנט דערמיט, אַז מיט דעם קייזערס מאַני־פעסט וועט מען פאַרלירפן דעם וועג דער סאָציאַליסטישער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. אָט די ספּעקולאַציעס האָבן געשאַפן אַן אַטמאָספער פון אַ פאַרמעסט אין די כוחות אין גערעגל צו געווינען די עפנטלעכע מיינונג. דער אויסגאַנג פון די וואַלן האָט געדאַרפט דערווייזן צי דער פלוצימדיקער נייער רעגירונגס־קורס האָט אויף אַן אמת באַאיינפלוסט די ווילער־מאַסע. דער וואַל־קאַמף האָט דער־פאַר אָנגענומען אַ שטורמישן כאַראַקטער. ס'איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז מיט דעם אויסגאַנג פון די וואַלן איז פאַרבונדן די פראַגע, צי דער אַזוי פאַרהאַסטער סאָציאַליסטן־געזעץ זאָל ווייטער באַשטיין אָדער אָפּגעשאַפט ווערן.

ווי תמיד אין אַ וואַל־קאַמפּאַניע, זיינען די סאָציאַליסטן אויך דאָס מאָל געווען אויפן ערשטן פּלאַן. די וואַלן זיינען געווען די איינציקע צייט, ווען זיי האָבן געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן עפנטלעך. די פּאָליציי אויף די ערטער האָט אַפילו אין גאַנג פון דער וואַל־קאַמפּאַניע ניט געשפּאָרט קיין מי צו לייגן שטיינער אין וועג פאַר די רויטע. די רעאַקציאָנערע מאַכט־אָרגאַנען זיינען אָבער פאָרט ניט געווען אין שטאַנד צו שטערן אַלע עפנטלעכע מאַני־פעסטאַציעס פון די סאָציאַליסטן. חוץ דעם זיינען סאָציאַליסטישע רעדנער אָפט געקומען צום וואָרט אויף וואַל־פאַרזאַמלונגען פון די בירגערלעכע פּאַר־טייען. אַפילו אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָט די פּאָליציי ניט געקענט שטערן דייטשע ווילער אָפּצוגעבן זייערע שטימען פאַר די סאָציאַליסטן.

די סאָציאַליסטן האָבן אין גאַנצן לאַנד אָרגאַניזירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, ווו זיי האָבן פאָרגעשטעלט זייערע קאַנדידאַטן פאַר דעם ברייטן עולם. די שטי־מונג וואָס האָט געווײַנטלעך געהערשט אויף אָט די פאַרזאַמלונגען, איז געווען אַן אָנזאָג דערויף אַז אין רעזולטאַט פון די וואַלן וועט די צאָל סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן צום רייכסטאַג פאַרגרעסערט ווערן. קיינער פון אונדז האָט, פאַר־שטייט זיך, ניט געקענט זאָגן אין פאָראויס ווי גרויס עס וועט זיין דער סאָ־ציאַליסטישער זיג. אַלע זיינען אָבער געווען איבערצייגט אין דעם, אַז ניט די פאַרפאָלגונגען, ניט דעם קייזערס נאָכגיביקייט, וועלן ניט אָראָפּפירן די פּאַרטיי פון איר אָנגעמערקטן וועג.

די קאַרפּן־קעפּ פון דער אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

אין מאַינץ האָט די פּאָליציי כמעט ווי ניט געשטערט די וואַל־קאַמפּאַניע פון די סאָציאַליסטן און די שטאָט איז טאַקע געגאַנגען מיט זיי כאָדאָראָם. אין מיין היימשטאָט האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זינט לאַנג שוין געהאַלטן די פּאָזיציע פון דער שטאַרקסטער פּאָליטישער פּאַרטיי. בלויז די קאַטוילישע באַפעלקערונג פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער איז צו יענער צייט נאָך געווען באַווירקט פון דער צענטער־פּאַרטיי. אין פאַל פון אַ באַלאָטאַזש האָבן אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען געשטימט געאייניקט קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

מיר האָבן אַנטוויקלט אַ פיבערדיקע טעטיקייט און ניט געשפּאָרט קיין מי אין פאַרמעסט צו געווינען די גרעזעלשאַפטלעכע מיינונג אויף אונדזער זייט. באַזונדערס ענערגיש זיינען געווען מיר, די יונגעלייט, אין דער באַוועגונג. יעדע פרייע מינוט האָבן מיר אויסגענוצט אויף פאַרשפּרייטן פלוגבלעטלעך, אויף צוגרייטן פּראָפּאַגאַנדע־מיטינגען אין שטאָט און אין די אַרומיקע אָרטשאַפטן, מיר האָבן ניט דורכגעלאָזט די מינדסטע געלעגנהייט, וואָס האָט געקענט ביישטייערן צום וואַל־זיג פון אונדזערן אַ קאַנדידאַט. ניט תמיד איז עס אונדז אָפּגעגאַנגען גלאַטיק. אין אַ דאָרף האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז די פּויערים זאָלן אונדז פּשוט פאַרטרייבן מיט בייזער רציחה. אין יענע צייטן איז די וואַל־פּראָפּאַגאַנדע נאָך ניט געווען דאָס וואָס זי איז געוואָרן שפּעטער; אַ וואַל־אַגיטאַטאָר האָט אין יענע צייטן נאָך געמוזט האָבן אַ סך מוט און געדאַרפט גרייט זיין אויף אַלץ. אָבער מיר זיינען געווען יונג און מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן אונדזער אידעאַל. די סכנות וואָס מיר זיינען זיי געווען אויסגעשטעלט האָבן בלויז נאָך מער געשטאַרקט אונדזער ברען און אונדזער ווילנס־קראַפט. פאַר אונדזער אַרבעט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, קיין שום לוין ניט באַקומען. דאָס פריידיקע באַוווסטזיין, אַז מיר דינען אַ גרויסע זאַך, איז געווען אונדזער שענסטע באַלוינונג און האָט אונדז פאַרגיטיקט פאַר אַלע שווערע מי און פּיין.

אויך די בירגערלעכע פּאַרטייען האָבן געפירט אַן אינטענסיווע פּראָפּאַ־

גאַנדע אין מאַינצער וואַל-קרייז. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דערפּאַר באַצייטנס זיך פאַרזאָרגט מיט די בעסטע רעדנער. צום ערשטן מאָל האָב איך דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט צו הערן אַזעלכע רעדנער ווי ווילהעלם ליבקנעכט, געאָרג פאָן וואָלמאַר, פּול זינגער און אויגוסט בעבעל. אָט די אַלע רעדנער זיינען אויפגעטראָטן אין נייעם שטאָט-טעאַטער, אַ ריזיקע געביידע, וואָס האָט אַריינגענומען פון אַכט ביז צען טויזנט פּערזאָן. יעטוועדער אַזאַ מיטינג איז פאַר מיר געווען אַן איבערלעבונג, וואָס איז מיר פאַרבליבן אין געדעכעניש ביז אויף היינט. ביז דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין נאָר אויף די קלענערע פאַרזאַמלונגען פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. צום ערשטן מאָל פלעג איך אויך גיין צו אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון אַ בירגערלעכער פּאַרטיי. די פאַרעווע שטימונג וואָס האָט געווייינטלעך געהערשט אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, האָט אויף מיר ניט געמאַכט קיין באַזונדערן איינדרוק. דאָ, אויף די סאָציאַליסטישע מיטינגען, האָב איך צום ערשטן מאָל בייגעלעבט אַן עולם קאָפּ אויף קאָפּ, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די רעדנער מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. איך האָב געפילט די עלעקטרישע שטימונג אין זאַל און איך בין זיך אַליין פאָרגעקומען ווי אַ טיילכל פון אַן אומגעהייערן שטראָם, וואָס טראָגט זיך צו אַ ווייטן ציל.

דער ערשטער רעדנער פון דער פרעמד וואָס מיר האָבן דעמאָלט געהאַט, איז געווען געאָרג פאָן וואָלמאַר. אָט דער הויכער, געוועזענער אָפיציר, מיטן עקספּרעסיוון קאָפּ און קלוגע אויגן, האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. וואָלמאַר איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. ער האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט צו מאַכן אָנצוהערעניש, אַז אַלע זאָלן פאַרשטיין וואָס ער מיינט און דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר זאָל ניט האָבן וואָס אויסצוזעצן. זיינע אויספירונגען זיינען געווען פאָלקסטימלעך, מיט אַ שניידנדיקן סאַרקאַזם און האָבן זיך איינגעקריצט אין זכרון. דער זאַל איז געווען פול איבער די ברעגעס, אַ גרויסער טייל פון עולם האָט געמוזט די גאַנצע צייט שטיין אויף די פיס, אָבער קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט ביז צום סוף.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט דער אָנקל מיך מיטגענומען אין גאַסט-הויף, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען בלויז סאָציאַליסטן. אין אַן ענגערן קרייז האָבן מיר דאָרטן פאַרבראַכט דעם רעשט פונעם אָוונט איניינעם מיט וואָלמאַרן. אויך דאָ האָב איך פון אים אַרויסגעטראָגן דעם בעסטן איינדרוק. זיין גאַנץ באַנעמען זיך איז געווען אומגעצוווּנגען, אָן פּרעטענזיעס. אָבער פון זיין גאַנצער פּערזאָן האָט געהויכט מיט אַ מין פאָרנעמקייט, וואָס האָט אים געמאַכט ביז גאָר סימפּאַטיש.

אין זיינע יינגערע יאָרן איז וואָלמאַר געווען איינער פון די ראַדיקאַלסטע אין זיין פּאַרטיי. מיטן אויפקום פון דעם סאָציאַליסטן-געזעץ, האָט ער עוואָלוציאָנירט אַלץ מער אויף רעכטס. שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע פירער פון די אַזוי אָנגערופענע רעוויזיאָניסטן. אין בייערן, זיין היימ-

לאַנד, איז זיין פּרעסטיזש געווען זייער הויך. אין אַ שפּאַס האָט מען אים גע־רופן „דער ניט־געקרוינטער קעניג פון בייערן". אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז וואָלמאַר ביז זיין סוף פאַרבליבן איינער פון די גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן. אין זיינע שאַרפע דיסקוסיעס מיט די אָרטאָדאָקסאַלע מאַרק־סיסטן, האָט ער תמיד אַרויסגעוויזן אַ סך קלאָרן פאַרשטאַנד. אין זיין אומאָפּ־הענגיקייט האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון אָפּענע אַטאַקעס אויף די דעמאָל־טיקע, אַלגעמיין געאַכפּערטע פירער פון דער מערהייט, בעבעל און קאַוטסקי. פאַר אַזאַ מוטיקער האַלטונג האָבן אים רעספּעקטירט אַפילו זיינע שאַרפסטע קעגנער.

אויב יענע ערשטע מאַסן־פאַרזאַמלונג האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, איז די צווייטע פאַרזאַמלונג נאָך איר, געווען פאַר מיר ניט קיין קליינע אַנטוישונג. דאָס מאָל איז דער רעדנער געווען דער באַוווּסטער סאָ־ציאַליסטישער דעפּוטאַט, פּאָל זינגער פון בערלין. זיין נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט פון די באַריכטן וועגן די פאַרהאַנדלונגען אין רייכסטאַג. זינגער איז מיר ניט געפעלן שוין בלויז מיט זיין אויסערלעכן אויסזען. זיין רעדע איז געווען אַ צעצויגענע און געלאָזט דעם עולם גאַנץ קאַלט. ער האָט גערעדט ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן אַ לאַנגן באַריכט אין רייכסטאַג, מיט אָן אַ שיעור סטאַ־טיסטישע ציפערן. ס׳איז אפשר געווען אַ ניט אומאינטערעסאַנטער לייען־שטאָף, אָבער ניט קיין טעמע פאַר אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג.

אַ ביסל לעבעדיקייט האָט אַריינגעבראַכט אויף יענער פאַרזאַמלונג דער מאַינצער קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי, פראַנץ יעסט. ער איז געווען אַ היפּש געשיקטער רעדנער און האָט עס פאַרשטאַנען בעסער ווי זיין בערלינער קאָ־לעגע מיט וואָס צו נעמען דעם עולם. זינגערן איז מיר נאָך אויסגעקומען צו הערן אַ פּאָר מאָל, אָבער דער ערשטער איינדרוק, וואָס איך האָב פון אים גע־האַט, איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. ער איז געווען דער טיפּישער, דורכשניטלעכער פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס האָט זיך אויסגעקענט אין דער גע־שעפטס־אָרדענונג פונעם רייכסטאַג בעסער ווי אַ סך אַנדערע. היינט איז עס פאַר מיר קלאָר, אַז זיין לאַנגע און איינפלוסרייכע קאַריערע האָט זינגער געהאַט צו פאַרדאַנקען אויסשליסלעך זיין סאָציאַלער פּאָזיציע. ער איז געווען רייך, אַ שותף צו אַ גרויסער פאַבריק. אין די באַדינגונגען פון יענער צייט איז דאָס געווען זיין שטאַרקסטע זייט.

וואָלמאַר און זינגער האָבן ביי אונדז גערעדט פאַר די הויפּט־וואַלן. קורץ פאַר די שטיך־וואַלן איז צו אונדז אַראָפּגעקומען ליבקנעכט און באַלד נאָך אים בעבעל. אויף אָט די פאַרזאַמלונגען האָב איך אַרויסגעקוקט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג. ווילהעלם ליבקנעכט און אויגוסט בעבעל זיינען דעמאָלט געווען די סאַמע חשובסטע פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פאַר זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען זיינען זיי אָפט אָפּגעקומען מיט תפיסה. זיי האָבן דעמאָלט שוין געהאַט הינטער זיך אַ רומפולע פאַרגאַנגענהייט. וועגן אָט דער

פאַרגאַנגענהייט האָב איך קיין סך ניט געוווסט. דערפאַר טאַקע האָט מיך מער פאַרכאַפּט די לעגענדע, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אָט די צווייַ נעמען, באַזונדערס אַרום דעם נאָמען ליבקנעכט. איך האָב געוווּסט, אַז אין 1849, האָט דער יונגער סטודענט ליבקנעכט געקעמפט מיט וואָפן אין די הענט אין דרום־דייטשלאַנד, אַז אין 1872, אויף דעם פּראָצעס פאַר הויכפאַרראַט, וואָס מע האָט אים געמאַכט אין לייפּציג, האָט ער, ליבקנעכט, זיך פאַרגעשטעלט פאַר די ריכטער ווי „אַ סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע". דאָס איז אַפּראָקסימאַטיוו געווען אַלץ וואָס איך האָב געוווּסט וועגן אים. ס'איז אָבער געווען איבערגענוג, אַז מיין יונג האַרץ זאָל זיין איבערגעפּולט פאַר אים מיט דעם גרעסטן אָפּשיי.

ליבקנעכט איז געווען אַ געשיקטער און אויסגעפּרווּטער רעדנער. דערצו איז ער אַליין געווען אַ דרומדיקער, ער האָט געשטאַמט פון העסען און האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פעאיקייט צו רעדן צום האַרצן פון אַ דרום־דייטשן עולם. איך דערמאָן זיך נאָך הייַנט אַ פּאָר היסטאָרישע פאַרגלייכונגען, וואָס ער האָט געמאַכט צו אילוסטרירן דעם פּאָליטישן צושטאַנד אין דייטשלאַנד און אין אויסלאַנד. ביסמאַרקס דייטשלאַנד האָט ער פאַרגליכן מיט דער רעגירונג פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן און האָט דערוויזן, אַז לואי באָנאַפּאַרטס רעזשים איז געפאַלן ניט פון די פּרייסישע קאַנאָנען, נאָר פון אַן אינעווייניקסטער צעפוילטקייט. ליבקנעכט האָט ניט פאַרמאָגט וואָלמאַרס נאַטירלעכן וויץ, יענע פעאיקייט צו סוגעסטירן ביי די צוהערער אַן ערנסטן געדאַנק אַדאַנק אַ הומאָריסטישן פאַרגלייך. אָבער ליבקנעכטס וואָרט האָט פאָרט געווירקט איבערצייגנדיק, מיט דער אויסנעמיקער זיכערקייט אין טאָן, מיט זיין רייכער לעבנס־פּראַקטיק און מיט די טיפע קענטענישן פון דער לאַגע אין לאַנד און אין אויסלאַנד, וואָס האָט תמיד אַרויסגעדרונגען פון זיינער אַ רעדע.

ווי געווינטלעך, האָבן מיר נאָך דער פאַרזאַמלונג נאָך געהאַט אַ צונויפקום מיט ליבקנעכטן אין אַן ענגערן קרייז. אַזוי אַרום האָב איך געהאַט די געלעגנהייט אים צו זען און הערן פון דער נאָענט. זיין פּנים האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן ערנסטן אויסדרוק. ער האָט זעלטן אַ שמייכל געטאָן און זיינע אויספירונגען זיינען ביי אים תמיד אַרויסגעקומען שטאַרק זיכער. יעדער אָפּפרעג איז ווי פון פאָראויס געווען אויסגעשלאָסן. האָט אים עמעצער געשטעלט אַ פראַגע, האָט ער איבערגעריסן דעם פרעגער אין מיטן וואָרט, גלייך ווי ער וואָלט אַלץ האָבן פאַרשטאַנען גלייך פונעם אָנהייב. אויף יעדער פראַגע, האָט ער געהאַט פאַרטיק אַ באַשטימטן ענטפער. ליבקנעכטן איז גאַנץ פרעמד געווען וואָלמאַרס מאַניר גערנוויליק אויפצונעמען יעדן אָפּפרעג.

מיט יאָרן שפּעטער ביים שטודירן די סאָציאַלע באַוועגונג, האָב איך גרינטלעך אויסגעפאָרשט ליבקנעכטס עוואָלוציע. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער אויטאָריטערער כאַראַקטער פון זיין דענקען, האָט אַרויפגעלייגט אַ געוויסן שטעמפּל אויף זיין גאַנצער פערזאָן. פאַר אַלץ און אַלעמען איז ער געווען אַ פּאַרטיי־מענטש. פאַר ליבקנעכטן איז געווען ווי אָנגעמאָסטן

רוסאָס געדאַנק, אַז מיטן אויפקום פון סאָציאַלע פאַרבאַנדן, האָט דער פּאָליטי־שער מענטש פאַרנומען דעם פּלאַץ פון דעם נאַטירלעכן מענטשן. אין פּריוואַטן לעבן אָן שום ספק אַן אָרנטלעכער מענטש, האָט ליבקנעכט דער פּאָליטיקער ניט פאַרוואָרפן קיין שום מיטל, וואָס האָט אים געקענט ניצן אַוועקצולייגן זיין קעגנער. דער באַרימטער באַגריף „מלוכה־אינטערעס" האָט אין זיין באַוווסט־זיין זיך פאָרמולירט אין „פּאַרטיי־אינטערעס". אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט ניצן דער פּאַרטיי, איז פאַר אים געווען גוט. יעדער ווילן צו מאַכט מוז אומ־פאַרמיידלעך פירן צו יענער זייט פון גוטס און שלעכטס ביי אַ פולשטענדיקן אויספעלן פון עלעמענטאַרער טאָלעראַנץ. און ס'איז זיכער ניט קיין גרויסער חילוק, צי עס האַנדלט זיך אין מאַכט־ווילן פונעם שטאַט אָדער פון אַ פּאַרטיי. געטעס וואָרט וועגן דעם, אַז די פּאָליטיק פאַרדאַרבט דעם כאַראַקטער, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר ליבקנעכטן. דעמאָלט, אין מאַינץ האָב איך עס נאָך ניט פאַרשטאַנען, אָבער מיינע שפּעטערדיקע דערפאַרונגען האָב מיך אין דעם איבערצייגט.

אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פאַר די שטיך־וואַלן האָט ביי אונדז גע־רעדט אויגוסט בעבעל. דאָס איז געווען די גרעסטע און איינדרוקספולסטע פון אַלע פאַרזאַמלונגען. דער גרעסטער זאַל אין שטאָט איז געווען איבערגעפולט און הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן אויף דער גאַס. ביי די שטיך־וואַלן האָט עס זיך געהאַנדלט אין אַ פאַרמעסט אין כוחות צווישן דער סאָציאַל־דע־מאָקראַטיע און צענטער. בעבעל האָט דערפאַר געצילט זיינע פיילן דער עיקר אין דער קאַטוילישער קירך און אַרויסגעהויבן אירע פאָלקס־פיינטלעכע שטרע־בונגען.

בעבעל איז געווען ניט בלויז אַ גלענצנדיקער נאָר אַ געבוירענער רעד־נער. ער האָט פאַרמאָגט יענעם עפּעס, וואָס מע קען ניט אויסלערנען, ניט זיך אַליין, ניט אַ צווייטן. זיינע אַ רעדע איז געווען געבויט אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס ווירקן אויף דעם צוהערער זאָל שטייגערן מיט יעדן זאַץ און דער פינאַל זאָל ווירקן מיט דער קראַפט פון אַ נאַטור־אויסבראָך. זיינע זאַצן זיינען געווען געשליפן. טייל פון זיי האָבן געווירקט ווי דער קלאַפּ מיט אַ האַמער אויך אויף אַזעלכע צוהערער, וואָס זיינען געווען ווייט פונעם רעדנערס אידע־אַלן. און דאָס אַלץ האָט בעבעל דערגרייכט אָן שום געקינצלטע מיטלען. יעט־וועדער האָט געפילט, אַז דאָס רעדט אַ מענטש, וואָס איעדער וואָרט קומט ביי אים אַרויס טיף פון דער נשמה און אַז דערפאַר פאַרשפּאַרט ער זיך באַניצן מיט ביליקע רעטאָרישע מיטלען.

חוץ זיין נאַטירלעכן רעדנער־טאַלאַנט, האָט בעבעל געהאַט זייער אַ קלאָ־רע אָנגענעמע שטים, אויסערגעוויינטלעך מאָדולירט, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו די ווייטסטע ווינקלען פונעם גרויסן זאַל. די גאַנצע צייט וואָס ער האָט גערעדט האָט אין זאַל געהערשט אַ טויט־שטילקייט, אַלעמענס אויגן זיינען גע־ווען אָנגעשטעלט אויפן רעדנערס ליפּן ניט צו פאַרלירן קיין איין וואָרט. אַז

בעבעל האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט צוערשט זיך איינגעשטעלט אין זאַל אַ פּייערלעכע שטילקייט, דערנאָך האָט אויפגעבראויזט אַן אַפּלויז, וואָס האָט זיך לאַנג, לאַנג ניט איינגעשטילט און וואָס האָט זיך אַלעמאָל צעפלאַקערט פונסניי. איך אַליין בין געווען ווי פאַרשיכורט און אין ווילדער באַגייסטערונג געפּאַטשט בראַוואָ מיט אַלעמען צוגלייך. יענע אומפאַרגעסלעכע פאַרזאַמלונג איז פאַר מיר געווען די גרעסטע געשעעניש, וואָס מיר איז ביז דעמאָלט אויסגעקומען איבערצולעבן.

בעבעל איז יענעם אָוונט אָפּגעפאָרן מיטן לעצטן צוג קיין אָפּענבאַך, ער האָט אָבער צוגעזאָגט צוריקצוקומען קיין מאַינץ אין צוויי טעג אַרום, כדי צו פאַרברענגען אַ פּאָר שעה מיט די געוואָסן אין אַן אינטימערן קרייז. אַז איך בין אין באַשטימטן אָוונט געקומען מיטן אָנקל אין לאָקאַל ווו מיר פלעגן געוויינט־לעך זיך צונויפקומען, איז דאָס צימער שוין געווען אָנגעפּראָפּט. בעבעל איז געקומען איניינעם מיט פראַנץ יעסט. בעבעל האָט קוים באַוויזן זיך אָוועק־צוזעצן, ווי אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דער גאַסטווירט פונעם לאָקאַל, אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט און הינטער אים, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר לעמערסדאָרף. אין פאַרלויף פונעם גאַנצן וואַל־פּעריאָד, האָט מען אונדז ניט באַלעסטיקט. דער אומדערוואַרטער וויזיט האָט דערפאַר אַרויסגערופן ניט קיין קליינע איבערראַשונג.

דער קאָמיסאַר האָט צוערשט אַרומגענומען מיט זיין בליק די רויטע חברה, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טיש ווו יעסט און בעבעל האָבן אָקערשט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט: „הער יעסט, ווער איז דער אָרגאַניזירער פון אָט דער פאַרזאַמלונג?" „פאַרזאַמלונג?", האָט יעסט איבערגעפרעגט מיט גוט געשפּיל־טער איבערראַשונג. איך ווייס ניט פון קיין שום פאַרזאַמלונג. דאָ איז מען זיך צונויפגעקומען אויף אַ געבורטסטאָג־ליאַמע".

„גאַנץ רעכט, אַ געבורטסטאָג־ליאַמע", איז אים אַריינגעפאַלן אין די רייד דער שוסטער ביץ, אַ געוואָסע וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון האַמבורג, „און איך בין דאָס געבורטסטאָג־קינד".

„אָבער וואָס האָט דאָ צו טאָן הער בעבעל?", האָט דער קאָמיסאַר געפרעגט.

„פּאַרדאָן, הער קאָמיסאַר", האָט בעבעל געזאָגט, „איז אין מאַינץ ניט דערלויבט זיך צו באַטייליקן אין אַ געבורטסטאָג־פייערונג פאַר אַן אַלטן פריינד?"

„דאָס יאָ", האָט דער לעמערסדאָרף געענטפערט, ס'איז אָבער אויפ־פאַלנדיק, וואָס דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט בעבעל איז אַראָפּגעקומען קיין מאַינץ גראָד צום געבורטסטאָג פונעם שוסטער ביץ".

בעבעל וואָס ס'איז אים קענטיק שטאַרק געגאַנגען אין דעם מע זאָל אונדז ניט צעשטערן דעם אָוונט, האָט דערויף געענטפערט דעם קאָמיסאַר מיט אַ פריינדלעכקייט, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן צו אים אַ געוויסע דאָזע סימ־פּאַטיע:

„אָבער דורכאויס ניט, הער קאָמיסאַר, עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך זאָל היינט זיין ניט ווייט פון מאַינץ, און איך האָב ניט געוואָלט דורכלאָזן אַ זעלטענע געלעגנהייט. אָבער ווי איך זע, האָט אונדזער אומשולדיקער צונויפ־קום אַרויסגערופן אומצוטרוי אין די הויכע ערטער, איז פאַרבעט איך אייך העפלעך צו אונדזער פייערונג. מיר האָבן אַפילו אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז יעדער איינער זאָל מיטברענגען עפּעס אַ געשענק פאַר דעם געבורטסטאָג־קינד, אָבער איך וועלן מיר באַפרייען פון אָט דעם מוז“.

עס האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיק געלעכטער. הער לעמערסדאָרף, וואָס האָט דווקא געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר, האָט זיך גלייך אָריענטירט אין דער סיטואַציע און געזאָגט:

„בעסטן דאַנק, הער בעבעל, פאַר דער פריינדלעכער פאַרבעטונג. איך האָב בלויז געהאַט דעם אויפטראַג צו פאַרווערן אַ פאַרבאָטענע פאַרזאַמלונג. וויבאַלד אָבער עס האַנדלט זיך גאָר אין אַ געבורטסטאָג־פייערונג, שטייט דעם גאַרניט אין וועג. מיינע הערן, איך ווינטש אייך אַ גוטן פריילעכן אָוונט“. אָפּגעזאָגט און זיך אָפּגעטראָגן. מיר האָבן זיך אַלע געקייכט פאַר געלעכטער. אָבער בעבעל האָט ערנסט באַמערקט: „עפּעס אַזוינס איז מעגלעך נאָר אין העסן. אין פּרייסן אָדער זאַקסן וואָלט אַזאַ פּאַסירונג זיך געקענט ענדיקן אַביסל אַנ־דערש.

דער קליינער אינצידענט האָט בייגעטראָגן דערצו, אַז דער אָוונט זאָל אויספאַלן נאָך מער אינטערעסאַנט. ס'איז אויף אַן אמת טאַקע ניט געווען קיין פּאָליטישע פאַרזאַמלונג, נאָר אַ פרייע אונטערהאַלטונג, וווּ פּאָליטישע טעמעס האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן. פון יענעם אָוונט איז מיר פאַרבליבן דער בעס־טער איינדרוק וועגן בעבעל דעם מענטשן. ער איז געווען פריינדלעך צו יעדן און יעדן איינעם אַרויסגעוויזן פאַראינטערעסירונג און זיין באַנעמונג איז מיט יעדן איינעם געווען ווי מיט זיינס גלייכן. ס'איז אין אים ניט געווען קיין שפּור פון ליבקנעכטס פראָסטיקער גרויסהאַלטעריי.

מיין גייסטיקע אַנטוויקלונג איז שפּעטער אַוועק אויף גאַנץ אַנדערע וועגן. אָבער איך האָב עס תמיד באַדויערט, וואָס אַזאַ הויך־טאַלענטירטער מענטש ווי בעבעל פאַרשווענדט זיינע קרעפטן אויף טרוקענער פּאַרלאַמענטאַרישער אַרבעט און וואָס ווייטער גייט ער איין אויף אַלץ גרעסערע קאָנצעסיעס. די גאַנצע שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, איר פולשטענדיקער באַנקראָט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איר מאַניפעסטירטע הילפלאָזיקייט קעגנאיבער די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעל־טענישן, איר אָפּטרעטן דער רעאַקציע אָן שום קאַמף קעגן אַלע אירע פריִער־דיקע דערגרייכונגען, — דאָס אַלץ זיינען געווען די אומפאַרמיידלעכע רעזול־טאַטן פון אַ מעטאָד, וואָס האָט געמוזט פירן צו פאַרגליווערונג און אָנוואַר פון דער פעאיקייט אויף גרויסע אַקציעס. אַפילו אַ בירגערלעכע צייטונג, די פראַנקפורטער צייטונג האָט געמוזט פעסטשטעלן, אַז סע האָט נאָך קיינמאָל

ניט פּאַסירט, אַז אַ רעוואָלוציע זאָל זיין אַזוי אָרעם אין שעפערישע געדאַנקען און אַזוי אָן רעוואָלוציאָנערער קראַפט צו האַנדלען, ווי ס'איז געווען די דייטשע רעוואָלוציע פון נאָוועמבער 1919.

מיט יאָרן שפּעטער האָט מען בעבעלן טאַקסירט ווי אַ מענטשן מיט צווי נשמות: אַז אויף פאָלקס-פאַרזאַמלונגען און אויף פּאַרטיי־קאָנגרעסן טרעט ער אויף מיטן גאַנצן פייער פון אַ רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסט, און אַז אין רייכס־טאג, ווי אַ געזעצגעבער, איז ער דער דורכשניטלעכער, געמעסיקטער רעפאָר־מער. איך גלייב פונדעסטוועגן אַז אַזאַ אינעווייניקסטע צווייזייטיקייט איז פיל מער די באַזע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווי אַזעלכע. בעבעל אַליין האָט עס קענטיק געפילט פון צייט צו צייט. ער האָט געמאַכט די גרעס־טע אָנשטרענגונגען צו פאַראייניקן זאַכן, וואָס לאָזן זיך ניט פאַראייניקן. אין דעם פונקט איז וואָלמאַר געווען אויסגעהאַלטענער. ער האָט איינגעזען דעם ווידערשפּרוך צווישן די מאַרקסיסטישע שלאַגווערטער און די פּראַקטישע האַנדלונגען פון דער פּאַרטיי און אַנטשלאָסן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רעוויזיאָניסטן. בעבעל האָט דאָס קיינמאָל ניט געטאָן.

אין יענער וואַל־קאַמפּאַניע בין איך צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן ווי אַ רעדנער אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג. אין פלוג גענומען האָט דאָס געקענט זיין אַ געשעעניש אָן איבעריק גרויסן באַטייט. אָבער ביים דערמאָנען זיך אונ־טער וואָס פאַר אַ אומשטענדן איך האָב געמאַכט מיין עפנטלעכן רעדנער־דעביוט, כאַפּט מיך אָן נאָך היינט אַ געוויסער שרעק. דער שוסטער ביץ איז געווען איינער פון מיין אָנקלס נאָענטסטע פריינד. אין מאַינץ וווהין ער האָט זיך דערשלאָגן מיט גרויסע שוועריקייטן נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון האַמבורג, איז ער געווען פאַררעכנט צווישן די בעסטע גענאָסן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג. ביץ איז געווען אַ באַוווסטזיניקער אַר־בעטער, וואָס זיין אידעאַל איז געווען פאַר אים אַלץ. אָן אַקטיוויסט פון דער נאַטור, האָט ער אָפּט זיך אַליין איבערגעטראָפן אין דער אַרבעט. פון מיר האָט ער געהאַלטן אַ וועלט און שוין אַ ביסל צופיל מיך געלויבט אין די אויגן, באַזונדערס האָט ער זיך ניט געקענט אָפּלויבן דערפון, וואָס ביי מיין דעמאָל־טיקער יינגלשאַפט, בין איך שוין געשטאַנען מיטביידע פיס אין דער באַ־וועגונג און דערצו אויך געווען אָן אָנגעלייענטער, וואָס מע טרעפט אַזעלכן ניט אָפט צווישן יונגעלייט פון מיין עלטער. ער האָט געוווסט אַז דאָס האָב איך צוגעצויגן דעם מייסטער צו דער באַוועגונג און ער האָט עטלעכע מאָל מיך געהערט רעדן אין פּראָפּעסיאָנעלן פאַראיין פון די בוכבינדער. ער האָט זיך דערפאַר אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז מיר שטייט פאַר צו ווערן רייכס־טאַג־דעפּוטאַט. ער האָט עס אַפילו געהאַלטן פאַר זיין חוב מיך צוצוגרייטן פאַר אָט דער גרויסער צוקונפט און ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט מיר אונטערהעלפן אַרויסצוקומען אויף דעם רעכטן וועג.

אין סאַמע ברען פון דער וואַל־קאַמפּאַניע, האָט דער אַרבעטער־וואַל־

קאָמיטעט איינמאָל פאַררופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג, ווו יעסט האָט געזאָלט זיין דער הויפּט־רעדנער. אָבער עפּעס האָט פּאַסירט, וואָס האָט יעסטן געשטערט צו קומען אין יענעם אָוונט און דער צופאַל האָט עס געוואָלט, אַז אַלע אונ־דזערע געניטע רעדנער זאָלן זיין אַנגאַזשירט אויף אַנדערע פאַרזאַמלונגען. וועגן זיין ניט קענען קומען, האָט יעסט געגעבן צו וויסן ערשט קורץ פאַר דעם אָנהייב פון דער פאַרזאַמלונג, אַזוי אַז קיין אַנדער רעדנער איז ניט גע־ווען צו דער האַנט.

אַז איך בין אַריינגעקומען אין גרויסן זאַל איניינעם מיטן מייסטער קיטש־מאַן, האָט די פאַרזאַמלונג זיך אָקערשט געהאַט אָנגעהויבן. ביץ האָט אונדז אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג. ער האָט אונדז איבערגעגעבן וועגן דער געשאַפע־נער סיטואַציע און איז באַשטאַנען דערויף, אַז איך מוז נעמען אַ וואָרט. דעם פאָרזיץ האָט געפירט קאָנראַד. נאָך זיין דערעפענונגס־וואָרט, האָט ביץ גע־דאַרפט זאָגן אַ פּאָר ווערטער און נאָך אים, ביצן, זאָל איך זיין דער לעצטער רעדנער פונעם אָוונט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן זיין אָנבאָט. אָבער ביץ האָט פון גאָרניט געוואָלט וויסן. ער האָט שוין געהאַט אַלץ אָפּגעמאַכט מיטן פאָרזיצער. יענער האַלט אויך פונקט ווי ביץ, אַז עס איז מיין חוב בייצוטראָגן דערצו דער אָוונט זאָל זיך איינגעבן. איך בין געווען ווי צע־חושט. וואָלט איך צום ווינציקסטן געוווסט אַפריִער, אַז איך דאַרף רעדן, וואָלט איך זיך כאָטשבי געווען צוגעגרייט, אָבער אַזוי פון דער העלער הויט ווערן אַ רעדנער. דאָס איז פאַר מיר געווען אַביסל צופיל. מיינע אַרגומענטן אַז מיין רעדע קען אויספאַלן אַ ריזיקע פיאַסקאָ, האָט ביץ גאָר אַפילו ניט געוואָלט אויסהערן. ער איז געווען פעלדזן־פעסט איבערצייגט, אַז איך וועל געפינען די ריכטיקע ווערטער.

וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? אויף אַ סעקונדע האָב איך אַ טראַכט גע־טאָן גאַנץ פשוט צו מאַכן פליטה. איך האָב אָבער גלייך איינגעזען אַז דאָס וואָלט געווען פון מיין זייט געמיינע פּחדנות. האָב איך זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, כדי כאָטש אַ ווײַלע אַ טראַכט צו טאָן. די הוילע שרעק אויפצוטרעטן פאַר אַזאַ געדיכט אָנגעפּראָפּטן זאַל, האָט פּאַראַליזירט אַלע מיינע גלידער. ווי אין חלום האָבן זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן קאָנראַדס ווערטער, אָבער וואָס ער האָט געזאָגט, האָב איך ניט געהערט. ער האָט אָפּגערעדט ביי אַ פערטל שעה און פלוצים אָפּגעהאַקט אויף אַ האַלבן וואָרט, ווייל ער האָט באַמערקט ווי די צוהערער אין הינטערן טייל פונעם זאַל ווערן אַלץ אומרואיק. נאָך אים האָט גערעדט ביץ. ער איז געווען געוואַגטער פון קאָנראַדן און האָט אויך גע־האַט אַ שטאַרקערע שטים. אָבער אַז ער האָט אָפּגערעדט אַ צוואַנציק מינוט, איז זיין רעזערוו געווען אויסגעשעפּט. איצט האָט דער פאָרזיצער אָנגערופן מיין נאָמען. מער טויט ווי לעבעדיק בין איך אַרויף אויף דער רעדנער־טריבונע.

איך האָב מיר געהאַט צוגעגרייט אַ קורצן אָנהייב, אָבער אַז איך האָב

דערזען ווי אַלעמענס אויגן זיינען אָנגעשטעלט אויף מיר, איז מיר אַלץ אַרויס פונעם קאָפּ. באַגאַסן מיט אַנגסטיקן שווייס, האָב איך אָנגעהויבן רעדן, ס׳איז אָבער געווען ניט מער ווי אַ געשטאַמל, עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. די אויגן, אַזוי פיל אויגן האָבן מיך פשוט אַראָפּגעפירט פון זינען. מיט אַמאָל איז פון אַלע אויגן געוואָרן איין ריזיק אויג, וואָס גראָבט זיך איין אין מיר מיט מערדערלעכער וואָרענונג. אין מיין פאַרצווייפלונג, האָב איך אויפגעהויבן מיין בליק צום סופיט, אָבי אויסצומיידן דאָס שרעקלעך גרויסע אויג. איך האָב גלייך דערפילט ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָפּ פונעם האַרצן. איך האָב אָנגעהויבן אויפכאַפּן מיינע געדאַנקען און פאָרמירן קלאָרע זאַצן. אָבער מיינע אויגן האָב איך נאָך אַלץ געהאַלטן אָנגעצילט אין סופיט, קיין מענטש האָב איך מער ניט געזען און ניט געהערט. איך האָב איצט גערעדט געלאַסן, דייטלעך באַטאָנט איטלעכער וואָרט, איך האָב מיר גענומען צייט גענוי צו פאָרמולירן מיינע אויספירונגען. דאָס אַלץ האָט פּאַסירט ווי פון זיך אַליין, אַן דעם עס זאָל מיר האָבן געקומען צום באַוווסטזיין. איך האָב געהערט מיין שטים, אָבער ווי זי וואָלט געקומען ניט פון מיר, נאָר ווי פון דער ווייט. עפּעס האָט אַרויסגערעדט פון מיר, די ווערטער האָבן געשטראָמט פון זיך אַליין. פון צייט צו צייט האָבן אויסגעבראָכן אַפּלאָדיסמענטן, אָבער איך האָב קוים געאָנט, אַז דאָס האָט עפּעס צו טאָן מיט מיר. איך האָב זיך ניט אָפּגע־שטעלט אויף קיין סעקונדע, אַפּנים פאַר מורא ניט צו פאַרלירן דעם פאָדעם, וואָס איך האָב אָנגעכאַפּט נאָך אַזוי פיל אינעווייניקסטע מאַטערנישן.

אַז איך האָב זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ פונקט, ווו איך האָב מיט אַ סך פייער אַפּעלירט צו די פאַרזאַמלטע זיי זאָלן אָפּגעבן זייערע שטימען ניט פאַר קיין אַנדערן ווי נאָר פאַר דעם קאַנדידאַט פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי, פראַנץ יעסט, האָט איבער דעם זאָל זיך אַדורכגעטראָגן אַ שטורעם פון באַגייסטערונג. איך האָב אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע, אָבער אונטער וואָס פאַר אַ אומ־שטאַנדן! ערשטע שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך האָב גערעדט כמעט דריי פערטל שעה אויפן זייגער.

אַז איך בין אַראָפּ פון דער רעדנער־טריבונע, האָט דער הייסבלוטיקער בייץ מיך אויפגעכאַפּט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. ער איז געווען אינגאַנצן צעדולט פאַר פרייד און זיך באַנומען ווי אַ באַזעסענער. — „דו האָסט עס גוט געמאַכט, רודאָלף!‟ האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן. „דו האָסט געראַ־טעוועט אונדזער פאַרזאַמלונג. שיסן דאַרף מען דיך, יונגאַטש איינער, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל, וואָס סע שטעקט אין דיר‟. אויך די אַנדערע פריינד און ניט צולעצט מייסטער קיטשמאַן, האָבן מיך באַגריסט מיט אַ סך ברען. דער גוטער בייץ האָט מיך איבער נאַכט געמאַכט פאַר אַ רעדנער און גראָד מיטן זעלביקן מעטאָד, וואָס מיט אים האָט מען מיך אַמאָל אויסגעלערנט שווימען.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון די וואַלן. אונדזערע האָפענונגען זיינען

געווען גרויס, אָבער דער 20סטער פעברואַר 1890 האָט ווייט אַריבערגעשטיגן די סאַמע געוואַגסטע דערוואַרטונגען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט באַקומען אַנדערטהאַלבן מיליאָן שטימען און איז אַרויס פון דער וואַל־קאַמפּאַניע ווי די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין דייטשלאַנד. דאָס איז געווען דער גרעסטער טריומף פאַר אַ פּאַרטיי, וואָס מע האָט זיך באַצויגן צו איר מיט אַזוי פיל גרינגשאַצונג. זינט יענער צייט האָט זיך גרינטלעך געביטן מיין באַגריף וועגן באַטייט פון וואַל־דערפאָלגן און וועגן פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט אין אַלגעמיין. אָבער דעמאָלט האָבן מיר אַלע כמעט געגלייבט אויף אַן אמת, אַז מיטן 20סטן פעברואַר האָט זיך אין דייטשלאַנד אָנגעהויבן אַ נייע ערע. מיר, די יונגע, האָבן שוין געזען קאָנקרעט די נאָענטקייט פון דער גרויסער אַנטשיידונג.

אין איין פּאַרטיקולאַרע קען מען באַשטימט ניט מאַכן צו קליין־געלט די וואַלן פון 1890: זיי זיינען געווען אַ ניט־אָפּפרעגעוודיקער באַווייז אויף דער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט ווייטע קרייזן פונעם דייטשן פאָלק, אַז די פּאַרטיי וואָס ביסמאַרק האָט געוואָלט צעטרעטן מיט די פיס, מיט זיינע שענדלעכע אויסנעם־געזעצן, זאָל אָפּהאַלטן אַזאַ זיג, — דאָס איז אָן שום ספק געווען דער בעסטע באַווייז אויף דער ראַדיקאַלער איבעראַנדערשונג, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד. צוועלף יאָר ביטערסטע פאַרפאָלגונגען פון אַ פּאַרטיי אָן שום לעגאַלע מיטלען צו פּראָפּאַגירן אירע אידייען, — האָבן בייגעטראָגן דערצו, אַז אָט די פּאַרטיי זאָל ווערן די שטאַרקסטע אין לאַנד. פאַר ביסמאַרקן איז דאָס געווען דער שטאַרקסטער פּאַטש אין פּנים. יעדער איינער האָט געפילט, אַז ביסמאַרקס ערע אין דייטשלאַנד איז פאַרביי. אַפילו אין אַזאַ האַלב־אַבסאָלוטיסטיש לאַנד ווי דייטשלאַנד, איז דאָס ווייטערדיקע אָנגיין מיטן אַלטן קורס ניט מער געווען מעגלעך.

די געשעעענישן זיינען טאַקע אַוועק מיט אַ ראַשן טעמפּאָ. קוים אַ חודש נאָך די וואַלן האָט ביסמאַרק געמוזט גיין אַ גאַנג. אין סעפּטעמבער 1890 האָט זיך געדאַרפט ענדיקן דער טערמין פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ, און ס'איז געווען שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז נאָך דעם ווי דער אייזערנער קאַנצלער האָט דעמיסיאָנירט, זאָל אָט דאָס געזעץ פאַרלענגערט ווערן פונסניי.

אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן דאַרף מען זיך ניט ווונדערן, וואָס אונדזערע האָפענונגען האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן און, ווי עס פאַסירט אַזוי אָפט אין אַזעלכע פאַלן, האָט עס ניט גענומען לאַנג, אַז פון די גוטע דערוואַרטונגען זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. בלויז די יוגנט האָט זיך פעסט געהאַלטן ביי אירע אייגענע קאָנצעפּציעס: זי האָט ניט געוואָלט צוגעבן קיין שום אוממעגלעכקייטן. דאָס איז גוט אַזוי, ווייל אַזוי באַלד ווי מע הייבט אָן זיך רעכענען מיט מעגלעכקייטן, אַזוי מוז גלייך פאַרשווינדן יעדער ענטוזיאַזם און יעדער ווילן פאַר גרויסע אויפטוען.

זוכענישן און ספקות

אַ קורצע צייט נאָך די וואַלן האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון די בוכבינדער אויפגענומען אַ קאָלעגע, וואָס איז געקומען פון דער שווייץ. ער האָט געשטאַמט פון אונגאַרן און האָט אויסגעזען אַלט זיין אַ יאָר דרייסיק; זיין נאָמען איז געווען איגנאַץ קאָוואַש. ער האָט געאַרבעט מיטן אָנקל אויף איין פּלאַץ און איז דערפאַר גאָר גיך באַקאַנט געוואָרן מיט אונדזער ענגערן קרייז. קאָוואַש איז געווען אַ גרויסער שווייגער, אַ מענטש וואָס קוקט אויף דער וועלט מיט אומצוטרוי, אָבער אַן אָפענער קאָפּ. ס'איז געווען ניט שווער איינ־צוזען, אַז אין סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען איז ער איינדערהיים און אַז דערצו ווייס ער אַפילו וועגן דער באַוועגונג אין אויסלאַנד. קיין פריינד און באַקאַנטע האָט ער אין מאַינץ ניט געהאַט. דער אָנקל האָט אים אָפט פאַרבעטן צו זיך. ער פלעגט קומען פון צייט צו צייט, אָבער ניט איבעריק אָפט.

אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג אויף אַ צונויפקום פון אונדזער ענגערן קרייז, איז מען זיך אַזוי געזעסן און געשמועסט וועגן די מעגלעכע קומענדיקע גע־שעענישן אין רעזולטאַט פון דעם גרויסן וואַל־זיג. קאָוואַש איז אויך בייגעווען און ווי תמיד געזעסן און געשוויגן. דאָס מאָל האָט ביך אים אַריינגעצויגן אין שמועס. ביי דער געלעגנהייט האָט קאָוואַש אונדז געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז ער טיילט ניט אונדזערע האָפענונגען; אַז לויט זיין מיינונג וועט אויפן אָרט פון ביסמאַרקן קומען אַ נייע רעאַקציע, וואָס אירע סימנים לאָזן זיך שוין מערקן באַצייטנס, אַפילו ביז טיף אין די רייען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די עקסיסטירנדיקע סיסטעם, האָט קאָוואַש באַטאָנט, וועט מען ניט אומברענגען מיטן שטים־צעטל. אָבער צום אומגליק איז די גאַנצע אַרבעט פון דער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע איינגעשטעלט דערויף צו פאַרפעסטיקן ביי די אַרבעטער אָט די אילוזיע. דאָס מוז פירן דערצו מע זאָל ביסלעכווייז פאַרגעסן, אַז די סאָציאַלע פראַגע קען מען פאַרענטפערן איינציק און אַליין מיט רעוואָלוציאָ־נערע מיטלען. מיט שטים־לעמער מאַכט מען ניט קיין רעוואָלוציע.

אַזאַ שפּראַך איז מיר ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו הערן. איך בין געבליבן גאַנץ געפּלעפט, די אַנדערע אויך. בלויז איין ביך האָט זיך

צעקאָכט: די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט ער זיך צעהיצט, האָט זיך אָפּגע־פּאַרטיקט מיט ביסמאַרקן און זי וועט יאַקאַש זיך ספּראַוועןן אויך מיט היימישע קעגנער, וואָס פּאַרמעסטן זיך איר צו שטיין אין וועג צום אָנגעמערקטן ציל. קאַוואַש האָט דערויף געענטפערט מיט אַ לייכטער איראָניע, אַז פון דעם גרויסן ביסמאַרקן איז מען טאַקע פּטור געוואָרן, אָבער די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וועט נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן פון קליינע ביסמאַרקלעך אין אירע אייגענע רייען. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, די שטימונג איז צימער איז געוואָרן היפּשלעך אָנגעצויגן. אַז ביַיך איז געוואָרן שוין אַביסל צו שטאַרק אַגרעסיוו, האָט קאַוואַש פלוצים זיך אויפגעהויבן און מיט אַ קורצן גרוס פאַרלאָזט דאָס צימער.

נאָך זיין אַוועקגיין, האָט ביַיך זיך צערעדט וועגן דעם, אַז אַזאַ איינער ווי קאַוואַש מוז זיין אַ געפערלעכער פאַרשוין און אַז מע דאַרף אים גוט האַלטן אין אויג. אויך דער אָנקל האָט מיר אויסגעזען צו זיין אַביסל געערגערט, כאָטש ער האָט ניט איינגעזען קיין גרונט פאַר ביַיצס פאַרדאַכט. קאַוואַש האָט זיך נאָך שפּעטער געוויזן אַ פּאָר מאָל ביים אָנקל, ער האָט אָבער קענטיק דערפילט, אַז ער איז דאָ ווי אַן איבעריקער, און אינגאַנצן אָפּגעשטעלט זיינע וויזיטן. מיר פלעגן אים נאָך זען בלויז אויף די פאַרזאַמלונגען פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וווהין ער פלעגט קומען רעגלמעסיק. אין די דיסקוסיעס האָט ער קיינמאָל זיך ניט אַריינגעמישט און בלויז געווען אַ שטילער צוהערער.

אין אַ זונטיק פאַרמיטאָג, אויף מיינעם אַ שפּאַציר דורך דער נייער שטאָט, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף קאַוואַשן. ער איז געזעסן אויף אַ באַנק מיט אַ בוך אין דער האַנט. איך האָב אים באַגריסט, און ער האָט מיר פריינדלעך אָנגעבאָטן זיך צוזעצן צו אים אויף אַ ווייל. מיר האָבן צוערשט גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן, ביז איך האָב אים ענדלעך געפרעגט פאַרוואָס מע זעט אים ניט ביי אונדז. עס האָט ניט קיין צוועק, האָט ער געענטפערט, מע גייט ניט גערן צו מענטשן, וואָס נעמען דיך ניט אויף אין גוטן מוט. דיין אָנקל איז אַ בראַ־וער מענטש, מיט אים וואָלט מען נאָך ווי ס׳איז זיך געקענט צונויפרעדן, אָבער אייער פריינד ביַיך איז אַ בלינדער פאַנאַטיקער און ס׳איז גלייכער אים אויסצומיידן.

איך האָב געפּרוּווט פאַרטיידיקן ביַיצן און באַזונדערס באַטאָנט זיין גרייט־קייט שטענדיק זיך צו אָפּפערן פאַר זיין אידעאַל. קאַוואַש האָט מיך אויסגעהערט רואיק און באַמערקט: דאָס אַלץ איז אפשר ריכטיק. די קאַטוילישע הייליקע האָבן אויך אַלץ מקריב געווען פאַר זייער זאַך, פונדעסטוועגן זיינען זיי צום גרעסטן טייל גראָד ניט געווען קיין איבעריק אָנגענעמע קאָמפּאַניאָנען. און דו מעגסט עס טאַקע וויסן: ביַיך האָט שוין פאַרשפּרייט וועגן מיר אין פּראָפעסיאָ־נעלן פאַראיין פאַרשיידענע טונקעלע באַריכטן און געוואָרנט מע זאָל זיך היטן צו טרעפן מיט מיר. דו פאַרשטייסט, אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן האָב איך ניט קיין שום לוסט זיך צו טרעפן מיט אים.

וואָס האָב איך אים געקענט ענטפערן? איך האָב געוווּסט, אַז ביַיך האָט אויף אים

אַ פאַרדאַכט, איך האָב אָבער ניט אָנגעהויבן צו וויסן, אַז אויך מיט אַנדערע האָט ער שוין גערעדט וועגן דעם. אויף יעדן פאַל איז עס געווען ניט פיין פון ביצס זייט צו פאַרשפרייטן מעשיות, וואָס ער וואָלט מיט גאָרניט געקענט דער־ווייזן זייער באַשטאַנד.

קאָוואַטש האָט באַמערקט מיין פאַרלעגנהייט און אַ זאָג געטאָן: לאָמיר בע־סער וועגן דעם מער ניט רעדן. ער איז דערביי געווען גאַנץ רואיק, גלייך ווי דער אינצידענט וואָלט אים איבערהויפט גאָרניט אָנגעגאַנגען. אויף יעדן פאַל האָט מען ניט געקענט האָבן דעם איינדרוק, אַז מע האָט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס זאָל האָבן אַ שלעכט געוויסן. מיר האָבן נאָך געשמועסט אַ לענגערע צייט. ער האָט געהאַט צו דערציילן אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן דער באַוועגונג אין אויסלאַנד, זאַכן וואָס פאַר מיר זיינען זיי געווען גאַנץ ניי. אין דער צייטונג דער סאָציאַל־דעמאָקראַט איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען צו לייענען שאַר־פע אַטאַקעס אויף די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, אָבער אָט די צוויי באַוועגונגען זיינען תמיד אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ ניט־קלאָרער באַלייכטונג; מע האָט געקענט אַרויסטראָגן דעם איינדרוק, אַז מע האָט דאָ צו טאָן מיט האַלבע אידיאָטן, אָדער מיט באַצאָלטע פּאָליציי־אַגענטן.

נו, דערוויס איך זיך, אַז אין דער שווייץ, פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד און באַזונדערס אין אַמעריקע זיינען פאַראַן צאָלרייכע גרופּעס דייטש־רעדנדיקע אַרבעטער, וואָס כאָטש זיי זיינען סאָציאַליסטן, זיינען זיי אָבער ניט קיין סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן און זיי, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַקעמפן יענע גרופּעס אויפן שאַרפסטן אופן דערפאַר, וואָס זיי וואַרפן אָפּ יעדע פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט און פאַרנעמען זיך אויסשליסלעך מיט רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. קאָוואַטש האָט מיר אויך דערציילט וועגן דער באַוועגונג פון די ראַדיקאַלן אין עסטרייך, וואָס אירע אָנהענגער האָבן אויסצושטיין די שרעקלעכסטע פאַרפאָל־גונגען, דאָס שטערט אָבער ניט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צו אַטאַקירן אָט די באַוועגונג מיט דער גרעסטער פאַרביטערונג. ער האָט מיר אויסגערעכנט אַ ריי פאַקטן, וואָס איך האָב ניט געקענט אָפּפרעגן זייער ריכטיקייט, ווייל איך האָב ניט געהאַט וועגן זיי דעם מינדסטן באַגריף.

איך בין געווען גאַנץ צעמישט און ניט געוווסט, וואָס איך זאָל טראַכטן וועגן אַלץ דעם. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים ניט געגלייבט אויף אַלע הונ־דערט פּראָצענט. אַ מאָמענט האָט מיר אַפילו אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַ גע־דאַנק, אַז ביץ איז אפשר ניט גאַנץ אומגערעכט אין זיין פאַרדאַכט. אָבער יעדער וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל האָט מיר געשיינט צו זיין אַזוי אויפריכ־טיק, אַז מיין בייזער געדאַנק איז גלייך אַוועק ווי מיטן ווינט. איך האָב מיך כמעט ווי פאַרשעמט פאַר זיך אַליין פאַר מיין אומצוטרוי. איך האָב אים ענדלעך געפרעגט, צי קען ער מיר ניט פאַרשאַפן עפּעס צום לייענען וועגן אָט די אַלע פראַגן, אַז איך זאָל מיך קענען נעענטער פונאַנדערקלייבן אין זיינע איינשטע־לונגען. ער האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז צו זיין באַדויערן האָט ער ניט

מיט זיך קיין נייערע אויסגאַבעס, ווייל מחמת געוויסע מאָטיוון, האָט ער דער־ווייל איבערגעריסן יעדע פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד. אָבער צווישן זיינע זאַכן האָט ער נאָך עטלעכע צייטונגס־אויסשניטן און אפשר אויך אַנדערע דרוק־זאַכן, וואָס ער וועט מיר מיט פאַרגעניגן געבן צום לייענען.

מיר האָבן זיך דערנאָך אָפּטערס געטראָפן, איך האָב אָבער ניט דערציילט וועגן דעם ניט דעם אָנקל, ניט די אַנדערע פריינד, כדי ניט צו געבן ביצן קיין שטאָף פאַר ווייטערדיקע פאַרדאַכטן. קאָוואַש האָט מיר איינמאָל געבראַכט דריי אָדער פיר נומערן פון דער פרייהייט און צוויי היפשלעך אָפּגענוצטע בראָשורן פון יאָהאַן מאָסט: די אייגנטומס־בעסטיע און דער טורעם פון די נאַראָנים.

וועגן יאָהאַן מאָסט און זיין פרייהייט האָב איך שוין געהאַט געהערט. די רעאַקציאָנערע פרעסע האָט אָפט אַטאַקירט די צייטונג און איר אַרויסגעבער. מאָסטס נאָמען פלעגט אויך פון צייט צו צייט דערמאָנט ווערן אין די רייכסטאַג־דעבאַטעס. אויך דער סאָציאַל־דעמאָקראַט פלעגט ניט זעלטן זיך פאַררופן אויף דער פרייהייט, פאַרשטייט זיך, אין אַ פיינטלעכן טאָן. אָבער די צייטונג אַליין האָב איך ביז דעמאָלט קיינמאָל ניט געזען און ס'איז פאַר מיר געווען אַ גע־שעעניש צו האָבן פאַר זיך צו ערשטן מאָל די צייטונג פון די דייטשע אַנאַר־כיסטן. איך מוז זאָגן, אַז די פאָר נומערן און די צוויי בראָשורן זיינען מיר דע־מאָלט זייער געפעלן געוואָרן. די שפראַך איז דאָ געווען אַ פאָלקסטימלעכע און פאַרשטענדלעכע. מאָסט האָט פאַרמאָגט דעם געזונטן פאָלקס־וויץ. ער איז אָן ספק געווען אַ פאָלקס־שרייבער, וואָס אַזעלכן טרעפט מען ניט אָפט.

פון דעם וואָס איך האָב פון קאָוואַשן באַקומען צום לייענען, האָב איך אָבער אין אַלגעמיין ניט אַרויסגעפונען דעם אונטערשייד צווישן מאָסטן און אונדזערע אייגענע שרייבער. ס'איז מיר פאַרגעקומען, אַז די סאָציאַליסטישע גרונט־געדאַנקען זיינען די זעלביקע ווי מאָסטס. אין דער פרייהייט האָט מען שאַרף באַטאָנט די נייטיקייט פון אַ גרויסער רעוואָלוציע, אָבער אויך אין אונ־דזער ענגערן קרייז האָט קיינער ניט געגלייבט, אַז בלויז מיט פרידלעכע מיט־לען וועט מען קענען באַזייטיקן די סאָציאַלע קאָנטראַסטן. צו אַזאַ איינשטעל האָט אַ סך בייגעטראָגן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ. פונדעסטוועגן איז מיר געווען זייער צום האַרצן די קרעפטיקע שפראַך פון דער פרייהייט. אין אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד איז עס דעמאָלט געווען, ווו יעדער פריי וואָרט איז אונטערדריקט געוואָרן מיט אַן אייזערנער האַנט, האָט יעדער געוואַגט וואָרט געמוזט ווירקן אַנדערש ווי אין לענדער, ווו די פרעסע איז מער־ווייניקער פריי. אין אַ סביבה פון אַלגעמיינער אונטערדריקונג, מוז דאָס דרייסטע וואָרט זיך איינקריצן אין זכרון ווי אַן אייזן־פעסטע איבערצייגונג.

ניט געפעלן איז מיר דעמאָלט אין דער פרייהייט עטלעכע שאַרפע אַטאַקעס אויף באַקאַנטע פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, באַזונדערס, די אַטאַקע אויף ליבקנעכטן. איך בין געשטאַנען פאַר אַ רעטעניש, ווייל צו יע־נער צייט בין איך נאָך ניט געווען קאַפּאַבל איינצוזען אַ טיפערן אונטערשייד

צווישןביידע ריכטונגען און די אָנפֿאַלן אויף סאָציאַליסטישע פירער אין דער פרייהייט האָבן מיך פשוט שאָקירט. איך האָב עס ניט געקענט באַגרייפֿן, אַז צוויי באַוועגונגען אַזוי נאָענטע צואַנאַנד, ווי איך האָב עס דעמאָלט געמיינט, זאָלן זיך אַרומרייסן אויף אַזאַ ניט־ווערדיקן אופן.

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט קאָוואַש מיך אָפּגעוואָרט אויף מיין וועג אַהיים פון דער אַרבעט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאָרט אָפּ אויפן צווייטן טאָג. די נייס האָט מיך אַביסל איבערראַשט און איך האָב אים געפרעגט וווהין ער פאָרט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער האָט בדעה צו פאַרלאָזן דייטש־לאַנד און אויב דאָס האָט פאַר מיר עפּעס אַ ווערט, וואָלט ער גערן אָנגעהאַלטן מיט מיר פאַרבינדונג. איך האָב אים געגעבן אַ זיכערן אַדרעס פאַר בריוו צו מיר און מיר האָבן זיך פריינדלעך צעזעגנט.

מיט אַ זיבן־אַכט וואָכן שפּעטער האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו פון שטוטגאַרט. אין עטלעכע געציילטע שורות האָט ער מיר געגעבן צו וויסן, אַז אויפן וועג פון מאַינץ האָט מען ביי אים אַרויסגעגנבעט זיין פּאַרטמאָנע, אַזוי אַז ער האָט געמוזט בלייבן אין שטוטגאַרט אַרבעטן צו פאַרדינען די נייטיקע סומע פאַר דער רייזע. אָבער איצט פאָרט ער ווייטער און אַזוי באַלד ווי ער וועט זיך ערגעץ באַזעצן, וועט ער מיר צושיקן זיין אַדרעס. מער האָב איך פון אים קיינ־מאָל ניט געהערט. מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער, אַז איך אַליין האָב געמוזט אַפּ־ציִען קיין אויסלאַנד, האָב איך געמאַכט אַלערליי באַמיִונגען זיך עפּעס צו דער־וויסן וועגן אים, איך בין אָבער גאָרניט דערגאַנגען. ס'איז גריילעך מעגלעך, אַז קאָוואַש איז אַפילו ניט געווען זיין ריכטיקער נאָמען. זיין פּלוצימדיק פאַר־שווינדן ווערן האָט ביצן און די אַנדערע געגעבן דעם אויסרייד פאַר פאַרשיי־דענע ספּעקולאַציעס. אָבער גאָר גיך האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט רעדן וועגן אים.

דער קורצער עפּיזאָד מיט קאָוואַשן האָט פונסניי אויפגערודערט אין מיר די פראַגע, וואָס האָט מיך נאָך פריִער געהאַט געמאַטערט. געווען איז עס נאָך דער עקזעקוציע פון די אַנאַרכיסטן אין שיקאַגאָ דעם 11טן נאָוועמבער, 1887. די אַרטיקעל צייטונגען זיינען געווען פול מיט באַריכטן וועגן דער גרויליקער יוסטיץ־טראַגעדיע, קיינער האָט אָבער ניט געהאַט קיין גוט וואָרט פאַר די מענטשן, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אויפן עשאַפאָט. בלויז דער מאַינ־צער איינצייגער, אַן אַלטע דעמאָקראַטישע צייטונג, האָט פאַראורטיילט די גע־ריכטס־פּראָצעדור און געגעבן אָנצוהערן, אַז די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען די אָפּפער פון אַ יוסטיץ־מאָרד, לויט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן. אין די לויפנדיקע נומערן פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַט האָב איך געלייענט לאַנגע באַריכטן וועגן דעם אויספלאַנירטן פּראָצעס, קיין קלאָר בילד האָב איך אָבער פון אָט די באַ־ריכטן ניט אַרויסגעטראָגן. פון איין זייט האָט דער פּאַרטיי־אָרגאַן באַצייכנט די אָנגעקלאָגטע ווי אָפּפער פון אַ ברוטאַלער קלאַסן־יוסטיץ, געצילט דער עיקר צו דערשטיקן אין זוימען די יונגע אַרבעטער־באַוועגונג; פון דער אַנדערער

זייט איז די צייטונג כמעט אין יעדן נומער אַרויסגעקומען מיט די שאַרפסטע אָנפאַלן אויף די אַנאַרכיסטן און זיי פאַרגעשטעלט פאַר די לייענער ווי די ערגסטע פיינט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אויך דער אָנקל האָט מיר ניט געקענט געבן קיין רעכטע אויפקלערונג. לויט אים זאָלן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די אַנאַרכיסטן האָבן פאַר זיך דעם זעלביקן ציל. דער אונטערשייד צווישן די ביידע ריכטונגען, האָט ער געהאַלטן, באַשטייט אויסשליסלעך אין אָפּקלייב פון די מיטלען. אין דער צייט, וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָפן צו דערגרייכן זייער ציל דורך אַן אַלץ שטאַרקערן דרוק אויף דער געזעצגעבונג, פאַרוואַרפן די אַנאַרכיסטן קאַטעגאָריש יעדע מיטאַרבעט מיטן היינטיקן שטאַט; זיי זיינען איינגעגליבט, אַז דעם ציל קען מען דערגרייכן נאָר אויפן וועגן פון אַטענטאַטן און אָפענע אויפשטאַנדן.

עטלעכע וואָכן נאָך דער עקזעקוציע האָט דער אָנקל מיר געגעבן צו לייענען אַ בראָשור וואָס ער האָט אָקערשט געהאַט באַקומען. ווי אַלע סאָציאַליסטישע שריפטן אין יענער צייט, איז די בראָשור געדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד און איז אומלעגאַל פאַרשפּרייט געוואָרן אין דייטשלאַנד. דער טיטל פונעם קליינעם ביכל איז געווען: „אַכט אָפּער פון קלאַסן־האַס“. דאָס איז געווען אַ באַשרייבונג פון די געשעענישן אַ צייט פאַר דעם אַרעסט פון די אַנאַרכיסטן און אַ קריטישע שילדערונג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען; ציטאַטן פון די רעדעס, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבן געהאַלטן פאַר זייערע ריכטער און אַ פאַרכאַפּנדיקע באַשרייבונג פון זייערע לעצטע שעהן פאַר דעם טויט.

מיט אַ טיאָכקענדיק האַרץ און אויפגברויז פון צאָרן, האָב איך געלייענט די בראָשור אָבער אַמאָל און נאָך אַמאָל. איך האָב דערפילט, אַז יענע וויסטע טראַגעדיע איז בלויז אַן אָנזעעוודיק בילד פונעם גרויסן קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין אַלע לענדער צווישן די פאַרטרעטער פון דער עקסיסטירנדיקער הערשאַפט און די קעמפער פאַר אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג. אָבער יענע מענער, וואָס פאַר זייערע איבערצייגונגען גייען זיי צום טויט מיט רואיקער אָנטשלאָסנקייט, זיינען די טרעגער פון אַ נייעם מאָרגן און קיין שום מאַכט אויף דער ערד וועט ניט זיין אין שטאַנד צו שטערן זיין אָנקום. מיט פייערדיקע אותיות האָבן אין מיין יונגער נשמה געברענט די לעצטע ווערטער פון אויגוסט שפּיעס: „די צייט וועט קומען ווען אונדזער שווייגן אין קבר וועט זיין מעכטיקער ווי די שטימען, וואָס איר דערשטיקט היינט“. אָט די פייערדיקע ווערטער זיינען אין מיר מער קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

יענע מענער זיינען געווען אַנאַרכיסטן. אין פלוג האָב איך אין זייערע רעדעס קוים געקענט אַנטדעקן עפּעס אַזוינס, וואָס איך זאָל עס ניט האָבן שוין געהערט פונעם אָנקל און פון זיינע פריינד. די קאָנקלוזיעס פון די שיקאַגער אַנאַרכיסטן אין פאַרבינדונג מיט די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע צושטאַנדן פון דער צייט, האָבן אין תוך זיך געדעקט מיט דעם, וואָס ס'איז מיר געווען באַקאַנט

פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אַפילו זייער אופן רעדן איז פאַר מיר ניט געווען קיין נייס. טיף איינגעוואָרצלט, ווי ביי אונדז, אָבער זייער געוואַגט־קייט, זייער הויך האַלטן דעם קאָפּ פאַר זייערע ריכטער. איך האָב דעמאָלט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דער אָנקל איז גערעכט אויב ער האַלט, אַז דער אונטערשייד צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן איז ניט מער ווי אַ פראַגע פון מיטלען.

איין זאַך איז פאַר מיר דעמאָלט געווען קלאָר ווי דער טאָג: יענע מענער וואָס האָבן אַזוי אומדערשראָקן געשליידערט זייערע ריכטער אין פּנים אַריין אַזעלכע גרויליקע אמתן; יענע מענער, וואָס אַז זייער שעה איז געקומען האָבן זיי געקענט אַרויסווייזן אַזאַ צולהכעיסדיקע פאַראַכטונג צום טויט, — האָבן גאַנץ באַשטימט ניט געקענט זיין קיין „פאַררעטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג“, ווי איך האָב עס אַזוי אָפט געלייענט אין „סאָציאַל־דעמאָקראַט“. אַז איך האָב אַרויסגעזאָגט מיינע ספקות פאַרן אָנקל, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין דעם פונקט איז ער מיט מיר איינשטימיק. ער האָט אָבער צוגעגעבן, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין דייטשלאַנד האָט אין יענעם מאָמענט זיך געמוזט אָפּגרענעצן פון די אַנאַרכיסטן, כדי ניט צו געבן ביסמאַרקן און זיינע פאַר־בינדעטע נייע וואָפן קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג. אָט די דערקלערונג האָט מיך אַפילו ניט צופרידנגעשטעלט. איך האָב עס אָבער געמוזט אָננעמען פאַר גוט געלט, ווארום קיין אַנדערן, טיפערן גרונט פאַר דער סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישער טאַקטיק, בין איך נאָך דעמאָלט ניט געווען קאַפּאַבל אויסצוגעפינען.

מיין קורצע באַקאַנטשאַפט מיט קאַוואַשן האָט מיר פונסניי געבראַכט צום באַוווסטזיין מיינע אינעווייניקסטע ספקות. איך האָב געפילט, אַז עפּעס איז אין דער באַוועגונג ניט ווי עס וואָלט באַדאַרפט צו זיין, אָבער אויך דאָס מאָל בין איך געבליבן מיט מיינע גריבלענישן און ניט געהאַט אויף זיי קיין פאַר־ענטפער. נו, האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי קאַוואַש איז אַוועק, האָט זיך ביי אונדז באַוויזן אַ נייער גענאָסע פון מאַגדעבורג. הערמאַן בוש, אַזוי האָט מען אים גערופן, איז געווען פון פאַך אַ זעג־מייסטער. אין דער באַוועגונג האָט ער געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגע פאַרגאַנגענהייט. ער איז אַפילו געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון פערדינאַנד לאַסאַל. בוש האָט געאַר־בעט לאַנגע יאָרן אין בערלין. ער איז געווען זייער אָנגעלייענט און אַן אויס־סערגעווייניטלעך סטימולירנדיקער מיטשמועסער. אַדאַנק זיין גייסטיקער סופּע־ריאָריטעט און רייכער לעבנס־פּראַקטיק, האָט מען גאָר גיך זיך שטאַרק גע־רעכנט מיט אים אין אונדזער ענגערן קרייז.

די איבערצייגונג, אַז דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ וועט אָט־אָט פאַרשווינדן, איז דעמאָלט אַלץ נאָך געווען שטאַרק און די אַקטועלסטע פראַגע איז ביי אונדז געווען די קומענדיקע שטעלונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיר האָבן געוווסט, אַז טייל סאָציאַליסטישע פירער באַשטייען דערויף, אַז די באַוועגונג זאָל אַוועק מיט אַ רואיקערן וועג און ניט געבן דער רעאַקציע קיין אויסרייד

פאַר נייע פאַרפאָלגונגען. אַזעלכע טענדענצן האָבן זיך געלאָזט מערקן שוין אין דער צייט פון דעם לעצטן וואַל־קאַמפּייז. אַ סך קאַנדידאַטן האָבן אין זייער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע זיך פאַררופן אויף די קייזערלעכע מאַניפעסטן און האָבן דערמיט טאַקע דערגרייכט אַ מאָמענטאַלן דערפאָלג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען אויפן חשבון פון זייערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן. דער דערפאָלג־רייכער אויסגאַנג פון די וואַלן, האָט אויפן מאָמענט געמאַכט פאַרגעסן אַזעלכע און אַנדערע אָפּווייכונגען.

פון הערמאַן בוש האָבן מיר צום ערשטן מאָל זיך דערוווּסט וועגן אַ שטייגנ־דיקער אָפּאָזיציע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַזעלכע שטעט ווי בערלין, האַמבורג, מאַגדעבורג, דרעזדן און אַנדערע שטעט; אַן אָפּאָזיציע, וואָס איז דער עיקר געווענדט קעגן וואַקסנדיקן איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע אין רייכסטאַג. אַז אין בערלין זיינען פאַראַן שטאַרק אָפּאָזיציאָנעלע שטרעמונגען — דאָס האָבן מיר שוין געוווּסט פון פריער, אָבער ווערדליך בוש האָט אונדז אינפאָרמירט, האָט עס אויסגעזען אַז דער גאַנצער קערן פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע אין דער הויפּטשטאָט איז פאַרכאַפּט פון אָט דער שטרעמונג.

פון אַלץ דעם האָב איך אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַן אָפּאָזיציע צו פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט און צו די עקסטרעם־רעכטע אין דער פּאַרטיי. אין די יאָרן פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ זיינען די רייכסטאַג־דעפּוטאַטן געוואָרן די איינציקע סאָציאַליסטישע וואָרט־זאָגער, אָן דעם אַז זייערע באַשלוסן זאָלן קענען דעבאַטירט ווערן אין דער פּאַרטיי אויף אַ ברייטערן פאָרנעם. אויף אַזאַ אופן האָבן די פּאַרלאַמענטאַרישע פירער אַריינ־געקראָגן אין זייערע הענט אַלץ מער און מער מאַכט. דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן צום שלעכטן אויף די דעמאָקראַטישע איינשטעלונגען פון דער באַ־וועגונג.

אין די רייען פון די יונגע, ווי די אָפּאָזיציע האָט זיך דעמאָלט גערופן, האָט מען פאַראיבל געהאַט אויף דער פראַקציע גאָר באַזונדערס דערפאַר, וואָס זי האָט אויף אייגענער האַנט סאַבאָטירט דאָס פייערן דעם ערשטן מאַי אין דייטשלאַנד. פאַר די פירנדיקע גענאָסן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג איז דאָס געווען אַ שווערער קלאַפּ. דער וואַל־זיג אין פעברואַר האָט געשאַפן ביי דער דייטשער אַרבעטערשאַפט אַ קעמפערישע שטימונג. מיט זיכערקייט האָט מען געקענט דערוואַרטן אַ דערפאָלג ביים דורכפירן די פאַריזער באַשלוסן וועגן ערשטן מאַי. אָבער די רייכסטאַג־פראַקציע האָט דעם 13טן אַפּריל, 1890, אָנ־גענומען אָט די רעזאָלוציע:

„אונטער די איצטיקע פאַרהעלטענישן וועט עס ניט מעגלעך זיין דורכצופירן אַן אַלגעמיינעם אָפּשטעל פון דער אַרבעט. די שונאים פון די אַרבעטער וועלן איצט אַנווענדן די גרעסטע אָנשטרענגונגען

צונישט צו מאַכן דעם זיג, וואָס די אַרבעטער האָבן אָפּגעהאַלטן דעם 20סטן פעברואַר 1890. זיי לייגן דערפאַר גרויסע האָפענונגען אויף דעם ערשטן מאַי. דער באַשלוס וועגן אַרבעטער־רו לאָזט זיך דער־פאַר ניט דורכפירן. נאָך דעם זיג פונעם 20סטן פעברואַר, איז גאָר אויך ניט נייטיק קיין שום מאַניפעסטאַציע. אַ ערשטע מאַי־דעמאָנ־סטראַציע איז דערלאָזלעך בלויז אין אַזעלכע ערטער, ווו עס איז ניט פאַראויסצוזען קיין שום קאָנפליקטן".

מיט אַזאַ שפּראַך האָט מען, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט סטימולירן די אַרבעטערשאַפט צו אַקציעס. קיינער האָט ניט דערוואַרט, אַז דער ערשטער פּרוּוו פון אַן אַלגעמיינעם שטרייק דעם ערשטן מאַי זאָל זיך איינגעבן אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. מאַכן דעם פּרוּוו האָט מען אָבער געמוזט, אויב מע האָט ניט געוואָלט, אַז פון די פאַריזער באַשלוסן זאָל זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. פאַר אַזאַ פּרוּוו איז אָבער אין דייטשלאַנד קיינמאָל ניט געווען קיין בעסערע גע־לעגנהייט ווי דעמאָלט.

דער פאַקט וואָס די פּאַרטיי האָט אין יענעם מאָמענט דורכגעלאָזט די גינ־סטיקע קאָניוקטור בלויז דערפאַר, וואָס אַ הייפעלע פּאַרלאַמענטאַריער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער קעמפערישקייט, — איז געווען אַ שלעכטער סימן פאַר דער צוקונפט. שפּעטער, אַז דער שטייגנדיקער איינפלוס פונעם פּאַרלאַמענטאַ־ריזם האָט אַלץ מער און מער פאַרפלאַכט די באַוועגונג, האָט מען ערשט רעכט ניט געהאַט אין זינען דורכצופירן די באַשלוסן פון די צוויי פאַריזער קאָנגרעסן. דער סוף איז געווען, אַז אין דייטשלאַנד, ווו די אַרבעטער זיינען געווען סיי פּאָליטיש, סיי געווערקשאַפטלעך בעסער אָרגאַניזירט ווי אין יעדן אַנדערן לאַנד, איז דער ערשטער מאַי אין פלוג קיינמאָל ניט געפייערט געוואָרן. מע האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פאַרטל אָפּצולייגן די ערשטער מאַי־פייערונג אויף דעם ערשטן זונטיק אין חודש מאַי. ערשט נאָך דער פאַרשפּילטער ערשטער וועלט־מלחמה און אונטער דעם אימפּולס פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין נאָוועמבער 1919, איז דער ערשטער מאַי געוואָרן אַ געזעצלעכער יום־טוב און היטלער האָט אָט דעם יום־טוב ניט אָפּגעשאַפט.

בוש איז געווען פערזענלעך באַקאַנט מיט אַ סך פירנדיקע גענאָסן פון די יונגע אין בערלין און געהאַט וועגן זיי זייער אַ הויכע מיינונג. דאָס זיינען געווען מענטשן, וואָס אין די יאָרן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָבן זיי דערוויזן זייער אמתן ווערט; ניט איינמאָל האָבן זיי גענומען אויף זיך די געפערלעכסטע מי־סיעס, אָן שום אויסרעכענונג אויף אייגננוצן. ניט אין אַלץ איז בוש געווען מיט זיי איינשטימיק, ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן ספק אין דעם, אַז זיי זיינען ערלעך אין זייערע איינשטעלונגען. ווי אַן אַלטער לאַסאַליאַנער האָט ער שטאַרק געגלייבט אין דעם, אַז אַלגעמיינע שטימרעכט קען ווערן אַן אומגעהייערע קראַפט. דאָס האָט אים אַביסל דערווייטערט פון די יונגע; ער האָט אָבער גע־

האַלטן אַז זייער קריטיק איז באַרעכטיקט אין אַ סך פּרטים און אַז זיי זיינען דורכגעדרונגען מיט אַן ערלעכן ווילן אָפּצוהאַלטן די באַוועגונג פון אַ גייסטי־קער ירידה.

מיך פּערזענלעך האָבן בושס קאָנקלוזיעס שטאַרק באַאיינפלוסט. מעגלעך אַז פון דער נאַטור בין איך ניט דער טיפּ מענטש, וואָס זאָל קענען צו לאַנג זיך איינפּאַסן אין די ראַמען פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי. אויף יעדן פאַל האָבן מיינע שטילע ספקות איצט געהאַט פאַר זיך נערונג־שטאָף. אָבער דער אידעאָלאָגישער אינהאַלט פון דער באַוועגונג איז ניט געווען די איינציקע סיבה פון מיינע קווענקלענישן. פון מיין גלייכגעוויכט האָבן מיך מער ווי אַלץ אַרויסגעפירט אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ביז איז געווען דורכאויס אַן ערלעכער מענטש, וואָס פאַר זיינע אייגענע נוצן, וואָלט ער זיכער ניט פּעאיק געווען אויף אַן אוממאָ־ראַלישער האַנדלונג; פאַר זיינע איבערצייגונגען האָט ער באַצאָלט מיט זייער אַ טייערן פּרייז; דורך דעם סאָציאַליסטן־געזעץ איז ער פאַריאָגט געוואָרן פון זיין הויז און היים, ער האָט אַפילו אָנגעווירן זיין פאַמיליע, ווייל ער האָט ניט גע־וואָלט פאַלגן זיין פרוי איבערצוריידן מיט דער באַוועגונג.

אָבער אָט דער מענטש, וואָס זיין פּערזענלעך לעבן איז געווען אַזוי ריין, האָט זיך געקענט אַרויסשטעלן אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלייכטונג, אַזוי באַלד ווי עס האָט זיך געהאַנדלט אין ווירקלעכע אָדער גערדאַכטע פּאַרטיי־אינטערעסן. אין אַזאַ פאַל איז דער אמת געווען פאַר אים בלויז דאָס, וואָס ס'איז גוט פאַר דער פּאַרטיי. דאָס פלעגט זיך ביי אים באַקומען אומבאַוווסט, אָן דער מינדסטער איבערקלערונג. מאַניפּולירן מיטן אמת צוליב פּאַרטיי־נוצן איז געווען פאַר אים אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט. ער האָט עס פּשוט ניט געקענט באַגרייפן, אַז אַ גוטער געניאָסע קען אויך האָבן אַן אַנדערע איינשטעלונג. און כאָטש צו מיר האָט ביז אַרויסגעוויזן בלויז גוטסקייט, האָב איך שווער געקענט פאַרטראָגן אָט די זייט פון זיין כאַראַקטער.

אַז איך האָב פאַרפירט אַ שמועס מיטן אָנקל וועגן אָט די דערשיינונגען, איז מיר ניט שווער געווען איינצוזען, אַז אויך ער איז ניט איבעריק שטאַרק באַ־גייסטערט פון אַזעלכע צושטאַנדן, ער האָט אָבער געפּרווווט אַלץ פאַרענטפערן מיט די אויסווירקונגען פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט יעדער עפנטלעכע קריטיק און האָט פאַרשפּרייט אַלגעמיינעם אומצו־טרוי. אַז אָט דער אומצוטרוי האָט אָנגענומען ביי ביצן ביז גאָר מיאוסע פאַר־מען, דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן מיט דעם פאַל קאַוואַש. צום באַדויערן איז ביז ניט געווען דער איינציקער, וואָס איז געווען קאַפּאַבל אַזוי צו האַנדלען.

אין אַן אַטמאָספער ווו עס האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט אַלערליי געהיים־אַגענטן און פּראָוואָקאַטאָרס האָט מען, פאַרשטייט זיך, געמוזט זיין גע־נוג פאָרזיכטיק, מע האָט געמוזט גוט קענען דעם מענטשן, וואָס מע האָט אַריינ־געצויגן אין אומלעגאַלער אַרבעט; אין אַ פּעריאָד ווען די מינדסטע אומפאָר־זיכטיקייט פון אַן אַקטיוון געניאָסע, האָט געקענט פאַרשאַפן אומגעהייערן שאָדן,

האָט עס אַנדערש ניט געקענט זיין. און פאָרט האָט דאָס אַלץ ניט געדאַרפט זיין קיין גרונט דערצו מע זאָל פאַרשפּרייטן שענדלעכע בבאָ־מעשיות וועגן מענטשן, וואָס מע האָט זיי גאָרניט געקענט נאָכווייזן, סיידן דאָס, וואָס זייערע איינשטעלונגען זיינען ניט געווען אין איינקלאַנג מיט די קאָנצעפּציעס פון דער פּאַרטיי.

דער אָנקל האָט דאָס אַלץ באַטראַכט ווי אַ רעזולטאַט פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ. אָט די דערקלערונג האָט מיך ניט אינגאַנצן צופרידנגעשטעלט. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז אין דער פּאַרטיי אַליין הערשט אַ געוויסע אומפרייהייט. דאָס וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון בושן וועגן די יונגע אין בערלין, האָט פאַרשטאַרקט מיינע צווייפלען. עס האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אַז די נעגאַטיווע שטעלונג צו דער רייכסטאָג־פראַקציע מצד די סאַמע רירעוודיקסטע גענאָסן אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, זאָל זיין ניט מער ווי ניט־פאַרגינערײַ, אָדער זאָל שטאַמען פון אַ פאַרלאַנג צו מאַכן סתם סקאַנדאַלן. גאָר גיך האָב איך זיך טאַקע געקענט איבערצייגן אין דעם, אַז איך האָב ניט געמאַכט קיין טעות.

דער קורס צו דער „אָפּאָזיציע"

מיין אָנקל און הערמאַן בוש זיינען גאָך גיך געוואָרן גוטע פריינד. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ גוטע געלעגנהייט זיך עפּעטערס צו טרעפן מיט אים און זיך ביי אים אינפאָרמירן אויספירלעכער וועגן דער באַוועגונג אין בערלין. איך בין אַזוי אַרום געוואָרע געוואָרן וועגן זאַכן, וואָס זיינען מיר ביז דעמאָלט געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. איך האָב אויסגענומען ביי בושן מיט מיין ברען פאַר דער באַוועגונג און מיט מיין געשטייגערטן אינטערעס צו דערגיין אַלץ וואָס סע האָט מיט איר אַ שייכות. ער איז דערפאַר שטענדיק געווען גרייט צו פירן מיט מיר אַן אינפאָרמאַטיוון שמועס.

בוש האָט געהאַט ביי זיך אַ קאָמפּלעטע זאַמלונג פון דער בערלינער פאָלקס־טריבונע, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט מער־ווייניקער קלאָר די איינשטעלונג פון די יונגע. ער האָט מיר גערן אויסגעבאָרגט די זאַמלונג. אַ דריי־פיר יאָר נאָכדעם ווי עס האָט געבושעוועט דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ און דער אויסנעם־צושטאַנד האָט דער רייכסטאַג אָנגענומען אַ ריי באַשלוסן, וואָס האָבן אַ ביסל געמילדערט די לאַגע. אין פאַרשיידענע טיילן פונעם רייך זיינען דעמאָלט אויפּגעקומען אַ סאָרט פאַרוועע פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס האָבן געדאַרפט דינען דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע און געזאָלט שאַפן ביי די מאַסן אַ בעסערע באַציִונג צו דער באַוועגונג. אָט די אויסגאַבעס האָבן אַנדערש נישט געקענט זיין ווי נאָר אולטראַ־מעסיק, אַניט איז זייער עקסיסטענץ געהאַנגען אויף אַ האָר. אָפט האָט אַפילו ניט געהאָלפן די גרעסטע פאָרזיכטיקייט. ניט איינמאָל האָט די מאַכט אָפּגעשטעלט אַזאַ צייטשריפט אָן אַ פאַרוואָס, גלייך נאָך די ערשטע פאַר נומערן. דאָס באַשטיין פון אַ סאָציאַליסטישער אויסגאַבע איז אָפטמאָל געווען אָפּהענגיק פונעם קאַפּריז מצד דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע. מע פלעגט ניט זעלטן אָפּשטעלן אַ צייטונג בלויז פאַר האָבן געדרוקט באַריכטן וועגן די רעדעס אין רייכסטאַג פון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַטן, כאָטש אַזעלכע באַריכטן זיינען געווען גאַנץ לעגאַל. אָבער ווער האָט דען דעמאָלט אין די הערשנדיקע קרייזן געטראַכט וועגן געזעצלעכקייט אין שייכות מיט סאָציאַליסטן?

אויף דער איניציאַטיוו פון דער סאָציאַליסטישער רייכסטאַג־פראַקציע, איז

אין אַפּריל 1884 געשאַפן געוואָרן אין בערלין דאָס פּאָלקסבלאַט, אַ פאָרלויפער פונעם פאָרווערטס, דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי אין דייטשלאַנד. די טוער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג זיינען אין אַל־געמיין ניט געווען איבעריק באַגייסטערט פאַר לעגאַלע אויסגאַבעס אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַזעלכע צייטשריפטן האָבן פאַר דער פאַרטיי קיין שום ווערט ניט. די אַקטיוויסטן פון דער באַוועגונג האָבן זיך אָפּגעגעבן דער עיקר מיט פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע דרוקזאַכן. צווישן דער רייכסטאַג־פראַקציע און די פאַרטרעטער פון די אומלעגאַלע גרופּעס, זיינען די גאַנצע צייט פאָרגעקומען שאַרפע ווידעראַנאַנדן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז די אַזוי אָנגערופענע אינעווייניקסטע אָפּאָזיציע זאָל אין 1887 אויך פון איר זייט גרינדן אַ לעגאַלע וואָכנשריפט, די פּאָלקסטריבונע. רעדאַקטאָר פון אָט דער אויסגאַבע איז געווען דער פעאיקער, טאַלענטירטער שרייבער, מאַקס שיפּעל.

די פּאָלקסטריבונע האָט זיך געשטעלט פאַר איר הויפּט־ציל דאָס אַרויס־הייבן אין אַ ברייטערן פאַרנעם די סאַמע גרונטיקע פּראָבלעמען פון דער באַ־וועגונג און פאַרטיפן איר גייסטיקן אינהאַלט. די אויסגאַבע האָט דערפאַר ניט געהאַט קיין לאָקאַלן כאַראַקטער און האָט געקענט פאַרשפּרייט ווערן אין אַנ־דערע טיילן פונעם לאַנד. דאָס אַרויסגעבן אַזאַ צייטשריפט איז אין יענע צייטן געווען זייער אַ געוואַגטע אונטערנעמונג. ניט געקוקט אויף אַלע פּעסימיסטישע פאָראויסזאָגונגען, האָט די פּאָלקסטריבונע זיך געקענט אויסהאַלטן אָן זייטי־קער הילף און האָט באַאיינפלוסט דעם סאַמע קערן פון דער באַוועגונג. די אויס־גאַבע האָט געמוזט לאַווירן זיך ניט צו פאַרפּלאָנטערן אין די ענגע דורכגאַנגען פונעם אויסנעם־געזעץ, אָבער מיט אַ ביסל געניטקייט איז ניט שווער געווען זיך אויסצולערנען לייענען צווישן די שורות דאָס, וואָס די שרייבער אין דער צייטונג האָבן ניט געקענט זאָגן אויף אַ דירעקטן אופן.

ביינאַנד מיט די אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען אויף געשיכטלעכע טע־מעס, האָט די פּאָלקסטריבונע געדרוקט באַריכטן וועגן דער באַוועגונג אין אויס־לאַנד. צום ערשטן מאָל זינט ניין יאָר האָט אַ צייטשריפט אין דייטשלאַנד באַ־האַנדלט פראַגן, וואָס זיינען זינט דעם סאָציאַליסטן־געזעץ געווען שטרענג פאַרבאָטן. מעגלעך, אַז דער באַלערנדיקער שטאָף איז פאַר די רעדאַקטאָרן פון דער פּאָלקסטריבונע געווען אַ בעסער געווער אין די הענט אומצוגיין אויף אַ געשיקטן אופן מיט די פאַרבאָטן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ. ס'איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז אויף אַ געהיימען ווונק פון אויבן האָט די פּאָליטישע פּאָליציי אויסגערעכנט דורכגעלאָזט אין זשורנאַל זאַכן, וואָס זייער מיין איז פאַר איר ניט געווען פאַרהוילן. די רעגירונג איז געווען גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלץ וואָס סע גייט אָן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס לייגט זיך דערפאַר אויפן שכל, אַז אין די הויכע פענצטער האָט מען באַצייטנס זיך געריבן די הענט:
— עס האַלט ביי אַ שפּאַלטונג פון דער פאַרטיי... אַזוי צי אַזוי, די פּאָלקסטריבונע

איז געווען אַ גוטער זשורנאַל, וואָס האָט זיך פאַרוואָרבן אָנהענגער איבערן גאַנצן לאַנד.

מיר פערזענלעך האָט די פאָלקסטריבונע אַ סך פאַרהאָלפן אין מיין ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק האָב איך אַרויסגעטראָגן פון אַ סעריע אַרטיקלען אין זשורנאַל אונטערן טיטל: „מיכאַעל באַקונין און די שווייצער יורע־פעדעראַציע", געצייכנט מיטן נאָמען לואיס הערעטיער. ס'איז באמת צו שטוינען ווי ווינציק מע האָט דעמאָלט געוווסט אין דייטשלאַנד וועגן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. וועגן באַקונינען האָב איך שוין געהאַט געהערט. איך האָב שוין אויך געהאַט געלייענט זיין בראָשור „אַ קאָמפּלאָט קעגן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אַסאָציאַציע", מיט דעם האָט זיך דעמאָלט אויסגעשעפּט מיין וויסן וועגן אָט דער מעכטיקער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אייראָפּע. ווי איך האָב זיך עס דערוווסט ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, איז די דערמאָנטע בראָשור געווען אַ דייטשע באַאַרבעטונג פון אַ געפעלשט ביכל, צונויפגעשטעלט פון פרידריך ענגעלס, פּאָול לאַפאַרג און קאַרל מאַרקס, כדי צו דיסקרעדיטירן באַקונינען מאָראַליש און מאַכן אַ סוף צו זיין טעטיקייט אין דער באַוועגונג. איך האָב דעמאָלט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וועגן אינטערנאַציאָנאַל און זיינע אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן, און וועגן באַקונינען האָט זיך ביי מיר געשאַפן די פאָרשטעלונג ווי וועגן אַן אַגענט פון דער רוסישער רעגירונג, וואָס האָט זיך פאַרנומען צו שאַפן מחלוקת און רייסערייען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַז דער עיקר זוכט ער מיט אַלע מיטלען אומצוברענגען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

הערעטיערס אַרטיקלען אין דער פאָלקסטריבונע האָבן מיר געעפנט די אויגן אויף די וויכטיקסטע פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב אויך דערזען באַקונינען און זיינע אָנהענגער אין אַ גאַנץ אַנדערער באַלייכטונג. הערעטיער איז ניט געווען קיין באַקוניסט; ער איז גיכער געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געגעבן די גרעסטע מי צו דערציילן דעם ריינעם אמת וועגן באַקונינען און דער יורע־פעדעראַציע. ער האָט זיי פאַרטיידיקט קעגן די אומגערעכטע און בייזוויליקע אָנגריפן מצד מענטשן, וואָס זיינען אים, הערעטיערן, גראָד געווען נאָענטער אידעאָלאָגיש. די זאַכלעכע שילדערונג פון געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין הערעטיערס אַרטיקלען, האָבן ביי מיר אַרויסגערופן סימפּאַטיע צו באַקונינען און זיין קרייז; איך האָב דערפילט אין זיך אַ נייגונג צו יענעם גערדאַנקענגאַנג, וואָס איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געוואָרן מיין פעסטע איבערצייגונג. כדי צו קענען לייענען אין אָריגינאַל די פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס הערעטיער האָט אָנגעגעבן אין זיינע אַרטיקלען, האָב איך זיך דעמאָלט ערנסט גענומען לערנען די פראַנצייזישע שפּראַך.

אויף הערעטיערס אַרטיקלען־סעריע האָט פרידריך ענגעלס אָפּגעענטפערט

אין דער פאָלקסטריבונע מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט. דער טאָן פון אָט דעם פּראָ־טעסט האָט אויסגעגעבן מיט די ביינער ענגעלס׳ אומטאָלעראַנץ, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ פאַטאַלע ראָל אין די אינעווייניקסטע קאַמפן פונעם אינטערנאַ־ציאָנאַל. אויב הערויטיערס אַרטיקלען זאָלן האָבן איבערגעלאָזט ביי מיר וועלכע ניט איז ספקות, וואָלט ענגעלס׳ ענטפער מיך געווען באַפרייט פון זיי גאַנץ און גאָר. ווי קען איינער גערעכט זיין צו זיינעם אַ קעגנער, אויב אַפילו מיט אַן איי־גענעם געגנאָסע דיסקוטירט ער אַ צערייצטער, אין אַ טאָן פון אויבן אַראָפּ! הערויטיער האָט טאַקע געענטפערט ענגעלסן, אַז ער פּאָלעמיזירט מיט געגנאָסן ווי זיי וואָלטן געווען רעקרוטן אין דער קאַזאַרמע.

אין די פיר־פינף חדשים וואָס זיינען געבליבן צום טערמין פונעם סאָציאַ־ליסטן־געזעץ האָט מען אין מאַינץ דערלויבט אַ גרעסערע באַוועגונגס־פריי־הייט. יעדער האָט געפילט אַז די צוועלף־יאָריקע דעספּאָטיע לעבט אויס אירע לעצטע טעג און אַז די לאָקאַלע מאַכט־אָרגאַנען ווילן ניט, קענטיק, פאַרביטערן די שטימונג ביי די פאָלקס־מאַסן. די פּאָליציי האָט מער ניט באַלעסטיקט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואַל־פאַראיינען, לייען־קרייזן, קעגל־קלובן און אַ ריי אַנדערע.

אין מאַי 1890 האָב איך אינאיינעם מיט עטלעכע יונגע פריינד געגרינדעט דעם לייען־קלוב פרייהייט. מיר זיינען געווען ביי אַ פינף־און־צוואַנציק יונגע־לייט, צווישן זיי אַ גרעסערע צאָל פון מיינע פריערדיקע שול־חברים. דער איינ־ציקער עלטערער מיטגליד פון אונדזער קרייז איז געווען דער שוסטער קאַרל אבערהובער, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק, וואָס וועגן אים וועט נאָך זיין די רייד ווייטער. פון די עלטערע געגנאָסן פלעגט זיך צו אונדז אַריינכאַפּן עמיצער פון צייט צו צייט. מיר פלעגן זיך צונויפקומען יעדן מאָנטיק אָוונט אין אַ זייטיקן צימער פון אַ קליינעם בירשענק. צוערשט פלעגן מיר עפּעס איבערלייענען און דערנאָך זיך פריי אַרויסזאָגן וועגן געלייענטן. לייענען פלעגן מיר מייסטנס עפּעס פון דער אומלעגאַלער ליטעראַטור. אונדזערע צונויפקומענישן זיינען גע־וואָרן זייער סטימולירנדיק. אַליין מיט זיך, אָן עלטערע געגנאָסן ביי דער זייט, האָבן די יוגנטלעכע געקענט אומגעשטערט אַרויסזאָגן זייערע געדאַנקען און מיינונגען און דאָס האָט אַ סך בייגעטראָגן צו זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג. אין אונדזער קרייז האָט געהערשט אַ וואַרעמע אַטמאָספער. מיר זיינען געווען אַ גרופּע אינטימע פריינד. אונדז אַלע האָט באַגייסטערט יענע טיפע אינעווייניק־סטע איבערצייגונג, וואָס גיט דער יוגנט אַן אומווידערשטייטלעכן רייץ און מאַכט זי קאַפּאַבל אויף געוואַגטע האַנדלונגען. די נאָגנדיקע ספקות פון די שפּעטערע יאָרן, זיינען אונדז נאָך געווען גאַנץ אומבאַקאַנט. מיט דער גאַנצער נשמה האָבן מיר געגלייבט אין דער נייטיקייט פון אַ סאָציאַלער איבערקערעניש און אָט דער גלויבן האָט אונדז געגעבן לעבנס־פרייד און אומבאַגרענעצטע באַגייס־טערונג. מע קען זיך קוים פאָרשטעלן אַ שענערן קרייז פון יונגע שטרעבנדיקע מענטשן.

אונטער מיין איינפלוס האָבן מיר זיך אָפּט באַשעפטיקט מיט די קומענדיקע אויפגאַבן פון דער באַוועגונג, אַזוי אַרום איז עס געווען אומפאַרמיידלעך, אַז אונדזער קרייז זאָל ניט באַהאַנדלען פון צייט צו צייט אויך די ווידעראַנאַנדן צווישן די אַלטע פאַרטיי־פירער און דער אָפּאָזיציע אין בערלין. ווי אַ מאָטיוו פאַר אַזאַ באַהאַנדלונג פלעגט אונדז געוויינטלעך דינען אַן אַרטיקל אין דער פאָלקסטריבונע. עס האָט לאַנג ניט גענומען, און כמעט אַלע אין אונדזער קרייז זיינען מיטגעריסן געוואָרן מיטן גייסט פון די אַזוי אָנגערופענע יונגע, כאָטש מיר אַליין האָבן זיך רעכט וועגן דעם ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג.

צווישן די עלטערע גענאָסן האָט מען אָנגעהויבן קוקן אויף אונדז אַ ביסל קרומלעך. אונדזער פריינט ביק האָט מיך איינמאָל פאַרנומען אויף אַ זייט און מיר געזאָגט גאַנץ אָפן, אַז די גענאָסן זיינען זייער ניט צופרידן מיט אַלץ דעם, וואָס סע גייט אָן אין לייען־קלוב. פאַר אַלעמען האָט ער מיך אויסגעמוסרט למאַי מיר האָבן זיך ניט באַראָטן מיטן וואָלפאַראַיין ביים שאַפן דעם קאָמיטעט פונעם קלוב. איך האָב אים דערויף אָפּגעענטפערט, אַז פאַר אַזאַ באַראָטן זיך האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום מאָטיוו, ווייל די אויפגאָבן וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט האָבן גאָרניט צו טאָן מיטן וואָלפאַראַיין; אונדזער שטרעבן איז אויסצובילדן יונגע מענטשן פאַר דעם סאָציאַליזם, אַ זאַך וואָס קען דער פאַרטיי ברענגען בלויז נוצן. אין אַ לייכט געררייצטן טאָן האָט ביק מיר דערויף גע־ענטפערט, אַז פאַר אַזאַ אויפגאַבע זיינען מיר נאָך צו יונג און אַז די בייטיקע אויסבילדונג פון דער יוגנט מוזן מיר איבערלאָזן פאַר די עלטערע גענאָסן. אויף מיין פראַגע, צי ער וואָלט אונדז געקאָנט אָנווייזן אויף בעסערן לייען־שטאָף ווי די שריפטן, וואָס די פאַרטיי אַליין האָט אַרויסגעגעבן, האָט ביק אין אַ טאָן פון אַ זאַך־קענער, מיר געענטפערט, אַז די שריפטן פאַר זיך אַליין זיינען ניט אַלץ, אַז דער עיקר איז ווי אַזוי פאַרצוברענגען די פראַגן און ווי אַזוי זיי צו מאָטיווירן און אַז אַזאַ אַרבעט זיינען באַרופן צו טאָן בלויז פאַרטרעטער פון דער פאַרטיי.

צו ביצן האָב איך זיך שטעטס באַצויגן מיט גרויס אָפּשיי. וועגן זיין פער־זענלעכן מוט, זיין אומאייגננוציקייט און זיינע ערלעכע כוונות, זיינען ביי מיר ניט געווען די מינדסטע ספקות. איך האָב אָבער דעמאָלט געפילט, אַז דאָס וואָס ער פאָדערט פון אונדז, קלעפּט זיך כלל ניט מיט די גרונט־אידייען פון סאָציאַ־ליזם. די מיינסטע מיטגלידער פון אונדזער קלוב זיינען געווען יונגעלייט אין עלטער פון אַכצן ביז פינף־און־צוואַנציק יאָר. פון מיין פערזענלעכער דערפאַ־רונג האָב איך עס געוווּסט, אַז אַ צאָל פון מיינע יונגע פריינד זיינען אין זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג ניט הינטערשטעליק קעגנאיבער אַ סך פון די עלטערע גענאָסן. ביק האָט עס אויך געוווּסט, האָב איך דערפאַר ערשט רעכט ניט גע־קענט באַנעמען דעם פאַקט, וואָס מע וויל דורכאויס האָבן איבער אונדז אַ סאָרט אַפּטרופּסות. נו, האָט ביק אַרויסגעלאָזט די קאָץ פונעם זאַק, ער האָט מיר גאַנץ אָפן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז ניט אין די אינטערעסן פון דער פאַרטיי

מיר זאָלן קולטיווירן אומצוטרוי צו אירע אַנערקענטע פירער און גיין מיט אַ וועג, וואָס קען דערפירן צו אַ שפּאַלטונג אין דער באַוועגונג.

איך האָב קוים געגלייבט מיינע אייגענע אויערן. די שמועסן אין לייען־קלוב זיינען שטעטס געווען זאַכלעך, פריי פון יעדער פּערזענלעכער פאַרביטערונג. קיינעם איז גאָרניט געקומען אויפן זינען צו שעדיקן דער באַוועגונג מיט סתם בייזוויליקע אָנגריפן, צי גאָר דערפירן צו אַ שפּאַלטונג. איך האָב עס דערפאַר בשום אופן ניט געקענט באַנעמען פאַר וואָס מען הענגט אונדז אָן שטרעבונגען, וואָס זיינען אונדז אינגאַנצן פרעמד. אונדזער געדאַנקענגאַנג איז דעמאָלט נאָך געווען היפּשלעך אומקלאָר. מיר זיינען דורכאויס ניט געווען קיין קעגנער פון פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט, מיר האָבן בלויז געהאַלטן, אַז אַזאַ טעטיקייט מוז ווערן אַריינגעפּאַסט אין ריכטיקע ראַמען, כדי באַוואָרענען די באַוועגונג פון אָנווערן אירע רעוואָלוציאָנערע צילן און אינגאַנצן פאַרכאַפּט ווערן פון שטרעבונגען צו רעפאָרמען. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די הויפּט־טעטיקייט פון דער באַוועגונג דאַרף זיין די עובדה פון פאָלקס־מאַסן און ניט דער מאָנאָפּאָל פון אַ באַשטימטן פירער־שיכט. אין דעם פּונקט זיינען מיר געווען אַבסאָלוט איינשטימיק מיט, די איינשטעלונגען פון די יונגע.

אויב דאָס וואָרט דעמאָקראַטיע האָט איבערהויפּט נאָך אַ זין, קען די באַוועגונג זיך ניט ווינטשן עפּעס בעסערס ווי צו האָבן אָנהענגער, וואָס זיינען אויף דער וואַך אָפּצוהאַלטן די פּאַרטיי פון פאַרשטאַרט און פאַרגליווערט ווערן. האָב איך אָנגעוויזן ביצן; איך האָב אים געפּרוווט דערווייזן, אַז אויב מע קען פאַרוואַרפן געוויסן למאַי זייערע איינשטעלונגען זיינען ניט די זעלביקע וואָס סע האָבן די פירער, האָט מען ניט קיין רעכט אין אַזאַ פאַל זיך צו באַקלאָגן אויף ביסמאַרקן פאַרוואָס ער וויל מיטן סאָציאַליסטן־געזעץ פּטור ווערן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פאַרשטייט זיך, אַז ביץ האָט מיין אַרגומענט ניט אָנגענומען. האָט געפּרוווט מיר דערווייזן, אַז ביסמאַרק און זיינע אָנהענגער האָבן איין און איינציקן ציל: אויסראָטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דער אַרבעטערשאַפט אום אויפהאַלטן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג קעגן דעם ווילן פונעם פאָלק, אָבער די פּאַרטיי האָט אין אויג בלויז דאָס וווילזיין פון די ברייטע מאַסן; אָט דערפאַר איז עס די גרעסטע זאָרג פון דער פּאַרטיי ניט אָפּצושוואַכן אירע קרעפטן דורך אינעווייניקסטע שטרייטן.

איך האָב ביצן דערויף געענטפערט, אַז וועגן דעם וואָס ס׳איז גוט פאַר די ברייטע מאַסן, קענען אויך זיין פאַרשיידענע מיינונגען. איך פון מיין זייט מיין, אַז די וויכטיקסטע אויפגאַבע פאַר אַ דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דאַרף זיין דאָס ווירקן מיט אַלע מעגלעכקייטן צו אַקטיוויזירן אַלע אירע אָנהענגער, אַז יעדער איינער זאָל אויף זיין שטייגער אַרבעטן און טאָן פאַר דעם אַלגעמיינעם וווילזיין. באַגרענעצן דאָס רעכט פונעם איינצלנעם מיט אַרויפצווינגען אויף אים פאַרטיקע מיינונגען, איז אויף יעדן פאַל ניט דעמאָקראַטיש.

צו קיין טאָלק האָב איך זיך מיט ביצן ניט דעררעדט. ער איז געוואָרן אַלץ מער און מער צודרינגעוודיק. ער האָט זיך עס אַפּילו דערלויבט אונדז צו סטראַשען, אַז יאַקאָש וועט מען שוין געפינען מיטלען אָפּצושטעלן אונדזער אַרבעט, אויב מיר וועלן באַצייטנס ניט קומען צום שכל. מיינע באַציִונגען מיט ביצן זיינען געוואָרן ביז גאָר אָנגעצויגענע. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן געפירט דערצו, אַז מיר זאָלן אויף אַן אמת זיך דערווייטערן פונאַנאַנד. די אומפריינדשאַפט צו ביצן האָט מיך אין אָנהייב טיף געטראָפן. אָבער וואָס האָב איך געקענט טאָן? ווי יעדער איינער פון אונדז, האָב איך אין מיין לעבן ניט איינמאָל אָפּגעטאָן זאַכן, וואָס איך האָב אויף זיי שפּעטער געמוזט חרטה האָבן. דער מענטש איז ניט געשאַפן צו זיין פולקום. מעגלעך אַז גראָד אין דעם באַשטייט די גאַנצע שיינקייט פונעם לעבן. אין דעם פאַל מיט ביצן האָב איך זיך אָבער געפילט פריי פון יעדער שולדיקייט. ער האָט פאַרקאָכט אַ קאַשע אום מיך צו מאַכן נאָכגעביקער, אָבער דערגרייכט האָט ער פונקט דאָס פאַרקערטע.

היינט האָב איך ניט קיין שום צווייפל אין דעם, אַז מיין ווייטערדיקע אַנטוויקלונג וואָלט אַוועק מיט איר נאַטירלעכן גאַנג אויך אָן דעם אינצידענט מיט ביצן. מיין צוזאַמענשטויס מיט אים האָט דעם פּראָצעס פון מיין אַנטוויקלונג אין אַ געוויסער ריכטונג בלויז פאַרשנעלערט. דאָס וואָס ביץ האָט געטאָן, איז געווען אַ פאַרמעסט אויף מיין אינעווייניקסט געפיל פון גערעכטיקייט. צום ערשטן מאָל האָט דעמאָלט אין מיר אויפגעבליצט דער געדאַנק, אַז פּאָליטישע פּאַרטייען זיינען גראָד ניט די בעסטע היטער פון גייסטיקער אומאָפּהענגיקייט, אַז דער ווילן צו מאַכט פאַרט זיך ניט מיט דעם מענטשנס אמתדיק געפיל פון פרייהייט. עס האָט נאָך גענומען אַ היפּשע צייט ביז אָט די צווישנשייכותן זיינען מיר געוואָרן אינגאַנצן קלאָר. דעמאָלט האָב איך געקראָגן דעם ערשטן אימפּולס צו אַזאַ באַוווסטזיין. דאָס איבעריקע איז שוין געווען אַ פראַגע פון צייט.

אַ קורצע צייט נאָך מיין איבעררעד מיט ביצן, זיינען אין אונדזער לייען-קלוב געקומען צוויי דעלעגאַטן פונעם וואַלפּאַראַיין און געבעטן מע זאָל זיי דערלויבן אויפצוקלערן אַ פּאָר פראַגן, וואָס די באַוועגונג האַלט זיי פאַר אויסנעמיק וויכטיק. קיינער האָט ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן קעגן דעם, און דער פאָרזיצער פונעם אָוונט האָט געגעבן דאָס וואָרט דעם ערשטן דעלעגאַט, קאַרל ביצן. ער האָט פונסגיי איבערגעחזרט די אַרגומענטן פון זיין שמועס מיט מיר. אָבער דאָ אין קלוב האָט ער גערעדט אין אַ זאַכלעכן טאָן. ער האָט אונדז ניט צוגעשריבן קיין שום שלעכטע כוונות. דערפאַר אָבער האָט ער מיט זיינע פיילן געצילט אין די בערלינער יונגע און געמאַכט פון זיי פוד און פראָך. ער האָט אַפּילו גאַנץ קלאָר געגעבן אָנצוהערן, אַז מע האָט דאָ צו טאָן מיט כלערליי טונקעלע עלעמענטן, וואָס מע קען ניט וויסן ווער עס האָט זיי אונטערגעשטעלט און אויף וואָס פאַר אַ וועג זיי ווילן פאַרנעמען די באַוועגונג. ער האָט באַזונדערס באַטאָנט דעם פאַקט, אַז פערזענלעכקייטן ווי בעבעל, ליבקנעכט, גרילענבערג און אַנדערע פאַרדינען אויף יעדן פאַל מער צוטרוי ווי אומבאַקאַנטע מויל-העלדן,

וואָס האָבן נאָך גאָרניט אויפגעטאָן. צום סוף האָט ער דערקלערט, אַז גראָד אונדזער יוגנטלעכע אומפּראַקטישקייט פּירט אונדז דערצו, מיר זאָלן אַרויס־הייבן זאַכן, וואָס מיר אַליין ווילן זיי גאָרניט, וואָס קענען אָבער ווערן געפערלעך פאַר דער באַוועגונג און אַז דערפאַר איז עס נייטיק, אַז אַן עלטערער פאַרטרע־טער פון דער פּאַרטיי זאָל תמיד בייזיין אויף אונדזערע זיצונגען, אום אונדז צו געבן נייטיקע אויפקלערונגען און אונדז פאַרהיטן פון אָפּנייגונגען איידער דאָס ווערט צו שפּעט.

אַז ב״ץ האָט געענדיקט, האָט אין לאָקאַל זיך איינגעשטעלט אַן אומהיימ־לעכע שטילקייט. יעדער איינער פון אונדז האָט מיט ערגערניש דערפילט אין ביצס ווערטער אַ פאַרשטעקטן מיין. אַ יונגערער גענאָסע האָט ענדלעך גע־בראָכן די שטילקייט מיט אַ פאָרשלאָג איבערצוגעבן דעם ענין אונדזער קרייז צו באַהאַנדלען און מיר זאָלן שפּעטער צו וויסן געבן דעם וואַלפאַראיין אונ־דזערע באַשלוסן. איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם פאָרשלאָג. מיר האָבן גאָרניט וואָס אויסצובאַהאַלטן, האָב איך געזאָגט. מיר דאַרפן די פראַגע באַהאַנ־דלען גלייך אויפן אָרט ביים בייזיין פון די צוויי דעלעגאַטן. די מערהייט איז געווען מיט מיר איינשטימיק.

איך האָב דער ערשטער גענומען דאָס וואָרט. איך האָב אָנגעוויזן, אַז די מאָטיוון וואָס האָבן אונדז באַוויגן צו שאַפן דעם קלוב, האָבן ניט געקענט זיין קיין אַנדערע ווי נאָר צו דינען דער באַוועגונג און אירע צילן. אָבער אונדזער באַוועגונג איז באַזירט אויף דעמאָקראַטיע און יעדער איינער פון אירע אָנהענ־גער האָט דאָס רעכט פריי אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג, אויך דעמאָלט ווען די אַנ־דערע גענאָסן זיינען מיט אים ניט איינשטימיק. איז עס דאָך די שטאַרקסטע זייט אין אונדזער באַוועגונג, וואָס זי וויים ניט פון קיין דאָגמעס.

וואָס ס׳איז שייך דער בערלינער אָפּאָזיציע, קענען מיר זיך האַלטן נאָר ביי דעם, וואָס אירע וואָרט־פירער זאָגן אַרויס עפנטלעך. אויב ב״ץ אָדער אַנדערע געגאָסן האָבן קאָנקרעטע באַווייזן דערויף, אַז די אָפּאָזיציע פון די יונגע באַ־שטייט דורכאויס פון „טונקעלע עלעמענטן״, איז עס זייער פליכט אַרויסצוקו־מען מיט אַזעלכע באַווייזן, כדי צו באַוואָרענען די באַוועגונג פון יעדן שאָדן. אַזוי לאַנג אָבער ווי קיינער האָט ניט אַזעלכע באַווייזן, האָט קיין שום פּאַרטיי־מיטגליד ניט דאָס רעכט אָפּצופרעגן די ערלעכע כוונות פון אַנדערע געגאָסן.

וועגן פאָרשלאָג צו שטעלן אויף ווייטער אונדזערע זיצונגען אונטער דעם קאָנטראָל פונעם וואַלפאַראיין, האָב איך דערקלערט, אַז קיין געגאָסע מיט אַכ־טונג צו זיך אַליין, וועט דערויף ניט איינגיין. קיינער פון אונדז וועט ניט האָבן קעגן דעם, אַז עלטערע געגאָסן זאָלן אינדיווידועל קומען צו אונדזערע זיצונ־גען. יעדער וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר אונדזער אַרבעט, וועט זיין ביי אונדז געוווּנטשן. אָבער שטעלן אונדזערע צוזאַמענקומעניש אונטער אַ וואָך — וועגן דעם קען קיינמאָל קיין רייד ניט זיין.

ביי די ווערטער איז ב״ץ אַן אויפגערעגטער מיר אַריינגעפאַלן אין די רייד

און מיך געפרעגט, צי איך פאַרטרעט דאָ מיין אייגענע מיינונג, אָדער צי איז עס די איינשטעלונג פונעם לייען־קלוב. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז איך האָבן דאָ אַרויסגעזאָגט מיין אייגענע מיינונג, איך קען מיר אָבער ניט פאָר־שטעלן, אַז אין דער באַהאַנדלטער פראַגע זאָל עמיצער פון די קלוב־מיטגלי־דער אַרויסזאָגן אַן אַנדערע מיינונג. זאָל זיך אָבער מאַכן קעגן אַלע דערוואַר־טונגען, אַז דער לייען־קלוב זאָל איינגיין דערויף צו נעמען אויף זיך די אָפּט־רופסות פון די עלטערע גענאָסן, אַזוי וועל איך דעמאָלט זיין געצוווּנגען ניט אָנצוהאַלטן לענגער מיין פאַרבינדונג מיטן קלוב, ווייל זיין עקסיסטענץ אַליין וועט דעמאָלט זיין אין אַ שאַרפן ווידערשפרוך צו די דעמאָקראַטישע גרונט־פּרינציפּן.

דאָ האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער דעלעגאַט פונעם וואָלפּאַראַיין און אָנגעוויזן, אַז מיט מיינע לעצטע ווערטער האָב איך אויסגעגעבן ווי ווינציק איך וויים, וואָס אַזוינס ס'איז דעמאָקראַטיע; דער וואָס אָנערקענט ניט דעם ווילן פון דער מערהייט, קען זיך איבערהויפּט ניט פאַררופן אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. אויב יעדער איינער זאָל אַרויסטרעטן פון אַ קאָלעקטיוו דערפאַר וואָס די מערהייט האָט אָנגענומען אַן אַנדערן איינשטעל ווי זיינער, וואָלט יעדע צו־זאַמענאַרבעט געווען אוממעגלעך. חוצדעם, איז אין יעדער דעמאָקראַטישער באַוועגונג פאַראַן אַן אינסטאַנץ, וואָס איר עובדה איז אויסצוגלייכן די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן די מיטגלידער.

איך האָב געענטפערט דעם דעלעגאַט, אַז דעמאָקראַטיע איז פאַר מיר ניט אַ שפּיל אין צאָלן: פינף רעכט, דריי אומרעכט. ווי איך פאַרשטיי דעמאָקראַטיע, דאַרף אויך די מינדערהייט האָבן די מעגלעכקייט צו ווירקן פאַר אירע איינ־שטעלונגען. מע קען באַשטימען ווי אַזוי צו רעאַליזירן אַן אויפגאַבע, וואָס די מערהייט אָנערקענט איר וויכטיקייט, קיין שום מערהייט האָט אָבער ניט דאָס רעכט צו באַשטימען ווי אַזוי אַ מענטש זאָל גלייבן און פילן. איך בין אַ סאָציאַ־ליסט, ווייל צו אַזאַ דערקענטעניש בין איך געקומען פון מיר אַליין, ניט אָבער דערפאַר ווייל באַשלוסן וואָס אַנדערע האָבן אָנגענומען זאָלן מיך האָבן געצייט צו האָבן אַ סאָציאַליסטיש באַוווסטזיין. קיינער האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין אונדזער קרייז ווייל אַנדערע האָבן עס באַשלאָסן פאַר אים. גלייכע צילן און בשותפותדיקע איבערצייגונגען האָבן אונדז צונויפגעפירט. די זעלבסט־באַשטי־מונגס־רעכט פון אונדזערע מיטגלידער — דאָס איז דער גרונט־פּרינציפּ פון אונדזער פאַראיין. אַזוי לאַנג ווי מיר האַלטן זיך ביי אָט דעם פּרינציפּ, זיינען די באַשלוסן פון דער מערהייט פאַרפליכטנדיק אויף פאַר יעדן איינצלנעם מיט־גליד, וואָס האָט אין דער פראַגע אַן אַנדער מיינונג. אָבער אין מאָמענט ווען דער לייען־קלוב פאַרוואַרפט דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג־רעכט און שטעלט זיך אונטער דעם קאָנטראָל פון אַ זייטיקער קערפּערשאַפט, איז אונדזער אָפּמאַך געבראָכן און דער איינצלנער מיטגליד איז ניט מער פאַרבונדן מיטן גאַנצן פאַראיין.

דער דורכשמועס האָט אָנגענומען אַ העפטיקן כאַראַקטער און אַרויסגע־בראַכט ביצן פון די כלים. אַז ער האָט צולעצט איינגעזען אַז די מערהייט מיט־גלידער פונעם קלוב זיינען אויף מיין זייט, האָט ער זיך געפילט אַ ביסל געפאַלן ביי זיך. צוליב דער שפעטער שעה, האָט מען אָפּגעלייגט דעם סוף פון די פאַר־האַנדלונגען אויף דער נאָענטסטער זיצונג און פאַרבעטן די דעלעגאַטן פונעם וואַלפּאַראַיין צו קומען און בייזיין דערביי ווען מיר וועלן שטעלן די פראַגע צו אַן אָפּשטימונג. מיט אַלע שטימען קעגן צוויי, האָבן מיר אין אַ העפלעכער פאַר־מולירונג אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג פונעם וואַלפּאַראַיין.

זינט דעמאָלט האָט מען אונדז געלאָזט לויפן. אָבער צווישן לייען־קלוב און טייל עלטערע גענאָסן האָבן זיך איינגעשטעלט אָנגעצויגענע באַציִונגען, וואָס האָבן מיט דער צייט אָנגענומען די פאָרעם פון אָפענער קעגנערשאַפט. פונדעסטוועגן זיינען ניט אַלע עלטערע גענאָסן געווען צו אונדז אַזוי אומטאָ־לעראַנט. מיט אַ צאָל פון זיי זיינען מיר אויך ווייטער געבליבן גוטע קאַמעראַדן. עס זיינען אַפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אונדז אין וואַלפּאַראַיין און ניט געווען צופרידן מיט ביצן פאַר דער מחלוקת, וואָס ער האָט אַרויסגערופן. מיין אָנקל האָט פון אָנהייב אָן געוואָרנט ביצן, אַז מיט זיין באַנעמען זיך הערשעריש, וועט ער דערפירן צו דעם, וואָס ער וויל גראָד פאַר־מיידן. ביץ האָט ניט נאָכגעגעבן. אונדזער קלוב האָט ביי אים שוין ניט געהאַט קיין אַנדערן נאָמען ווי נאָר „די מאַינצער אָפּטיילונג פון דער בערלינער אָפּאָ־זיציע" און ער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט ער זאָל ניט געבן צו פילן זיין ווידערווילן צו אונדזערע מיטגלידער.

די באַוועגונג פון די יונגע אין בערלין

מיין אָנקל האָט געטראָפן. עס האָט פּאַסירט פּונקט דאָס, וואָס ער האָט פאָראויסגעזאָגט. מיט די בערלינער יונגע האָבן מיר ניט געהאַט קיין שום קאָנ־טאַקט. אָבער גראַד דער פאַקט וואָס ביידע אונדזערע האָבן זיך אַזוי געפּלייסט אַרויסצורופן ביי אונדז אַ פאַרדאַכט אויף די וואָרט־פירער פון דער אָפּאָזיציע, האָט זיך אין אונדז דערוועקט אַן אינטערעס זיך צו דערקונדיקן פון דער ער־שטער האַנט און איינשטעלן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט בערלין. איך האָב דערביוועט קאַרל ווילדבערגערס אַדרעס און אים אָנגעשריבן אַ לענגערן בריוו אין נאָמען פון אונדזער לייען־קלוב, מיט דער ביטע אונדז צו באַקענען גענויער מיט די ווירקלעכע צילן פון דער אָפּאָזיציע, באַזונדערס אונדז קלאָר מאַכן, צי עס זיינען טאַקע וואָרהאַפטיק די קלאַנגען וואָס מע פאַרשפּרייט ביי אונדז, אַז די אָפּאָזיציע באַצוועקט אַ שפּאַלטונג פון דער פּאַרטיי.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך האָב באַקומען פון ווילדבערגערן אַן אויספירלעכן ענטפער, וואָס האָט אונדז איין מאָל פאַר אַלע מאָל געעפנט די אויגן אויף דעם גאַנצן פּאַרטיי־קאָך אין בערלין. ער האָט גלייך פון אָנהייב אָן אויסדריקלעך באַטאָנט, אַז סע האָט ניט קיין שום זין זיך אָפּצושטעלן אויף די קליינלעכע, בייזוויליקע פּליאָטקעס, וואָס מע האָט געלאָזט אין גאַנג אויפן חשבון פון דער אָפּאָזיציע. אין דער אמתן גייט עס אין פּרינציפּיעלע פראַגן און דער אופן ווי מע וועט פאַרענטפערן אָט די פראַגן, קען ווערן לעצטגילטיק פאַר דער גאַנצער צוקונפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. קיינעם פון די בערלינער געגנאָסן האָט ניט געקענט קומען אויפן זינען דער מינדסטער געדאַנק וועגן אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי. די קעגנער פון דער אָפּאָזיציע ווייסן עס זייער גוט, איז עס דערפאַר באַזונדערס פריקרע, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד. זיי טוען עס זיכער מיטן איינציקן ציל צו מאַכן דער אָפּאָזיציע אַ שלעכטן נאָמען און אַזוי אַרום זיך אַרויסדרייען פון יעדער זאַכלעכער דיסקוסיע. ס'איז אויך ווייט פון אמת, אַז די אָפּאָזיציע זאָל יאַקאָבי באַשטיין בלויז פון יונגע. די באַצייכענונג „אַ באַוועגונג פון יונגע" איז גיכער דער אויפטו פון מיטגלידער פון דער רייכסטאַג־פראַקציע,

אום צו פאַרמינערן דעם אָנזען פון דער אָפּאָזיציע אין די אויגן פון מענטשן, וואָס פֿילן זיך אַ ביסל אַריינצוטראַכטן אין דעם וואָס זיי הערן. פאַקטיש זיינען צווישן די אַזוי אָנגערופענע יונגע פאַראַן אַ סך עלטערע און אַלטע גענאָסן, פאַרטיי־מיטגלידער נאָך פון פאַר דעם סאָציאַליסטן־געזעץ.

ווילדבערגער רעכנט אויס דערנאָך אַ גאַנצע ריי באַשטימטע פּאַסירונגען אין דער פאַרטיי, וואָס מחמת דעם אויסנעם־צושטאַנד האָט די באַוועגונג ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף די באַשלוסן פון דער פּראַקטיע. די שטעלונג וואָס זי האָט אָנגענומען אין רייכסטאַג האָט אָפט ניט געהאַט די מינדסטע שייכות מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון דער באַוועגונג און מיט די פּרינציפּן פון סאָציאַליזם בכלל. איצט דערנענטערן מיר זיך צום מאָמענט ווען דער אויסנעם־צושטאַנד וועט באַזייטיקט ווערן און מע קען זיכער רעכענען מיט אַ באַרג־אַרויף פון דער באַוועגונג, אָבער ווי די לאַגע האַלט איצט, באַשטייט די סכנה, אַז אין דער פאַרטיי זאָלן אַריינדרינגען אַפּולע קליינבירגערלעכע עלעמענטן מיטן איינציקן אינטערעס זיך צו זיכערן אַ פּאָליטישע קאַריערע. מע מוז דערפאַר שלאָגן אַלאַרם אין אָנבליק פון דער פּערספּעקטיוו, אַז די באַוועגונג זאָל ביסלעכווייז אָנווערן איר פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער און זאָל ווערן געשטויסן אין דער ריכטונג פון אַ רעפאָרם־פאַרטיי, וואָס וועט בלויז בלייבן ביים אַלטן נאָמען „סאָציאַליסטישע פאַרטיי“.

פאַר אַלעמען מוז מען תמיד האַלטן אין אויג, אַז מיט פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען וועט מען קיינמאָל ניט דערגרייכן דעם עיקר־ציל פון סאָציאַליזם — די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע. וואָלן קענען אין בעסטן פאַל זיין נאָר אַ מיטל פאַרצובערענגען סאָציאַליסטישע אידייען פאַר ברייטע פאָלקס־מאַסן. אָבער אַז מע מאַכט זיך אַ גרינג לעבן און מע פאַררוקט אין הינטערגרונט די סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, אָדער מע פאַרלייקנט גאָר בכלל אָט די פּרינציפּן, אַבי צו דערגרייכן ביליקע וואַל־נצחונות, דעמאָלט פאַרלירט דער גאַנצער וואַל־טאַרעראַם יעדן באַדייט פאַר דער באַוועגונג.

צום באַדויערן קען מען קוים אָפּפרעגן דעם פאַקט, אַז זינט לאַנג שוין געבן זיך צו פילן אין דער פאַרטיי שטאַרקע אָפּאָרטוניסטישעביישטרעמונגען; די אָפּאָרטוניסטן מיינען עס אפשר ניט שלעכט, אָבער אויב מע וועט זיי באַזייטנס ניט איזאָלירן, מוזן זיי דערפירן צו אַן אַראָפּזינקען פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל אין דער באַוועגונג. שוין איצט קען מען לייכט פעסטשטעלן ווי די אָפּאָרטוניסטן הייבן אָן דאָ און דאָרט צו האָבן די אייבערהאַנט, ווי זיי ברעכן זיך דורך אַ וועג פאַר אַ שיכט פאַרטיי־באַאַמטע, וואָס וועט לאַנגזאַם אָבער זיכער פאַרוואַרפן די רעוואָלוציאָנערע צילן פון דער באַוועגונג. אָפּשטעלן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אָט די טענדענצן, איז די איינציקע אויפגאַבע, וואָס די אָפּאָזיציע האָט זיך געשטעלט. קיין שום אַנדערן צוועק האָט זי ניט. דאָס צושרייבן דער אָפּאָזיציע אַנדערע שטרעבונגען איז ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר גראָבע אומעטישקייט.

פון יענעם בריוו האָבן מיר אַלע אַרויסגעטראָגן זייער אַ שטאַרקן איינדרוק. כאָטש ס׳איז געווען גאַנץ קלאָר פון ווילדבערגערס בריוו, אַז ער ווייסט גענוי וועגן די בילבולים און פאַרדאַכטן וואָס מע פאַרשפּרייט איבערן לאַנד וועגן דער אָפּאָזיציע, האָט ער פונדעסטוועגן זיך ניט געלאָזט מיטרייסן מיט קיין מינדסטן פּערזענלעכן אָנגריף. ער האָט אַפילו ניט געפּרוּווט אָפּשלאָגן אָט די אַלע גע־מיינע אינקרימינאַציעס. מיט רואיקער זאַכלעכקייט האָט ער אויסגעלייגט פאַר אונדז זיין שטאַנדפּונקט און איבערגעלאָזט פאַר אונדז, אַז מיר אַליין זאָלן מאַכן די לאָגישע אויספירן. מע האָט געקענט יאָ אָדער ניט זיין איינפאַרשטאַנען מיט ווילדבערגערס מיינונגען, מע האָט אָבער ניט געקענט זאָגן, אַז די געדאַנקען וואָס ער זאָגט אַרויס אין זיין בריוו זאָלן קענען אויסגעטייטשט ווערן צווייזיי־טיק אָדער ניט־עכט.

מיר האָבן אויך געהאַט אַ זייטיקן באַווייז אויף ווילדבערגערס ערלעכ־קייט. מיר האָבן געוווסט אַז אין די לעצטע וואַלן איז ער געווען דער קאַנדידאַט פון דער פּאַרטיי אין בערלין. ער האָט געקראָגן אַ גרויסע צאָל שטימען, ער איז אָבער דורכגעפאַלן אין די שטיך־וואַלן בלויז דערפאַר, וואָס ער איז ניט איינ־געגאַנגען אויף קיין שום קאָנצעסיעס פאַר די בירגערלעכע פּאַרטייען. די פּאַר־טיי אין בערלין שטעלט ניט אַרויס די קאַנדידאַטור פון אַבי וועמען, און דער פאַקט וואָס ווילדבערגער האָט באַקומען דעם מאַנדאַט, איז געווען פאַר אונדז אַ וואָגיקער באַווייז דערויף, אַז זיין פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי איז ניט געווען פון די מינדערווערטיקע. זינט דעמאָלט איז עס געווען פאַר מיר מער ווי קלאָר, אַז אַלע טונקעלע אָנצוהערענישן, וואָס מע האָט געלאָזט אין גאַנג וועגן דער אָפּאָזיציע און וואָס אַנדערע לײַדיקע קעפּ האָבן נאָכגעבאַמקעט, — אַז דאָס אַלץ איז ניט מער ווי קליינלעכע רעקרימינאַציע, וואָס האָט ניט הינטער זיך קיין שום פאַקטישע באַגרינדונג.

דער לייען־קלוב האָט איינגעשטעלט אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די בערלינער יונגע און איז ביסלעכווייז געוואָרן אויף אַן אמת אַ פיליאַלע פון דער אָפּאָזיציע, ווי ביז האָט אונדז איראָניש באַצייכנט. מיר האָבן איצט געקראָגן אינפאָרמאַציע פון דער ערשטער האַנט וועגן אַלע פּאַסירונגען אין דער פּאַרטיי; מיר האָבן איצט געהאַט פאַר זיך אַ ברייטערן האָריזאָנט וועגן עצם זין פון דער באַוועגונג. זאַכן וואָס מיר האָבן זיי פריִער קוים באַמערקט, האָבן איצט אויפ־געטויכט פאַר אונדז אין פולער באַלייכטונג און האָבן אונדז אָן אויפהער גע־געבן שטאָף פאַר אַלזייטיקע באַטראַכטונגען. מע דאַרף אָבער דערביי האַלטן אין אויג, אַז אין אונדזער באַנעם זיינען מיר געבליבן שטרענגע מאַרקסיסטן; מיר זיינען געווען שטאָלץ אויף אונדזער „וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם“; מיר זיינען געווען איינגעגלייבט, אַז מיר האָבן אויף דער האַנט אַן אייזן־פעסטן אמת, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונדז די פאַרהוילנסטע סיבות פון אַלע סאָציאַלע דערשיינונ־גען און דערמעגלעכט אונדז צו באַנעמען די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטש־הייט ווי אַ געשלאָסענע גאַנצקייט פון עקאָנאָמישע פּראָצעסן, וואָס איר לעצט־

גילטיקע אויפקלערונג געפינט מען תמיד אין די פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן פון דער צייט.

ספּעציפישע באַווייזן אויף דער ריכטיקייט פונעם מאַרקסיסטישן באַנעם, האָבן אונדז אַנטשיידן געשטויסן אין דער ריכטונג פון דער אָפּאָזיציע. דאָס אָפּטע איבערשרייבן זיך מיט די בערלינער גענאָסן, האָט אויף אַ סך פאַרשנע־לערט אונדזער דעמאָלטיקע אַנטוויקלונג. אויב ס׳איז ריכטיק אַז מיט זיין שאַפן דעם מאָדערנעם פּראָלעטאַריאַט, האָט דער קאַפּיטאַליזם צו גלייכער צייט גע־שאַפן זיין אייגענעם באַגראָבער און אַז די אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער גרויס־אינדוסטריע פירט צום סאָציאַליזם לויט אַן אינעווייניקסטן מוז — פאַר אונדז אַן אַבסאָלוטער אמת, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אין אים געצווייפלט פונקט אַזוי ווייניק ווי פרומע קאַטוילקן צווייפלען אין די דאָגמעס פון דער קירך,— אויב דאָס אַלץ איז אַזוי, איז מוז דען ניט זיין די סאַמע וויכטיקסטע אויפגאַבע פון דער באַוועגונג דאָס אָניאָגן מיט אַלע מיטלען אָט די אַנטוויקלונג און ברענגען אָט דעם פון פאָראויס באַשטימטן פּראָצעס צום באַוווסטזיין פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און דער פּרווו צו מילדערן די איצטיקע לאַגע דורך רעפאָרמען — צי מוז דען ניט אַזאַ פּרווו פירן בלויז דערצו, אַז דער עקסיסטירנדיקער צושטאַנד זאָל באַשטיין לענגער? צי זיינען דען רעפאָרמען עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַן אָפּנאַרן די אַרבעטערשאַפט מיט פאַלשע האָפענונגען און אַ פאַרלענגערונג פון דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדענונג? און צי איז ניט דערפאַר יעטוועדע פאַר־לאַמענטאַרישע טעטיקייט אַיין גרויסע מיסטיפיקאַציע פונעם פּראָלעטאַריאַט?

אמת, די פּאַרטיי האָט אויסגענוצט די וואַלן פאַר אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליסטישע אידייען און די רייכסטאַג־טריבונע — פאַר אַ קאַמף־אַרע־נע קעגן דער היינטיקער געזעלשאַפט; אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָט די פּאַרטיי, איבעריקנס, קיין אַנדער געלעגנהייט ניט געהאַט; מע האָט דעמאָלט באַצייכנט אָט די אַרבעט ווי קריטישער פּאַרלאַמענטאַריזם, צי האָבן אָבער די סאָציאַליסטן אין פּאַרלאַמענט ניט איבערגעכאַפּט די מאָס, צי זיינען זיי ניט דערגאַנגען צו פּאָזיטיוון פּאַרלאַמענטאַריזם אויפן שטייגער פון אַלע בירגער־לעכע פּאַרטייען אין רייכסטאַג?

אָט די אַלע און אַנדערע פראַגן האָבן אונדז דעמאָלט זייער שטאַרק באַ־שעפטיקט. פאַר מיר פערזענלעך איז עס געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט מיט עכטער סאָציאַליסטישער דערציִונגס־אַרבעט קענען לאַנג ניט הויזן מיטאַנאַנד. ווי אַ גרויסע צאָל גענאָסן פון מיין באַקאַנטן אַרום בין איך געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טיפן גלויבן, אַז אויסקעמפן דעם סאָ־ציאַליזם קען מען נאָר מיט אַ גרויסער רעוואָלוציע און ניט אויפן וועג פון פּאַר־לאַמענטאַרישע רעפאָרמען. אָט די איבערצייגונג האָט געלאָזט הערן פון דער רייכסטאַג־טריבונע אַפילו אַזאַ איינער ווי פראַנץ יעסט, דער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט פון אונדזער שטאָט. ווי איז עס אָבער מעגלעך צו דערציִען די מאַסן

צו רעוואָלוציאָנערע אַקציעס, אויב די פּאַרטיי פאַרשווענדט איר גאַנצע ענער־גיע דערויף צו דערגרייכן וואָס גרעסערע וואַל־געווינסן?

פאַקטיש האָט מען טאַקע ניט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אויפקלערונג פון די ברייטע אַרבעטער־מאַסן. חוץ אַ פּאָר רומפּולע אויסנעמען, האָבן סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן צוגעזאָגט אין זייער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער און קליינבירגער דאָס זעלביקע וואָס סע האָבן צוגעזאָגט קאַנדידאַטן פון אַנדערע פּאַרטייען. אָן אַזעלכע צוזאָגענישן וואָלטן די סאָציאַליסטן טאַקע ניט געווען דערגרייכט אַזעלכע גוואַלדיקע וואַל־ציפערן, וואָס האָבן שפּעטער אַרויסגערופן אין אויסלאַנד אַזאַ גרויסן פּוראָר.

אויף יעדן פאַל האָבן מיר דעמאָלט אַליין ניט אָנגעהויבן צו וויסן ווי גרויס ס׳איז דער פּאַרנעם פון צעפּוילטקייט אין די רייען פון דער פּאַרטיי. אמת, שוין אין די וואַלן פון 1890 האָט מען געקענט מערקן ניט ווינציק נעגאַטיווע דער־שיינונגען, מע האָט אָבער געהאַט פאַר זיי אַ וויכטיקע דערקלערונג: דער אויס־נעם־צושטאַנד; מע האָט געהאָפט אַז נאָכדעם ווי עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ און עס וועט מעגלעך זיין אַ דירעקטע פּראָפּאַגאַנדע, וועט די באַוועגונג זיך באַפרייען אין אַ קורצער צייט פון געוויסע פעלערן און וועט פונסניי געפינען איר אינעווייניקסטע גלייכוואָג. אַזוי האָבן איבעריקנס גע־טראַכט אויך אַ סך פון די געגנאַסן אין בערלין, וואָס מיט זיי האָבן מיר אָנגע־האַלטן אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ. צווישן די יונגע זיינען דעמאָלט געווען בלויז געציילטע, וואָס האָבן געזען אַ ביסל טיפער. די גרויסע אַנטוישונג האָט לאַנג ניט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. דאָס אַלץ איז היינט פאַר מיר גאַנץ פאַרשטענד־לעך. אָבער דעמאָלט האָט מיר און מיינע נאָענטסטע פריינד געפעלט דער ניי־טיקער וויטבליק און פאַר אַלעמען — די פּראַקטישע דערפאַרונג פון די שפּע־טערע יאָרן.

דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ איז געגאַנגען אַ גאַנג. די באַגייסטערונג ביי דער אַרבעטערשאַפט איז געווען ניט צום באַשרייבן. שוין אַליין ביסמאַרקס רעזיג־נאַציע האָט אַרויסגערופן אין פאָלק אַ זייער שטאַרקן איינדרוק. דער סוף פונעם פאַרהאַסטן נבזהדיקן געזעץ, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך פאַר די דייטשע אַרבעטער אַזוי פיל אומגליק, האָט יענעם איינדרוק פאַרפילפאַכט. במשך די צוועלף שענדלעכע יאָר, האָט די באַוועגונג געהאַט איבערצוטראָגן 55 גרויסע פּראָצעסן, שוין ניט צו רעדן וועגן די אומאויפהערלעכע פּראָצעסן קעגן איינצל־נע פּערזאָנען! נאָענט צו 1500 פּעריאָדישע און ניט־פּעריאָדישע אויסגאַבעס זיינען פאַר דער צייט פאַרבאָטן געוואָרן; דינסט־גרייטע ריכטער, וואָס האָבן געמאַכט זייער קאַריערע אויפן חשבון פון די פאָלקס־מאַסן, האָבן אַרויסגע־טראָגן אורטיילן, וואָס האָבן אין לעצטן אונטערצי אויסגעמאַכט ביי אַ טויזנט יאָר תפיסה און קאַטאָרגע. די פאַרמשפּטע איז איינקרימינירט געוואָרן דאָס גרויסע פאַרברעכן צו האָבן אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, וואָס איז די מאַכט־האָ־בערס ניט געווען צום האַרצן. טויזנטער מענטשן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון

זייער הויז און היים און געיאָגט געוואָרן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן. ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם גאַנצן פאַרנעם פונעם מענטשלעכן אומגליק, די אומגעהייערע צאָל צעשטערטער לעבנס-גליק, וואָס שטעקט הינטער אָט די טרוקענע ציפערן. מע דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אָט די משוגענע פאַרפאָלגונגען האָבן צום שווערסטן געטראָפן אומשולדיקע פרויען און קינדער.

אַזוי באַלד ווי ס׳איז אָנגעלירט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן-געזעץ, האָט דער סאָציאַל־דעמאָקראַט אויפגעטויכט פון זיין אונטערגרונט. זינט סעפּטעמבער 1879 איז די צייטונג אַרויסגעגאַנגען רעגלמאָסיק אין אויסלאַנד און פאַרשפּרייט געוואָרן אין דייטשלאַנד אויף אומלעגאַלע וועגן. אַ ריי יאָרן איז די צייטונג געדרוקט געוואָרן אין ציריך. אויף ביסמאַרקס אויפפאָדערונג, האָט די שווייצאַרישע רעפּובליקאַנישע רעגירונג אָפּגעשטעלט דאָס דרוקן דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט אויף איר טעריטאָריע און די צייטונג איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין לאָנדאָן. אין די לעצטע יאָרן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ פלעגט מען פון צייט צו צייט דרוקן די צייטונג אומלעגאַל אין דייטשלאַנד. דאָס האָט דערמעגלעכט אַ גרעסערע פאַרשפּרייטונג.

ס׳איז אַוועק אַן אינטענסיווע אַרבעט איינצוריכטעווען פונסניי די באַוועגונג. במשך צוועלף לאַנגע יאָר האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי געפירט אַן אונטערערדישע עקסיסטענץ און געהאַט אייביק צו קעמפן מיט דער פּאָליציי. איצט איז די פּאַרטיי פונסניי אונטער די פליגלען פון דער קאָנסטיטוציע. אָבער אויך אַן דעם אויסנעם־צושטאַנד זיינען די געזעצן ניט געשטאַנען אין דייטשלאַנד אויף אַ גאָר הויכער מדרגה; פּרעסע־פרייהייט, רעכט פונעם אינדיווידום און אַזוי ווייטער, זיינען געווען אַרומגעצוימט מיט געוויסע רעגולאַציעס, אין מערב־אייראָפּע האָט מען דאָס אַלץ זינט לאַנג שוין געהאַט איבערגעקומען.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז דערוויל־וואָס איבערגעקומען דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, אָבער ווי אַזוי וועט די באַוועגונג זיך געשטאַלטן אונטער די נייע באַדינגונגען? ווי אַזוי וועט זי זיך ספּראַווען מיט אַ גאַנצער ריי נייע אויפגאַבן, וואָס פאַר זיי איז זי איצט געשטעלט געוואָרן? ס׳איז איצט באַשטאַנען די סכנה, אַז אין די באַמיִונגען פון די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן צוצופּאַסן זייער אַרבעט צו די נייע באַדינגונגען, זאָל די באַוועגונג ניט אַנווערן ביסלעכווייז אירע גרויסע צילן און די גרויסע מאָסן פון אירע אָנהענגער זאָלן ניט ווערן אָפּגעפרעמדט פונעם קאַמף פאַר גרויסע דערגרייכונגען.

ערשט איצט האָט געדאַרפט קלאָר ווערן פאַר אַלעמען דער גרויסער פאַרדינסט פון דער אָפּאָזיציע. זי האָט סוגעסטירט די אַקטיווע גענאָסן זיך צו פאַרטראַכטן אויף די וויכטיקסטע אַקטועלע פּראָבלעמען; זי האָט אַלאַרמירט אויף די גרויסע סכנות, וואָס לויערן אויף דער באַוועגונג. אָבער דערוויל האָבן בלויז געציילטע פּאַרטיי־טוער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן די ניט-פרײלעכע פּערספּעקטיוון פאַר דער באַוועגונג. די מייסטן זיינען גאַנץ פּשוט געווען ווי פאַרשיכורט פון דער מעגלעכקייט צו קענען לעבן און אַרבעטן אַן דעם אויס־

נעם-געזעץ; די מייסטן האָבן דערוויילע זיך ניט איבעריק שטאַרק געקימערט וועגן דער צוקונפט פון דער באַוועגונג, מ׳איז געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ מיט דער אַרבעט פון איינגלידערן די פּאַרטיי אין די נייע פאַרהעלטעניש. אין אַלע שטעט זיינען אויפגעקומען אָרגאַניזאַציעס פון דער פּאַרטיי מיט נייע פּאַרטיי-אָרגאַנען, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די נייע לאַגע. ביינאַנד מיט די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויך אויפגעלעבט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. אין אַלע טיילן פונעם לאַנד זיינען פאָרגעקומען ריזיקע פאַרזאַמלונגען. די פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן צוגרייטן אויף די ערטער איר ערשטן קאָנגרעס אויף דייטשן באָדן זינט ס׳איז איינגעפירט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן-געזעץ. דער קאָנגרעס האָט געזאָלט פאָרקומען אין דער שטאָט האַלע נאָך אין זעלביקן יאָר און עס זיינען געווען אויף דער האַנט אַלע גוטע סימנים, אַז דעם קאָנגרעס איז באַשערט אַ גרויסער דערפאָלג.

אין בערלין זיינען דערוויילע אָנגעגאַנגען די ערשטע עפנטלעכע דיסקוסיעס צווישן דער אָפּאָזיציע און די אַזוי אָנגערופענע פּראַקטיקאַנעלן. וועדליק זייער כאַראַקטער, האָבן אָט די דיסקוסיעס ניט געקענט אַרויסרופן קיין גרויסע האָפענונגען אויף דער צוקונפט. ס׳איז גיכער געווען פאַראויסצוזען, אַז די אַלטע פּאַרטיי-פירער וועלן ניט איינגיין אויף קיין שום קאָנצעסיעס פאַר דער אָפּאָזיציע. מער נאָך, ס׳איז געווען קלאָר פון אָנהייב אָן, אַז די פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרטרעטער פון דער פּאַרטיי האָבן גאָר איבערהויפּט ניט דעם מינדסטן חשק צו באַהאַנדלען זאַכלעך די פאָדערונגען, וואָס די אָפּאָזיציע האָט אַרויסגעשטעלט, אַז זיי ווילן, פאַרקערט, אונטערהאַקן דער אָפּאָזיציע די פליגלען פון סאַמע אָנהייב אָן. מע האָט זיך אָבער געקענט פרעגן, צי דאָס וועט זיך זיי איינגעבן אַזוי מיר ניט, דיר ניט. פון די קאָמוניקאַטן, וואָס די אָפּאָזיציע האָט אַרויסגעגעבן אין בערלין, איז געווען קלאָר, אַז זי האָט הינטער זיך אַ באַדייטיקן טייל פון דער אינעווייניקסטער באַוועגונג. אין די פריִער דערמאָנטע דיסקוסיעס זיינען די פּראַקטיקאַנעלן דערפאַר געווען געצייטיקט אַרויסצושטעלן זייערע בעסטע רעדנער.

איינע פון די היסטאָרישע מאַניפעסטאַציעס אין בערלין איז געווען דער ריזן-מיטינג אין זאַל פון לופּס ברויעריי, ווו קעגן די יונגע איז אויפגעטרעטן אויגוסט בעבעל. אַ געדיכטע מענטשן-מאַסע קאָפּ אויף קאָפּ האָט אָנגעפילט דעם קאָלאָסאַלן זאַל ביז אויף דעם לעצטן פּלאַץ. מע האָט באַצייטנס געמוזט אָפּשליסן דעם אַריינגאַנג פאַר דעם מאַסן-עולם, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שטראָמען. ס׳איז געווען בעבעלס ערשטער עפנטלעכער אויפטריט זינט ס׳איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער אויסנעם-צושטאַנד אין דער הויפּטשטאָט פונעם רייך. בעבעל איז אָן ספק געווען דער איינפלוסרייכסטער פירער פון דער פּאַרטיי; ער איז געווען באַליבט ביי די אַרבעטער מער ווי יעדער אַנדערער סאָציאַליסטישער פירער. ס׳איז דערפאַר געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז זיין אויפטרעטן אין בערלין נאָך אַזוי פיל יאָרן פון געצוווּנגענעם שווייגן, זאָל ווערן אַ

וויכטיקע געשעעניש פאַר זיך אַליין. פאַר אַלעמען איז מען געקומען זען דעם מאַן, וואָס מע האָט אַזוי לאַנג ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען. וועגן די פראַגן וואָס דאַרפן באַהאַנדלט ווערן אויפן מיטינג, האָט די גרעסטע מערהייט קענטיק זיך ווינציק־וואָס געקימערט. דאָס האָט געקענט אינטערעסירן בלויז אַן ענגערן קרייז גענאָסן, וואָס זיינען געווען אינפאָרמירט וועגן אַלץ, וואָס סע גייט אָן אין דער פאַרטיי אינעווייניק. די אָנהענגער פון דער פראַקציע האָבן זיכער אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז זייערע געטרייע מענטשן זאָלן ניט בלייבן אויף דער גאַס. ווערדליק דער מיטינג איז אַדורך איז געווען קלאָר, אַז זיינע אָרגאַניזירער האָבן פון אָנהייב אָן געהאַט אין זינען אַ פאַרמעסט מיט די כוחות פון דער אָפּאָזיציע.

פון די יונגע זיינען אויפגעטרעטן אויף דעם מיטינג די פירנדיקע גענאָסן: קאַרל ווילדבערגער, ווילהעלם ווערנער, ריכאַרד באַגינסקי און ברונאָ ווילע. אַז בעבעל האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע, האָט אין זאַל אויסגעבראָכן אַ שטורמישע אָוואַציע. בעבעלס רעדע האָט געדויערט צוויי פולע שעה. אָבער די וואָס האָבן דערוואַרט אַז דער אָנגעזעענסטער פירער פון דער פאַרטיי וועט אויפנעמען לויט דער ריי אַלע שטרייטפּונקטן און וועט אַרויסברענגען זיין אייגענע שטעלונג צו זיי, — האָבן איבערגעלעבט אַ שווערע אַנטוישונג. וועגן די ווידעראַנאַנדן צווישן דער אָפּאָזיציע און די בלויז פאַרלאַמענטאַריער אין דער פאַרטיי, האָט דער רעדנער מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט; קיין וואָרט ניט אויך וועגן דער איבערמאָסיקער מאַכט אין דער פאַרטיי, וואָס די פראַקציע האָט פּראַקטיצירט אין די יאָרן פונעם אויסנעם־צושטאַנד; קיין וואָרט ניט וועגן די גוט־באַגרינדעטע זאָרגן פון דער אָפּאָזיציע, וואָס אַזאַ צושטאַנד מוז דערפירן צום אויפקום פון אַ פּאָליטישער מאַשין און צו אַ פירערשאַפט, וואָס וועט פּאַראַליזירן די מיינונגס־פרייהייט פון די איינצלנע לאָקאַלע גרופּעס. פּונקט אַזוי ווייניק האָט בעבעל באַרירט די פראַגע, צי פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט דאַרף טאַקע זיין אַן עיקר־ציל פון דער באַוועגונג און וואָס פאַר אַ גרענעצן דאַרף מען אָנמערקן פאַר אַזאַ טעטיקייט אום צו פאַרמיידן אַ גייסטיקע פאַרפלאַכונג פון דער באַוועגונג. בעבעל האָט זיך יאָ לענגער אָפּגעשטעלט אויף „אָפּווייכונגען" מצד אַ גרעסערע צאָל וויכטיקע פאַרטיי־מיטגלידער, און דאָס גאַנצע געמאַכט צו קליינגעלט. ווערדליק בעבעלס רייד, איז אויסגעקומען אַז די אָפּאָזיציע טוט ניט עפּעס אַנדערש ווי נאָר צו שרעקן מיט סכנות, וואָס זיינען אין דער אמתן גאָרניט פאַראַן.

בעבעל האָט דער עיקר געשילדערט פאַר זיינע צוהערער ווי שווער די פאַרטיי האָט געדאַרפט צו קעמפן אונטער דעם סאָציאַליסטן־געזעץ און ווי די פאַרטיי האָט איצט טריומפירט איבער דעם אייזערנעם קאַנצלער. בעבעל האָט ביי דער שטעלע פון זיין רעדע אָנגענומען אַ טאָן, וואָס האָט געמוזט אַרויסרופן ביי די אַרבעטער אַ געפיל פון זעלבסט־ווערדע. זיין רעדע האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ פאָרוואורף דער אָפּאָזיציע, וואָס איר גאַנצער גערודער איז ניט מער ווי

אַ גיסן וואַסער אויף די מילרעדער פון די שונאים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אַז בעבעל האָט געענדיקט זיין רעדע, האָט זיך איבערן זאַל דורכגעטראָגן אַ נערוועזע אומרואיקייט. מע האָט ניט געדאַרפט זיין קיין איבעריק גרויסער נביא מע זאָל זען אין פאָראויס, אַז די רעדנער פון דער אָפּאָזיציע וועלן ניט האָבן קיין לייכט שטיקל אַרבעט. אַז ברונאָ ווילע האָט זיך באַוויזן אויף דער טריבונע ווי דער ערשטער רעדנער פון די יונגע, איז אין זאַל געוואָרן אַזאַ געטומל, אַז דער רעדנער האָט לאַנגע מינוטן ניט געקענט אַרויסברענגען קיין איינציק וואָרט. ווילע איז אין גאַנץ דייטשלאַנד געווען באַקאַנט ווי אַן אויסגעצייכנטער שרייבער און איינער פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן אין דער בערלינער באַוועגונג. ער האָט צוערשט קאַטעגאָריש אָפּגעפּרעגט בעבעלס פאָרוואורף, אַז ער און זיינע פריינד זאָלן האָבן עפּעס געטאָן, וואָס זאָל פירן צו אַ מאָראַלישער שפּאַלטונג פון דער באַוועגונג. כדי אויסצודריקן בילדעריש דעם געדאַנק, אַז פאַרשיידענע מיינונגען זיינען אין אַ גרויסער פּאַרטיי ניט נאָר אומפאַרמיידלעך, נאָר אַפילו אומבאַדינגט נייטיק, האָט ווילע זיך באַנוצט מיט דער פראַגע: „אַז דער ווינט טראָגט זיך אַדורך איבער די שפּיצן פון די ביימער, הייבן אָן די בלעטער זיך צו באַוועגן, אָבער דער שטאָם בלייבט שטיין פעסט אויף זיין אָרט". אָן שום קענטיקער סיבה, האָט ביי אָט די ווערטער זיך אויפגעהויבן אין זאַל אַזאַ געהייל, אַז דער רעדנער איז מער ניט געווען אין שטאַנד צו מאַכן זיינע אויספירונגען און געמוזט פאַרלאָזן די טריבונע. בעבעל וואָס וואָלט געקענט מיט איין וואָרט איינשטילן דעם עולם, האָט מיט קיין פינגער קיין ריר ניט געטאָן.

עס האָט קיין סך ניט געפעלט דער מיטינג זאָל זיך אויפלייזן אין אַ וויסטן געטומל. ענדלעך האָט זיך די דריי אַנדערע רעדנער פון דער אָפּאָזיציע פּאָרט איינגעגעבן צו קומען צום וואָרט. מע וואָלט אָבער ניט געקענט זאָגן, אַז מע האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס זיי האָבן געהאַט צו זאָגן. וועגן אַ רואיקן און זאַכלעכן דורכשמועסן זיך האָט מען ביי אַזאַ שטימונג גאָרניט געקענט טראַכטן. די דריי רעדנער האָבן ענערגיש פירגעבראַכט זייער שטאַנדפּונקט און זיך ניט געלאָזט אַרויסברענגען פון די כלים דורך אומאויפהערלעכע באַליידיקנדיקע צווישנרופן. ווילדבערגער האָט צום סוף פון זיין וואָרט דערקלערט, אַז אויב מע וואָלט זיך נאָך געניטיקט אין אַ באַווייז אויף וויפל די אָפּאָזיציע האָט רעכט, וואָלט דער פאַרלויף פונעם מיטינג באַדאַרפט איבערצייגן יעדן געגנער מיט אַ ביסל אינטעליגענץ ווי טיף עס האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער פּאַרטיי די אומטאָלעראַנץ צו אַן אַנדערנס מיינונג און אַ דעספּאָטיזם מצד אַ מינדערהייט, וואָס לאָזט זיך גאָרניט פאַרשטעלן. אָט די ווערטער האָבן קענטיק געמאַכט אַן איינדרוק אויף אַ גרעסערן טייל עולם אין זאַל. געענדיקט האָט זיך דער מיטינג מיט אַ רעזאָלוציע, וואָס האָט שאַרף פאַראורטיילט די אָפּאָזיציע. ווילע איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו בעבעלן און אים געשטעלט די פראַגע, צי האַלט

ער, אַז די רעזאָלוציע דריקט טאַקע אויס די מיינונג פון די ווירקלעכע גענאָסן. בעבעל האָט בלויז אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און געזאָגט: „דאָס זיי־נען ווײַלער״.

איך האָב נאָך היינט ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק, וואָס האָט מיך באַהערשט נאָכן איבערלייענען דעם באַריכט פון יענעם מיטינג. צום ערשטן מאָל האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע, צי איז בכלל פאַראַן עפּעס אַן אונטערשייד צווישן דעספּאָטיזם פון איינצלנע מאַכטהאָבערס און אַ פאַנאַטישער מאַסע, וואָס איז קאַפּאַבל בלינד צו פאַראורטיילן אַן ענין, וואָס זי האָט גאָרניט וועגן אים קיין שום מיינונג. די אָפּאָזיציע זאָל אַפילו געווען זיין אומגערעכט אין אַלע פונקטן, וואָלט אויך דעמאָלט אַזאַ פּראָצעדור געווען אומווערדיק ניט בלויז פון אַ דע־מאָקראַטישן, נאָר פּשוט פון אַ ריין מענטשלעכן שטאַנדפּונקט.ביסמאַרק האָט געוואָלט צוימען אַ גאַנצן שיכט פון דער באַפעלקערונג דערפאַר, וואָס זייערע שטרעבונגען זאָלן, ווי ער האָט עס געגלייבט, זיין אַ סכנה פאַר דער זיכערקייט פונעם שטאַט, און דאָ פּרוווט אַ מענטשן־מאַסע, מע וואָלט געקענט זאָגן אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, פאַרשליסן דאָס מויל אַ גרופּע אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, בלויז דערפאַר וואָס אירע אָנגעהעריקע האָבן זיך דערוועגט צו האָבן וועגן אַ צאָל פראַגן אַן אַנדער מיינונג און אַן אַנדער איינשטעל ווי עס האָבן די־פירער פון דער פּאַרטיי.

געוויס, ביסמאַרק האָט זיינע קעגנער פאַרשפּאַרט אין תּפיסות, אָדער זיי געלאָזט אַרויסטרייבן פון זייער הויז און היים, די אַנדערע קענען דאָס ניט טאָן, עס פעלט זיי דערצו די נייטיקע מאַכט, אָבער זייער בלינדע אומטאָלעראַנץ קומט פון זעלביקן ביסמאַרקישן גייסט, — דער קוואַל וואָס פון אים שעפּט יעדע אָפּע־נע און פאַרהוילענע רעאַקציע. אַזוי לאַנג ווי אַ באַוועגונג איז ניט אין שטאַנד אויסצוואָרצלען די אומפרייהייט פון אירע אייגענע רייען, וועט זיך שטענדיק איבערחזרן דער קרייזלויף פון דער בלינדקייט און עס וועלן שטענדיק זיך עפע־נען נייע וועגן פאַר דער גייסטיקער פאַרשקלאַפונג.

דער איינריס מיט דער אָפּאָזיציע

דעם אַלאַרם וואָס די אָפּאָזיציע האָט געשלאָגן, האָט בעבעל באַצייכנט ווי ניט-סובסטאַנציעל. אָבער גאָר גיך האָבן די רעאַלע פאַקטן דערוויזן, אַז די וואָרענונגען פון די אָפּאָזיציאָנערן זיינען געווען פולשטענדיק באַגרינדעט. קורץ נאָכדעם ווי ס'איז אַנולירט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן-געזעץ, האָט די פראַנצייזישע צייטשריפט לאַ רעוויו בלעי אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון געאָרג פאָן וואָלמאַר וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין דייטשלאַנד. אַ צאָל פראַנצייזישע צייטונגען האָבן רעאַגירט אויף וואָלמאַרס אַרטיקל מיט קריטישע באַמערקונגען. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער ענין איז דערגאַנגען אויך צו דער דייטשער פּרעסע. די איבערגעדרוקטע פראַגמענטן האָבן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע אַפילו אין דייטשע בירגערלעכע קרייזן, דער עיקר דערפאַר, וואָס וואָלמאַר איז געווען באַקאַנט ווי אַ פירנדיקער מיטגליד פון דער ראַדיקאַלער ריכטונג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אין זיין אָפּהאַנדלונג האָט וואָלמאַר אַנגעוויזן אין ערשטער ריי אויף דער ניי-געשאַפענער פּאָליטישער לאַגע אין דייטשלאַנד און אויף דער נייער טאַקטיק, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי מוז אָנעמען אין שייכות מיט די נייע באַדינגונגען. וואָלמאַרס לעצטער אויספיר איז געווען, אַז איצט, באַפרייט פונעם אויסנעם-צושטאַנד און פון ביסמאַרקן, דאַרף די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זוכן אַ קאָנטאַקט מיט די בירגערלעכע ליבעראַלן, כדי אַוועקצושטעלן אינאיינעם די דייטשע פּאָליטיק אויף נייע יסודות.

אַזאַ איינשטעל מצד איינעם וואָס איז געווען פאַררעכנט צווישן די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי-פירער, האָט געגעבן דער אָפּאָזיציע אַ נייעם אימפּולס. וואָלמאַרס איניציאַטיוו איז געווען אַ וואָגיקער באַווייז פאַר דער אָפּאָזיציע, אַז אין אירע וואָרענונגען איז ניט געווען קיין שמץ פון איבערטרייבונג, אַז סע האַלט אויף אַן אמת דערביי די פּאַרטיי זאָל אַבדיקירן פון אַלע אירע גרונטפּרינציפּן. אויף אַ גרויסער מאַסן-פאַרזאַמלונג אין בערלין, האָט מאַקס באַגינסקי אָנגעוויזן דערויף, אַז אויב די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע זאָל טאַקע מוזן זוכן אַ בונד מיט די ליבעראַלן, וואָלט דאָס געמוזט געטאָן ווערן אין דער ריכטונג פון ליבעראַלן און ניט —

רעכטס ווי וואָלמאַר לייגט עס פאָר, און דאָס ערשטע וואָס די פּאַרטיי וואָלט באַדאַרפט טאָן איז, זוכן אַ פאַרשטענדיקונג מיט די אַנאַרכיסטן און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן; זייער ריכטונג איז, וואָס אַן אמת, אַן אַנדערע, אָבער זייער ציל איז דער זעלביקער: איבערבויען די סאָציאַלע אָרדענונג. אַזאַ פאַרבינדונג וואָלט אויף יעדן פאַל געווען נענטער צום רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון דער פּאַרטיי איידער דאָס מאַכן קאָנצעסיעס דער רעגירונג און דעם בירגערטום.

די וואָרט־פירער פון די יונגע האָבן מיט זייער גאַנצער ענערגיע ניט אויפ־געהערט צו באַטאָנען, אַז וואָלמאַרס וועג מוז פאַרפירן די פּאַרטיי אין אַ טיפן זומפּ. מיט זייער קריטיק זיינען די יונגע זיכער ניט אויסן געווען צו שעדיקן דער פּאַרטיי, וואָס זיי האָבן איר אָפּגעגעבן זייערע בעסטע כוחות אין די צייטן פון דעם סאָציאַליסטן־געזעץ. אָבער אין זייער פאַרביסענער שנאה צו דער אָפּאָ־זיציע, האָבן די פּאַרטיי־פירער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען און געמאַכט זייערע קעגנער מיט דער בלאָטע גלייך. קעגן זייער ווילן זיינען אויך די יונגע אַריינגעפאַלן אין אַ טאָן פון פּערזענלעכע אָנפאַלן. דאָס איז גע־שען נאָכדעם ווי פּראָמינענטע פּאַרטיי־פירער, ליבקנעכטן אַריינגערעכנט, זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט צו באַצייכענען די אָפּאָזיציע ווי אַ חברה אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליציי.

דער קאַמף צווישן דער אָפּאָזיציע און פּאַרטיי־פירערשאַפט האָט אָנגע־נומען אַ ליידנשאַפטלעכן כאַראַקטער מיט שאַרפע פּערזענלעכע באַליידיקונגען. אָבער מיטן עצם קאַמף האָט דאָס גאָרניט געהאַט צו טאָן. די אָפּאָזיציע האָט ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן פּערזענלעכע זילזולים און אין דער פּאָלעמיק אַרויס־געהויבן דער עיקר די פּרינציפּיעלע חילוקי־דעות. ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּע־טער, בעת היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט די שענדלעכע קאַפּיטולאַציע פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דערוויזן ווי גערעכט עס זיינען גע־ווען די יונגע אין זייער אָפּשאַצן אָט די אַלטע פּאַרטיי אין אַ צייט ווען זי איז נאָך געווען אין אַ בליִענדיקן עלטער.

איך האָב געקענט פּערזענלעך, דעמאָלט, צום טייל און אין די שפּעטער־דיקע יאָרן כמעט אַלע וואָרט־פירער פון די יונגע: קאַרלווילדבערגער, וויל־העלם ווערנער, ברונאָ ווילע, די ברידער מאַקס און ריכאַרד באַגינסקי, אַל־בערט אַאורבאַך און אַ סך אַנדערע. טייל פון זיי זיינען געוואָרן מיינע נאָענט־סטע פריינד, דערפאַר טאַקע איז עס מיר נאָך היינט שווער צו באַגרייפן, ווי אַזוי האָט מען גאָר געקענט אויסטראַכטן אויף אַזעלכע מענטשן אַלדאָס בייז. ביי זייער אויסנעמיקער ערלעכקייט, זיינען אָט די מענטשן ניט געווען קיין בלינדע פאַנאַטיקער אין מינדסטן גראַד. אַלע האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטע־נער אינטעליגענץ, מיט פיינגעפיל, מיט הומאָר און מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַרן מין מענטש.

ס׳איז כדאי צו באַטאָנען, אַז גראָד די סאַמע אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־פירער האָבן אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן ברען אין דער פיינער אַרבעט צו קאָמפּראָ־

מיטירן די יונגע אין די אויגן פון די מאַסן. קורץ נאָך דעם ערפורטער קאָנגרעס איז ניט קיין אַנדערער ווי פרידריך ענגעלס אַרויסגעקומען מיט אַ דער „טי־פער“ אָפּשאַצונג פון די יונגע:

„די אָפּאָזיציע פון די פאַרריסענע בערלינער האָט זיך באַנומען אויפן קאָנ־גרעס נעבעכדיק און פּחדנותדיק. איצט מוזן די אָפּאָזיציאָנערן אַרומשמייען אין דרויסן פון דער פּאַרטיי, אויב זיי ווילן נאָך בכלל עפּעס טאָן. ס׳איז קיין שום ספק ניט פאַראַן, אַז צווישן זיי זיינען דאָ פּאָליציי־עלעמענטן; אַן אַנדערער טייל באַשטייט פון באַהאַלטענע אַנאַרכיסטן, וואָס פּרווון ווערבירן אָנהענגער צווישן אונדזערע מענטשן; ביינאַנד מיט זיי אַלע טרעפט מען אַן פּשוטע אייזלען, אויפ־געבלאָזענע סטודענטן, אַלערליי שלימזלען. אַרום און אַרום ניט קיין פולע צוויי הונדערט פאַרשוינען“ *.

דאָס טשיקאַווע דערביי איז דער פאַקט, וואָס פּערזענלעך האָט ענגלעס ניט געקענט קיין איין און איינציקן אָפּאָזיציאָנער, פּונקט ווי ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַווייז צו באַשטעטיקן די רעאַלקייט פון „פּאָליציי־עלעמענטן“. מיט זיין ניט געצוימטן אָנפאַל אויף דער אָפּאָזיציע, האָט ענגעלס נאָר מאַני־פעסטירט אַן איבעריק מאָל די פאַטאַלע ראָלע, וואָס ער, דער מיטגרינדער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, האָט געשפּילט אין די אינעווייניקסטע קאַמפן פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

ענגעלס איז עס אויך געווען דער יעניקער וואָס האָט באַצייכנט דאָס אויפ־טרעטן פון די יונגע ווי אַ רעוואָלט פון ליטעראַטן. דערמיט האָט ער נאָר באַ־וויזן וואָס פאַר אַ גרויסער זאַך־קענער ער איז געווען. אויב דאָס וואָרט „פּראָ־לעטאַריש“ האָט איבערהויפּט עפּעס אַ זין, איז די באַוועגונג פון די יונגע גע־ווען דורך און דורך פּראָלעטאַריש. אירע אָנהענגער אין בערלין און איבערן לאַנד, האָבן כמעט אַלע געשטאַמט פון אַרבעטער.

דעם 12טן אָקטאָבער 1890, איז אין האַלע פאָרגעקומען אַ קאָנגרעס פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווו ס׳איז צום ערשטן מאָל אַוועקגע־שטעלט געוואָרן פאַרן לאַנד די פראַגע וועגן דער אָפּאָזיציע פון די יונגע. די פאָרשטייער פון דער פּראַקציע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר גאָרניט אַבי ניט צו דערלאָזן, אַז אַ פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע זאָל געוויילט ווערן ווי אַ דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר. עפּעס נאָר טאַקע ווי דורך אַ נס האָט ווילהעלם ווערנער זיך פאָרט דורכגעזעצט ווי דער איינציקער דעלעגאַט פון די יונגע.

ביי דער סאַמע ערשטער געלעגנהייט האָט בעבעל דערקלערט דעם קאָנ־גרעס, אַז פאַר אים איז ווערנער ניט מער קיין פּאַרטיי־גענאָסע. בעבעל האָט געגעבן דעם טאָן. אַלע רעדנער נאָך אים האָבן אַלע איבערגעחזרט וועגן דער

* פון אַ בריוו צו זאָרקע פונעם 24סטן אָקטאָבער, 1891.

אָפּאָזיציע דאָס זעלביקע. דער איינציקער פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע האָט געהאַט קעגן זיך דעם גאַנצן קאָנגרעס.

היינט, מיט פופציק יאָר שפּעטער, אַז איך לייען דעם באַריכט פון יענעם קאָנגרעס ווער איך אויפגעקאָכט ווי דעמאָלט ווען איך האָב אים געלייענט צום ערשטן מאָל. געוויינטלעך קוקט מען מיט אַ מילדערן בליק אויף געשעענישן, וואָס מע איז געווען באַטייליקט אין זיי מיט צענדליקער יאָרן צוריק. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סאָרט איינדרוקן, וואָס ווערן ניט אָפּגעשוואַכט מיט דער צייט; זיי זיינען איינגעוועבט אין געדעכעניש ווי שאַרפע באַליידיקונגען, וואָס מע קען ניט פאַרגעסן, ווייל דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווערדע דערלאָזט ניט עס צו פאַרגעסן. צו אָט אַזעלכע איינדרוקן געהערן די פּאַסירונגען אין האַלע.

אַז מע לייענט דעם באַריכט פון דעם קאָנגרעס אין האַלע, וואָס די פּאַר־טיי־פירערשאַפט האָט געשיקט צונויפגעשטיקעוועט און מע איז דערביי ניט באַ־קאַנט מיט די געשעענישן פון דער צייט, קען מען קומען צום אויספיר, אַז די אָפּאָזיציע איז באַשטאַנען פון אַ כאָפּטע קליינקעפּלדיקע פאַרשוינען, פּראָפּע־סיאָנעלע וואָרטשערס, וואָס די אמתע מאָטיוון פון זייערע האַנדלונגען האָבן נאָר געקענט האָבן אַ שייכות מיט טונקעלע מאַכינאַציעס. ס'איז גאָרניט פאַראַן אַזאַ פאַרדאָרבנקייט, וואָס מע זאָל דאָרט ניט האָבן פאָרגעוואָרפן דעם איינציקן פאַרטרעטער פון דער אָפּאָזיציע און כדי פול צו מאַכן די מאָס, האָט מען נאָך צוגעגעבן, אַז ער, ווערנער, איז אַ פולשטענדיקער איגנאָראַנט אין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט סאָציאַליזם. די אַזוי אָנגערופענע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע האָט אַזוי פאָרמולירט איר כאַראַקטעריסטיק פון ווערנערן: „ער פאַרמאָגט ניט קיין געפיל פון טאַקט און עס פעלט אים די פעאיקייט צו באַנעמען ווי שלעכט זיינע האַנדלונגען מוזן זיך אָפּרופן אויף די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי".

ווילהעלם ווערנערן האָב איך געקענט פּערזענלעך בעסער ווי איך האָב געקענט אַלע אַנדערע פאַרטרעטער פון דער בערלינער אָפּאָזיציע. מיר האָבןביידע שפּעטער דורכגעמאַכט די זעלביקע גייסטיקע אַנטוויקלונגען און במשך פופציק יאָר האָט אונדז פאַרבונדן אַן ענגע פריינדשאַפט. היינט נאָך, בעת איך שרייב אָט די שורות, האַלט איך אָן אַ באַשטענדיקן בריוולעכן קאָנטאַקט מיט דעם צוויי־און־אַכציק יאָריקן ווערנער. איך קען מיר דערפאַר דערלויבן צו געבן מיין אָפּשאַצונג וועגן אָט דעם מענטשן, וואָס זיינע אַמאָליקע קעגנער האָבן וועגן אים געזאָגט אַלץ וואָס אין דער קאָרט.

ווילהעלם ווערנער איז אין יענע צייטע יאָרן געווען איינער פון די בעסטע פאָלקסרעדנער אין דער באַוועגונג אין בערלין. פאַר קיין פּאַרלאַמענטאַריער האָט ער זיך אפשר ניט אויסגעטויגט, דערצו איז ער געווען צו גראָדליניק און ניט געהאַט די פעאיקייט צו צופּאַסן זיך צו די אומשטאַנדן. אָבער יעטוועדער געדאַנק וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט איז געווען קלאָר און שאַרף; ער האָט פאַר־מאָגט אַ געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, וואָס האָט תמיד געשעפּט דירעקט פו־

נעם לעבן און צו אַלץ דעם — אַ ניט־אויסשעפּלעכן הומאָר. הערן ווערנערן רעדן, איז תמיד געווען אַ גענוס.

ווערנער האָט געשטאַמט פון אַ שווער־געפּרוווטער בערלינער אַרבעטער־פאַמיליע און האָט היגטער זיך אַ שווערע יוגנט. ער איז געווען איינער פון די אָרנטלעכסטע מענטשן, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין מיין לעבן. אַ געטרייער פריינד, אויפריכטיק, תמיד גרייט צו קומען צו הילף אַ צווייטן. אויף זיין וואָרט האָט מען זיך געקענט פאַרלאָזן. הינטער־געדאַנקען זיינען אים געווען פרעמד און פונקט אַזוי פרעמד איז אים געווען יעדע פּערזענלעכע אויסרעכענונג. אין די ציטן פון אויסנעם־צושטאַנד האָט די פּאַרטיי זיך באַנוצט מיט זיין קליינער דרוקעריי פאַר אומלעגאַלע פּראָקלאַמאַציעס. די פּאַרטיי־פירער, בעבעל גאַר באַזונדערס, האָבן דאָס זייער גוט געוווּסט. ווערנערס כאַראַקטעריסטיק וואָלט ניט געווען פאַרגאַנצט אויב מע זאָל ניט דערמאָנען, אַז דער גרונט־שטריך פון זיין כאַראַקטער איז געווען זיין שאַרף אַנטוויקלט געפיל פאַר גערעכטיקייט. אין דער היץ פון פּאָלעמיק האָט ער געקענט ווערן אַפילו ברוטאַל, באַזונדערס אויב ער האָט געפילט אַז עס ווערט קעגן עמיצן באַגאַנגען אַן עוולה.

פאַר די וואָס האָבן געקענט ווערנערן נענטער — אין ערשטער ריי די פּאַר־טרעטער פון בערלין אויף דעם קאָנגרעס אין האַלע — פאַר זיי איז עס געווען מער ווי קלאָר, אַז אַלע אינסינואַציעס אויף זיין חשבון האָבן אַבסאָלוט ניט קיין האַפט. אָבער די געמיינע אָנצוהערענישן האָבן געמאַכט די גרויסע פון דער פּאַרטיי און קיינער האָט מער ניט געוואַגט זיך איינצושטעלן פאַר ווערנערן מיט אַ וואָרט. אין אַ לאַנד ווו דער גלויבן אין אויטאָריטעט ליגט דעם פאָלק אין בלוט, האָט מען קוים געקענט דערוואַרטן עפּעס בעסערס. בלויז גאַר־גאַר וויג־ציקע האָבן געהאַט דעם מוט זיך איינצושטעלן פאַר ווערנערן. געאָרג פאָן וואָל־מאַר האָט זיך אַפילו ניט אָפּגעשראָקן דערפון צו וואַרפן דער פראַקציע אין פנים אַריין, אַז די פּאַרטיי־פירער טראָגן די שולד דערפאַר, וואָס דער קאַמף מיט די יונגע האָט אָנגענומען אַזעלכע שאַרפע פאָרמען.

ווערנערן וואָלט מען געקענט מאַכן דעם פאָרוווּרף פאַרוואָס ער האָט גלייך אויפן קאָנגרעס ניט דערפירט צו דער שפּאַלטונג וויבאַלד ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז יעדע צוזאַמענאַרבעט פון דער אָפּאָזיציע מיט דער פּאַרטיי איז אַן אוממעג־לעכע זאַך. איך אַליין האָב אים שפּעטער געשטעלט אָט די פראַגע און ער האָט מיר געענטפערט גאַנץ אויפריכטיק, אַז ער אַליין האָט שוין לאַנג חרטה אויף זיינע דעמאָלטיקע קווענקלענישן. מע דאַרף אויף יעדן פאַל ניט פאַרגעסן, אַז ווערנער, ווי די אָפּאָזיציע בכלל, האָבן צו יענער זיך געפילט ווי סאָציאַל־דע־מאָקראַטן, וואָס ווילן בלויז וואָרענען די פּאַרטיי זי זאָל ניט אַוועק מיט אַ פאַלשן וועג. אָבער גראָד אָט דער פאַקט וואָס ווערנער האָט אין האַלע ניט אָפּגעבראָכן מיט דער פּאַרטיי, — דאַרף זיין דער בעסטער באַוויז דערויף ווי וויניק די יונגע האָבן געטראַכט וועגן שפּאַלטן די פּאַרטיי, ווי מע האָט זיי שפּעטער פאַר־געוואָרפן אַן שום באַגרינדונג.

שוועד איבערצוגעבן דעם דערדריקנדיקן איינדרוק, וואָס אונדזער ענגע־רער קרייז אין מאַינץ האָט אַרויסגעטראָגן פון די פּאַסירונגען אויפן קאָנגרעס אין האַלע. מיר האָבן געהאָפט אַז די העכערע פאַרטרעטונג פון דער פּאַרטיי אויפן קאָנגרעס אין האַלע וועט זיין מער יושרדיק צו דער אָפּאָזיציע ווי ס׳איז געווען די בערלינער אָרגאַניזאַציע, און מיר האָבן זיך דערפילט מיאוס אָפּגע־נאַרט. ס׳איז פאַר אונדז געוואָרן קלאָר, אַז די פּאַרטיי־פירונג איז גאָרניט פאַר־אינטערעסירט זיך צונויפצורעדן מיט דער אָפּאָזיציע, אַז דער קאָנגרעס איז פאַר די פּאַרטיי־פירער אַן אַרענע צו דיסקרעדיטירן די אָפּאָזיציע, כדי זי אינ־גאַנצן אַרויסצובאַקומען פון דער פּאַרטיי. מיר זיינען געווען זייער פאַרביטערט און ס׳איז געווען פּראָוואָקאַציע, אַז די פאַרזאַמלונג ווי דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט פראַנץ יעסט וועט אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן קאָנגרעס אין האַלע, וועט ניט אָפּ־לויפן אויף אַ פרידלעכן אופן.

דאָס איז געווען אַ וואָך נאָכן קאָנגרעס. פאַר אַן איבערגעפולטן זאַל פּאַר־טיי־מיטגלידער האָט יעסט אָפּגעגעבן זיין באַריכט וועגן די פאַרהאַנדלונגען אויפן קאָנגרעס אין האַלע. שוין פון זיינע ערשטע ווערטער איז ניט שווער גע־ווען אַרויסצוהערן דעם טאָן, וואָס האָט געהערשט במשך דעם גאַנצן קאָנגרעס. וועגן די שאַרפע דיסקוסיעס אין שייכות מיט דער אָפּאָזיציע, האָט יעסט אַזוי פאַרבייגייענדיק בלויז דערמאָנט דעם נאָמען ווילהעלם ווערנער און די „אַזוי אָנ־גערופענע אָפּאָזיציע״, און צום סוף האָט ער זיך דערערדט דערצו, אַז די גאַנצע אָפּאָזיציע זאָל זיין ניט מער ווי אַ מאַכינאַציע פון דער פּאָליציי. ביי אָט די ווערטער האָבן די יונגע אין זאַל אויפגעהויבן אַזאַ טומל, אַז דער רעדנער האָט לאַנגע מינוטן ניט געקענט אָנגיין ווייטער מיט זיין רעדע. אָפּילו טייל עלטערע גענאָסן האָבן גענומען פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ געמיינעם פאַרדאַכט און געפּאָ־דערט פונעם רעדנער ער זאָל צוריקציען זיינע ווערטער. יעסט האָט דערויף געענטפערט, אַז דאָס וואָס ער האָט אָקערשט געזאָגט וועגן דער אָפּאָזיציע איז די מיינונג פון אַלטע, פאַרטרוילעכע פּאַרטיי־גענאָסן, וואָס זיינען גוט באַקאַנט מיט די פאַרהעלטענישן אין בערלין און וואָס ער, יעסט, גלייבט זיי אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. ווער עס זיינען אָט די „פאַרטרוילעכע גענאָסן״ האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געזאָגט. אויף ווי ווייט יעסט אַליין האָט זיך אויף אַן אמת אַריינגעטראַכט אין אינצידענט מיט ווערנערן, האָט מען געקענט אַרויסזען פון דער דערקלערונג, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אויפן קאָנגרעס: „דער אופן ווי זיי (די יונגע) האָבן געפירט זייער קאַמף, איז פאַר מיר גענוג איך זאָל צו אָט די עלעמענטן ניט האָבן קיין צוטרוי. קיין אָביעקטיווע באַווייזן האָב איך ניט, אָבער סוביעקטיוו בין איך איבערצייגט, אַז פאַר אָט די לייט מוזן מיר זיך זייער היטן״...

די דעבאַטע אַרום יעסטס באַריכט זיינען געווען ביז גאָר שטורמיש און האָבן פאַרנומען צוויי אָוונטן. אָפּילו פון זיינע אָנהענגער האָט יעסט געמוזט אויסהערן גאָרניט קיין אָנגענעמע אמתן. פון די יונגע האָבן חוץ מיר, גערעדט

נאָך אַנדערע צוויי מיטגלידער פונעם לייען-קלוב. איך האָב צוערשט געפּרוווט דערמאָנען אין וואָס עס באַשטייען די פאָדערונגען פון דער אָפּאָזיציע, און האָב זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דעם באַשלוס וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען, אַז די פּאַרטיי־פּרעסע דאַרף שטיין אונטער דעם דירעקטן קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי־פירערשאַפט; איך האָב אָט דעם באַשלוס אַרויסגעשטעלט ווי אַ באַווייז דערויף, אַז די אָפּאָזיציע איז געווען גערעכט אין איר וואָרענען קעגן דער מעגלעכקייט פון אַזאַ באַשלוס, וואָס איז ניט בלויז אַ שרייענדיקער קאָנטראַסט צו אַלע דעמאָקראַטישע גרונט־פּרינציפּן, נאָר דערמיט ווערט במילא אַנולירט יעטוועדע מעגלעכקייט פון מיינונגס־פאַרשיידנקייט אין דער פּאַרטיי. דאָס אַליין דאַרף זיין דער וואָגיקסטער באַווייז דערויף, אַז די טענות פון די יונגע זיינען ניט סתם ווערטער אין דער וועלט אַריין. מיין רעדע האָב איך פאַרענדיקט מיט דער קאַטעגאָרישער פאָדערונג, אַז יעסט זאָל צושטעלן באַווייזן פאַר דעם שווערן פאַרדאַכט וואָס ער האָט זיך דערלויבט אַרויסצוזאָגן. אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, דעמאָלט וועט ער זיך ניט דאַרפן וווּנדערן, וואָס זיין באַהויפּטונג וועט מוזן קלאַסיפיצירט ווערן ווי אַ בייזוויליקער בילבול.

אָט די ווערטער מיינע האָבן אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקן שטורעם. דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג האָט מיך אויפגעפאָדערט איך זאָל צוריקנעמען מיינע ווערטער. איך האָב אים געענטפערט, אַז ער האָט זיך געווענדט אויפן ניט־ריכטיקן אַדרעס. ניט איך, נאָר דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט יעסט האָט דעם מאָראַלישן חוב צוריקצונעמען דאָס וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דער אָפּאָזיציע, אָדער ער דאַרף באַווייזן דער פאַרזאַמלונג די ריכטיקייט פון זיין פאַרדאַכט. אַזוי לאַנג ווי דאָס פּאַסירט ניט, מוז מען מיר צוגעבן, אַז איך האָב אָנגערופן זאַכן מיט זייער ריכטיקן נאָמען.

מיין דערקלערונג האָט אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערן טומל ווי מיינע פריערדיקע ווערטער. דער פאָרזיצער האָט מיט זיין גלעקל גאָרניט געקענט אויפטאָן. אין זיין אומבאַהאָלפנקייט האָט ער ניט געפונען עפּעס בעסערס ווי נאָר צונעמען ביי מיר דאָס וואָרט. אין זאַל האָט זיך איינגעשטעלט אַן אמתע וואַקכאַנאַליע. טייל האָבן אַפּלאָדירט דעם פאָרזיצער, אַנדערע האָבן געפאָדערט איך זאָל ווייטער רעדן. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן אַ גוטע פערטל שעה. אַז ס'איז געוואָרן אַ ביסל שטילער, האָט דער פאָרזיצער מיר שוין אַפילו דערלויבט צו פאַרענדיקן. אָבער איך האָב שוין אָפּגעזאָגט וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגן און מער ניט געוואָלט רעדן. די פאַרזאַמלונג האָט לסוף אָנגענומען יעסטס באַריכט, אָבער די מערהייט איז ווייט ניט געווען קיין זיכערע, ווייל כמעט אַ העלפט פון די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען.

אומגעפער מיט אַ וואָך שפּעטער האָט די לאָקאַלע פּאַרטיי־פירערשאַפט מיך אויפגעפאָדערט דורך אַ בריוו, איך זאָל זיך עפנטלעך אַנטשולדיקן פאַר דעם רייכסטאַג־דעפּוטאַט יעסט, אויב איך וועל עס ניט טאָן, וועט מען שטעלן אויפן טאָגאָרדענונג די פראַגע וועגן מיין אויסשלוס. ווי אַ באַשווערנדיקער

אומשטאַנד איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אַ באַליידיקונג דעם מאַינצער דעפּוטאַט מצד אַ יונגנמאַן פון מיין עלטער, קען זייער אַ סך שעדיקן דעם פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי. ווי אַ טערמין פאַר מיין ענטפער, האָט מען מיר געגעבן אַ וואָך צייט.

איך האָב דער פּאַרטיי־פירערשאַפט געענטפערט באַלד אויפן צווייטן טאָג. איך האָב דערקלערט די בראַווע לייט, אַז אָנשטענדיקע מענטשן, אָפּגעזען פון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט, וואַרפן ניט קיין פאַרדאַכט אויף אַ גאַנצער גרופּע צו האָבן פאַרבינדונגען מיט דער פּאָליציי, סיידן מע קען דעם פאַרדאַכט באַגרינדן מיט קאָנקרעטע באַווייזן. אין מיין פאַל האָב איך צוריקגעוויזן אַ בילבול, וואָס מע האָט געמאַכט עפנטלעך און דאָס האָט שוין גאָרניט צו טאָן מיט יונג אָדער אַלט. וואָס ס׳איז שייך דער פראַגע וועגן מיין אויסשלוס, האָב איך געלאָזט וויסן, אַז דאָס לאָזט מיך גאַנץ קאַלט. נאָך מיינע לעצטע דערפאַרונגען, שטעל איך מיר פון מיין זייט די פראַגע, צי עס לוינט זיך געהערן צו אַ פאַראייניקונג, וואָס דער ניט־אמת אין מויל פון אַ רייכסטאַג־דעפּוטאַט איז פאַר איר וויכטיקער ווי דער ערלעכער צאָרן פון אַ פשוטן גענאָסע.

מיט אַ חודש שפּעטער האָט מען מיך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי און מיר צו וויסן געגעבן, אַז איך קען אַפּעלירן צו דער קאָנטראָל־קאָמיסיע אין בערלין. מיין אויסשלוס האָט מיך געלאָזט גאַנץ קאַלט. איך האָב שוין זינט לאַנג געפילט, אַז איך פּאַס זיך ניט אַריין אין אָט די קרייזן. איך האָב דערפאַר ניט אָנגענומען דעם פאַרבעט צו דער זיצונג ווו ס׳איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן מיין אויסשלוס. איך האָב איינגעזען אַז סע האָט ניט קיין צוועק זיך אַריינצולאָזן נאָכאַמאָל מיט די לייט אין אַ דיסקוסיע וועגן רעכט און אומרעכט.

איבעריקנס איז יענע זיצונג ניט אָפּגעלאָפן גאַנץ גלאַטיק. אַ גאַנץ היפּשער טייל פון די עלטערע גענאָסן האָבן געשטימט קעגן מיין אויסשליסונג, צווישן זיי — ממש צום שטוינען — אויך ביץ. אַנדערע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, אַזוי אַז דער באַשלוס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ גאַנץ שוואַכער מערהייט. דעם הער יעסט איז עס פשוט געגאַנגען אין לעבן איך זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דער פּאַרטיי. מיין אָנקל איז אויף יענער זיצונג ניט געווען, און דאָס איז פון זיין זייט געווען זייער גוט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט הער יעסט געמוזט איבערלעבן אויף זיין אייגענער הויט דאָס ווערן אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. אין זיין פאַל האָט זיך עס אָבער ניט געהאַנדלט אין פּאָליטישע דיפערענצן, נאָר אין מער קאָנקרעטע סיבות.

די לאָקאַלע גרופּע האָט פאַרשטענדיקט דעם לייען־קלוב וועגן מיין אויסשלוס מיט דער אָנווייזונג, אַז די מיטגלידער דאַרפן דערפון מאַכן דעם געהעריקן אויספיר. דאָס איז אָבער געטאָן געוואָרן בלויז צוליב פאַרעם. מע האָט גוט געוווּסט, אַז די מיטגלידער פונעם לייען־קלוב וועלן קיינמאָל ניט צושטימען צום באַשלוס מיך צו באַזייטיקן פון דער פּאַרטיי. אויף אַ גוט באַזוכטער מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פונעם לייען־קלוב איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער

טעקסט פּאַר אַן ענטפער דער לאָקאַלער גרופּע. דער לייען־קלוב איז באַשטאַנען דערויף, אַז דער באַשלוס פון דער גרופּע איז ניט פאַרפליכטנדיק פאַרן לייען־קלוב. צום סוף פונעם ענטפער איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן די סאָלידאַרי־טעט פונעם לייען־קלוב מיט מיין פאָדערונג יעסט זאָל ברענגען קאָנקרעטע באַווייזן פאַר זיינע באַשולדיקונגען קעגן דער אָפּאָזיציע.

אויף אַזאַ דערקלערונג מצד דעם לייען־קרייז האָט די לאָקאַלע גרופּע קענ־טיק זיך ניט גערעכנט. די פירער פון דער גרופּע האָבן זיך אָבער אַוועקגעלאָזט אויף אַ וועג, וואָס פון אים איז ניט געווען קיין צוריק. דער לייען־קלוב איז מיט האַק און פּאַק געשטעלט געוואָרן מחוץ דער פּאַרטיי. „די פּאַרטיי ברעכט אָפּ מיט אייך אַלע גענאָסנשאַפטלעכע פאַרבינדונגען“, האָט עס געהייסן אין דעם אויסשלוס־בריוו פון דער גרופּע. דאָס איז אויך ניט צוגעגאַנגען גאַנץ אָן אינצי־דענטן. עלף עלטערע גענאָסן זיינען אין פּראָטעסט קעגן דער האַנדלונג פון דער גרופּע, אַרויסגעטרעטן פון דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע און זיך אָנגעשלאָסן אין לייען־קלוב. מיר האָבן אויך דעמאָלט אַריינבאַקומען אַ שטאַרקן צופלוס פון די רייען פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די בוכבינדער. מיר האָבן גע־מוזט דינגען אַ נייעם פאַרזאַמלונג־זאַל, דער פריערדיקער איז געוואָרן צו קליין פאַר אונדזער באַשטענדיקן עולם.

די אינעווייניקסטע ווידעראַנאַנדן פֿאַרשאַרפֿן זיך

די פֿאַרזאַמלונגען אין לייען־קלוב האָב אָנגעהויבן ווערן זייער באַלעבאַט. די וואָכנטלעכע רעפּעראַט־אָוונטן זיינען געווען אָפֿן אויך פֿאַר ניט־מיטגלידער און מיר האָבן געוויינטלעך געהאַט אַן עולם פֿון זעכציק ביז הונדערט פּערזאָן. פֿון די ניט־מיטגלידער וואָס זיינען אין יענעם פּעריאָד געווען גאָר אָפֿטע געסט אין לייען־קלוב, זיינען מיר פֿאַרבליבן אין זכרון צוויי טשיקאַווע טיפּן, וואָס פֿאַרדינען איך זאָל זיי אויסטיילן פֿון אַלע אַנדערע. ביידע האָבן זיי געהייסן וואָלף, קיין משפּחה־קרובהשאַפֿט איז צווישן זיי פֿונדעסטוועגן ניט געווען. ביי איינעם האָט זיך געוואָרפֿן אין די אויגן זיין פּעך־שוואַרצע באָרד, האָבן מיר אים געקרוינט מיטן צונאָמען דער שוואַרצער וואָלף; דער צווייטער איז געווען אַ רויטלעכער און ער האָט ביי אונדז געהייסן דער רויטער וואָלף. ביידע וועלף זיינען געווען אַקטיווע מיטגלידער פֿון דער לאָקאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער גרופּע, אָבער זיי האָבן דאָרטן געהאַט די רענאָמע פֿון צוויי אַרצי־יונגאַטשעס פֿון דער פּאַרטיי, וואָס זיינען תמיד מיט דער פּאַרטיי אויף קידער־ווידער. וועד־ליק דעם ווי זיי האָבן זיך באַנומען אין דער לאָקאַלער גרופּע, וואָלט מען גע־קענט זאָגן, אַז זיי קומען פּראָסט און פּשוט פֿונעם לאַגער פֿון די יונגע. די פֿי־רונג פֿון דער גרופּע וואָלט גאַנץ באַשטימט ניט געווען שטאַרק אומצופֿרידן אויב די צוויי וועלף זאָלן זיך געווען אָפּטראָגן איבייגעם מיט די עלף אָפּגעשפּאָלטענע. אָבער ביידע וועלף האָבן ניט געמאַכט קיין סוד דערפֿון, אַז זיי האָבן ניט דעם מינדסטן חשק צו מאַכן דאָס לעבן אַזוי גרינג דעם הער יעסט און זיינע בוזעם־פֿריינד. אויב זיי ווילן פֿון אונדז פּטור ווערן, האָבן די וועלף געזאָגט, האָבן זיי די ברירה אונדז אויסצושליסן פֿון דער פּאַרטיי. דאָס האָט ניט פּאַסירט דערפֿאַר, וואָרום די פֿירונג פֿון דער גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן אַרומזען, אַז זי דאַרף זיין אַ ביסל געוואָרנטער ניט איבערצוצי:ען דאָס שטריקל. האָט מען זיך געמאַכט האַרץ און מע איז אָפּגעקומען קלוימערשט מיט אַ שמייכל די אָפּטע „שטוקעס" פֿון די וועלף. לאַנג האָט דאָס אָבער ניט אָנגעהאַלטן. מע האָט די צוויי „יונגאַטשעס" פֿאָרט אויסגעשלאָסן, און די צוויי וועלף זיינען גע־וואָרן פֿון די טיכטיקסטע גענאָסן אין אונדזער קרייז.

דער שוואַרצער וואָלף איז פון פאַך געווען אַ שוסטער. ער האָט דעמאָלט געקענט אַלט זיין אַ יאָר פערציק; אַ פּלייסיקער לייענער זיין לעבן־לאַנג, האָט ער אויך געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ און האָט פאַרמאָגט די פעאיקייט אַרויסצו־ברענגען זייע געדאַנקען קלאָר און שאַרף; זיין בולטסטער כאַראַקטער־שטריך איז געווען אַ פאַרשאַרפטע געפיל פאַר גערעכטיקייט; זיין שטעלונג צו באַהאַנדל־טע פראַגן האָט ער תמיד אַרויסגעזאָגט דראַסטיש, אָן די מינדסטע וואַקלעניש. יעדע פאָרעם פון פּאָליטיקערייי איז דעם שוואַרצן וואָלף געווען פרעמד און פריקרע. אַן אמתער מענטש, אַן אָפענער איין־און־דרייסיק, איז ער זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג אומדערשראָקן און, ווי ס'איז געוויינטלעך דער פאַל ביי אַזעלכע נאַטורן, האָט ער צו זיינע פריינד און געגנאָסן געשטעלט די זעלבי־קע פאָדערונגען, וואָס ער האָט געשטעלט צו זיך אַליין. אין די צייטן פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ האָט ער ניט איין מאָל דערוויזן, אַז ער האַנדלט תמיד אין איינקלאַנג מיט די מיינונגען, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט. אַזאַ מענטשן האָבן אַפילו זיינע קעגנער תמיד אַרויסגעוויזן אַ סך רעספּעקט. אַז דער שוואַרצער וואָלף זאָל האַלטן מיט די יונגע — דאָס האָט אַנדערש גאָרניט געקאָנט זיין. אין דער אמתן איז ער געווען אַ געבוירענער אַנאַרכיסט, און ער האָט עס טאַקע שפּעטער איינגעזען.

אַ געבוירענער רעבעל איז אויך געווען דער רויטער וואָלף. געשטאַמט האָט ער פון האַנאָווער. אין מאַינץ איז ער געווען באַשעפטיקט ווי אַ קאָרקען־שניי־דער און איז געווען צווישן די בעסט־באַצאָלטע אַרבעטער אין שטאָט. ער איז געווען יונגער פון זיין חבר מיט אַ יאָר דריי־פיר, אָבער אין אַלגעמיין איז דער רויטער וואָלף געווען ווי אַ מין קאָפּיע פונעם שוואַרצן. אויך ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט מיט אייגענע אָנשטרענגונגען זיך דערשלאָגן צו אַ גע־וויסער מדרגה פון וויסן און קענטעניש, ער איז אָבער ניט געווען קאַפּאַבל ווי יענער קלאָר צו פאָרמולירן זיינע געדאַנקען. דער רויטער וואָלף איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון הומאָר און האָט תמיד געקענט אַרויסהייבן די שוואַכערע זייטן פון זיינע אַרומיקע. פלאַכע פאַרשוינען האָבן עס דערפאַר געהאַלטן פאַר געזינטער אים צו גיין אויסן וועג. מיט זיינע שפּאַט־פיילן האָט דער רויטער וואָלף געצילט דער עיקר אין יענע טיפּן, וואָס האָבן רק געזוכט זיך אַרויסצוהייבן איבער זייערע קאַמעראַדן. אַזאַ איינער איז פאַר אים געווען יעסט. זינט ער איז געוואָרן רייכסטאַג־דעפּוטאַט, האָט ער ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט דאָס צו דערמאָנען זיינע אַרומיקע. ער פלעגט גאָר אַנדערש ניט אָנהייבן קיין רעדע ווי נאָר מיט עפּעס אַן עפּיזאָד פון זיינע אויפטועכצער אין רייכסטאַג און מיט די נעמען פון זיינע פּראָמינענטע פריינד, בעבעל און ליב־קנעכט.

דער רויטער וואָלף האָט מער ניט באַדאַרפט און ער פלעגט ניט איינמאָל אַרויס־ברענגען יעסטן פון די כלים. אויף איינער אַ פאַרזאַמלונג פון דער לאָקאַלער גרופּע האָט דער פאָרזיצער פונעם אָוונט, יעסט, געמאַכט עפּעס אַ פאָרשלאָג,

וואָס דער רויטער וואָלף און אַנדערע האָבן שטאַרק אָפּגעפּרעגט. פּאַר אַ נאָווי־נע האָט יעסט זיך פאַררופן אויף אַן ענלעכער סיטואַציע אין רייכסטאַג. ער קאָנטיק געוואָלט דערמיט קלאָר מאַכן, אַז אין אַזעלכע זאַכן איז ער אַ ביסל מער באַהאַוונט ווי זיינע צוהערער אין זאַל. גלייך דערויף איז יעסט אויף אַ ווייל אַרויס פון צימער. צו אַלעמענס דערשטוינונג האָט דער רויטער וואָלף זיך אַוועקגעזעצט אויף יעסטס פּלאַץ און דערביי געשניטן אַ צורה גלייך עס וואָלטן אים אָנגעכאַפּט שווערע בויך־ווייטאָגן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און יעסט איז צוריק אַריינגעקומען. דערזעען דעם רויטן וואָלף אויף זיין זיץ, האָט ער אים צוגעוואָרפן אַ שטרענגן פרעגנדיקן בליק: — וואָס באַטייט דאָס? וואָלף איז אויפגעשפּרונגען און מיט אַן אומשולדיקן שמייכל אַ זאָג געטאָן: „האָב ניט קיין פּאַראיבל, ליבער פראַנץ, אין אייער בערלינער נאַציאָנאַל־מענאַזשעריע קומט דאָך אַלעמען דאָס אויפלייכטן אין קאָפּ פון אַרום הינטן, נו האָב איך זיך אַוועק־געזעצט אויף דיין שטול, וואָס איז נאָך ניט געווען אָפּגעקילט, אין דער האָפע־נונג, אַז איך וועל אפשר געהאָלפן ווערן. צום באַדויערן האָט זיך עס ניט גע־רירט פונעם אָרט...״

יעסט איז רויט געוואָרן ווי אַ געקאָכטער לאַנגוסט און אויב אַ בליק וואָלט געקענט עמעצן אַוועקהרגענען, אַזוי וואָלטן מיר אויפן צווייטן טאָג געדאַרפט גיין נאָך וואָלפס לוויה. דער רייכסטאַג־דעפּוטאַט האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, ער האָט זיך אַפילו געמאַכט ניט הערנדיק ווי אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער. ער האָט אויף גיך געכאַפּט דאָס גלעקל און גענומען ווייטער פירן די פאַרזאַמלונג.

אָבער אָט דער צעבאַלעוועטער חוזק־מאַכער, וואָס אַ סך האָבן ממש גע־ציטערט פאַר זיין שפּאָט, איז אין גרונט גענומען געווען אַ פּרעכטיקער מענטש און האָט געקענט זיין ביז גאָר ערנסט. ער איז אויך ניט געווען סתם אַ וואָר־טשער, וואָס זוכט צו מאַכן אַלץ צו קליינגעלט. דער רויטער וואָלף איז געווען אַ גוטער קאַמעראַד, גרייט צו יעדער צייט איינצושטעלן אַלץ פאַר זיין אידעאַל. אַ היפּשן טייל פון זיין וואָכנטלעכן פאַרדינסט פלעגט ער אָפּגעבן דער פּאַרטיי.

די געשעענישן זיינען דערווייל זיך געגאַנגען מיט זייער גאַנג. די פּאַרטיי־פירונג האָט זיך מיאוס גענאַרט אויב זי האָט זיך געמאַכט די אילוזיע, אַז אויפן קאָנגרעס אין האַלע האָט זי איין מאָל פאַר אַלע מאָל געמאַכט אַ סוף צו די יונגע. די ווירקלעכקייט אַליין האָט שוין ווי געזאָרגט דערפאַר, אַז די אָפּאָזיציע זאָל אַלץ צוקריגן נייע נערונג. דער קאַמף צווישן די אַלטע און יונגע האָט גע־פונען אַן אָפּקלאַנג אַפילו אין דער אויסלענדישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. קיין איבעריקן נחת האָבן די אַלטע פּאַרטיי־פירער דערפון ניט געהאַט, כאָטש די מערסטע אויסלענדישע צייטונגען זיינען געווען אויף דער זייט פון די אַלטע. אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן מעטאָד האָט פּראַקטיצירט ווילהעלם ליבקנעכט. ער האָט באַזאָרגט די סאָציאַליסטישע פּרעסע אין פראַנקרייך און דענעמאַרק מיט אינ־פאָרמאַציע וועגן די יונגע, און אָט די אינפאָרמאַציע איז געווען אַזוי קונציק

צונויפגעשטעלט, אַז אַלע טונקעלע אַנצוהערענישן אויפן חשבון פון דער אָפּאָזי־ציע האָבן זיך לייכט געלייגט אויפן שכל. אָט די באַריכטן וועגן די יונגע פלעגן דערנאָך איבערדרוקן די סאָציאַליסטישע צייטונגען אין דייטשלאַנד ווי „שטי־מען פון אויסלאַנד וועגן דער אָפּאָזיציע". דעם נאַאיוון דייטשן לייענער האָט גאָרניט געקענט איינפאַלן, אַז אָט די „שטימען" קומען דירעקט פון דייטשע קוואַלן. די באַרימטע באַלשעוויסטישע טעכניק פון פּראָפּאַגאַנדע האָט זייער פרי געהאַט אין דייטשלאַנד אירע פאַרגייער.

און פאָרט האָבן אין אויסלאַנד ניט געפעלט קיין וויכטיקע סאָציאַליסטישע אַקטיוויסטן וואָס זיינען ניט געגאַנגען אויפן שטריקל אין זייער איינשטעל צו די יונגע, וואָס האָבן געפּרוווט זיך דערגרונטעווען צום אויטענטישן כאַראַקטער פון אָט דער ריכטונג אין סאָציאַליזם און דערנאָך אַפילו געגעבן זייער טייל־ווייזע צושטימונג צום פּראָגראַם פון דער אָפּאָזיציע. די פראַנצייזישע צייטונג „לאַ קעסטיאָן סאָציאַל" האָט אין אַ גרעסערן אַרטיקל פאַרגעוואָרפן דער דיי־טשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַז אין איר קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע, איז זי אַוועק אויף אַ וועג וואָס קען זי דערפירן צו אַ פולשטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון די סאָציאַליסטישע גרונט־פּרינציפּן.

אין דער שווייץ, אין ציריך, האָט דער זייער אַנגעזעענער סאָציאַליסטישער פירער אַדוואָקאַט לאַנג, גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע לטובת די יונגע. כאָטש ער אַליין, לאַנג, איז לויט אַלע זיינע קאָנצעפּציעס געשטאַנען גאָר נאָענט צו די אַזוי אַנגערופענע אַלטע. „אין פלוג האַלט איך זיך ביי די איינשטעלונגען פון די אַלטע", האָט ער געשריבן, „מיך ערגערט אָבער ביז גאָר דער טאָן פון זייער דיסקוסיע מיט די יונגע. מע וואָלט באַדאַרפט זיין צופרידן מיט האָבן אַן אָפּאָ־זיציע, ניט זידלען זיך מיט איר דאַרף מען, נאָר זי וועלן פאַרשטיין און פּרווון עפּעס לערנען פון איר".

דעם שטאַרקסטן איינדרוק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין איי־ראָפּע האָט אָבער געמאַכט דער פירער פון דער האָלענדישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, דאָמעלא ניוּוענהויז, איינער פון די סאַמע חשובסטע פּערזענלעכקייטן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט אָפן גענומען שטעלונג פאַר די יונגע און דערביי אַזוי אַריינגעזאָגט זיינע דייטשע פריינד, אַז זיי האָבן זיך גע־מוזט פילן פון זיינע רייד גאָרניט איבעריק האָנאָראָווע.

ניוּוענהויז איז בייגעווען אויף דעם קאָנגרעס אין האַלע ווי דער פאַרטרע־טער פון דער האָלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דער אופן ווי מע האָט דאָרט באַהאַנדלט די אָפּאָזיציע האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ שטאַרקן ווידערווילן. ער האָט זיך געפילט טיף געטראָפן אין זיינע באַגריפן פון גערעכטיקייט. קורץ נאָכן קאָנגרעס האָט ניוּוענהויז אויף אַ גרויסן מיטינג אין אַמסטערדאַם איבער־געגעבן זיינע איינדרוקן פון האַלע. אין דער בעלגישער צייטשריפט „לאַ סאָ־סיעטע נוּוועל" האָט ער אויך צו יענער צייט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אויף דער טעמע: „די פאַרשיידענע שטרעמונגען אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַ־

טיע״. ניוועןהויזס אַרויסטרעטונגען האָבן געשאַפן זייער אַנגעצויגענע באַציונ־גען צווישן אים און דער דייטשער פּאַרטיי־פירערשאַפט. דאָס אַרטיקל אין דער בעלגישער צייטשריפט האָט ניוועןהויז שפּעטער אַרויסגעגעבן אין אַ באַזונדע־רער בראָשור — אַ פּלאַמיקע פאַרטיידיקונג פון די יונגע, מאָטיווירט מיטן אַנ־ווייז, אַז אַזאַ סאָרט קאַמף קעגן אַן אינעווייניקסטער אָפּאָזיציע קען זיין נאָר אַ צייכן פון דעגענעראַציע, וואָס מוז ווערן פאַטאַל פאַר דעם סאָציאַליזם און דע־מאָקראַטיע צו גלייכער צייט.

אין יוני 1891 האָט וואָלמאַר געהאַלטן אין מינכען די ערשטע פון זיין סעריע רעדעס, וואָס זיינען שפּעטער באַרימט געוואָרן ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. וואָלמאַר האָט גרינטלעך אַנאַליזירט די פּאָליטישע לאַגע אין דייטש־לאַנד נאָכדעם ווי עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די אויסנעם־געזעצן, און ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַן ענגערער קאָאַליציע מיט געוויסע בירגערלעכע שיכטן. אין פראַגן פון דיפּלאָמאַטיע האָט וואָלמאַר געהאַלטן, אַז די דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע דאַרף שטיצן דעם דרייבונד דייטשלאַנד, עסטרייך, אי־טאַליע. וואָלמאַרס רעטאָריק איז געווען דער אָנהייב פון דער ריכטונג אין דייטשלאַנד, וואָס מע האָט שפּעטער באַצייכנט ווי דער רעוויזיאָניזם.

וואָלמאַר און זיין מיטקעמפער ווילהעלם ווערנער האָבן צערודערט די מור־חות אויך פון אַ סך קאַטעגאָרישע קעגנער פון די יונגע. עס האָט זיך קלאָר געפילט אַן אָנזאָג אויף אַ נייער ווענדונג אין דער פּאַרטיי, אַ ווענדונג, וואָס איז אַ פולשטענדיקער ווידעראַנאַנד צו אַלע איינגעשטעלטע טראַדיציעס פון דער פּאַרטיי. ליבקנעכט, בעבעל און קאַוטסקי זיינען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן וואָלמאַרס ריכטונג. אַ סך סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן אַפילו אָפן צוגעגעבן, אַז אַט די ריכטונג איז אַ גרעסערע סכנה פאַר דער פּאַרטיי ווי ס׳איז די ריכטונג פון די יונגע. אַ קורצע צייט שפּעטער, אויף דער פּאַרטיי־קאָנפערענץ אין ער־פורט, האָט ליבקנעכט אָפּגעגעבן אַט די דערקלערונג:

„דאָס וואָס די יונגע האָבן געזאָגט וועגן דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, דאָס קען זאָגן איעדערער און דערביי ניט פאַרלייקענען אונדזערע גרונט־פּרינ־ציפּן. זיי (די יונגע) פאַרלאַנגען ניט, ווי וואָלמאַר, מיר זאָלן דורכפירן מעטאָ־דישע ענדערונגען. אָבער וואָלמאַר און זיינע פריינד ווילן, אַז איצט, ווען עס עקסיסטירן ניט מער די אויסנעם־געזעצן, זאָלן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונדזער אַלטן קאַמף און אָננעמען אַ נייע טאַקטיק; זיי ווילן מיר זאָלן ביי אַ געוויסן גראַד ווערן אַ רעגירונגס־פּאַרטיי. אַז מיר האַלטן אין אויג וואָס פאַר אַ סאָרט האָפע־נונגען דאָס מוז אַרויסרופן ביי אונדזערע קעגנער און וואָס אַ געדריקטע שטי־מונג דאָס מוז שאַפן ביי אונדזערע פריינד, אַזוי מוזן מיר איינזען די נייטיקייט צו זאָגן קלאָר און אָפן, אַז די פּאַרטיי וויל ניט האָבן מיט אַלץ דעם קיין שום שותפות, אַז די פּאַרטיי וויל בלייבן דאָ וואָס זי איז...״

אַפילו אַזאַ פאַרביסענער קעגנער פון דער אָפּאָזיציע ווי ריכאַרד פישער,

וואָס האָט די גאַנצע צייט אָנגענומען פאַר גוט געלט יעדן פאַרדאַכט אויף די יונגע, אַפילו ער האָט דערקלערט אין ערפורט:

„אויב מיר זאָלן אָננעמען וואָלמאַרס שטאַנדפּונקט, וואָלטן מיר געמוזט אויפן אָרט אויסמעקן פון אונדזער פּראָגראַם די ווערטער „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי" און אַוועקשטעלן דעם זאַץ: „פּראָגראַם פון דער דייטשער אַרבעטער־פּאַרטיי". טשיקאַווע: אָט די פּאַרגליווערטע מאַרקסיסטן, וואָס זייער שטעלונג צו וואָלמאַרן איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער שטעלונג פון דער אָפּאָזיציע, האָבן אָבער ניט געהאַט קיין איין גוט וואָרט פאַר די יונגע. אָבער מיט וואָלמאַרן זיינען זיי אומגעגאַנגען מיט זיידענע הענטשקעס, מחמת וואָלמאַר איז געווען אַ וויכטיקע פיגור אין דער פּאַרטיי מיט אַ סך נאָכפאָלגער. מיט אים האָט מען געמוזט זיין אָפּגעהיטן, אָבער מיט דער אָפּאָזיציע האָט מען פאַרשפּאָרט זיך צערעמאָניען; מע האָט ניט באַדאַרפט זיין מיט זיי איבעריק געוואָרנט. שוין אין יענער צייט האָט די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געגלאַנצט מיט איר פּיי־נעם שטריך צו זיין וואָס מער אומטאָלעראַנט דאָרטן ווו זי האָט זיך געפילט גענוג שטאַרק.

צו וואָלמאַרס לויב מוז מען צוגעבן, אַז גראָד ער, וואָס די אָפּאָזיציע האָט אים אַטאַקירט צום שטאַרקסטן, האָט ניט מאַניפעסטירט קיין שום פּערזענלעכע פאַרביטערטקייט לגבי די אָפּאָזיציאָנערן. ער האָט מיט עקשנות זיך איינגע־שטעלט פאַר זיין שטאַנדפּונקט, אָבער שטעטס זאַכלעך, אָן אַ פאַראויסגענומע־נעם אָפּשאַץ. אָן איינגעבוירן געפיל פון אייגענער ווערדע און אָרנטלעכקייט, האָבן אין אים פאַררוקט דעם פּאַרטיי־טוער, ווען מע האָט געדאַרפט רעספּעק־טירן אַ צווייטנס איבערצייגונג. אין דעם פּרט איז וואָלמאַר געווען אַן אַריסטאָ־קראַט אין בעסטן טייטש פון אָט דעם וואָרט.

אין דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט זיך געקאָכט מיט וואָלמאַרן. אומעטום זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן מאַסן־פאַרזאַמלונגען קעגן זיינע נייע איינשטעלונגען. אויב מע זאָל ווערלן אָפּשאַצן דעם דעמאָלטיקן אַלגע־מיינעם צושטאַנד פון סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויפן גרונט פון די אַנטי־וואָלמאַר מאַניפעסטאַציעס, וואָלט מען אָבער געמוזט קומען צום אויספיר, אַז שטאַרק שרעקן זיך פאַר וואָלמאַרן האָט די פּאַרטיי־פירערשאַפט ניט געדאַרפט. די גרויסע מערהייט פון דער פּאַרטיי־פּרעסע און כמעט אַלע באַקאַנטע פּאַרטיי־פירער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן וואָלמאַרס פּראָפּאָזיציעס. ניט געקוקט דע־רויף איז די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אַ צייט אַרום פולשטענדיק אַרונ־טערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון וואָלמאַרס שטרעבונגען. די טיפערע סיבות, וואָס האָבן געמוזט דערפירן צו אָט דער ווענדונג, זיינען פאַר מיר, ווי פאַר אַ סך אַנדערע, קלאָר געוואָרן ערשט אַ סך שפּעטער־צו.

די טיפערע סיבות פונעם גרויסן דורכפאַל

די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד איז אָן ספק געווען דורכגעדרונגען מיט אויטאָריטאַטיווע אייגנשאַפטן שוין אין איר סאַמע אָנהייב. די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג פון אָט דער באַוועגונג האָט נאָר נאָך מער פאַרפעסטיקט אירע אויטאָריטאַרע סטאַנדאַרדן. דער איינפלוס פון העגעלס פילאָסאָפיע אויף כמעט אַלע גרונטלייגער פונעם דייטשן סאָציאַליזם, זייער סאָציאַלער פּאַטאַליזם, זייער באַנעמען אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע דערשיינונגען ווי אַ במילאדיקן רעזולטאַט פון אַן אומפאַרמיידלעכער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, — דאָס אַלץ האָט ניט ווינציק בייגעטראָגן דערצו, אַז דער דייטשער סאָציאַליזם זאָל אַוועק מיט אַזאַ וועג ווי וואָלמאַר האָט עס פאָראויסגעזען מיט זיין שאַרפן בליק.

אָבער חוץ די אַלע פאַקטאָרן איז אַזאַ עוואָלוציע אויך געווען דער רעזולטאַט פון ספּעציפישע סאָציאַלע צושטאַנדן אין דייטשלאַנד. אין אָט דעם לאַנד האָט קיינמאָל ניט עקסיסטירט קיין שטאַרקע ליבעראַלע באַוועגונג, וואָס זאָל האָבן אויפגעקומען אין קאַמף מיטן אַבסאָלוטיזם ווי ס׳איז, למשל, געווען דער פאַל אין ענגלאַנד; אין דייטשלאַנד איז אויך ניט געווען בנימצא קיין בירגערלעכע דעמאָקראַטיע, מיט רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס ווי אין פראַנקרייך. דייטשע ליבעראַלן און דייטשע דעמאָקראַטן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בונטפאַרביק געמישט געזינדל, וואָס האָט תמיד און שטענדיק זיך געלאָזט פירן פון אַבסאָלוטיסטיש געשטימטע פּאָליטיקאַנטן; דייטשע ליבעראַלן און דעמאָקראַטן האָבן תמיד זיך געהאַלטן שרעקעוודיק אין אַ זייט פון יעטוועדער ערנסטער פּאָליטישער באַשטימונג. אָפּגעזען פון טייל לויבנסווערטע אויסנעמען, האָט דער דייטשער בירגער־שטאַנד ניט געהאַט פּאָליטיש קיין אייגענעם פּרצוף־פּנים. די גאַנצע אומגליקלעכע אַנטוויקלונג פון דער דייטשער געשיכטע האָט צום גרויסן טייל מיטבאַשטימט אָט די האָפענונגסלאָזע שוואַכקייטן פון דער דייטשער בירגערשאַפט, וואָס דער גייסט פון אונטערטעניקייט איז ביי איר געוואָרן אַ צווייטע נאַטור. אָט די גורלדיקע פאַקטן קען ניט פאַרזען קיין שום אָביעקטיווער פאָרשער פון דער פּאָליטישער און סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד.

אין קיין שום אַנדער לאַנד האָט מען ניט געקענט אָנטרעפן אַזאַ פּאָליטיש געפאַלן באַשעפעניש ווי ס׳איז געווען דער דייטשער נאַציאָנאַל־ליבעראַליזם; זיינע אַנהענגער זיינען שטענדיק געווען דינסטגרייט, גרייט צו קריכן אויף אַלע פיר פאַר דעם פּרייסישן יונקערטום. אָבער אויך די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי מיט אירע פאַרשיידענע אָפּגעשפּאָלטענע גרופּקעס, האָט ניט געשטעלט קיין ערנסטן ווידערשטאַנד דער מיליטאַריסטישער און פּאָליטישער רעאַקציע אין דייטש־לאַנד. די דייטשע פּראָגרעסיווע זיינען קיינמאָל ניט געווען אינדערהיים, אַז סע האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט צו ווייזן די ציין די פּרייסישע מאַכטהאָבער.

אַזוי אַרום האָט עס געקענט פּאַסירן, אַז נאָכדעם ווי ס׳איז אָפּגעשאַפט גע־וואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, זאָל די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ביס־לעכוויז ווערן דער זאַמל־פּלאַץ פאַר די בירגערלעכע עלעמענטן, וואָס דער סאָ־ציאַליזם איז זיי ווינציק־וואָס אָנגעגאַנגען, אָבער די אַלטע פּאַרטייען האָבן זיי מער ניט צופרידנגעשטעלט; פאַר אַנדערע איז די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געווען אַ פּאַרלאָקנדיקע אַרענע אויסצושפּילן זייערע פּערזענלעכע אַמביציעס. וואָס מער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געוואַקסן אין דער ברייט, אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן אירע שאַנסן צו געווינען ביי וואַלן, און וואָס גרעסער עס זיינען געוואָרן די זיגן ביי וואַלן, אַלץ וויכטיקער איז געוואָרן דער איינפלוס פון די ניט־צוגעקומענע שיכטן; זיי זיינען ביסלעכוויז אַריינגעדרונגען אין די עיקר־דיקע טיילן פון דער פּאַרטיי־אַרבעט. אַדאַנק זייער מיטגעבראַכטן בילדונגס־באַגאַזש, זיינען די צוגעקומענע בירגערלעכע שיכטן געווען בעסער צוגעגרייט צו זיין פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן, ווי עס זיינען געווען די מערסטע אַרבעטער; די ניי־געקומענע האָבן אויך באַזונדערס אימפּאָנירט די פונקציאָנאַרן פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פּאַראיינען. ס׳איז גאָר גיך ניט פּאַרבליבן קיין איין געביט פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט, וואָס אויף אים זאָלן די בירגערלעכע עלעמענטן ניט האָבן געלייגט זייער שטעמפּל.

דער אויפשטייג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג איז אַוועק מיט אַ ראַשן טעמפּאָ. די פּאַרטיי איז אַלץ מער און מער געוואָרן אַ סאָרט מלוכה אין אַ מלוכה און האָט זיך אַלץ מער און מער געניייטיקט אין מענטשן, וואָס זאָלן זיין קאַפּאַבל צו ווערן עווענטועל רייכסטאַג־דעפּוטאַטן אָדער רעפּרעזענטאַנטן אין די לעגיסלאַטורן פון די זעקס־און־צוואַנציק „בונדעס־שטאַטן״, אין די מו־ניציפּאַלע פּאַרוואַלטונגען און אַפילו אין די קירכלעכע ראַטן. די פּאַרטיי האָט זיך אויך געניייטיקט אין געניטע מיטאַרבעטער פאַר איר פּאַרצווייגטער טעגלע־כער פּרעסע, וואָס האָט לויט איר פאַרנעם ניט געהאַט איר גלייכן אין קיין שום אַנדערן לאַנד. נייע פּאָסטנס זיינען אויך צוגעקומען אויף אַלע געביטן פון דער טאָג־טעגלעכער פּאָליטישער פּאַרטיי־אַרבעט.

און אָט אַזוי איז טריט ביי טריט אויפגעקומען אַ ביוראָקראַטיע מיט אַלע אירע ספּעציפישקייטן, וואָס האָט געמוזט האָבן אַ פּאַראַליזירנדיקן איינפלוס אויף דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון דער באַוועגונג, ווי דאָס פּאַסירט תמיד

מיט יעדן שטאַב פון באַאַמטע. אַזאַ אַנטוויקלונג פון די אַזוי אָנגערופענע אַרבעטער־פּאַרטייען איז צוגעגאַנגען אויך אין אַנדערע לענדער אויף אַזאַ וועג. אָבער אין ערגעץ האָט מען ניט אַזוי שטאַרק געשפּירט דעם דרוק פון די מאַרקסיסטישע דאָגמעס ווי אין דייטשלאַנד. פון איין זייט האָט מען פּראַקטיצירט אַן אמתע פּאָליטישע טעאָלאָגיע, מיט פאַרגעשריבענע, ניט־אָפּפרעגעוודיקע געזעצן פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע, וואָס האָט געמוזט פאַרנעפּלען יעדן אויסבליק אויף אמת שעפערישער סאָציאַליסטישער טעטיקייט; פון דער אַנדערער זייט האָט דער פּאַרלאַמענטאַריזם געשטויסן די פּאַרטיי מיט אַ ריזיקן כוח אויף דעם וועג, וואָס וואָלמאַר האָט פאָראויסגעזען אַזוי לאַנג אין פאָראויס.

דער גאַנצער מיינונגס־שטרייט צווישן די אָרטאָדאָקסישע מאַרקסיסטן און די אַזוי אָנגערופענע רעוויזיאָניסטן האָט אויף קיין האָר ניט איבערגעאַנדערשט דעם נאַטירלעכן גאַנג פון דער אַנטוויקלונג. די גאַנצע דיסקוסיע האָט בלויז אַ פּלאַטאָנישן באַטייט און ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף דער פּאַקטישער שטעלונג פון דער פּאַרטיי. די אָרטאָדאָקסיע אין דער פּאַרטיי האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן אָן דעם זי זאָל זיך ניט פאַררופן אויף מאַרקסן און ענגעלסן, אָבער מיט זייער פּראַקטישער טעטיקייט האָט זיך דאָס אַלץ לחלוטין ניט אָנגעקערט.

די זעלביקע פאַרשוינען וואָס וועלן אייך ניט אָפּטרעטן קיין איין פונקט פון דער „עכטער לערע״, פאַרגעסן זייערע רעוואָלוציאָנערע פּרינציפּן מיט האַק און פּאַק, אַזוי באַלד ווי זיי האָבן צו טאָן מיט פּראַקטישער אַרבעט פון טאָג־טעגלעכער פּאָליטיק. אַנדערש האָט עס פּשוט ניט געקענט זיין, וואָרום די גאַנצע טעטיקייט פון דער פּאַרטיי איז געווען איינגעשטעלט אין אָט אַזאַ גייסט. אין אַן ענגערן קרייז פון די טינט־ און פעדער־לייט קענען טעאָריעס ווי סע ניט איז נאָך שפּילן אַ שטיקל ראָלע; זיי האָבן אָבער ניט דעם מינדסטן איינפלוס אויף דעם אייגנטלעכן גאַנג פון דער באַוועגונג. די ברייטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַסע האָט אַפילו ניט פאַרשטאַנען דעם פּאָליטישן זשאַרגאָן, וואָס מיט אים האָט מען זיך באַנוצט אין יענע קרייזן. נאָר דערמיט לאָזט זיך דערקלערן דער פּאַקט, וואָס דער רעוויזיאָניזם איז זיך אַלץ מער און מער צעוואַקסן אין דער ברייט, ניט געקוקט אויף אַלע באַשלוסן פונעם פּאַרטיי־קאָנגרעס.

דער נוצלאָזער קאַמף וואָלט איבעריקנס לאַנג ניט געקענט באַשעפטיקן די פּאַרטיי אויב די ווירקלעכקייט אַליין אין דייטשלאַנד וואָלט ניט געווען דער פּאַסיקסטער באָדן פאַרן רעוויזיאָניזם. אין רוב אייראָפּעאישע לענדער האָט מען שוין געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק וועגן אַ מיניסטער אַ סאָציאַליסט. אויפן סמך פון דער צאָל שטימען וואָס די פּאַרטיי האָט באַקומען ביי וואַלן. אין אַ האַלב־אימפּעריאַליסטיש לאַנד ווי דייטשלאַנד, ווו דער רייכסטאַג איז געווען ניט מער ווי אַ פייגנבלאַט פאַרן כמעט נאַקעטן דעספּאָטיזם און ווו דער קייזער האָט געהאַט דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען זיינע מיניסטאָרן, איז איבערהויפּט געווען שווער זיך פאָרצושטעלן אַ מיניסטער אַ סאָציאַליסט.

ס'איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף אָט דעם פּאַקט: די אָנהענגער פון דער

דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פאָלק האָבן זיך געציילט אין די מיליאָנען. די אָרגאַניזאַציע וואָס די פּאַרטיי האָט אויפגעבויט האָט ניט געהאַט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון קיין אַנדערער באַוועגונג, אָבער במשך איר גאַנצער עק־סיסטענץ האָט די פּאַרטיי זיך ניט געקענט באַשליסן צו פּרוּוון אַ סוף מאַכן צום שענדלעכן פּאָליטישן צושטאַנד אין לאַנד, אַפילו ניט אין דער ריכטונג פון אַ בירגערלעכער דעמאָקראַטיע. אַזאַ צושטאַנד האָט געהערשט אין דייטשלאַנד ביז צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

וואָלמאַרס קאַרדינאַלע אידייע איז געווען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי דאַרף אויף זיך נעמען די פונקציע, וואָס דער דייטשער ליבעראַליזם איז ניט געווען קאַפּאַבל אויסצופירן: אַרבעטן פאַר פּראַקטישע רעפאָרמען און אָפּ־לייגן, לפּחות אויף אַ צייט, די אַרבעט פאַרן ווייטן אידעאַל. ווי אַן עכטער דרום־דיקער דייטש האָט וואָלמאַר געפילט, שטאַרקער ווי דער רוב אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע פירער, דעם פּאַטאַלן איינפלוס פון די פּרייסישע יונקערס אויף דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד. כדי צו באַקעמפן אָט דעם איינפלוס איז ער געווען גרייט צו פאַררוקן אין הינטערגרונט די אייגנטלעכע סאָציאַליס־טישע צילן.

צי מע נעמט אָן וואָלמאַרס איינשטעל אָדער ניט, על כל פּנים מוז מען צו־געבן, אַז חוץ דער פראַגע פון סאָציאַליסטישער דערציִונג, האָט די דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע דעמאָלט געהאַט אויף דער האַנט אַפּולע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס אין אַנדערע לענדער האָט מען זיי זינט לאַנג שוין געהאַט רעאַליזירט. דער דייטשער סאָציאַליזם זאָל דעמאָלט געווען דורכפירן כאָטשבי אַ טייל פון אָט דער אַרבעט, וואָלט ער געווען געהאַט אויף זיין קאָנטע ווייט ניט קיין קליינע פאַרדינסטן. אָבער אַפילו פאַר אַזאַ מינימאַלער אַרבעט האָט דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע דעמאָלט אויסגעפעלט ווילן און כּוחות. אין זיין קאַמף מיט דעם פאַרמאַסקירטן דייטשן אַבסאָלוטיזם, איז דער דייטשער סאָ־ציאַליזם ניט אַוועק ווייטער פונעם נעבעכדיקן דייטשן ליבעראַליזם. דאָס איז איינע פון די טרויעריקסטע דערשיינונגען אין דער דייטשער געשיכטע.

אין דעם פּרט פאַלט אויס דער גרעסטער שאַנדפלעק אויף די קליינקעפּל־דיקע דאָקטרינערן. די צעשטערערישע אַרבעט פון די ווידערווערטיקע רעאַליס־טישע רעוויזיאָניסטן איז גאָרניט אַקעגן מאָראַלישן חורבן וואָס עס האָט געלאָזט נאָך זיך דער אַזוי אַנגערופענער מאַרקסיסטישער פליגל פון דער באַוועגונג. די פיינע קאָמפּאַניע האָט געפּטרט איר גאַנצע צייט מיט האָרשפּאַלטעריי, מיט קנייטשן דעם מוח ווי אַזוי אויסצוגעפינען די ריינע ליניע. מיט פּוסטע גאָרניט־זאָגנדיקע שלאָגווערטער האָבן זיי געוואָלט וועקן דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט דאָרטן, ווו עס האָט געהערשט שטאָק־פינצטערניש, אַפּאַטיע, אָפּגעשטאַנענקייט. און דאָס האָבן זיי געטאָן גראָד אין דייטשלאַנד — אַ לאַנד אָן דער מינדסטער שפּור פון רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע, ווו ס'איז געווען אַזוי נייטיק צו וועקן

אין די מאַסן דאָס געפיל פון אייגענער ווערדע און דעם באַוווסטזיין פון אייגע-נער קראַפט.

געוויס, עס זיינען אויך געווען אויסנעמען, אָבער זיי זיינען געווען אַזוי ווינציק, אַז מע האָט זיי כמעט ניט אָנגעזען. אונטערטעניקייט איז אין דייטש-לאַנד אַריין די מענטשן אין בלוט. די קאַזאַרמע-מושטירונג האָט דאָרטן אָפּגע-טעמפּט יעדער געפיל פון פּערזענלעכער אומאָפּהענגיקייט; די פּאַרקנעכטונג פון אָפּגעלאָפּענע יאָרהונדערטער האָט איבערגעלאָזט עקלדיקע רעשטן אין דער דייטשער שפּראַך ביז אויף היינט. אין אַזאַ לאַנד איז עס טאָפּלט נייטיק געווען אויפצוטרייסלען דאָס פֿאָלק אין זיינע טיפסטע טיפענישן און קולטיווירן אין די מאַסן גרייטקייט צו אַקציעס. אַזאַ טיראַנישע מאַכט ווי די פּרייסישע איז ניט מעגלעך געווען צו באַקעמפן בלויז מיט פאַרעוועו ווערטער. יאָהאַן יאַקאָבי, אַן אַלטער אויפריכטיקער דעמאָקראַט האָט זיך דעמאָלט דערוועגט צו זאָגן עס די סאָציאַליסטן גאַנץ אָפן. די פּאַרטיי האָט אים אָנגעבאָטן צו קאַנדידירן ווי אַ דעפּוטאַט אין רייכסטאַג. זיין אָפּזאָג האָט יאַקאָבי מאָטיווירט מיט אָט די ווער-טער: „דעם מיליטאַריזם קען מען ניט בייקומען מיט פּאַרלאַמענטאַרישע מיטלען".

די סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט אין בעלגיע און שוועדן האָט פּאַרט אַרויסגעוויזן דעם מוט צו מאַכן פון דעם מאַסן-שטרייק אַ מיטל פון פּאָליטישן פּאַרמעסט כדי אויסצוקעמפן אַלגעמיינע וואַל-רעכט. אָבער אין פּרייסן האָט די גרויסע מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער פירערשאַפט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אַזאַ סאָרט קאַמף, כאָטש דאָס פּרייסישע וואַל-געזעץ איז געווען אַ סך, אַ סך רעאַקציאָנערער ווי די אַלטע וואַל-געזעצן אין יענע לענדער. די דייטשע סאָ-ציאַליסטישע פירערשאַפט האָט געשטיצט מיט היפּשע געלט-מיטלען די בעל-גישע אַרבעטערשאַפט אין איר פּאָליטישן קאַמף; אָבער אין אייגענעם לאַנד האָט אָט די ברייטהאַרציקע פירערשאַפט ניט געוואַגט זיך צו לאָזן גיין מיט דעם זעלביקן וועג.

וועגן קלאַסנקאַמף און קלאַסן-באַוווסטזיין האָט מען אין דייטשלאַנד גע-רעדט מער ווי אין וועלכן ס'איז אַנדערן לאַנד, אָבער אַז סע האָט זיך געהאַנדלט אין אַן ערנסטן באַשלוס, איז עס אין ערגעץ ניט צוגעגאַנגען אַזוי שווער ווי דאָרטן. נאָך דעם ווי ס'איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן-געזעץ, זיינען אין דייטשלאַנד כמעט ניט פאָרגעקומען קיין אַרבעטער-קאַמפן. האָט אַמאָל פּאַ-סירט, און ביי די מאַסן האָט געפּלאַצט די געדולד, האָט אַ מיושבדיקע פירער-שאַפט שוין געזאָרגט דערפאַר צו באַרויקן די צעהיצטע געמיטער. וואָרום די סאָציאַליסטישע פיליסטערן האָבן גאָר שטאַרק געהאַלטן פונעם פּרינציפּ: רואי-קייט איז די ערשטע פליכט פונעם בירגער!

נאָר מיט אָט די אומשטאַנדן לאָזט זיך דערקלערן דאָס אויפקומען פון אַ היטלער אין אַ לאַנד, וואָס האָט געציילט פינף מיליאָן פּאָליטיש און געווערק-שאַפטלעך אָרגאַניזירטע אַרבעטער און ווי קורץ פאַר דעם זיג פון די נאַציס,

האָבן די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן געקראָגן צוועלף מיליאָן שטימען. צע־שטערן די מאַכט פון אָט דער פיל־מיליאָניקער מאַסע איז פאַר היטלערן געווען אַן אַרבעט ווי אַרויסצי̇ען אַ האָר פון דער מילך, און קיינער האָט קעגן אים מיט קיין פינגער ניט אַ ריר געטאָן. אַפילו אין איטאַליע האָט עס געדויערט פולע צוויי יאָר, ביז מוסאָליני האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעטער־באַ־וועגונג. אין עסטרייך האָט די אַרבעטערשאַפט זיך אַקעגנגעשטעלט דער דיק־טאַטור אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד; אויב אָט דער אויפשטאַנד האָט, צום באַ־דויערן, פאַרשפּעטיקט, האָט עס טאַקע פּאַסירט דערפאַר וואָס פון דייטשלאַנד האָט מען געווירקט מיט קלוגע עצות אָפּצוּוואַרטן מיטן אַקטיוון ווידערשטאַנד.

ביי דער געלעגנהייט מוז מען דערמאָנען דעם קאַמף פון דער אַרבעטער־שאַפט אין שפּאַניע, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן. דאָס איז געווען אַ קאַמף קעגן אַ גאַנצער וועלט. דאָס האָט דאָרטן געקענט פּאַסירן דערפאַר, וואָס די שפּאַנישע אַרבעטערשאַפט איז אין איר גרעסטער מערהייט קיינמאָל ניט גע־שטאַנען אויפן באָדן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. דאָרטן, אין שפּאַניע זיינען גע־ווען לעבעדיק די קאַמף־טראַדיציעס פונעם פרייהייטלעכן פליגל פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל. בלויז אין אַ לאַנד ווי דייטשלאַנד איז עס מעגלעך גע־ווען, אַז סינדיקאַלע פירער זאָלן רופן די אַרבעטער זיך צו באַטייליקן אין דער וויסטער קאָמעדיע פון היטלערס ערשטער מאַי־פייערונג אַ פּאָר חדשים נאָך זיין פאַרכאַפּן די מאַכט. היטלער האָט אָט די פירער טאַקע גאַנץ פיין באַלוינט; אויף מאָרגן נאָך דער מאַי־פייערונג האָט ער געלאָזט אַרעסטירן אַ גרעסערע צאָל געווערקשאַפט־פירער און קאָנפיסקירט פאַר זיך די ווייט ניט קליינע באַנק־דעפּאָזיטן פון די דייטשע געווערקשאַפטן.

אַזאַ דעגענעראַציע האָבן מיר ניט געקענט פאָראויסזען דעמאָלט, אין יע־נער ווייטער צייט, ווען ס'איז אָקערשט אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ. די דערשיינונגען האָבן מיר דעמאָלט געזען בלויז פון אויבנאויף; מיר האָבן ניט געהאַט די מינדסטע פאַרשטעלונג וועגן די אינעווייניקסטע שייכותן פון אונדזער גאַנצן אַרום. אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זיין. מיר זיינען גע־ווען פאַרפּלאָנטערט אין אַ שפּינוועבס פון טויטע באַגריפן, אַ גייסטיקע סיטו־אַציע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט אין דייטשלאַנד. דער אַרום איז פאַר אונדז געווען באַלויכטן מיט אַ באַ־זונדער ליכט. פאַר יעדן אַנדערן אויסבליק זיינען מיר פשוט געווען בלינד. אונ־דזער ניט־איינשטימיקייט מיט די עלטערע פירער איז פאַר אונדז ניט געווען קיין פראַגע פון פּרינציפּן. מיר האָבן געהאַט די זעלביקע איינשטעלונג וואָס זיי. אָבער גראָד דערפאַר טאַקע וואָס דער גאַנצער באַנעם פון סאָציאַליזם איז אונדז אַרייַן, אַזוי צו זאָגן, אין בלוט און אין פלייש, איז עס אונדז געגאַנגען אין לעבן ניט צו דערלאָזן, אַז די באַוועגונג זאָל זיך דערקייקלען צו אַ בירגערלעכן גע־דאַנקענגאַנג. אַז מע איז געווען אויסגעשטעלט אַזאַ סכנה — וועגן דעם האָט נאָך וואָלמאַרס אַרויסטריט קיין שום ספק ניט געקענט זיין.

וואַלמאַרס מאַניפעסטאַציעס האָבן אַלאַרמירט אויף די בערלינער יונגע. מע האָט געפילט אַז די באַוועגונג איז דערגאַנגען צו אַ שיידוועג און מע האָט זיך געגרייט פאַר אַן אַנטשיידענעם באַשלוס. די אַלטע זיינען אויך ניט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט קעגן דער אָפּאָזיציע זייערע בעסטע קרעפטן. דערביי האָבן זיי כמעט אָפן גערעדט וועגן זייערע פּלענער אַרויסצושטויסן די יונגע פון דער פּאַרטיי אויף דעם פּאַרשטייענדיקן קאָנגרעס אין ערפורט. דעם גאַנצן זומער פאַר דעם קאָנגרעס זיינען אין בערלין פאָרגעקומען פּאַרטיי־מיטינגען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שטורמישע צוזאַמענשטויסן צווישןביידע ריכטונגען. אויף איינעם פון אָט די מיטינגען איז אויגוסט בעבעל אַליין אַרויסגעטרעטן אין אַ מלחמה קעגן די יונגע. עס האָט זיך יענעם זומער ניט וויניק גערעשט אויך מיט דעם באַשלוס, וואָס סע האָט אָנגענומען די רייכסטאַג־פראַקציע, אַז די ערשטע מאַי־פייערונג זאָל אין דייטשלאַנד איבערגעטראָגן ווערן אויף דעם ערשטן זונטיק פונעם חודש מאַי, כדי „אויסצומיידן אַן אָפענעם קאַמף צווישן דער אַרבעטערשאַפט און די אַרבעט־געבער". די אָפּאָזיציע האָט פּראָטעסטירט אַז אַזעלכע באַשלוסן גייען ניט אַריין אין דער קאָמפּעטענץ פון דער רייכסטאַג־פראַקציע און אַז איבערטראָגן די ערשטע מאַי־פייערונג אויף אַן אַנדער טאָג, וועט זיין אַן אָפענער אָפּנייג פון אַלע פּרינציפּן אין שייכות מיט אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בעבעל האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז אויף דעם פּאַרשטייענדיקן פּאַרטיי־קאָנגרעס וועט מען מוזן דורכפירן אַ שאַרפע ליניע צווישן דער פּאַרטיי און דער אָפּאָזיציע. און אויב די אָפּאָזיציע וועט ניט קענען צושטימען צו דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי, וועלן „די אייביקע וואָרטשערס" באַקומען די געלעגנהייט צו גרינדן אַן אייגענע פּאַרטיי.

אַזוי האָט גערעדט אַ פירער פון אַ פּאַרטיי וואָס רופט זיך דעמאָקראַטישע. די אַלטע האָבן שטאַרק אַפּעלירט בעבעלס שאַרפע שטעלונג צו דער אָפּאָזיציע. די יונגע האָבן רעאַגירט אויף בעבעלס אַטאַקעס מיט אַ בראָשור, אַ מאַניפעסט „צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי־גענאָסן אין בערלין". אין דער פּאַרטיי האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק מיט דעם העפטל, וואָס איז שפּעטער, אין ערפורט, געווען אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים אויסשליסן די יונגע פון דער פּאַרטיי. איר מאַניפעסט האָט די אָפּאָזיציע אַדרעסירט אין ערשטער ליניע צו די גענאָסן, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם סאַמע קערן פון דער באַוועגונג. ווי אַ מאָטאָ צו דער בראָשור האָבן זיינע מחברים אַוועקגעשטעלט סען־סימאָנס ווערטער: „געדענק, מיין זון, צו טאָן גרויסע מעשים, מוז מען זיין ענטוזיאַסטיש!" די בראָשור איז געווען אַ שאַרפער אָנפאַל אויף דער דיקטאַטור פון די אַלטע, וואָס דערשטיקן אין דער פּאַרטיי יעדער שפּור פון דעמאָקראַטיע און דערפירן די באַוועגונג צו דער שטופע פון אַ קליינבירגערלעכער רעפאָרם־פּאַרטיי. די יונגע באַשטייען דאָרטן דערויף, אַז „דער פּרינציפּ פון אונטערוואַרפן זיך דער מערהייט אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי, איז

דורכאויס פאַלש. דיסציפּלין פאַר יעדן פּרייז, פּאַרט זיך ניט מיט די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע. די מערהייט אין אַ פּאָליטישער פּאַרטיי קען זייער אָפּט זיין ניט מער ווי אַ פּורער צופאַל, ספּעציעל אין געדאַכטן פאַל, זינט די לעצטע וואַלן, האָט די מערהייט זיך געשאַפן פון פאַרשיידענע אינטערעסן־גרופּעס. די באַשלוסן פון אָט דער מערהייט האָבן שטענדיק געהאַט הינטער זיך געוויסע איינזעענישן מיט אַנדערע פּאַרטייען און סאָציאַלע קלאַסן. זייער אָפּט האָבן אָט די רעזאָלוציעס גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט די פּרינציפּן פון דער אייגענער פּאַרטיי״.

די אָפּאָזיציע האָט ווייטער אין דער בראָשור באַקעמפט דעם שטאַנדפּונקט אַז אין די גרויסע שטעט מוז די פּאַרטיי צופּאַסן איר פּראָפּאַגאַנדע צו די אָפּ־געשטאַנענע טיילן אין רייך, כדי ניט אָפּצופרעמדן די מאַסן. אַזאַ איינשטעל איז פאַר די מחברים פון דער בראָשור, קעגן די עלעמענטאַרע געזעצן פון פּראָגרעס: „די גייסטיק אָפּגעשטאַנענע טיילן פונעם רייך״, לייענען מיר ווייטער אין דער בראָשור, „זיינען ניט דער עלעמענט וואָס באַשטימט דעם גורל פונעם לאַנד און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז די אויפגאַבע פון די אינדוס־טריעלע צענטערס, פון די מיטלפּונקטן פון אינטעלעקטועלער טעטיקייט. אָט דערפאַר דאַרף מען ניט לייגן קיין שטיינער אין וועג פאַר אָט די וויכטיקע פּונקטן, אַפילו מע זאָל מיט אַזאַ האַנדלונג ריזיקירן אַנצוווערן עטלעכע טויזנט שטימען אויפן לאַנד. ווייל פאַר אַלעמען דאַרף מען האַלטן אין אויג דעם גייס־טיקן עסענץ פון דער באַוועגונג און דעם רעוואָלוציאָנערן ווילן פון יענע, וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אין איר.

„די פירער ווילן אונדז איינרעדן, אַז מיט זייער נייער טאַקטיק באַצוועקן זיי צו געווינען פאַר דער פּאַרטיי די קליינבירגערלעכע מאַסן, כדי צו מאַכן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַ פאָלקסטימלעכע באַוועגונג מיט ברייטע פאָלקס־מאַסן. מיר גלייבן, אַז מיטן זאָג ׳ברייטע מאַסן׳ נאַרט מען נאָר זיך אַליין און אַנדערע.

„אין איצטיקן מאָמענט קענען די מאַסן פּונקט אַזוי לייכט אַוועק, אָפּפאַלן, ווי גרינג ס׳איז אַנגעקומען זיי צו געווינען. און חוץ דעם, יעדער איינער וואָס איז אַ מאַדים אין דער קונסט פון צופּאַסן זיך צו די פאַרהעלטענישן, קען גאָר לייכט האָבן מיט זיך די מאַסן, ווי עס באַווייזט עס צום בעסטן די אַנטיסעמי־טישע אַגיטאַציע *). די נייע טאַקטיק איז אין דעם פּרט אויך ניט מער ווי אַ קאָמפּראָמיס מיט דער מאַסע אויפן חשבון פון פּרינציפּן״.

די בראָשור, וואָס האָט דעם כאַראַקטער פון אַ מאַניפעסט, שטעלט זיך אָפּ אין די שאַרפסטע ווערטער אויף בעבעלס וואָרענונגען אויסצושליסן די אָפּאָזי־

---

*) צי קלינגט עס ניט ווי אַ בייזע נבואה אויף דעם אויפשוווּנג פון היטלערס נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער?

ציע פון דער פּאַרטיי. די מחברים פון דער בראָשור באַצייכענען אָט די וואָרע־נונגען ווי אַן אמתע קריגס־דערקלערונג, זיי באַטאָנען דערביי, אַז פּאַר איינ־וועגס באַקומט אויך די דעמאָקראַטיע פון בעבעלן מיט דער פויסט איבערן פּנים. „מיר קענען עס ניט באַגרייפן", שטייט דאָרט ווייטער, „אַז אַ מענטש זאָל אין איין אָוונט, נאָך בעסער, אין איין שעה מאַכן צונישט דאָס, וואָס ער אַליין האָט אויפגעבויט במשך פינף־און־צוואַנציק יאָר מיט אַזוי פיל מוט און ענער־גיע. די וואָס ווילן ניט נאָכגיין בלינד דער פירערשאַפט, זאָלן שאַפן פאַר זיך אַן אייגענע פּאַרטיי... צי איז עס ניט די רעגירונג אין אַן אַנדער פאָרמאַט? מיר זיינען היינט דאָס וואָס מיר זיינען געווען מיט צען, מיט פופצן יאָר צוריק און וועלן עס אויך פאַרבלייבן אויף ווייטער: איבערצייגטע סאָציאַליסטן און אמתע דעמאָקראַטן".

די לעצטע ווערטער אין דער בראָשור־מאַניפעסט לייענען זיך אַזוי: „מיר דערוואַרטן פון יענע פּאַרטיי-גענאָסן וואָס האָבן איינענעם מיט אונדז אַזוי מוטיק געקעמפט אין די באַדינגונגען פונעם סאָציאַליסטן־געזעץ, אַז זיי וועלן זיך אַרומזען באַצייטנס און איינענעם מיט אונדז וועלן זיי ניט דערלאָזן די פּאַרטיי זאָל פאַרזינקען אין אַ טיפן זומפּ. איינענעם וועלן מיר דעמאָלט פונסניי דערפילן אונדזער אַלטע באַגייסטערונג, וואָס וועט אונדז פאַרהעלפן בייצוקומען אַלע שוועריקייטן. זאָל לעבן די אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע!"

די בראָשור וואָס איז געווען די אַרבעט פון קאַרל ווילדבערגער און פּאָול קאמפמייער, האָט אויף אונדז, די יונגע, געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ס'איז ביי אונדז קיין שום ספק ניט געווען, אַז די פּאַרטיי שטייט ערב וויכטיקע באַ־שלוסן, אַז מע וועט ניט קענען לענגער אומגיין די אָפּאָזיציע בלויז מיט ווער־טער. טייל פון מיינע נאָענטע חברים האָבן אפילו נאָך געהאָפט, אַז צו קיין אויס־שלוס וועט עס פאָרט ניט קומען אין ערפורט. איך פּערזענלעך האָב מיר אין דעם פּרט קיין שום אילוזיעס ניט געמאַכט.

אַ נייער ווענדפּונקט אין לעבן

מיט איר אָפענער מאַניפעסטאַציע האָט די אָפּאָזיציע ווי פאַרברענט הינ־טער זיך אַלע בריקן. מיטן אויסנעם פון אַ פּאָר אָרנטלעכע פּאַרטיי־אויסגאַבעס, זיינען אַלע פּאַרטיי־צייטונגען געווען פלאַם־פייער אויף די יונגע און אין איין קול געפאָדערט מע זאָל זיי באַזייטיקן פון דער באַוועגונג. הונדערטער מיטינגען זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד און עס האָט געהאָגלט מיט רע־זאָלוציעס אויסצושליסן די שעדלעכע רו־פאַרשטערער פון דער פאַרטיי. ס׳איז זיך גאָרניט אויסצומאָלן אַזאַ פאַרדאָרבנקייט, וואָס מע זאָל ניט האָבן אָנגעהאָנ־גען דער אָפּאָזיציע, אין אַ העצע בריהש אָרקעסטרירט. זידלערייען און בילבו־לים האָבן זיך געגאָסן ווי אַ שטראָם און אַלע זיינען זיי זיך געווען ענלעך ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אַזוי אַז אַפילו אַ בלינדער האָט געקענט מערקן אַז דאָס גאַנצע קומט פון איין און דעם זעלביקן קוואַל.

ס׳איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פאַרטיי־פירער איבערן לאַנד גרייטן זיך פלייסיק אויסצופירן אין ערפורט די סטראַשונקעס, וואָס בעבעל האָט מיט זיי געפּרוווט טעראָריזירן די יונגע אין בערלין. די פירערשאַפט זאָל ניט געווען האָבן קיין באַשטימטע כוונות אין פאָראויס, וואָלט דער מאַניפעסט פון די יונגע פאַר זיך אַליין קיינמאָל ניט געווען אַרויסגערופן אַזאַ גערודער. אין דער „שרעק־לעכער״ בראָשור איז ניט געווען קיין איין פונקט, וואָס מע זאָל אים קענען אויס־טייטשן ווי אַן אָפּפרעג פון די גרונט־פרינציפּן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס זיינען דאָרטן אויך ניט געווען קיין שום פּערזענלעכע אויסזעצונגען. אַרום און אַרום האָט זיך עס געהאַנדלט אין דעם ביכל וועגן באַשטימטע טענדענצן אין דער באַוועגונג, און געוויסע פּערזאָנען זיינען דאָרטן דערמאָנט געוואָרן בלויז אין שייכות מיט אָט די טענדענצן און ניט מער. מיט יאָרן שפּעטער, אַז ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די קאָרעספּאָנדענץ וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געפירט מיט די קאָרפּן־קעפּ פון דער דייטשער פאַרטיי: בעבעל, ליב־קנעכט, בערנשטיין, קאַוטסקי, קוגעלמאַן און אַנדערע, האָט מען זיך דערוווסט, אַז זיי אַליין, אָט די פירער, זיינען פּונקט ווי מאַרקס און ענגעלס, געווען ערנסט באַזאָרגט וועגן דער קליינבירגערלעכער ריכטונג אין דער פאַרטיי. אַ צייט נאָך

פאַר דעם אויפקום פון די יונגע, האָבן מאַרקס און ענגעלס אָנגעוויזן דערויף אַז די דייטשע פּאַרטיי ווערט גייסטיק פאַרפלאַכט און זיי, מאַרקס און ענגעלס, זיינען אַפילו באַשטאַנען אויף דער נייטיקייט דורכצופירן אַ שפּאַלטונג, אַ זאַך, וואָס די אָפּאָזיציע האָט זיך דעמאָלט ניט דערוועגט צו ברענגען פאַרן מויל. אַוועקגעשטעלט אין ליכט פון אָט דער אינפאָרמאַציע, אַנטפּלעקט פאַר אונדז בעבעלס קאַמף מיט דער אָפּאָזיציע די גאַנצע אינעוויייניקסטע צעפוילטקייט פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע שוין אין יענער ווייטער צייט.

דער ווייטערדיקער גאַנג פון דער דייטשער פּאַרטיי האָט באַשטעטיקט אַלץ, וואָס די אָפּאָזיציע פון די יונגע האָט פאָראויסגעזען. מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט די פרייהייט (אין בערלין) איבערגעדרוקט דעם פאַרגעסענעם מאַניפעסט פון 1890. אָט די צייטונג איז געווען דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי *).

מיר, אין מאַינץ, זיינען פאַרשטייט זיך ניט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. דעם מאַניפעסט פון דער אָפּאָזיציע האָבן מיר פאַרשפּרייט אין שטאָט און אין דער אַרומיקער געגנט. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די באַציונגען צווישן לייענער־קלוב און דער פּאַרטיי. מיר האָבן אויך אָרגאַניזירט אַ צאָל עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען מיטן ציל ברייט באַקאַנט צו מאַכן די איינשטעלונגען פון די יונגע. מיר האָבן אויך ניט פאַרפעלט בייצוזיין אויף די עפנטלעכע מיטינגען פון דער פּאַרטיי און גענומען אָנטייל אין די דורכשמועסן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט פּאַסירן ניט זעלטן אַז אַ מיטינג זאָל זיך פאַרענדיקן גאַנץ שטורמיש. אין יענער צייט איז מיר אויסגעקומען אויפצוטרעטן עטלעכע מאָל אין דער שכנהשער שטאָט פראַנקפורט. די אָפּאָזיציע האָט דאָרטן געהאַט אַ גוטע גרופּע מיט אַ צאָל עלטערע גענאָסן. איינער פון זיי, דער אייביק רירעוודיקער פּאָול קליינהאַנס איז געווען אַקטיוו נאָך אין דער לאָקאַלישער באַוועגונג.

פראַנקפורט איז שוין אין 1884 געווען אַ צענטער פון אַ שטאַרקער אָפּאָזיציע קעגן דער רייכסטאַג־פראַקציע. שוין צו יענער צייט האָבן פראַנקפורטער גענאָסן אַרויסגעלאָזט אַן ענערגישן אויפרוף צו דער ברייטער עפנטלעכקייט אין אָט אַזעלכע טיראַדעס:

„אַ טייל פון אונדזערע דעפּוטאַטן נעמען זיך פאַר צו פאַרשלעפּן אונדזער רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין זומפּ פון פּאַרלאַמענטאַריזם. דער אָנהייב פון פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט איז אַ קלאַפּ פאַר אונדזערע רעוואָלוציאָנערע

*) אָט די פּאַרטיי איז אויפגעקומען ווי אַן אַנטי־קריגס־פּאַרטיי אין סאַמע ברען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1915. זי האָט זיך געשאַפן דורך אַ שפּאַלטונג פון די אַזוי אָנגערופענע מעדהייט־סאָציאַליסטן. דער איינפלוס פון די אומאָפּהענגיקע איז באַזונדערס געשטיגן אין ערשטן פּעריאָד נאָך יענער מלחמה. מיטן אויפשטייג פון דער דייטשער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן, איז די פּאַרטיי פון די אומאָפּהענגיקע ביסלעכווייז איינגעשרומפּן.

פרינציפן. אונדזערע פאַרטרעטער, ווי עס זעט אויס, לאָזן זיך אַריין אַלץ מער און מער אין דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען. די מערהייט פון דער רייכסטאַג־פראַקציע ווייזט אַרויס אַלע סימנים פון אַ גייסטיקער פאַרגליווערונג". און אַט די לעצטע ווערטער פון יענעם אויפרוף: „אויב די פירער ווילן אייך אַריינציִען אין זומפּ פון פּאַרלאַמענטאַריזם, טאָ באַווייזט זיי, אַז איר פון אייער זייט זענט אויף אַן אמת רעוואָלוציאָנערע סאָציאַל־דעמאָקראַטן".

ווערדליך זיין שאַרפן טאָן איז יענער אויפרוף ניט געווען קיין סך הינטערשטע־ליק פונעם שפּעטערדיקן מאַניפעסט פון די יונגע. דערצו דאַרף מען ניט פאַר־געסן אַז דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ איז דעמאָלט נאָך געווען אין קראַפט, אָבער דאָס אַלץ האָט ניט געשטערט, אַז דער געוואַגטער שריט פון די פראַנקפורטער זאָל ניט אַרויסרופן קיין אַלגעמיינעם אויפזען. דער דעפּוטאַט פון פראַנקפורט, פראָמע, האָט רעאַגירט אין „פראַנקפורט זשורנאַל" מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט. צו אָט דעם פּראָטעסט האָט גענומען שטעלונג בעבעל אַליין אין „סאָציאַל־דע־מאָקראַט". ער האָט אָנגעוויזן אַז הינטער דעם פראַנקפורטער אויפרוף שטייען קנאַפּע הונדערט גענאָסן, צווישן זיי אַ צאָל פּאַרטיי־ווערטראַנען, וואָס מע קען אין קיין שום פאַל ניט באַצייכענען ווי אַ קליקע. ער, בעבעל, איז אַפילו ניט איינשטימיק מיט דעם געדאַנקענגאַנג פונעם אויפרוף, ער גלייבט אָבער ניט אַז מע זאָל קענען אָפּפרעגן די ערלעכע כוונות פון די פראַנקפורטער גענאָסן. „איך וויל אָבער קאָנסטאַטירן", האָט בעבעל געשריבן, „אַז אָט די גענאָסן האָבן די בעסטע אַספּיראַציעס, אַן דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו שעדיקן דער פּאַרטיי".

פאַרוואָס־זשע האָט דער זעלביקער בעבעל אָנגענומען אַזאַ קריגערישע שטעלונג לגבי די יונגע מיט זעקס יאָר שפּעטער — דאָס בלייבט אַ רעטעניש. און אפשר — ניט. בעבעלס איבערקוליען זיך איז מעגלעך געווען דער רעזול־טאַט פון דער אינעווייניקסטער צעפּוילטקייט, וואָס האָט דעמאָלט שוין געטאָ־טשעט דער באַוועגונג. אַזעלכע איבערבייטן ווי בעבעלס, פּאַסירן ניט פון היינט אויף מאָרגן. זיי קומען אַרויס אויפן אייבערפלאַך ערשט דעמאָלט ווען דער אי־נעווייניקסטער צעפאַל דערגרייכט צו אַ מדרגה, וואָס אויסבאַהאַלטן אים לענ־גער איז שוין אַבסאָלוט ניט מעגלעך.

די מערהייט גענאָסן אין פראַנקפורט האָבן געהאַלטן מיט דער אָפּאָזיציע. ס'איז פאַר זיי אויך גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז אויף דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ערפורט וועט מען די יונגע אויסשליסן פון דער פּאַרטיי. האָבן זיי דערפאַר אָוועקגעלייגט אַן אַ זייט יעדער איינזעעניש. נאָך דער וויסטער העצע קעגן דער אָפּאָזיציע איבערן גאַנצן לאַנד, האָט מען באמת ניט געקענט דערוואַרטן קיין אַנדערע רעזולטאַטן. דער אַלטער קליינהאַנס האָט זיך אַפילו אַרויסגעזאָגט דער־פאַר, אַז מע זאָל גאָר ניט וואַרטן ערשט אויף די באַשלוסן אין ערפורט און מע זאָל באַצייטנס אָנהייבן שאַפן אַ נייע באַוועגונג. די מערהייט קאַמעראַדן אין פראַנקפורט האָבן אָבער געהאַלטן, אַז סע וועט פאַרט זיין ריכטיקער אָפּצוואַרטן ביז די פּאַרטיי וועט אַרויסקומען אין ערפורט מיט קלאָרע דיבורים.

אויך איך האָב אַזוי געהאַלטן. ניט דערפאַר וואָס איך זאָל נאָך האָבן געהאַט וועלכע ניט איז אילוזיעס, נאָר מחמת ריין טאַקטישע מאָטיוון. מיר האָבן גאָר־ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן דערפון וואָס די קעגנער פון דער אָפּאָזיציע וועלן אַן איבעריק מאָל אַרויסווייזן עפנטלעך זייער גאַנצע אומטאָלעראַנץ. יענע גע־נאָסן וואָס זיינען נאָך געבליבן גלייכגילטיק צום גאַנצן ענין פּאַרטיי און אָפּאָזי־ציע וועלן אַזוי אַרום פאַרט מוזן איינזען, אַז די שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי איז ניט די אַרבעט פון די יונגע, נאָר דער רעזולטאַט דערפון וואָס די פאַרשטאַרטע פּאַרטיי־פירער האָבן מיט זייער באַנעמען זיך צוגעשפּאַרט די אָפּאָזיציע צו דער וואַנט.

אין מיין פּערזענלעך לעבן איז דערווייל־וואָס פאָרגעקומען אַ גרויסער אי־בערבייט. מייסטער קיטשמאַן האָט מיר געשענקט די לעצטע פּאָר חדשים פון מיין לערלינג־צייט. ווי די פאַרמאַליטעט האָט עס דעמאָלט געפאָדערט, האָב איך געמאַכט אַן עקזאַמען־אַרבעט פּאָר דריי צעך־מייסטערס, וואָס האָבן אַרויס־געטראָגן דעם פּסק אַז פון איצט אָן בין איך קאַפּאַבל צו פאַרדינען מיין ברויט ווי אַ ווערטיקער בוכבינדער־געזעלן. איך בין שוין אַלט געווען איבער זעכצן יאָר און בין געשטאַנען פאַר אַ גרויסן ווענדפּונקט אין מיין יונג לעבן. מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און זעלבוווערדע האָב איך געטראַכט וועגן דעם, אַז ענדלעך שטיי איך אויף אייגענע פיס און וועל מער ניט דאַרפן אָנקומען צו פרעמדער הילף. פון מייסטער קיטשמאַנס וואַרשטאַט בין איך אַרויס אַ טיכטיקער אַרבע־טער און איך האָב געוווּסט אַז מיט מיין פאַך וועל איך אינערגעץ ניט פאַרפאַלן ווערן. מיין גאַנצע לערלינג־צייט איז געווען איינער פון די שענסטע פעריאָדן אין מיין לעבן. אַפילו היינט נאָך, זע איך יענע צייט אין אַ העלער באַלייכטונג. די אַרבעט האָט מיר פאַרשאַפט פרייד. אַרבעטן איז פאַר מיר ניט געווען בלויז אַ מיטל צו פאַרדינען, נאָר אַ שעפערישע איבערלעבונג.

אין דער עפּאָכע פון מאַשינען און מאַסן־ פּראָדוקציע איז אַזאַ שפּירונג אויף יעדן פאַל אומבאַקאַנט, צום ווינציקסטן, ניט אין דער היינטיקער פאָרעם פון אַרבעט־צעטיילונג. אָבער דאָרט ווו די אַרבעט פאַרשאַפט ניט קיין פרייד, קען אויך ניט זיין קיין פליכט־געפיל צו דער אויסאַרבעטונג. מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו באַטראַכטן די אַרבעט בלויז ווי אַ ווירטשאַפטס־קראַפט און האָבן כמעט ווי פאַרגעסן איר גרויסן באַטייט ווי אַ פאַקטאָר אין דער פאָרמירונג פּער־נעם מענטשלעכן כאַראַקטער. די אַלטע סאָציאַליסטן האָבן עס גוט געוווּסט, אָבער פאַר די מאָדערנע מוז מען ערשט פונסניי אַנטדעקן שאַרל פוריערס גרויסע לע־רע וועגן דער אַטראַקטיווער אַרבעט. אין מייסטער קיטשמאַנס וואַרשטאַט איז די אַרבעט געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט און איך בין דאַנקפול דעם גורל פאַר דער אַרבעט־פרייד, וואָס איך האָב פון דאָרט אַרויסגעטראָגן. דאָס האָט אפשר געפירט דערצו איך זאָל שפּעטער אַזוי פאַרכאַפּט ווערן פונעם ענגלישן סאָציאַ־ליסט ווילהעלם מאָריס און פון זיינע אידייען. איז ער דאָך געווען איינער פון די ווינציקע וואָס האָבן קלאָר איינגעזען, אַז פסיכישע רעגונגען זיינען דער תוך

פון יעדער אַרבעט און אַז מע טאָר דאָס ניט פאַרזען אויב מע וויל ניט מאַכן צונישט די שענסטע מענטשלעכע סטימולן.

מיט אַן אויפגעהייטערט געמיט האָב איך זיך געלאָזט גיין צום לעצטן מאָל אין יתומים־הויז צו נעמען אַפּשייד פונעם פאַרוואַלטער. אַלע מיינע איבערלע־בונגען אין יענעם הויז זיינען מיר אויפגעקומען אויף די געדאַנקען. זעקס יאָר זיינען אַוועק זינט יענעם טאָג ווען די באָבע האָט מיך אַהין געבראַכט און דער העד פּאַטער האָט מיר פּירגעהאַלטן זיין פּעדאַגאָגישן פריידיק. קיין סך נחת האָט ער פון מיר ניט געשעפּט און איך פון אים נאָך ווינציקער. אָבער אַנדערש האָט עס טאַקע ניט געקענט זיין. נו, אים האָט די ערד זינט לאַנג שוין צוגע־דעקט. איך טראָג ניט אויף אים קיין פאַרדראָס. מיט זיינע געדאַנקען האָט ער אַנדערש ניט געקענט האַנדלען. צווישן די ווענט פון יתומים־הויז איז מיר אויס־געקומען איבערצולעבן אַ סך באַטריבטע שעהן, אָבער דער שטראָם פון דער צייט האָט דאָס אַלץ פאַרטראָגן און אין מיין געדעכעניש זיינען פאַרבליבן פון יענע טעג בלויז שאָטן־בילדער. נאָך אַלעמען איז דאָך אַלץ אויסגעפאַלן צום בעסטן. עס האָט זיך געקענט אויסלאָזן אַנדערש, אויב דער אַלטער פאַרוואַלטער זאָל ניט געווען אַוועקשטאַרבן. ווער קען עס וויסן? אַ מענטשנס לעבן הענגט אָפּ פון אַזוי פיל קליייניקייטן, אַז מע קען קיינמאָל ניט נאָכגיין די פאַרהוילענע וועגן פונעם גורל.

אין יתומים־הויז איז דער נייער פאַרוואַלטער מיר אַנטקעגן געקומען מיט אַ וואַרעמער באַגריסונג. דער בוכבינדער־צעך האָט אים שוין געהאַט צוגעשיקט מיין צייגעניש מיט דער באַשטעטיקונג אַז איך האָב מיין עקזאַמען־אַרבעט גע־מאַכט אויפן בעסטן אופן. זיין פאַרגייער וואָלט ביי אַזאַ געלעגנהייט זיכער אַריינגעזאָגט אין מיר אַ פּאָר באַלערנדיקע סענטענצן. דער נייער פאַרוואַלטער איז געווען אַ מענטש פון אַן אַנדערן שניט. ס׳איז אויך מעגלעך אַז ער האָט פּשוט געפילט אַז מיט מיר דאַרף ער עס ניט טאָן, ווייל מיינע איינשטעלונגען זיינען אים געווען גוט באַקאַנט. אָט דעם מענטשן האָב איך אַ סך צו פאַרדאַנ־קען. ער האָט אַנטשלאָסן אַ קערעווע געטאָן מיין יונג לעבן אין אַ מאָמענט ווען איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן יעטווועדע האָפענונג. פאַר אַלעמען אָבער האָט ער מיך געראַטעוועט פון אַ סכנה וואָס האָט געקענט ווערן פאַר מיר פאַטאַל. דערביי איז ער שטענדיק געווען צו מיר לייטזעליק און מיך באַהאַנדלט צו יעדער צייט מיט וואַרעמער פריינדלעכקייט.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט געשמועסט וועגן אַלץ מיטאַנאַנד. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיינע פּלענער אויף ווייטער און מיך געבעטן אים צו באַזוכן פון צייט צו צייט אויב איך וועל פאַרבלייבן אין שטאָט. דער גורל האָט מיך גאָר גיך פאַרוואָרפן אויף אַנדערע וועגן און איך האָב דעם פאַרוואַלטער מער קיינ־מאָל ניט געזען, אָבער איך בין אים שטענדיק פאַרבליבן דאַנקבאַר פאַר אַלץ וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן. ביים געזעגענען זיך האָט ער מיר האַרציק געדריקט די האַנט און מיר געווונטשן אַלדאָס גוטס. ער האָט מיר אויך אַרויסגעגעבן אַ

צעטל אויף אַן אויסשטאַטונג און אין דער גאַרדעראָבע האָט מען מיר אַרויסגע־געבן אַ נייעם אַנצוג, דריי העמדער, פיר פּאָר זאָקן, זעקס טאַשנטיכער, צוויי פּאָר שיך און פינף מאַרק וואַנדער־געלט. אַזאַ אויסשטאַטונג פלעגט איבעריקנס באַקומען יעדער וויכאַוואַניק וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס הויז אויף תמיד.

אָט אַזוי איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַ באַשטימטער פּעריאָד אין מיין לעבן, אַ פּעריאָד פול מיט שווערע איבערלעבונגען, אָבער אויך מיט אַ סך באַלערנדי־קער לעבנס־פּראַקטיק — אַ באַלוינונג פאַר אַלע מיינע אָפּקומענישן. כ'איז גע־ווען אַנהייב זומער. פאַר די קומענדיקע עטלעכע חדשים האָב איך געהאַט שוואַ־כע שאַנסן צו געפינען אַ פּאַסיקע שטעלע אין מיין פאַך. איך האָב דערפאַר באַ־שלאָסן אויסצוניצן די זומער־צייט מיט וואַנדערונגען און צוריקקומען אַנהייב הערבסט. אויף דעמאָלט האָב איך געקענט רעכענען מיט זיכערקייט אויף אַן אַר־בעט־פּלאַץ. אין מיין באַשלוס צו וואַנדערן האָט מיך גאָר באַזונדערס געלאָקט די פּערספּעקטיוו צו קענען זיין אין חודש אויגוסט אין דער בעלגישער הויפּט־שטאָט, אין בריסל אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאָנ־גרעס. איך האָב ממש געפיבערט ביים געדאַנק צו קענען זען פון דער נאָענט די פירער פון דער אויסלענדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָבן די מעגלעכקייט זיך צו שאַפן אַ בילד פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. איך האָב געהאָפט, אַז דאָרטן, אויפן קאָנגרעס וועל איך זיך באַרייכערן מיט אינפאָרמאַציעס, וואָס וועלן מיר צוניצקומען אין מיין שפּעטערדיקער טעטיקייט.

מיט אָט דעם פּלאַן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן שוין זינט אַ צייט און האָב איבערגערעדט מיין פריינד זשאַן מוידט צו זיין מיין קאָמפּאַניאָן. זשאַן איז גע־ווען אין מיין עלטער. מיר זיינען געווען שול־חברים און שפּעטער פאַרבליבן צוגעבונדן צואַנאַנד. איך האָב אים גאָר פרי באַקאַנט געמאַכט מיט די סאָציאַ־ליסטישע אידייען. זויסן־באַגעריק פון דער נאַטור און רעבעליש געשטימט, איז זשאַן געוואָרן איינער פון די טיכטיקסטע מיטגלידער פון אונדזער לייען־קלוב.

ביידע זיינען מיר געווען די אמתע פינטע־גבירים. וועגן פאָרן מיט דער באַן האָט ביי אונדז גאָרניט געקענט זיין קיין רייד. האָבן מיר באַשלאָסן צו שפּאַנען אויף די קאָראַטשקעס. דאָס איז זיכער געווען אַ שטיק אַוואַנטורע, אָבער אין אונדזער עלטער איז עס געווען פאַר אַלעמען אַ רייצנדיקע אונטערנעמונג. דאָס צוגרייטן זיך צו דער רייזע האָט ביי אונדז לאַנג ניט גענומען. צום געזע־גענען זיך האָט דער לייען־קלוב געמאַכט לכבוד אונדז אַ קערמעשל ווו מע האָט זיך גאָר ניט געלאַנגווייליקט. אָפּגערעדט האָט מען מיט אונדז, אַז מיר זאָלן אין אויסלאַנד אָנקניפּן פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן אונדז שפּעטער קענען באַהילפיק זיין אין אונדזער אַרבעט. יעדער איינער פון אונדז האָט דעמאָלט געפילט, אַז נאָך דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר אין ערפורט וועט אין דייטשלאַנד מוזן אויפקו־מען אַ נייע באַוועגונג און אַז מיר וועלן זיך נייטיקן אין פאַרבינדונגען מיטן אויסלאַנד.

אַז יענע רייזע וועט זיין דעצידירנדיק פאַר דער גאַנצער וויטערדיקער געשטאַלטונג פון מיין לעבן — וועגן דעם האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג. די געשעענישן אין דייטשלאַנד און באַזונדערס דאָס געיעג פון די אַלטע פירער אויף דער אָפּאָזיציע, האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ סך ספקות. מיר האָט אָבער געפעלט אַן אינעווייניקסטע קלאָרקייט. דאָס איז אויך געווען באַטירלעך. נאָך דעם ווי ס׳איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס סאָציאַליסטן־געזעץ, איז די אָפּאָזיצע אין דער פּאַרטיי געשטויסן געוואָרן אין אַ דעפענסיווער פּאָזי־ציע. זי, די אָפּאָזיציע, האָט דערפאַר נאָך ניט געקענט אַנטוויקלען אַ נייעם איינשטעל און איז נאָך ניט געווען אין שטאַנד אָנצוצייכענען די פונקטן פאַר אַ נייעם זין פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איך האָב זיך געפילט ווי איי־נער וואָס בלאָנדזשעט אויף אַ געשלענגלטן וועג. אָט האָב איך, דאַכט זיך, געפו־נען דעם אויסוועג, און מיטאַמאָל האָב איך זיך ווידער דערזען אויפן אַלטן וועג. איך האָב געזוכט דאָס פאַרהוילענע טירל, און האָב עס ניט געקענט געפינען. אָבער אַ שטים אין מיר אינעווייניק האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דער אויסוועג איז ערגעץ־ווו פאָרט פאַראַן.

פון די אַרויסגעבערס

דאָס דאָזיקע בוך איז די ערשטע טייל פֿונעם ערשטן באַנד פֿון ראָקערס זכרונות, וואָס באַהאַנדלט ראָקערס לעבן פֿון זיינע אָנהייבן ביז ער פֿאָרט אַריבער קיין ענגלאַנד.

דער צווייטער באַנד זכרונות, „אין שטורעם״, וואָס באַשרייבט ראָקערס לעבן אין ענגלאַנד, אין י. בירנבוימס איבערזעצונג, און דער דריטער באַנד, „רעוואָלוציע און רעגרעסיע״, וואָס באַהאַנדלט ראָקערס לעבן אין דייטשלאַנד און אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין חיים בראַקאַזשס איבערזעצונג, זיינען שוין דערשינען פֿריִער.

אין אונדזער פֿאַרלאַג איז אויך דערשינען אַ באַנד ראָקערס „עסייען״, וואָס איז אַ זאַמלונג פֿון אַרבעטן, וואָס דער מחבר האָט געשריבן אָריגינעל אין ייִדיש.

אויסגאַבן פון דער בוכגעמיינשאַפט ביי דער ייִדישער ראַציאָנאַליסטישער געזעלשאַפט

הומאַהואַקאַ 4318 בוענאָס־איירעס

כאָסע אַנטיטש — פראַנסיסקאָ פערערס פעדאַגאָגיע, 30 **זייטן.**
זשאַן גראַוו — בורזשואַזיע פריוהייטלעכע דערציִונג, 18 **זייטן.**
פ. אוראַלעס — די פרייע שול, 30 **זייטן.**
י. פ. עלסלאַנדער — אַ באַזוך אין אַ מאָדערנער שול, 43 **זייטן.**
סעבאַסטיאַן פאָר — ווערטער פון אַ דערציִער, 96 **זייטן.**
פראַנסיסקאָ פערער — די מאָדערנע שול, 200 **זייטן.**
רודאָלף ראָקער — די ראַציאָנאַליזאַציע פון דערווירטשאַפט און דער אַרבעטער־קלאַס, 168 **זייטן.**
לואידזשי פאַברי — עריקאָ מאַלאַטעסטאַ — זיין לעבן און זיינע סאָציאַלע אידעען, 48 **זייטן.**
א. מילער־לעניגג — שטאַט און מאַרקסיזם, 32 **זייטן.**
ע. מאַלאַטעסטאַ — אין קאַפעהויז, 120 **זייטן.**
א. י. זאַקוסקי — י. ל. פרץ, 64 **זייטן.**
רודאָלף ראָקער — נאַציאָנאַליזם און קולטור, 744 **זייטן.**
רודאָלף ראָקער — „אין שטורעם", 840 **זייטן.**
יונה גאָראָדיסקי — דוד עדעלשטאַט, 32 **זייטן.**
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 1טער באַנד, 460 **זייטן.**
אבא גאָרדין — זכרונות און חשבונות, 2טער באַנד, 464 **זייטן.**
א. אַלמי — אין גערעַנגל פון אידעען, 226 **זייטן.**
אבא גאָרדין — אין גערעַנגל פאַר פרייהייט, 576 **זייטן.**
אבא גאָרדין — דרייסיק יאָר אין ליטע און פוילן, 496 **זייטן.**
מאַרטין בובער — שטעגן און אוטאָפיע, 208 **זייטן.**
שמואל לעווין — צווישן צוויי תהומען, 440 **זייטן.**
שמואל לעווין — שוואַרצע בערג און בלויע טאָלן, 359 **זייטן.**
רודאָלף ראָקער — עסייען, 224 **זייטן.**
רודאָלף ראָקער — רעוואָלוציע און רעגרעסיע, 1טער באַנד, 344 **זייטן.**
רודאָלף ראָקעס — רעוואָלוציע און רעגרעסיע, 2טער באַנד, 368 **זייטן.**

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA
Copyright by:
Asociación Racionalista Argentina

Hecho el depósito que marca la Ley
INDUSTRIA ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de marzo de 1965 en los Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos. S. R. L., San Luis 3149, Bs. Aires, Rep. Argentina.

RUDOLF ROCKER

THE YOUTH OF A REBEL

★

"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1965

RUDOLF ROCKER

JUVENTUD DE UN REBELDE

Traducción del manuscrito alemán

de **B. CHUBINSKY**

★

Editado por:
"Bujguemeinschaft bai der Idischer Razionalistischer Gueselschaft"
BUENOS AIRES — 1965